STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00103

BRIV UN REDES FUN Y.L. PERETS

Isaac Leib Peretz

Permanent preservation of this book was made possible by
George Jacobson
in memory of
William & Mary Snyder, grandparents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

בריוו און רעדעס

פון י״ל פרץ

יקוף - ניו־יאָרק

דער לאה קעסמאַן ליטעראַטור־פאָנד
ביים איקוף
האָט בייגעשטייערט 500 דאָלער פאַר
דעם דאָזיקן בוך, צום אָנדענק פון
ל א ה ק ע ס מ אַ ן
געשטאָרבן דעם 27טן מערץ, 1941,
אין ניו־יאָרק.

בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ

צונויפגעקליבן און איבערגעזעצט
מיט אַריינפירן און דערקלערונגען

פון

נ ח מ ן מ י י ז י ל

שער־בלאַט געצייכנט פון

ברוך אַראָנסאָן

NACHMAN MEISEL

BRIV UN REDES FUN I. L. PERETZ

Printed in the U.S.A.

●

Copyright 1944 by N. Meisel, New York

●

געדרוקט אין 2,000 עקז.
YKUF — New York
209

י. ל. פרץ

אינהאַלט

פאָרוואָרט 7

בריוו פון י. ל. פּרץ

בריוו נומער		זייט
1	צום שווער ג. י. ליכטענפעלד	17
2—40	צו דער כלה העלענאַ רינגעלהיים און איר פאַמיליע	19
41	צו ניימאַנען	77
42—63	צו דער פרוי, העלענאַ פּרץ	78
64—71	צום זון, לוציאַן פּרץ	119
72—73	צו משה אַלטבערג	129
74—82	צו שלום־עליכם	131
83—84	צו יעקב דינעזאָן	156
85—86	צו דוד יוסף קאַפּלאַן	159
87	צו דוד פאַלק	161
88—91	צו יצחק גוידא (ב. גאָרין)	163
92—101	צו יעקב דינעזאָן	169
102—104	צו יעקב צוזמער	191
105—113	צו י. י. פּראָפּוס	195
114—115	צו יהואש	212
116	צו ב. גאָרין	213
117—118	צו די זילבערס	214
119	צו ה. ד. נאָמבערג	218
120	צו יעקב דינעזאָן	219
121	צו ראובן אשר ברוידעס	220
122—127	צו חיים נחמן ביאַליק	221
128—132	צו יעקב דינעזאָן	228
133	צום אַרויסגעבער פון „הזמן"	230
134	צו ב. גאָרין	232
135—139	צו דוד פּינסקי	233
140—141	צו יהואש	240
142	צו ד"ר גרשון לעווין	244
143—144	צו יעקב דינעזאָן	244
145—146	צו ד"ר גרשון לעווין	245
147—148	צו יעקב דינעזאָן	247
149	צו ד"ר גרשון לעווין	248

בריוו נומער		זייט
150	צו אברהם יצחק קאַמינסקי	248
151	צום אינטערנאַציאָנאַלן יידישן פאַרלאַג	250
163—152	צו יעקב דינעזאָן	251
164	צו שלום־עליכם	260
167—165	צו לאַזאַר קאַהאַן	260
168	צו ב. וולאַדעק	261
169	צו ד״ר נתן בירנבוים	263
172—170	צו יעקב דינעזאָן	264
173	צו ב. גאָרין	267
177—174	צו א. ווייטער	268
179—177	צו ראָזאַ יאַקובאָוויטש	272
181—180	צו יעקב דינעזאָן	276
186—182	צו ש. ניגער	278
193—187	צו יעקב דינעזאָן	282
203—194	צו י. י. טרונק	286
206—204	צו יעקב דינעזאָן	286
207	צו דער פאַרזאַמלונג וועגן „בוך פון פייער״	288
208	צו מענדעלע מוכר ספרים	290
210—209	צו ש. אַנסקי	291
211	צו ד״ר יצחק געליבטער	293
214—212	צו יעקב דינעזאָן	293
215	צו ד״ר גרשון לעווין	294
220—216	צו יעקב דינעזאָן	295
221	צו ד״ר גרשון לעווין	296
232—222	צו יעקב דינעזאָן	298
254—233	צו דאַמע ביים מעער	304
258—255	צו לאַזאַר קאַהאַן	319
259	צו י. צינבערג	322
260	צו ש. ניגער	323
261	צו שלום־עליכם	323
270—262	צו יעקב דינעזאָן	324
271	צו ד״ר גרשון לעווין	327
281—272	צו יעקב דינעזאָן	327
282	צו ש. ראַטנער	334
283	צו דער וואַרשעווער גמינע	335

בריוו נומער		זייט
284—286	צו דוד בערגעלסאָן	337
287—289	צו ש. ניגער	338
290	צו דער רעדאַקציע „יידישע וועלט“	341
291	צו ש. ניגער	341
292	צו יעקב דינעזאָן	342
293	צו ד״ר י. טויבש און ד״ר פּ. שטערנבערג	343
294—295	צו מאָריס ווינטשעווסקי	344
296	צום יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד	345
297	צו דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי“	346
298	צו שלום־עליכם	347
299	צו „מפיצי השכלה“	348
300	צו שלום־עליכם	348
301	צו יהואש	350
302	צו ח. ש. קאַזדאַן	350
303—304	צו דער פרוי	351
305	צו (נישט אָנגערופן דער אַדרעסאַט)	352

רעדעס פון י. ל. פרץ

די רעדעס פון י. ל. פרץ 355
אין זאַמאָשטש 356
ערשטע יאָרן אין וואַרשע 359
צווישן אַרבעטער 362
עפנטלעכע פאָרלעזונגען 364
אַ פאָרלעזונג אין פּעטערבורג 367
טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ 369
וועגן דער יידישער ליטעראַטור 377
די אַרויסטרעטונגען אין ווילנע 382
אויף אַ פּאָרוואַל־פאַרזאַמלונג 387
אַרויסטרעטונגען אין „הזמיר“ 393
פּרצעס פאָרלעזונגען אין לאָדז 395
וועגן דער שמד־באַוועגונג 396
די נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט 399
וועגן גאָטהייט 403

אינטערוויוען מיט י. ל. פרץ

דריי אינטערוויוען 405

פאָרוואָרט

אין זיינע דערינערונגען „מיינע זכרונות", וואָס י. ל. פרץ האָט געשריבן אין די יאָרן 1913־1914, האָט ער געפּרואווט, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, צו געבן „אַ שליסל צו זיין שייער", צו זיין לעבן און שאַפן. פרץ האָט דאַן, אין זיין פירוואָרט, פאַרזיכערט: „ווען בלייבן צייט, וועל איך מיר אַ נייעם שייער בויען און אָנפילן, און וועט דער אַלטער שליסל נישט פּאַסן, און עס וועט נאָך בלייבן צייט, וועל איך געבן אַ נייעם..."

אָבער קיין נייעם שליסל האָט דער גרויסער פרץ נישט באַוויזן צו געבן. עס איז אויסגעבראָכן דער וועלט־קריג, ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויזאַמע צייט פון רדיפות, מסירות און גירושים אויף די יידן אין פוילן. פרץ האָט זיך געפונען אין דעם סאַמע מיטן פון די אַלע מוראדיקע אומגליקן, צווישן דעם ים אַרויסגעיאָגטע היימלאָזע יידן, און זיין טיף־פילנדיק האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן. פרץ איז פּלוצים געשטאָרבן שבת פרי, דעם דריטן טאָג חול־המועד פסח, י"ט ניסן, דעם 3טן אַפּריל, 1915, ביי זיין שאַפערישן וואַרשטאַט, מיט דער פען אין האַנט.

זיינע דערמאָנטע דערינערונגען האָט פרץ דערפירט לערך ביז דעם יאָר 1871, ווען ער איז אַלט געווען אַ 20 יאָר. אין זיין לעצטן קאַפּיטל „איך האָב חתונה געהאַט" (פאַרעפנטלעכט אין וואַרשעווער „דאָס לעבן", 1914) דערציילט ער וועגן זיין חתונה מיט שרה, די טאָכטער פונעם העברייאישן שרייבער און משכיל גבריאל יהודה ליכטנפעלד. דער יונגער פרץ, וואָס האָט זיך געהאַט אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק צו אַנטלויפן קיין ווילנע, אַריינ־צוטרעטן דאָרטן אין דער ראַבינער־שול, איז אַ חתן געוואָרן און חתונה געהאַט, ווי דער שטייגער אַמאָליקע יאָרן, לויטן באַשלוס און לויטן אויסוואַל פון זיינע עלטערן. פרץ האָט געלעבט מיט זיין פרוי אַ פּאָר יאָר אין אַפּט (אָפּאַטאָוו), אין צווימער (סאַנדאָמיר), וואו ס'איז געבוירן געוואָרן זייער זון לוציאַן. פרץ האָט זיך פאַרנומען נאָך זיין חתונה מיט פאַרשיידענע עסקים, צווישן אַנדערן געווען אַ שותף אין אַ ברויערײ, אָבער קיין גליקן האָט ער אין זיינע געשעפטן נישט געמאַכט. דער האַנדל־וואַנדל איז נישט געווען אים צום האַרצן. ער האָט דערצו קיין באַזונדערן שלום־בית מיט זיין פרוי נישט געהאַט. זיין פרוי, שרהלע, איז געווען אַ גאַנץ־געבילדעטע, אָבער זיי זיינען געווען פון גאַנץ־באַזונדערע נאַטורן.

פרץ געפינט זיך אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. דאָס זעען מיר פון זיין רירנדיקן בריוו, וואָס ער שיקט פון זאַמאָשטש קיין וואַרשע (אַרום 1874) צו זיין שווער. אין די יאָרן 1875־1876 האָט פרץ פאַרבראַכט אין וואַרשע, וואו ער זוכט אַ באַשעפטיקונג. ער האָט פאַרענדיקט אַ קורס פון בוכהאַלטעריע און געווען זיכער צו געפינען ערגעץ־וואו אַ שטעלע. דערווייל גיט ער העב־רייאישע לעקציעס אין וואַרשע און באַקענט זיך מיט אייניקע העברייאישע שרייבער (ח. ז. סלאָנימסקי, א. ב. גאָטלאָבער, ר. א. ברוידעס, נחום סאָקאָלאָוו א. אַ.). ער צעגייט זיך ענדלעך מיט זיין פרוי שרה ליכטנפעלד, און דער זון, לוציאַן, פאַרבלייבט ביי אים. אין 1876 האָט פרץ אָפּגעגעבן אין „סיעזד״ (קרייז־געריכט) דעם עקזאַמען פאַר אַ פריוואַט־אַדוואָקאַט, און ער הויבט זיך אָן צו פאַרנעמען מיט אַדוואָקאַטור אין זיין היימשטאָט זאַמאָשטש. די אַדוואָקאַטור שלינגט איין אינגאַנצן דעם טעמפּעראַמענטפולן יצחק לייבוש (לעאָן) פרץ.

אויגוסט 1877 באַקענט זיך פרץ מיט העלענאַ (נחמה) רינגעלהיים פון לענטשנע, זייער חתונה קומט פאָר דעם 14טן פעברואַר, 1878. איר פאָטער איז געווען אַ וואַלד־סוחר, איר מוטער האָט געהאַט אַ ווייַן־האַנדל. נחמה איז צו דער חתונה מיט פרצן אַלט געווען אַ 20 יאָר. אין לויף פון דעם האַלב יאָר פון זייער חתן־כלה־צייט האָט פרץ געשריבן איר פיל בריוו אין פּויליש, עטלעכע אין רוסיש, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן זיי לויט די איבערזעצונגען פון די ייוואָ־אַספּיראַנטן אין ווילנע, ווי זיי זיינען געדרוקט געווען אין די „ייוואָ־בלעטער״ (ווילנע 1937). פרצעס צוזאַמענלעבן מיט העלענאַן האָט געדויערט אַ 37 יאָר. העלענאַ פרץ איז געשטאָרבן דעם 22טן נאָוועמבער, 1937, אין וואַרשע, אַ 22 יאָר נאָך פרצעס טויט.

פרצעס זון פון זיין ערשטער פרוי, לוציאַן, האָט זיך געלערנט אין דער גימנאַזיע אין פּלאָצק. ער האָט אין צייט געלעבט דאָרט ביי מ. אַלטבערג און אויך ביי א. י. פּאַפּירנאַ, באַוואוסטער שרייבער. די בריוו פון פרצן צו זיין זון און וועגן זיין זון זיינען וויכטיק, ווייל זיי ווייזן אונדז פרצן דעם איבער־געגעבענעם און טריישן פאָטער, זיי שפּרייטן פאַנאַנדער די אויסגעטראַכטע געשיכטעס וועגן פרצעס נישט־גוטער באַציאונג צו זיין זון. ווי מיר זעען, איז פרץ שטענדיק געווען פאַרנומען מיט דער דערציאונג פון לוציאַנען און ער ווייזט אַרויס אַ טיפע פאַראינטערעסירונג און באַזאָרגטקייט צו זיין זון.

פרץ האָט פאַרפאַסט אין זיין היימשטאָט זאַמאָשטש לידער אין יידיש ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. זיי זיינען געלייענט און געזונגען געוואָרן אין דער שטאָט און אין דער סביבה דורך פריינט און באַקאַנטע. אַ טייל פון די לידער, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין כתב־יד, זיינען געווען גאַנץ פּאָפּולער און זיינען אויפגעהיט געוואָרן צענדליקער יאָרן שפּעטער. פרץ האָט פון צייט צו צייט געשריבן אויך לידער אין פּויליש.

פּרצעס ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור איז געווען אין 1875. ער דרוקט אָפּ אין ווינער העברייאישן „השחר" פון פּרץ סמאָ־לענסקין אַ פאַבל „השותפות". אין די ווייטערדיקע יאָרן 1876־1877 דרוקט ער נאָך העברייאישע פאַבלען, שירים און פּאָעמעס אין „השחר", ווי אויך אין א. ב. גאָטלאָבערס זשורנאַל „הבוקר אור" (אַ גרעסערע פּאָעמע „נגניאל" און אַ היסטאָרישע פּאָעמע „קידוש השם"). אין 1877 דערשיינט אויך אַ זאַמלונג העברייאישע שירים פון י. ל. פּרץ און זיין שווער ג. י. ליכטנפעלד („סיפּורים בשיר ושירים שונים", 158 ז"ז).

נאָך אָט די ערשטע ליטעראַרישע פּרוואון, האָט י. ל. פּרץ אַ לענגערע צייט זיך צוריקגעצויגן פון דער ליטעראַטור. אַ צען יאָר האָט ער גאָרנישט פאַרעפנטלעכט, נישט אין העברייאיש און נישט אין יידיש. פון די לענגערע בריוו צו זיין כלה העלענאַ (נחמה), וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ אין בוך, זעען מיר, אַז פּרץ אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט זיינע אַדוואָקאַטשיע באַשעפ־טיקונגען, ער לייענט אויך ווערק וועגן פאַרשיידענע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָגן, אָבער אין ערגעץ איז נישטאָ קיין אָנדייטונג, ער זאָל שרייבן. ווי העלענאַ פּרץ האָט מיר נישט איין מאָל דערציילט, האָט פּרץ אין די יאָרן נאָך דער חתונה אַ סך געשריבן. ער פלעגט שרייבן ביינאַכט און — אָפּטמאָל שעהן־לאַנג. ווען מ'לייענט די בריוו פון פּרצן צו זיין כלה, איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס שרייבט דער צוקונפטיקער גרויסער פּרץ. דער פּריוואַט־אַדוואָקאַט לעאָן פּרץ לעבט אין אַן אַנדער וועלט און האָט גאָר אַנדערע אינטערעסן. מ'דאַרף, אמת, נעמען אין באַטראַכט יענע צייט, — די 70ער יאָרן אין אַמאָליקן רוסלאַנד, וואו ס'איז נאָך קיין יידישע פּעריאָדישע פּרעסע כמעט ווי נישט געווען. א. צעדערבוימס „קול מבשר" און דערנאָך דאָס „פאָלקס־בלאַט" האָבן, מיט אייניקע אויסנאַמען, ווייניק־וואָס געקאָנט געפעלן אַ מענטשן מיט אַן אַנט־וויקלטן געשמאַק. פּרץ איז געווען אויך אַריינגעצויגן אין די אָרטיקע אָנ־געלעגנהייטן און שטייגער־לעבן פון זיין שטאָט זאַמאָשטש. ער איז געווען אַפילו אַ מיטגליד אין דער פייערלעשער־קאָמאַנדע פונעם שטעטל. דאָס בילד, וואָס ווערט דאָ רעפּראָדוצירט, איז גענומען פון אַ גרויס בילד פון די פייערלעשער, — איך האָב עס געקראָגן ביי אַן אָנגעזעענעם רעאַקציאָנערן פּוילישן שטאָט־טוער אין זאַמאָשטש אין יאָר 1927.

ערשט אין 1887, נאָך אַ הפסקה פון אַ צען יאָר, באַווייזט זיך פּרץ מיט אייניקע העברייאישע סקיצן און פּאָעמעס אין נחום סאָקאָלאָווס „האסיף" (העברייאישער זאַמלבוך), אין ש. פּ. ראַבינאָוויטשעס „כנסת ישראל" און אין „הצפירה". פון זיינע ערשטע פאַבעלן ביז אָט די לידער און סקיצן האָט פּרץ אַדורכגעמאַכט אַ געוואַלדיקן קינסטלערישן מהלך (מאַהאַלעך — גאַנג), אין אָט די צען יאָר איז פּרץ שטאַרק אויפגעוואַקסן, הגם ער איז געווען איבגאַנצן

פאַרנומען מיט זיין אַדוואָקאַטישער טעטיקייט און אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם לעבן און אין די אינטערעסן פון דער פראָווינץ־שטאָט. פרץ איז שוין דאַן אַלט אַ 37 יאָר. און פלוצים געשעט אַן אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפע. צוליב אַ מסירה נעמט מען ביי פרצן צו די דערלויבעניש צו פאַרטיידיקן. וועגן דעם זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע וואַריאַנטן, סיי מינדלעכע און סיי אין דרוק. דורך פרצעס בריוו צו זיין פריינט מ. אַלטבערג אין פלאָצק דערוויסן מיר זיך פון פרצן גופא די אמתע פרטים וועגן אָט דער גאַנצער געשיכטע. ס'איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר פרצן. ער פּרוּווט אָפּשלאָגן די מסירה אין די הויכע פענצטער אין וואַרשע, אין פעטערבורג. ער אַפּעלירט, אָבער עס העלפט נישט... ווער וויסט, ווען נישט דער פאַל מיט דער מסירה, צי וואָלטן מיר נישט געהאַט נאָך איין גוטן פראָווינציעלן אַדוואָקאַט, אָבער דערפאַר וואָלט אונדז געפעלט דער גרויסער יידישער קינסטלער פרץ.

* * *

אין 1888 הויבט זיך אָן אַ נייער וויכטיקער, אינטערעסאַנטער פעריאָד אין פרצעס לעבן און שאַפן. געבליבן אָן באַשעפטיקונג, דערשלאָגן און פאַרצווייפלט ביזן לעצטן גראַד, דערוויסט זיך פרץ פון אַ זייט וועגן אַ גרויסן יידישן זאַמל־בוך, וואָס איינער אַ יונגער יידישער שרייבער פון קיעוו, מיטן נאָמען שלום עליכם, קלייבט זיך אַרויסצוגעבן. און עס איז, ווי די „שליוזן" (זאַסטאַווען) פון אַ וואַסער־מיל וואָלטן זיך אויפגעעפנט, און עס האָט געצומען פלייצן און שטראָמען ווי אין אַ טייך אַנהויב פרילינג.

דער 37־38־יאָריקער יצחק לייבוש פרץ, וואָס איז דוכט זיך בלויז אַ פראָווינציעלער אַדוואָקאַט, כאַפּט זיך אָן אָן דער ידיעה, ער שיקט קיין קיעוו זיין באַלאַדע „מאָניש" און פאַרוואַרפט דעם אומבאַקאַנטן רעדאַקטאָר מיט בריוו, וואָס זיינען פול מיט עצות, מיט וויכטיקע פאָרשלאָגן, מיט אינטערע־סאַנטע אָריגינעלע געדאַנקען איבער די פאַרשיידנסטע פראַגן פון לעבן און ליטעראַטור. מיר האָבן צו פאַרדאַנקען שלום עליכמען און זיין פאַמיליע, וואָס האָבן אויפגעהיט אָט דעם אוצר, די אַלע פרץ־בריוו. ווי דער שטייגער אין יענער צייט, האָבן אויך יידישע שרייבער, וואָס שרייבן יידיש, זיך איבער־געשריבן אין דער העברייאישער שפּראַך. י. ל. פרץ, נישט קענענדיק נאָך גוט דעם אַרויסגעבער־רעדאַקטאָר שלום־עליכם, איז גרייט זיך צו פאַרבינדן מיט אים, ער האָט גאָר וויכטיקע ליטעראַרישע פּלענער. אַדאַנק אָט די בריוו פון פרצן צו שלום־עליכמען, האָבן מיר די מעגלעכקייט צו שאַפן זיך אַ בילד פון פרצעס גייסטיקער און שאַפערישער וועלט, ווי אויך באַקומען מיר אַ באַ־גריף וועגן זיין באַציאונג צו פאַרשיידענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און קינסט־לערישע פּראָבלעמען. די בריוו דעקן אויף פאַר אונדז וויכטיקע פרטים פון פרצעס דעמאָלטיקן לעבן און גיבן אונדז אינטערעסאַנטע שטריכן צו פרצעס

כאַראַקטער. מיר זעען דאָ די פּראָצעסן, וואָס פּרץ מאַכט אַדורך אין זיין דענקען און שאַפן. מיר דערוויסן זיך וועגן אַ ווערק, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך פּרצן (עס זאָל הייסן „וואו נעם איך אַ העלד?") און מיר פאַר־נעמען דאָ פּרצעס אָריגינעלע און אייגנאַרטיקע שטעלונג צו דער שאַפנדיקער יידישער ליטעראַטור און צו זיין אייגענעם שרייבן.*

די בריוו צו שלום־עליכמען זיינען פון גרויס קולטור־היסטאָרישן באַטייט און זיי גיבן אונדז דעם הינטערגרונט פון פּרצן דעם קינסטלער־מייסטער, וואָס מיט זיין דעביוטירן אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרנעמט ער גלייך אַ בכבודיקן אָרט און אינגיכן — דעם אויבנאָן אין דער וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור. פּרץ קומט אין דער יידישער ליטעראַטור אינגאַנצן אַ רייפער, אַ פול־אַנגעלאָדענער, אַ זיכערער אין זיך, און מיט גרויסע פאָדערונגען צו דעם שרייבער און צו זיין ראָלע אינעם יידישן לעבן.

פּרץ בויטיקט זיך גלייך אין אַ טריבונע, אין אַן אייגענער טריבונע. עס איז אים ענג אין שלום־עליכמס זאַמלביכער. ער טרעט־צו אַרויסצוגעבן זאַמל־ביכער. אין אונטערשייד פון שלום־עליכמען, וואָס האָט אין זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק" (1888־1889) פאַרבעטן אַלעמען, אַלעמען, ווער ס'האָט נאָר גע־וואָלט צוטראָגן זיין חלק צו דער בויאונג פון אַן אַלגעמיין־יידישן זאַמלבוך, וואָס איז אין תוך אַ זאַמלפונקט פאַר אַלט און יונג, שטעלט שוין פּרץ שטרענגע פאָדערונגען צו זיינע עלטערע און יונגע מיטאַרבעטער. ער לערנט זיי, ער ווייזט אַרויס אַ ספּעציעלן אינטערעס צו זייערע נישט־רייפע שרייבעכצן, ער אַנאַליזירט שורה נאָך שורה זייערע לידער און דערציילונגען. פון דעם מין האָבן מיר אויפגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל אינטערעסאַנטע, באַלערנדיקע פּרץ־בריוו, וואָס ווייזן אונדז פּרצן דעם לערער, פּרצן דעם דערציִער, פּרצן דעם שטרענגען רעדאַקטאָר. פון איין זייט גיט ער קאָמפּלימענטן, ער סטימולירט, דערמוטיקט, און פון דער אַנדערער זייט קריטיקירט ער, באַטאָנט די שוואַכע ערטער, און שטעלט פאָדערונגען. אָט די פּאַטערלעכע באַציִאונג, אָט די פריינטלעכע אָנווייזונגען שטעלן אַרויס פּרצן אין אַ ליכט, גאַרנישט אין איינ־קלאַנג מיט די אַלע פאַרוואורפן וועגן פּרצעס „רבישאַפט" און זוכן חסידים...

די גרעסטע צאָל בריוו זיינען געשריבן צו יעקב דינעזאָן. מיר האָבן דאָ דעם ערשטן בריוו צו אים פון יאָר 1889, ווען פּרץ באַקאָנט זיך ערשט מיט אים, ביז דעם בריוול פון 1914, אַ פּאָר חדשים פאַר זיין טויט. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז פּרץ אין פאַרשיידנסטע מאָמענטן, ביי פאַרשיידנסטע געלעגנ־הייטן. די בריוו דערציילן אונדז וועגן פּרצעס טאָג־טעגלעכע זאָרגן, מיר ווערן

---

* אויספירלעכער וועגן דעם אַלעמען, זע אין מיין בוך „פּרץ" אין די קאַפּיטלען: ערב „מאָניש"; פּרצעס ערשטע קריטיקער; וואַריאַנטן פון „מאָניש", און אַנד.

געריררט פון דער איבערגעגעבנקייט פון פּרצן צו זיין נאָענטסטן פריינט יעקב דינעזאָן. ער פילט זיך שטענדיק זיכערער מיט אים, ער נויטיקט זיך אין זיין הילף. דינעזאָן איז אַריינגעפלאָכטן אין פּרצעס לעבן, נישט צום אָפּטיילן. דינעזאָן, „די שטילע טויב״, ווי פּרץ האָט אים אָנגערופן, מיט זיין נאָכגיביקייט און טריישאַפט, איז פאַר דעם אומרואיקן שטורעמדיקן פּרץ געווען די היים, דער שטילער אינזל, דער אָפּרו.

פון גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער זיינען די 22 בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו דער „דאַמע ביים מער״. פּרץ איז דאַן אַלט געווען איבער 60 יאָר, און סאַר אַ יונג האַרץ און יונג געמיט ער האָט דאַן פאַרמאָגט. די „דאַמע ביים מער״ — די שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי שאַפּירא פון וואַרשע — האָט באַצויבערט דאַן פּרצן, וואָס איז געווען, ווי פּרצעס פריינט האָבן מיר איבערגעגעבן, פאַרליבט אין איר ווי אַ יונג ראָמאַנטיש יינגל.

ס׳איז אינטערעסאַנט דער בהדרגהדיקער איבערגיין פון די פּרץ־בריוו פון העברייאיש צו יידיש. אַמאָליקע יאָרן איז גאָרנישט געמאָלט געווען, אַז מ׳זאָל פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ אין יידיש. מיט דער צייט אָבער ברעכט פּרץ דעם מנהג און שרייבט שוין זיינע בריוו נאָר אין יידיש.

אין דעם בוך קומען אַריין 305 בריוו. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז פּרץ איז קיינמאָל נישט געווען פון די פלייסיקע בריוו־שרייבער. נאָך אין די יונגע יאָרן זאָגט ער אין אַ בריוו צו זיין כלה, אַז שרייבן בריוו „איז איינע פון די שווערסטע זאַכן אין דער וועלט״. אַן אַנדערש מאָל שרייבט ער צו שלום־עליכמען: „איך בין בטבע אַ פיינט פון בריוו־שרייבן.״ דאָס נעמלעכע חזרט ער איבער פיל מאָל אין פאַרשיידענע בריוו. אָפטמאָל שרייבט ער אָן אַ בריוו און לאָזט עס ליגן, ביז יעקב דינעזאָן איז זיך מרחם און שיקט אים אָפּ. אַן אַנדערש מאָל האָט יעקב דינעזאָן פּרצעס אַ בריוו נישט אָפּגעשיקט צום אַדרעסאַט, ווייל אים איז נישט געפעלן פּרצעס קאַפּריזנער טאָן אָדער ער איז נישט געווען צופרידן מיט זיין אינהאַלט.

מיר האָבן געגעבן אַלע פּרצעס בריוו, און נישט אויסן געלאָזט אויך די סאַמע קורצסטע, וואו ס׳איז דאָ אַ פּאָר ווערטער אָדער בלויז פּרצעס אונטערשריפט. ס׳איז דאָך כאַראַקטעריסטיש, ווי פּרץ איז אָפט געווען שווער אויף דער פען. דאָס גיט ער צו אין פיל ערטער. ס׳איז אינטערעסאַנט ווי אייניקע באַזוכן רופן ביי אים אַרויס אַ פאַרלאַנג צו טיילן זיך מיט די איינדרוקן, און אַנדערע, פאַרקערט, פאַררוקן אים טיפער אין זיך און ער האָט קיין ווילן נישט צו דערציילן וועגן זיי.

אייניקע זייטיקע באַמערקונגען אָדער אַנדייטונגען אין אַ בריוו זאָגן אונדז זייער פיל און אַנטפּלעקן פאַר אונדז שטריכן אין פּרצעס כאַראַקטער און וועלטבאַנעם. אַט טוט ער אַ זאָג אין אַ בריוו (צו יעקב דינעזאָן): „די ׳שיינע׳

נאַטור מאַכט מיר פֿאַרגעניגן, גיט מיר [אָבער] נישט קיין שטאָף. שטאָף גיט מיר דער מענטש.״ פּרץ איז גרייט שעהן־לאַנג קוקן ביי אַ שיינעם וועטער אויף דער אָזערע. אין אייניקע בריוו האָבן מיר פֿיל וויכטיקע פּרטים וועגן פּרצעס מאַטעריעלן מצב, אָפֿט האָט ער זיך שטאַרק געגוויטיקט, אָבער ער איז שטענדיק גרייט געווען אַרויסצוהעלפֿן פֿריינט, אָפֿט זיך אָפּגעזאָגט פֿון האָנאָראַר און קיינמאָל נישט אַרויסבאַוויזן פֿאַר זייטיקע זיין געלט־מאַנגל. די בריוו גיבן אונדז זייער פֿיל מאַטעריאַל צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון פּרצעס שאַפֿן און אויך אַ מענגע פּרטים צו פּרצעס לעבנס־געשיכטע.

מיר קאָנען לויט דעם גאַנג פֿון די בריוו, וואָס זיינען געשריבן אין משך פֿון פֿערציק יאָר, נאָכפֿאָלגן נאָך דעם וואוקס פֿון פּרצעס גייסט, וועלט־באַנעם און כאַראַקטער. אויב אין זיינע ווערק האָבן מיר שוין בעיקר אַ מער־פֿאַר־גאַנצטן און רייפֿן פּרץ, איז אין די בריוו, וואָס זיינען געשריבן אין משך פֿון פֿיר צענדליק יאָר, זעען מיר פּרצן אין זיין וואַקסן, אין זיין ענדערן זיך, אין זיין בלאָנדזשען און וואַקלען זיך. סאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד פֿון דעם „שווערס אידעם״, וואָס שרייבט אַזאַ מין נעבעכדיקן בריוו, ביז זיינע בריוו צו שלום־עליכמען! סאַר אַן אומבאַהאָלפֿנקייט אין דעם ערשטן בריוו, און סאַר אַ זיכערקייט אין די וויטערדיקע בריוו! מיר מערקן ווי פּרץ זאַפּט איין אין זיך השפּעות, מיר זעען ווי זיין איינשטעלונג ווערט אַלץ מער פֿעסטער. אַט דאַכט זיך אונדז, אַז פּרץ איז פֿאַרקליינבירגערט, אַריינגעצויגן אין דעם שטייענדיקן זומפּ פֿונעם אַמאָליקן לעבן אינעם קליינשטעטל, אָבער יעדעס מאָל טויכט ער אויף, און עס איבעררעשן אונדז די טרעפֿלעכע געדאַנקען, די שאַרפֿזיניקע אויסדרוקן, וואָס רייסן זיך אַרויס פֿון זיינע בריוו. אַט דאַכט זיך, אַז ער שטייט אינגאַנצן אָן אַ זייט פֿון דעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, און אַט זעען מיר גאָר, אַז ער איז גוט באַהאַוונט אין די פֿילאָסאָפֿיש־סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען פֿון זיין צייט.

פּרץ אַליין שטייט אָפֿט אַ פֿאַרגאַפֿטער, אַ פֿאַרחידושטער פֿאַר זיך אַליין, און ער באַמיט זיך צו אַנאַליזירן זיך גופא און אויפֿקלערן אייגענע האַנדלונגען ביי פֿאַרשיידענע פֿאַלן. אַמאָל זאָגט ער וועגן זיך, אַז ער „פֿאַרמאָגט בלויז טעמפּעראַמענט״, אַן אַנדערש מאָל באַמיט ער זיך אַרויסצובררענגען אין זיך דעם געראַנגל פֿון געפֿיל און געדאַנק. דאָ און דאָרט טרעט פּרץ אַרויס ווי אַ קעמפֿער פֿאַר אמת און יושר. אונדז איבערראַשט אין פֿיל ערטער דער געדולד פֿון פּרצן ביים באַהאַנדלען אומצייטיקע, שוואַכע זאַכן, וואָס יונגע שיקן אים צו. ס׳איז כלל נישט אין איינקלאַנג מיט די איינגעשטעלטע מיינונגען וועגן פּרצעס קאַפּריזנער, הערשערישער, צופֿיל־אינדיווידואַליסטישער נאַטור.

* * *

אין איינעם פֿון זיינע בריוו צו זיין פֿריינט ש. דאַבין (שמעוני) שרייבט

שלום־עליכם האַלב־וויציק, האַלב־ערנסט: „למען השם פאַרלירט ניט מיינע בריוולעך. איך האָב געהערט, אַז נאָך מיין טויט וויל מען זיי צונויפזאַמלען און אַרויסגעבן אין אַ בוך. שאַדע, וואָס איך וועל שוין נישט זיין דערביי... געוואַלט זען, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס נאַרישע בוך וועט האָבן.״ שלום־עליכם האָט אפשר נישט געאַנט, סאַר אַ געוואַלדיקע אוצרות עס׳ פאַרמאָגן זיינע בריוו, וואָס באַלויכטן אונדז סיי שלום־עליכמען, סיי זיין שאַפן און סיי זיין צייט. און דאָס נעמלעכע קאָן מען זאָגן וועגן פּרצעס בריוו — צווישן די דריי הונדערט, גרעסערע און קלענערע, בריוו האָבן מיר אַ גרויסע צאָל, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף פּרצעס פּערזענלעכקייט, און וואָס גיבן אונדז אַ שליסל צו פּרצעס אינעווייניקסטער, גייסטיקער וועלט. מיר זעען דאָ פּרצן ווי ער איז געווען אין זיין היים, אין דער מסיבה פון זיינע נאָענטע, אין דער אַרומרינגלונג פון זיין משפּחה. מיר האָבן פאַר זיך פּרצן, יאָרן און יאָרן, ווען ער איז געשטאַנען אויסער דער ליטעראַרישער וועלט און מיר האָבן פּרצן, ווען ער איז אין צענטער פון דעם יידישן שאַפן, דער וואָרט־זאָגער און פירער פון דער וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור.

מיר האָבן זיך באַמיט צו געבן די בריוו לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, לויט די טעג און יאָרן, ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן. מיר גייען אַזוי אַרום מיט פּרצן דעם מענטש און קינסטלער פון שטאַפּל צו שטאַפּל. נישט אַלע מאָל איז אָבער מעגלעך געווען אָפּצוהיטן דעם כראָנאָלאָגישן סדר, ווייל פּרץ האָט זעלטן אָנגעגעבן די דאַטע אויף זיינע בריוו. מיר האָבן אָבער אויך פון צייט צו צייט, צוליב גאַנצקייט וועגן, געגעבן אייניקע בריוו, וואָס זיינען געשריבן צו איין פּערזאָן, איינעם נאָכן אַנדערן, הגם לויט דער צייט, ווען זיי זיינען געשריבן, דאַרפן זיי קומען אין אַן אַנדער אָרט.

וועגן אָרטאָגראַפיע פון די בריוו — דאָרט וואו מיר האָבן געהאַט פאַר זיך די אָריגינאַלן, האָב איך געגעבן וואָרט אין וואָרט מיט פּרצעס אָרטאָגראַפיע. ביי די איבערגעזעצטע בריוו און די בריוו, וואָס קומען פון קאָפּיעס, האָב איך זיי געגעבן אין אונדזער איצטיקער אָרטאָגראַפיע.

אין 1929 האָב איך אַרויסגעגעבן אין קלעצקין־פאַרלאַג (וואַרשע־ווילנע) פּרצעס בריוו. דאָרט האָב איך באַוויזן אויפצוזאַמלען 180 בריוו און בריוולעך. דער ערשטער בריוו איז געווען פון יאָר 1888 (צו שלום־עליכמען). אין דער איצטיקער זאַמלונג זיינען דאָ 305 בריוו און בריוולעך. דער ערשטער בריוו איז לערך פון יאָר 1874, מיט גאַנצע 14 יאָר פריער. די איצטיקע זאַמלונג איז אַזוי־אַרום פיל רייכער. אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע האָב איך געבראַכט אַ טייל פּרצעס בריוו אין העברייאישן אָריגינאַל מיט אַ יידישער איבערזעצונג. דאָ, אין דער איצטיקער אויסגאַבע, ברענג איך אַלע בריוו אין יידיש, — די העברייאישע בריוו קומען אין זייער יידישער איבערזעצונג.

ווער עס אינטערעסירט זיך מיט די העברייאישע אָריגינאַלן, וועט מוזן זיך ווענדן צו יענער אויסגאַבע. און אַזוי אויך גיב איך פּרצעס בריוו צו זיין כלה (דערנאָך פרוי) העלענאַ און צו זיין זון א. אַנדערע — אויך בלויז די ייִדישע איבערזעצונג. אַ טייל פון די בריוו אין פּויליש און אין רוסיש איז פאַרעפנטלעכט אין די „ייוואָ־בלעטער" אינעם פרץ־העפט (אויגוסט־אָקטאָבער, 1937).

דאָס רוב בריוו, איבערהויפּט פון די לעצטע יאָרן, זיינען געשריבן דורך פרצן אין אויסלאַנד, אין די זומער־וואָכן, ווען פרץ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער גמינע. פרץ ווערט אויפגעלעבט. פרץ שרייבט טאַקע אין אַ בריוו: „אַ ביסל אויסגערוט דעם קאָפּ, אַ ביסל שטאַרקער געוואָרן דאָס האַרץ. אַ מאָדנעם איינדרוק מאַכט דער פאַקט פון פינף וואָכן אַנדערש לעבן; פון אַ שטיק צייט, וואָס שווימט נישט אַרויס פון געוועזענעם, שווימט נישט אַריין אינעם קומענדיקן: אַ באַזונדערער שטראָם פון שטונדן, טעג און וואָכן, וואָס האָט זיך אַריינ־און דורכגעריסן, באַוויזן, אויפגעברויזט און פאַרשוואונדן. און די אַלטע צייט, די באַשטענדיקע, די יערלעכע וועט צוריקקומען, ווייטער פליסן. און דו פילסט, אַז דאָס באַשטענדיקע איז דאָס ריכטיקע, דאָס ווירקלעכע..."

פון די בריוו דערוויסן מיר זיך, אַז פרץ האָט שטאַרק געוואָלט מאַכן אַ רייזע קיין אַמעריקע. ער האָט געהאַט דערביי פאַרשיידענע פּלענער. פרץ האָט אויך געטרוימט צו באַזוכן ארץ־ישראל, אָבער פון דיביידע רייזעס האָט זיך, ליידער, גאָרנישט אויסגעלאָזט. פון די בריוו באַקומען מיר אַ באַגריף, ווי פרץ האָט געקוקט אויף אַמעריקע און אויפן אַמעריקאַנער יידישן לעבן — וועגן דעם זאָגט אונדז אויך פרצעס ענטפער אויף אַן אינטערוויו, וואָס מיר ברענגען דאָ אין בוך.

די רעדעס, וואָס מיר ברענגען ווייטער, נאָך די בריוו, זיינען אין דער אמתן אַ מין דערגאַנצונג צו די בריוו. אויך דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז פרץ אין פאַרשיידענע מאָמענטן, פון זיינע יונגע זאַמאָשטשער יאָרן ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ס'איז גאָר אַ באַזונדערע אויפגאַבע אויפן סמך פון די בריוו און רעדעס אויפשטעלן דעם בהדרגהדיקן גאַנג פון פרצעס לעבן און שאַפן.

איך האַלט פאַר מיין חוב צו דאַנקען דעם פריינט יצחק ריבקינד (פון טעאָלאָגישן סעמינאַר) פאַר זיינע פריינטלעכע אָנווייזונגען; די פריינט באָריס קאָהען, י. בוראַקאָוו און דוד סעלצער (פון פּראָמפּט פּרעס), און אויך מ. ראַבין — פאַר זייער זאָרג דאָס בוך זאָל אַרויס וואָס־שענער.

אַ דאַנק אויך דעם פריינט יצחק קעסמאַן, וואָס מיט זיין מאַטעריעלער שטיצע אין אָנדענק פון לאה קעסמאַן האָט ער צוגעהאָלפן דאָס דערשיינען פון בוך.

נ. מ.



דאָס הויז אין זאַמאָשטש, וואו י. ל. פרץ איז געבוירן

פּרצעס זיידע

פּרצעס באָבע

I

צו זיין שווער ג. י. ליכטענפעלד *)

[דער בריוו איז געשריבן דורך פּרצן פון זאַמאָשטש לערך אין יאָר 1874 צו זיין שווער גבריאל יהודה ליכטענפעלד [1811—1887], וואָס האָט דאַן געוואוינט אין וואַרשע. ליכטענפעלד האָט פירגעהאַלטן פּרצן אייניקע זאַכן. פּרץ, דער איידעם, מאַטערט זיך אין זאַמאָשטש, און קאָן זיך צו קיין זאַך נישט דערשלאָגן. פּרץ איז דאַן אַלט געווען אַ 24 יאָר.]

(פון העברייאיש)

Herrn G. I. Lichtenfeld
in Warszau

טייערער שווער! איר שרייבט מיר, אַז איך האָב אייך צוויי מאָל מצער געווען, אין דער אמתן אָבער פיל איך מיך נישט שולדיק. איך האָב נישט געזאָגט, אַז איר האָט „אַוועקגעזולט", נאָר אַז איר האָט „אַוועקגענומען" ביי מיר מיין געלט. איז דען דאָס געלט נישט ביי אייך? און דאָס וואָס איר קלאָגט זיך: „אַ יונגערמאַן — וואָס וועט זיין דער סוף מיט אים?" פאַרשטיי איך אויך נישט, ווייל וואָס נאָך האָב איך געקענט טאָן אין זאַמאָשטש און נישט געטאָן. אָבער זאָל זיין ווי איר זאָגט, אַז איך האָב געזינדיקט, בעט איך ביי אייך אַנטשולדיקונג. — איך ווייס נישט פון וואַנעט איר האָט גענומען, אַז אָנשטאָט 75, שרייב איך 57 און אָנשטאָט 57 — 75? איך האָב איצט געענדיקט בוכהאַלטעריע און ווען איך וואָלט געהאַט פּראַקטיקע אַ חודש צייט, בין איך זיכער, אַז איך וואָלט געטויגט פאַר יעדער זאַך. איך האָף, אַז אין וואַרשע וועל איך געפינען אַ שטעלע.

אָבער אָן געלט קאָן איך נישט פאָרן. — מיין פעטער אַביגדור לעווין איז געווען אין וואַרשע און דריי מאָל אייך נישט געטראָפן אין דער היים, איך האָב אים געבעטן צו נעמען פאַר מיר די דרייסיק רובל. דעריבער בעט איך אייך צו טאָן אַזוי: אַנטקעגן מאַליניאַקס הויז (וואו איר וואוינט) איז דאָ אַ געשעפט פון פעטערבורגער און מאָסקווער שניט־סחורה פון ס. זילבערניק (אין האָטעל לאָנדינסקי). מיין פעטער לעווין דאַרף אים אָפּשיקן 30 רובל פאַר סחורה, וועט איר אַזוי גוט זיין זיי איבערגעבן דעם ה' זילבערניק אויף זיין חשבון און איר וועט צושיקן זיין צעטל, אַז ער האָט באַקומען די דערמאָנטע סומע פאַר דער סחורה, וועט לעווין מיר דאָ געבן געלט. אַז כ'וועל באַקומען דאָס געלט, בין איך גרייט צו פאָרן קיין וואַרשע און מינדלעך וועל איך שוין

* ג. י. ליכטענפעלד, העברייאישער שרייבער, דער פאָטער פון פּרצעס ערשטער פרוי, מיט וועלכער פּרץ איז זיך צעגאַנגען אַרום 1875.

Herrn J. J. Lichtenfeld
in Warnau

חביבי היקר!

[illegible] כי [illegible] [illegible] [illegible] אין [illegible] אשר [illegible],
לא [illegible] כי „[illegible]" כי אם „[illegible]" את נפשי (בלא
[illegible] על היו"ב) והכי הכסף לא [illegible]? —
ו[illegible]: [illegible] כי זה יהי' [illegible]?" גם כן לא
[illegible] כי זה לעשות [illegible] ולא עשיתי —
אבל יהי' [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
לא [illegible] [illegible] אחת (יסוד א גם את [illegible]
[illegible]) כי תחת 54 אל [illegible] 57 [illegible]
54 ב׳ [illegible] את [illegible] ותחת 57 —
א גם נסיון ([illegible]) [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] כי [illegible] [illegible] בטוח כי
[illegible] — [illegible]

אבל לא [illegible] [illegible] — [illegible] [illegible]
[illegible] היה [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
כי [illegible] [illegible] [illegible] את [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]!

[illegible] בית [illegible] (אשר [illegible] [illegible]) יש [illegible]
([illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]) של
ס. [illegible] ([illegible] [illegible]) על [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] א 30 רו״כ [illegible] סחורה
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] על
[illegible] [illegible] [illegible] את [illegible] [illegible] [illegible] את
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].
[illegible] את [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] גם [illegible]
[illegible] כי [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible]

דערוויַיזן פאַר איך מיַין גערעכטיקייט. כ׳וועל אייך אויך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון אַלע מיַינע מעשים ביז אַהער, און איר וועט זען, אַז איך בין גערעכט.

אייער איידעם וואָס האָט אייך ליב,

יצחק לייבוש פרץ

2

צו דער כלה

[דער בריוו און די אַלע וויַיטערדיקע בריוו, ביז נומער 63, זיַינען געשריבן דורך פּרצן אין פּויליש אָדער רוסיש צו זיַין כלה, שפּעטער צו זיַין פרוי, העלענאַ (נחמה) רינגעלהיים, מיט וועלכער ער האָט זיך באַ־קענט סעפּטעמבער 1877, אין לענטשנע, און חתונה געהאַט פעברואַר 1878. אייניקע בריוו זיַינען געשריבן צו דער כלהס משפּחה, צום ברודער, שוואָגער, עלטערן א. אַ. וויַיטער קומען בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו זיַין פרוי, העלענאַ, ווען זי איז געפאָרן פון זאַמאָשטש צו היילן זיך. די אַלע בריוו זיַינען געשריבן אין פּויליש, רוסיש אָדער העברייאיש. זיי זיַינען צוערשט פאַרעפנטלעכט אין די „ייוואָ-בלעטער" (ווילנע, 1937). אַ גרויסער טייל בריוו איז נישט דאַטירט, און ס׳איז שווער גענוי פעסט־צושטעלן דעם טאָג, ווען זיי זיַינען געשריבן.]

(פון פּויליש)

טיַיערסטע העלענע!

כ׳בין אין דער קריטישסטער לאַגע... דאָס האַרץ איז מיר פול, אין קאָפּ טויזנטער גאָלדענע שטראַליקע חלומות, און די פעדער איז אַזוי טעמפּ, אַז נישט וויסנדיק פון וואָס אָנצוהייבן, גייט ביַי מיר אַלץ ווי פון פעד. —

ס׳האָט שוין געשלאָגן צוועלף. זאַמאָשטש שלאָפט פאַרזונקען אין שויס פון דער שטילער אויסגעשטערנטער נאַכט. איך נאָר אַליין קאָן נישט שלאָפן. פאַר מיר — דיַין פאָטאָגראַפיע, דאָס איינציקע הייליקע בילד אין מיַין הויז, דאָס איינציקע אינעם האַרצן ביַי מיר!

ווי דאַנקבאַר איך בין דיר!

מיַין האַרץ איז געווען פאַרוועלקט, מיַין לעבן — אַ פיַינלעכער און שרעק־לעכער חלום, איבער מיַין קאָפּ איביק ווייסע וואָלקנס — תכריכים...

כ׳בין פאַרוועלקט געוואָרן אין בליענדיקן עלטער, בין אָפּגעשטאָרבן.

און איצט? אונטער דעם שטראַל פון דיַינע שטערן איז צעגאַנגען דאָס אייז פון מיַין האַרצן, עס האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן... קלאַפּן אַזוי הילכיק, מיט אַזאַ פרייד... די שוואַרצע וואָלקנס זיַינען פאַרשוואונדן און אָפּגעטרעטן זייער אָרט דער זיסער און צאַרטער בענקשאַפט!...

איך לעבּ און דו ביסט מיין לעבּן...

כ׳קאָן נישט שרייבּן מער... כ׳וואָלט געוואָלט מיט דיר שמועסן, אָבער אין אַן אַנדערער שפּראַך...

זיי געזונט!

האָב מיך ליב

דיין לעאָן

זאַמאָטש, 6 סעפּטעמבּער, 77[18].

3

צו דעם שוואָגער

(פון העבּרייאיש)

טייערער שוואָגער!*

איך האָרך וואָס דו האָסט מיר געזאָגט און אַזוי ווי כ׳בּין געקומען אַהער, איל איך דיר מודיע צו זיין, אַז כ׳בּין געקומען געזונט. איר האָט אַ שטאַרק פּערד, וואָס שלינגט איין די ערד! און איך בּין געשלאָפן מיט אַ שלאָף פון אַ צדיק אויפן וואָגן און דעריבּער ווייס איך נישט, ווי לאַנג איך בּין געפאָרן פון לענטשנע בּיז מינקעוויץ. כ׳האָבּ געוואָלט שלאָפן אויף דער בּאַן, אָבער כ׳האָבּ נישט געקענט. די מעשה איז אַזוי געווען. איינע פון די פרויען (זאָג נישט נחמהן), אַ יונגע, האָט מיך דערקענט, כ׳ווייס נישט ווי אַזוי, אַז כ׳בּין פון די פּרצעס, און האָט מיך געפרעגט, צי כ׳בּין אַ בּרודער פון דעם פּרץ וואָס וואוינט אין גאַליציע. אַז כ׳האָבּ איר געזאָגט אַז יאָ, האָט זי מיך שוין נישט געלאָזט רוען און דעם גאַנצן וועג האָט זי מיר דערציילט פון מיין בּרודערס לעבּן אין גאַליציע און איך... און איך האָבּ נישט געהערט, וואָרן מיינע אויערן און האַרץ זיינען איבּערגעבּליבּן צוזאַמען מיט מיין האַלדזצירונג אין לענטשנע.

אויף סוכות וועל איך קומען צו אייך. אויף די ערשטע טעג צי אויף די אַנדערע ווייס איך נישט.

און איך גריס דעם מחותן און די מחותנתטע, אייער פרוי און שוועסטער און אַלע אייעריקע.

אַ כתיבה [און חתימה] טובה.

אייער פריינט און פאַרערער

יצחק לייבּוש פּרץ

זאַמאָשטש, 28 אלול תרל״ז (1877).

---

* יעקב (יענקל) זילבּערמאַן, מאַן פון העלענעס שוועסטער, זאָפיאַ, געווען אַ קאָמיסיאָנער. נחמה — דער יידישער נאָמען פון העלענאַ.

4

צו דער כלה

(פון רוסיש)

טייערסטע העלענע!

ווי נאָר דער יום־טוב איז אַריבער, אייל איך מיך צו שרייבן צו דיר, איידער כ׳האָב זיך דערוואָרט אויף דיין תשובה. דו האָסט מיך משוגע געמאַכט, מיר איז אומעטיק, איך בענק...

נעכטן זיינען ביי מיר געווען פיל, אפשר צו פיל געסט, צווישן אַנדערע אויך ה׳ X * (ווען דו ווייסט, אגב, דערקענען אין זאַמאָשטש ווי אַ זייער פּוסטן מענטשן) און יענער איז מיר פּשוט דערעסן געוואָרן מיט זיינע קריטיש־קאַלטע פראַגעס. „ווי מאַכט איר דאָס, פרעגט ער, ראשי־פּרקים, איידער איר האָט זיך באַקענט מיט דער כלה? אַט איז אַ מענטש פון פּראָגרעס! אַ פריידיקער פון בילדונג, אַ יידישער קולטור־טרעגער!״ אומזיסט האָב איך זיך באַמיט צו דערוויזן די עלעקטרישע צוציאונג פון הערצער, דאָס גיכע דער־קענען זיך פון נשמות, ער וויל נישט גלייבן און איך — האָב אים אָפּגעזידלט סאַמע אום ראש־השנה. —

איך האָב היינט פאַרטיידיקט 3 ענינים ביים פרידנס־ריכטער פון דער שטאָט זאַמאָשטש, צוויי קרימענעלע און איין ציווילן. די ערשטע האָב איך געוואונען מצד דעם באַשולדיקטן און די לעצטע מצד דעם בעל־תביעה האָב איך פאַרלוירן. —

אַנשטאָט איבערצוחזרן דיר דאָס וואָס מיר האָבן גערעדט אין לענטשנע, וועל איך דיך באַקענען מיט די אומשטאַנדן פון די 3 ענינים. דאָס איז נוציקער פאַר אונדז.

1. מייַן קליענט דער בעל־תביעה פאַרלאַנגט פונעם אַנגעקלאָגטן ער זאָל איינצאָלן אַ חוב פון 242 רובל 50 קאָפּ., מיט פּראָצענטן און הוצאות. דער חוב ווערט דערוויזן דורך אַ כתב. אינעם כתב שטייט:

„איך, דער אונטן געחתמעטער, באַשטעטיק דערמיט, אַז איך בין שולדיק דעם מוכ״ז 242 רובל 50 קאָפּ., זאַמאָשטש, דאַטע, אונטערשריפט.״ דער כתב האָט ווי ס׳ווייזט אויס אַזעלכע חסרונות: א) דער אַרטיקל 110, קאַפּ׳ 7, בוך 1 פונעם האַנדלס־קאָדעקס זאָגט: „אַ טראַטע־וועקסל ווערט אויסגעשטעלט פון איין אָרט אויפן צווייטן. — דערויף ווערט באַצייכנט: יאָר, חודש און טאָג

---

* אפשר נחום (נאַטאַן) קאָרנגאָלד — אַן איידעם פון פּרצעס פעטער ישעיה מרגליות — דער „רייכער פעטער״, וואָס פיגורירט אין פּרצעס זכרונות אונטער די איניציאַלן י. מ.

פון אויסשטעלן. — דערויף ווערט אָפּגענאָטירט: די סומע וואָס דאַרף באַצאָלט ווערן; דער נאָמען און די פאַמיליע פון דעם וואָס דאַרף באַצאָלן; דער טערמין און דאָס אָרט וואו דער וועקסל איז פעליק; די וואַלוטע באַקומען במזומנים, אין סחורה, אין רעכענונגען אָדער אויף עפּעס אַן אַנדער אופן. אין דעם ווערט באַשטימט: אויף וועמעס אָנווייזונג די צאָלונג דאַרף אויסגעפירט ווערן אָדער אַ דריטע פּערזאָן אָדער דער אויסשטעלער פונעם וועקסל א. אַז. וו.

דאָ פעלט אָבער: 1) אויף וועמעס אָנווייזונג (דערלאַנגער, מוכ״ז), 2) אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט מען געקראָגן די וואַלוטע? 3) טערמין פון דער צאָלונג, 4) איר אָרט און — דער עיקר 5) דער בעל־חוב האָט זיך ווי אַן אַנאַלפאַבעט אונטערגעשריבן מיט צלמים און לויט פאַרשיידענע אַרטיקלען פון דעם סטאַטוט וועגן דער ציווילער געריכט־פּראָצעדור (105־111, 438־456) איז אַזאַ אונטערשריפט (אויב עס האָט זיך ניט אונטערגעשריבן אַ דריטע פּערזאָן וואָס איז באַפולמעכטיקט דערצו) ניט גילטיק.

איך האָב זיך פאַרטיידיקט מיט אַזעלכע אַרגומענטן:

נאָך דעם ווי איך האָב פריער דערוויזן, אַז אַ פשוט צעטל, וואָס האָט ניט די אייגנשאַפטן פון אַ וועקסל, רעכנט זיך פונדעסטוועגן פאַר אַ שריפט־לעכן באַוויז, האָב איך זיך פאַררופן אויפן אַרטיקל 105 פון דעם סטאַטוט פון דער ציווילער געריכט־פּראָצעדור וואו עס ווערט געזאָגט:

1. „אַלע מינים אַקטן, סיי די וואָס זיינען געוואָרן געמאַכט און געמאָלדן אין דעם געהעריקן סדר, סיי די היימישע, דאָס גלייכן אַנדערע פּאַפּירן ווערן דורך דעם פרידנס־ריכטער גענומען אין אַכט ביים פסקענען דעם ענין.״ פון דעם געגנויעם פשט פון די דאָזיקע ווערטער (און אַנדערע פּאַפּירן) איז צו זען:

אַז „יעדעס שטיקל באַשריבן פּאַפּיר, וואָס האָט אין זיך סימנים פון אַ מענטשנס טעטיקייט, פון יורידישע פאַרהעלטענישן צווישן פּערזאָנען, פון גע־שעענישן וואָס האָבן געווירקט אויפן ענין, קאָנען, ניט געקוקט אויף זייערע חסרונות, אומפאַרמעלקייטן, דינען פאַר באַוויזן אין די פרידנס־געריכטן. דעריבער דערווייזט דער כתב וואָס איז בייגעלייגט צום ענין, כאָטש ער איז ניט קיין פאָרמעלער, אַז דער נטען איז שולדיק אַ חוב! וועמען איז ער שולדיק? דערויף איז דאָ אַ פשוטער תירוץ: „דעם ביי וועמען אין די הענט דער כתב געפינט זיך אין דער געגעבענער מינוט, דאָס הייסט דעם דערלאַנגער (מוכ״ז).״

2. [אינעם כתב איז ניט באַצייכנט: אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט מען באַקומען די וואַלוטע.] דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל ס׳איז ניט געווען קיין וואַלוטע, נאָר דער בעל־חוב האָט באַקומען די גאַנצע סומע, זי איז אַ ציפער Netto!

3. דעם צאָלטערמין דאַרף אָנווייזן דאָס געריכט און דאָס לויט דעם אַרטיקל 1900 פונעם ציווילן קאָדעקס, און אַזוי ווי לויטן אַרטיקל 1156 פון

דעם זעלביקן קאָדעקס דאַרף מען אין די אָפּמאַכן אויספאָרשן דעם אַלגעמיינעם מיין פון די צדדים וואָס האָבן געשלאָסן דעם אָפּמאַך, דאַרפן מיר אָנעמען, אַז לויט דעם איצטיקן ענין איז באַשטימט געוואָרן דער טערמין: איין טאָג נאָכן פאַרשטעלן דעם כתב (אַרטיקל 129 פונעם האַנדלס־קאָדעקס).

4. [אינעם כתב איז ניט אָנגעוויזן דאָס אָרט פון דער צאָלונג], נאָר אויך דאָס שטערט לחלוטין ניט, ווייל אין אַזאַ פאַל דאַרף דאָס אויספירן (די צאָלונג) צו שטאַנד קומען, לויטן אַרטיקל 1247 פון דעם זעלביקן קאָדעקס, אינעם וואוינאָרט פונעם בעל־חוב (איז זאַמאָשטש).

5. [ניט־עברידיקייט]. איך קאָן דערוויזן מיט עדות, אַז דער נטען האָט באַפולמעכטיקט אַ דריטע פערזאָן אונטערצושרייבן זיך פאַר אים, א. אַז. וו. פונדעסטוועגן האָב איך פאַרשפּילט. פאַר וואָס? איך ווייס נאָך ניט. —

---

2. (דער קרימינעלער ענין).

לויט אַ באַשלוס, וואָס דער פרידנס־ריכטער פון דער שטאָט זאַמאָשטש האָט אָנגענומען, איז אָסטראָווסקי פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ דריי־וואָכיקן אַרעסט ביים זאַמאָשטשער שטאָטישן מאַגיסטראַט פאַר רכילות אויף העלענע רובינסאָן. — די עדות האָבן דערוויזן, אַז עפּעס אַ דאַווידאָווסקי האָט זיך מודה געווען פאַר זיי, אַז אָסטראָווסקי, וואָס קאָן קיין רוסיש ניט, האָט אים געבעטן אָנשרייבן פאַר איר אַ טעלעגראַמע קיין קראַסנאָסטאַוו. אין איר איז מען מודיע יוסף רובינסאָנען, אַז זיין ווייב העלענע, וואָס וואוינט צייטווייליק אין זאַמאָשטש, פירט אַ מיאוס אויסגעלאַסן לעבן. ער האָט אָנגעשריבן צו איר און זי האָט די טעלעגראַמע אָװעקגעשיקט. —

צום ענין איז געווען בייגעלייגט אַ טעלעגראַמע: יוסף רובינסאָן, קראַסנאָ־סטאַוו. דו ביסט אין קראַסנאָסטאַוו און דיין ווייב פירט זיך אויסגעלאַסן אין זאַמאָשטש. צו וואָס ביסטו אַ מאַן? X.

איך האָב אָנגענומען דעם צד פון דער באַשולדיקטער און האָב פאַר־טיידיקט מיט דריי אַרגומענטן:

אַ ממשותדיקער גרונט פון דער קרימינעלער געריכט־פּראָצעדור זיינען די בפירושע באַווייזן פון עדות, דאָס געזעץ גיט זיי אָבער ניט קיין אומבאַ־דינגטן גלויבן. דאָס געזעץ פאַרלאַנגט, אַז די עדות זאָלן עדות זאָגן אין בייזיין פון געריכט, געבנדיק אָן אונטערשריפט אָדער אַ שבועה, אַז זייער גבית־עדות איז אמתדיק, דערביי איז דער חוב פונעם געריכט אָדער פונעם פּאָרזיצער אויפצוקלערן דעם עדות, וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט פאַר אַ פאַלש אָדער נישט־פּינקטלעך גבית־עדות. לויט דעם איצטיקן ענין האָבן די עדות געזאָגט דאָס וואָס דאַווידאָווסקי האָט דערציילט, און דאָס געריכט דאַרף זיי גלייבן, ווייל זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גאַנג פון דער געריכט־פּראָצעדור, זיי

האָבן געגעבן אַן אונטערשריפט וואָס פאַרבייט אַ שבועה, עס איז זיי אויפ־געקלערט געוואָרן וואָס פאַר אַ שטראָף זיי וועלן קריגן אין פאַל פון פאַלשקייט, אָבער אויף וואָס פאַר אַן אופן ווערט דערוויזן אַסטראָווסקיס שולד? די עדות צייגן אונדז איבער, אַז דאַווידאָווסקי האָט איר צוגעשריבן די שולד, אָבער צי איז עס גערעכט אָדער נישט? ווער גאַראַנטירט אונדז, אַז דאַווידאָווסקי האָט נישט אויסגעטראַכט?

2. נאָר לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז דאַווידאָווסקי האָט דערציילט דעם אמת, ד. ה. לאָמיר אָננעמען, אַז אָנשטאָט די עדות שטייט פאַר אונדז דאַווי־דאָווסקי אַליין, און געבנדיק אַן אונטערשריפט וועגן דער ריכטיקייט פון זיין גבית־עדות, זאָגט ער, אַז ער האָט אָנגעשריבן רכילות אויף דער רובינסאָן לויט אַסטראָווסקיס בקשה, איז ווער זשע שולדיק? ער אָדער אַסטראָווסקי? מיר דוכט, אַז דער דאָזיקער חטא דאַרף באַלאַסטן נאָר אים ווי די פערזאָן וואָס איז דעם חטא באַגאַנגען, און נישט די אַסטראָווסקי. אַסטראָווסקי האָט נישט אָנגעווענדט קיין צוואַנגמיטלען, זי האָט אים נישט געצוואונגען צו שרייבן, זי האָט נאָר געבעטן און ער האָט זיך געקענט אָפּזאָגן; און דאָס וואָלט געטאָן יעדער אָרנטלעכער מענטש, און ער האָט געדאַרפט טון. גרויסער דרך־ארץ פאַר דאַמען, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, קען ניט דינען פאַר אַ צוואַנג. —

3. פון די אומשטאַנדן פון דאַווידאָווסקיס דערציילונג אַליין איז קאָנטיק זיין נישט־אָרנטלעכקייט, זעט זיך אַרויס די נאַקעטע פאַלשקייט. ער דער־קלערט, אַז אַסטראָווסקי האָט אים געבעטן, אַזוי ווי זי קאָן קיין רוסיש נישט, אָנשרייבן אַ טעלעגראַמע: פונקט ווי די טעלעגראַף־סטאַנציע נעמט נישט אָן קיין פוילישע דעפּעשעס, פונקט ווי רובינסאָן פאַרשטייט קיין פויליש נישט, אָדער פונקט ווי אַסטראָווסקי אַליין וואָלט נישט קאָנען שרייבן קיין פויליש. דערווייל קאָן אַסטראָווסקי יאָ שרייבן, דער באַשולדיקער האָט פאַרגעשטעלט אַ בריוו געשריבן מיט איר האַנט, רובינסאָן פאַרטיידיקט זיך אויף פויליש און די טעלעגראַף־סטאַנציע נעמט אָן פוילישע דעפּעשעס. —

אויפן סמך פון דעם וואָס איז אויפגעוויזן געוואָרן האָב איך געבעטן בייטן דעם פסק־דין וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אונטער די אויגן און באַפרייען די אַסטראָווסקי פון אַ משפט און פון אַ שטראָף.

אַזוי איז טאַקע געווען.

3. דער בירגער "K" איז באַשולדיקט געוואָרן אין גנבענען ברעטער.—

(המשך קומט)

5

צו דער כלה

(פון רוסיש)

(המשך)

געווען ביי מיר ערשט רובינשטיין.* פון אים בין איך געוואויר געוואָרן, אַז... אָבער כ׳האָב אים צוגעזאָגט האַלטן דאָס בסוד... איך בין כ׳לעבן אין דעם נישט שולדיק און כמעט באַלד נאָך מיין קומען האָב איך אַוועקגעשיקט צו דיר מיין בריוו.

אויב דיך אינטערעסירט מיין געריכטלעכע פּראַקטיק, באַפעל, מיין טייערע, און איך וועל דיר אַלע טאָג מודיע זיין די מינדסטע פּרטים. ווען איך וואָלט געקענט אַלע דיינע באַשעפטיקונגען, אַלץ וואָס דו לייענסט, דיין מינדסטן איינדרוק פון לעבן, אַפילו דיינע חלומות, וואָלט איך אַזוי פיל נישט געבענקט... און זיך נישט געלאַנגווייליקט. כ׳וואָלט געלעבט מיט דיין לעבן, אויסגעשטודירט דיינע זיטן, זיך אויסגעלערנט צו טרעפן אַלע דיינע געפילן, אַלע פאַרלאַנגען פון דיין איידל האַרץ... דו וואָלסט מיר פאַרשאַפט דאָס איידלסטע פאַרגעניגן!...

און די צייט שלעפּט זיך אַזוי! ווען וועלן שוין אָנקומען די יום־טובים? און ווען וועל איך שוין ווידער [דערהערן] דעם זיסן מורמל פון דיינע ראָזע ליפּן? דערזען דעם העלן שטראַל פון דיינע קלאָרע אויגן? ווען, אָ, ווען?!

דאָס באַאומרואיקט מיך און איך פאַרענדיק דעם בריוו מיט זיין אָנהייב: „דו האָסט מיך משוגע געמאַכט".

דיינער אויף אייביק

לעאָן יודאָוויטש פּרץ.

מיין ברודערס פרוי הייסט אויך נחמה, נאָר זי שרייבט זיך אונטער Netti.

ווי געפעלט עס דיר?

לעאָן.

איך בין אַזוי צערודערט, אַז וועגן איינעם פון די וויכטיקסטע ענינים האָב איך כמעט פאַרגעסן. מיינע עלטערן, דער טאַטע און די מאַמע פרייען זיך אַזוי מיט דיר, אַז ווייטער קאָן שוין גאָר נישט זיין. און ס׳איז נישט קיין וואונדער. זיי לויבן דיך פון אַלע זייטן. דו וועסט באַקומען זייער בריוו, נאָר מיר דאַכט

---

* אַן אַנגעשטעלטער ביי העלענאַס פאָטער. ער האָט זיך באַקענט מיט פּרצן אין זאַמאָשטש. דורך אים האָט זיך פּרץ באַקענט מיט העלענע אין לענטשנע.

זיך, אַז דאָס איז דיין פליכט אָנצושרייבן זיי פריער. מיין פאָטער הייסט יהודה, די מוטער רבקה. קאָנסטו זיי שרייבן איין בריוו.

Unbekannterweise — יוי גוט איך שרייב דייטש ?!

מיינע האַרציקסטע גרוסן דיינע עלטערן, מיין שוועגערין, איר שוועסטער, קינדער, מאַן א. אַז. וו., א. אַז. וו. דיר שרייב איך אין רוסיש, דו ווייסט שוין פאַר וואָס.

פאַרגעס אָבער נישט, אַז דאָס איז נישט קיין בריוו, נאָר אַ ריינער שמועס.

— איך רייד מיט דיר. פאַראורטייל נישט דעריבער מיינע בריוו, אויב אַפילו זיי וועלן זיין פון אַ לייכטן אינהאַלט. דער עיקר איז, אַז קיינער איז נישט בכוח אַזוי ליב צו האָבן ווי עס ליבט דיך

דיין

לעאָן.

איין זייטל איז ליידיק, דאָס טאָר נישט זיין. און איך חזר איבער מיין בקשה, אַז דו, מיין בעסטע, זאָלסט מיר שרייבן אַ סך, אַפילו זייער אַ סך וועגן זיך, וועגן די דייניקע א. אַז. וו. און פאַר דעם אַלעם וועל איך דיר זיין דאַנק־באַר! האָב מיך ליב!

לעאָן.

היינט איז ביי אונדז אַ יאַריד, איך איל מיך אָוועקצושיקן דעם בריוו, ווייל שפּעטער וועט מען מיר שטערן. —

וויפיל מאָל האָב איך זיך אונטערגעשריבן ?

לעאָן.

6

צו דער כלה*

(פון רוסיש)

פאַרגעטערטע העלענע!

איך בין היינט צערודערט, טרויעריק און צעבראָכן. —

איך האָב אַ ברודער, וואָס האָט נאָך דער חתונה זיך אַריבערגעצויגן קיין גאַליציע. פאַר ראש־השנה איז אים איינגעפאַלן צו פאָרן קיין רוסלאַנד מיט אַ גאַליצישן פאַס און צוליב אַ מסירה פון אַן אומבאַקאַנטער פערזאָן האָט מען אים אַרעסטירט אין דובנע און מ׳פירט אים מיטן „עטאַפּ“ קיין זאַמאָשטש.

דער פּראָצעס שרעקט מיך נישט, מ׳וועט אים שוין ריינוואַשן, אָבער ער איז אַזאַ צאַרטער און אַזוי שוואַך געבויט, אַז ער וועט אומפאַרמיידלעך קראַנק

ווערן. און איך האָב אַזוי ליב אַט דעם ברודער מיינעם, אַז די מינדסטע קלייניקייט מאַכט מיך משוגע. אָבער ער איז ווערט אַזאַ ליבע, אין אַ פרייער צייט וועלן מיר רעדן וועגן אים.

ס׳פאַרדריסט מיך וואָס דער נעכטיקער בריוו מיינער איז געווען פול מיט געריכטס־פּראַקטיק, איך האָב מורא דו ביסט מיך חושד, מיין טייערע, אַז דאָס איז אַ סיסטעמאַטישער פועל־יוצא פון דער אידייע, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט אין לעצטנע וועגן פרויען־אַרבעט! איך זאָג זיך נישט אָפּ פון מיין מיינונג, אָדער בעסער געזאָגט פין דער מיינונג פון דער גאַנצער וועלט דענקענדיקע מענטשן; פאַרקערט, איך האַלט איצט אויך, אַז פאַני לעוואַלד * האָט אויסגעדריקט דעם ריכטיקסטן אמת, זאָגנדיק, אַז „פרויען דאַרפן באַקומען אַזאַ דערציאונג און בילדונג, וואָס זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט זיך אַליין אויסצוהאַלטן און זיך צו פאַרהיטן פון דער דערנידערונג צו מוזן חתונה האָבן צוליב געלט“. קיינער זאָגט נישט, אַז אַ פרוי איז מחויב צו פירן אַ באַזונדער געשעפט, קיינער פאָדערט נישט דווקא, זי זאָל העלפן דעם מאַן אין זיין באַשעפטיקונג; יעדער ווייסט, אַז אַ פרוי וואָס איז נישט קיין ליאַלקע, וואָס איר דעוויז איז נישט בלויז שיינקייט, וואָס איר ציל אין לעבן איז נישט קיין בעלער, וואָס איר האָריזאָנט באַגרענעצט זיך נישט מיט טענץ; וואָס איר נשמה שפּייזט זיך נישט מיט געמיינע מיאוסע רכילות; וואָס אַחוץ דער פראַנצויזישער שפּראַך אָן אַ ידיעה אין איר ליטעראַטור, אַחוץ דער פייאיקייט אויסצושפּילן עטלעכע וואַלסן און אַבי ווי צייכענען, — פאַרמאָגט זי נאָך אַנדערע וויכטיקע קענטעונישן; זי איז אַ גוט ווייב, אַ גוטע מוטער, פירנדיק די באַלעבאַטישקייט, דערציענדיק די קינדער, באַגעגענענדיק דעם מאַן מיט אַ וואַרעם האַרץ, אַריינברענגענדיק אין שטוב אָרדענונג, רואיקייט און ליבשאַפט — אַזאַ פרוי איז נישט קיין איבעריק באַשעפעניש אויף דער ערד! דער באַרוף פון מוטער און פרוי איז הייליק, באַלעבאַטישקייט איז טאַקע אַ וויכטיקער אָנשפּאַר אין אונדזער לעבן, אָבער יעדער וועט פאַרשטיין, אַז אַ מאַן לעבט נישט אייביק, נישט אייביק איז ער געזונט, אַז דער גורל איז בלינד און פאַרפירעריש, אַז קאַפּיטאַל איז נישט אייביק, און אָפּט מאָל פעלן אויס אַרבעטס־הענט אין דער משפחה! וואָס קאָן טאָן די שענסטע, די איידלסטע, די איבערגעגעבנסטע פרוי, ווען דער טויט רייסט אַוועק ביי איר דעם מאַן דעם שוואַרצן אַרבעטער און זי בלייבט אָן קאַפּיטאַל און אָן הילף? און אין יעדער לעבנס־סיטואַציע דאַרף זיין אַ נחת דער פרוי, וואָס איז געוואוינט צו זיין פאַרנומען, איז באַהאַוונט אין איר מאַנס אַרבעט און העלפט אים אין אַלץ,

---

* דייטשע שרייבערין (פון יידישן אָפּשטאַם), קעמפערין פאַר פרויען-עמאַנציפּאַציע. זי איז געבוירן 1811, געשטאָרבן 1889.

אָפּהיטנדיק דערמיט זיין געזונט, אין אַ גרויסער מאָס פאַרגרינגערנדיק זיין מי, האָט זי דעם באַוואוסטזיין, אַז זי לעבט נישט פוסט און פּאַס, אַז אַ חוץ ליבע און רעספּעקט קומט איר דער מאַן נאָך אַ דאַנק אויך. „וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז!״ — זאָגט דער אַנאָנימער מחבר פון דער „נייטיקייט פון אַרבעט פאַר פרויען״, ווען די פרוי קאָן, אַנשטאָט צו קלאָגן אין אַ שווערער לאַגע, זיך נעמען פלייסיק צו דער אַרבעט און העלפן דער גאַנצער משפחה אין אַן עת־צרה!״

ווי געזאָגט, האַלט מען דאָס פירן באַלעבאַטישקייט אויך פאַר אַ מין אַרבעט. אַזוי אַרום האָבן מאַן און ווייב ווי פּרייוויליקע מענטשן די פולע רעכט זיך צו צעטיילן מיט דער אַרבעט אויף דעם אופן, אַז די פרוי פאַרנעמט זיך מיט דעם הויז און מיט דער קינדער־דערציאונג און דער מאַן מיט מסחר. אָבער כ׳בין זיך מודה, ווען איך בין אַ פרוי, וואָלט איך [נישט] אָנגענומען אַזאַ פאַרטיילונג.

טייערע העלענע! ס׳וואָלט זיך נאָך געוואָלט רעדן מיט דיר נאָך און אַ סך . . . אָבער איבער מאָרגן איז דער אַראָפּפאָר [פון געריכט] און איך האָב נאָך אַ סך אַרבעט. —

שוין אַזוי אויך מן הסתם דיר דערעסן מיט די בריוו, נישט וואָר?

דיינער אויף אייביק

לעאָן יודאָוויטש פּרץ.

זאַמאָשטש, סעפּטעמבער 1877 יאָר.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דו האָסט נישט קיין בלאַנקען, און דו באַנוצסט זיך מיט דיין ברודערס. שיק איך דיר טאַקע בלאַנקען. דער דרוקער — אַ יידישער פּאָליאַק האָט נישט אַזוי ריכטיק אָנגעשריבן דיין נאָמען, אָבער עס שאַדט נישט. — איך בין זייער פאַרנומען. — זיי מיר געזונט. צום ווידערזען, צום אָנגענעמען ווידערזען!

דער המשך וועגן מיין געריכטס־פּראַקטיק וועט אָפּגעהאַלטן ביז דיינער אַ ספּעציעלער באַשטימונג וועגן דעם. —

לעאָן.

7

צו דער כלה

(פון רוסיש)

(המשך)

„וועגן פרויען־ארבעט“

1

אין דעם דערמאָנטן בראָשורל „וועגן פרויען־אַרבעט“ ווערט געבראַכט מיללס מיינונג, וועלכער האַלט, אַז חתונה־האָבנדיק קלייבט זיך די פרוי אויס אַ באַשעפטיקונג, פונקט ווי דער מאַן קלייבט זיך אויס אַ פּראָפעסיע; וועגן איר קאָן מען זאָגן, לויט דער מיינונג פון דעם זעלבן געלערנטן, אַז זי פאַר־נעמט זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט און מיט דער קינדער־דערציאונג ווי מיט אַ פאַך אַזוי פיל יאָר לעבן, וויפיל די זאַך פאָדערט עס, און דערפאַר זאָגט זי זיך אָפּ אויף דער צייט נישט פון אַלע אַנדערע אַרבעטן בכלל, נאָר פון יענע באַשעפטיקונגען, וואָס וואָלטן איר געשטערט אויסצופירן אירע פליכטן. ג. נ. סאָלאָוויאָוו, וועלכער איז נישט מסכים מיט מיללס דאָזיקער מיינונג, זאָגט:

„אויב יעדעס מיידל וועט מיינען, אַז מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט דאַרף זי זיך פאַרנעמען בלויז ביזן ערשטן קוש, איז איר אַרבעט אַ קורצטערמיניקע און אַ צייטווייליקע און זי וועט קיין רעכטס שוין נישט אויפטאָן. שטעלנדיק דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון דער פרוי אַ גרענעץ ביז צו דער חתונה, — פירט ווייטער ג. ס. זיין דערווידערונג, — פאַרשמעלערן מיר דערמיט גופא די דאָזיקע אַרבעט, וואָרים קיין שום וויסנשאַפטלעכע אָדער דינסטלעכע קאַריערע קאָנען ניט אויסוואַקסן פולשטענדיק אין וואָסערע דריי, פיר אָדער פינף יאָר. אַז די פרוי זאָל אין דער אלמנהשאַפט אָדער דערוויזענער עקרהשאַפט זיך ווידער אומקערן דערצו, קען מען ניט רעכענען . . .“ א. אַז. וו.

טיילווייז מוז מען מסכים זיין מיט ג. סאָלאָוויאָווס מיינונג. איך וואָלט אָבער געראָטן יעדער פרוי אויסצוקלייבן זיך איינע פון די צוויי קאַריערעס אָדער ביידע צוזאַמען: לערעריי און עקאָנאָמיע.

ביז זי האָט חתונה, אין דער צייט ווען זי האָט ניט קיין קינדער, אָדער אין אַן עת־צרה, קאָנען זיי זיין אַ מקור פאַר חיונה, אין אַלע איבעריקע אומ־שטאַנדן פון לעבן קאָן די פרוי טאָן איר אַרבעט ביי זיך אין דער היים. פּעדאַגאָגיק איז דער הויפּט־יסוד פון קינדער־דערציאונג. אויך עקאָנאָמיע איז דער באַזיס פון דער באַלעבאַטישקייט.

мы смотримъ на эмансипацію женщинъ какъ польскіе паны на освобожденіе крестьянъ.—

Сами даже женщины боятся этой свободы, это однакоже не удивительно, съ такою же самою боязнью привѣтствовали негры ихъ равноуправленіе! Лишенные свободы боятся ей, не чувствуются въ силахъ содержать самихъ себя!...

Самый изобразительный видъ этихъ женщинъ мы встрѣчаемъ у насъ евреевъ.

Не зная насколько по русски я постарался перевести весь мозаико-древне-еврейскій строфъ изъ поэтическаго сочиненія И.Л. Гордона, на жаргонъ:

יודענע פרויא, [illegible] איז דיין לעבען:
[illegible] ווערסטו, [illegible], [illegible] ווערסטו פערהייראטהט;
דיין פרייד, דיין טרויער, דיין האפנונג דיין [illegible],
אין דער [illegible], אין דער [illegible]!
ווען [illegible] [illegible] ווען [illegible] [illegible],
אויך דער [illegible] [illegible] ווען [illegible] איז [illegible]
אויך דער [illegible] [illegible], [illegible] [illegible]
פון [illegible], פון [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] ווען דוא [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] דוא [illegible]!
ווען [illegible] איז גאר [illegible] דיין לעבען אין דער [illegible].
דוא [illegible], דוא [illegible], [illegible] אין [illegible]
[illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible] דער [illegible]!

אָבער געבנדיק אָט די עצה, בין איך אַרויס פון דעם אַלגעמיינעם שטאַנד־פונקט, אויב מיר זאָלן אָננעמען פאַר דערוויזן, אַז די ביזן איצטיקן מאָמענט גילטיקע אַרבעטס־פאַרטיילונג צווישן מאַן און ווייב איז די ראַציאָנאַלסטע און אַנדערש קען עס ניט זיין. —

אַוודאי וואָלט אונדז אויסגעזען אויסטערליש אַ פאַמיליע, וואו דער מאַן וואָלט אויפגעצויגן די קינדער און דאָס ווייב וואָלט געפּאָרן קיין דאַנציק! וואו דער מאַן זינגט „אַליע ליוליע" און דאָס ווייב פירט דעם מסחר. פאַר וואָס אָבער?

בלעמס אייזל פרעגט: „צי בין איך געוואוינט אַזוי צו באַגיין זיך מיט דיר?" (געדענקסט עס?) אמת טאַקע, אייזלען רעדן בלויז וועגן געוואוינהייטן; מיר זיינען געוואוינט צו זען אין דער פרוי אַ ניאַנקע, אַ דינסט אָדער אַ ליאַלקע, און אונדז קומט אויס אַיסטערליש, ווען די־אַ ניאַנקע, דינסט און ליאַלקע ווערט מיט אַמאָל מגולגל אין אַ מענטש און הייבט אָן צו טאָן ווי אַ מיטגליד פון דער זעזעלשאַפט! —

מיר קוקן אויף דער פרויען־עמאַנציפּאַציע אַזוי ווי די פּוילישע פּריצים אויף דער באַפרייאונג פון די פּויערים. —

אַפילו פרויען אַליין האָבן מורא פאַר אָט דער פרייהייט, דאָס איז אָבער אויך קיין וואונדער נישט; מיט דער זעלבער מורא האָבן די נעגערס אויפ־געגומען זייער גלייכבאַרעכטיקונג; די וואָס האָבן ניט קיין פרייהייט האָבן מורא פאַר איר, פילן זיך נישט בכוח זיך אַליין אויסצוהאַלטן!...

דעם מיאוסטן מין אונטערדריקונג פון דער פרוי טרעפן מיר ביי אונדז יידן. נישט קענענדיק געגוג רוסיש, וועל איך זיך באַמיען דיר איבערצוזעצן עטלעכע העברייאישע סטראָפעס פון י. ל. גאָרדאָנס פּאָעטיש ווערק אויף יידיש.*

יודישע פרויא, אים בעקאַנט איז דיין לעבען:
שטילל ווערסטי געבוירען, שטילל ווערסטי פערלוירען;
דיין פרייד, דיין טרויער, דיין האָפנונג, דיין שטרעבען,
אין דיר פלאַמט׳ס אויף, אין דיר ווערט׳ס פערפרוירען!
ווען יעדערער לעבט ווען יעדערער געניעסט,
אויף דער פרייער וועלט ווען יעדען איז גיט
איז דיר נעבעך פינסטער, איין אייביגע דיענסט
פין שטיעב, פין געוועלב מאַכסטי קיין טריט
מיהערט נישט ווען דיא לאַכסט, מיהערט נישט ווען דיא וויינסט!...

---

* די איבערזעצונג פון י. ל. גאָרדאָנס (באַרימטער העברייאישער פּאָעט) פּאָעמע גיבן מיר אין דער אָרטאָגראַפיע, ווי ס׳איז געשריבן דורך פּרצן.

אין וואָס איז גאָר ווערט דיין לעבען אין דער טהאַט?
דיא טראָגסט, דיא האָסט, זייגסט אין אַנטוויינסט
קאָכסט באַקסט אין פערגייסט פאַר דער צייט!
וואָס טויג דיין געפיעל? וואָס העלפסט אַז ד׳ביסט שיין?
אַז וואָס עס זעהען ד׳אויגען מאַכט נאָך דיא האַנד?
דיין געפיעל איז פערלאַכט, אַ זינד איז דיין חן
דיין פעאיגקייט אַ פעהלער, נאַריש דער פערשטאַנד.
דיין קול איז אָסור, מיטאָר עס נישט הערען
(מיטאָר גאָר נישט זעהען דיינע זיידענע האָהר)
דער שרעקליכע יצר־הרע, ליגט דיר אויפ׳ן שטערען
אין דיא ביסט אין גאַנצען איין אויסוואָרף דער נאַטור!
ווען דיא בעטסט פאַר דיין מאַנן אויף געזינד אין הצלחה
הערסטי וואָס ע ה ר בעט? לייגט צי די אוירען
עהר דאַנקט דעם ליעבען גאָטטעט, עהר מאַכט אַ ברכה:
אַז עהר איז קיין ווייבעל אין איין הייבל געבוירען!״

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיט וועמען האָסטי חתונה? וועסטי לעבען ביינאַנט?
צי קעננסט דיא דיין חתן? צי איז עהר דיר האָלד?
אַפילו דיא פ ר אָ ג ע ן זעניין דיר אים בעקאַנט!
דער מאַמען איז געפעללען! דער טאַטי האָט געוואָלט!
דיא האָסט עהם נישט געזעהען? צי וואָס זאָלל עס דיר?
דאָרך אַזוינע זאַכען ווערען תנאים נישט געשטערט!
נאָר איידער דיא ביסט געבוירען, נאָך 40 טאָג פריר
האָט דיר שוין דער מלאך דיין זווג בעשערט!

פערדעק דיך מיט׳ן שלייער! מאַך צי דיא אויגען
לייג דיא זיידענע האָר, אינטער דער שעער
דיין פרייאהייט, דיין יוגענד זעננען אַוועק געפלויגען
דיא הערסט נישט פין זייא, דוא זעהסט זייא נישט מעהר!
וואָס וואַרפסט דיא מיט ד׳אויגען? קיקסט דיך אַרים?
ווילסט זעהען דיין חתן? דיא יאָגסט דיך געשווינד!
איך זאָג דיר פריר: עהר איז בלינד אין קרים!
נאָר צי קיממט ניש קיין ווייב אַז מ׳איז קרים אין בלינד?

אַז מיפאַרקויפט אַ קיע, צי וועט זיא גאָר פרעגען
ווער עס איז איהר קונה? וויא עהר זעהט אויס?

וועד עס וועט זיא מעלקען וואָס איז איהר געלעגען ?
אַביע מ׳וועט זיא פירען אויף דער פּאַשע אַרויס !
דער מאַנן איז וויא דיא ! אויך אים ערצויגען
עהר האָט דיך נישט געזעהען, קיינמאָהל נישט געקענט !
נאָך דער חופה פליהען דיא קעסט פייל פין בויגען
נאָך די קעסט דער נדן פליהט אינטער דיא הענד
דעמעלט זיכט עהר זיך פרנסה ווען איינס אין דער וויעג
דאָס צווייטע בייא דער בריסט, דאָס דריטע אין חדר !
די פרנסה איז קליין, פאַר׳ן עולם ניש געניעג,
פערקויפט ער דאָס דרשה געשאַנק, פערזעצט מען דיא קליידער !
— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס איז אַ טרויעריקע, אָבער אויף קיין האָר נישט איבערגעטריבענע באַשרייבונג.

2

ווייטער וועגן דער אַרבעטס־פאַרטיילונג

איך האָב שוין גערעדט וועגן דעם, אַז געוויינטלעך שרייבט מען צו דער פרוי די באַלעבאַטישקייט און דעם מאַן דעם מסחר. די זעלבע מיינונג טיילט אויך מילל. „ווען דאָס הויזגעזינט — זאָגט ער — שפּייזט זיך ניט פון אַ פאַרמעגן (רענטע), נאָר פון פאַרהאַרעוועטן געלט, האַלט איך, אַז דער געוויינטלעכער סדר, ווען דער מאַן פאַרדינט און דאָס ווייב פירט די הוצאה, איז די פּאַסיקסטע אַרבעטס־צעטיילונג צווישן מאַן און ווייב. אויב אַ חוץ פיזישע ליידן, קימפּעטן און דער פולער שווערער אחריות פאַר די קינדער און דער זאָרג וועגן זייער דערציאונג קליינערהייט, נעמט די פרוי נאָך אויף זיך אַ פלייסיקן אָנטייל אין דעם מאַנס פאַרדינסטן לטובת דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד פון דער משפחה, נעמט זי אויף זיך נישט נאָר די גאַנצע העלפט, נאָר אַ היפּש גרעסערע העלפט פון דער גייסטיקער און פיזישער אַרבעט...״

איך וועל טאָן אַ טובה דיין שוועגערין, אויב איך וועל ווייטער ברענגען די ציטאַטע, טו איך עס מיט פאַרגעניגן.

„אויב זי (דאָס ווייב), זאָגט מילל ווייטער, נעמט אויף זיך נאָך עפּעס אַ זאַך, ווערט זי דערמיט נישט באַפרייט פון די דאָזיקע התחייבותן, נאָר עס שטערט זי בלויז ווי געהעריק אויסצופירן זיי. זי נעמט אַוועק ביי זיך די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט די געשעפטן און מיט דער באַלעבאַטישקייט, און קיין אַנדערער וועט אַזוי וועגן דעם נישט זאָרגן.״

אָבער פאַר וואָס ניט? ווייל דער שטייגער איז, אַז פאַמיליע־ענינים, ווירטשאַפט און קינדער־דערציאונג איז ניט קיין עסק פאַר אַ מאַנצביל. דער שטייגער און ווידער דער שטייגער. אָבער אויב מיר וועלן אַוועקוואַרפן אָט דעם איבערגעשפיצטן פאַרעלטערטן אויטאָריטעט, וועט אונדז אפשר בעסער געפעלן ווערן דער געדאַנק פון לואיזע אָטטאָ *, אַ מיינונג, וואָס איז אין גאַנצן דער היפוך פון מיללס. דער אַמאַליקער געזעץ, זאָגט זי, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם מאַן דעם חוב אויסצוהאַלטן דאָס ווייב **, האָט געהאַט אין יענער צייט אַ געזונטן זינען: אין יענער צייט האָבן באַלעבאָסטעס געהאַט אַ סך באַשעפטיקונגען; אין יעדער באַלעבאַטישקייט זיינען אומבאַדינגט נייטיק געווען פרויען־הענט. די אַלע ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, וואָס ווערן איצט צוגעשטעלט דורך פאַבריקאַנטן און בעל־מלאכות, פלעגן דאַן אויסגעאַרבעט ווערן אין יעדן הויז גופא. אין שטוב האָט מען געקוילעט בהמות, געבאַקט, געוואַשן, איינגעזאַלצן, געפּרעגלט און קאָנסערווירט אַלערליי גרינסן און פּירות. אין יעדער באַלעבאַטישקייט פלעגן די צוגרייטונגען צוגעריכט ווערן אויף אַ פאַרשיידענעם אופן. מען פלעגט אַליין אַפילו מאַכן זייף, און דאָס אַלץ האָט געפאָדערט אַזוי פיל געניטשאַפט, השגחה און האַרעוואַניע, אַז

---

* שרייבערין און קעמפערין פאַר פרויען-רעכט, געב. 1819, געשט. 1895, גרינדערין פון „אַלגעמיינעם דייטשן פרויען-פאַראיין", 1865.

** כדי דיך צו באַרואיקן, קאָן איך דיר זאָגן, אַז דער דאָזיקער געזעץ אין רוסלאַנד האַלט נאָך אָן ביז היינטיקן טאָג!

אונדזער געזעצגעבונג פאַרפליכטעט דעם מאַן אויסצוהאַלטן, ליב האָבן און שאַצן זיין ווייב, שיצן זי און האַלטן די געטריישאַפט צווישן מאַן און ווייב, דערפאַר איז די פרוי מחויב פאָלגן דעם מאַן ווי דעם ר א ש פון דער פאַמיליע, האַלטן אים מיט ליבשאַפט און כבוד און איבערגעגעבנקייט, נאָכגיין נאָך אים אומעטום. וואו אים וועט געפעלן צו זיין (אַרט' 208, 209 און 210 פון דעם געזעץ וועגן מאַן און ווייב פון יאָר 1836). איך האַלט, אַז דער געזעצגעבער, נעמענדיק אין אַכט, אַז אַ פאַמיליע, ווי אַ באַזונדערע אינסטיטוציע, דאַרף אָנגעפירט ווערן דורך איין ראש, האָט ו ו י ד ע ר מ נ ה ג א י ז אָפּגעגעבן דעם מאַן אויך די דאָזיקע פּריווילעגיע.

אָבער וואָס פאַר אַ באַציאונגען דרינגען אַרויס פון דער-אָ פּריווילעגיע און וואָס פאַר אַ צופאַלן? וויפיל מאָל זעען מיר ווי אַ שיכור, אַן אויסוואָרף און אַן אידיאָט אַ מאַן פּייניקט און האַלט אומבאַשטראָפט אונטערן שרעקלעכסטן יאָך די איידלסטע, פּלייסיקסטע פרוי! פאַר וואָס איז פאַרווערט דער פרוי אָנצורופן זיך מיט איר אייגענעם פאַמיליע-נאָמען (אַרט' 212 פון דעם זעלביקן קאָדעקס)? פאַר וואָס פאַרלירט די התונה-געהאַטע פרוי איר אייגענעם ווילן און קען כמעט גאַרנישט טאָן אָן דעם רשות פון מאַן? אין בעסטן פאַל דאַרף זי בעטן ביים געריכט אַ דער-לויבעניש צו שיצן אירע אינטערעסן (182, 183 און אַנד. פון ציווילן קאָדעקס). פאַר וואָס? נאָר דערפאַר, ווייל די געזעצגעבער זיינען מאַנצביל.

יעדער מאַנצביל האָט געהאַלטן פאַר נייטיק חתונה צו האָבן און געזוכט אַ ווייב, וואָס זאָל זיין בכוח אויסצופירן די אַלע זאַכן גוט און מיט פאַרשטאַנד. אין יענער צייט האָט מען באמת געקענט אַ סך זאַכן זיך אויסלערנען און אַ סך אויפהיטן אין דער באַלעבאַטישקייט, בשעת ווען איצט איז שוין אַזאַ שטייגער לעבן און פירונג אין גאַנצן פאַרשוואונדן. איצט וואָלט מען געקוקט אויף אַזאַ מין פירונג ווי אויף אַ קאָמישן און צו גאָר נישט ברענגענדיקן לוקסוס.

„ביי אַזעלכע אומשטאַנדן איז נישט נאָר די טעכטער, נאָר אויך חתונה־געהאַטע פרויען וואָס האָבן קיין קינדער נישט, וואָס פירן נישט קיין פּאַנסיאָן אָדער האָבן נישט קיין אַנדער טעטיקייטס־קרייז, מוזן ממילא צוליב מאַנגל אין באַשעפטיקונג זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט, ניט וויסנדיק וואו מען טוט אַהין די צייט. אַזאַ ווייב צו האָבן איז באמת אַ צו גרויסער לוקסוס פאַר אַ היינטיקן מענטשן, ווייל צו פירן בלויז די באַלעבאַטישקייט איז גענוג די דינסט, און דעם ווייב וועט אפשר איבערבלייבן מער נישט ווי מאַכן דעם מאַן זיינע באַליבטע מאכלים און פאַרריכטן זיינע וועש, אָבער אויך די אַרבעט קען אָפּטאָן דאָס דינסטמיידל... כדי צו זיין אַ גערעכטע באַלעבאָסטע, דאַרף מען זיך גאָרנישט אָפּגעבן דערצו אין גאַנצן; יעדער אַנטוויקלט, געבילדעט מיידל, אויב זי האָט ליב איר מאַן און וועט וועלן זיין זיין חברטע און געטרייע העלפערין, וועט גרינג קענען תופס זיין די דאָזיקע קונסט.״

וואָס זשע טוען די פרויען, וואָס זייערע מענער זיינען פאַרמעגלעך און האַלטן אָדער דערלויבן זיי צו האַלטן אַ צוויי, דריי דינסטן? מיט די קינדער פאַרנעמט זיך אַ לערער, אַ גאָוועדנער א. אַ., דער מאַן . . . מיט אים דאַרף מען זיך גאָרנישט פאַרנעמען... וואָס זשע טוען אַזעלכע פרויען? די שיינע פאַרנעמען זיך מיט סקאַנדאַליעזע פאַסירונגען, די מיאוסע — מיט לשון־הרע א. אַז. וו.

קיין וואונדער נישט, וואָס מען פאַרמעסט זיך אויף דער מענטשלעכער ווערדע פון אַזעלכע פרויען. גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס זיי זיינען בלויז ליאַלקעס, און יואָס פאַר אַ מענשטלעכע ווערדע קען האָבן אַ ליאַלקע, מעג זיין אַ גרויסאַרטיקע ?...

זיי מיר מוחל, טייערע הענעלע, וואָס איך האָב זיך דערלויבט צוצונעמען ביי דיר אַזוי פיל צייט. מיר דאַכט זיך, אַז דו וועסט נישט זיין אויף מיר בייז, אויב דיין צוקונפטיקער לאָזט זיך דיר דערקענען פון אַלע זייטן פון זיין שטייגער דענקען...

דיין דיך ליבנדיקער

לעאָן.

זאַמאָשטש

8

צו דער כלה

(פון פויליש)

העלענע! מיין טייערסטע העלע!

איך בין איצטער משוגע, פאַרשיכורט פון גליק, איך שפּרינג און וויין פון שמחה...

אָ! דו ווייסט נישט, וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי מיר אין האַרצן, וואָס פאַר אַ קלעמענישן, וואָס פאַר אַ ליידן און וואָס פאַר אַ טאַנטאַלאָס־יסורים!

די מוטער איז איינע אַליין אין שטוב, ווייל דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן צום ברודער; אָפּגעשוואַכט פון תענית און פון קלעמעניש איז זי קראַנק געוואָרן, דער ברודער שלעפּט זיך „מיטן טאַפּ" אַ געשמידטער אין קייטן און איך — איך האָב גאָר קיין תשובה נישט געקראָגן פון מיין העלען! נאָך נעכטן ביינאַכט האָב איך געוויינט ווי אַ קינד פאַר מיין שדכן, פאַר רובינשטיינען! כ'האָב געוויינט, ווייל ס'איז באמת געווען צו פיל... און וויינענדיק בין איך 2 ביינאַכט אַוועקגעפאָרן קיין רובעשויוו (8 מייל וועגס). איך קום צו פאָרן היינט ביינאַכט און מיר נישט־דיר נישט — אַ דרייפאַכיק גליק וואַרט אויף מיר: איך טרעף דעם ברודער פריי, די מוטער געזונט און זיי — גיבן מיר צוויי בריוו, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון דיר! פון מיין העלען!

אויף יום־טוב וועל איך שוין מסתמא ביי אייך נישט זיין! דו קלעמסט זיך דערפון, איך קלעם זיך אויך! אָבער שטעל זיך פאָר: אויף די ערשטע טעג סוכות קען איך נישט, ווייל דער ברודער איז ביי אונדז געבליבן אויף די טעג און גאָט ווייסט, ווען איך וועל זיך מיט אים זען... אויף די אַנדערע [טעג] קאָן איך אויך נישט, ווייל הושענא־רבה איז אַן אָראָפּפאָר פון די פרידנס־געריכטן. אָבער שרעק זיך נישט! גלייך נאָך סוכות וועל איך אַריינפאַלן צו אייך ווי אַ באָמבע! כ'וועל אַריינפאַלן אַ גליקלעכער, אַ צעשטראַלטער, כדי צו זיין טאָפּל גליקלעך און דריי מאָל אַזוי פיל צעשטראַלט.

אָבער נעמענדיק די זאַכן קאַלט, פאַרשטיי איך נישט דיין בריוו און דאָס צוליב אָט די סיבות:

„ווען נישט דאָס וואָס איך האָב רחמנות געהאַט (שרייבסטו), וואָלט איך זיך נישט געאיילט מיטן ענטפער אויף דיין לעצטן [פויליש [ostatni](אין אָרי־גינאַל שטייט מיט אַ טעות (ostateczny) [בריוו], וואָס וועגן אים וועלן מיר רעדן גענויער פה אל פה."

נאָכן דורכלייענען די ווערטער האָבן זיך ביי מיר דערוועקט 3 פראַגעס:

1. צי אונדזער קאָרעספּאָנדענץ גיט זיך אויך אונטער די קאַפּריזן פון דער

מאַדע, און האָבנדיק וואָס מיר מודיע צו זיין, מוזסטו דערוואַרטן מיין ענטפער אויף אַ בריוו וואָס איז שוין אָנגעשריבן? מיר דאַכט זיך... נאָר ניין, כ'וועל עס דיר נישט זאָגן, ביז דו אַליין, מיין טייערע, וועסט עס אויפקלערן.

2. פאַר וואָס מיידסטו אויס אַ שריפטלעכע פאַרשטענדיקונג וועגן מיין „לעצטן" בריוו? אין מיין בריוו האָב איך געשריבן, אַז איך רייס איבער דאָס וויטערדיקע באַשרייבן מיינע ענינים ביז דיין באַשלוס; פאַר וואָס האָסטו דעם באַשלוס נאָך נישט אָנגענומען?

3. דער האַרבסטער ענין איז פאַר מיר דאָס וואָרט „געגוייער"; וואָס קען עס באַטייטן, אויב דער בריוו איז אַריבער איבער דער פראַגע שווייגנדיק?

כ'בין שוין 3 נעכט נישט געשלאָפן, אָבער די פראַגעס וועלן מיך היינט אויך נישט לאָזן שלאָפן...

דו ווייסט אפשר נישט, און איך וויל דיך דערמיט נישט באַליידיקן, אַז ריינע ליבע איז אַזוי ווי אַ ציטערדיק בלעטל, וואָס דער קלענסטער שאָדן, דאָס מינדסטע ווינטל מאַכט זי אומרואיק און מאַכט אַ אימאַגינערן שטורעם!

דו דאַרפסט מיך איבערבעטן, מיין העלינקע! אָבער נישט דורך אַ בריוו, נאָר פּה אל פּה און דאָס אין פולן באַטייט פון דעם לעצטן וואָרט. — מיין אָבער נישט, אַז איך זאָל אַ ביסל זיין אין כעס, ווייל אויף דיר קען נישט זיין אין כעס דיין

לעאָן פרץ וואָס האָט דיך ליב
ביזן טויט.

זאַמאָשטש, דעם 9טן סעפּטעמבער, 1877.

9

צו דער שוועגערין

(פון פּויליש)

געליבטע שוועגערין!

איך פיל זיך שולדיק אַנטקעגן אייך, איך האָב הכנעהדיק חרטה, איך בין זיך מודה, און איך בעט אייך איבער פון מיין גאַנצן האַרצן! איך מוז זיך אָבער אויך פאַרענטפערן, ווייל דעם אמת זאָגנדיק האָב איך זיך אַזוי געאײַלט מיטן אָפּשיקן דעם בריוו, און ווען נישט אַ פאַרמעלער צוזאָג מיט אַן ערנוואָרט, וואָלט אייער מאַן אויך נישט געקראָגן קיין זאַך אין דעם בריוו, אַחוץ „לאָזט גריסן"... אויף ווייטער וועל איך דעם פעלער פאַרריכטן... ווי באַלד נאָר איך וועל קריגן אַ צושריפט פון אייך, וועל איך אייך אָנשרייבן אַ געגוייערן בריוו, ווייל אַזוי טאָן האָב איך זיך אויסגעלערנט פון מיין העלענען! זאָל זי אַליין אויפקלערן אין וואָס עס גייט.

מיט געהעריקן דרך־ארץ,
לעאָן.

10

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

דיין בריוו האָב איך באַקומען נעכטן אָוונט, זיצנדיק מיט אַ גרופּע פריינט און מיט די עלטערן, וואָס האָבן ביי מיר פאַרבראַכט ביז 12 ביינאַכט. דעמאָלט ערשט האָב איך זיך געקאָנט נעמען ערנסט איבערצולייענען דיין בריוו און ערנסט דיר צו ענטפערן, וואָס צוליב דעם בין איך אָוועק שפּעט שלאָפן און בין אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּווייטאָג. ס׳דוכט זיך מיר, אַז עמעץ האָקט מיר מיט אַ בייטש איבערן מוח און צעשפּאַלט אים אויף טויזנטער שטיקלעך. איך בין אָבער צופרידן דערמיט. דער פאָטער, שוין זייענדיק ביי מיר, האָט אויס־געפּרעסט פון מיר אַ צוזאָג, אַז כ׳וועל נישט אַרויסגיין, האָב איך, הייסט עס, אַ פרייע מינוט פאַר מיין טייערער העלענע!

וועל איך דיר דערציילן וועגן אַ טרויעריקער געשעעניש פון מיין אַדוואָ־קאַטישן לעבן. באַלד נאָך מיין עקזאַמען האָב איך אָפּגעקויפט, מיט דער כוונה צו קריגן פּראַקטיק, אַ וועקסל פון אַ ייד פון זאַמאָשטשער ניישטאָט אויף אַ סומע פון 24 רוב׳ באַצאָלנדיק 50 פּראָצ׳. געוואונען אין געריכט, האָב איך נישט געוואָלט זיין קיין אכזר און — איבערצייגט, אַז דער בעל־חוב איז זייער אָרעם — האָב איך אים איינגעטיילט דעם חוב אויף חודשדיקע (איינרובלדיקע) ראַטעס. כ׳האָב געהאַלטן, אַז איך האָב געטאָן דעם חוב פון אַן אָנשטענדיקן מענטש, און אַז קיינער קען מיך נישט אָנרופן בעל־מחלוקת. ס׳איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז דעם אָרעמאַן זאָל אַפילו דאָס פאַלן צו לאַסט.

מע דערציילט, אַז איינער זייער אַ רייכער דייטש, אַן אונטעראויוונדיקער ליזולקעציער, האָט בשום אופן נישט געקענט תופס זיין, ווי אַזוי שטאַרבט עס עפּעס אַ מענטש פון הונגער. — ממה נפשך: האָט אויסגעפּעלט לעבנסמיטל, קען מען דאָך עסן ברויט מיט פּוטער! — האָט געזאָגט אונדזער פילאַנטראָפּ, גלעטנדיק זיך איבערן בייכל, וואָס איז געשטאָפּט געוועזן מיט וואַלדהיינער און אויסטערן, נישט פאַרשטייענדיק, אַז פון דער שווערסטער אַרבעט האָט מען צו מאָל נישט אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט.

און ווען ס׳איז אַריבער זעקס אָדער 7 חדשים, און כ׳האָב נישט באַקומען פון בעל־חוב קיין איין שילינגער, בין איך געוואָרן אין כעס און פאַרגאַנגענעם פרייטאָג האָב איך גענומען אַ דראָשקע און בין אַוועקגעפאָרן מיטן קאָמאָרניק זיך נוקם זיין...

מיר זיינען אָריין —

פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס טרויעריקסטע בילד אין לעבן. דאָס שמייכל איז געווען פּוסט און שרעקלעך. די ווענט, אָפּגעשיילט דורך די הענט פון דער צייט, האָבן געוויינט מיט טרערן פון פייכטקייט. קיין מעבל איז אין גאַנצן נישט געווען, אַחוץ איין סאָפּקעלע פון מתושלחס צייטן. און אויף דער דאָזיקער סאָפּקע... איבערגעדעקט מיט שמאַטעס, איז געלעגן דאָס איינציקע לעבעדיקע נפש אין דער שטוב: אַ קראַנק מיידעלע מיט אַ בלאַס־געלער הויט און צוגעמאַכטע אייגלעך.

די געלע הויט און דער אָפּטער מאַטערנדיקער הוסט האָבן דערציילט וועגן אַ טרויעריקער קראַנקהייט: וועגן דער האָפּענונגסלאָזער שווינדזוכט.

דערהערנדיק אונדזערע טריט, האָט די קראַנקע קוים מיט מאַטערניש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפעפענענדיק די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן, האָט זי מיט שרעק געקוקט אויף אונדז.

מיט אַזעלכע אויגן — האָב איך זיך אַ קלער געטאָן — קוקט אַ שעפעלע אויפן אונטערקומענדיקן וואָלף...

— דער טאַטע איז נישטאָ, פאַניע — האָט זי אַרויסגעקרעכצט — די מאַמע איז געגאַנגען אין גאַס אַריין...

מיר האָבן געעפנט ס׳מויל, אָבער קיינער פון אונדז האָט נישט געפונען וואָס צו זאָגן. אַ שטילשווייגן. און ווי שולדיקע האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס האָט דרייסטער געמאַכט ס׳קינד.

— פֿאַר וואָס באַאומרואיקט איר אַ קראַנקע? — האָט זי געזאָגט מיט אַן אומעטיק קול וואָס האָט געריסן דאָס האַרץ, פאַרהוסטנדיק זיך אַלע ווײַלע — איר וועט מוחל זיין, וואָס איך קען אייך נישט אויפנעמען, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ געוויסן שטאָלץ און מיט אייזקאַלטער העפלעכקייט.

— מיר ווען צוואַרטן — האָט ערנסט אַ זאָג געטאָן דער קאָמאָרניק — מיר קומען אַהער אין נאָמען פון מלכות און געזעץ; כ׳בין נישט געוואוינט צו בעטן, מען זאָל מיך אויפנעמען... — דער קול איז געווען צו שאַרף.

דאָס מיידל האָט אַ קרעכץ געטאָן און האָט אוממעכטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן האַרטן צוקאָפּנס פון דער סאָפּקע.

— נעמט כאָטש אַראָפּ ס׳היטל — האָב איך שטיל אַ זאָג געטאָן צום קאָמאָרניק, ווען כ׳האָב באַמערקט, אַז ער טוט דאָס נישט. צער האָט אַ שאַרף אויער:

— אַן איידעלער מענטש! — האָט ס׳מיידל אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטילער איראָניע. די ווערטער, קוים דערהערטע, האָב איך געטראָפן לויטן ציטער פון אירע ליפּן. כ׳האָב זיך פאַרקלערט... כ׳האָב זיך געפילט אַראָפּגעפאַלן. כ׳האָב זיך געפילט אוממעכטיק קעגן אַ שוואַך, קראַנק קינד. כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די

אויגן, און ווען כ׳האָב זיי אויפגעהויבן, האָב איך דערזען אַ רחמנות־טרער אין דעם קאַמאַרניקס אויג; אַ טרער וואָס האָט באַנעצט די וויעס פון אַ מענטש, וואָס מוז שטענדיק זיין אַן עדות פון פאַרשיידענע צרות, וואָס זיין האַרץ, אויב ס׳איז נאָר פּייאיק דערצו, דאַרף פּלאַצן אויף שריט און טריט... יעדע מינוט, ביים אויספירן זיינע פונקציעס...

אָט דאָס טרויעריקע בילד איז געוואָרן פשוט שרעקלעך, ווען ס׳איז באַלד נאָך דעם אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע פון שטוב. דערזעענדיק אונדז, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ פון אַ דערשראָקענער היענע. זי האָט געקוקט אויף אונדז מיט צעמישטע, פאַריאושטע אויגן, און ווען דער קאַמאַרניק האָט קומענ־דיק צו זיך, אין נאָמען פון מלכות און געזעץ דערקלערט דעם ציל פון אונדזער באַזוך, האָט איר פאַרצווייפלונג נישט געהאַט קיין גרענעץ. זי האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, די אויגן זיינען איר פאַרלאָפן מיט בלוט און זי האָט אַרויסגעגעבן פון זיך שרעקלעכע, אָבער אומפאַרשטענדלעכע געשרייען...

— מאַמע! באַרואיק זיך — האָט וויינענדיק אַ זאָג געטאָן דאָס קראַנקע קינד — דער טאַטע וועט קומען און וועט זיך געבן אַן עצה. גאָט וועט נישט פאַרלאָזן...

אָבער דער מאַטערדיקער הוסט האָט איבערגעריסן די טרייסט־ווערטער. די ווערטער האָבן געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף דער מוטער.

— ביסט גערעכט, טאָכטער — האָט זי געזאָגט — די הערן וועלן אונדז גאָרנישט טאָן... אַלץ איז פון דער השגחה. מען מוז ליידן! מיינע הערן! איך בין גרייט אייך צו דינען... מאַכט שוין אַ תל אין גאַנצן...

— אויב דער באַלעבאָס פון שטוב, אונדזער חשובער בעל־חוב, איז נישטאָ, מוז ביים סעקוועסטער אַסיסטירן אַ פאַרשטייער פון דער פּאָליציי... — האָט מיט ווערדע און כלומרשטער קאַלטבלוטיקייט דער קאַמאַרניק אַרויסגע־רעדט. — קומט — האָט ער זיך געווענדט צו מיר — מיר וועלן עמעצן אַ זוך טאָן...

מיר זיינען אַרויס אומגעזעגנט. דאָס וואָלט געווען צביעות.

אויף דער גאַס פרעגט מיך דער קאַמאַרניק:

— צי ווייסט איר, אַז נאָך אַ מיליציאַנט וואָלט איך געקענט שיקן ווער ס׳איז?

— כ׳פאַרשטיי...

— און דאָ האָט איר זיך אָנגעשטויסן, פאַר וואָס כ׳האָב אייך אַרויסגעפירט פון שטוב?

— כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן!

— און דעריבער?

— לאָמיר פאָרן.

דער דראָשקער האָט אַ קנאַל געטאָן מיט דער בייטש און באַלד האָבן מיר דערזען די זאַמאָשטשער מויערן.

כ׳האָב אָפּגעאָטעמט.

— וויפיל קומט אייך? — האָב איך געפרעגט אַ צערודערטער דעם קאַמאַרניק.

— אַ גלעזל ביר מיט פּאַרבייסעכץ.

דער איידעלער קאַמאַרניק האָט געקראַגן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט און איך — פון דעמאָלט אָן — קויף נישט קיין וועקסלען פאַר קיין שום געלט נישט! לעאָן.

II

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערסטע העלענע!

מיר איז אומעטיק, דיר בענקט זיך — אָבער דאָס אַלץ וועט פאַרשווינדן ווי אַ חלום, מיר וועלן זיך אויפוועקן צו אַ ניי לעבן...

כ׳וויל נישט זיין אומעטיק, אונדזער שוועסטער איז אין גאַנצן געראַטן! אין דער איצטיקער מינוט האָסטו שוין באַקומען מיין צווייטן בריוו, דער איז דעריבער געווידמעט דער צוקונפט.

דאָס מעבל איז שוין איינגעקויפט, איצט פאַרמאָגן מיר אַט וואָס:

אַ גאַרניטער פאַר 90 רו״כ מיט אַ טישל אויף קאָרטן,

אַן אַלטן גאַרניטער,

אַ שאַפּקעלע אויף אַ קרעדענץ.

אַ שרייבטיש,

3 טישן (צום לייענען, אַ סאַמאָוואַר־טישל, און — צום שרייבן, אָדער אין עסצימער אַריין),

אַ ביכערשענקל (אַ געפלאָכטנס),

אַ טישלאָמפּ,

2 בעטן

אַ שפּיגל

אַ שאַפע

פון אונדזערע עלטערן א. אַז. וו., א. אַז. וו.

איצט רעכן מיר אויס, וואָס ס׳פעלט נאָך:

פון מעבל,

פון קליינינקייטן,

פון קיכגעשיר א. אַז. וו.

אַלץ איז אין אָרדענונג און דאָס אַלץ וועט ווערן איינגעקויפט. איך וואָרן דיך אָבער, אַז אָן דיין בפירושן באַפעל וועל איך נישט קויפן.

אַחוץ דעם וויל איך זיך מיט דיר אָן עצה האַלטן בנוגע מיין גאַרדעראָב: כ׳האָב צוויי שוואַרצע גאַרניטערס און איין פראַק, אָבער אַלע נישט קיין פרישע. צי וואָלט איך זיך נישט געקענט באַגיין אָן אַ גאַרניטער, אויב כ׳וועל האָבן אַ נייעם פראַק?

וואָס פאַר אַ פוטער זאָל איך זיך מאַכן?

אַ שוואַרצער גאַרניטער קאָסט דאָס מינדסטע 40 רו״כ, אַ פראַק — 18, און אַ פוטער — 60־70.

כ׳וואַרט מיט אומגעדולד אויף דיין באַפעל און עצה. זאָג מיר נישט אָפּ די בקשה און גיב מיר וואָס גיכער צו וויסן אי דאָס אי יענס, ווייל טאָן דיין וואונטש וועט זיין פאַר מיר דער ליבסטער חוב.

קיין דירה האָב איך נאָך נישט געדונגען צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, ווייל גאָר אַ באַקוועמע איז נישטאָ; צווייטנס, ווייל איר זייט מיר נישט מודיע, ווען ס׳דאַרף זיין אונדזער פאַראייניקונג.

פון יעקבן האָב איך נישט קיין שום תשובה. דאָס דענערווירט מיך. פאַרט עמעץ פון אייך קיין וואַרשע צי נישט? אויב דו וועסט פאָרן קיין לובלין, לאָז מיר וויסן, ווען דו וועסט דאָרט זיין און קליב נישט אויס די טעג פון אַראָפּפאָר.

דער משוגענער קאָרנגאָלד! מיר האָבן אָפּגערעדט צו מאַכן דיר אַ סור־פריז, דערווייל איז ער ערגעץ אַוועקגעפאָרן און מ׳זעט אים נישט. ער האָט אַ גרינעם בילעט. אַלטבערג — אַ ווייסן.

און ווי געפעלט דיר דער בריוו? אמת, ס׳פעלט אים נישט קיין פראָזע, קיין קאַלטקייט און קיין אויסגערעכנטקייט? אָבער איך מוז זיין ניכטער און זיך פאַרנעמען מיט דעם, וואָס ס׳וועט אונדז אַמאָל אנגענעם מאַכן דאָס לעבן. מען זאָגט אויף מיר, אַז כ׳שאַץ ווייניק אָפּ דעם ווערט פון געלט, וואָס ס׳איז נישט אמת. איך גיי נאָך ווייטער: איך שאַץ צו ווייניק אָפּ דאָס אַלץ, וואָס מען קען קויפן פאַר געלט! ווען נישט דער שמועס אין לענטשנע, וואָלט מיר אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז מעבל וכדומה האָבן עפּעס אַ באַטרעף, אָבער כ׳מוז אייך צו ליב טאָן און כ׳בין גליקלעך, וואָס כ׳האָב איך שוין טיילווייז צו ליב געטאָן. איך וואָלט געוואָלט, אַז דאָס אַלץ זאָלסטו אַליין שפּעטער איינקויפן, דו וואָלסט עס בעסער געמאַכט.

לאָז זשע מיך נישט איבער אויפן האַלבן וועג און באַלערן מיך ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דאָס אָנגעהויבענע ווערק. אויסטערלישע זאַכן קומען פאָר אין זאַמאָשטש! היינט האָט געדאַרפט זיין אַ באַל. איצט איז שוין 12 און כ׳בין נאָך נישט פאַרבעטן. כ׳טרייסט זיך, אַז ס׳איז אין גאַנצן קיין באַל נישט געווען, כ׳ווייס אַפילו די סיבות!

אַ גאַנצן חנוכה האָב איך נישט געמאַכט קיין „אָקע״, כ׳בין פאַרנומען. —

פרעגסט זיך נאָך וועגן מיינע ענינים. איז אַזוי: בעת יענעם [?] אַראָפּ־פאָר (פון פרידנס־געריכט) האָב איך געהאַט 9 ענינים, איינעם האָב איך בטל געמאַכט דורך אַן אויסגלייך, דריי פאַרשפּילט, דריי געוואונען און איינער איז אָפּגעלייגט געוואָרן, כדי דורכצופירן אַ וויזיע.

היינט האָב איך צוגעגרייט 6 ענינים איינצוגעבן. כ׳האָב אָנגענומען 2 אויפן קומענדיקן אַראָפּפאָר. מאָרגן וועל איך איינגעבן דעם ערשטן און איבער־קוקן דעם צווייטן.

אויפן 5טן אָקטאָבער האָב איך 5 צעטלעך צום גמינע־געריכט אין גראַ־באָוויעץ, די טעג וועל איך באַקומען 6 צעטלעך קיין אַלט־זאַמאָשטש און איינעם קיין קאַמאַרעוו. גראַבאָוויעץ איז 5 מייל פון זאַמאָשטש; אַלט־זאַמאָשטש — 2, און קאַמאַרעוו 2 אַ האַלב. אויפן 1טן אָקטאָבער האָב איך 3 געריכט־ענינים ביים פרידנס־ריכטער אין זאַמאָשטש. דעם צווייטן — איין ענין דאָרטן גופא, דעם 3טן און 4טן אַן אַראָפּפאָר. אָט איז מיין גאַנצער רעפּערטואַר, חוץ וואָס עס קען און דאַרף נאָך צוקומען דערצו. חוץ דעם דאַרף איך די טעג מאַכן 3 סעקוועסטערס* און זיין לכל הפּחות אויף איין באַל.

קען מען דען אויסהאַלטן? „וועט וועט איך אויף אונדזער גאַס זיין יום־טוב?״ — זאָגט דער רוס. לאָמיר זשע וואַרטן און זען, ווי מיר וועלן זיך נודיען מיט די געסט. און אַז זיי וועלן אַוועקגיין? אמת, ס׳וועט זיין בעסער?

מיין געהילף, דער קוזין מ. אַלטבערג,** האָט זיך מיר נעכטן מודה געוועזן, אַז ער האָט ביז אַהער בסוד געלייענט מיינע און דיינע בריוו. דיין סטיליסטיק געפעלט אים זייער, ער האָט דיר דאָס געהייסן לאָזן וויסן און גערריסן דיך מיט „הכנעה״; אויב דו ווילסט, נעם אָן זיין שבח און זיין הכנעה־דיקן גרוס. אַ פּראָפּאָ די גרוסן: סלאָמיצקי איז נאָך אין וואַרשע!

---

* דאָס איז באַגלייטן דעם קאָמאָרניק ביים אויספירן זיינע פונקציעס און דאָס איז ניט זייער איינגענעם. איינס וועל איך מאַכן ביי אַן איינגעשפּאַרטן פּריינט אויפן חשבון פונעם אַנדערן! [?]

** פּרצעס אַ קוזין. שפּעטער געוואוינט אין פּלאָצק. זע ווייטער די בריוו צו מ. אַלטבערג, נ״נ 72-73.

מיין בריוו איז לאַנג אָבער מאָגער, כ׳וויס, איך רויטל זיך, אָבער כ׳קאָן נישט זאָגן קיין ליגן: כ׳בין איצט נישט אין קיין פּאָעטישער שטימונג. כ׳בין אין אַ ווירטשאַפטלעכער שטימונג. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געשריבן און געקויפט מעבל.

צי וועסטו מיר נעמען פאַר אומגוט דעם בריוו? צי וואָלסטו געוואָלט, אַז כ׳זאָל אָפּוואַרטן מיטן בריוו אויף רוח־הקודש? צי איז דיר נישט גענוג דאָס וואָרט „כ׳האָב ליב״ אָן הויך־שוועבנדיקע צוגאָבן?

אויב ס׳איז אַזוי, טאָ זיי מיר מוחל! כ׳וועל פאַרריכטן מיין פעלער. יעדנ־פאַל וועל איך דעם בריוו ענדיקן אין דער פרי... דאָס וועטער איז אַזוי מיאוס, פינצטער, נאַס און קאַלט, אַז — וויל יאָ, וויל נישט — מוזסטו זיך אונטערגעבן דער נאַטור. ביז מאָרגן! ביז מאָרגן, מיין טייערע! וואָס ס׳וועט זיך מיר חלומען, וועל איך דערציילן! איך זאָג־צו זיך אויסצובעסערן. אַ גוטע נאַכט!

כ׳קוש דיינע הענט

דיין

לעאָן.

12

צו דער כלה

(פון פּויליש)

טייערע העלענע!

צוריקגעקומען פון אַראַפּפאַר, האָב איך געפונען דעם זיסן סורפּריז — דיין פאָטאָגראַפיע! איך דאַנק דיר, אָבער מיט אַ פאָטאָגראַפיע דיר אָפּדינען קען איך נישט, מחמת דער זאַמאָשטשער פאָטאָגראַף איז נישט פייאיק און טויג אויף כפרות. קיין סך קען איך דיר נישט שרייבן, ס׳ווערט שוין געעפנט די ציצונג פון אַראַפּפאַר.

דיין

לעאָן פּרץ.

10טן אָקטאָבער, 1877.

13

צו דער כלה

(פון פּויליש)

טייערע העלענע!

אָט איז שוין, גאָט צו דאַנקען, נאָכן אַראַפּפאַר! כ׳האָב געהאַט 7 ענינים, פון זיי 2 קרימינעלע. כ׳בין אַרויס מיט אַ זיג, כ׳האָב געוואונען 5, פאַר־

שפילט איינעם (אַ ציווילן), דעם 7טן האָב איך בטל געמאַכט — די צדדים זיינען דורכגעקומען. אָבער נאָך אַלעמען — וואָס פאַר אַ מאַטערניש עס איז דער אַראָפּפאָר. לכתחילה האָבן מיר כאָטש געהאַט גוזעלשאַפט. אונדזער אַריסטאָ־קראַטיע פוןביידע מינים איז נייגעריק געווען צו זען, ווי אַזוי משפט מען עס און מען פאַרטיידיקט אויף רוסיש, ד. ה. אויף דער שפּראַך פון „סמאָלע״, אָבער זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שטאָף פאַר וויצן, האָט מען זיך אויפגעהערט צו וויזן.

ס׳איז אויך געשען אַ סיבה. איינער פון די פאַרטיידיקער האָט געליטן אַ פיאַסקאָ — מען האָט אים געכאַפּט בשעת מעשה, וואָס שמעקט מיט קרימינאַל. די אויספאָרשונג גייט. וואָס איז דערפון געדרונגען? איצט וועט מען זאָגן: „דער ייד דער שווינדלער״.

אָבער, אָבער: כ׳האָב אַ פולן קאָפּ מיטן אַראָפּפאָר, אַז כ׳האָב פאַרגעסן דיך צו באַדאַנקען פאַר דער פאָטאָגראַפיע, וועלכע איז מיר אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל. נישט באַקומענדיק דערצו קיין שום בריוו, קען איך נישט גלייבן, זי זאָל שטאַמען דירעקט פון דיר.

כ׳קען אָבער נישט פאַרשטיין דעם פּלאָנטער מיט דער פּאָסט! דאָס לעצטע מאָל האָב איך אויף מיינע דריי בריוו באַקומען איין פאָטאָגראַפיע.

נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן, בין איך נישט זיכער, צי די דערמאָנטע בריוו זיינען דערגאַנגען צו דיר! גאָט ווייסט!

גאָט, מיין גאָט! וואָס פאַר אַן אָרדענונג עס איז דאָרטן אויף דער פּאָסט!

דער יונגער קאָרנגאָלד וויל דיין פאָטאָגראַפיע מאַכן אין קאָלירן. איך דערלויב אים אָבער נישט, ווייל כ׳בין נישט זיכער, צי ער האָט טאַלענט. דעם אמת זאָגנדיק, איז די פאָטאָגראַפיע גאַנץ מיטלמעסיקע אַרבעט, די סיטואַציע איז עפּעס גאָר אַן אַ זינען, און ווען כ׳וואָלט דיך נישט געקענט, וואָלט איך געהאַלטן, אַז דו ביסט אומגעשיקט און עלטער מיט עטלעכע יאָר.

דיין פאָטאָגראַפיע פאָדערט פירושים. יעדן איינעם מוז איך טייטשן עפּעס אַנדערש. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט זי מיר אָבער פאַרשאַפט די גרעסטע הנאה און כ׳דאַנק דיר אויפריכטיק פאַר איר.

כ׳האָב מיך שוין עטלעכע מאָל געקליבן קיין לענטשנע, אָבער כ׳האָב עס צוליב דיין שולד נישט געקענט דורכפירן. די מעשה איז, וואָס ביי אייך אין דער היים איז נישטאָ קיין איין מאַנספאַרשוין. דער פאָטער איז אין פעטער־בורג, דער ברודער אין דאַנציק, פּאַסט מיר נישט צו פאָרן. כ׳וואָלט דיך באַ־ליידיקט. האָסט מיר נישט באַדאַרפט אָנזאָגן, אַז דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן — וואָלט איך גישט געוואוסט און פאָרטיק. דאָס איז נאָך גאָרנישט וואָס איך ווייס, אָבער אַלע ביי אונדז ווייסן שוין אויך.

יאָ, יאָ, מיין העלענע, כל־זמן ס׳וועט נישט צוריקקומען דער פאָטער אָדער דער ברודער, טאָרן מיר אַפילו נישט חלומען וועגן זען זיך. געזעלשאַפטלעכע מנהגים זיינען אומבאַרירלעך. די עטיקעטע דאָס איז אַ גרויסע קאַלטע האַרינטע, זי טרעט מיט איר פוס מענטשלעך גליק, און קיינער האָט קיין העזה נישט זיך צו קלאָגן.

און ווען דו וואָלסט אַזוי פון העלער הויט מיר מודיע געווען, אַז עמעץ פון זיי איז געקומען צו פאָרן? וואָס מיינסטו? און ווען טאָקע מיינען עס צו קומען אָט די וואַנדערער? אויף יעדן פאַל וואָלט דאָס ערשטע געווען אַ חטא, וואָס מ׳קען פאַרענטפערן, איך וואָלט דיר דער ערשטער מוחל געווען דעם ליגן, נישט אמת?

העלענע! האָב רחמנות, זיי נישט אַזוי קאַרג אויף בריוו. שרייב אָפטער און מער, ווייל דער אומעט הרגעט מיך דאָ אַוועק. — כ׳בין נישט געזונט שוין עטלעכע טעג, אָבער דאָס איז גאָרנישט. ס׳רעגט מיך בלויז אויף דער דאָקטער, וועלכער וואַגט, שטעל זיך נאָר פאָר, צו האַלטן, אַז איך בין געזונט. אָבער אַ געלעכטער אָן אַ זייט. דער אַראָפּפאָר האָט מיך אויסגעמאַטערט, און ווען נישט די פאַרזיכערונגען פון מיין פריינט דעם דאָקטער, וואָלט איך געטראַכט וועגן די קאָנסעקווענצן פון דער קראַנקהייט! אָבער ער האָט מיר פאַרשריבן אַ קאָטלעט מיט רויטן וויין; אַ ביטערע רפואה, אָבער מ׳טאָר נישט איבער־קלייבן! דער חולה מוז פאָלגן דעם דאָקטער, אַז נישט קאָן ער נאָך גיכער — געזונט ווערן.

העלענקע! זיי מיר מוחל, וואָס אין מיינע בריוו איז דאָ אַ לייכטער שפּאַס... נעם נישט פאַר אומגוט מיין גוטע שטימונג, וועלכע וואַקסט אַרויס פונעם גליק, וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט!

אין גליק און אין פרייד
פרעג איך זיך אַליין:
אָן דיר, אָן דיין ליבע
וואָס וואָלט איך געווען?

וואָס איך וואָלט געווען? אַ לאַנגווייליקער, אַ קאַלטער, אַ ליידנדיקער... און איצט?

כ׳וויס, פאַר ווענען כ׳אַרבעט שווער,
כ׳וויס, פאַר ווענען כ׳שטרענג זיך אָן;
און אויב יסורים שווערע ווי שטיין,
רופן אַרויס אַ מאָל אַ טרער,
ס׳בלייבט נישט אָן אָפּקלאַנג דאָס געוויין,

ווייל ליבע זי איז דער מלאך דער היטער
וואָס צירט דאָס לעבן
און לאָזט דעם טויט נישט זיין ביטער.

פע! וואָס עפּעס טויט! צו יונג זיינען מיר צו זינגען אַזעלכע לידער!
איך וויל לעבן — און מיט דיר — ווייל אויף אייביק ליבט דיך
דיין משוגענער
לעאָן.

איך נעם זיך רעכט דיר צו מאַכן אַ באַמערקונג, מיין טייערע, אַז באַנוצן אויף אַן עקספּרעס „יעוואַ וויסאַקאָראָדיו" איז — נישט... נישט... נישט אויפן אָרט און שוין! כ'בין ניט קיין „בלאַגאָראָדיע", נאָר דיין אייביק דיך ליבנדיקער
לעאָן.

19 אָקטאָבער, 1877.

14

צו דער כלה

(פון פּויליש)

טייערע העלענע!

דו שרייבסט, אַז איך קען זיך נישט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ יסורים מען שטייט אויס ווען מען באַקומט נישט קיין ידיעות. ס'איז מאָדנע, וואָס דו פאַרשטייסט נישט, אַז די יסורים קען איך אַליין! און מיר קומט אָפּט מאָל פאָר, אַז דו, מיין טייערע, קענסט גאָר קיין השגה נישט האָבן פון מיינע יסורים. ווען כ'וואָלט נישט מורא געהאַט, אַז דו וועסט מיר פירהאַלטן פאַרשווענדעריש־קייט, וואָלט איך זיך מיט דיר דורכגערעדט טעלעגראַפיש, מחמת די לענטשנער פּאָסט איז מיר שוין צו פיל אַריין אין די ביינער. אַזוי צי אַזוי, איז דיין אומרו, גאָט צו דאַנקען, געווען אומזיסט. דער ברודער מיינער איז אַרויסגעפאָרן פון דאַנען געזונט ווי אַ פיש. מיר האָבן שוין אַפילו באַקומען זיינע בריוו פון לעמבערג און פון זבאַרעש. מיר דאַכט, אַז אויך דיר האָט ער שוין געוויזן סימנים פון לעבן. — ס'איז אונדז באמת שווער געווען זיך צו שיידן, אָבער מיין אויסדרוק: „מיט וועמען כ'וועל זיך שוין גאָט ווייסט ווען זען" — דאַרף מען נישט מעסטן מיט קיין אייביקייט, נישט מיט קיין יאָרהונדערט, נישט מיט קיין יאָרן אַפילו, מחמת יוסף מוז זיין אויף אונדזער חתונה. און איך קען אַדאַנק דיר, העלענקע, נישט זיין אַזוי אומגליקלעך, קרענקען איז נישט מיין טבע, און אויב דו באַקומסט פון מיר נישט קיין תשובה, מעגסטו פאַרשטעלן אייער פּאָסט, אָבער זיין אומרואיק, איז נישטאָ וואָס. —

דו ווילסט, איך זאָל דיר שרייבן וועגן די ענינים. דו ביסט גערעכט און האָסט רעכט צו פאָדערן פון מיר דערקלערונגען וועגן דעם מאַטעריאַלן יסוד

פון מיין עקזיסטענץ, אָבער איך קען דיין פאָדערונג נישט אויספירן, מחמת דו ענטפערסט מיר נישט וועגן דעם ענין, כ׳קען דעריבער נישט וויסן אויף וויפיל דו האָסט מיך פאַרשטאַנען, וועלכע אויפקלערונגען דו דאַרפסט האָבן א. אַז. וו. דו שרייבסט ווידער, אַז ווען כ׳וואָלט געקאָפּירט מיינע בריוו אַזוי ווי דו, וואָלט איך אַזאַ מין בריוו ווי מיין פריערדיקער נישט אָנגעשריבן. דו זאָגסט, אַז די סיבה פונעם בריוו האָט געמוזט זיין אַ שלעכטע שטימונג... ווייל ווען נישט דאָס, וואָלט איך דיך, האַלטסטו, נישט חושד געווען, אַז דיינע בריוו גייען דורך אַ פרעמדע צענזור!

פון די ווערטער דרינג איך, אַז דו האָסט זיך באַליידיקט, אַז דאָס האָט דיר ווייִ געטאָן און דיך פאַרדראָסן — און אַז אין דיין ברוגז האָסטו אָנשטאָט דער צענזור פון דיין אייגענעם שכל גאָר איינגעזען, אַז איך שרייב וועגן אַ פרעמדער צענזור.

העלענע! צי האָסטו כאָטש געקענט אויף איין רגע טראַכטן, אַז איך וויל דיך באַליידיקן, צי האָסטו געקענט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז שרייבנדיק צו דיר, ד. ה., טראַכטנדיק וועגן דיר, האָב איך געקענט זיין אין אַ שלעכטער שטימונג? איך גלויב נישט... נאָר אויף יעדן פאַל, אויב דער בריוו מיינער האָט גורם געווען דיין ווייטאָג, דיין כעס כאָטש אויף איין רגע, אויב דו האָסט אַפילו אויף איין ווילע זיך געפילט אין געדאַנק געטראָפן — בעט איך ביי דיר מיט טרערן: זיי מיר מוחל!

וואָס איז שייך קאָפּירן, זאָג איך זיך אָפּ בפירוש, ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלט איך קיין איין בריוו נישט אָנגעשריבן קיין מאָל, מחמתביים איבערשרייבן מאַך איך אַ ים מיט גרייזן, כ׳מאַך נאָר קאַליע פּאַפּיר און מער גאָרנישט. אַ ראיה האָסטו פון מיינע רוסישע בריוו, וואָס ווערן צוליב דורכגעגעצטקייט איבערגעשריבן און זיי האָבן אין זיך כמעט אַזוי פיל גרייזן וויפיל ווערטער.

ווייסט וואָס פאַר אַ מעשה ס׳האָט פּאַסירט מיט דיין פאָטאָגראַפיע? קיינער האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז איך זאָל נישט האָבן דיין פאָטאָגראַפיע. ס׳איז מיר געבליבן אָדער שווערן פאַלש אָדער זי צו ווייזן. כ׳האָב אויסגעקליבן דאָס לעצטע. כ׳האָב געוויזן. אויב אַזוי, איז שוין ניט געווען וואָס צו באַהאַלטן מער, האָב איך געקויפט אַ רעמל און דיין פאָטאָגראַפיע שיינט אויבנאָן אויף מיין שרייבטיש. יעדער איינער פרעגט, ווער פון די דריי איז די הערשערין פון מיין האַרצן און צוליב דעם האָב איך געמוזט יעדערן דערציילן די גאַנצע מעשה מיט דער פאָטאָגראַפיע. יעדער איינער האָט פירגעהאַלטן, וואָס דו האָסט מיר נישט געגעבן דיין אייגענע. וואָס זשע האָב איך געזאָלט טאָן? אַראָפּנעמען דיך פון טיש איז מיר געווען אַ שאָד, כ׳האָב זיך נישט געקענט צעשיידן מיט דיין בילד, לסוף איז מיר געקומען אַ גליקלעכער געדאַנק: כ׳האָב דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע... ווי אַ רעזולטאַט פון דער אָפּעראַציע איז פרל׳

גאָלדבערג אין איינעם מיט דער צווייטער פריילין אָוועק אין קויש אַריין און דו ביסט ביי מיר פאַרבליבן איינע אַליין אין מיניאַטור. כ׳האָב מורא אַריינצו־קוקן אין קויש, ווער ווייס וואָס פאַר אַ נאָז עס מאַכט דאָרטן פרל׳ גאָלדבערג...

Requiescat in pace!...—

נעכטן איז געווען ביי מיר אַ יידל פון שעברעשין... ער איז אַ לענטשנער געבוירענער און קען דיין גאַנצע משפחה חוץ דיך... ווייל ער קוקט נישט אויף קיין יונגע פריילינס. ער האָט דיך זייער געליבט פון הערן און ס׳האָט אים בלויז פאַרדראָסן, וואָס דו קריגסט אַ מאַן אַ „גוי״, וועלכער זיצט אין דער היים מיטן בלויזן קאָפּ, מחמת דו קענסט נאָך אַליין קאַליע ווערן!

צו דיין דערמאָנען וועגן די נודנע, לאַנגע טעג פון די ימים־טובים, קומט איצט צו מיין פאַרדראָס, וואָס כ׳האָב נישט געקענט פאָרן צו דיר. אויך איך האָב גוט פאַרבראַכט, דעם גאַנצן שמיני־עצרות און שמחת־תורה האָב איך נישט געגעסן און נישט געשלאָפן און כ׳האָב קוים געקענט דאַווענען...

אוי, איז דאָס אַ מאַטערניש דער אַראָפּפאָר!

כ׳רייס איבער דאָס שרייבן, מחמת דער פרידנס־געריכט לאָזט מיך נישט לעבן אין פרידן.

כ׳פאַרבלייב

דיין לעאָן.

די איבעריקע בריוו וועל איך אַרויסשיקן מיט דער צווייטער פּאָסט.

לעאָן.

15

צו דער שוועגערין

(פון פויליש)

געליבטע שוועגערין!

כ׳האָב מיט דאַנק געלייענט אייער בריוו. איך האָף, אַז איר וועט נישט לאַנג געדענקען דעם ברוגז און שטייענדיק אין גיכן אין אַ נעענטערער קרובה־שאַפט, וועלן מיר אונדזערע הערצער נישט לאָזן מיט זיך [?].

פאַר וואָס שרייבט צו מיר נישט העלענקע נומ׳ 2 אַליין? צי איז עס פאַר מיר אַ צו גרויסער כבוד? אָדער זי איז אַזוי נישט באַשטענדיק ווי „דער קאָרעק אויפן קלויסטער״. —

צו אייער מאַן, גנעדיקע פרוי, האָב איך געשריבן קיין טויערן און כ׳וואַרט יעדן טאָג אויף זיין בריוו.

כ׳פאַרבלייב מיט דרך־ארץ און דאַנק, גרייט אייך צו דינען,

לעאָן פּרץ.

16

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

דיין בריוו, וואָס פאַרשיכורט און איז פול מיט ליבע, האָפענונג און גליק, האָב איך באַקומען. אָ! וואָס פאַר אַ לוסטיקער חלום! מיר האָבן אין חלום צוזאַמען פאַרברענגט אין לובלין, געקויפט עפּעס קליינינקייטן און געפלוידערט זייער פריילעך! דער חלום איז גאָר פראַכטיק, אָבער ווי פאַר מיר צו אומ־שולדיק. מיינע חלומות זיינען שענער! מחמת אַלץ שפּילט זיך אָפּ אין זאַמאָשטש און מיר קויפן קיין זאַך נישט איין, ווייל מיר זיינען זאַט איינער מיטן אַנדערן און ס׳פעלט אונדז קיין זאַך נישט... מיר זיינען אין אונדזער אייגענער דירה... דו קוקסט אויף מיר מיט דיין מילדן שטראַליקן בליק און איך גנבע אַ קוש נאָך אַ קוש פון דיינע ליפּן... דו וועסט געוויס מודה זיין, אַז איך קען בעסער חלומען...

אָבער ווייסט וואָס פאַר אַ פאַרדראָס איך האָב? שטעל זיך פאָר, אַז איינער פון דיינע בריוו איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף דער פּאָסט. כ׳טרייסט זיך בלויז מיט דעם, וואָס אין גיכן וועט שוין נעמען אַ סוף צו אונדזערע שריפט־לעכע באַציאונגען.

ס׳פריט מיך זייער, וואָס מיין יוסף איז דיר אַזוי געפעלן געוואָרן, אָבער וואַרף זיך נישט אַזוי מיט דיינע קושן, ווייל דאָס איז מיין אוצר. אייפערזיכטיק וועל איך אָבער נישט זיין, ווייל קושן אויפן פּאַפּיר האָבן אַ קליינע ווערדע, איבעריקנס צוזאָגן איז גענאַרן; אָבער מיין יוסף איז גאָר נישט קיין נאַר... אָבער אַ געלעכטער אָן אַ זייט.

דיין פאָטאָגראַפיע געשיקט, אַזוי ווי דו האָסט עס פאַרלאַנגט. כ׳בין נייגעריק צו וויסן, ווי דו וועסט אים געפעלן ווערן, ווייל קיין שום בריוו האָב איך פון אים ביז איצט נישט באַקומען, מחמת כ׳האָב צו אים ביז אַהער נישט געשריבן. „שרייבן בריוו איז איינע פון די שווערסטע זאַכן אין דער וועלט״, זאָגן לייט. אוי, גלייב איך זיי! דערצו נאָך, אַז מען איז אַזאַ פוילער ווי איך.

אין וואַרשע האָב איך אַ סך פריינט. פון יעדערן האָב איך שוין באַקומען צו עטלעכע בריוו און אַנצושרייבן אַ תשובה האָב איך מכלומרשט קיין צייט נישט, ווייל כ׳פויל מיך...

אַדאַנק דער פאַרשאָלטענער פּאָסט האָט זיך אין אונדזער קאָרעספּאָנדענץ אַריינגעכאַפּט אַ כאַאָס. כ׳ווייס קיין מאָל נישט, אויף וועלכן בריוו כ׳האָב דיר צו ענטפערן... פראַגעס בלייבן נישט פאַרענטפערט און אויב איך דערוויס זיך שוין עפּעס, איז שטענדיק נישט צו דער צייט... די געדאַנקען ווערן פאַר־

פלאָנטערט און פון קיין גאַנצקייט איז קיין סימן נישטאָ... כ׳קען קיין מאָל נישט נאָכקאָנטראָלירן, וואָס כ׳האָב דיר געשריבן, און דערפאַר ווייס איך נישט וועגן וואָס כ׳דאַרף דיר מודיע זיין, ס׳רייסט זיך אַ פעדעמל נאָך אַ פעדעמל, ס׳פאַרבלייבט נאָר איין גאָלדענער פאָדעם, וואָס אַרום אים פלעכטן זיך אונ־דזערע געדאַנקען, ווי בלעטער פון וויינשטאָק — אונדזער ליבע און דער גלויבן אין ליבע... אָ, ווען וועט שוין מקוים ווערן מיין חלום! —

זיי מיר געזונט, מיין טייערע, ביז צום ליבן זען זיך, ווי ווילסטו? אין לובלין צי אין זאַמאָשטש? אַ גוטע נאַכט!

עס ליבט דיך אייביק

דיין לעאָן.

זאַמאָשטש, 21 אָקטאָבער, 1877.

17

צו דער שוועגערין

(פון פויליש)

טייערע שוועגערין!

דאַנקענדיק אייך פון גאַנצן האַרצן דערפאַר וואָס איר געדענקט גנעדיק אין מיר, ווענד איך זיך צו אייך מיט דער בקשה מודיע צו זיין מיר דעם אַדרעס פון אייער מאַן, פון מיין חשובן שוואָגער. איך דאַרף אים עפּעס צו וויסן טאָן וועגן אונדזערן אַ שותפישן ענין. איך גערים מיין קליינער, חנעוודיקער העלענקען, כ׳וואָלט וועלן זי אַ קוש טאָן, אָבער דירעקט, ווייל קיין צאַצקעלעך האָב איך נישט ליב!...

מיט דרך־ארץ

לעאָן פּרץ.

18

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

דיין בריוו האָט מיך דערפרייט און פאַרשאַפט אויך עגמת־נפש. איך צייג זיך איבער, אַז כ׳בין ניט מסוגל ווי ס׳געהער צו זיין אַרויסצוברענגען מיינע געדאַנקען און ווייל כ׳זינדיק מיט אומקלאָרקייט אין שרייבן און מיט אַ נייגונג צו גראַמען, ווער איך פון דיר שלעכט פאַרשטאַנען... וואו, רבונו של עולם, האָסטו געפונען איראָניע? צי איז מיין שפּאַס געווען אַזוי ווייט אומגעלומפּערט, אַז ער האָט געקענט גאָר דערמאָנען אַזוינס? צום אומגליק האָב איך נישט קיין קאָפּיע, איך זאָל מיך קענען איבערצייגן אין דעם!

שרייבנדיק דיר אַ בריוו, האָב איך שטענדיק חשק דיך פריילעך צו מאַכן, אַריינברענגען דיך אין דער בעסטער שטימונג, אָבער — דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט — קיין מאָל ווייס די פּיל נישט, וואו זי וועט טרעפן. און ס׳קומט שטענדיק אַרויס קאַפּויער און מיינע בריוו באַליידיקן דיך אָדער זיי פאַרשאַפן דיר עגמת־נפש.

אָבער נישט נאָר אין שרייבן... אין רעדן בין איך אויך אַזאַ. בעת כ׳וויל לויבן, באַליידיק איך, דערפרייען — מאַך איך אומעטיק. אונטער אַן אומגליק־לעכן שטערן בין איך, ווייזט אויס, אין דעם פּרט געבוירן געוואָרן.

אָבער כדי אויסצומיידן אומפאַרשטענדעניש אויף ווייטער, דערקלער איך דיר פּייערלעך, אַז אין אַלץ זיינען שולדיק צוויי זאַכן: דאָס וואָס כ׳אייל זיך און וואָס כ׳דריק שלעכט אויס מיינע געדאַנקען. —

איבערמאָרגן ווידער אַן אַראָפּפאָר. ביז אַהער האָב איך בלויז 3 ענינים, אפשר וועט נאָך צוקומען. כ׳פריי זיך נאָר, וואָס כ׳האָב דערווייל בלויז ציווילע ענינים, מחמת ביי קרימינעלע ענינים ציטער איך פאַר אומזיכערקייט... אין אַ קרימינעלן ענין, וואו פון דער פאַרטיידיקונג העננט אָפּ דער גורל, דער גוטער נאָמען און די פרייהייט פון אַ מענטשן, פיל איך דאָס גאַנצע אחריות, וואָס פאַלט אויף מיר, און כ׳ציטער ווי אַ בלאָט בעת אַ שטורעם, מען זאָל דעם ענין ניט פאַרשפּילן מחמת מיין שולד. —

דערפאַר האָט מען דעם אמתן שכר, בעת מען געווינט — אַ טרער פון דאַנקבאַרקייט!

פאַרדינט צי נישט?

אין גאָט ווייסט!...

צוזאַמען מיט דיין בריוו האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון רובינ־שטיינען דעם פאָטער צום זון, וועלכער איז דערווייל אין זאַמאָשטש נישטאָ; ער דאַרף קומען פאַרטאָג, וועל איך דיר דורך אים שיקן דעם בריוו.

רובינשטיין האָט געזאָלט צוריקקומען 7 אָוונט. איצט איז האַלב איינס (כ׳שרייב אַזוי שפּעט, ווייל ביז איצט האָב איך געהאַט געסט, פון וועלכע דו קענסט איינעם; דאָס איז עליאַשבערג). מאָרגן הכנות צום אַראָפּפאָר, איבער־מאָרגן הונגער און לאַנגווייליקייט...

באַלד נאָכן אַראָפּפאָר וועל איך דיר אָנשרייבן אַ בריוו און כ׳וועל שוין דעקן דעם חוב, מחמת דער הייניקער בריוו איז קורץ.

כ׳גריס די עלטערן, דעם שוואָגער און די שוועגערין.

אַ גוטע נאַכט!

דיין

לעאָן פּרץ.

נאָוועמבער 1, 1877.

19

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

פאַרנומען מיט די הכנות צו דער סעסיע פונעם אַראָפּפאַר, קען איך פאַרט נישט נישט שרייבן צו דיר, וויבאַלד ס׳מאַכט זיך אַ געלעגנהייט. דער בריוו, וואָס כ׳האָב געשיקט נעכטן מיט דער פּאָסט, וועט זיך פאַרשפּעטיקן, כ׳מוז דעריבער איבערחזרן דאָ דעם אינהאַלט זיינעם, ד. ה. פאַרזיכערן דיך, אַז אין מיין פריערדיקן בריוו איז נישט געווען קיין שום איראָניע... דער געדאַנק וועגן „קלאַפּ״ ווייזט מיר אויס צו זיין משונהדיק און שטיצט זיך אויף השערות, כ׳בין פּשוט געווען פריילעך, כ׳האָב זיך געוויצלט און געוואָלט דיך לוסטיק מאַכן.

כ׳האָב איצט מבקר חולה געווען דעם יונגן קאַרנגאָלד, וועלכער איז, אַרויסציענדיק דעם נומער 1, פאַר שרעק קראַנק געוואָרן און האָט אַזוי פאַרלאָרן די חושים, אַז חוץ אַן „אַקע״ איז ער נישט מסוגל מיט קיין שום זאַך זיך צו פאַרנעמען.

די גוט געצאָלטע בייטל־שניידערס פאַרזיכערן, אַז ער וועט אין עטלעכע טעג אַרום אין גאַנצן געזונט ווערן און ער וועט אַפילו מעגן אַרויסגיין. ווי די שפּיל מאַטערט! דער עיקר מיט דאַמען! זיי ציטערן איבער יעדן גראָשן, נודען זיך ביי דער מינדסטער מפּלה, ווערן רויט און בלאַס און — קאַפּריזן אין קוואַדראַט! כ׳האָב געוואונען עטלעכע און זיבעציק קאָפּיקעס... כ׳האָב געהאַט אַ גוטע קאַרט, כ׳וואָלט געוואָלט, אַז אויך מאָרגן זאָל מיר דער מזל אַזוי צושפּילן!

היינט איז געווען ביי מיר אַ קליענט, אַ דאָרפישער שלאַכטשורע.

דערזען אויפן שרייבטיש דיין פאָטאָגראַפיע, האָט ער אַ פרעג געטאָן, צי דאָס איז מיין ווייב. In spe — האָב איך געענטפערט.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען און צוגעגעבן: — „איר וואוינט צו ענג! כ׳האָב געמיינט איר זייט אַ בחור, איז נאָך ווי עס איז, אָבער אַזוי...״

—דאָס ווייב איז אַוועקגעפאָרן... האָב איך מיך געדונגען אַ קלענערע דירה, מחמת ס׳לעבן איז טייער — האָב איך אים געזאָגט אַ ליגן...

— וואוהין?

— אין די בעדער...

— ווינטער?

— אַ קאַפּריז!...

— אוי, די ווייבער! די ווייבער!—האָט ער אַרויסגערעדט סענטימענטאַל.

כ׳וואָלט געשוואָרן, אַז ער וואָלט זיך געוואונטשן אַזאַ קאַפּריז פון זיין ווייב... אַ קסאַנטיפּע אָן סאָקראַטעסן.

— פונדעסטוועגן גראַטוליר איך אייך — האָט ער געזאָגט.

— פאַר וואָס ?

דער ענטפער איז געווען אַ קאָמפּלימענט פאַר דיר ; כ׳חזר אים נישט איבער, מחמת דו ווייסט אַליין, אַז איך ווייס — דו ביסט שיין — נישט אמת ?

— און איר בענקט נישט נאָך אייער בעסערער העלפט ? — איז ער נאָך אַלץ צוגעשטאַנען.

— אויך מיר אַן עסק ! בענקען נאָך קאַפּריזן !

— אָבער דאָס מוז דאָך קאָסטן דער טייוול ווייסט ווי טייער !

— טייער, פאַניע, ווי די פרייהייט.

כ׳האָב געדאַנקט גאָט, ווען ער האָט באַצאָלט און איז אַוועקגעגאַנגען.

זעסטו, וואָס פאַר אַ שם איר האָט ביי מענער ! היט זיך, מיר זאָלן אייך נישט נעמען אויפן צימבל !

ס׳שטייט שוין סיי ווי אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן עמאַנציפּאַציע — פון די פאַנטאָפל... אָדער פון די אונטערפאַנטאָפל.

כ׳ענדיק מיין לייכטזיניק־פריילעך־וויציקן ליבע־בריוו מיט דער פאַר־זיכערונג, אַז קיינער קען דיך אַזוי נישט ליבן, ווי עס ליבט דיך

דיין לעאָן.

נאָוועמבער 3, 1877.

20

צו דער כלה

(פון פּויליש)

טייערע העלענע !

ווי ס׳ווייזט אויס, איז עס שוין אַזוי פאַרשריבן אין דעם ספר פון די באַשערונגען, אַז אונדזער קאָרעספּאָנדענץ זאָל זיך האַלטן אויף די כסדריקע קעגנזייטיקע טענות : ווייזט אויס, קאָצעבו איז גערעכט געווען, זאָגנדיק :

“Wir suchen früh und spät
“Das Bittere im Kelche,
“Wer keine Leiden hat
“Sucht sich welche.”

דיין טענה אָבער איז די אומגערעכטיקסטע אין דער וועלט. דו פרעגסט, צי כ׳ווייס, וואָס דאָס איז אומזיכערקייט ? איך ווייס בפירוש נישט, ווייל צו

שטאַרק געטרויט איך דיר, אַז דאָס מינדסטע וואָלקנדל פון ספקות זאָל קענען פאַרשטעלן די העלע בלויקייט פון מיין הימל! דערפאַר ווייס איך, וואָס איז אַזוינס בענקשאַפט. איך ווייס, וואָס דאָס הייסט צו זיין מיט דער לאַסט פון גוף אין זאַמאָשטש, און מיט דעם באַפליגלטן געדאַנק און מיט דער הי׳ץ אין האַרצן ביי מיין באַשערטער... גלייב מיר, אַז אונדזער צעשיידונג קאָסט מיך טייער, כ׳צאָל פאַר איר מיטן געזונט... כ׳האָב געוואָלט זיך פאָטאָגראַפירן, כ׳זע אָבער אַזוי שלעכט אויס מיטן פאַראומערטן פנים — און אַ גרויסער פאַרשוין בין איך דאָך בכלל — וואָלסטו זיך באמת געקענט גאָר דערשרעקן פאַר מיר.

וואָס בין איך אָבער שולדיק, אַז צוויי מאָל אין חודש קומט פאַר אַן אַראָפּפאָר פון די פרידנס־ריכטער און די איבעריקע צייט גייט אַוועק אויף זיצונגען פון דער ערשטער אינסטאַנץ?

וואָס בין איך שולדיק, אַז גראָד אויף דעם טאָג, ווען איך באַשטים אויף אַרויסצופאָרן, באַשטימט דער פרידנס־ריכטער איינעם פון מיינע ענינים? דורכלאָזן אַזאַ זאַך וואָלט געווען נידעריקע געמיינקייט!

טייערע העלענע! אין דיינע בריוו פאַרזיכערסטו מיך, אַז דו גלייבסט אין מיין הייסער ליבע און דאָך הייבסטו גאָר אָן צווייפלען, צי וויל איך זיך מיט דיר זען! ווי אַזוי פאַרבינדט מען די עקסצענטרישקייטן? צו וואָס דאַרף מען דאָס אַריינטריפן אַ ביטערע טרער אינעם בעכער פון גליק? פאַר וואָס ווילסטו נישט פאַרשטיין, אַז דער איינציקער (ביי היינטיקן טאָג) פאַרלאַנג פון מיין פלאַמיקער נשמה איז קומען צו דיר. דאַרף איך פאַלן דער אומרואיקער ליבע דיינער צו די פיס מיט אַ שבועה? וואָס פאַר אַ שבועה איז אָבער הייליקער פאַר אונדזער געפיל און צי איז דאָס געפיל גופא ניט ערב צום בעסטן?

"O Trennung, Trennung! wer noch nich erfahren,
"Mit welcher Qual dein Gift das Herz zerreisst...
"Der, sei er noch so grau an Kraft und Jahren
"Er weiss doch nich was wahrhaft leiden heisst."

אָבער, גאָט! דיין בריוו האָט מיך שוין צו שטאַרק אומעטיק געמאַכט. קורץ און בינדיק — ס׳וועט אַפילו קיין חודש נישט נעמען און נישט קיין דריי וואָכן, ווי דיינע הענטלעך וועלן אויפפלאַמען פון מיינע פייערדיקע קושן! כ׳שווער דיר און די שבועה וועל איך הייליק האַלטן: זאָל זיך זיין, וואָס עס וויל, כ׳וועל נישט דערלאָזן, אַז מיין העלענע זאָל האָבן פאַרדראָס —
ביזן טויט וועט דיך ליבן

דיין לעאָן.

21

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערסטע העלענע!

בין איך נישט געווען גערעכט, זאָגנדיק אין איינעם פון מיינע בריוו, אַז איבער אונדז הענגט עפּעס אַ פאַטום פון אומפאַרשטענדענישן:

זאָג, ביז וואַנען וועט שרעקן
אונדזער ליבע דער נישטיקער געשפּענסט,
צי וועט נישט פטור יוערן פונעם געשפּענסט
די ריינע ליבע... דער שותפישער גלויבן?...

ווידער אַן אומפאַרשטענדעניש! ווידער אַ קלאָגן זיך! באַשולדיקסט מיך... וואַרפסט מיר פיר — שאַרף, אָבער (דיינע ווערטער) פאַרדינטערהייט!

איך ווער באַשולדיקט אין אומקאָנסעקווענץ, צווייפּנימדיקייט... כ'האָב פאַרטיידיקט די עטיקעטע און כ'האָב עובר געווען אויף דער עטיקעטע... נישט וואָר?

דו האָסט געזאָגט, אַז דו ביסט צופרידן פון מיין גוטער שטימונג, וועל איך דיר אויפזינגען אַ קראַקאָוויאַקל:

וואַקסט אַ קוסטעלע אין פעלד,
מאַלינעס צעבליען זיך,
כ'האָב האַרציק ליב אַ מיידל,
בלאָזט זיך אָבער ס'מיידל!
ס'זינגט אומזיסט דער סאָלאָוויי,
די רויז טוט ניט קיין ציטער,
מיין מיידל בייזערט זיך
און ס'איז מיר אומעטיק אויף דער נשמה.

אָדער אַנדערש:

וואַקסט אַ קוסטעלע אין פעלד
און גרעזלעך אויף דער לאָנקע,
אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צו זיצן
איז ניט קיין שפּילעכל...
זיצן טו איך זיצן
אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק

און וואַרט אויפן פסק־דין
אין דעם משפט מיינעם.

אָבער גאָט מיינער, איך זינג מיר לוסטיק
און דער באַשולדיקער קנייטשט דעם שטערן פאַר כעס,
טרייסלט זיך אין גאַנצן פאַר כעס.
ווי יופּיטער שטרענג און גרויסמוטיק —
ער באַשולדיקט... דער שטראָם ווערטער קאָכט און שפּריצט
ווי דער ים צעוויגט דורכן ווינט,
וואָס וואַרפט מיט די כוואַליעס אין די אָפּגרונטן
ווי מיט אַ פּילקע.
זיין שטים הילכט איבערן זאַל מיט אַ שרעקלעכן דונער,
ער איז שוין לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן! — דאָס עכאָ ציטערט נאָך!

ווער איז מיין באַשולדיקער?
דיין כעס, אַ האַרינטע!

— —
— —

ס׳איז צוגעפאַלן די פינצטערע נאַכט,
חושך שטיל אומעטום!
אַ שרעקלעכער באַשולדיקער —
ווער וועט מיך פאַרטיידיקן?

שטיל... פּלוצלונג האָט אַ געטלעך וואונדערלעך ליכט
באַלויכטן דאָס געריכט, מיט אַ שטראַליקן שטערן
האָט זיך באַוויזן דער פאַרטיידיקער — אין בליק אַזוי פיל חסד,
אַז כ׳האָב פאַרשטאַנען: ער איז אַ מלאך!
אַ וואונדערלעכער... די אויגן באַטויט מיט אַ טרער...
אַ פּערלדיקע טרער פון לייטזעליקייט!
און זיין שטימע איז אומעטיק, מלכותדיק,
דריקט אַרויס אַ טרער רחמנות פון אַ שטיין.
אָ, די רירנדיקע שטימע, די מילדע,
טרויעריק, ציטערדיק, זינגעוודיק,
צי וועט זי נישט רירן די ריכטער?
נישט אויסלייזן מיין נשמה?

ער האָט פאַרטיידיקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן — דער ציטער פונעם עכאָ קלינגט נאָך אָפּ אין זאַל...

מען האָט מיר פאַרגעבן...
ווער איז מיין פאַרטיידיקער ?
דיין ליבע, אָ האַרינטע !

דאָס איז אָבער דער פּסק־דין פון דער ערשטער אינסטאַנץ און לויטן אורטייל פון סענאַט, אַלץ איינס פון וועלכן יאָר, נומער און ענין, קען מען זיך ווענדן מיט אַן אַפּעלאַציע. גלייבנדיק בכן אין מיין אומשולד — מעלד איך, אַז איך נעם נישט אָן די פאַרגעבונג און איך פאָדער בפירוש, מען זאָל מיך אָנערקענען פאַר אומשולדיק.

מאָטיוון :

איך בין מודה, אַז די עטיקעטע קען קיניגן נאָר אויפן פּיעדעסטאַל פון דער עפנטלעכער מיינונג, און אַזוי ווי די עפנטלעכע מיינונג איז, ווי ס׳האָט געזאָגט איינער אָ ליטעראַט, נישט עפּעס אַנדערש ווי די מיינונג פון אָ שוטה געכפּלט אויף טויזנטער מיינונגען פון טויזנט נאַרישערע שוטים, הייסט עס, אַז ווען מען וואַרפט אַרונטער דעם פּיעדעסטאַל, פאַלט ממילא די גאַנצע דינאַסטיע פון דער עטיקעטע — איך בין דאָס מודה, אָבער נאָר ווען עס גייט אין מיין פּערזאָן... ווען עס גייט אָבער אין דעם טייערסטן באַשעפעניש, — איז אַוועק מיט דער מיינונג פונעם גרויסן חכם, איך וויל נישט פאַרליידן אַפילו קיין שאָטן פון שטויב אויף מיין דימענט !

וואָס שייך דער פאָטאָגראַפיע, איז שוין עפּעס אַנדערש... אויב די גאַנצע וועלט וועט מיר זאָגן, אַז מיין טייערסטע איז נישט שלאַנק אָדער נישט שיין, וועל איך גלייבן, אַז — די וועלט האָט פאַרלוירן די פינפטע קליעפּקע, ווייל, זאָגט מיר, איך בעט אייך : צי קען אָ מלאך זיין נישט שלאַנק ? נישט שלאַנק אָ מאַדאָנע ? דאַן וועל איך זאָגן, אַז די וועלט איז אָ ריזיקער שפּיטאָל פאַר בלינדע טויגעניכטסן און פאַרטיק.

דאָס איז בקיצור מיין גאַנצע פאַרטיידיקונג, בעט איך דעריבער מיט הכנעה דעם גנעדיקן ריכטער בטל צו מאַכן דעם פּסק־דין אונטער די אויגן, אָנערקענענדיק מיך פאַר אומשולדיק.

איך וואַרט אויף דער גנעדיקער רעזאָלוציע.

בריוו מיט „ישועה בלאַגאָראָדיו״ האָב איך באַקומען דריי (נישט כסדר). קיין צושריפט פון דער חשובער געליבטער שוועגערין איז אין זיי נישט געווען...

און הגם אין אַ ריכטער־טאָגע, זיי זיך מודה, אַז דו קאָנסט זיך טועה זיין... כאָטש עס פאַרגעטערט דיך ווי אַ הייליקע

דיין
לעאָן.

דער בריוו איז נישט ריין געשריבן, כ׳האָב אָבער נישט קיין צייט איבערצושרייבן — „זיי צופרידן מיט דעם וואָס דו האָסט!"

די גרייזן פאַררעכן אויפן חשבון פון איילעניש.

דיין
לעאָן.

22

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

אַן ענטפער אויף מיינעם אַ בריוו (מיט פערזן דורכגעפלאָכטן) איז געווען דיין קלאָגן זיך, אַז דו ביסט נישט פּאָעטיש. אָפּגעלייקנט האָט עס דער בריוו, וואָס איך האָב נאָר וואָס באַקומען. דו פילסט נישט מן הסתם, וויפיל אוצרות פּאָעזיע איז פאַראַן אין דיין האַרצעלע! דער בריוו דיינער האָט די אוצרות אַרויסגעגעבן. ווי אַ בת־מלכה אין אַ מעשהלע איז געשלאָפן דיין אָפּעזיע, דער בן־מלך — דאָס געפיל האָט זי אויפגעוועקט.

וואָס פאַר אַ שפיל פון געפילן!... אָט ברעכט זיך איבער דער שטראַל פון גליק אין דער פערלדיקער טרער פון בענקשאַפט, אַזוי טוט זיך דאָס שטילע שעפּטשען פון אַ תפילה פאַרבינדן מיט דער נאַכטיגאַל־שטים פון צאַרטער ליבע אין אַ כישופדיקן דועט.

דער שטראַל פון זיסער האָפענונג שטילט דעם טונקעלן ווייטאָג און — איבער דעם אַלעם הויכט דער הייליקער אָטעם פון גלויבן!

„גאָט מיינער! אויב כ׳האָב מיר נישט פאַרדינט אָט דאָס גליק, באַשער מיר, איך זאָל אים ווערט זיין אין דער צוקונפט."

בלויז אָט די תפילה האָב איך געקענט אַרויסברענגען, בעת כ׳האָב איבערגעלייענט דיין בריוו אין געריכט, נאָך דעם ווי כ׳האָב פאַרטיידיקט אַ שווערן ענין, וואָס כ׳האָב פאַרשפּילט. — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב געהאַט נישט קיין איבעריקס גוטן אַראָפּפאַר. פון 9 ענינים האָב איך 4 פאַרשפּילט און צוויי בטל געמאַכט דורך אַן אויסגלייך. —

— —

מיר דוכט, אַז... אָדער ניין, כ׳וועל נישט אויסזאָגן... ערשט אין עטלעכע טעג אַרום... דאָס מאָל סודותדיקע רייד נישט קיין פּוסטע. אָבער מיר דאַכט, אַז כ׳וועל ווידער זיין בלאָס... כ׳וועל זיך נאָר באַמיען נישט געשטרויכלט צו ווערן... אויסהאַלטן דאָ קען איך שוין נישט —

שרייב מיר געגוי: צי דו פאָרסט קיין וואַרשע און ווען און ווי לאַנג ועסטו דאָרט פאַרברענגען...

פאַרגעס נישט וועגן יעקבס אַדרעס.

כ׳איל זיך צום אַרויספאָר, מוז איך אַרויסנעמען די מאַן־פּאַפּירן פונעם קאַמאַרניק.

גריס אַלעמען און זיך!

דיין לעאָן.

נאָוועמבער 18, 1877.

23

צו דער כלה

(פון פּויליש)

טייערסטע העלענע!

כ׳בין נאָר וואָס געקומען צו פאָרן. ס׳ליגט דאָ אויפן טיש אַ בריוו פון דיר, איך לייען אים אָבער נישט, וויל סיי ווי סיי בין איך נישט אין שטאַנד דיר אויף אים צו ענטפערן, כ׳בין זייער פאַרמאַטערט. —

כ׳וויל דיר בלויז אָנזאָגן, אַז כ׳ליב דיך אויף אייביק.

לעאָן.

גריס יעקבן.

24

צו דער כלה

(פון פּויליש)

געליבטסטע העלענע!

כ׳בין נאָר וואָס געקומען פון גראַבאָוועץ, וואו כ׳האָב געהאַט, ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, 6 ענינים. דיין בריוו איז דעריבער געלעגן אַ פאַר־חתמעטער אין משך פון 5 טעג און איך בין שטאַרק אין כעס געווען אויף אַלטבערגן, וואָרן דערקענענדיק דיין כתב און ווּיסנדיק, אַז דאָס איז דיין בריוו, האָט ער דיר באַדאַרפט מודיע זיין, אַז איך בין נישטאָ הי.

קיין בריוו קיין וואַרשע האָב איך נישט געשיקט, ווייל כ׳האָב געוואַרט אויף ידיעות פון לובלין, וואו ס׳האָבן אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל [ווער ?], ווייל בעת כ׳האָב באַקומען דיין ידיעה וועגן אַרויספאָר, האָב איך טעלעגראַפּירט וועגן דעם קיין לובלין. כ׳ווייס נישט, ווען און וואוהין דער בריוו וועט אָנ־קומען, און דאָס פאַרדריסט מיך זייער. יוספן צאָל איך „מידה כנגד מידה״: ער ענטפערט דיר נישט אויף דיינע בריוו, ענטפער איך דערפאַר נישט זיין פרוי. זי איז שטאָלצער פון דיר, קען זי נאָך פאַראיבל האָבן, אָבער דאָס איז נישט מיין שולד.

כ׳וועל דיר נאָך אַ מאָל דערציילן אין פריידן, וואָס כ׳האָב דורכגעמאַכט אין ליידן.

כ׳ווייס נישט, פאַר וואָס קיינער רעדט נישט וועגן אונדזער חתונה, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דאָס וואַרט מען אויף אייך.

דיר איז לאַנגווייליק אין לענטשנע, מיר אין זאַמאָשטש. כ׳ווייס נישט, וועמען ס׳איז בעסער...

מיין גאַנצער פאַרגעניגן איז דאָס לייענען, אָבער באַקומען אַ לייטיש בוך איז אַ שווערער ענין. כ׳לייען איצט זאַבלאָצקין *, אַמאָל האָט ער מסתמא געטויגט, אַצינד וועקט ער נישט קיין אינטערעס. כ׳קען אויך נישט פאַרדייען זיין אַלטפרענקישן סטיל. כ׳בין שוין דריי נעכט כמעט אין גאַנצן נישט גע־שלאָפן, ממש קיין אויג נישט צוגעטאָן; די פאַרשאָלטענע פּוילישע וועגן, קיין שליטוועגס איז נאָך נישטאָ און פאָרן מיטן אָקס איז שווער. — כ׳בין אויס־געמאַטערט, איך לייד, כ׳קען זיך אָבער נישט אָפּרייסן פון שרייבן; גאָט ווייסט, צי וועל איך מאָרגן האָבן צייט.

די זאַמאָשטשער געזעלשאַפט האָט לעצטנס געהאַט גרויס שאָדן — זי האָט פאַרלוירן איר פריילעכקייט... עטלעכע מיטגלידער זיינען אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, עטלעכע זיינען קראַנק („מעשה גביר״), די רעשט ווידער ווייזן זיך אויף עטלעכע מינוט אין די אָוונטן אויפן פּלאַץ און, אויסנוצנדיק פאַרשיידענע רכילות, שטותים א. אַז. וו., וועבן זיי דאָס שפּינוועבס פון קריגערייען, אַרומ־רייסענישן און שלעכטער שטימונג.

אויב ס׳וועט אַזוי זיין אַלע מאָל, וועלן מיר זיין געצוואונגען זיך צו באַנו־גענען איינער מיטן אַנדערן... דאָס וועט אונדז טייער נישט קאָסטן...

כ׳גיי שלאָפן... דעם בריוו וועל איך ענדיקן אין דער פרי... אַך, ווען כ׳וואָלט קענען אַ קוש געבן דיין האַנט... דיך כאַטש זען, ווי אומעטיק ס׳איז דאָ אַרום מיר.

* פראַנציישעק זאַבלאָצקי (1754—1821) — פּוילישער דראַמאַטורג.

ווי אין פיר תפיסה־ווענט איינער אַליין
טרוים איך, מיין מלאך, פון דיר.
ווען וועט שוין די חתונה אונדזערע זיין ?
זאָג עס שוין, ליובעניו, מיר.
כ׳קוק אין דער הייך, וואו מיליאָנען שטערן
פינקלען פון הימל און לייכטן זיך.
מיין בענקשאַפט וויל, דו זאָלסט צו זיי געהערן,
און אין דעם שענסטן דערזע איך דיך.
און כ׳פרעג מיךביים שטערן : זאָג, מלאך דו מיין,
ווען וועט שוין די חתונה אונדזערע זיין ?

דיין לעאָן.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט שפּעט און כ׳נעם מיך שוין צום פאַרענדיקן דעם בריוו.

דאָ נישט לאַנג האָב איך באַקומען אַ תשובה פון יעקבן. ער בעט מיך איבער, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געשלעפּט דערמיט, אָבער די סיבה דערפון ברענגט ער נישט און דאָס רעגט מיך זייער אויף.

כ׳וועל אים אויך צאָלן מיט דער זעלבער מטבע; כ׳טראַכט אים אַפילו נישט צו ענטפערן אַזוי גיך. זיין בריוו איז אגב זייער אַ פריילעכער און וויציקער און דאָס פריייט מיך זייער. ער האָט נאָך צוגעשריבן אַ גרוס פון זיין [ווינקעלער], אָבער דאָס איז פאַר מיר צו ווייניק, נישט קיין אייגנהענטיקע גרוסן נעם איך נישט אָן.

אָבער אַלע אַ פּנים האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיר! אויך אונדזער שוועגערין איגנאָרירט מיך, זי ענטפערט בכלל נישט אויף מיינע בריוו און אויפריכטיקע גרוסן; דאָס זעלבע טוען דיינע עלטערן און דיין ברודער, זאָל עס גאָט זיי נישט פאַררעכענען, אָבער איך געדענק און כ׳וועל געדענקען.

דער פאָטער מיינער איז אין לובלין שוין צוויי וואָכן, כ׳באַקום פון אים נישט קיין שום ידיעות, אָבער דאָס פאַרשטערט אונדז נישט די רו, ווייל אַזוי איז שוין דער שטייגער זיינער. דער פאָטער מיינער האָט נישט ליב צו שרייבן; ער האָט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל געגעבן אַ וואָרט נישט צו באַנוצן קיין פען אויף נאַרישקייטן, שווייגט ער טאַקע. אָבער אין לובלין שפּאַסט מען נישט. ס׳גייען תנאים נאָך תנאים, דאָ פייגע מאַרגענשטערן, דאָ אַן אַנדערע קוזינע און דער פאָטער וועט מוזן מיטברענגען אַ היפּשן טראַנספּאָרט לעקעכלעך. וועגן פייגעס גורל בין איך זייער באַזאָרגט, כ׳האָב זי ליב ווי אַן אייגענע שוועסטער און גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַן אויסוואָל אירע עלטערן האָבן געמאַכט... וואָס

זאָל מען טאָן, אָן אַן אַקטיווער השפּעה קען איך נאָר הייס איר ווינטשן גליק, ווינטשן און מער גאָרנישט.

ס׳וועט ביי אונדז זיין אַ קאָנצערט פון פּרל׳ שוואַרצבערג פון וואַרשע. יענע וואָך איז געווען אַזאַ מודעה אין „לובלינער קוריער״: „היינט וועט פּאָר־קומען אַ קאָנצערט פון פּרל׳ שוואַרצבערג, וואָס וועגן איר טאַלענט רופט זיך אָפּ די וואַרשעווער קריטיק מיט זייער גרויס לויב״...

פּרל׳ שוואַרצבערג איז אַ קינד פון אונדזער ראַסע... אפשר וועט זי אונדז אויפזינגען „דעם ירדן״ אָדער „על נהרות בבל״. כ׳וואָלט זיך זייער געפרייט.

מען מוז אָבער אָפּגעבן כבוד איר צניעות, דער ווייסער קראַ אונטערן קינסטלערישן הימל, וואָס וועגן איר מציאות זאָגט אונדז ה׳ נ. קאָרנגאָלד, וועלכער איז נאָך אין וואַרשע פאַררעכנט געוואָרן צו אירע הויפּלייט.

אין אונדזער געריכט־לעבן זיינען אויך פאַראַן געוויסע שינויים. דער סעקרעטאַר פון אַראָפּפאָר וועט זיך געפינען אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט — אַ פּאָליטישער נישט־פאַרזיכטיקער בריוו — און — באַזייטיקט...

ער איז אַ פּאָליאַק. כ׳וואָלט בעסער וועלן אַ רוס אויף זיין אָרט. — ס׳איז מיר ליבער די אָפענע גראָבקייט פון אַ רוס איידער די עלעגאַנטע כיטרעקייט פון די חשובע הערן פּאָליאַקן...

וואָס שייך מיינע פערזענלעכע געשעפטן, האָב איך דיר ווייניק צו דער־ציילן. מען לעבט זיך, זייל מען פאַרדינט זיך, די צוויי „זיכן״ וואַשן איינס דאָס אַנדערע.

כ׳ענדיק דעם בריוו, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן אויף דער פּאָסט...

גוט אָנגעפּלאָפּלט

אויף אייביק

דיין

לעאָן.

25

צו דער כלה

(פון פּויליש)

טייערע העלענע!

ענדלעך בין איך אין דער היים, זיץ אין מיין „אייגענעם פּאָטעל״ און שרייב צו דיר... אָבער אויף דער נשמה איז מיר אַזוי טרויעריק — ווי אַן עלנטן יתום...

אויפן וועג האָבן מיר געהאַט אַ סיבה. פון לענטשנע קיין ק. רעכנט זיך

געוויינלעך 5 מייל, אין דער אמתן איז לכל הפּחות 7. דאָס האָט מיך אַרויס־געבראַכט פון די כלים.

ס׳איז מיר געווען קאַלט, באַנג, אַן אומבאַשרייבלעכער ווייטיק האָט גע־קלעמט די נשמה און דאָ אַ מאָנאָטאָנער, גרויער האָריזאָנט, אַ מאָנאָטאָן סקריפּען פון די רעדער, אַן אָפּגעבלאַקירטע, אידיאָטישע לבנה — דאָס אַלץ האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין יאוש. כ׳האָב געוואָלט איינשלאָפן (און ס׳איז שוין געווען די זעכסטע צייט), נאָר כ׳האָב נישט געקענט. כ׳האָב זיך געוואָלט פאַר־ווערבן אין חלומות, נאָר דער קילער ווינט האָט מיך געוועקט, דער גילדענער פאָדעם פון טרוים האָט זיך געריסן, די געדאַנקען זיינען צעפלאָשעט געוואָרן, כ׳האָב נאָר געפילט, אַז ס׳איז מיר קאַלט, אַז דאָס האַרץ טוט מיר וויי, כ׳האָב נאָר געזען דעם חושך און געהערט דעם אומאנגענעמען דועט פון ווינט מיט די רעדער...

קאָנסט זיך שוין פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד כ׳האָב אויס־געקוקט דעם ערשטן שימער פון מאָרגנשטערן... ביז וואַנען כ׳האָב ענדלעך דערזען דעם אַנזאָג פון נייעם טאָג, ער האָט זיך באַוויזן, די אידיאָטישע לבנה איז בלייך געוואָרן און אַ שטראַל פון האָפענונג האָט אויפגעלויכטן אין מיין האַרץ.

און ס׳איז מיר אַ שאָד געווען דער שטערן!...

איינזאַם, פאַרלאָזט, כאָטש פול מיט ליכטיקייט, וואָגלט ער אויפן האָרי־זאָנט, פירנדיק אַ בלוטיקן קאַמף מיטן חושך פון דער אָפּציענדיקער נאַכט...

ער וועט זיגן... אין לאַנד פון פינצטערניש וועט די נאַכט אַנטלויפן, און דער שטערן... זיגנדיק, וועט ער בלייך ווערן, זיך אויסלעשן, אַן אַ מירט, איבערלאָזנדיק די ברכה דעם קיניג פון טאָג!...

צווישן אַזעלכע געדאַנקען בין איך איינגעשלאָפן און ס׳האָט זיך מיר געחלומט אַ סך, אַ סך... ס׳האָט זיך מיר געחלומט וועגן אַ שטילן אויפטו, וועגן אַ פאַרלאָזן האַרץ... ס׳איז אויפגעקומען דער גייסט פון פינצטערן עבר, פינצטער אַן אַ שטראַל פון האָפענונג... ס׳האַרץ איז געווען אַ גרוב פול מיט אַש פון געשטאָרבענע, פאַרוועלקטע געפילן... אויפן אַש איז געזעסן די שוואַרצע קראָ פון צווייפל און האָט אויסגעזויגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון פאַרגליווערטן האַרץ... אַ פינצטערע און מוראדיקע נאַכט!

אָבער אויך אין דער דאָזיקער נאַכט האָט זיך באַוויזן דער מלאך — דער מאָרגנשטערן! און כ׳האָב געבעטן גאָט, ער זאָל מיר דערלויבן אָפּצודאַנקען דעם מאָרגנשטערן... ער זאָל מיר דערלויבן צו באַקראַנצן איר שטערן מיט אַ מירט... און כ׳האָב דערפילט, אַז גאָט האָט אויסגעהערט מיינע תפילות... אַז פליגל פון גייסט זיינען מיר אויסגעוואַקסן. כ׳האָב זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן, די לופט אונטער מיינע טריט, און איך שווים אויפן עטער, שיס

גלייך צום מאָרגנשטערן, וואָס מוטיקט מיך מיטן גאָלדענעם שליסל פון חסד...
איך שווים, נאָר פּלוצים — טראַך! כ׳ליג איבערגעקערט אויף דער ערד!

כ׳האָב געדאַנקט גאָט, וואָס כ׳ האָב נישט געבראָכן האַלדז־און־נאַקן, אַראָפּ־פאַלנדיק פון דער בריטשקע און אויך פון הימל.

— אין אַכט וואָכן אַרום וועט זיין די חתונה — האָט שפּעטער געזאָגט דער טאַטע.

כ׳האָב פאַרשטאַנען דעם זין פון מיין אַראָפּפאַלן. ביז איצט איז מיר נאָך אַ שאָד דער חלום.

טייערע העלענע! און דיר איז מסתמא אויך אומעטיק! אַך! ווי וואָלט איך געוואָלט דיין טרויער אַוועקנעמען, אָבער דאָס איז איצט נישט מעגלעך צו טאָן

דיין ביז משוגעת דיך ליבנדיקער

לעאָן.

פּ. ס. דאָס מעבל, וואָס כ׳האָב דערמאָנט אינעם בריוו צו הערמאַנען, האָט דעם חסרון, וואָס די באַדעקונג איז נישט קיין בלויע.

דיין לעאָן.

פּ. ס. כ׳האָב געשיקט אַ בריוו צו זילבערמאַנען אויף דעם אַדרעס „דזשיקאָ 20“.

אויב דער אַדרעס איז נישט קיין ריכטיקער אָדער נישט קיין גענויער, טאָ גיב מיר צו וויסן וועגן דעם און כ׳וועל אָנשרייבן אַ צווייטן.

כ׳וואַרט אויף דיין בריוו מיט גרויס אומגעדולד.

כ׳ליב דיך!

לעאָן.

26

צו דער כלה

(פון פּויליש)

געליבטע העלענע!

דיין בריוו באַקומען. נישט האָבנדיק קיין צייט צו שרייבן אַ סך (דער אַראָפּפאָר), וועל איך דיר בלויז דערציילן מכוח דער דירה.

די דירה, וואָס איך פאַרנעם, איז אַ פּייכטע און זי ווירקט אויף מיין געזונט גאָר אומגינסטיק. מען האָט מיר צוגעזאָגט צוצוגעבן אַ טרוקן צימערל,

אָבער אויך אין דעם זאָגט מען מיר איצטער אָפּ. דאָ צו זיין איז פאַר מיר אוממעגלעך, און קיין אַנדערע דירה קען איך נישט קריגן. דאָ איז פאַר מיר אַ קראַנקהייט און אין זאַמאָשטש איז אַזאַ ענגשאַפט, אַז פאַרן הייליקן יאַן איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן אַ דירה.

איין עצה איז דאָ צו דער צרה. ווען מען זאָל לאָזן אין דער איצטיקער דירה מיין קאַנצעלאַריע, וואָלט איך פאַר אונדז געקענט באַקימען אַ סאַלאָן מיט אַ קיך. דער סאַלאָן איז אַ פּראַקטיקער, אָבער — ס'איז נישטאָ קיין זאַך אָן אַן „אָבער“ — אויפן 3טן גאָרן.

ביסטו מסכּים אויף דעם? דעם גאַנצן טאָג כּמעט וועל איך מוזן זיצן אין דער קאַנצעלאַריע, סיידן דו וועסט מיך וועלן געוואָר ווערן...

פון דער דירה צו דער קאַנצעלאַריע איז 10 הייזער ווייט. —

שרייב מיר וואָס גיכער, וואָס כ'זאָל טאָן.

ביזן טויט דיין

לעאָן.

27

צו דער כּלה

(פון פּויליש)

געליבטע העלענע!

כ'בין אַזוי פאַרנומען, אַז כ'געדענק נישט, צי כ'האָב דיר וואָס געשריבן נאָכן אַראָפּפאָר. אויב כ'האָב דיר שוין מודיע געווען, וועל איך דיר דאָ איבער־חזרן נאָך אַ מאָל, אַז דער אַראָפּפאָר איז געווען פאַר מיר אַ מזלדיקער. כ'האָב געוואונען מער ענינים, ווי כ'האָב זיך געקאָנט ריכטן. פונעם סילוועסטער האָב איך פאַרדראָס... און ווייסט וואָס נאָך? כ'שעם זיך, אָבער כ'בין מודה: דאָס קאָלירטע קלייד... כ'וואָלט דיך געוואָלט זען אין ווייסן... די מוטער האָט אָבער אַנדערש באַשלאָסן... אַ מערקווירדיקע זאַך, כ'בין געווען אין כּעס (אויב דאָס איז מעגלעך) אויף דיר פאַר דעם פעלץ, און אַליין האָב איך די זעלביקע שוואַכקייטן...

אין דער אמתן פאַרדרייען מיר אונדזערע דאַמען צו פיל דעם קאָפּ מיט דיינע

[דער בריוו איז נישט פאַרענדיקט]

28

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערסטע מיינע!

דעם בריוו ערשט היינט באַקומען. פאַרשאַלטן זאָל ווערן די פּאָסט, וואָס צוליב איר האָב איך געהאַט אַזוי פיל שרעק און עגמת־נפש! כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט אויף מיר אין כעס. איך בין אָבער ביז היינט געווען שטאַרק פאַרנומען. דאָ איז ביי אונדז געזעסן אין משך פון 18 טעג דער לובלינער קרייז־געריכט. אויף דער בקשה פונעם פּרעזעס האָב איך געמוזט ווערן דאָל־מעטשער פון פויליש, דייטש און יידיש אויף דעם אָפּיציעלן לשון. איך דאַרף פאַר דעם באַקומען באַצאָלט, אָבער דאָס איז צו קנאַפּ, מחמת כ׳האָב פאַר דער צייט זייער אַ סך פאַרלוירן, מיין קאַנטאָר איז געווען אין משך פון דער צייט פאַרמאַכט.

מ׳האָט מיך געוואָלט באַפרייען מיטן תנאי, כ׳זאָל געבן אַן אַנדערן אויף מיין אָרט, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט אויף זיך נעמען די נבלה.

ס׳איז באמת אַ פּיין צו שווערן ביי יעדן עניין באַזונדער, אַז דו וועסט אָרנטלעך איבערזעצן, זיין צוגעשמידט צום אָרט פון 10 פרי ביז 3 נאָך מיטאָג. נאָך ערגער איז, וואָס דער הונגער האָט מיך געמאַטערט. אין דער פרי קען איך חוץ 2 גלעזער טיי (כ׳האָב זיך אָפּגעוואוינט פון אויסליידיקן סאַמאָ־וואַרן) קיין זאַך נישט עסן, און כ׳בין צוגעוואוינט צו עסן מיטאָג האַלב איינס אַזייגער אָדער אין משך פונעם אַראָפּפאָר — 2 אַזייגער, בעת דאָ פלעגט מיר אויסקומען ביז 5 אַזייגער נישט צו האָבן קיין זאַך אין מויל. —

העלענע מיין, וואָס איז די מעשה, וואָס קיינער פון דיינע וויל צו מיר נישט שרייבן? ווי זאָל איך דאָס אויסטייטשן?...

איינס פון מיינע שוועסטער־קינדער האָט געשריבן תנאים אין 71טן יאָר מיט איינעם פון קראַשניק... כלהוויז האָט זי געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זיינע בריוו, ער האָט אָבער פון זיך גאַרנישט געלאָזט הערן.

לסוף האָט זי באַקומען פון קראַשניק פאָלגנדיקן בריוו:

„טייערע טאָכטער!

„מיין זון און דיין חתן אַנטשולדיקט זיך פאַר דיר שטאַרק, וואָס ער האָט דיר ביז איצט נישט געשריבן: ער האָט דורך אַן אומגליקלעכער סיבה זיך צעקאַליעטשעט אַ פינגער פון דער רעכטער האַנט. מיר האָפן, אַז פריער צי

שפעטער וועט די וואונד זיך פאַרהיילן און דו וועסט דערזען פּראָבעס פון זיין שרייבערייַ.

דיין מחותן * * *״

די וואונד האָט זיך אָבער אויסגעהיילט ערשט נאָך דער חתונה! כ׳בין בייסיק. —

אָבער ווי קען מען נישט זיין בייסיק? אין איין און דעם זעלביקן טאָג האָב איך באַקומען אַ בריוו פונעם ברודער יוסף, ער לאָזט מיך וויסן, אַז ער האָט דיר געשריבן אַן אויספירלעכן בריוו. —

האָסטו אים באַקומען? וואָס שרייבט ער? די קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיר און דעם ברודער גייט ווי פון פעך.

כ׳ליב דיך!

לעוו יודאָוויטש פּרץ.

29

צו דער כלה

(פון פּויליש)

טייערסטע העלענע!

בכדי נישט צו פאַרגעסן די דאַטע, הייב איך פון איר אָן. הכלל: זאַמאָשטש, דעם 18טן יאַנואַר Anno Domini 1878. נאָך אַזאַ הקדמה וועט מיר לייכטער זיין צו שרייבן. כ׳בין אין אַ ראַזיקער שטימונג. ווייל, איך בעט דיך, ווי קען מען נישט זיין פריילעך, בעת אַלץ גייט ווי געשמירט. די חתונה איז שוין אין גיכן, דיין אויסשטייער כמעט ווי פאַרטיק, די געסט פאַרבעטן זיך אַליין, יעקב זינגט זמירות, צי איז דאָס אַלצדינג אין איינעם ניט קיין גן־עדן אויף דער וועלט? ווייל אויב יעקב דער עקס־פילאָסאָף, דער אַמאָליקער אַטעאיסט און אפשר ניהיליסט אפילו, האָט געקענט דורכמאַכן אַזאַ גילגול און ווערן אַ גאָטס שעפעלע, קען אויך פאַר מיין נשמה קומען אַ תיקון. כ׳וועל דיר אַפילו פאַר־טרויען אַ סוד, אַז פון אַ געוויסער צייט אָן פיל איך אין זיך סימפּטאָמען פון פרומקייט אין דער פּערספּעקטיווע... זינט אַ געוויסער צייט האָט זיך ביי מיר אויפגעוועקט עפּעס אַ באַזונדערער חשק צו דער שבתדיקער דיין־געבראָקטער ציבעלע; דעם פאַרגאַנגענעם הייליקן ניטל האָב איך מיט דבקות געשפּילט אַן אָקע און כ׳האָב געוואונען, ווייל „שליחי מצוה אינן נזיקין״ * און אויף איבער

---

* זאָל דיר עס יעקב פאַרטייטשן.

אַ יאָר צו ערב יום־כיפור ריכט איך זיך אויף דעם בעסטן אַפּעטיט; נאָך מער עפּעס אַ פאַרטרערט־גרויער שאָטן לייגט זיך מיר אויפן האַרצן... צי איז דאָס נישט געגנוג? פון דעם קען מען מאַכן דעם אויספּיר, אַז איך, אַ מענטש אַ באַשטענדיקער און קאָנסעקווענטער, וועל, גייענדיק ווייטער מיטן זעלביקן וועג, דערגרייכן וועך עס איז דעם ציל, וועל זיך אויסגלייכן מיט יעקבן אין זיין יראת־שמים און מיר וועלן נאָך אַ מאָל צוזאַמען שפּילן אין גן־עדן אַ 66. —

כ'מוז דיר אָבער געבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי איז עס יעקב געקומען צום אמתן גלויבן, וואָס איז געווען די סיבה. יעקב פלעגט לייענען אַלץ וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. ער פלעגט לייענען ביכער, וואָס דאָס צניעות און דער גלויבן פאַרווערן, האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט נאַרישער פילאָ־סאָפיע, מיט די איבערקערערישע אידייען פון פּראָגרעס, מיט דער תורה פון די פּאָטערס פון אויסגעלאַסנקייט. דער יצר־הרע לאָקט, ציט — און ער איז אַראָפּ פון דרך־הישר. אַליין פאַרבלאָנדזשעט, האָט ער געוואָלט אויך אַנדערע מיטשלעפּן. אַראָפּגעוואָרפן אין תהום אַריין, האָט ער דאָרט געזוכט געזעלשאַפט. האָט ער אָנגעהויבן דעמאַראַליזירן אַנדערע, יעדערן פלעגט ער איינטיילן אַ חלק פון זיין וויסן, ביז וואַנען, אַז ער האָט זיך שוין מיט אַלעמען איינגעטיילט, איז ער אַליין געבליבן ביי גול. אַז די קנאַפּע ידיעות זיינען צעברעקלט געוואָרן, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין אַטאָמען. יעקבן איז געבליבן איין אַטאָם אַזאַ, דאָס איז געווען צו ווייניק! דער אָפּהענטיקער יצר־הרע קען זיך איצט מיט קיין זאַך נישט שפּייזן, יעקב איז שוין פאַרדרייט מיט מסחר, פון וועלכן ס'דאַרט אים דער מוח, האָט ער קיין צייט נישט צו לייענען. הכלל, דער יצר־טוב האָט מנצח געווען, דער מלאך האָט צעטראָטן די שלאַנג. דער אַטאָם פון דער קרענק איז פאַרברענט געוואָרן אינעם פייער פון אויפגעוועקטן גלויבן... און יעקב איז געקומען אויפן דרך־הישר.

געקומען אויפן דרך־הישר, געניסט ער אַלע תענוגים, וואָס דאָס צניעות און דער גלויבן פאַרגינט די פרומע... דעם אַפּעטיט זיינעם דערוועקט דער לאָקשן־קוגל, זיין אויער קוויקט זיך ביים ניגון פון די הייליקע זמירות און ער איז אויסגעלייזט.

אָבער לאָמיר שוין צו רו לאָזן די פרומקייט... הגם זי איז צוריק אַריין אין דער מאָדע, איז זי געוואָרן אַ שוץ פאַר די געמיינע, אַ צודעק פאַר די פוילע פּעפּערס, די מוטער פון אייגנענעמע אינטריגעס, דער קוואַל פון באַ־גייסטערונג פאַר די קאַטוילישע „פשעגליאָנדס”. זי האָט אַ נישט־איינגענעמען ריח, ווייל נאָך פון מיטלאַלטער אָן אַווירט זי מיט בלוט. —

וואָס שייך דיין חופּה־קלייד — זאָל זיין אַזוי. נעמען זיך צום האַרצן דעם

ענין וואָלט געהייסן פאַרשוועכן די פאַרגאַנגענהייט, מאַכן פאַרוואורפן דעם גערעכטן פסק־דין.

אייביק ליבט דיך
דיין
לעאָן.

30

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

איך בין אַזוי פאַרנומען, אַז אויפן בריוו, וואָס כ׳האָב אייערנעכטן באַקומען, קאָן איך ערשט איצט ענטפערן, און פונדעסטוועגן האָב איך געגנוג צייט אויף צו גענעצן, נודען זיך און נאָך מער — אויף צו בענקען נאָך דיר. גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ לאַנגע אָוונטן, שלאָפלאָזע נעכט, וואָס ציען זיך אָן אָ סוף. וויפיל פאַרגעגעצטע קאָרטן־שפילערייען, טאַנצנדיק לאַנגווייליקע אָוונטן און פאַרדרייטע געריכטלעכע ענינים. און אַז דו ווילסט שוין נאָך דעם אַלעם אָפּרוען, זיך אַריבערטראָגן אין געדאַנק צו דער וואָס דו האָסט ליב. איז דיר תיכף דאָס גלעקל מודיע, אַז די געסט, פון וועלכע ס׳איז נישט פטור צו ווערן, קומען דיר פאַרשאַפן כבוד מיט זייער אומענדלעכן באַזוך.

אין ענגן צימער צעלייגט זיך אַ פּוסטער, געצוואונגענער געלעכטער, ס׳טראָגט זיך אין דער לופטן דער שוואַרצער רויך פון פּאַפּיראָסן און די צייט שלעפּט זיך ווי די מאַטערנישן אין גיהנום...

דאָס איז דער שטייגער פון מיין לעבן. דיין ברודער וואָלט עס געקענט באַשטעטיקן און פאַרשטעלן נאָך אפשר אין שוואַרצערע פאַרבן.

מיט דריי טעג צוריק איז ביי קאַרנגאָלדן געווען אַ באַל, נעכטן אַ פאָרשטעלונג, היינט אַ רוסישער ליבהאָבער־טעאַטער, נעכטן און היינט אַלץ די זעלבע נודע, נישט קויפן קען מען נישט, מחמת ס׳איז לטובת דעם רויטן קרייץ און איך בין דאָך אַ פּאַטריאָט און איך עס רוסיש ברויט, נאָר גאָט זאָל זיי מוחל זיין — די דאָזיקע קינסטלערישע קרעפּטן!

ס׳דאַרף אויך זיין אַ פּויליש ליבהאָבער־טעאַטער לטובת דעם רויטן קרייץ. די שקלאַפן ווילן נושא חן זיין ביים אַלמאַכטיקן האַר... אפשר וועט דער דאָזיקער פּריוואַט־עסק דערטרונקען ווערן אינעם ים פון סלאַוונטום...

ווערסט האָבן אַ קאַלירנדיק קלייד. די באַמערקונגען פון אונדזערע דאַמען זיינען נישט גאָר קיין גינסטיקע. אין טאָג פון דער חופה דאַרף די כלה

NB) די יונגע) זיין אין ווייסן; אויך איך מיין דאָס אייגענע, אויב אָבער די מוטער מיינט אַנדערש, זאָל איר פאַרלאַנג מקוים ווערן...

נאָך דריי וואָכן וועסטו זיך זאַמען אין וואַרשע... דו באַזוכסט טעאַטער און שרייבסט מיר קיין זאַך נישט וועגן דעם? כ'וואָלט וועלן ווייסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף דיר.

זע, מען זאָל מיר מודיע זיין אין אַ בריוו אָדער אין אַ טעלעגראַמע, ווען איר האָט בדעה צו באַשטימען די חתונה.

וואָס איז שייך דעם פעלץ — וועל איך דיר פאָלגן.

דיין לעאָן.

31

צום שוואָגער

(פון העברייאיש)

טייערער שוואָגער!

כ'גריס דיך, ווייל אַ סך מאריך זיין קען איך נישט, כ'האָב קיין צייט נישט. נאָר דאָס קאָן איך דיר זאָגן, אַז מיט דיינע בריוו פריי איך זיך ווי איינער וואָס געפינט אַ גרויסע מציאה (מלמדישע מליצה). כ'גריס ה' נייווידעל*, און אויב ער האָט נישט קיין קנעכט צו באַפרייען פון זיין טאָכטערס וועגן, זאָל ער זיך דערמאָנען, אַז מיר זיינען געוועזן קנעכט ביי פרעהן אין מצרים און איצט זיינען מיר אַלע פרייע מענטשן... אויב אַפילו מיר זיינען נישט אַלע קלוג און פאַרשטאַנדיק.

יצחק לייבוש פרץ.

32

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערסטע העלענע!

דיין בריוו האָב איך באַקומען היינט ביים פאַרטיידיקן אַן ענין. ווי איך האָב זיך דערפרייט, דאַרף איך דיר נישט שילדערן... דו פאַרשטייסט אַליין,

---

*אַן אַלטער מחבר, אין וואַרשע.

וואָס פאַר אַ פרייד דאָס איז צו באַקומען אַ בריוו פון דעם טייערסטן מענטשן.
די סיבה פון מיין שווייגן איז געווען, וואָס כ׳בין אַוועקגעפאָרן און אַ ביסל צו לאַנג זיך געזאַמט.

פון וואַנען דיין ברודער האָט זיך גענומען, איז נישט שווער צו דערגיין. די גנעדיקע האַרינטע — די כלה, האָט אים, זאָגט ער, געבעטן דאָס צו טאָן און ער איז בלויז געווען איר אונטערטעניקסטער דינער. איז עס אמת צי נישט? אורטייל אַליין. פאַר מיר—דאָס וואָס ער איז געקומען צו פאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי מיר געננוג לאַנג — גאַנצע 3 טעג — וואָס אים איז גע־גאַנגען ביים שפּילן אין „אָקע״, מחמת ער האָט געוואונען 14 רו״כ, און דאָס, וואָס ער איז צופרידן פון מיר! כ׳האָב אים געמאַכט אַ קיניגלעכן קבלת־פּנים, ווייל ער האָט דאָך מיך אַזוי שטאַרק דערפרייט! כ׳האָב נישט געקאַרגט נישט קיין צוקער, נישט קיין פּוטער, נישט קיין פליש, נישט קיין פיש א. אַז. וו. וואָס וועט שוין זיין, אַז דו וועסט קומען!! זע גרייט זיך צו אָט דעם אייביקן באַזוך.

דו שרייבסט מיר, אַז ס׳איז דיר אומעטיק, דו ווייסט [איך ווייס?] נישט פאַר וואָס? קען דען יעקב דיך נישט אַמוזירן? צי איז ער עובר אויף דעם דין פון הכנסת־אורחים?

דו האָסט שוין אַוודאי באַקומען מיינע „אַנדראָגען״ — די מוסר־רייד מיינע, און אפשר האָסטו אויף מיר פאַראיבל. ס׳איז געווען מיין חוב דיר צו זאָגן דאָס, וואָס איך מיין...

מאָרגן איז דער אַראָפּפאָר. כ׳האָב 14 צו 13 ענינים, וועגן די רעזולטאַטן וועל איך דיר מודיע זיין.

זע נישט לאַנג צו פאַרברענגען אין וואַרשע. פאַרשנעלערן דאָס גליק ווענדט זיך אין דיר! זאָלסט נישט וועלן, איך זאָל פאַר דער צייט קאָנען צו דיר האָבן טענות.

ס׳פאַלט צו דער שבת און איך מוז זיך מיט דיר געזעגענען.

דיין לעאָן.

(פון העברייאיש)

מיין ברודער יעקב!

דיין בריוו האָב איך באַקומען און דו מיינעם האָסט נאָך נישט באַקומען. — Kwita z byka na indyka! איך וואַרט אויף דיין ענטפער. מיין צייט איז נישט אין מיין רשות.

איך האָב דיך ליב

יצחק לייבוש פרץ.

33

צו דער כלה

(פון פויליש)

ליבע העלענע!

ביסטו, הייסט עס, אין ווארשע! * פארטרונקען אין טיולן, שפּיצן, פליטער־לעך און שטאָפן, האָסט אפילו קיין צייט נישט צו בענקען נאָך עמעצן... נישט וואָר? איך בין, דעם אמת זאָגנדיק, פריילעך און אין אַ גוטער שטימונג; קודם־כל האָב איך דאָ איצט ביי מיר הערמאַנען, צווייטנס ברענגט דיין אַרויספּאָר קיין וואַרשע נעענטער מיין — אָדער — אונדזער גליק.

מיט דאַנק זאָג איך דערפאַר צו מיין שטערנדל: כ׳ווייס, ווען ס׳איז חתונה! דאָס גליק איז שוין נישט הינטער די בערג!

מיין בריוו, וואָס כ׳האָב אַרויסגעשיקט קיין לענטשנע, האָסטו שוין געוויס באַקומען: דער ברודער פאַרזיכערט מיך, אַז מ׳וועט דאָרט די בריוו נישט פאַרהאַלטן.

דיין אומרו איז געווען אומזיסט, מחמת דו דאַרפסט וויסן, אַז נאָר אַ צופאַל קען זיין די סיבה פון מיין שווייגן, בפרט נאָך אַז דו האָסט געוואוסט וועגן מיין נסיעה אין די גמינע־געריכטן. דער ברודער האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט זיך איינגעקשנט און דווקא געפאָדערט אַ פעלץ פאַר 150 רובל, צי איז דאָס אמת? און צי דאַרף עס אַזוי זיין? צי מיינסטו, אַז דאָס גליק ווענדט זיך אין דעם, אָדער אַז אָן אַ טייערן פעלץ וועסטו מיר זיין ווייניקער טייער? כ׳גליב קוים הערמאַנען, דער קאַפּריז דיינער פאַדריסט מיך. זיי מיר מוחל די מוסר־רייד... זיי ווערן דיקטירט פון דער ריינער הייסער ליבע. כ׳וואָלט דיך געוואָלט זען העכער פון אַזעלכע קאַפּריזן... פאַרגעס נישט, אַז מ׳דאַרף שוין לעבן מיט די אייגענע כוחות...

כ׳בעט דיך נאָך אַ מאָל — זיי מיר מוחל, נעם נישט פאַר אומגוט, וואָס כ׳קען נישט פאַרשווייגן דאָס וואָס איז דיר נוגע.

מיר האָבן געשפּילט ביז איצט אין קאָרטן. פאַרשטייסטו שוין, ווי שפּעט עס קען איצט זיין, זיי זשע געזונט.

לעאָן.

---

* געפאָרן קיין וואַרשע צוצוגרייטן דעם אויסשטייער.

34

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערסטע!

זיי מיר מוחל, וואָס כ׳האָב דיר ביז אַהער אויף דיין בריוו נישט געענטפערט. די סיבה דערפון איז די שפּע אויפן אַראָפּפאָר, די שפּע—פון עגמת־נפש.

מרגליות איז שטערבלעך קראַנק.

די חתונה קען בשום אופן אין טאַזשעמיעך * נישט זיין.

וויפיל געזונט דאָס קאָסט מיך אָפּ, דאָס קענסטו זיך פאָרשטעלן. שוין פיר טעג כמעט, ווי כ׳עס נישט און כ׳שלאָף נישט....

דאָס נישט קענען שלאָפן, וואָס נעמט מיר אַוועק די כוחות, און דאָס וואָס איך האָב אין גאַנצן נישט קיין אַפּעטיט, האָבן מיך געמאַכט אַזוי בלאַס, אַז ס׳איז אַ שרעק אויף מיר אַ קוק צו טאָן, און ווען דו וואָלסט מיך איצט דערזען, וואָלסטו אָנשטאָט זיך צו באַגריסן אָפּגעשפּרונגען מיט אַ געשריי אַ דערשראָקענע.

די חתונה מוז אַלזאָ זיין אין לענטשנע.

מיר וועלן קומען העכסטנס זאַלבע דריט. — דאָ וואַרט אַלץ אויף דיר אין דער געהעריקער אָרדענונג. וועסט זיין צופרידן.—

טעלעגראַפירט, ווען מיר דאַרפן קומען.

דעם 14טן פעברואַר איז שוין צו שפּעט. — פאַרשטערט מיר נישט דעם אַראָפּפאָר.

מיינע געסט באַוואונדערן די אָרדענונג און לויבן דיך אויפן קול...

„— — — — — — — — — —.“ טרעף?

דיין לעאָן.

35

צו דער כלהס עלטערן און ברודער

(פון העברייאיש)

טייערע עלטערן און ברודער!

אַ צעבראָכענער בין איך אייך מודיע, אַז די חתונה וועט נישט קענען זיין אין טאַזשעמיעך. ה׳ מרגליות איז ווידער קראַנק געוואָרן, און זיין קרענק

---

* טאַזשעמיעך — אַ דערפל, אַרום זאַמאָשטש. עס האָט געהערט צו י. מרגליות, פּרצעס פעטער.

איז אַ טאָפּעלע און קיינער האָפּט נישט, ער זאָל בעסער ווערן. עלטער און אָנמאַכט, אַז זיי גייען צוזאַמען מיט אַזאַ שווערער קרענק ווי אַסטמע — ווער קען זיי אַריבערטראָגן?

טייערע עלטערן! אַלץ איז ביי מיר גרייט, מאַכט די סעודה אין לענטשנע, כ׳וועל קומען מיט מיינע עלטערן און נישט מער. גיט מיר צו וויסן דעם טערמין מיט אַ דעפּעשע.

אייער ליבנדיקער, שעצער און פאַרערער
יצחק לייבוש פּרץ.

36

צו דער כלה

(פון פּויליש)

געליבטע העלענע!

ענדלעך בין איך גליקלעך, וואָס כ׳קען דיר מודיע זיין, אַז כ׳האָב שוין אַ דירה, אַ גרויסע, אַ שיינע, אַ פּראַכטיקע — און ה׳ מרגליות איז געזונט. איז אויב איר זייט פאַרטיק, טעלעגראַפירט אָדער שרייבט אָן, ווען און וואו ס׳דאַרף זיין די חתונה.

כ׳בין מיך מחיה מיט דער זיכערקייט, כ׳בין גליקלעך פונעם באַוואוסטזיין, וואָס כ׳האָב דערפילט אייערע אַלעמענס פאָדערונגען. כ׳בעט בלויז באַלוינונג. באַלוינט מיך מיטן צואיילן די חתונה.

מיין בריוו איז, ווי אַ לעצטער, קורץ. אַריבערציען זיך אין דער נייער דירה, אויסמעבלירן זי ביי נישט גאָר קיין קליינער פּראַקטיק, נעמט מיר שוין אַוועק צו פיל צייט און דאָך מוז איך לעבן מיטן געדאַנק וועגן דיר, מיט דער בענקשאַפט נאָך דיר...

דיין לעאָן.

37

צו דער כלהס עלטערן

(פון העברייאיש)

טייערע עלטערן!

כ׳בין אייך מודיע, אַז דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט צו גוטן, ס׳איז אַוועק די כמאַרע און ס׳האָט אויפגעשיינט די גנעדיקע זון מיט אַ היילונג אין אירע פליגל.

ה׳ מרגליות איז געקומען צו די כוחות, איך האָב אַ גוטע און אַ שיינע וואוינונג. כ׳בעט איך צו באַשטימען די צייט פון דער חתונה. —

אייער זון וואָס ליבט אייך
יצחק לייבוש פרץ.

38

צו דעם שוואָגער

ברודער הערמאַן!

כ׳האָב אייך אַלע צו ליב געטאָן — כ׳האָב זיך געמיט און געפונען, כ׳האָב אַ גוטע און שיינע וואוינונג, אַ וואַרעמע א. אַז. וו. כ׳האָב אַ גוטע הויז־ווירט־שאַפט, כ׳האָב זיך שוין געמאַכט מלבושים און כ׳בין גרייט צו מאַכן די ברכה אשר . . .

כ׳בעט דיך צו פאַרגיכערן און צואיילן דעם זמן־חתונה, וואָרן כ׳בין קראַנק פון ליבשאַפט.

דיין ברודער
יצחק לייבוש פרץ.

39

צו דער שוועגערין

(פון פויליש)

ליבסטע פרוי שוועגערין!

ס׳וועט אייך געוויס פאַרשאַפן פאַרגעניגן די ידיעה אין דעם בריוו צו די עלטערן און צו העלענען. זעט וואָס גיכער פאַרטיק צו ווערן, ווייל דאָס וואַרטן מאַטערט.

אייער ליבנדיקער ברודער
לעאָן.

40

צו דער כלה

(פון פויליש)

טייערסטע העלענע!

הכלל, ס׳נעמט אַ סוף צו אונדזער קאָרעספּאָנדענץ, צו אונדזערע דאגות, פאַרוואורפן א. אַז. וו. ס׳בלייבט אונדז בלויז זיך איבערצובעטן, מאַכן אַ

פריילעך פנים און פאַרבעטן אייגער דעם אַנדערן אויף אונדזערביידנס חתונה!...

די ברידער אונדזערע האָבן דאָ פאַרבראַכט נישט שלעכט, זיי האָבן געגעסן סוכאַרעס, קאָרטן האָבן אויך נישט געפעלט, אָבער פון שלאָף האָבן זיי ווייניק גענאָסן, זיי זאָלן אָקאָרשט נישט שלאָפן אויף דער חתונה. —

ביי איך איז מסתמא אַ גאַנצער יאַריד. די קעפּ אייערע זיינען ווער ווייסט וואו, כ'וויל אויף דיר נישט אָנוואַרפן קיין אומעט מיט מיין „שלעפעריקער קאָרעספּאָנדענץ", ווייל כ'זיץ קוים, אין די אויגן פייערט, אין קאָפּ רוישט און אין מאָגן איז פּוסט, ווייל ס'האָט אונדז פאַרפעלט נעכטן זאַלץ.

נו, זאָג אַליין! האָב איך אַ ווערדע, אויב איך שרייב וועגן מאָגן און זאַלץ, וועגן קאָרטן און סוכאַרעס? אדרבא, מיין גייסט האָט ליב אָפּט מאָל זיך צו וואַלגערן אויף דער ערד און ער מיידט אויס דעם בלויען הימל, בכדי הנאה צו האָבן a la gemein.

איבעריקנס וועל איך זיך אויסשלאָפן, מיר וועלן זיך אין גיכן זען און די איבעריקע דערקלערונגען וועלן אַ שטראָם טאָן ווי הייסע סמבטיון־לאַווע פון מויל צו מויל, דורכגעפלאָכטן...

דיין לעאָן.

ווי דו פאָדערסט:

מיין גאַרדעראָב איז נאָך נישט פאַרטיק.

לעאָן.

הער אַ מעשה: דער דישל פונעם וואָגן, וועלכער האָט געזאָלט אַרויס־פירן דיינע ברידער פון דאַנען, האָט געפּלאַצט — און זיי בלייבן ביי מיר נאָך אויף — 5 מינוט. ס'קען מיך קאָסטן טייער דאָס עסק, ווייל כ'בין נישט זיכער מיטן פרישטיק, סיידן כ'זאָל זיך מאַכן קראַנק אויף „קאַרמאַנע־סוש" (אויף שלעכט אונגעריש) און אויפהייבן די הענט אין דער הייך און טענהן (פּאַטאָס): ברידער, לאָזט זיך אין וועג אַריין הונגעריקע, ווייל די קיך מיינע קען שוין איך מער נישט דינען. —

דער דישל איז פאַרריכט. געבענטשט זאָל זיין דער סטעלמאַך, די ברידער פאָרן. אַדיע.

לעאָן.

41

צו ניימאַנען

(פון פויליש)

טייערער ניימאַן! *

איך האָב שוין מורא דיר צו שרייבן... איך האָב מורא פאַר דיין געלעכטער, פאַר דיין ביטערער איראָניע... אָבער וואָס? אוי לי מיצרי אוי לי מיוצרי. איבעררייסן מיט דיר קען איך נישט, כ׳האָב דיך צו פיל ליב און כ׳מוז זיך אונטערגעבן דיין קריטיק...

אָננעמענדיק זיך דעריבער מיט מוט, וויל איך דיר מיט איין אָטעם אַלץ אַרויסזאָגן: כ׳בין פאַרליבט.

נו, וואָס? דו ברעכסט אויס אין אַ געלעכטער? דו שאָקלסט מיטן קאָפּ? דו האָסט רחמנות אויף דיין חבר? טו וואָס דו ווילסט, אָבער איך האָב ליב... ליב הייס ווי אַ שולייִנגל, אויסגערעכנט ווי אַ עגאָאיסט, ריין ווי פּלאַטאָן!

כ׳בין פאַרליבט און כ׳וועל חתונה האָבן...

דו האַלטסט דיך פאַר די זייטן?

קורץ און בינדיק וועל איך דיר דערציילן די געשיכטע פון מיין ליבע. אין זאַמאָשטש איז דאָ אַ געוויסער יונגער מענטש — לאָמיר אים אָנרופן „א״, — וואָס האָט אָנגעוואוירן דעם פּאָסטן, געבליבן אויף דער הוילער באַנק מיט אַ ליידיקער קעשענע, אָן אַן אויסקוק אויף ווייטער...

דעם דאָזיקן „א״ האָב איך געטאָן אַ שטיקל טובה: כ׳האָב אים אויף 5 וואָכן צייט געגעבן בעט און טיש און ער האָט מיר צוגעזאָגט אָפּצודינען.

איין מאָל איז ער אַריינגעקומען צו מיר מיט אַ שמחה. — כ׳בין געקומען — זאָגט ער — דיך צו באַלוינען בשפע, כ׳וועל דיר געבן . . . אַ ווייב.

כ׳האָב געלאַכט.

— לאַך נישט — זאָגט ער — נאָר פאָר מיט מיר צו קיין לענטשנע, דאָרט וועל איך דיר ווייזן אַ מיידל, וואָס דו וועסט ליב קריגן און מיט איר וועסטו בקרוב חתונה האָבן...

איך האָב געלאַכט, אָבער אויף אַ טשעקאַוועס בין איך געפאָרן, און דער־

---

* פּרעצעס אַ באַקאַנטער פון וואַרשע, וואו פּרץ האָט איין צייט געגעבן העב־רייִאישע לעקציעס.

זען — נישט קיין מיידל נאָר אַ מלאך, כ׳האָב זיך פאַרליבט און — באַלד וועל איך שטעלן אַ חופה...

דער ציל פון מיין בריוו: איך האָב דעם כבוד צו פאַרבעטן דיך אויף מיין חתונה מיט העלענע רינגעלהיים, וואָס דאַרף פאָרקומען אין לענטשנע דעם 14טן פעבּרואַר יאָר 1878.

דיין
לעאָן פרץ.

42

צו דער פרוי

[וואַרשע] (פון פּויליש)

טייערע העלענע!

נישט מיט דעם איינעם וואָרט „זיי מוחל" האָב איך דיך געוואָלט איבער־בעטן. צוליב דריי טעמים דאַרף איך קריגן דיין מחילה:

1) ס׳איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז דו וועסט די ערשטע אַ בריוו אָנשרייבן! בעט איך דערפאַר צו געדענקען אין די הבטחות, וואָס מען גיט דעם מאַן!

2) כ׳האָב דאָך נישט געקענט שיקן אַ בריוו פון וואַרשע, נישט האָבנדיק אויפגעטאָן נאָך גאָרנישט. און וואַרטן אויף יענקלען האָב איך דאָך געמוזט... וועגן דעם וועלן מיר רעדן פּנים־אל־פּנים. —

3) דער וויכטיקסטער טעם איז, אַז די ליבע איז מוחל... אין נאָמען פון דער־אַ ליבע אונדזערער בעט איך, טייערע העלענע, זאָלסט זיך נישט נעמען צום האַרצן די ווייטערדיקע ידיעה: דער ד״ר הייסט מיך וואַרטן נאָך עטלעכע טעג! אַקערשט קער איך זיך אום פון אים און אָט ערשט האָב איך געקראָגן 4 רעצעפּטן, פאַר וועלכע כ׳וועל מסתמא דאַרפן באַצאָלן אין אַפּטייק ביי אַ וואָסערע 3 רו״כ.

דערפאַר אָבער פאַרזיכערט דער ד״ר, אַז כ׳וועל אָוועקפאָרן אַ געזונטער אָן שום מעגלעכקייט פון אַ רעצידיוו.

העלענע! וויינען ווילט זיך מיר, ווען כ׳טראַכט וועגן דעם איינדרוק, וואָס די ידיעה וועט אויף דיר מאַכן! איך שטאַרק זיך איינצוהאַלטן, ווייל יענקל הייבט שוין אָן צו לאַכן.

איך דאַנק לוציאַנען * פאַרן טאָגבוך. לעאָפּאָלדס ** בריוו און שליסעלע

---

* לוציאַן — פּרצעס זון פון דער ערשטער פרוי, געבוירן אין 1873 (געשטאָרבן אין 1919).

** העלענעס יונגסטער ברודער.

פּרץ אין די 70ער יאָרן

העלענע פּרץ (נאָך דער חתונה)

יהודה פּרץ (פּרצעס פאָטער)

לוציאַן (פּרצעס זון)

האָב איך אָפּגעגעבן, נאָך די ביכער האָט זיך נאָך קיינער נישט געמאָלדן. העלענע! קענסט זיך נישט אויסמאָלן, ווי דאָס בלייבן מיינס קרענקט מיך, אָבער דערויף איז קיין עצה נישטאָ! מען דאַרף איין מאָל אַ סוף מאַכן און אומקערן זיך אַ געזונטער.

ווייסט, וואָס ס׳איז מיר איינגעפאַלן? שרייב מיר וואָס דיר איז, וועל איך אַריינגיין צו טיפּכאָווסקין און זיך מיט אים באַראַטן.

העלענע! כ׳גיי איבער פון מיין האָטעל אין יענקלס האָטעל. ס׳וואָלט מיר אומעטיק געווען אַליין!

כ׳האָב געמאַכט אַ מלבוש און זיך געקויפט אַ קאַפּעליוש מיט אַ פּאָר באַקוועמע קאַמאַשן.

גערשזאָן*** נעמט זיך שוין גרייטן. זיי מיר געזונט און פריילעך.

דיין

לעאָן.

אויב ס׳וועלן זיין ענינים פאַר מיר, בעט איך דיך נישט אָנצונעמען קיין שום מעלדונגען. אָדער — אונטערשרייבן מיך און באַשטעטיקן און דורך עמעצן באַזאָרגן.

דיין

לעאָן.

לוציאַן! פיר זיך אויף וואויל. וואָס כ׳האָב צוגעזאָגט, האָב איך געקויפט. דיין בריוו איז אַלעמען געפעלן און מען האָט דיך געלויבט.

לעאָן.

43

צו דער פרוי

(פון פויליש)

[וואַרשע]

טייערע העלענע!

איך בין געווען ביים ד״ר. ער האָט מיר געהייסן מאַכן אַ פּאָר וואַנעס און ערשט שבת וועט ער מיר ענדגילטיק געבן אַן עצה. ער האָט מיר דערביי פאַרשריבן אַ רפואה. מאָרגן וועל איך געיואויר ווערן, צי זי וועט אין טעם זיין בעסער אָדער ערגער פון די זאַמאָשטשער רעצעפּטן. די ווירקונג — פאַר־זיכערט דער ד״ר — איז גאַראַנטירט. —

*** פּרצעס אַ קאָלעגע, אַן אַדוואָקאַט.

כ׳וועל זיך איבערטאָן אויף דעם „אָוונט״. איז צום ווידערזען! — — —

— —

1 אַזייגער. כ׳האָב זיך אַרויסגעגנבעט אויפן ענגלישן שטייגער. כ׳האָב זיך אַפילו מיט די באַלעבאַטים נישט געזעגנט. מיין גאָט! וואָס פאַר אַ קאָלעקציע נעז! נעז לאַנגע, געשוואָלענע און קרומע! קיין איין לייטיש נישט. אונדזער „אַלטע מאַדאַם״ איז געווען די קיניגין פון באַל! דאָס הייסט, זי וואָלט געווען, ווען זי וואָלט, ווי אַנדערע, געהאַט דעם געהעריקן נדן! דער מענערישער מין איז אויך בכבודיק געווען פּרעזענטירט! נעז און נעז! כ׳בין זיכער, אַז צום וויניקסטן אַ יאָר צייט וועלן זיך מיר חלומען סאַמע נעז. ס׳זיינען געווען בלויז קרובים, עטלעכע באַקאַנטע, נאַטאַנס חברים, סטודענטן און... האָבן נישט אָנגעגעסן די פּאַרבעטונגען. זיי האָבן אַ חוש־הריח, זיי האָבן דערשמעקט אַ קאַלטע וועטשערע! אַ פּראָפּאָ — וועטשערע — ס׳האָט מיר עמעץ געזאָגט, אַז אַ קאַלטע וועטשערע קילט אָפּ די גרעסטע היץ פון די קאָנקורענטן. זאָל ק׳ נישט האָבן געוואוסט וועגן דעם? בערנאַרד איז נישט געווען. ער איז נישט קיין נאַר: ער האָט זיך פּאַרענטפערט מיטן ווייבס קראַנקהייט. וואָס וואָלט איך געגעבן, ווען אַפילו גערשזאָן וואָלט קראַנק געוואָרן? כ׳וואָלט בעסער געוואָלט צו אים רופן אַ קאָנסיליום, אויפּוועקן צען אַפּטייקן און אַ גאַנצע נאַכט אים צולייגן קאָמפּרעסן, איידער צו ווערן באַשטראָפט אויף — איבערצוקוקן אַ קאָלעקציע נעז! —

— אין טעאַטער בין איך געווען נאָר איין מאָל! ווי אַזוי דאָס געשעט, ווייס איך נישט. נאָר די טעג אַנטלויפן ווי „שאָטנס פון פליענדיקע פייגל״. כ׳האָב גאָרנישט געטאָן און ביז אַהער האָב איך קיין איין מינוט צייט נישט געהאַט. כ׳הייב באמת אָן בענקען אַהיים. די טרויעריקע געדאַנקען פאַרטרייב איך ווי זלידנע פליגן. וואָרשע האָט שוין אַזוי אויך באַוויזן איינצושרומפן מיין פאַרנט. כ׳ענדיק נישט דעם בריוו. כ׳בין שרעקלעך מיד. און דו? דו שלאָפסט שוין אין דער צייט און איך וועל זיך באַמיען איינצושלאָפן, כ׳בין שרעקלעך מיד, די פען פאַלט מיר אַרויס פון דער האַנט. —

כ׳בין אויפגעשטאַנען אַרום 10. די נעז האָבן מיר יאַקאַש געלאָזט צו רו. כ׳בין געווען דערפאַר אין זאַמאַשטש אין דער היים. אָבער נישט מיט דיר. דו ביסט אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. עטלעכע טעג האָב איך נישט געהאַט פון דיר קיין בריוו. כ׳בין געזעסן אויפן פּאָטעל אַ פּאַרבענקטער, אָן אומעטיקער און לוציאַן האָט ביים צווייטן טיש אָנשטאָט צו לערנען אויסגעריסן פון דער לאַטיינישער גראַמאַטיק בלעטל נאָך בלעטל. כ׳האָב געוואָלט אָנשרייען אויף אים, נאָר כ׳האָב נישט געקענט, אין האַלדז איז מיר טרוקן געוואָרן, כ׳האָב

געוואַלט אויפשטיין — זיינען מיר די פיס ווי פאַרגליווערט געוואָרן. און ער רייסט און רייסט און דער קויבער ווערט פול מיט בלעטלעך..

דאָס בלוט אין די אָדערן [...] כ׳האָב געכאַפּט דאָס ציגאַרן־מאַשינדל און געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויף דעם דיל. כדי דערמיט אָפּצורייסן לוציאַנען פון זיין רייס־מלאכה, ערשט פּלוצים עפּנט זיך אויף די טיר און דו גייסט אַריין! באַלד איז דער פּאַראַליז אַוועק, דאָס לשון האָט זיך צוריקגעקערט און מיט איין שפּרונג בין איך געווען אין דיינע אָרעמס.

ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך באמת נישט געקענט רירן פאַר פאַרמאַטערטקייט, און מויל איז מיר אַזוי טרוקן געווען, אַז אַ האַלבן סיפאָן וואַסער האָב איך אויסגעטרונקען איידער כ׳בין געקומען צו זיך.

וואָס טוט לוציאַן? לעאָפּאָלד, כ׳האָב אַלץ געטאָן.

לעאָן.

44

צו דער פרוי

(פון פויליש)

וואַרשע, דעם [...]

העלענע!

לעבן מיינס! ווי שטאַרק דיין בריוו האָט מיך גערירט! דו ליידסט, ביסט איינזאַם און איך, לויט דיין בריוו, ווייל זיך, פאַרברענג!

אַ! אויסגעצייכנט זיינען מיינע פאַרוויילונגען! פּרעכטיק מיינע שמחות! כ׳האָב זיך געזעגנט ביי ה׳ ק׳, כ׳וויל זיך כסדר מיט דער פרוי „באָקי״,* כ׳לערן יענקלען שפּילן אַ פּרעפעראַנס, מאַך זיך וואַנעס, שמיר זיך מיט שמעקעדיקע פּלאַסטערס, נעם איין זיסע רפואות.

כ׳האָב זיך געלאַנגווײליקט בלויז צוויי מאָל: כ׳האָב געהערט זשול־קאָווסקין און בין געווען איין מאָל אין עלדאָראַדאָ! סומאַ סומאַרום — צוויי אָוונטן פאַרברענגט אין טעאַטער.

ווען גערשזאָן איז געווען, האָט מען אין צווייען גיכער געקענט עפּעס טאָן — נעכטן אָבער אין דער פרי בין איך אויפגעשטאַנען 10 אַזייגער, בין אַוועק צו יענקלען און געטרונקען דאָרט טיי. פאַרבעטן צו ה׳ שאַטענשטיין — זיינען מיר דאָרט געווען אַ פּאָר שעה, אין די פּאָר שעה האָב איך זיי אויפ־געקלערט די יסודות פון פּרעפעראַנס־שפּיל — פאַר אַן איבערבייס זיינען מיר

---

* העלענעס אַ שוועגערין.

אַראָפּ אויף מיטאָג צו עקסעלמאַנען. נאָך מיטאָג בין איך אַוועק צו דער פאַמיליע „באָקי" און געטרונקען דאָרט טיי. זיינען געקומען ה׳ שאַטענשטיין און ה׳ פרישבערג. דער לעצטער האָט גרישען גענומען צו זיך אויף אַן „אָקע". מיר זיינען ווידער אַוועק צו יענקלען, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט ביז 10. 10 האָבן מיר אָפּגעפירט ש׳ — מיר האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע (צו אַכטל קאַוויאַר, ציבעלע, יענקל מיט צ׳) און בין געגאַנגען שלאָפן. —

אַ נייס אין דעם טאָג איז געווען דער וויזיט ביי בערנאַרדן און — גערשזאָנס אָפּפאָר נאָך אַ וואַרעמען געזעגענען זיך מיט צ׳.

העלענע, לעבן מיינס, מיינע ליידן זיינען נישט קלענער פון דיינע, — אָבער איך בייג דעם קאָפּ פאַר דער נויטווענדיקייט און לאָמיר וואַרטן אויף בעסערע צייטן!

בכל אופן וועט די געטין פון ליבע, — וואָס איר עקזיסטענץ (נישט פון דער ליבע, נאָר פון דער געטין) איז באַוויזן געוואָרן פונקט אַזוי ווי די עקזיס־טענץ פון גאָט אַליין — דיר אַוועקשטעלן אַ +5 פאַר דיין בריוו!

פאַר מיר איז דער בריוו אַ באַווייז פון דער העכסטער מאַכט פון געפיל, צו וועלכן דאָס האַרץ איז מסוגל, דערום — ווי זיס זיינען מיינע ליידן! — לוציאַן און לעאָפּאָלד, זייט מיר געזונט, לערנט זיך גוט!

לעאָן פּרץ.

45

צו דער פרוי

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

דעם גאַנצן פרייטאָג בין איך אָפּגעווען ביי נאַטאַנען אין שטוב, שבת האָב איך געמוזט ענדערן דעם קאָנטראַקט מחמת דער נישט זייער קלוגער זאַמאָשטשער דעפּעשע. האָב איך דערפאַר ערשט היינט געהאַט דעם ד״ר נאַטאַנסאָן ביי ה׳ ראַבינאָוויטשן אין שטוב. כ׳האָב אויסגעניצט די האַרציקע גוטסקייט פון אָט די פריינט אונדזערע, ווייל דער אוקראַאינישער האָטעל איז אַזאַ ברודיקער, אַזאַ געמיינער, אַז ס׳איז מיר געווען אַ בושה דאָרט אים אויפ־צונעמען. אַוועקצוגיין צו נאַטאַנסאָנען און אים פאַרבעטן צו זיך — האָבן מיר געראַטן די קאַרנגאָלדס און די יונגע. ד״ר נאַטאַנסאָן האַלט, אַז כ׳האָב אַ שטאַרקן, כאָטש נישט קיין כראָנישן מאַגן־קאַטאַר, ער קען אָבער גרינג ווערן אַ כראָנישער. דערביי איז לויט די סימפּטאָמען אָנצונעמען, אַז דער סאָליטער

האָט זיך ווידער באַוויזן, ס'איז אָבער אויך מעגלעך, אַז דאָס זיינען בלויז סימפּטאָמען פון קאַטאַר.

דעם קאַטאַר, זאָגט ה' נאַטאַנסאָן, וועט מען קענען גרינג אויסהיילן, וואָס נוגע דעם סאַליטער, איז דאָס געווענדט אין פאַרשיידענע אומשטאַנדן. דערווייל האָט ער מיר געגעבן אַ פּראָבע־רעצעפּט. אויפן פינפטן טאָג נאָכן אויסנעמען אים וועט דער קאַטאַר, אויב נישט אין גאַנצן באַזייטיקט — גאָר היפּש שוואַכער ווערן. דער וואָרעם, אויב ער איז נאָר דאָ, וועט זיך וויזן, און דעמאָלט וועט ער אים אין משך פון 2־3 [טעג] אַרויסטרייבן. ער פאַרהאַלט מיך דעריבער מינימום 5, מאַקסימום 8 טעג. גלייב מיר, אַז די דאָזיקע פּערספּעקטיווע מאַטערט מיך. וואָס זאָל מען טאָן?

כ'פאַרשטיי נישט יוספן. אויב איך טעלעגראַפיר „ווי געוואונטשן", הייסט עס: אַז כ'האָב געזען די חשבונות פאַר דעצעמבער און יאַנואַר; אַז די דער־גרייכטע פּרייזן זיינען גוטע; אַז כ'האָב איינגעזען, עס איז פאַר אונדז נישטאָ קיין סכנה מצד דער אַלגעמיינער שטעלונג פון ב' ר' — איז פאַר וואָס זשע נישט נעמען פאַרשוס? פאַר וואָס נישט בעסער פּטור ווערן פון לעאָן מרגליות?

כ'פאַרשטייך נישט, פאַר וואָס ער האָט מורא פאַרן פאַרשוס און מיט וואָס דער פאַרשוס בינדט אונדז? נאַטאַן זאָגט צו זיך צו פאַרעבעסערן. ער האָט נישט באַהאַלטן פאַר גאָלדבערגן זיינע ביכער... וואָס ווילט איר נאָך? ער האָט זיך נישט געקענט איבערצייגן, אַז אונדז קומט אַזוי פיל; וואָרן זיינע ביכער זיינען נישט [illegible] אונדז ווידער האָט ער נישט געקענט גלייבן, אַז מיר זאָלן האָבן געקענט ביי „אונדזער קאַפּיטאַל" אַזאַ סומע פאַרזען, דערום איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט זיך אַליין טועה געווען אין די רעכענונגען.

ווי יוסף שרייבט, איז מעל אין וואַרשע „פלאַם פּייער", כ'האָב דעריבער נאַטאַנסאָנען אָפן געזאָגט, אַז כ'טעלעגראַפיר אַרויסצושיקן בלויז 1 וואַגאָן, אויב דער צווייטער קען אויפן אָרט פאַרקויפט ווערן.

נאָר וואָס האָט מען מיר געברענגט דאָס פלעשעלע מיט דער רפואה, כ'וועל איינעמען צוויי מאָל טעגלעך, 9 און 2. מילא וואָס פאַר אַ טעם דאָס וועט האָבן, וואָסערע פּעולה — דאָס איז דער עיקר!

ס'ווילט זיך מיר אַזש וויינען פאַר כעס: רייכערן פאַרווערט ער מיר! נאָך נישט אַזוי גיך פאַלג איך אים אָבער, און טאַקע גלייך פאַררייכער איך אַ פּאַפּיראָס. כ'מוז ענדיקן דעם בריוו, ווייל אייזיק פאָרט.

די ראַבינאָוויטשעס גריסן דיך האַרציק.

דיין לעאָן.

46

צו דער פרוי

(פון פויליש) [זאַמאָשטש]

טייערע העלענע!

דיין בריוו האָב איך באַקומען זעכטן אין דער פרי, כ'האָב אָבער בשום אופן נישט געקענט דיר באַלד ענטפערן און כ'האָב פאַרלוירן אַ טאָג פּאָסט.

היינט איז נפתלי * אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. כ'האָב אָבער אים נישט געוואָלט מיטגעבן דעם בריוו, אויס מורא, אַז ער וועט אים פאַרלירן אָדער וועט פאַרגעסן אים אָפּצוגעבן.

דערווייל גיי איך ווי אַ בלינדער.

קודם־כל פאַרשטיי איך נישט, פאַר וואָס דו פאַרלאַנגסט נישט קיין געלט?

איך קאָן נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס דו פירסט דיך אַזוי, אַז איך [?] מוז בלייבן אָן געלט?

אַזוי ווי ס'איז נישטאָ די מאַסע [?], וואָס דו שיקסט מיר נישט איבער, קאָן איך פשוט אין די איילינקסטע ענינים גאָר נישט טאָן, און דער משוגענער שעראַקאָווסקי ** דערדריקט מיך ממש מיט בריוו—איז דען נישטאָ קיין פּאָסט?

דריטנס דערקלער מיר, ווי אַזוי מען פאָרט קיין טשעכאָטשינעק דורך זאַמאָשטש? פאַר וואָס שרייבסטו מיר אגב נישט, ווען דו רעכנסט צו פאַרלאָזן וואַרשע?

צי קענסטו טשעכאָטשינעק? מען זאָגט, אַז דאָרט איז זייער אומבאַקוועם, דריי מאָל ערגער פון ערגסטן פוילישן קוראָרט: נישט קיין לייטישע דירות, נישט קיין עסנס — און בכלל קומט דאָרט נישט פאַר קיין שום פאַרווײַלונג.

צי וואָלט שוין דערום נישט בעסער געווען צו פאָרן קיין אויסלאַנד?

כ'פיל, אַז מיין בריוו איז נישט איבעריק זיס... אָבער כ'וועל אים אַוועקשיקן. כ'בין אַזוי פול מיט ביטערניש און ספקות, אַז אויב כ'וועל אים צערייסן, איז אָדער כ'וועל גאָר נישט, אָדער כ'וועל גאָט ווייסט וואָס אָנשרייבן.

איז זיי מיר מוחל... און שרייב אָן אַ בריוו ווי ס'באַדאַרף צו זיין, כדי כ'זאָל וויסן, וואָס ס'קומט פאַר, וואָס דאַרף מען טאָן און ווען וועסטו מיך באַפרייען פון שעראַקאָווסקין.

באמת, מען קען משוגע ווערן!

דיין לעאָן.

8/29

---

* אַ זון פון ישעיה מרגליות.

** אַ גוטבאַזיצער — פּרצעס אַ קליענט.

47

צו דער פרוי

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

איך בין זייער באַזאָרגט, וואָס כ׳באַקום נישט קיין ידיעה פון דיר.* ווי כ׳האָב דיר טעלעגראַפירט, האָב איך נאָך יענעם דאָנערשטאָג דיר מיט דער פּאָסט אַרויסגעשיקט אַ בריוו מיט געלט. כ׳קען ניט פאַרשטיין, פאַר וואָס דו האָסט עס נישט באַקומען. כ׳האָב געהערט, אַז מיט פּאָסט קומט דאָס געלט צום פינקטלעכסטן אָן. נעכטן האָב איך פון לעאָפּאָלדן באַקומען אַ בריוו, אַז האָסט געליען ביי פרוי אייזענמאַן 90 מאַרק. כ׳ווייס נישט, צי דו האָסט שוין ס׳געלט באַקומען און איר באַצאָלט, צי דו האָסט עס נאָך נישט באַקומען און מען דאַרף דיר צושיקן אַנדערע; צי דאַרפסטו דעם חוב באַצאָלן אויפן אָרט, צי איך דאַרף עס אָפּשיקן קיין וואַרשע? דער קאָפּ דרייט זיך מיר פון עגמת־נפש און כ׳ווייס נישט, ווי זיך אָן עצה צו געבן. דערצו באַקום איך נישט פון דיר קיין שום בריוו, כ׳פאַרשטיי נישט די גאַנצע סיטואַציע און ווייס נישט, ווען דו וועסט פון לאַנדעק אַרויספאָרן, ווי אַזוי באַקומט דיר די קוראַציע, צי ביסטו געזונט, צי ווילסטו זיך כאַטש!

כ׳דאַרף דיר נישט באַשרייבן, ווי איך לייד פון דעם. שטעל זיך פאָר, אַז דו ביסט אויף מיין אָרט! אָבער מער פאַר אַלעם האָב איך מורא פאַר דיין אומצופרידנקייט. איך מאָל זיך אויס, אַז דו באַשולדיקסט מיך אין גאָט ווייסט וואָס... נו, לאָמיר זאָגן, אַז כ׳פאַרנעם מיך צו פיל מיט דער שול...** גלייב מיר, העלענע, אַז כ׳ציטער בלויז איבערן געדאַנק פון אַזאַ באַשולדיקונג! גלייב מיר, אַז זינט דיין אָפּפאָר האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין רגע רו! כ׳בין אַזוי ווי אַ בלאָנדזשענדיקע שאָף, קען זיך אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפינען, און אויס־געגאַנגט פון בענקשאַפט, קען איך נישט איינשלאָפן! — גלייב מיר, אַז אַזאַ מין צווייטע צעשיידונג וועל איך נישט אַריבערטראָגן און כאָטש אין עק וועלט אַריין וועל איך מיט דיר פאָרן. כ׳האָב דיר דאָס נישט געוואָלט שרייבן. כ׳האָב דיך נישט געוואָלט מצער זיין. די אומשטאַנדן נייטן מיך.

דיין לעאָפּאָלד איז אויך מיר צו קלוג. ער שרייבט מיר, אַז ער האָט פאַרדראָס, וואָס כ׳שלעפּ אָפּ מיט אַרויסשיקן דיר ס׳געלט! אַז איך דאַרף פאַר־

* העלענע איז געפאָרן קיין לאַנדעק, אַ קוראָרט הינטער ברעסלע.

** פרץ, ווי באַקאַנט, האָט אָנגעפירט מיט קורסן פאַר דערוואַקסענע אין זאַ-מאָשטש. ער האָט געהאַט אויסצושטיין פיל צרות פון די פרומע יידן.

שטיין, אַז ביי אַ געלט־מאַנגל איז אוממעגלעך זיך צו קורירן א. אַז. וו. ס׳איז דאַרט אויך דאָ יענקלס אַ צושריפט! יענקל האָט אויך געפונען אַ טעמע אויף מוסר. ביידע זיינען זיכער, אַז איך וויל דיר נישט [שיקן] קיין געלט!

וואָס פאַר אַ שטות! אויף אַזעלכע בריוו קען מען ענטפערן נאָר מיט מעשים, לכל הפחות מיט אַ שפיי!

מיר טוט עס וויי, עקבערט, ברענט. ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז כ׳האָב יענקלען צעשלאָגן אָן רחמנות, כ׳וואָלט אים געוועז דערהרגעט, נאָר דו ביסט אַריינגעפאַלן און... כ׳האָב דיך אָנגעהויבן צו קושן. וואָס פאַר אַ שרעקלעכער און זיסער חלום! זעלטן אָבער קומט ער צו מיר. כ׳לייג זיך זייער שפעט און שטיי אויף גאַנץ פרי. די געשעפטן — נישט ווי צום בעסטן צוליב שניטצייט, כ׳האָב אָבער געהאָט נישט קיין שלעכטן אַראָפּפאָר. צי האָסטו געדענקט די רוסישע דאַטע און האָסט געוואוסט, ווען איך האָב דעם אַראָפּפאָר? צי האָסטו געוואוסט, ווען כ׳זיץ אָן פרישטיק ביז 4 בייטאָג און 4 עס איך מיטאָג אָן דיר? און ווען גוט פאַרמאַטערט קער איך זיך שפעט ביינאַכט אום אַהיים — וועמען טרעף איך?

דעם דאָקטאָר מיט העסען, וואָס שפּילן אַ „בעזיק״! אַ ביסל צו ווייניק!

מיין גאָט! ווען וועסטו שוין צוריקקומען? ווען וועל איך דיך שוין זען? ווען וועל איך דיך שוין צודריקן? שרייב מיר, אַז דו וועסט גיך קומען, נאָר מיך אָפּ, נאָר גיב מיר אַ ביסל טרייסט, ווייל, באמת, איך נייטיק מיך זייער אין דעם.

נו, נישט נאָר דו אַליין, אויך איך קוריר מיך: כ׳בין מאָגער געוואָרן! אפשר וועל איך זיין שענער? ווייניקער אפשר ענלעך אויף אַ פּעסל?

אַז דו וועסט זיין ביי אַ ספּעציאַליסט אויף נעז, פרעג אים אויף מיין צונג, זאָג אים, אַז ער זאָל געבן אַן אנגענעמע רפואה! פאַרזיכער אים, אַז דער מאָגן איז אין אָרדענונג (נישט אין דער רגע, וואָרן איצט איז ער צו ליידיק — נעכטן איז געווען אַ מילכיקער טאָג, קיין וועטשערע אָבער האָב איך נישט געגעסן), נאָר די צונג האָט זיך צעבונטעוועט. אָט דאָס צינגעלע גיט נישט נאָר מיר, נאָר אויך די חסידים די וועלט צו זען: איך וויל עס אויסרייניקן, זיי — אויסשניידן! העלענע! כ׳בעט דיך רחמים, זיי מיך דן לכף זכות! האָב מיך ליב! — קום צו פאָרן צו דיר

לעאָן.

26 יולי—6 אויגוסט, 1882.

אין דער רגע, ווען כ׳האָב אונטערגעשריבן דעם בריוו, האָב איך באַקומען דיין בריוו. צי קענסטו דיר אויסמאָלן מיין עגמת־נפש, צי וועל איך זיין אין

שטאַנד צו באַשרייבן מיין וויטאָג? — ניין. אין דער־אָ רגע שפּיר איך, אַז אַן אימהדיק געפיל לאָזט זיך נישט באַשרייבן...

יענער בריוו מיינער איז נישט געווען, ווי דו האָסט געדרונגען, געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן. ער איז בלויז באַשטאַנען פון פראַגמענטן. די געדאַנקען פלאָנטערן זיך מיר, רייסן זיך איבער ווי אַ שוואַכער פאָדעם ביים נייען. כ'היב אָן צו טראַכטן און דעם געדאַנק באַשרייבן, דער געדאַנק רייסט זיך און די פען נאָטירט מיט פינטעלעך יעדן אַזאַ איבעררייס. —

לכתחילה האָב איך געוואָלט פירן אַ טאָגבוך. כ'האָב אָוועקגעוואָרפן דעם דאָזיקן געדאַנק, ווייל איין זייטל פון טאָגבוך וואָלט געווען אַ געטרייע קאָפּיע פונעם אַנדערן. — כ'פיר אַ לעבן אין גאַנצן אָן איינטאָניקס. אַלע טאָג שטיי איך אויף 7. שרייב ביז 10, טרינק טיי, גיי אַראָפּ, קער זיך אום, גיי ווידער אַראָפּ, קער זיך ווידער אום, ביז וואַנען דאָס ווייסע טישטעך דערמאָנט מיר, אַז ס'איז צייט צו עסן מיטאָג; זעץ איך זיך און עס. נאָך מיטאָג ווידער דאָס אייגענע — מעסטן די טרעפּ, טיי, טייל מאָל וועטשערע און בין אַן עדות אָדער נעם אַליין אָן אָנטייל אין אַ לאַנגווייליקן „בעזיק"... נאָך דעם: שלאָף.

די רגע האָב איך באַקומען אַ ידיעה פון פרוי עליאַסבערג, וואָס האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיין געזונט. זי גיט אַן עצה, אַז דו זאָלסט זיך נישט אָפּערירן אין ברעסלע, נאָר זאָלסט צופאָרן קיין בערלין, וואו דו האָסט נישט ווייט. דאָרט דאַרפן זיין ספּעציאַליסטן אין אַלע אופנים.

ד"ר געליבטער מיינט אויך אַזוי און ראָט, אַז דו זאָלסט פאָרן קיין בערלין און אַריינגיין צו ה' בילראָטה. אין דער רגע איז ווידער געקומען צו לויפן דער ד"ר און האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך טועה געווען, אַז בילראָטה איז אין ווין און נישט אין בערלין, ווייסט ער נישט וואָס צו ראָטן, בכל אופן זאָגט ער דאָס — אַז דו זאָלסט דיר אין ברעסלע קיין אָפּעראַציע נישט מאַכן, — נאָר אויב דו וועסט נישט געוואויר ווערן פון אַ צווייטן גדול, זאָלסטו זיך אומקערן קיין וואַרשע און אַריינגיין צו ה' קאָשינסקי. איך פון מיין זייט וואָלט גיכער געוואָלט קאָשינסקין. אין וואַרשע וואָלסטו לכל הפחות נישט געווען איינזאַם. דער ד"ר זאָגט, אַז די אָפּעראַציע דאַרף אַפילו נישט געדויערן קיין 8 טעג. זי קאָן זיך אַפילו ענדיקן ביים ערשטן באַזוך. ער האָלט זיך דעריבער ביי דעם, אַז דו זאָלסט זיך מיט דער „נאָז" אומקערן קיין וואַרשע!

מיין גאָט, ווי דער געדאַנק פרייט מיך! גאָלדענע טעג, זונען פון האָפענונג און פון ליבע, די דאגות וועלן פאַרגעסן ווערן ווי נאַכטיקע שאָטנס, ווען די וועלט צעשטראַלט זיך! —

— אין שטאָט האַלט זיך עקשנותדיק אַ קלאַנג, אַז איבער דער קללה פון בעלדזער רבין ביסטו קראַנק געוואָרן און איך מוז פאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין ווין, וואו דו האַלטסט דיך אויף, כדי בייצווזיין ביי דער אָפּעראַציע. אַז

דער רבי האָט געזאָגט, די אָפּעראַציע וועט נישט העלפן, כל־זמן דו וועסט נישט אויפהערן גיין אין די אייגענע האָר. — צו וואָס פּאַר אַ לעכערלעכקייטן שטות קען דערגיין!

טייערע העלענע! זע וואָס גיכער צוריקצוקומען, וואָס גיכער לכל הפחות קומען קיין וואַרשע, וואָרן אפשר וועל איך פאַרדינען אַ סך געלט און וועל קענען קומען צו דיר!

אין מיין פּראַקטיק טרעפן דאָך אַזעלכע אויסטערלישקייטן! אפשר וועט פּונקט אָנקומען דער סעזאָן! אפשר!

יעדנפאַלס וועל איך נישט קאָנען פאָרן, איידער כ׳וועל קריגן פון דיר אַ בריוו, אַז דו ביסט אין וואַרשע און ווי לאַנג דו דאַרפסט דאָרט זיין!

ד״ר געליבטער פאַרזיכערט מיך, אַז די קוראַציע וועט אויסקומען מיט איין באַזוך, וואָרן דאָס איז געווענדט אין דער צאָל פּאַליפּן (און אפשר אויך אין זייער קוואַליטעט?). דערפאַר טאַקע קען מען קיין שום זיכערס אין דעם ענין נישט אַרויסזאָגן און כ׳מוז געדולדיק וואַרטן אויף דיין בריוו.

פון דיין בריוו זע איך אַרויס, אַז דו קויפסט פאַרשיידענע זאַכן אויף אַהיים, פון וואָס איך בין נישט צופרידן, זאָלסט חלילה נישט האָבן קיין אומאנגענעמ־לעכקייט אין דער צאָלקאַמער.

בכל אופן איז דאָס איינשפּאָרן דעם צאָל נישט ווערט די פאַרדרייעניש און כ׳וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אים יאָ באַצאָלן און זאָלסט פאָרן פריי. זאָלסט כאָטש דעם ענין איינאָרדענען דורך אַ דריטער פּערזאָן!

איבעריקנס, באַראָט זיך וועגן דעם מיט וואַרשעווער פרויען, וואָס קענען אויסלאַנד און ווייסן ווי צו טאָן עס.

דיין אויפריכטיק דיך ליבנדיקער
לעאָן.

48

צו דער פרוי

(פון פויליש)

מיין טייערע העלענע!

עס איז געוואָרן ביי מיר אַ באַדערפעניש דיר צו שרייבן נאָך האַלבער נאַכט. מיט אומגעדולד וואַרט איך טאַקע אַלע טאָג אויף דער דאַזיקער איינ־זאַמער שעה, ווען כ׳קען זיך אָן שום שטערונגען אָפּגעבן די טרוימען, וואָס זיינען מיין איינציקע פרייד.

גאַנץ זאַמאָשטש איז איינגעשלאָפן, די פענצטער אַרום זיינען פינצטער,

קיינער, הייסט עס, איז נישט קראַנק און קיינער שרייבט נישט קיין נאַכט־בריוו צו זיין געליבטער.

כ'האָב געביטן דאָס אָרט, כ'שרייב ביים עסטיש, ביים לאָמפּ; וואָרן העסע האַלט מיר פיר, אַז ליכט קאָסטן טייער.

אויפן טיש ליגט צוגעגרייט אַ רובל אין פּאַפּירגעלט און 30 קאָפּ' קליינגעלט פאַר דער יוזעפּיכע; די שטולן זיינען אויסגעשטעלט אין אָרדענונג, דער טיש אָפּגערייניקט, פּונקט ווי דו פלעגסט עס מאַכן. נאָר מיין שפּעט שרייבן זאָגט עדות, אַז דו פעלסט!...

דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט, די כמאַרעס — זיך פאַנאַדערגעגאַנגען, דער רעגן האָט אויפגעהערט, אפשר וועט זיין אַ שיינער טאָג. ווען וועט זיך אויך מיין האַרץ אויסלייטערן?

לעת־עתה האָב איך נישט פון דיר קיין שום ידיעות. — און כ'דאַרף האָבן אַ תשובה אויף די דאָזיקע פראַגעס:

1) צי האָסטו זיך אויסגערוט נאָך דער רייזע און דו פילסט זיך שוין נישט מיד?

2) צי ביסטו אין גאַנצן געזונט?

3) צי זעסטו גוט אויס?

4) צי איז קאָשינסקי געקומען צו פאָרן און אויב נישט — צי איז דער טאָג פון זיין קומען געווי באַשטימט און צי וועט דיר לאַנג אויסקומען אויף אים צו וואַרטן?

5) אויב ער איז געקומען, צי האָט ער אָנגענומען די אָפּעראַציע?

6) אויב ער האָט אָנגענומען, איז וויפיל צייט וועט זי געדויערן?

7) צי וועט נאָך דער ערשטער אָפּעראַציע מעגלעך זיין אַ צווייטע אויף די ציין און צו וועמען ראָט ער דיר זיך צו ווענדן?

8) צי ווילסטו זיך אין וואַרשע?

די לעצטע פראַגע איז זייער אַ וויכטיקע, ווייל פאַרוויילונג באַלעבט, מאַכט פריילעך, קאָנסערווירט דיין געזונט, דעם גוטן אויסזען א. אַ. וו.

אגב האָב איך זיך היינט אויך פאַרווײלט.

כ'בין געווען אויף אַ מאַגיש־מוזיקאַליש־וואָקאַלישער פאָרשטעלונג. —

דעם ספּעקטאַקל האָט געגעבן עפּעס אַ רוס, אַ יונגער מענטש, אַ לאַ־יוצלח און — אַחוץ צו פיזישער מאַגיק — אומגעשיקט און נישט פייאיק. דער עולם (עטלעכע קריסטן און עטלעכע יידן) האָט אים אָן אויפהער געקלאַפּט „בראַוואָ" אין שפּאַס און צו אַמוזירן זיך. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער שטויסט זיך כלומרשט נישט אָן און האָט געדאַנקט מיט זייער טיפע פאַר־נייגונגען. דער צווייטער אַקט איז געווען געווידמעט דער מוזיק, דערצו נאָך — קאַמישער. ער איז אַריין, איבערגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס פאַר אַ ייד,

אָבער אַחוץ דעם קאָפּ, וואָס איז געווען באַצירט מיט אַ שטרויענעם קאַפּעליוש מיט משונה גרויסע רענדער און מיט אַ ברייטער שוואַרצער סטענגע ווי אין טרויער, צוגעשפיליעט מיט אַ קאָקאַרדע. ווען נישט די לאַנגע באָרד, אין וועלכער ער האָט וואָס אַ מאָל פאַרצווייפלטער אַריינגעלאָזט די נעגל, און ווען נישט די לאַנגע פאות, וואָס זיינען שלימזלדיק צוגעטשעפּעט געווען צו דעם נאָך ערגער אָפּגעגאָלטן קאָפּ, וואָלט מען געמיינט, אַז דאָס איז אַ קריסטלעכער פרום נאַרישער קאָפּ אויף אַ יידישן גוף!

ער איז אַריינגעקומען און האָט אויפגעזונגען עפּעס אַ מין מה־יפית, אַדורכפלעכטנדיק עס מיט אַ קראַצן זיך אין קאָפּ, מיט קאָמישן טאַנץ און — מיט ביטול־בליקן אויף דעם טייל עולם, וואָס ער האָט, לויט זיין מיינונג, „דעמאַסקירט".

דאָס האָט מיך אויפגעבראַכט און היות (ווערדליג דער אַלגעמיינער צאָל געסט) אין טעאַטער זיינען געווען אַ סך מייניקע, האָב איך געגעבן אַ צייכן און די „חבריה" האָט אָנגעהויבן צו פייפן און טופען, אַזש דאָס גאַנצע טעאַטער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. מיט פייפערייען און געשרייען האָט מען פאַריאָגט דעם גאַנצן עולם, וואָס איז צופרידן געווען דערפון און האָט אַפּלאָדירט זיין פאַרדינטער מפּלה. די פּאָליציי אַליין, וואָס איז גאַנץ היפּש געווען פאַרטראָטן אין דער פערזאָן פון אַ 5־6 פּאָליציאַנטן און איין זשאַנדאַרם, איז מיטגעריסן געוואָרן פון דעם אַלגעמיינעם רעש און לאַכנדיק געהאָלפן מיטטומלען.

ס׳איז געגעבן געוואָרן דער סיגנאַל „אַ גוטע נאַכט" און דער אַקטיאָר איז אַליין געבליבן אויף דער בינע.

נישט בעסער פונעם „לאָרבער" איז געווען די קאַסע! נאָכן אָראָפּרעכענען די הוצאות האָט אים געקענט בלייבן נעטאָ מינוס אַ 6־7 רוב׳. „כן יאבדו כל שונאיך", גאָטעניו!

דו וועסט זיך געוויס זען מיט נאָטאַנען, גריס אים פון מיינעט וועגן און פרעג אים: פאַר וואָס שרייבט ער גאָרנישט וועגן אונדזער שול? אפשר פעלן אים פּרטים, וועל איך זיי באַשרייבן. זאָל ער אונדז לכל הפּחות דערמיט העלפן.

פּלוצלונג איז מיר באַפאַלן אַ שלאָף. איך לייג דעם בריוו ביז מאָרגן — איז אַ גוטע נאַכט און צום ווידערזען! — — — — — — — — — — — — —
— —

כ׳האָב זייער גוט געטאָן, וואָס כ׳בין שפּעט געגאַנגען שלאָפן. כ׳בין ביז איצט געשלאָפן אָן איבעררייס און קיין שום חלומות, נישט קיין שלעכטע און נישט קיין גוטע, האָב איך נישט געהאַט. אין דעם פאַל, בין איך זיך מודה, איז בעסער „גאָרנישט אײדער מאָגיש". איצט איז, דאַנקען גאָט, 11. כ׳זיץ, רייכער אַ פּאַפּיראָס, טרינק טיי און, ווי דו זעסט, שרייב איך ווידער. און ווי כ׳האָב דיר געשריבן, צערייצט מיך דאָס שרייבן, מאַכט קאַליע דאָס בלוט.

ס׳האָט אָבער די מעלה, וואָס עס וועקט מיך אויף פון דער אַפּאַטיע, פון פסיכישער אומטעטיקייט...

אויך פריער האָט מיך געעקבערט די אַפּאַטיע און כ׳פלעג זיך פון איר באַפרייען, ווען איך האָב געטראַכט פון דיר; און דעמאָלט פלעג מיך דאָס שרייבן צו דיר אויפרייצן... אָבער דעמאָלט איז געווען עפּעס אַנדערש... כ׳האָב בלויז פאַרויסגעפילט דאָס אַנקומענדיקע גליק, וועגן דער זון מיינער האָב איך בלויז געקענט טרוימען... קיין שום רעאַלס איז נישט געווען. טייל מאָל האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ יאוש, וואָס האָט מיט זיין גיהנומדיקן אָטעם מיינע גילדענע שלעסער, מיין רובינענעם גן־עדן אין חורבות פאַרוואַנדלט! וואָס די דאָזיקע שלאַנג האָט מיר אין אויער איינגערוימט — וועל איך נישט איבערחזרן, ווייל בלויז ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן דעם, ווערט מיר קאַלט אַרום האַרצן...

איצט איז עפּעס אַנדערש. כ׳האָב פאַרזוכט פון עץ־החיים און ווייס, ווי זיס ער איז, און אַחוץ פאַרחלומטער בענקשאַפט שפּיר איך הונגער און דאָרשט... דאָס זיינען שטאַרקע געפילן, ווייל — רעאַלע; מ׳קען זיי באַנעמען, דעפינירן און באַרעכענען אין מדרגות. הונגער און דאָרשט!

אמת, אַז העסע, דיין פאַרטרעטעריז, שטילט איין מיין קערפּערלעכן הונגער און דעם דאָרשט פאַרגיסט זי מיט שוואַרצער קאַווע מיט הויט, אָבער הונגער און דאָרשט פון דער נשמה גייען נישט אַריין אין גבול פון אירע פליכטן. אין דעם פּרט מוז איך זיך שפּייזן מיט שוואַרצער טינטזופּ...

און גוט איז דאָס. טייל מאָל אַפילו דוכט זיך מיר, אַז דו זיצסט אין צווייטן צימער און איך שרייב אין קאַנצעלאַריע צו דיר, וועסט באַלד אַריינגיין, איבערלייענען און... און ווידער דאָס זעלבע, וועסט געבן אַ קוש. — בכל אופן וועט זיך דיר די קאָלעקציע פון מיינע בריוו פאַרגרעסערן און ווען נאָך דיין צוריקקומען וועל איך אָוועקפאָרן... קיין וואַזשוטשין אָדער קיין אַלט־זאַמאָשטש, וועסטו זיי לייענען.

איך באַוואָרן זיך אָבער, אַז דו זאָלסט זיי לייענען אַליין. פאַר דיין קריטיק האָב איך נישט קיין מורא, אַ פרעמדער אָבער, כאָטש אין אַן אַנדערן זין אַ נאָענטער, וועט אויספלאַצן מיט אַ געלעכטער, אָפּגיסן מיט קאַלט וואַסער!

דערצייל נישט קיין בלינדן וועגן זון און בלומען! פריידיק נישט פאַר אַטעאיסטן וועגן הימל און גן־עדן, זיי זיינען גרייט צו לאַכן — און אַזאַ געלעכטער שטעכט און טוט ווי...

דיר געפעלן מיינע בריוו, נישט וואָר? ווייסט ווי אַזוי? ווי דיינע מיר! ס׳איז אַ גאַנץ פּשוטע זאַך. לאָמיר אַפילו דעם שכל אויסשליסן פון אונדזער קאָרעספּאָנדענץ, מען דאַרף אים נישט האָבן. לאָמיר שרייבן בלויז מיט האַרץ,

מיטן האַרץ אַלײן, און אפשר װעלן די אותיות זײן װײניקער שװאַרץ!

דו זעסט, צוליב צעטראַגנקײט האָב איך אַ גאַנץ זײטל אַדורכגעלאָזט. דאָס איז גאָרנישט. כ׳װעל אַראָפּגײן אונטן נאָך אַ בלאַנק פֿאַר דער איבער־װײזונג. —

אָט איז דער בלאַנק! — איצט איז אַ פֿראַגע, װאָס טוט מען דערמיט? צי שיקן דורך דער פּאָסט צי גאָר אױסנוצן די „פּרײַנטלעכקײט" פֿון ה׳ שמואל פּיק. בײַ אים איז אײן מאָל אַ פּאַקעט פֿאַרלױרן געגאַנגען און טאַקע מיט געלט. מיט דער פּאָסט געדױערט אָבער לענגער. — כ׳װעל שיקן דורך פּיקן!

דײַן לעאָן.

דוכט זיך, אַז איצט קאָן איך דרײסט אָנשרײַבן די דאַטע — 27/15. דעם חודש און דאָס יאָר װײסטו דאָך מן הסתם.

ל.

49

צו דער פֿרױ

(פֿון פּױליש)

טײַערע העלענע!

ביסטו, הײסט עס, אין װאַרשע! ביסט נישט װײט פֿון מיר און דאָך דער־לױבט נישט דער טרױעריקער מצב פֿון מײַנע פֿינאַנצן זיך צו זען מיט דיר... אַ טרױעריקע געשיכטע!

כ׳בין נאָך קײן מאָל נישט געװען אַזאַ פֿרומער חסיד פֿון דעם הײליקן „ממון" [געלט]! כ׳האָב נאָך קײן מאָל װי איצט נישט באַדױערט, װאָס כ׳האָב „שיטערע פֿינגער". דערװײַל איז מיט דער פּראַקטיק גאָר שטיל. די גמינע־ריכטער זײַנען נישט באַשטעטיקט. דאָס װאָזשוטשינער געריכט, פֿאַר מיר דאָס װיכטיקסטע, אַרבעט נישט און די פּױערן זײַנען צו פֿיל פֿאַרנומען מיט זײער פֿאַרפֿױלטער תבואה, זײ זאָלן קענען טראַכטן װעגן משפּטים.

דער פֿאַקט פֿאַר זיך איז אַ נאָרמאַלער, צו „שלעכטע" חדשים בין איך געװױנט פֿון לאַנג, אָבער אַז אָט די קאַרגע צײַט זאָל אָנשפּאַרן גראָד איצט, איצט, בעת דער דלות גיט מיר נישט די מעגלעכקײט דיך צו זען מיט עטלעכע טעג פֿריער — דאָס טוט מיר װײ, ס׳מאַכט מיך משוגע! פֿאַר װאָס לײגט זיך אַלץ צונױף אַזױ פֿאַטאַל? פֿאַר װאָס קומט נישט צו פֿאָרן קאַשינסקי מיר צו פֿאַרקלענערן מײַנע יסורים? פֿאַר װאָס האָט דער פֿאַליפּ נישט אױסגעקליבן זיך אַן אַנדערע נאַז? פֿאַר װאָס װערן נישט צעפֿױלט די צײן בײַ עפּעס אַ גבירטע, װאָס איר אַרױספֿאָר װאָלט פֿאַרשאַפֿט הנאה אי איר אי אים? װאָס

וויל דער גורל פון אונדז? — גורל, צופאַל, פּאַטום, נאַטור, גאָט — היפּש איז זייער צאָל, נאָר צו וועמען זאָל מען טענות האָבן? — צו זיך אַליין! —

אויף זיך אַליין! יאָ! נישט באַדאַרפט זיך לאָזן אָפּנאַרן אויפן יאַר־מאַרק, נישט באַדאַרפט זיך פאַרליבן! ליבע איז אַ פאַרברעך, ווייל זי איז בלינד, נישט זי קען ציילן, נישט רעכענען!

האָסט אַ שיינע, גוטע, צניעותדיקע פרוי, זי האָט דיך ליב, פאַרגעטערט דיך, דיין צוגעבונדנקייט צו איר איז זייער גרויס, איר אָטעם איז דיין גענוס, איר קוש פאַרשיכורט דיך ווי האַשיש; בעת זי נעמט דיך אַרום, דערפילטו די האַרמאָניע פון וועלטן און אין איר בליק — דעם תענוג פון הימל...

איז דיר טאַקע נאָך ערגער...

דו ביסט שוין נישט מער קיין האַר איבער זיך, דו לעבסט נישט דיין לעבן, דיין „איך" איז פון דיר אַנטלאָפן און אַ שאָטן פון אַ צווייטן מענטש ביסטו!

גאָט מיינער! כ'בין ביטער ווי פּיאָלון.

מיין האַרץ איז פול מיט פאַרביטערטקייט. אַנשטאָט דיך צו צעשטרייען, וואַרף איך אויף דיר אַרויף אַן אומעט, ווייל כ'בין משוגע פאַר יאוש. כ'בין שרעקלעך פאַרלאָזן און דאָך! איין בליק דיינער וואָלט צעטריבן אויף שטענדיק די אַלע וואָלקנס, אויף אייביק וואָלטן פאַרשוואונדן די מחשבות שוואַרצע ווי ראָבן. איין בליק דיינער און דער גיהנום וועט ווערן אַ גן־עדן!

גן־עדן! הימל!

מיין גן־עדן און מיין הימל איז אין וואַרשע. מיין גן־עדן מאַכט זיך אַן אָפּעראַציע און מיין הימל שטעלט זיך אַריין ציין! מיין גן־עדן איז נישט געזונט, מיין הימל — קראַנק!

און איך, אַ צוגעשמידעטער מיט קייטן פון דלות, קען צו מיין גן־עדן, צו מיין הימל נישט פליען — כאָטש פּלאַץ! —

געדולד איז אַ גרויסע מעלה, אָפּט מאָל מעג מען זיך בוקן פאַר איר, אָבער איך פאַרמאָג עס נישט! כ'פאַרמאָג עס נישט אויף אַ האָר.

קום צו פאָרן און לערן מיך אויס!

קום צו פאָרן און דערצייל מיר, ווי דו האָסט זיך אַן עצה געגעבן בעת ס'איז דיך באַפאַלן די בענקשאַפט, אַ הייסע, אַ ווילדע, אַ שרעקלעכע? —

איך זיץ אויף דעם זעלבן פאָטערשטול וואָס נעכטן, אָבער נעכטן האָב איך דיך געזען, געפילט, כ'בין געווען פאַרשיכורט, כ'האָב מיט דיר גערעדט, כ'האָב דיך געקושט און אַרומגענומען, און היינט זע איך בלויז אַ פּוסטקייט אַרום זיך, אַ טויטע נאַרישע פּוסטקייט.

ס'איז איצט ערשט נאָך אַכט אין דער פרי. ווען דו וואָלסט געווען אין דער היים, וואָלסטו נאָך געשלאָפן, איך וואָלט געשטאַנען לעבן בעט און כ'וואָלט

געקוקט אויף דיר און כ׳וואָלט געפּרואווט טרעפן דיינע חלומות, כ׳וואָלט געפילט דיינע טרוימערייען!

כ׳וואָלט געפאַלן כורעים פאַר מיין מזבח, כ׳וואָלט מיין אָטעם פאַרהאַלטן, מיין האַרץ וואָלט נישט געוואָגט צו קלאַפּן, כדי נישט אויפצוואוועקן מיין גאָט! מיין אמתדיקן גאָט! — און אפשר וואָלט זיך דיין צאָפּ צעפלאָכטן און די האָר וואָלטן פרעכטיק זיך צעשאָטן איבערן ווייסן קישן, איך וואָלט געציילט דיינע האָר און יעדערן פון זיי דריי מאָל געקושט! און אפשר וואָלט נאָך דער גליק־לעכער צופאַל געוואָלט, דיין הענטל זאָל זיך אַרויסרוקן פון אונטער דער קאָלדרע...

אָבער וואָס? אין חלומות קען מען פאַרגיין ווייט, גאָר ווייט; חלומות זיינען ווי נישט־גוטע, וואָס אַנטלויפן און לאַכן אויס אונדזער נאַרישקייט.

די ווירקלעכקייט, דאָס איז אַ קלוגע זאַך, האַלט אונדז אין אייזערנע אָרעמס, ס׳וועלן נישט העלפן נישט חלומות, נישט טרוימען גאָלדענע צי זילבערנע, דאָס איז שפּינוועבס, דאָס איז גאָרנישט...

איך רייס איבער די חלומות! דאָס איז אַ בייזער גייסט אַ פאַר־רעטערישער, דאָס היילט, דאָס סמט, דאָס טרייסט, דאָס דריקט צו... כ׳וועל זיך אומקערן צו דער ווירקלעכקייט, ביי איר וועל איך זוכן אַ רעאַלע טרייסט, כ׳וועל זיך ביי איר בעטן, כ׳וועל איר חנפענען...

אמת, חשובע פרויי ווירקלעכקייט, אַז נישט תמיד וועט זיין אַזוי שלעכט? אַ, גנעדיקע מייסטערין... ניין, איך קען נישט חנפענען! דו, ווירקלעכקייט, ביסט שלעכט, נאַריש, העסלעך!

כ׳וועל דיך שעלטן... סיידן דו וועסט בעסער ווערן, סיידן דו וועסט מיר „זי" אין גיכן אומקערן. אַ, דעמאָלט וועל איך דיך בענטשן...

ווי געפעלן דיר מיינע אַנדראָנען? צי בין איך שוין גאָר עובר־בטל? אַ, צי פעלט מיר נישט אַ מאָל אַ קליעפּקע? טייערער, הייליקער און געט־לעכער דאָקטאָר מיינער, ראַטעווע מיך, גיב מיר אַ רפואה! איך דאַרף נישט קיין אַפּטייק, נישט קיין לאַטייניש קיך, כ׳דאַרף נישט קיין דיעטע... קיין זאַך נישט... קיין זאַך נישט... נאָר אַ פשוטע רפואה מיט אַ פשוטער צומישונג — עטלעכע גראַם פון דיין בליק צעלאָזט אין אַ קוש...

שיק מיר אָט די רפואה דורך אַ פּערזאָן, נישט דורך פּאָסט, נישט דורך דראָט, נאָר דורך העלענען! געזונט שוין דערמיט!

מען דאַרף זיין שטאַרק עגאָאיסטיש אויף צו שרייבן אַזוי פיל וועגן דער אייגענער ליבע.. קענסט לעאָנען? ער איז עגאָאיסטיש! ער שרייבט דיר אַזוי פיל און אויף פאַרשיידענע אופנים וועגן זיין ליבע, בכדי דו זאָלסט זיך פאַר אים פאַרטרויען... ער וויל קריגן אַ בריוו אַ הייסן, פול כישוף, פול ליבע, פול אָפּערוויליקייט...

פאָלג אים נישט, שרייב נישט און קום אַליין צו פאָרן. — — — — — — —
— —
וויפיל יאָר בין איך אַלט? — — — — — — — — — — — — — — — —
— —
שרייב צו: w starym piecu djabeł pali * — ער הייצט, ווייל ער הייצט!

און אפשר, אַז דו וועסט קומען צו פאָרן, וועל איך דיר גאָרנישט געפעלן ווערן. כ'בין אָפּגעלאָזן, כ'טראָג שמוציקע וועש, צעריסענע שיך, אַן אויסגע־דרייטן קאַפּעליוש (אַדאַנק דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט אים אַזוי וואויל אויס־געפּוצט) און דאָס ערגסטע איז — כ'בין אין אַ שלעכטער שטימונג! —

לאָמיר אָננעמען, אַז די שטימונג וועט נאָך דיין קומען אַ ביסל בעסער ווערן, דער קאָפּ וועט זיך אַ ביסל אויסלייטערן... אָבער די שיך, די וועש און דער קאַפּעליוש? ווייסטו וואָס? וועסט פאַרמאַכן די אויגן און וועסט נישט קוקן אויף מיר...

ווייל וואָס וועסטו דערזען? אַ געלע באָרד! מ'וועט זיך באַגייז אָן דעם אויך!

כ'האָב איבערגעריסן אין דער רגע דאָס שרייבן, כדי צו פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס. דאָס פענצטער איז אָפן, ס'בלאָזט אַ ווינטל און מאַכט מיטן רויך פאַרשיידענע זיגזאַגן און אויסטערלישע פיגורן. דער רויך שלענגלט זיך צום פענצטער צו, ער וויל אויף דער פריי אַרויס...

ס'איז געקומען אַ קליענט, כ'מוז דעם בריוו איבעררייסן און בלייבן שוויגן וועגן אָט דער ענלעכקייט...

זיי געזונט...

דיין לעאָן.

פּ. ס. איך קען נישט קריגן קיין פּאָסט־איבערוויזונג ביז דער אַנדערער וואָך, וועל איך אַרויסשיקן זונטאָג אָדער שפּעטסטנס מאָנטאָג. גיב זיך דערווייל אַן עצה, ווי דו קענסט. כ'וועל צוגיין נאָך אין איין אָרט, אויב איך וועל קריגן, וועל איך נאָך היינט אַרויסשיקן.

ל. פּרץ.

---

* אין אַלטן אויוון הייצט דער טייוול.

50

צו דער פרוי

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

נעכטן האָב איך דיר געשיקט מיט חזקאל אַדער אַ בריוו, וואו איך באַקלאָג מיך אויף ה׳ סעניצקי, פאַר וואָס ער מאַכט נישט די פּראָבעס — נו, איך האָב אים אומזיסט באַרעדט פאַר דיר. ערשט איצט קער איך זיך אום פון אַ פּראָבע, וואָס האָט זיך ביז גאָר איינגעגעבן.

די נאַכט בין איך געשלאָפן 1½ שעה. אין אָוונט בין איך געגאַנגען צו פעלדמאַנען, כדי דורך אים איבערצישיקן צו אַדערן דעם בריוו, ווייל איך ווייס נישט, וואו אַדער וואוינט. און היות דאָרט איז צופעליק געווען אַן אסיפה וועגן דער מיקווה, ווייל — הימל עפן זיך! — עטלעכע קאָזאַקן האָבן פאַרהאַלטן אויסגעכשרטע ווייבלעך, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט דערמיט און בין דאָרט אָפּגעזעסן ביז 1 אַזייגער. אַזוי ווי כ׳האָב געוואוסט, אַז ס׳וועט זיין אַן אַלאַרם, האָט זיך מיר נישט געוואָלט לייגן אין בעט אַריין. כ׳האָב זיך דעריבער אין בלוזע אָוועקגעלייגט אויף דער סאָפע און בין איינגעשלאָפן.

צום אומגליק איז אויפן מאַרק געווען עפּעס אַ חתונה. די טומלדיקע מוזיק האָט מיך אויפגעוועקט האַלב דריי און כ׳האָב שוין נישט געקענט ווייטער איינשלאָפן.

אַזוי אַרום בין איך אויף די פיס פון 3 ביז 8. 5 שעה צייט שפּאַציר איך שוין, מאַך גימנאַסטיק און — ס׳איז מיר גוט, דאָס בייכל פאַלט מיר איין.

און ווי גייט עס דיר? וואָס טוסטו?

בעט יענקלען, אַז ער זאָל מיר וואָס גיכער אַרויסשיקן די באַשטעטיקטע קאָפּיע פון דער סענאַט־פאַראָרדענונג.

זי איז מיר זייער נייטיק צו אַ געוויסן ענין.

וואָס שייך די פלעניפּאָטענצן, זאָל ער אויסקלייבן די וואָס ענדיקן זיך אויפן זעלביקן זייטל.

די מידקייט איז מיך גובר... די אויגן קלעפּן זיך מיר... אַ גוטע נאַכט! ווער וועט מיך צודעקן?

דיין—דיין—דיין—

לעאָן.

51

צו דעם שוואָגער

(פון העברייאיש)

מיין טייערער שוואָגער יענקל!

שיק מיר וואָס גיכער אַרויס די קאָפּיע פון דער סענאַט־פאַראָרדענונג אין דיין פּראָצעס. שיק גיך, ווייל כ׳דאַרף זי בייטיק האָבן. שיק זי רעקאָמענדירט מיט דער פּאָסט. די קאָפּיע דאַרף זיין באַשטעטיקט מיט דער חתימה און מיטן שטעמפּל פון דעם פאָרזיצער פון „סיעזד״.

איך בין נישט בכוח דיר איצט מער צו שרייבן, ווייל דער קאָפּ איז מיר ווי אַ שטיין —

פּרץ.

52

צו דער פרוי

(פון פּויליש)

טייערע העלענע!

נעכטן האָב איך דיר אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, נאָר ווייל כ׳האָב [נישט] געקראָגן קיין מאַרקע, האָב איך אים נישט געקענט אָפּשיקן. דערווייל איז ער מיר ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען און שוין צוויי שעה ווי איך זוך אים אומזיסט אַרום. שרייב איך דיר אַן אַנדערן.

דו פרעגסט זיך נאָך קודם־כל אויף מיין קוראַציע. איז נעכטן האָב איך פאַרבעטן צו זיך דעם ה׳ דזיעווישעק. ער האָט מיר געהייסן לאָזן דאָס וואַסער, וואָס איך טרינק, ווייל די ווירקונג איז נישט קיין קענטיקע, און נעמען קאַרלס־באַדער זאַלץ.

היינט האָב איך פאַרזוכט דאָס ערשטע לעפעלע. מיין צונג איז לחלוטין נישט אין אָרדענונג. די שווערקייט איז אָבער אין גאַנצן אַריבער. איך שלאָף נישט מער פון 6 ביז 7 שעה אַ מעת־לעת און פיל נישט קיין שום מידקייט. אַדרבא, ס׳דוכט זיך מיר אַלץ, אַז כ׳בין צו פיל געשלאָפן. לוציאַן אין טאַזשעמיעך מאַכט מיר אָן נישט ווייניק פאַרדרייעניש. כ׳האָב נישט קיין גוט וואַסער — איז דאָ אַן אויסרייד אויף טענות און מענות. צוויי מאָל בין איך שוין געווען ביי אים, נאָר ער האַלט אין איין ווייגען און וויל צוריק אַהיים. און אין

דער היים וואָלט ער מסתמא געוואָלט צוריק אויפן דאָרף, ווייל ער וואָלט זיך שרעקלעך געגודעט. די חברים זיינען זיך צעפאָרן, ווי ביז אַהער בין איך תמיד פאַרנומען, און איך וואָלט אים געקענט אָפּגעבן זייער ווייניק צייט. ער וואָלט געווען אין גאַנצן פאַראייניזאַמט.

אַפּילו דעם בריוו צו דיר מוז איך שרייבן שטיקלעכווייז, ווייל מען פאַר־דרייט מיר כסדר דעם קאָפּ מיט פאַרשיידענע עצות — מיט מעל, וואָס דערפון וועט קיין ברויט קיין מאָל נישט זיין.

וואָס זאָל מען טאָן, מע דאַרף זיין געדולדיק. דו בעטסט מיך, כ׳זאָל דיר שרייבן כאָטש צוויי מאָל אַ וואָך. ס׳וואָלט עמעץ געקענט מיינען, אַז מיין שרייבן צו דיר איז פאַר מיר אַן אָפּקומעניש און נישט דער גרעסטער תענוג.

נישט שטענדיק קען איך מיר אָבער פאַרגינען דעם פאַרגעניגן. כ׳האָב קליינטן אָן אַ שיעור... נו, כ׳פאַרדין נישקשה... אָבער דו ביסט נישטאָ און איך בין דער קאַסירער!

כ׳האָב דיר אין גאַנצן פאַרגעסן צו שרייבן וועגן אונדזער דירה. איז וואוין איך איצט אין אַ צימערל אויף די טרעפּ, וואו עס וואוינט שעכטער — אַ פּאַפּיראָסן־מאַכער און אַ קלעזמער אין איינעם! געוויס געדענקסטו אים! אין שלאָפצימער זיינען פאַרשלאָסן אַלע אונדזערע זאַכן אַחוץ די נייטיקסטע, און אין ערשטן צימער עס איך.

ווי לאַנג דאָס וועט געדויערן ווייס איך נישט. דערווייל האָב איך זיך אויסגעלערנט צו שלאָפן אויף דעם טאַפּטשאַן אָן אַ קישעלע און ס׳איז מיר גוט!

לוציאַן איז געקומען צו פאָרן!

נישט אויף דער גאַנצער צייט, נאָר בלויז אויף היינט, דאַנקען גאָט. כ׳בין שוין געווען אין איין מורא, האָב געמיינט, אַז ער וועט נישט וועלן צוריק־קומען. דערווײַלע זאָגט ער צו, אַז ער וועט זיך אומקערן. כ׳לעב מיט דער האָפענונג.

ער וויל דיר צושרייבן אַ פּאָר ווערטער. שוין עטלעכע מאָל בעט ער מיך וועגן דעם. כ׳וויל אָבער, ער זאָל דאָ קיין בריוו נישט שרייבן, נאָר כ׳וועל אים געבן דעם אַדרעס, זאָל ער דיר שרייבן פון טאַזשעמיעך, זיך דאָרט פאַרנעמען מיט קאָרעספּאָנדענץ.

ווידער אַ ייד. זיי געזונט, מיין טייערע, געליבטע העלענע! ווען וועסטו צוריקקומען צו דיין

לעאָן.

6/10 83[18].

53

צו דער פרוי

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

ביז איצט האָב איך נישט געהאַט קיין צייט צו ענטפערן דיר אויף דיין בריוו. אין משך פון די לעצטע עטלעכע טעג בין איך געווען ממש איבער־געלאָדן מיט אַרבעט — כ׳געדענק באמת נישט אַזאַ צייט. דער פּאַרדינסט איז אָבער נישט גוואַלדיק. כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס דאָס איז.

ביי אונדז איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג.

דער פּאָרזיצער פון אַראָפּפאָר האָט אונדז אַלעמען צונויפגערופן און פאַר־ווערט אָנצונעמען געריכטס־ענינים דורך די זאַמאָשטשער מעקלער. וועגן דעם האָט ער געהייסן אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע.

נישט אויספירן די דעקלאַראַציע קען ברענגען צו פאַרלירן דעם פּאַטענט.

דעם אמת זאָגנדיק, לייד איך דערפון קיין שום היזק נישט, ווייל די לעצטע צייט פלעגן אַלע מעקלער פירן בלויז צו מאַלטאַנסקין.

ס׳איז זיי פאַרווערט אַריינצוקומען אין געריכט אַריין. די פּאָליציי דאַרף זיי נאָכקוקן, צי זיי גאָרן נישט אָפּ די פויערן וכדומה. אָבער איך קער זיך אום צו אונדזערע ענינים.

אין דעם טאָג, ווען כ׳האָב באַקומען דיין בריוו, האָב איך אַרויסגעשיקט קיין וואַרשע 100 רובל. ס׳פרייט מיך זייער אונדזער ביידנס פאַרענדערונג: דו האָסט צוגענומען וואָג און איך האָב אָנגעוואוירן. —

לוציאַן הוסט, האָט נישט וואו צו שלאָפן, מיט וועמען זיך צו שפּילן — און פונדעסטוועגן איז זיין אויפפירונג אַ מוסטער. ער שלאָפט שוין 3 שעה (איצט איז 2). איך האָב נאָר וואָס געענדיקט באַזאָרגן 12 ענינים פון ה׳ בערנאַרד מרגליות, וואָס כ׳האָב היינט באַקומען און מאָרגן וועל איך זיי איינגעבן.

די אַרבעט ביים טיש איז מיין רעטונג פון דער שרעקלעכער לאַנגווייליקייט. ווען כ׳וואָלט נישט געהאַט אַזוי פיל אַרבעט, וואָלט איך זיכער שוין לאַנג געווען ביי דיר!

ס׳הייבן זיך ביי מיר אָן די נסיעות. קאָמאַרעוו, אַלט־זאַמאָשטש, זדאַנאָוו א. אַז. וו. כ׳האָב אַפילו אַן ענין אין רובעשויוו! וועט באַטראַכט ווערן דעם 16/4טן אויגוסט. די באַלוינונג איז זייער אַ קליינע, אָבער דער ענין האָט אַ שם.

געליבטע העלענע! כ׳האָב גרויס עגמת־נפש, כ׳האָב מורא, אַז אונדזער דירה וועט נישט זיין פּאַרטיק דיך אויפצונעמען און דו וועסט מוזן דיך פאַר־



פרץ אין די 80ער יאָרן

פרץ — אַ פּייערלעשער אין זאַמאָשטש

פרץ אין סוף 80ער יאָרן

האַלטן אין וואַרשע. וויפיל קללות האָט שוין אויסגעהערט פון מיר דער נידער־טרעכטיקער באַלעבאָס. קיין זאַך העלפט נישט, ס׳רירט זיך ווי אַ שטיין. אפשר אָבער וועט מיר פּאָרט געראָטן! ווען ס׳וואָלט אַזוי נישט געווען, וואָלט איך זיך געהאַלטן פאַרן אומגליקלעכסטן מענטש. די עטלעכע געפּטרטע טעג וואָלט שווער געווען אַדורכצולעבן!

אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מיך, ווען כ׳קלער וועגן דעם. און דאָ האָב איך אַפילו נישט קיין צייט אַ קוק צו געבן אויף דער אַרבעט.

לוציאַן בלאָנקעט אַרום ווי אַ שאָף — איך ווי אַ שאָטן... נו, מיר וועלן זען. וואָס נוגע דעם לאָמפּ, טו ווי דו ווילסט. שיפּמאַן וויל אים האָבן! —

מיינע בריוו זיינען געשריבן אָן שום סדר און זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט גרייזן, כ׳בין נישט בכוח צו דענקען ווי ס׳געהער צו זיין.

צווישן די אַדוואָקאַטן איז אַ גוואַלדיקע קאָנקורענץ. מ׳רייסט זיך איבער די קליענטן ווי חדר־קינדער איבער נאַשוואַרג! אָבער וועגן דעם שפּעטער. דערווײַלע אַ גוטע נאַכט דיר —

דיין
לעאָן.

54

צו דער פרוי

(פון פּויליש)

טייערע העלענע!

דיין בריוו, וואָס כ׳האָב נאָר וואָס באַקומען, האָט מיך אַ ביסל באַרואיקט. כ׳פריי מיך זייער, וואָס דו האָסט געקראָגן אַ דירה ביי אַן אָרנטלעכער פאַמיליע; כאָטש איך קען זי נישט, פיל איך פאָרויס, אַז מיר וועלן האָבן פאַר וואָס זיי אויפריכטיק צו דאַנקען. דיין חשבון גייט מיך שוין אַ סך וויניקער אָן — כ׳בין אָבער מסופּק, צי קען אַ קוראַציע לויט אַ געניעם געלט־חשבון האָבן אַ גרויסע פעולה. פאַרגעס דעריבער, מיין טייערע, וועגן רעכענונגען, באַר געניס און הייל זיך און „אין דעם זכות״ וועסטו אפשר מער נישט דאַרפן ליידן גלות.

איך בין דאָ כסדר און זייער שטאַרק פאַרנומען. כ׳וואָלט שיער היינט נישט געלייענט דיין בריוו. פון 5 אין דער פרי וואַרטן אויף מיר פערד קיין גראַבאָווע, כ׳האָב מיך אָבער אויסגעדרייט און איינגעאָרדנט דעם ענין אָן אַ נסיעה; און היינטיקע וואָך האָב איך 2 טעג געפאַסט — אין אַלט־זאַמאָשטש און קאָמאַרעוו. כ׳נעם שטענדיק מיט זיך מיט לוציאַנען, וואָס טרייבט אָן און

ווילט זיך. זונטאָג שיק איך אים אַרויס קיין טאַזשעמיעד, כ׳האָב אויף דעם ה׳ בערנאַרדס הסכמה. לוציאַנס אויפפירונג איז אַ גוטע. ער פליט נישט אום, ער לערנט זיך און וואו איך גיב זיך אַ קער, האָב איך אים ביי דער זייט. די איינזאַמע טוליען זיך איינער צום צווייטן. און ער בענקט נאָך דיר, דערצו האָט ער נישט קיין חברים. ער האָט אָבער לכתחילה נישט געוואָלט פאָרן. „דער פאַפּאַ — זאָגט ער — וועט נאָך ווייניקער עסן.״

איך רעכן אָבער נישט, אַז איך זאָל אויף אַזוי פיל האָבן אָנגעוואוירן דעם אַפּעטיט. פאַרקערט, אויב כ׳בין נאָר נישט מיד פון וועג, איז דער אַפּעטיט ביי מיר אַ גאַנץ נישקשהדיקער.

מיין פּראַקטיק איז אַ גאַנץ היפּשע.

אין דער היים איז נישטאָ קיין נייס. שיפּמאַנס תנאים זיינען שוין מיט מזל פאָרגעקומען. כ׳האָב מיט אים אָפּגעמאַכט — כ׳גיב אים קעסט און ער פאַרנעמט זיך מיט דער קאָנצעלאַריע און גיט לוציאַנען אַ לעקציע. און אַרבעט איז דאָ ביי מיר איבער גענוג. אויב ס׳וועט אַזוי ווייטער גיין, וועט מען דאַרפן אַ קלער טאָן וועגן אַ גראַטיפיקאַציע.

די צעראַטע, וואָס איז צוגעשלאָגן צום טיש אין די עקן, קאָנסערווירט זיך זייער גוט. —

פון דער אָרדינאַציע האָב איך צוגעקראָגן נאָך עניים (30 שטיק). וועגן שפּעטער איז נאָך קיין רייד נישטאָ. די פּויערן אַפּעלירן נאָך דערוויל נישט, און אויב דער פּסק־דין וועט גיך אַריינגיין אין קראַפט, וועל איך אָפּנעמען דאָס געלט. אין זאַמאָשטש איז אַ שרעקלעכע פּוסטקייט. צו מיר קומט קיינער נישט אַחוץ אַשכנזין.* אָבער כ׳האָב צו אים זעלטן צייט. מיט עפּשטיינען איז געשען אַזאַ מעשה: ס׳איז צו אים אַריינגעפאָרן דער פּאָד־פּאָלקאָווניק וואַלויעוו און, דראָענדיק מיטן פּיסטאָלעט, פון אים געפאָדערט געלט. צום גליק איז דער פּיסטאָלעט נישט געווען אָנגעלאָדן און די דראַמע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פאַרס. ווען ברוך האָט אַרויסגעריסן ביי וואַלויעוון דעם פּיסטאָלעט און געלאָפן איבער דער גאַס, וואַלויעוו האָט אים נאָכגעיאָגט, האָט אים די אַלטע לאה נאָכגעשריגן: זעסט, דאָס אַלץ איז דערפאַר, ווייל דו האַלטסט דעם זון אין גימנאַזיע! דאָס איז אַן אצבע אלקים! א. אַז. וו. שטעל דיר פאָר די סצענע און לאַך אַ ביסל!

איך רייס איבער דעם בריוו און גיי אין געריכט אַריין.

דיין

לעאָן.

---

* שמואל אשכנזי — פּרצעס יוגנט-פריינט.

55

צו דער פרוי

(פון פויליש)

טייערסטע פרוי!

מורא האָבנדיק, אַז דו זאָלסט זיין אומרואיק, ווייל דו האָסט נאָך נישט קיין ענטפער אויף דיין צווייטן בריוו, גנבע איך אָראָפּ פון מיין אויסגערעכנטער צייט און שרייב דיר, אַז כ׳בין געזונט. לוציאַן איז אין טאַזשעמיעד און איך פּאָר טאָקע די רגע אַרויס קיין אַלט־זאַמאָשטש. —

טייערע העלענע!

ס׳איז מיר שווער זיך אָפּצורייסן פון דעם דאָזיקן פּאַפּיר, וואָס איז דער איינציקער פאַרמיטלער צווישן אונדז.

דער גורל איז שטאַרקער פונעם מענטש און דאָך ווילן מיר נישט איינזען זיין העכערקייט —

איך קוש דאָס פּאַפּיר!

דיין
לעאָן.

56

צו דער פרוי

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

נישט באַקומענדיק פון דיר היינט קיין בריוו, הייב איך ווידער אָן צו זיין אומרואיק. צוזאַמען מיטן בריוו רעכן איך אַרויסצושיקן אַ דעפּעשע. איך פאַרשטיי נישט, פאַר וואָס דו שרייבסט מיר נישט דעם רעזולטאַט פון דעם צווייטן וויזיט ביי קאָשינסקין? צי האָלט טאָקע עפּעס אין וואַקסן? — גאָט מיינער! ווען וועט שוין אונדז אָנשטאָט דער פינצטערניש אויפשיינען דער העלער טאָג? ווען וועט שוין דער אומרו אָוועק? ס׳פאַלט אָן אַ שוואַרצער יאוש, צוזעענדיק דאָס שיינע קייטל צונויפגעבונדענע געשעענישן, ליבע איינגענעמע ביז איבערן האַלדז...

כ׳האָב אָנגעהויבן אונטער אַ בלוטיקן אות, און טרויעריקע געדאַנקען שטופן זיך מחנותוויז אין קאָפּ אַריין.

זינט איך בין צוריקגעקומען, האָב איך נישט קיין איין רואיקע מינוט, אַחוץ דעם אָוונט, ווען כ׳האָב באַקומען דיין פריינטלעכע דעפּעשע, און דאָס עסק גייט נישט ווי צום בעסטן, אָבער וועגן דעם — מילא. דאָס רעדעלע דרייט זיך. איך פאַר אַצינד קיין קאַמאַרעווו, אפשר וועל איך עפּעס ברענגען צו פּירן. אמת, איך באַרואיק מיך אַליין, טייטש אויס דיין נישט־שרייבן מיט דיין פאַרמאַטערטקייט נאָך דער אָפּעראַציע, אָבער ס׳האָט דאָך דיך עמעץ אַנדערש געקענט פאַרבייטן אין דעם פּרט און אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער. דאָס וואָלט, למשל, געקענט טאָן לעאָפּאָלד, און אויב ער וואָלט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט קיין צייט נישט, וועט זיך דאָך מן־הסתם ווער געפינען, וואָס פאַר אים איז אַזאַ אויסרייד גאָר נישט שייך. איך פאַרליר מיך דעריבער אין השערות און קען מיך צו עפּעס זיכערס נישט דערטראַכטן. איך הייב שוין אפילו אָן צו קלערן, אַז מיין בריוו איז צו דיר נישט דערגאַנגען און דו מיינסט, אַז כ׳בין נאָך אין לובלין! און ווען די השערות פאַלן אָפּ איינע נאָך דער צווייטער צוליב זייער אומלאָגישקייט, פאַרזינק איך אין עפּעס אומבאַשטימטע, שוואַרצע רעיונות, וואָס דיינס אַ מאָרגעדיקער בריוו אָדער דעפּעשע צעטרייבן. איך שרייב בכיוון „בריוו" און „דעפּעשע" מיט גרויסהאַנטיקע אותיות, ווייל זיי שפּילן ביי מיר איצטער פונקט אַזאַ ראָלע ווי ביי די פרומע דער וואָס שרייבט זיך מיט אַ גרויס אות...

אָבער מאָרגן וועל איך זיין אין קאַמאַרעווו, ערשט אין אָוונט אָדער גאָר שפּעט ביינאַכט וועל איך מסתמא זיין צוריק, וועל איך האָבן הייסט עס אַ גוטן מאָרגן!

די בריוו שיק איך דיר נישט אַרויס פאַר 12, נאָר פאַר 4, ווייל ביז האַלב 11 וואַרט איך אויף אַ בריוו און נאָך דעם מוז איך גיין אין געריכט אַריין. אונדזערע אַריסטאָקראַטן הייבן אָן צו „פּיקסעווען". זייענדיק אין לובלין, האָב איך אָנגעוואוירן 2 „פּיקסן", נאָכן אומקערן זיך בין איך געווען אויף איינעם ביי נפתלין. כ׳האָב געשפּילט אַ בעזיק... דער ד"ר איז נאָך נישט אַרויס־געפאָרן. היינטיקן שבת וועט זיין אַ „פּיקס" ביי פּרוי פּיק. כ׳האָב אַריינגערוקט אַ ידיעה צווישן די „פּיקסן", אַז דער ד"ר וועט נישט אַרויספאָרן, וואָרעם דעם „פּיקס" גייט עס טאַקע זייער אין דעם, לכל הפּחות זיינען זיינע אַדעפּטן אין דעם שטאַרק פאַראינטערעסירט. מיר האָבן זיך זייער ליב... אַ זייער.

„מער ווי מען מעג ליב האָבן, מער ווי די כוחות קלעקן" —

און אפשר וואָלטן געקלעקט כוחות, נאָר ווייל מע טאָר נישט, ווייל די ליבע איז אַ זינד לויט די דינים פון דער געזעלשאַפט און פון דער רעליגיע, איז נישטאָ קיין שאלה...

איך בין בייז, דערפאַר באַרעד איך. דו לאַכסט לכל הפּחות! זאָל דאָס זיין מיין שכר. דאָס בייגעלע פּאַפּיר לאָזט זיך אויס, און כ׳האָב דיר נאָך געהאַט

צו שרייבן אַ סך, אַ סך! אַ צווייט בייגעלע וועל איך נישט נעמען, ווייל... באַלד וועט דער בריווטרעגער אַ טרומייטער טאָן...

אָט האָסטו! ער טרומייטערט...

זיי מיר געזונט!

דיין לעאָן.

19/7

57

צו דער פרוי

(פון פויליש)

העלענע! טייערע העלענע מיינע!

צי איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ פּיאיקע פעדער, וואָס זאָל קענען באַשרייבן דאָס וואָס איך האָב געפילט, בעת איך האָב באַקומען דיין דעפּעשע! די שרעק פאַר און די פרייד נאָכן דורכלייענען זיינען באמת געפילן וואָס קענען דערהרגענען! אָבער די שרעק איז אַריבער, די פרייד איז געבליבן און די האָפענונג, אַז אין גיכן, נאָך דעם ווי דו וועסט אָפּפּטרן די איבעריקע ענינים, וועסטו זיך מיר אומקערן אַ גליקלעכע און אַ געזונטע. און איך וואַרט אויף אַ בריוו מיט אַ גענויער דערקלערונג, ווי און וואָס עס איז געווען. איך גיי אויף צוריק און איך קער זיך אום צו דיין בריוו. ס'האָט דיך פאַרדראָסן, וואָס דו האָסט ניט געפאָלגט מיין עצה... זעסטו! אַלע מאָל פאַרדריסט, ווען מען פאָלגט ניט אַ מאַן, כאָטש ניט איין מאָל פאַרדריסט דעם מאַן אויך, וואָס ער האָט ניט געפאָלגט זיין ווייב! דער מאַן איז דאָך דער מוח פון דער משפחה, און דאָס ווייב איר האַרץ. דאָס האַרץ אָן דעם מוח און דער מוח אָן דעם האַרץ, איינס און דאָס אַנדערע באַזונדער טויגן פאַרן טייוול, צוזאַמען אָבער זיינען זיי די שענסטע גאַנצקייט...

אמת, אָפט האָט דער מאַן קיין שכל נישט און דאָס ווייב איז אָן אַ האַרץ, דוכט זיך אָבער, אַז דאָס איז נישט ביי אונדז, נישט וואָר? —

און טאַקע צוליב דער גאַנצקייט איז נייטיק, אַז דו זאָלסט וואָס גיכער אַלץ אָפּפאַרטיקן און וואָס גיכער זיך מיר אומקערן אַ גליקלעכע. — פונדעסטוועגן וואָלט איך וועלן, זאָלסט אַ ביסל הנאה האָבן אויך. ווייל צו אונדז קלייבט זיך אַ שווערער און אַן אומעטיקער ווינטער.

— אין לובלין האָב איך געקויפט:

פאַר לוציאַנען — אַ פאַסעק —

פאַר זיך:

6 קראַגעלעך, אַ פּאָר הענטשקעס, אַ שניפּס (דערויף האָב איך חרטה, ווייל אומנייטיק) און... מער גאָרנישט. בכן דאַרף איך האָבן אַ ווינטערדיק היטל, אָבער אַ ביליקס, אַ פּשוטס, אויף אין דער וועגנס. — אַשכנזי און אַבעש בעטן היטלען... דער לעצטער מיט אַ בפּירושן רשות פון דער מוטער, דער פּרייז איז 4־5 רובל. משה אַלטבערג — קאַפּטלעך. איך ווייס נישט, צי דיר וועט זיך ווען אויספירן דאָס אַלץ. לוציאַן האָט זיך אויפגעפירט, בעת איך בין נישט געווען, אויסגעצייכנט. ער האָט געקראָגן אַ 4 און צוויי 5. ברענג זשע צו פירן פאַר אים גליטשערס — „אַמעריקאַנקעס” מיט אַ ספּרענזשינע.

וואו האַלט עס מיט דיינע פינאַנצן? — באַלד איז פיר אַזייגער, מוז איך דעריבער אָפּשיקן דיין בריוו און דער המשך קומט. — איך בין נאָך פאַר־מאַטערט און ניט אויסגעשלאָפן. די סיבה — מילא, וועגן דעם שפּעטער. —

דיין
לעאָן פּ.

אַ גליק וואָס לוציאַן האָט מיר דערמאָנט — אַ באַשליק! —

ל. פּרץ.

58

צו דער פּרווי

(פון פּויליש)

טייערע העלענע!

פאַרן אָפּפאָרן האָב איך דיר צוגעזאָגט נישט צו זיצן שפּעט אין דער נאַכט און צו פירן אַ לעבנס־סדר פון אַן אָרנטלעכן מענטש. די געשעעענישן לייגן זיך אָבער אויס, אומאָפּהענגיק פון מיין ווילן, אַזוי אַז בריוו צו דיר קען איך שרייבן ערשט נאָך האַלבער נאַכט.

היינט פיר בייטאָג האָט דעם פּאָסטאַליאָנס טרומייטערל איבערגעריסן מיין שמועס מיט דיר: כ׳בין געפאָרן קיין קאָמאַרעווו; און היות איך האָב דאָרט מאָרגן עטלעכע ענינים, וואָלט איך דעריבער געקענט דאָרט איבער־נעכטיקן. כ׳האָב עס נישט געקענט ביי זיך פּועלן, ווייל איך האָב געוואָלט באַקומען דיין דעפּעשע. האָב איך זיך אומגעקערט, כדי... מאָרגן זעקס אַזייגער ווידער צו מאַכן דעם אייגענעם וועג. אַז דאָס איז כדאי געווען, איז גאָר קיין ספק נישט, די דעפּעשע האָט אין מיר אַריינגעבלאָזן אַ רוח־חיים. נו, און וועטשערע האָב איך אָפּגעגעסן, און אין מיין בעט וועל איך שלאָפן... און... איך שרייב צו דיר.

הייסט עס, זונטאָג פאָרסטו אַרויס! הייסט עס, באַלד, באַלד וועט זיך די פּאַריתומטע נעסט אָנפילן מיט לעבן!...

געדענק אָבער, העלענע, אין דיין געזונט און שאָץ נישט איבער דיינע כוחות.

אויב דו וועסט נאָך פילן עפּעס אַ שלאַפקייט, בעט איך דיך: בלייב נאָך אַ פּאָר טעג... און בכל אופן זאָלסטו אַרויספאָרן נאָר בייטאָג, ווייל דאָס וועטער איז נישט זיכער, און מיט אַן אַנדערער באַן וועסטו נישט האָבן קיין פור. געדענק אויך צו טעלעגראַפירן, כדי איך זאָל מיט עטלעכע שעה פריער פון אַנדערע דיך קענען זען. איך בין כלל נישט אייפערזיכטיק. ווער וועט אָבער נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג נישט זיין אייפערזיכטיק וועגן דעם ערשטן בליק?

איך בעט דיך נאָך אַ מאָל אַרויסצופאָרן בייטאָג. —

דער ד"ר איז נאָך נישט אַרויסגעפאָרן און ווי עס ווייזט אויס, וועט ער זיך נאָך מיט דיר געזעגענען. די פרוי עליאַסבערג האָט געהאַט אַ זון. כ'האָב אַפילו נישט געהאַט קיין פּאָר גראָשן צו געבן דער דינסט. ביים קרייזגעריכט האָב איך פאַרדינט 30 רובל, אָבער דאָס איז אַ טראָפּן אין ים! —

זיי אָבער נישט אומעטיק — קאַמאַרעוו לעבט נאָך, דאָס וועטער וועט זיך איינשטעלן (דו רעכן נאָר נישט אויס אויף דעם, איך בעט דיך, און פאָר אַרויס בייטאָג!) און אַלץ וועט גיין אויפן בעסטן אופן. —

איך בין זייער פאַרמאַטערט און דאַרף אויפשטיין פרי, ווייל כ'האָב נישט געקראָגן אויף מאָרגן קיין עקסטרע פּאָסט און איך האָב נאָך קיין פערד נישט.

אַשכנזי האָט זיך אַריבערגעצויגן, ער האָט גענומען אַ דינסט, וועט פירן אַ קיך און דאָס אַלץ איז געשען אַן מיין פאַרדינסט, אויף עפּעס אַן אופן, וואָס איז מיר נישט באַקאַנט, גאָט צו דאַנקען!

לאַניע! אין אַ וואָך אַרום אין דער צייט וועלן מיר שוין שלאָפן. נישט אמת?

און אפשר נישט! ווייל ס'שטייט מיר פאָר אַ נסיעה קיין טאָמאַשעוו, ווייל איך האָב גענומען האַנטגעלט אויף אַ פּראָצעס אויף דער צייטווייליקער סעסיע פון קרייזגעריכט אין טאָמאַשעוו. —

דיין לעאָן

וואָס ער שטעלט זיך קוים אויס צום סוף [זיינע]

59

צו דער פרוי

זאמאשטש, 7/25, 1883. (פון פויליש)

טייערע העלענע!

דיין בריוו האב איך נאך נעכטן באקומען, אבער ערשט היינט בין איך בכוח דיר צו ענטפערן. נעכטן און היינט בין איך א גאנצן טאג געווען אזוי טרויעריק, אזוי צעשרויפט און מיד, אז כ׳האב זיך בשום אופן נישט געקענט נעמען דיר אנצושרייבן א בריוו.

כ׳קען נישט תופס זיין, וואס מיט מיר טוט זיך. נעכטן האב איך זיך אומגעקערט פון א פארשטעלונג (ביי אונדז ווילט עפעס א קראקעווער טרופע) אין דער ערגסטער שטימונג, וואס האט מיך ביז איצט נישט פארלאזט. אבער פאמעלעך, ווען איך שרייב צו דיר, הייבט זיך מיר אן דאס הארץ ביסלעכווייז אויסצולייטערן, די געדאנקען אין קאפ סדרן זיך אויס, די גוטע שטימונג קערט זיך אום, ס׳קומט צוריק דאס לעבן פול מיט האפענונג!

ראשית־כל דאס קארלסבאדער זאלץ!

דאס איז אן אויסגעצייכנט מיטל אויך פאר מיינעט וועגן צו קאפּוויטאג, צום אפעטיט איז עס אויך א סגולה. דעריבער האף איך, אז ווען דו וועסט מיר צוריקקומען געזונט און שטארק, וועסטו מיך אויך טרעפן אין דעם זעלביקן צושטאנד. אבער ס׳וואָרט אויף דיר א סך ארבעט... איבערשטעלן די קנעפלעך, ווייל אנגעמענדיק כוחות, ווער איך אן לייב, אדער פארקערט: אנווערנדיק לייב און שווער־באוועגלעכקייט, נעם איך אן כוחות. קענסט א פרעג טאן ביי דיין דאקטאר, וועלכער אויסדרוק איז אנגעמאסטן, וואס איז די סיבה און וואס איז איר רעזולטאט?

פון זונטאג אן האב איך לוציאנען נישט געזען. איך נעם אבער כסדר אפ גריסן, אז ער ווילט זיך גוט. ער רייט אויף פערד, הוידערט זיך און עסט, נאר ער טרינקט נישט, ווייל ער האט נישט ליב קיין מילך און קיין וואסער איז נישטא.

כ׳האב אים געקויפט א קליין שפיגעלע מיט א קעמעלע, וואס כ׳וועל אים מארגן איבערשיקן אדער גאר אליין אוועקפירן, ווייל כ׳פאר קיין אלט־זאמאשטש.

פאר מיר, מיין טייער לעבן, קויף נישט גאר נישט, ווייל אחוץ דיר דארף איך גאר נישט. דו קום מיר צוריק, און אלצדינג—בפרט די קראנקהייט—לאז דארטן איבער! דו קום מיר צוריק געזונט, שטארק און פריילעך, מיט דיר וועט זיך אומקערן גליק און רו.

ס'האָט געשלאָגן 1 אַזייגער. כ'מוז גיין שלאָפן, 6 מוז איך פאָרן. די אַרבעט אין אונדזער דירה קריכט קוים־קוים ווי אַ שילדקרעט. כ'שלאָף אין אַ קליין צימערל. די שטראַלן פון דער לבנה און שפּעטער פון דער זון רייסן זיך אַדורך דורך די ראָלעטן און לאָזן מיך לאַנג נישט שלאָפן.

דיין

לעאָן.

60

צו דער פרוי

(פון פּויליש)

זאַמאָשטש, *8/9, 1883.*

טייערע העלענע!

ווען וועט די וואוינונג זיין פאַרטיק? דאָס איז אַ פראַגע, וואָס מאַטערט מיך טאָג און נאַכט און כ'קען זי נישט פאַרענטפערן. אַ מאַסע זאַכן איז נאָך דאָ צו טאָן. די דילן זיינען קוים געמאַכט, דאָס ווענטל איז נישט פאַרטיק. ביז דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, ביז ס'וועט זיך אויסטריקענען, וועט נאָך אַ סך וואַסער אַוועק...

באמת, ווען כ'וואָלט געקענט, וואָלט איך דעם באַלעבאָס אויף שטיקלעך צעריסן! דאָס איז אַ שלימזל פון עקסטן גראַד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך אָבער קענען באַשטימען גענויער. ווען ס'וועט נעמען אַ סוף. לאָמיר זיך דעריבער לערנען זיין געדולדיק!

דו האָסט געבעטן דיר מוחל צו זיין דערפאַר, וואָס דו האָסט דיך געוויילט... אָבער איך, — איך האָב ערגער געטאָן: כ'האָב זיך געוויילט און נישט געהאַט דעם מוט זיך מודה צו זיין פאַר דיר.

ביי אונדז ווייַלט מישקאָווסקיס טרופּע. זיי שפּילן גאָר גוט און איך בין שוין צוויי מאָל געווען!

אַ סך מאָל האָב איך דיר געוואָלט שרייבן וועגן טעאַטער און אַלע מאָל איז מיר די פּען אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. — כ'האָב נישט געוואַגט.

און באמת, ווען כ'גיי צוריק פון אַ פאָרשטעלונג, מאַך איך זיך אַליין ביטערע פאָרוואורפן — וואָס כ'האָב מיך געוויילט, בעת דו ביסט נישטאָ.

ווען וועט זיך דאָס שוין ענדיקן?

מיר זיינען אָפּהענגיק פון דעם מאָלערס פּענדזל! היינט אַ גאַנצן טאָג האָט מען ביי אונדז אין שטוב גאָרנישט געטאָן! איך ווער צעקאָכט פאַר כעס.

און דער באַלעבאָס גיט מיר אַ מאַנאַטאַנעם ענטפער: געדולד — עס וועט שוין ווערן!

לוציאַן לאָזט זיך דערווייל שרעקלעך אָפּ. ער איז נישט געזונט. היינט איז ביי אים געווען ד״ר דזיעוווישעק, האָט אים געשטעלט טרוקענע באַנקעס און פאַרשריבן אַ רעצעפּט אויפן הוסט: צו איין לעפל 4 מאָל איבערן טאָג.

אַחוץ דעם הוסט איז אים גאָר נישט. אדרבא, ער האָט אַ גוטן אַפּעטיט און זעט נישט שלעכט אויס.

ער וויל תמיד צושרייבן צו דיר, אָבער אַז איך שרייב אָן אַ בריוו, בין איך זייער אומגעדולדיק, און איידער ער גיט זיך אַ קער, וואַרף איך אים אַריין אין פּאָסטקעסטל.

היינט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון משהן. ער האָט מיר נישט געקויפט קיין קאַפּעליוש, האָט נישט געקראַגן, וועסטו מיר קויפן אין וואַרשע. אָבער פאַרשטייט זיך שוין קיין שטרויענעם.

היינט לאָז איך פונדעסטוועגן איבער אָרט פאַר לוציאַנען, כדי ער זאָל צושרייבן עפּעס.

דיין
לעאָן.

(פון רוסיש)

מיין טייערע מומע!

איך הוסט, מען האָט מיר געשטעלט באַנקעס און איצט איז מיר שוין אַ ביסל בעסער. איך בעט די מומע אָנשרייבן, ווען די מומע וועט אין גאַנצן געזונט ווערן און ווען וועט די מומע קומען צו פאָרן. איך שלאָף אין דער קיך.

דער מומעס אייביק ליבנדיקער זון

לוציאַן פּרץ.

61

צו דער פרוי

(פון פויליש)

זאַמאָשטש, 9/29, 1883.

טייערע העלענע!

נעכטן אין אָוונט האָב איך נאָך געהאַט אַ וויכטיקן ענין אין אַלט־זאַמאָשטש, צוליב דעם רעגן אָבער האָב איך ערשט 4 אין דער פרי געקענט אַרויספאָרן, אַ גאַנצע נאַכט בין איך דעריבער נישט געשלאָפן. ווען כ׳בין אַרום 10 צוריק־

געקומען, איז דיין בריוו שוין געלעגן אויפן טיש. האָסט מיך, הייסט עס, באַלוינט מיט דעם זעלביקן סורפּריז, וואָס איך האָב דיר געמאַכט!

כ'האָב איבערגעריסן דאָס שרייבן, ווייל קליענטן זיינען געקומען. כ'האָב זיי היינט געהאַט בערך 20, און קיין 20 גראָשן האָב איך נישט פאַרדינט.

זינט אַ געוויסער צייט ביז איך דער בעל־יועץ פון דער גאַנצער וועלט, איך באַטייליק זיך אין צוויי בוררות, און חוץ דעם האָב איך עטלעכע וויכטיקע ענינים. אַזוי אַרום איז מיין צייט זייער באַגרענעצט.

דער בריוו איז אָנגעהויבן 10 אין דער פרי, 12 ביינאַכט ענדיק איך. כ'בין זייער מיד, אָבער ענדיקן אים מוז איך, ווייל מאָרגן איז אַן אַראָפּפאָר, ענינים האָב איך איבער גענוג — ווער זשע ווייסט, צי זיי וועלן מיר לאָזן אַ שמועס טאָן מיט דיר?

מיין גאָט, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט מיט דיר רעדן, דיך צודריקן, אַ קוש טאָן! ווי מיין נשמה רייסט זיך צו דיר!

לוציאַן איז היינט געקומען, ער וויל בשום אופן נישט צוריקפאָרן, ס'איז אים דאָרט לאַנגווייליק. כ'מוז דעם בריוו אָוועקלייגן, ווייל די אויגן קלעפּן זיך מיר, אין קאָפּ מישט זיך און די פּען פאַלט מיר אַרויס פון דער האַנט.

אַך, ווי שרעקלעך איז די איינזאַמקייט, ווען מען האָט ליב!...

דאַנקען גאָט, כ'בין אויפגעשטאַנען. ס'האָט געשלאָגן 7. אַ פויער, וואָס האָט שוין לאַנג זיין חוב באַצאָלט, האָט מיך אויפגעוועקט — ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ער איז געקומען צו פאָרן און איז אַוועק אויף פרישטיק.

די אַנטאָניכע טוישט מיר דערווייל דאָס העמד און דאָס אָנטועכץ, כ'בין דעריבער אין נעגליזשע.

קיינער קומט אָבער נישט. כ'האָב אַ סך ענינים, כ'וואָלט אָבער אָנגענומען מער. וואָס טוט מען אָבער, ס'איז נישטאָ!

מיין טייערע העלענע! דיינע בעדער באַקומען דיר דאָך וואויל, און אין גאַנצן געזונט ביסטו נאָך נישט, איז דיר דערפאַר גרינגער צו זיין אויסגעהאַלטן. דעם דמיון שיק אַרויס פון די בעדער צו מיר, און דו אַליין געניס די בעדער! איך באָד זיך אין גאַנצן נישט, ערשט נאָך דיין צוריקקער וועל איך אָנהייבן אַ באָד־קוראַציע. — איצט האָב איך אַפילו נישט, וואו אַ וואַנע אַוועקצושטעלן, וואו אַ טריט צו מאַכן.

כ'מוז פאַרענדיקן דעם בריוו, ווייל ס'איז 5, און 6 דאַרף מען זיך צוריקקערן אויפן אַראָפּפאָר, און כ'האָב נאָך אַ גוואַלד מיט אַרבעט.

דיין

לעאָן.

62

צו דער פרוי

(פון פויליש)

טייערע העלענע!

ווען דו האָסט געפאָדערט, איך זאָל דיר יעדן טאָג שרייבן, האָסטו פאַרגעסן וועגן שבת! דערפאַר טאַקע האָב איך אַ קלער געטאָן: אַט וואָס ס׳קומט אַרויס פון ליבע צווישן מאַן און ווייב — מע ערגערט זיך און אַן עק! דו פאַרגעסט, אַז דו ביסט ס׳ווייב פון אַ פרומען מגיד, וועמען דו וועסט אַפילו דורך ליבע נישט אַראָפּפירן פון דרך־הישר! און זאָל איצט עמעץ פרואוון לייקענען, אַז פרויען זיינען נישט קיין מחבלים...

און הגם פרומע מענטשן אַזוי ווי איך האָבן אַזוי ליב די דאָזיקע מחבלים, אַז זיי זינדיקן, כמעט אויף טריט און שריט, זיינען דאָך פאַראַן גרענעצן, וואָס מ׳טאָר נישט איבערטרעטן — דאָרט וואו דער כוח פון די מחבלים איז גובר די געטער!... דערפאַר האָב איך נעכטן נישט געשריבן. דער אייבערשטער וועט דאָס מיר בלי ספק געדענקען, וועט דאָס אַריינשרייבן אין זיין ספר קרבנות און וועט באַצאָלן נאָך דעם לאַנגן לעבן מיט דיר!

און אַט דאָס לעבן מוז לאַנג דויערן, ווייל יעדע מצווה, יעדע פרומע מחשבה פאַרלענגערט עס, און דו ווייסט דאָך, אַז מצוות און פרומע מחשבות פעלט מיר נישט (מען קען מיט זיי אויספלאַסטערן דעם גאַנצן גיהנום). אמת, אַז מאַן און ווייב זיינען איינס, און אַז דו, מיין ליבע, האָסט נישט ווייניק חטאים (וואָס דער גרעסטער פון זיי — אגב אורחא — איז: אָנרעדן מיט אַ שלעכטער כוונה צו שרייבן יעדן טאָג בריוו, אַפילו אום שבת). פאַר דעם אַלעם וועל איך, דיין אָרעמער, פאַרליבטער מאַן, שווער אָפּקומען. אָבער פאַר דיינע זינד וועט דאָס אָפּקומען אויך זיין זיס.

איך קען זיך פאַר דיר באַרימען מיט נאָך אַ מצווה, וואָס כ׳האָב ערשט היינט געטאָן מיט דער גאַנצער ענערגיע און מסירת־נפש!... כ׳האָב אויפגעגעסן אַ גאָר גרויס שטיק שבתדיקע פיש! גאָט מיינער, וויפיל דאגות און חובות פאַרשאַפט אונדז דער שבת!

אמת, אַז מיט מיר ביינאַנד וועט אויך דער ד״ר באַלוינט ווערן מיט אַ ברייטער האַנט, מחמת אויך ער האָט געריבן, אַז ס׳איז געווען אַ מחיה צו קוקן...

ס׳איז געווען אַ תענוג צו זען, ווי מיר האָבן זיך געלאָזט אויף אַ פאַר־מעסט, רייטנדיק אויף גאָפּל־מעסער!... הלוואי זאָל השם יתברך אויך דעם ד״ר בענטשן דערפאַר.

כ׳מוז דאָ מאַכן אַ באַמערקונג. העסע פאַרזיכערט און — דער עיקר — די יוזעפיכע באַשטעטיקט דאָס מיט אַ פייערלעכער שבועה, אַז פיש גרייט מען צו אַזוי, ווי דו פלעגסט עס מאַכן. דער שכל און דאָס האַרץ גלייבן טאַקע, אַז ס׳איז אַזוי, — אָבער דער גומען איז זייער מסופק.

די פיש זעען אויס גוט, זיי האָבן אַ נישט שלעכטן ריח, די לאָקשן זיינען אין אָרדענונג... און דער טעם — נו, דאָס קען מען נישט באַשרייבן. כ׳וועל פשוט זאָגן, אַז די פיש האָבן געהאַט אַ טעם פון גאָר נישט קיין באַטעמטע פיש, וואָס דאָס מאַכט נאָך שטאַרקער מיין און דעם געערטן ד״רס צניעות און פאַר־טאָפּלט כמעט אונדזער אויפטו. די יוזעפיכע אַפילו, ווען די שיסל איז געוואָרן אויסגעליידיקט, האָט אונדז שוין אַ ביסעלע באַלוינט, און טאַקע מיט אַזאַ הימלישן שמייכל און בפירוש ליבלעכן קוק, אַז ס׳האָט אַזש אין די פּיאַטעס געקיצלט, אַז מיר האָבן — גערירט ביז גאָר — אַ געשריי געטאָן אין איין קול: קאַווע! כ׳ווייס אָבער נישט, וואָס פאַר אַ רושם האָט געקענט מאַכן אויף קלעמענסן די ליידיקע שיסל! משמעות, אַ ביטערן רושם. פונדעסטוועגן מיין נישט, מיין טייערע פרוי, אַז מיר זיינען אַזעלכע אומברחמנותדיקע פרעסער. פיש איז געווען ווייניק, אין גאַנצן 2 פונט און דערצו נאָך איז קיין פלייש לחלוטין נישט געווען. אַ דערדריקנדיקער פאַקט! — דער פאַקט האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ רושם, אַז כ׳האָב אים נאָך נישט פאַרגעסן, כאָטש דער דערמאָנטער מיטאָג האָט זיך געענדיקט 12 בייטאָג, און איצט איז דאַנקען גאָט 2 נאָך האַלבער נאַכט. די רגע האָט אַפילו אויסגעשלאָגן האַלב 1 דער זייגער, אָבער נישט אויפן ראָטהויז, מחמת אָט דער גרייזגרויער זייגער, דער היטער פון דער גאַנצער שטאָט, איז שוין זינט עטלעכע טעג אַריינגעפאַלן אין אַ מין הינערפלעט, פון וועלכן זיין מייסטער פלייסט זיך אים בחינם אויפצואוועקן. עטלעכע מאָל אין טאָג וועקט ער זיך כלומרשט, מיט אַ הייזעריק קול קלינגט ער אויס עפּעס אַ זייגער 15 און שלאָפט ווידער איין אויף אַ לאַנגער צייט. דו פאַרשטייסט שוין מסתם, אַז די גאַנצע שטאָט איז פאַרצווייפלט, ווייל אַפילו די וואָס האָבן זייגערלעך קענען זיי נישט רעגולירן! מיט מיין טאַשן־זייגערל האָט אויך גע־טראָפן אַ סיבה, בעסער געזאָגט — מיט זיין קייטעלע. אָט דער דאָזיקער אָנדענק פון דער מיאוסער הענדל עליה השנאָבל האָט זיך צעריסן און העסע האָט מיר צוגענומען ס׳זייגערל, כדי כ׳זאָל עס נישט פאַרלירן. דאָס ליד, אַז ס׳איז האַלב צוויי, האָט אויסגעקלונגען אונדזער שטובזייגער! אַן אָנדענק נאָכן באַנקראָט! אָבער איך האָרך אים „ווי די קאַץ, אָדער ווי דעם רב“! כ׳גיי נישט שלאָפן און אַן עק! פון ווייטן הער איך אַ כראָפּען: איינס און אַ צווייטס... העסע כראָפּעט אין שלאָפצימער און יוזעפיכע אין קיך. ביידע מעלאָדיעס לאָקן מיך נישט... כ׳וועל נאָך נישט גיין שלאָפן, ווייל... ווייל דאָס בעט איז ליידיק.

דו שלאָפסט מסתם איצט און אפשר חלומסטו אין שלאָף וועגן מיר? לאָמיך

זיין זיכער אין אַזאַ חלום און — די מינוט גיי איך שלאָפן. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אויב מיר האָט זיך די נאַכט געחלומט גאָר עפּעס אַנדערש! ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז אויפכאַפּנדיק זיך אין דער פרי, האָב איך אָנשטאָט מיין אַנטועכץ, דערזען לעבן זיך חסידישע מלבושים. אַ דערשראָקענער האָב איך אויסגערופן: העלענע! העלענע! קעצעלע! (לייען מיט זייער אַ לאַנגן אַקצענט דעם ערשטן טראָף). אומזיסט! קיינער ענטפערט מיר נישט. כ'פלי אַרויס פון בעט, אין ערשטן חדר נאָכן שלאָפצימער איז קיינער נישטאָ, אין קאַנצעלאַריע — דאָס אייגענע, כ'זוך מיט די אויגן אין אַלע זייטן, כ'טרעף זיך מיטן שפּיגל... און דאָרט, — אוי, ראַטעוועט! — דערזע איך אַ פּאָר ריזיקע פּאות מיט אַ געלער, לאַנגער באָרד (כאָטש גוט, וואָס דער קאָליר האָט זיך נישט געביטן!) ביז איבערן גאַרטל (ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ!).

כ'האָב אַ שרעקלעכן געשריי געטאָן — און כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט. נו, זאָג אַליין, איז כדאי צוליב אַזעלכע חלומות צו גיין שלאָפן, אַריינלייגן זיך אין אַ פאַריתומט בעט אין אַ דומפּיק פינצטער צימערל?

אמת, די אויגן קלעפּן זיך מיר, אָבער פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט וועל איך אַזוי גיך נישט גיין שלאָפן! נעכטן האָב איך געלייענט ביז 4 אַזייגער די דערציילונג פון יעזש „די פאַרשוין". היינט איז נאָך בעסער, ווייל איך רעד מיט מיין אייגענער פאַרשוין! יענע איז, וואָס אַן אמת, שענער פון דיר, אָבער יענע איז נישט מיין פרוי און זי האָט מיך אין גאַנצן נישט ליב, מיר דאַכט זיך אַפילו אַז איך וואָלט זיך אויך נישט געקענט אין איר פאַרליבן, כאָטש זי איז אַ כשרע יידישע טאָכטער, ווייל... ווייל מיין פאַרשוין איז בעסער פון יענער גאָר נישט דער ערך. איבעריקנס, צי קענסטו יעזשן? ער האָט געקענט זאָגן אַ ליגן און די גאַנצע גילדערנע פאַרשוין אויסטראַכטן. דער ד"ר זאָגט, אַז דאָס טרעפט און — גיי געטרוי מענטשן! ה' יעזש איז דאָך אַ מחבר און וואוינט אין פאַריז, און אים איז מען חושד אין ליגן! אָט די דאָזיקע אַפּיקורסישע וועלט וועט נאָך דערגיין דערצו, אַז מ'וועט אַפילו רבנים און מגידים (ווי איך) סקעפּטיש קריטיקירן!

אַ! דעמאָלט וועט זיך די וועלט זיכער איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ, אויב ס'וועט נישט נאָך פריער עפּעס אַ בלענדנדיקער קאָמעט (וועלכער איז, אגב באַמערקט, צו גלייך אי פון מענלעכן געשלעכט אי פון ווייבלעכן, וואָרן זייענדיק אַ פאַרכישופטער ריטער, טראָגט ער דערביי אַ ווייבערישן עק) אַראָפּ־שליידערן דאָס דאָזיקע זינדיקע וועלטל אין תהום אַריין. אָבער דו, קעצעלע (דער אַקצענט ווי פריער), שרעק זיך נישט, אַ סך וואַסער וועט נאָך אָפּלויפן ביז וואַנען דאָס וועט געשען, און מיר וועלן נאָך האָבן צייט אַ קלער צו טאָן וועגן ראַטעווען זיך! איבעריקנס, „מיינע" שניידער וועלן אונדז אויפנייען אַ ריזיקן באַלאָן, וואו מיר וועלן זיך באַהאַלטן, און מיר וועלן שוועבן צווישן

די שטערן, און פאַר אַ מקום־מקלט וועלן מיר זיך אויסקלייבן אַזאַ שטערן, וואו קיין חסידים וועלן אין גאַנצן נישט זיין, און מיינע חלומות וועלן פריי זיין פון יאושדיקע מיסטיפיקאַציעס — און ווייסטו, וואָס כ׳וועל דיר דעמאָלט געבן? ס׳טעלערל פון הימל! און דו מיר דערפאַר? אַ הייסן קוש! ווירקלעך, ס׳גייט מיר איבער דאָס שפּייעכץ אין מויל!

זאָג מיר דעם אמת, צי ווילט זיך דיר נישט אַ מאָל קיין קוש, און וואָס טוסטו דעמאָלט? איך קוש דעמאָלט אין דער לופטן, אָבער דאָס איז אַ קנאַפּע סגולה — כמעט קיין שום פּעולה נישט! דאַרפסט זיין צופרידן פון מיר, קעצעניו (אַרויסרעדן די „ב" זייער ווייך). כ׳בין אין אַ גוטער שטימונג און איך פליס זיך דיך צו ווילן!

גאָט וועט געבן און ס׳וועט אָנקומען אַ צייט פון אַנדערע פאַרווײלונגען... אוי, די קושן! פון קאָפּ קענען זיי מיר נישט אַרויס, זיי האָבן מיך פאַרכישופט!

ווייסטו וואָס? לאָמיר זיך אַ ביסל צעקריגן! כ׳האָב דיך שוין אַזוי לאַנג נישט איבערגעבעטן! אָך, ווי זיס זיינען די דאָזיקע איבערבעטעכצער! קודם־כל דאַרף מען אויסקלערן עפּעס אַן אויסרייד, ווייל דאָס וואָס דו ביסט גוט, הימליש, ליב און שיין, קען דאָך נישט זיין קיין אויסרייד. דאָס וועט דאָך שוין זיין אַ גרונד זיך איבערצובעטן, מ׳דאַרף אויסקלערן אַן אַנדער אויסרייד! און מ׳דאַרף גיין צום קאָפּ נאָך שכל, ווייל מיטן האַרץ קען מען זיך אין דער פראַגע לכל הפחות נישט אַן עצה האַלטן, ווייל דאָס האַרץ איז איבערגעקויפט דורך דיינע חסדים, דורך דיין ליבע, און איז פול מיט דיר. כ׳האָב מורא אָנצורירן מאַדאַם פאַנטאַזיע, ווייל זי וועט מיר דיך באַלד פאַרשטעלן מיט אַ טרער אין אויג; און דיין טרער ברענט מיך און איז בכוח מיך אויף קויל צו פאַרברענען. און איך האָב אַזוי אויך מורא, אַז כ׳בין צו פיל ענלעך צו קויל. איז דעריבער קען דאָ, ווי כ׳האָב געזאָגט, נאָר דער שכל עפּעס אויפטאָן. נאָר היות דער שכל, אָדער דער דאָזיקער באַרימטער עגאָאיסט, איז צוליב דער שפּעטער צייט געגאַנגען שלאָפן, איבערלאָזנדיק ביי מיר בלויז דאָס האַרץ, וואָס קען אָן דיר נישט שלאָפן — בכן nollens vollens, וועל איך די קריג אָפּלייגן אויף מאָרגן. (דער מאָרגן איז קליגער פאַרן אָוונט!). און אפשר אָוועקלייגן די פּען? ווייל צו וואָס וועלן דיר נוצן אָט די קאָלירנדיקע זייפנבלאָזן מיינע?...

אָט האָסטו דיר! ס׳בייט זיך אין דעם מאָמענט ביי מיר די שטימונג, דער רויזער קאָליר ווערט וואָס אַ מאָל מער טונקל, אַזש שוואַרץ... און ס׳איז קיין שום חידוש נישט, ווייל ס׳איז אומעטיק איינעם אַזוינעם אין מיטן אַ נאַכט אַ שטילער, אַ רואיקער און אַ וואַרעמער, אַ נאַכט אַ שיינער, אַן אויסגעשטערנ־טער... ער וואָלט אָנשטאָט דעם שלאָגן פון זייגער, בעסער געוואָלט הערן דאָס שלאָגן פון אַ האַרץ, וואָס איז אים טייער; און אָנשטאָט אַ פּען — וואָלט ער געוואָלט האַלטן כאָטש איין האָר פון זיין איינציקער געליבטער!

כ׳וועל אָפּשטעלן דעם זייגער: זיין איינטאָניקער פּאַמעלעכער קלאַנג דערמאָנט מיך די איינטאָניקייט און דעם פּאַמעלעכן גאַנג פון דער צייט פון אונדזער צעשיידונג. כ׳וואַרף אַוועק די פּען, ווייל דאָס שרייבן צו דיר צערייצט מיך, און ווען כ׳שרייב פון אונדזער ליבע, לאַכן פון מיר די שוואַרצע אותיות ווי בייזע טייוולאָנימלעך...

אַ גוטע נאַכט דיר, העלענע! אַ גוטע נאַכט דיר, און קער מיר אום וואָס גיכער מיינע גוטע טעג און די נעכט די גוטע!...

דיין
לעאָן נעבעך.

ניין! כ׳וויל זיך נישט געזעגענען מיט דיר אומעטיקערהייט! כ׳וויס, אַז כ׳דאַרף דיך פריילעך מאַכן און נישט טרויעריק...

נו, איז גוט, כ׳האָב דיך באַליידיקט מיט מיין טרויער, און כ׳האָב דעם בעסטן אויסרייד זיך איבערצובעטן!

כ׳בעט דיך דעריבער איבער, כ׳בעט דיך הונדערט מאָל איבער, כ׳קני ביי דיינע פּיס, כ׳קוש דיינע טריט און כ׳בעט דיך רחמים: זיי מיר מוחל! — אָ, איך פיל... דו בייגסט זיך איין צו מיר, הייבט מיך אויף, קושסט מיך און יעדער קוש דיינער איז אַן אמתע מחילה, אַ מחילה פון אַן אמתן גאָט, אַ גאָט וואָס וועט מיר איין גיכן דעם הימל און גן־עדן ווידער עפענען אָבער אויף אייביק, לעולם ועד!

לעאָן.

שבת צו נאַכטס!

63

צו דער פרוי

(פון פּויליש)

טייערע העלענע:

דיין בריוו האָב איך באַקומען. כ׳שיק דיר אַ צווייטע איבערווייזונג אויף אויף פר׳ סאָלאָווייטשיק, ווייל ווי מיר דאַכט זיך, קומט אונדז ביי נאַטאַנען גאָרנישט. כ׳מוז דיך דעריבער מטריח זיין.

אויב דו וועסט האָבן צייט, וועסטו זיך דערוויסן אין פּאָסטאַמט, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט יענעם בריוו. ביי אונדז אויף דער פּאָסט איז ער נישטאָ. מען זאָגט, אַז מען פאַרהאַלט דאָרט צוויי חדשים.

כ׳הייב אָבער אָן חושד צו זיין, צי ס׳האָט נישט אַ מאָל ווער אויסגענוצט יענע איבערווייזונג, איידער איך האָב באַוויזן צו טעלעגראַפירן

אין דעם פאַל, אויך אין פאַל ווען די סומע פון 76 רובל וואָלט זיך אַרויס־געוויזן פאַר ניט גענוג, זאָלסטו בעטן ביי נאָטאַנען געלט און ווי נאָר כ׳וועל האָבן אַ ידיעה, וועל איך אים אַרויסשיקן די איבערווייזונג. איך רעכן, אַז ער וועט דיר קיין שוועריקייטן נישט מאַכן.

פאַרגעס נישט, אַז צוליב מיין דעפעשע, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין ה׳ לאַנדויס נאָמען, וועט מען דיר דאָס געלט נאָר פערזענלעך אויסצאָלן.

וואָס נוגע העסעס שידוך, וועל איך דיר מודה זיין, אַז דיין בריוו האָט אויף מיר אין דעם זין קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט. ס׳איז מיר נישט געפעלן! איך מיש זיך אָבער נישט אַריין און כ׳לייג נישט מיין מיינונג אויף דער וואָגשאָל. כ׳וואָלט אָפילו קיינעם נישט געוועזן געוויזן דיין בריוו, ווען נישט דאָס, וואָס העסע אַליין האָט אים געפונען אין מאַנטל (איך האָב אַ ווײַלע געטראָגן דעם פוטער).

אויב זי האָט געפונען, איז אַ סימן, אַז זי האָט געזוכט. היות אָבער זי האָט קיין שום זאַך אַחוץ דיין בריוו נישט געקאָנט ביי מיר זוכן, ממילא מוז זיין די סיבה פון איר זוכן — א. אַז. וו. — — — — — — — — — — — — — — —

איך ריכט זיך אָבער, אַז דאָס וועט איבערגיין —

מיר שרייבן אַזוי פיל וועגן דעם שידוך, אַז וועגן זיך אַליין פאַרגעסן מיר. ראשית־כל וועט גאָט צו דאַנקען שוין זיין אַ סוף צו אונדזער צעשיידונג. צום שפּעטסטנס, ווי איך דרינג פונעם בריוו, וועסטו אַרויספאָרן שבת צו נאַכטס — אָבער שבת הייבט זיך אָן דער אַראָפּפאַר. אַזוי איז שוין אונדזער מזל...

פון לוציאַנען האָב איך שוין באַקומען דעם צווייטן בריוו. לאַטיין גיט זיך אים ווידער [נישט] איין, ער האָט אָבער האָפענונג זיך צו פאַרריכטן.

פאַרגעס נישט מיר צו ברענגען „אולאַזשעניע״, אויסגאַבע 1885, וואָרן ס׳איז מיר זייער נייטיק.

אין זאַמאָשטש האָבן מיר אַ גאַסט. ס׳ווילט ביי אונדז די מומע רייזל. שיע * שלאָפט דעריבער ביי מיר, וואָס איך בין דערפון זייער צופרידן, וואָרן ס׳איז מיר זייער אומעטיק און כ׳שלאָף עפּעס שלעכט אין די נעכט.

אויס פּאַרזיכטיקייט שיק איך שוין רעקאָמענדירט.

דער פּאַליאַק קומט צום שכל נאָך דער צרה.

גרוסן פאַר אַלע.

דיין

לעאָן.

* יונגערער ברודער פון י. ל. פרץ.

64

צום זון, לוציאַן

[פון זאַמאָשטשער קיין פּלאָצק, וואו לוציאַן האָט געלערנט אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע. לוציאַן איז אַלט געווען איצט אַ 13 יאָר.]

(פון פּויליש)

געליבטער זון!

דיינע צוויי בריוו האָב איך אָפּגענומען און זיי האָבן מיך זייער דערפרייט, ווייל איך האָב דערזען, אַז דו ביסט רואיק און צופרידן. איך ווינטש זיך נאָר, אַז מען זאָל פון דיר אויך זיין צופרידן; דאָס וועט זיך דיר איינגעבן זייער גרינג, אויב דו וועסט זיך גוט לערנען און וועסט האָבן דרך־ארץ פאַר עלטסטע א. אַז. וו. איך האָף, אַז דיינע ווייטערדיקע בריוו וועלן זיין גענויער, און אַז דו וועסט שרייבן וועגן דיינע ברייטערע באַציאונגען מיט די לערער און מיט די חברים.

איך בעט דיך, דו זאָלסט שרייבן צו אונדז בריוו אַלע זונטאָג, ווייל דאָס איז דיין פרייער טאָג, און דו זאָלסט נישט ניצן קיין אָפענע קאַרטלעך, ווייל קיין מאַרקעס וועט דיר נישט פעלן.

איך מוז ציען דיין אויפמערקזאַמקייט אויף אַן אומטאַקטישקייט, וואָס דו ביסט באַגאַנגען אַנטקעגן אַ פּערזאָן, וואָס איז פאַר דיר געווען אַ צווייטע מוטער — און דערביי די בעסטע מוטער, אַ פּערזאָן וואָס דו האָסט איר אַ סך, זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען.

אין דיין ערשטן בריוו דערמאָנסטו וועגן איר אַפילו נישט, אינעם צווייטן בריוו דערמאָנסטו זי פאַרבייגייענדיק, עפּעס אַזוי ווי פון איידלקייט וועגן. איך ווייס אָבער, אַז די סיבה איז נישט קיין שלעכטער ווילן, נאָר דו האָסט פאַר־געסן. ווי דאָס זאָל נישט זיין, טוסטו שלעכט. וואַרן אויף דיינע בריוו וואַרטן מיר ביידע גלייך אומגעדולדיק און ביים לייענען זיי זיינען מיר ביידע גלייך גערירט. דו דאַרפסט וועגן דעם געדענקען.

איך בעט דיך: לערן זיך גוט. געדענק, אַז די צייטן זיינען שלעכט און דאָס אויסהאַלטן דיך קאָסט טייער, און ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן קען ברענגען. וואָס פריער דו וועסט ענדיקן די גימנאַזיע, אַלץ גיכער קענסטו רעכענען אויף אַ צוקונפט.

ס'איז נישטאָ נישט קיין איבעריקע וויסנשאַפט. ס'זיינען פאַראַן מער אָדער ווייניקער נוציקע [וויסנשאַפטן]. הייסט עס, אַז אויב די ענדערונג אינעם שול־פּלאַן הענגט נישט אָפּ אין אונדז, מוזן מיר זיך אונטערגעבן יענעמס ווילן און לערנען זיך אַזוי ווי מען הייסט. אַגב ביסטו צו יונג, דו זאָלסט קענען ענדגילטיק אורטיילן, צו וואָס דו האָסט צום מערסטן פיאיקייטן און וועלכע

צוגרייט־וויסנשאַפטן עס וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר נייטיק צום מערסטן, אָבער העלפן וועלן דיר אַלע. דעריבער לערן אַלץ.

אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן ידיעות וועגן דיינע געוועזענע חברים (אויב דו וועסט זיך נאָכפרעגן!). דאָ ביי אונדז אין זאַמאָשטש איז קיין נייס נישטאָ. —

עטלעכע וואָכן פאַר דיין אָפּפאָר האָסטו אַרויסגעוויזן חשק צו לערנען זיך העברייאיש. אויב דו האָסט עס נאָך אַלץ בדעה, אויב דו רעכנסט באמת צו דערקענען די שפּראַך פון דיין פאָלק, אַ שפּראַך, וואָס איז אגב די שענסטע און די פּאָעטישסטע, די שפּראַך, וואָס אין איר איז געשריבן דער תנך, וואָס אַנטקעגן אים בלייבן אין שאָטן די האָמערס, און די ווירגילס באַהאַלטן זיך אין אַ ווינקל — שרייב אָן און קיין הילף אין געלט וועט דיר נישט פעלן.

דאַרפסט וויסן, אַז ה׳ פּאַפּירנאָ איז איינער פון די קענטיסקטע מחברים־קריטיקער אין דער העברייאישער ליטעראַטור, און אַזאַ מעגלעכקייט צו נעמען לעקציעס וועט זיך דיר אפשר נישט מאַכן.

איך ספק נישט, אַז אויף דיין פאַרלאַנג וועט ער דיך לערנען. איך בין זייער צופרידן, וואָס דו שרייבסט אויף פּויליש. קיין גרייזן פעלט נישט, אָבער בכלל גענומען שרייבסטו נישט שלעכט. מיר איז שוין אויך שווער צו שרייבן פּויליש, און נאָך שווערער אָנצושרייבן פאַר דיר דייטלעך, דו זאָלסט קענען גוט און גרינג לייענען. — איך באַהאַלט דעם בריוו פון דער מומען, ווייל איך וויל נישט, זי זאָל לייענען דעם אָנהייב צוליב גרינג פאַרשטענדלעכע טעמים. כדי דיר צו געבן צייט צו פאַרריכטן דעם פעלער, וועל איך זאָגן, אַז ערשט נאָכן דריטן בריוו וועל איך דיר אָנשרייבן. דערמאָן דעריבער נישט אינעם ענטפער וועגן דעם.

דיין פאָטער וואָס האָט דיך ליב

27/15 אויגוסט, 1886. לעאָן.

פּ. ס. חוץ דעם זיינען נאָך דאָ אַנדערע פערזאָנען, וואָס זיינען ווערט, מען זאָל זיי דערמאָנען, נישט אמת?

65

צום זון, לוציאַן

(פון פּויליש)

געליבטער זון!

איך האָב אַ לאַנגע צייט צו דיר נישט געשריבן. פריער האָב איך געוואַרט אויף משהס בריוו און אויף דער רעכענונג פאַר ה׳ ב. מרגליות, דערנאָך איז

געקומען די לאַנגע קאַדענץ פונעם אַראָפּפאָר, וואָס האָט מיך שטאַרק איינגע־מאַטערט. פאַר וואָס האָסטו אָבער נישט געשריבן? פאַר וואָס האָלטסטו נישט דיין הייליקן צוזאָג, אַז דו וועסט שרייבן אַלע וואָך? כ׳וואָלט וועלן גלייבן, אַז דו האָסט אויך קיין צייט נישט, אַז דו ביסט באמת פאַרנומען מיט שטודיום!

מיר דוכט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום דאַרפסטו קריגן דעם בילעט. שיק אים גלייך צו.

אין דער היים איז נישטאָ קיין נייס. די מומע וועט אין גיכן פאָרן קיין וואַרשע, איז אָדער זי וועט פאָרן צו דיר אָדער דו וועסט פאָרן צו איר קיין וואַרשע; וועגן דעם וועלן מיר דיר מודיע זיין אין אַ פּאָר טעג אַרום.

איך שרייב דעם בריוו בקיצור, ווייל איך בין פאַרנומען מיט זייער אַ וויכטיקן ענין.

גיב אָפּ די האַרציקסטע גרוסן ה׳ פּאַפּירנאָן און ה׳ אַלטבערגן,* צו יעדערן פון זיי וועל איך אין גיכן באַזונדער אָנשרייבן. איך בעט דיך זייער נאָך אַ מאָל, שרייב רעגולער אַלע וואָך, לערן זיך גוט.

דיין פאָטער וואָס האָט דיך ליב

2טן נאָוועמבער, 86[18] י. **ל. פּרץ.**

66

צום זון, לוציאַן

(פון פּויליש)

געליבטער, טייערער זון!

דאָס וואָס עס גייט דיר שלעכט אין מאַטעמאַטיק, האָט מיך געמאַכט טרויעריק. איך האָף אָבער, אַז אין גיכן וועסטו מיך דערפרייען! פאַרגעס נישט און ניץ אויס די צייט. קיינער ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ מאָרגן דער גורל גרייט אים צו. ביסט אַ קינד, פאַרשטייסט אָבער, אַז דו לעבסט אין שטאַרק אומזיכערע צייטן, וואָס זייער סוף קענען מיר נישט פאָרויסזען. ס׳איז אמת, אַז נאָך יעדער פינצטערער נאַכט קומט אַ ליכטיקער טאָג... אָבער די נאַכט פון לעבן איז צייטנווייז שרעקלעך לאַנג... און שוין סאַמע פאַר טאָג קען דער טוי אויסעסן די אויגן...

ווער אַ לייט! אויף אַזוי פיל קענסטו נאָך מאַטעמאַטיק, אַז דו זאָלסט קענען פאַרשטיין, אַז אַ טאָג באַשטייט מער נישט ווי פון שעהן, אַ יאָר פון טעג און דאָס גאַנצע לעבן פון אַ קליינער צאָל יאָרן... פאַרלירן אַ שעה פאַרן אויספירן די פליכט הייסט פאַרלירן אַ געוויסן טייל לעבן.

משה שרייבט מיר, אַז דו ביסט פאַרטראָגן, פריער פאַרלירסטו אומזיסט

---

* משה אַלטבערג — פּרצעס יוגנט-פריינט און קוזין.

די צייט, און נאָך דעם ווינסטו וואָס דו קענסט נישט די לעקציעס, און ער בעט, אַז איך זאָל דיר וועגן דעם דערמאָנען. אין משהן האָסטו אַן אמתדיקן פריינט. ער פאַרבייט דיר מיך און די מומע, און דערפאַר איז שוין שלעכט, אויב ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין אויטאָריטעט און זיין עצה זיינען פאַר דיר צו ווייניק און אַן רעזולטאַט. נאָר אויס דאַנקבאַרקייט צו אים וואָלסטו זיך געדאַרפט פאַרריכטן. און אַז דו וואָלסט קענען, ווען דו וואָלסט נאָר וועלן, דערין איז קיינער נישט מסופק.

דאָס וואָס דו האָסט געקראָגן אַ רעפעטיטאָר איז זייער גוט, פאַרגעס אָבער נישט, אַז לערנען זיך און אַרויסוויזן די ידיעות אָנשטאָט דיר קען ער בשום אופן נישט.

נעם נישט אָן מיינע ווערטער ווי פאַרוואורפן צוליב דעם וואָס איז געווען, נאָר ווי וואָרנונגען פון אַ פאָטער אויף וויטער.

זאָלן זיי דיך נישט מאַכן אומעטיק, נאָר אויפוועקן צו אַקטיוויקייט. ווער עס פאַרלייגט די הענט און באַווייזט זיינע פעלערן, דער וועט קיין מאָל נישט אויספירן זיינע פליכטן. ווער עס פאַרריכט נישט ווייניגדיק, דער וועט גיך נישט האָבן וואָס זיך פירצוהאַלטן.

איך בעט דיך נאָך אַ מאָל, זיי נישט שוואַך און גרינג אויף טרערן. פאַרליר נישט די צייט אומזיסט און זאָל דאָס לערנען זיין ביי דיר בילכער ווי דאָס שפּילן.

ניץ אויס די הילף, וואָס עס גיט דיר ה׳ אַלטבערג, אַן אידעלע הילף, וואָס איר מקור איז נישט געצאָלט, נאָר ליבע. —

בעט די חשובע הערשאַפט פאַפירנאָ אין מיין נאָמען, אַז מען זאָל לאָזן פאַרריכטן דיין וועש אויף מיין רעכענונג נאָך יעדן מאָל וואַשן.

מיר דאַכט זיך, אַז דיינע חברים האָבן געשריבן אַ בריוו צו דיר. וועגן הערשן ווייס איך נישט קיין ספּעציעלע זאַכן, איך הער נאָר, אַז ער לערנט זיך גוט.

דיין פאָטער וואָס האָט דיך ליב

לעאָן.

67

צום זון, לוציאַן

(פון פּויליש)

ליבער זון!

איך פריי זיך באמת, וואָס דו האָסט זיך גענומען צו דער אַרבעט און די שלעכטע מיינונג שרעקט מיך כלל נישט און מאַכט מיך נישט טרויעריק. פאַרליר נישט דעם גלויבן אין זיך — מיט אַרבעט וועסטו אַלץ בייקומען.

פאַל בכן נישט אַראָפּ ביי זיך, אַרבעט מיט זיכערקייט, מיטן זיכערן געדאַנק, אַז אַן אַרבעט, וואָס מען נעמט זיך פיר מיט חשק און מען פירט אויס ווי ס׳געהער צו זיין, ברענגט אַ גוטן רעזולטאַט.

ווען דו וועסט קריגן דעם בריוו, וועט די מומע שוין אפשר זיין ביי דיר, ווייל זי איז אייערנעכטן אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע. איך ווייס נאָר נישט, ווען זי וועט קענען אַריינכאַפּן זיך צו אייך. אויף יעדן פאַל שרייב איך היינט צו דער מומען, זי זאָל וואָס פריער אָוועקפאָרן צו דיר.

צוליב מאַנגל אין צייט פאַרקירץ איך דעם בריוו, כאָטש גאָט איז אַן עדות, אַז כ׳וואָלט נאָך מיט חשק אַ שמועס געטאָן מיט דיר, אָבער היינט איז ווידער אַן אַראָפּפאָר פון קרייזגעריכט און איך דאַרף נאָך פאַרטיידיקן אַן ענין.

דיין לעאָן.

68

צום זון, לוציאַן

(פון פויליש)

געליבטער זון!

כ׳האָב עטלעכע טעג נישט געשריבן צו דיר, ווייל כ׳האָב געוואַרט, עס זאָל קומען צו פאָרן די מומע, וועלכע איז טאַקע היינט 12 אַזייגער אין דער פרי געקומען פון וואַרשע.

די מומע פילט זיך גוט.

בכן קער איך זיך אום צו דיין בריוו. ווען דו וועסט קומען אַהער, וועסטו ווידער האָבן אַ שלעכטע מיינונג אויף לאַטיין. און אפשר נישט? מיר וועלן זען.

ס׳איז אָבער דאָ אַ חילוק צווישן דיין בריוו און צווישן שלמה אַלטבערגס בריוו, ווייל ער באַשולדיקט דיך גאָר, אַז... דו לערנסט צו ווייניק לאַטיין. איך חזר איבער: מיר וועלן זען.

אויף יעדן פאַל וועלן שוין זיין אין גיכן די רוסישע חגאות און דעמאָלט וועלן מיר זיך זען. וואָרן איך וועל זיין אין וואַרשע, איז אָדער כ׳וועל צו דיר קומען, אָדער כ׳וועל אָנשרייבן נאָך דיר.

הייסט עס, מיר וועלן זיין צוזאַמען עטלעכע טעג און דאָס וועט זיין מיין גרעסטער פאַרגעניגן נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג און נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג נישט געזען. און פאַר דיר?

אויב דו וועסט ווידער האָבן אַ 2 אויפן בילעט, וועסטו זיך שעמען, אָבער דאָס וועט אויך איבערגיין. אַלץ וועט זיך לאָזן פאַריכטן. גריס די פאַפּירנאָס, די אַלטבערגס און שלמהן.

דיין פאָטער וואָס האָט דיך ליב

לעאָן.

19/7 דעצעמבער, 86[18].

69

צום זון, לוציאַן

(פון פויליש)

ליבער זון!

כ׳האָב דיר שוין לאַנג נישט געשריבן מחמת פאַרשיידענע סיבות. קודם־כל האָב איך, נאָך דעם ווי איך האָב באַקומען דיין פאַרלעצטן בריוו צוזאַמען מיט ה׳ אַלטבערגס בריוו, בכיוון זיך אָפּגעהאַלטן, כדי נישט צו שרייבן אונטער אַ נישט גאָר איינגענעמען איינדרוק... אפשר וואָלט דער בריוו אַרויסגעקומען צו שטרענג, דו וואָלסט זיך צו שטאַרק געקלעמט, און דאָס האָב איך נישט געוואָלט! —

נאָך דעם האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן עטלעכע טעג, ווייל כ׳האָב דיר געוואָלט מודיע זיין אויף זיכער, צי איך וועל דיך קענען באַזוכן... נאָך דעם ווידער איז אונטערגעקומען דער אַראָפּפאָר, וואָס האָט זיך געענדיקט ערשט נעכטן און דערצו שפּעט ביינאַכט.

אויב די קאָפּיע פונעם בילעט איז גלייך צום בילעט גופא, איז האָסטו אַ 2 מער נישט ווי אויף דייטש.

צי איז עס אַזוי אין דער אמתן? און אפשר האָסטו נישט געוואָלט, איך זאָל זיך קלעמען? פאַר וואָס האָסטו נישט געבעטן ה׳ פּאַפּירנאַן, ער זאָל די קאָפּיע באַשטעטיקן?

ווי עס זאָל נישט זיין, זע איך שוין, אַז דיין פּראַמאָציע הענגט אויף אַ האָר; אויב דו קענסט, קער אָפּ דאָס שלעכטס, וואָס שרעקט מיך, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי פאַרלירן אַ גאַנץ יאָר פון לעבן...

זיי כאָטש אָפּנהאַרציק און באַהאַלט קיין זאַך נישט פון מיר.

כ׳האָב געוואָלט פאָרן צו דיר... איך בענק זייער שטאַרק, עס מאַטערט מיך דאָס אויסגעליידיקטע בעט, די שטול, אַפילו דאָס וואָס איך הער נישט דיין אָפּטן געוויין!

...אָבער וואָס זאָל מען טאָן — איך קען נישט! אַ שאָד דאָס געלט, וואָס קען דיר צו ניץ קומען, און סוף־כל־סוף וועסטו דאָך אין 8־10 וואָכן אַרום זיין אין זאַמאָשטש...

הערש איז געקומען צו פאָרן. כ׳האָב אים נאָך נישט געזען, אָבער מען זאָגט, אַז ער האָט בעסערע מיינונגען פון דיר... און ער איז דאָך יינגער און פאַרדינט גיכער איינזעעניש! וואָס זאָל מען טאָן...

משהס בריוו איז אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דיר, כ׳האָב דיך פאַרטיידיקט פאַר זיך אַליין, אָבער דיין שולד איז קלאָר!

ביז אַצינד האָסטו נישט געקענט איינטיילן דיין צייט צום לערנען און אויף פאַרווײַלונג, און דערפאַר טוסטו אַלץ צו שפּעט.

פונדעסטוועגן איז נישט זייער שווער צו געדענקען, וויפיל אַ טאָג האָט באמת שעה, וויפיל עס נעמט צו דער שלאָף, דאָס עסן, כדי צו וויסן וויפיל מען קען אָפּגעבן אויף לײדיקגײן!

נאָר איך פאַל שוין ווידער אַריין אין אַן אומאײנגענעמען טאָן, און אָנטאָן דיר קלעמעניש וויל איך נישט. פאַרבעסער זיך!

דיין פאָטער וואָס האָט דיך ליב

ל. פרץ.

70

צום זון, לוציאַן

(פון פויליש)

טייערער לוציאַן!

נאָך מיין צוריקקער פון ווארשע און פון פלאַצק האָב איך געהאַט אַ סך אַרבעט און איך בין עטלעכע מאָל געווען אַרויסגעפאָרן אין די פּראָווינציעלע געריכטן. כ׳האָב דעריבער נישט געקענט אַזוי גיך שרייבן צו דיר.

דו פאַרשטייסט אַליין, וואָס פאַר אַ פריידן איך האָב געהאַט פון דיין לעצטן בריוו, אַ בריוו פול האָפענונג און כוח, אַ בריוו וואָס פולסירט מיט אַ לחלוטין נײַי, געזונט לעבן.

גלייב מיר, ס׳איז נישטאָ קיין נאַרישערע זאַך ווי אַ רעזיגנירטע, נישט־קעמפנדיקע יוגנט. ווער עס איז שוין צוגעדריקט ביי 15 יאָר לעבן, ביי וועמען איין נישט מקוים געוואָרענער וואונטש דריקט אַרויס ביטערע טרערן, ווער עס ווערט אַזוי יונג געשטרויכלט און האָט נישט קיין ווילנס־כוח זיך צו דערהייבן, דער איז נישט ווערט קיין הילף און איז נישט ווערט וואָס ער לעבט! אַן אמתע קרענק רופט אַרויס רחמנות, אַן איינגערעדטע קרענק — ביטול! אָבער דו האָסט זיך דערהויבן, ווי איך זע, קעמפסטו איבער אַ נייס! איך האָב דיך צו שטאַרק ליב, אַז דאָס זאָל קענען פאַרשטאַרקן מיין ליבע; נאָר איצט געטרוי איך דיר מער, איך גלייב אין דיינע כוחות און איך בין זיכער אין נצחון!

געליבטער זון מיינער, ווי שטאַרק דאַנקבאַר איך בין דיר פאַר דיין בריוו!

— —

און אפשר ביסטו געוואָרן אַ לייט אין אַן אַנדער זינען אויך! אפשר האָסטו שוין פריינט און נאָך דער אמתער און געזונטער אַרבעט זוכסטו פאַר־ווײַלונג? אפשר!...

פון מענטשן אַנטלויפט געווייינטלעך אַזאַ איינער, וואָס וואָלט וועלן אַנט־לויפן פון זיך אַליין אויך. ווער עס איז נישט צופרידן פון זיך אַליין און פון זיין פירונג, פילט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו האָבן צו טאָן מיט מענטשן און צו זוכן ביי עמעצן הילף, פרייד, פאַרוויילונג, ווייל פאַר די אַלע מתנות קען ער קיין זאַך ניט געבן אַנטקעגן; אַ פאַרטרויערטער מענטש קען קיינעם נישט פריילעך מאַכן; אַ מענטש, וואָס איז נישט קיין באַלעבאָס איבער זיין אייגענעם ווילן, איז נישט בכוח צו געבן יענעם קיין טרייסט און קיין אויפמונטערונג...

דאָס אַלץ וועט נישט זיין, אויב דו וועסט נאָכן אויספּילן אַלע דיינע פליכטן דערשפּירן אַן אמתע באַפרידיקטקייט, דו וועסט צוריקגעווינען די אייגענע ווערדע ביי זיך אַליין — איז אויב דו קומסט דעמאָלט אין אַ געזעל־שאַפט, וועסטו קיין זאַך נישט נעמען אומזיסט, קיין נדבה נישט, דו ברענגט אַריין פרייד, הילף, זיכערקייט, מאָראַלישע ווערדע — ביסטע אַ מענטש און דו גייסט צו מענטשן. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

די זאַכן וואָס דו בעטסט, וועט מען דיר אַרויסשיקן ערשט די אַנדערע וואָך.

— —

דו שרייבסט, אַז איך האָב ביי אַלעמען אויסגענומען. ווייסט פאַר וואָס? דערפאַר ווייל כ׳האָב זיך ערלעך באַמיט, כ׳האָב אַלעמען אַנטקעגנגעטראָגן מיין האַרץ אָפּענערהייט, פאַר יעדערן האָב איך געהאַט אַ האַרציקן וואונטש, דאַנקבאַרקייט; אַלעמען האָב איך ליב געקראָגן און דערפאַר האָב איך געקענט אויסנעמען ביי מענטשן, כאָטש איך בין אומעטום געווען איך — אָדער דווקא דערפאַר. שפּיל נישט קיין ראָלע פון אַ „דזיקאַן”, זיי דאָס וואָס דו ביסט, זיי אויפריכטיק, זיי דאַנקבאַר גוטע מענטשן, זיי אָפנהאַרציק; האָב אַן אייגענע מיינונג און דרך־ארץ פאַר יענעמס אויפריכטיקער מיינונג; האָב ליב דעם אמת, זיי מוחל פעלערן און פאַרפאַלג פאַלשקייט, צביעות... און אַלע אין פלאַצק וועלן דיך ליב האָבן, בפרט דער שיינער מין, וואָס דו בענקסט בסוד אויסצונעמען ביי אים.

זיי געזונט, אויפריכטיק; אַרבעט, וועסטו זיין גליקלעך און דו וועסט באַגליקן דיין פאָטער.

דיין
ל. פרץ.

די מומע און די איבעריקע וועלן דיר אָנשרייבן.

71

צום זון, לוציאַן

(פון פויליש)

טייערער זון!

אַזוי ווי איך בין זיכער, אַז דאָס אָפּריכטן די יום־טובדיקע שמחה קען דיר ברענגען אַ גרויסן נוצן, און אַזוי ווי איך האָף, אַז דו וועסט נישט פטרן קיין צייט, בין איך מיט אַ שווער האַרץ מסכים, אַז דו זאָלסט נישט קומען צו פאָרן. וואָס זאָל מען טאָן? דיינע ראיות זיינען חוץ זייער לאָגישקייט געשטיצט מיט דער עצה פון דער גוטער און איידעלער פרוי אַלטבערג...

דריי טעג ווי איך האַלט ביי זיך דיין לעצטן בריוו, דריי טעג האָב איך זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, ביז איך האָב מיך דיר לסוף אונטערגעגעבן.

געדענק אָבער, אַז אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער קרבן איז אַרויס־געוואָרפן, וועל איך האָבן אַ ביטער האַרץ אויף דיר.

— —

דו פרעגסט וועגן לעקציעס, ענטפער איך דיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל: פרעג הער פּאַפּירנאָן, הער אַלטבערגן און טו לויט זייער אָנווייז. זיי זיינען נאָענט, זיי קענען גיכער און בעסער אָפּשאַצן דיינע פּלענער און אַלץ, וואָס זיי וועלן אַפּראָבירן, וועט זיין גוט און נוציק.

צו די אַלטבערגס, פּאַפּירנאָ א״אַ וועל איך אָנשרייבן באַזונדער; אין דעם מאָמענט קען איך דאָס נישט טאָן צוליבן מאַנגל אין צייט.

בעט ה׳ אַלטבערגן, ער זאָל אַזוי גוט זיין און איינאָרדענען אין מאַטעריעלן זינען אויף מיין חשבון דיין פאַרברענגען די יום־טובים אין פּלאָצק.

די מומע וועט צושרייבן אינעם צווייטן בריוו.

דיין פאָטער וואָס ליבט דיך

לעאָן.

72

צו משה אַטלבערג

[די צוויי בריוו פון י. ל. פרץ צו זיין קוזין און יוגנט-פריינט מ. אַלטבערג זיינען געשריבן אין די יאָרן 1888-1887. מ. אַלטבערג האָט מיט זיין פאַמיליע געוואוינט אין פלאָצק, וואו עס האָט איין צייט זיך אויפגעהאַלטן פרצעס זון, לוציאַן, און באַזוכט די פלאָצקער גימנאַזיע. פרץ האָט צו די אַלטבערגס געשריבן פיל בריוו, אָבער זיי זיינען פאַר-ניכטעט געוואָרן, צוליב די פּאָליציייאישע רעוויזיעס אין הויז פון די מ. אַלטבערגס, וואָס איז געווען אַ צענטער פון דער ראַדיקאַלער און רעוואָ-לוציאָנערער יידישער און פוילישער יוגנט. דאָ האָבן מיר פון פרצן גופא די באַשרייבונג פון דער טרויעריקער געשיכטע, ווי מ'האָט ביי פרצן צו-גענומען דאָס רעכט צו באַשעפטיקן זיך מיט אַדוואָקאַטור. וועגן דער געשיכטע זיינען פאַרשפּרייט פאַרשיידענע וואַריאַנטן.

די צוויי בריוו זיינען איבערגעזעצט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך יצחק בערנשטיין אין „וואָכנשריפט" (וואַרשע, 1933, נ' 14). די איבערזעצונג איז ערטערווייז דורך מיר אויסגעבעסערט.]

(פון העברייאיש)

מיין פריינט!

אַ לאַנגע צייט האָב איך צו דיר נישט געשריבן און אויך קיין געלט נישט געשיקט. איצט שרייב איך, אָבער קיין געלט שיק איך נאָך אַלץ נישט. זייט אַ לענגערע צייט בין איך זייער אומרואיק. איך האָב געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף מיט מיינע נישט-פאַרגינער, וואָס האָבן מיך געמסרט פאַר דער מאַכט, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט. דו לאַכסט? פונדעסטוועגן האָב איך זיך זייער געשראָקן. דער קאַמף אַליין איז געווען אַ שווערער, און דערצו האָב איך געפירט די מלחמה בסוד גדול, די זאַך זאָל קיינעם נישט ווערן באַוואוסט. מיינע עלטערן, מיין פרוי און מיינע באַקאַנטע האָבן פון גאָרנישט ניט געוואוסט, און איך אַליין האָב פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן, וויסנדיק, אַז די סכנה איז גרויס. איצטער, געלויבט איז גאָט, האָט זיך דער קאַמף פאַרענדיקט און, געלויבט דער אויבערשטער, איך בין געפאַלן אין שלאַכט. איך האָב נישט געקאָנט קלאָר אויפווייזן, אַז איך בין נישט קיין סאָציאַליסט, און נישט קיין שונא פון דער רעגירונג און נישט קיין פיינט פון דער פּראַוואָ-סלאַוויע און אַז איך נעם נישט צום פאַרטיידיקן קיין משפטים פון די רעוואָלוציאָנער-געשטימטע אוניטן. — איך האָב עס נישט געקאָנט דערווייזן, און נעכטן איז געקומען אַ באַפעל פון מיניסטער, אַז עס זאָל מיר פאַרבאָטן ווערן אַרויסצוטרעטן אין געריכט צו פאַרטיידיקן אַנדערע, און אַזוי־אַרום

איז געבראָכן געוואָרן מיין פרנסה, מיין גאַנצער לעבנס־אָנלען אין איין אויגנבליק.

איצטער ווייסטו פאַרשטיין, וואָס עס שטייט מיר פאָר.

וואָס איז דאָ צו טאָן? איך ווייס נישט. טייל ראָטן מיר צו פאָרן קיין פעטערבורג, טייל עצהנען צו עפּענען עפּעס אַ געשעפט. אַנדערע גיבן אָן עצה צו זוכן וועלכן עס איז פּאָסטן, אָבער קיינער ווייזט מיר נישטאָ אָן — וואו מען נעמט געלט אויף דער רייזע אָדער אויף אַ געשעפט, און קיינער ווייס נישט אויך וועגן אַ פּאָסטן פאַר מיר. נעכטן אַ גאַנצן טאָג האָב איך געפירט מיט זיך אַליין אַ קאַמף, צי איך זאָל צו דיר שרייבן אָדער נישט. איצט שרייב איך דיר, אָבער איך בין זיך מודה און שעם זיך דיר צו דערציילן, אַז מיין פאַרשטאַנד האָט מיך פאַרלאָזט. דער „מיטאַמאָל" האָט מיך צעטומלט. דער אייליקער און ביטערער פּסק־דין איידער מ׳האָט מיך אויסגעפאָרשט, כדי איך זאָל זיך קאָנען גערעכטפערטיקן, איידער מ׳האָט אָנגעפרעגט ביים פאָרזיצער פון היגן געריכט, וועלכער באַגערט מיטן גאַנצן האַרצן מיך אַרויס־צוראַטעווען פון דער נעץ, איידער מ׳האָט אָנגעפרעגט ביי דער אָרטיקער מאַכט, וועלכע האָט נישט געקאָנט זאָגן וועגן מיר קיין שלעכטס, באמת בין איך ריין פון יעדער זינד, — דאָס אַלץ איז געווען פאַר מיר ווי אַ קלאַפּ מיט אַן אייזן. —

באַוויז דעם דאָזיקן בריוו דעם הער פּאַפּירנאָ * און פאַרזיכער אים, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועל איך אים אָפּשיקן זיין געלט. איך האָב דערויף אַ מקור, די דאָזיקע סומע איז מיר שולדיק אַשכנזי, אָבער ער איז איצט אין וואַרשע, און אויב ער האָט — וועט ער באַצאָלן, וועל איך פּאַפּירנאָן צושיקן.

איך קאָן איצט נישט שרייבן צו מיין זון. קיינמאָל איז מיר נישט געווען אַזוי שווער אויפן האַרצן — פאַרשטיי עס. און ווייס, אַז פון היינט אָן און ווייטער איז יעדער גראָשן פון מיין טייסטער — אַ צדקה־גראָשן. זאָל ער זיך באַמיען זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס. איך האָף, אַז אין עטלעכע טעג וועל איך דיר צושיקן פאַר ה׳ פּאַפּירנאָ און פאַר דעם לערער פון אַלטע שפּראַכן. איך האָף, אַז מיין זון וועט נישט פאַראיבל האָבן אויף מיר, וואָס איך שרייב אים נישט איצט. זאָל ער צו מיר שרייבן. איך האָף אויך, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער אָנהייבן זיין אַרבעט פונדאַסניי. זאָג אים דאָס.

נו, האָבן זיי מיך, הייסט עס, געמאַכט פאַר אַ סאָציאַליסט. כאָטש איך האָב נאָך נישט פון מיין מויל אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט און האָב נאָך נישט אָנגעשריבן קיין וואָרט אַקעגן דער אָרדענונג פון דער וועלט. און אַזוי אַרום האָט מען מיך איינגעשלונגען ווי אַן ערשט־רייף־געוואָרענע פרוכט אָנהויב

* א. י. פּאַפּירנאָ — לוציאַן האָט דאַן געוואוינט ביי פּאַפּירנאָן אין הויז.

זומער. גלויב מיר, איך בין מיך נישט מייאש — איך ווייס, עס זיינען פאַר מיר נאָך נישט פאַרשלאָסן געוואָרן אַלע טויערן. — פונדעסטוועגן וועל איך דיר באַכאַמאַל זאָגן: די אומגערעכטיקייט, די בייזוויליקייט האָבן מיך צע־טומלט. עס וועט אַריבער אַ צייט, און דו וועסט ב״ה דערהאַלטן פון מיר בעסערע ידיעות.

איך שרייב צו דיר העברייאיש, כדי מיין בריוו זאָל נישט דערגיין צו־ערשט צו דיין פרוי, וואָרים זי איז אַ וואוילע און גוטהאַרציקע פרוי, און די אומגערעכטיקייט וועט אויף איר שלעכט ווירקן.

אפשר וייסטו וועגן עפּעס אַ פּאָסטן פאַר מיר? דו קאָנסט דאָך מיינע מעלות און מיינע חסרונות, די חסרונות וואָס שטייגן איבער מיינע מעלות, און פונדעסטוועגן ווייסטו אויך אַז איך האָב פייאיקייטן און קאָן אַרבעטן אויך אויף אַן אַנדער געביט.

ווען נישט די צעבראָכנקייט פון מיין פרוי, ווען נישט דאָס געוויין, וואָס זי פאַרבאָרגט פון מיר און וואָס פאַרפינצטערט דאָס ליכט פון איר פּנים, וואָלט איך לייכטער איבערגעטראָגן דעם אומגליק. אָבער איר פּנים לאָזט מיך נישט אַפילו צו טראַכטן עפּעס אַנדערש, — איך בין מקצר.

זיי געזונט — אויב עס איז דאָ פאַר מיר עפּעס אַ פּאָסטן, גיב מיר צו וויסן. נאָך אַמאָל, איך בעט דיך פאַרזיכערן דעם ה׳ פּאַפּירנאַ, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער באַקומען וואָס ס׳קומט אים. זעץ איבער מיין בריוו פאַר מיין זון. —

איך האָב אייך אַלע ליב און איר זיינט מיר טייער.

י. ל. פּרץ.

73

צו משה אַלטבערג

(פון העברייאיש)

מיין ברודער משה!

איך בין זיכער, אַז דו ביסט נישט אין כעס אויף מיר, וואָס איך האָב צו דיר היינט נישט געשריבן. מיין נישט, אַז איך געהער צו די מענטשן, וואָס ווייסן נישט ווי אָפּצודאַנקען פאַר אַ טובה. איך האָב נישט געשריבן, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין בייס דיר צו וויסן צו געבן, און סתם דאַנקען דיר האָב איך נישט געוואָלט, וואָרים דו ביסט דאָך אויסן נישט מיין דאַנק, נאָר מיין פרידן און גליק.

י. ל. פרץ אין די 90ער יאָרן

איך בין געווען עטלעכע טעג אין ווארשע און זיך אומגעקערט אהיים נאך דעם, ווי איך האב געפטרט א פאר רובל און דאס גאר. איך האב ניט געוואלט פארן, איך גלויב נישט, אז עס איז דא נאך עפעס א האפענונג, איך באטראכט יעדע האפענונג פאר א בייזע קרענק, פאר אן אומזיסט פארלירן צייט.

אבער אלע האבן מיך שטארק איינגערעדט, באזונדערס מיין ברודער יוסף. איך האב זיך אין ווארשע גארנישט דערוואוסט. וואו איך בין געווען, האט מען מיר געענטפערט, אז זיי וויסן גארנישט. צי האבן זיי זיך בלויז אזוי געמאכט, אדער אפשר איז די מסירה ווירקלעך נישט געגאנגען דורך ווארשע. איך בין צוריקגעקומען אהיים, און אויך דא האב איך גארנישט ניט געקאנט דערגיין. דער זשאנדארם האט פארזיכערט, אז נישט ער איז קעגן מיר, נאר דער פראקוראר. און דער לעצטער האט געשוואוירן, אז ער האט וועגן מיר קיין איין ווארט נישט געשריבן. און דעריבער פארשטיי איך נישט פון וואנעט עס קומט און איך וויס נישט, ווער עס האט מיך געמסרט.

איך גרייט זיך איצט ווידעראמאל אין וועג. מיין ברודער יוסף לאזט מיך נישט רוען. ער וויל, איך זאל פארן קיין פעטערבורג און זיך באמיען ביי די, וואס האבן די מאכט און די מעגלעכקייט. איך קען אים נישט אפזאגן, כאטש איך וויס, אז די מאכט איז בלויז אויף צו טאן שלעכטס און נישט אויף גוטס.

איך שרייב צו דיר ווידער אין העברייאיש. א וואונדערלעכע זאך — פון דעם ביטערן און בייזן טאג אן זיינען מיר דערווידער געווארן די פרעמדע שפראכן. און כאטש איך זינדיק דערמיט קעגן דיין גוטער און איידעלער פרוי, קאן איך נישט שרייבן צו דיר אין פויליש. א נייע איבערוואנדלונג איז געשען מיט מיר — צי עס איז אויף לאנגע יאר, — וויס איך נישט.

פארענטפער מיר דאס רעטעניש — פארוואס לוציאן שרייבט מיר גאר־נישט. האט מען אויך אים געמסרט אויף מיר? שרייב מיר, כ׳בעט דיך, וואס איז מיט אים געשען?

נעכטן אדער אייערנעכטן איז צו מיר געקומען דער געהילף־סעקרעטאר פון „סיעזד״ (קרייז־געריכט) אנצופרעגן אין נאמען פון פארזיצער, צי עס איז מיר גארנישט באוואוסט ביז איצט און צי האב איך א האפענונג און אזוי ווייטער. אבער צו טאן עפעס פאר מיר האט ער מורא. ער האט מיר געזאגט, אז ער שרעקט זיך פארן מיניסטער, אבער איך וויס, אז ער שעמט זיך איינ־צושטעלן זיך פאר א יידן. אזוי האבן מיר געזאגט פיל באגלויבטע מענטשן אין ווארשע! וואס זאלן מיר טאן, אז אין דער איצטיקער צייט איז געווארן א חרפה און שאנד איינצושטעלן זיך פאר א יידן.

אין א באזונדערן בריוו בעט איך ביי אונדזער פריינט ה׳ פאפירנא, ער זאל מיר צושיקן די רעקאמענדאציע־בריוו, וואס ער האט מיר צוגעזאגט. זיי

אַזוי גוט און נעם זיי ביי אים און שיק זיי מיר איבער. צו וואָס זאָל ער נאָך אויסגעבן אויף מאַרקעס פון זיין קעשענע? צו דיין פרוי שרייב איך נישט באַזונדער. איך ווייס, אַז אַלץ וואָס קומט איצט אַרויס פון מיין מויל — איז ביטער, אויף אַלץ וואָס איך שרייב איצט — איז אויסגעגאָסן אַ מרה־שחורה, וואָרים מיינע גייסטיקע כוחות האָבן מיך פאַרלאָזט, און איך בין אַ דער־דריקטער...

ווי מיינסטו, אַז איך באַגרייף נישט, דאָס מיין זאָרג און מיין אָפּהענטיקייט זיינען נאַריש און זינלאָז? איך קוק אויף זיך אַליין און איך וואונדער זיך און ווער דערשטוינט. איך גיב זיך אַליין איבער דעם געריכט פון מיין שכל, איך אַליין טראָג אַרויס דעם אורטייל איבער זיך — צו שטראָף און נישט צו גנאָד, און דאָך!

באמת, איך האָב זיך איצט איבערצייגט און איך ווייס, אַז מיין פאַרשטאַנד איז נאָר דאָס ליכט, וואָס באַלייכט מיינע טואונגען און מחשבות, אָבער נישט זייער סיבה. אַלע מיינע טאַטן און געדאַנקען זיינען פּראָדוקטן פון געפיל, דער שכל שטייט פון דער וויטנס. ער זעט, קריטיקירט און אורטיילט, אָבער ער האָט נישט קיין מעגלעכקייט צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס, צו וואַרפן אַ שפּילקע אויף דער ערד אָדער זי אויפצוהייבן, זי צו דערנענטערן אָדער דערווייטערן. איך פאַרמאָג בלויז טעמפּעראַמענט, אָבער נישט קיין ווילן. די רעדער פון טאַט זיינען פעסט צוגעבונדן צו דער מאַשין פון געפיל, צום האַרץ, ווי מ׳האָט אַמאָל געזאָגט. פון האַרץ צום מוח גייען פעדעם, צוריק אָבער גייען זיי נישט. מיט דער צייט קומט צום מוח דער באַוואוסטזיין וועגן געפיל און זיין טעטיקייט, אָבער פון דאָרט קומט נישט אַראָפּ קיין באַפעל, עס גייט נישט אַרויס קיין לערע, נאָר עס ווערט געשאַפן אַ קריטיק, וואָס איז ביטער פאַר מיין גומען.

דעריבער זאָגט מען אויף מיר, און מיט רעכט, אַז איך האָב נישט קיין כאַראַקטער, וואָרים דער כאַראַקטער פון אַ מענטש איז אַ צונויפמיש פון טעמפּעראַמענט און ווילן.

איצט, צום ביישפּיל, זאָגט מיר מיין שכל, אַז עס איז נישט רעכטפאַרטיק אין זיינע אויגן דאָס, וואָס איך טו איצט. וואָרים בלויז אויס אייגנליבע קלאָג איך זיך פאַר דיר, און אומזיסט פאַרשאַף איך דיר יסורים — און דאָך שרייב איך און איך שיק דיר דעם דאָזיקן בריוו.

איך ווייס נישט וואָס איך זאָל שרייבן לוציאַנען. איך קאָן אים לחלוטין נישט פאַרשטיין. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל באַקומען פון אים אַ בריוו. איך האָב געוואַרט אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און די פראַגע, פאַר וואָס ער שרייבט מיר נישט, לאָזט מיך נישט רוען. איך האָב מורא קומען צום

באַשלוס, איך האָב מורא טאָמער וועל איך קומען צו אַ שלעכטן אויספיר, און דאַן...

זיי אַזוי גוט און שיק מיר דעם חשבון פון דעם געלט, וואָס דו האָסט אויסגעגעבן אויף מיר. איך פאַרלאַנג פון דיר, און ווי מיר דוכט, האָב איך רעכט צו פאַרלאַנגען פון דיר אַ ריכטיקן חשבון. פאַר דעם, וואָס דו גיסט קעסט לוציאַנען, וועל איך דיר באַצאָלן מיט עסן און טרינקען, אַז איך וועל זיין ביי דיר, אָבער קיין געלט וויל איך נישט, דו זאָלסט אויף אים אויסגעבן. אמת, מיין טאַש איז איצט פוסט, אָבער אַ הונדערטער ווייניקער צי מער, וואָס קען עס צוגעבן אָדער פאַרמינערן? לויט מיין חשבון (!!) בין איך דיר שולדיק 75 רובל פאַר דעם פערטל יאָר און אויך פאַר די לעקציעס, וואָס לוציאַן נעמט ביים לערער פון לאַטיין. וויפיל איז עס? גלויב מיר, אַז אויב איך וועל נישט באַקומען קיין גענויעם חשבון, וועל איך אַריינפאַלן אין אַן אמתער מרה־שחורה.

ווידעראַמאָל — פסיכאָלאָגיע:

אַלע, וואָס געפינען זיך אַרום מיר, זיינען מיינע ליבהאָבער און געליבטע. אין זייער אָנוועזנהייט מוז איך מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך בין טעטיק, אָדער יעדנפאַלס מוז איך רעדן ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט פאַרלוירן. וואָס איז זיכער, אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אָדער מיט אַ צען טעג שפּעטער וועט ער קריגן עפּעס אַ געשעפט און וועט זיין בכוח אָנצוהויבן אַ ניי לעבן א. אַז. וו. און דעריבער איז מיין שוואַכקייט, מיין זאָרג און דער גאַנצער צונויפמיש פון טרויער פאַרבאַהאַלטן טיף אין מיר, און דערפאַר, ווען איך שרייב העברייאיש, וואָס מיין פרוי פאַרשטייט נישט, בין איך ווי אַ קוואַל, וואָס קוועלט מיט בלאָטע און אומריינקייט, און דערפון נעמט זיך, וואָס מיינע בריוו צו דיר און צו יעדן וועמען איך שרייב — זיינען אַזוי פוסט.

איך פאַרשטיי פאַרוואָס איך שרייב צו דיר העברייאיש, אָבער איך קאָן נישט באַגרייפן, פאַרוואָס איך דערלויב זיך צו שרייבן דיר אַזעלכע שווערע בריוו.

די זאַך חזרט זיך איבער...

איך האָב דיר געהאָט צוגעזאָגט אָפּצוצאָלן ווען איך וועל זיין ביי דיר. מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז איך פאַר קיין פעטערבורג אומזיסט, אַז איך וועל צוריקקומען פון דאָרטן אין אַ פיל־ערגערן צושטאַנד, און דעריבער וועל איך נישט קאָנען פאָרן גלייך אַהיים. וועל איך פון וואַרשע אַראָפּפאָרן צו דיר און צו מיין זון, וואָס שרייבט מיר גאָרנישט. און נישט וואָס איך וועל פאַרלירן צייט און געלט אַרט מיך און עס ווירקט אויף מיר אַזוי שלעכט, נאָר דאָס וואוינען אין דער הויפּט־שטאָט בכלל און דאָס זיין אַ געוויסע צייט אַ רויב

פאַר יעגער־הינט,* די מורא אַרויסגעשיקט צו ווערן, דאָס פילן בפּועל ממש...

אין וואַרשע בין איך צוויי מאָל געווען ביי דיין שוואָגער.** וואָס איז געשען מיט דער פלינקער סאַרנע, דער לעבנסלוסטיקער און פריידיקער, דעם פלאַמ־פייער? פאַרוואָס איז פון איר אַ תל געוואָרן? פאַרוואָס? ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן, האָב איך געטראַכט, אַז אָט־אָט און איך וועל דערהערן איר געלעכטער, איר געזאַנג, אָבער אַז איך בין צוגעקומען צו דער טיר און גאָרנישט ניט געהערט, בין איך געווען זיכער, אַז קיינער איז אין שטוב נישטאָ. איך האָב אָנגערירט דעם גלאָק אָן ווילן... עס האָט זיך אויפ־געעפנט די טיר, איך בין אַריין אין שטוב און אָט וואָס —

שאַ, שטיל. איך האָב נישט געגלויבט, אַז איך בין דאָרטן אין הויז, און דאָך בין איך דאָ אין דער שטוב...

זאָג דיין פרוי, אַז איך בין פיל מיט דאַנק צו איר, און אַז איך וועל צוריק באַרואיקט ווערן און איך וועל נאָך קאָנען שרייבן און נישט גיסן קיין גיפט, וועל איך איר שרייבן אויף פויליש. זאָג איר, אַז זי איז אין מיינע אויגן אַ געטלעכער מלאך...

און אַז דו וועסט מיר זאָגן, אַז איך בין אַ משוגענער, וועל איך עס מודה זיין.

דיין ליבנדער

י. ל. פרץ.

מיין פרוי גריסט אייך. זי שרייבט איך צו שוין דעם צווייטן חודש און שרייבט נאָך אַלץ נישט.

---

* דאָס מיינט מורא האָבן פאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן ווי אָן אַ „פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ"...

** ד"ר מינץ, וואָס זיין פרוי איז די שוועסטער פון פרוי אַלטבערג.



שלום-עליכם (אין יאָר 1888)

74

צו שלום-עליכם

[די בריוו פון פּרצן צו שלום-עליכם געהערן צו דער צייט, ווען פּרץ האָט געוואוינט אין זאַמאָשטש, אָפּגעריסן פון וואָסער ס'איז געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער סביבה. פּרץ איז שוין דאַן אַלט געווען אַ 36—38 יאָר, ער האָט מיט יאָרן אַפריער פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע העברייִשע אויסגאַבעס לידער, פּאָעמעס און דערציילונגען. ער איז אָבער געווען ווייט פון דעם דעמאָלסטיקן ליטעראַרישן צענטער, וואַרשע, און געפירט אַן אָפּגעזונדערטן לעבן פון אַ פּייאיקן פּריוואַט-אַדוואָקאַט און אָרטיקן, קליינשטעטלדיקן משכיל. אין יענער צייט האָט מען, לויט אַ מסירה, ביי אים צוגענומען די רעכט צו פּראַקטיצירן ווי אַן אַדוואָקאַט. אינגאַנצן אַ פאַרצווייפלטער, נעמט ער זיך צו שאַפן. עס טרעט פאַר אונדז אַרויס אין די בריוו פּרצעס גייסט, כאַראַקטער און וועלט-באַנעם. אין דער צייט, ווען אָט די בריוו זיינען געשריבן, אין 1888, האָט פּרץ פאַרעפנטלעכט די פּאָעמע „מאָניש", — זיין ערשטע זאַך אין יידיש. דערנאָך קומען גלייך „דער בעלמער מלמד", „ווענוס און שולמית", „דער משוגענער בטלן", — אַלץ זאַכן, וואָס באַווייזן, אַז מיר האָבן שוין צו טאָן מיט אַ רייפן, אָריגינעלן קינסטלער-מייסטער און מיט די ספּעציפישע פּרצישע אייגנשאַפטן. די אָריגינאַלן פון די בריוו געפינען זיך ביי דער שלום-עליכם פאַמיליע. י. ד. בערקאָוויטש איז אָזוי פריינטלעך געווען

אַפּצושרייבן פון די בריוו געגנויץ קאָפּיעס און אין אייניקע ערטער אויך צוגעבן דערקלערונגען. די יידישע איבערזעצונג פון די העברייאישע בריוו איז געמאַכט געוואָרן דורך אונדז ווי ווייט מעגלעך אַ ווערטערלעכע. די בריוו זיינען געשיקט געוואָרן דורך פּרצן קיין קיעוו, וואו שלום-עליכם האָט דאַן געוואוינט און זיך פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן די יאָרביכער „די יודישע ביבליאָטעק". שלום-עליכם, ייִנגער פון י. ל. פּרץ אויף אַ 8-9 יאָר, איז געווען באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. אַ יונגערמאַן פון אַ 28 יאָר, פאַרמעסט ער זיך אַרויסצוגעבן גרויסע זאַמל-ביכער און פאַרבעט אַלע אָנגעזעענע העברייאישע און רוסיש-יידישע שרייבער, ווי אויך עלטערע און ייִנגערע יידישע שרייבער. שלום-עליכם האָט זיך געשטעלט גאָר גרויסע אויפגאַבן מיט זיין „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק", — צום ערשטן מאָל אויפגעזאַמלט אונטער איין דאַך די פאַרשיידנאַרטיקע יידישע שרייבער. פּרץ טרעט אַרויס אין די בריוו גאָר אַן נייער, לחלוטין אַן אַנדערער, ווי ער איז אונדז באַקאַנט פון די פריערדיקע בריוו.]

(פון העברייאיש)

טייערער הער!

צוריק מיט עטלעכע טעג האָב איך באַקומען פון איינעם פון מיינע האַרציקע פריינט, פון ה' עפּשטיין,* אַ קורצן אָפענעם בריוו, אָן אַ דאַטע, וואו עס שטייט געשריבן:

„דאָ ** געפינט זיך איינער אַ באַרימטער זשאַרגאָנישער שרייבער, וועלכער גרייט זיך אַרויסצוגעבן איבגיכן אין דער היגער דרוקעריי אַ יאָרבוך אין זשאַרגאָן. זיי אַזוי גוט און שיק אים צו דיינע לידער און אַרטיקלען, און אויב זיי וועלן אים געפעלן ווערן א. אַז. וו.

„דער אַרויסגעבער איז דער באַוואוסטער שרייבער מיטן נאָמען „שלום עליכם" א. אַז. וו."

אויפקלייבן עטלעכע מאמרים און לידער איז אַ לייכטע זאַך, און דאָך האָבן פיל מחשבות אָפּגעהאַלטן מיך צו דערפילן דעם וואונטש פונעם דער־מאָנטן פריינט.

ערשטנס, בין איך זיכער, אַז מיינע שירים און מאמרים וועלן אייך נישט געפעלן ווערן פונעם שטאַנדפּונקט („מנקדת הראות" אָדער ווי אַנדערע ווילן: „ממלא העין") פון פאָרם: די אומגאַנגס־שפּראַך ביי אונדז און ביי אייך איז פאַרשיידן. אונדזער אומגאַנגס־שפּראַך באַרגט באַגריפן־אויסדרוקן ביי דער

* לויט י. ד. בערקאָוויטש, זאָל עפּשטיין זיין אַן אָנגעשטעלטער איז יעקב שעפּטעלס דרוקעריי אין באַרדיטשעוו, וואו ש"ע האָט געדרוקט זיין „די יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק". גיכער איז עס פּרצעס אַ פריינט פון זאַמאָשטש.

** אין באַרדיטשעוו.

פוילישער שפּראַך, און ביי אייך — פון דער רוסישער. און נאָך: ווייל ביי אונדז זיינען דאָ מער אויסדרוקן פון דער דייטשער שפּראַך.

צווייטנס, איך ווייס די אַרבעט פון מיין האַר: זיין ווילן און שטרעבן איז (אויף וויפיל איך האָב געקענט פאַרשטיין) צו שרייבן צוליבן עולם, וואָס רעדט זשאַרגאָן פון זשאַרגאָנען־לאַנד, איך אָבער שרייב צוליב זיך, צוליב מיין הנאה־וועגן, און אויב איך דערמאָן מיך אַמאָל אָן דעם לעזער, איז ער פון אַ העכערער מדרגה פון דער געזעלשאַפט, עס איז דער מענטש, וואָס האָט געלייענט און געלערנט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך.

דריטנס: פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די אָביעקטן גופא. איך קליידט אָן פרעמדע, נאַקעטע געדאַנקען פון אַן אויסערער וועלט און דער עיקר — פון דער רעאַלער וועלט, און איך, וואָס שרייב פון מיין הנאה־וועגן און לויט דער שטימונג, בעת איך האַלט די פעדער, נעם איך גלייכצייטיק פון פאַרשיידענע וועלטן.

און פערטנס, ווייל דאָס שרייבן אַליין איז ביי אונדז אַנדערש ווי ביי אייך, און ס׳וועט אייך שווער זיין צום לייענען. חוץ דעם האָב איך, ווי מיר דוכט, אַן אַנדער מאַניר צו שרייבן; עס אונטערשיידט זיך דערמיט, וואָס איך שרייב, ווי מען רעדט ביי אונדז און שלינג איין זילבן, וועלכע מ׳שלינגט דאָ איין בעתן רעדן. אָט דער חסרון (פאַר לייענער פון רוסלאַנד) ווערט נאָך שטאַרקער ביים שרייבן לידער, וואו די זילבן זיינען געציילטע. און ביי אַן אַנדער אויסשפּראַך און ביי אַן אַנדער אַקצענט פאַרלירט זיך דער קלאַנג און האַרמאָניע.

אָט די פיר מחשבות, וואָס האָבן מיך אָפּגעהאַלטן צו שיקן אייך, האָב איך אַוועקגעלייגט אויף איין וואָגשאָל, און אויף דער צווייטער — האָב איך אַוועקגעלייגט איין געדאַנק, וועלכער האָט זיי איבערגעוואויגן.

איך האַלט, אַז איצט איז די אַממערסטן פּאַסיקע צייט צו דערנעענטערן די הערצער און צו שאַפן אַ געמיינזאַם אָרט אין דער ליטעראַטור, וואו עס זאָלן קומען צום אויסדרוק די יידיש־פוילישע און יידיש־רוסישע אויסשפּראַכן; איצט איז די העכסטע צייט צו דערוועקן די הערצער פון יעדן איינעם צו פאַר־שטיין דעם ברודער, וואָס לעבט אין איין לאַגע און אין איין צייט מיט אים, נאָר אין אַן אַנדער אָרט.

דאָס אַלץ וואָס איז נוגע צו מיר.

און איר האָט דאָס רעכט צו דערנעענטערן, אָדער צו דערווייטערן.

אויב איר וועט דערנעענטערן — איז מיין דאַנק גרייט פאַר אייך, און אויב איר וועט דערווייטערן — איז מיין בקשה אומצוקערן מיר, וואָס איך שיק אייך.

איך בין איינער פון אייערע פאַרערער און שעצער פון אייער אַרבעט

ל. פּרץ.

75

צו שלום-עליכם

(פון העברייאיש)

טייערער הער!

1) אייער בריוו האָט מיך זייער דערפרייט, ווייל איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דער אונטערשייד צווישן די אויסשפּראַכן פון די פּוילישע און רוסישע יידן איז גאָרנישט אַזוי גרויס, אַז איינער קאָן פאַרשטיין דעם צווייטן, הגם איך לייקן נישט, אַז פון אָט דעם אונטערשייד ווענדט זיך אייער נעגאַטיווער אורטייל וועגן די איבעריקע לידער (אויסער די אָפּגעקליבענע). פאַראַן קליינע לידער, ווי „שקר אין לו רגלים", „נחמן דייטש", „דיא געבילדעטע משפחה" און אַנד., וואָס אויב זיי האָבן נישט צו טאָן ספּעציעל מיט יידן, אָבער זיי זיינען אָן אָפּשפּיגלונג פון פּלאָגן, וואָס זיינען דאָ ביי אַלע פעלקער און אויך ביי אונדז. ס'קאָן אויך זיין, אַז מיין אייגן-ליבע רעדט פון מיר אַרויס.

2) מיר איז אָנגענעם געווען די ידיעה, אַז אין אָט דער אונטערנעמונג פאַראייניקן זיך אייניקע „דאָקטוירים און סטודענטן"! ווי גרויס איז דער אונטערשייד צווישן די יידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד אין דער באַציאונג צו דער שפּראַכן-פראַגע! ביי אונדז וועט איר נישט געפינען קיין פעלדשער, אַפילו איינעם פון טויזנט, וואָס זאָל זיך נישט שעמען צו רעדן יידיש, און וואָס זאָל אויך אין דער איצטיקער שווערער צייט נישט מאַכן קיין געוואַלטן אויף דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס האָט זיך דערוועקט ביי די בעסערע און אינ-טעליגענטערע יידן. און אויב דער פעלדשער איז אַזוי, איז דאָך דער סטודענט, וואָס טרוימט פון פאַראייניקונג פון דער גאַנצער וועלט אינעם שויס פון דער גאָר נאָענטער צוקונפט — אַוודאי און אַוודאי.

3) אייערע מיטאַרבעטער, וואָס איר רעכנט אויס, קאָן איך גוט; אָבער זייט מיר מוחל, אויב איך וואָג אָנצואווייזן אויף דעם אַלטן גאָטלאָבער*! אָט דער אַלטער, וואָס די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט איז פול מיט אים. ער לעבט נישט פונעם פאַרדינטן, נאָר פון גמילת-חסדים. אָט דער מאַן האָט אַ לאַנגע און ברייטע צונג, אָבער אַ קורצן שכל... איך האָב קיינמאָל נישט זוכה געווען צו טרעפן ביי אים אַ נייעם געדאַנק, אַ נייעם אויסדרוק... ווי אין לשון-קודש אַזוי אויך אין יידיש (לויט מיין מיינונג, זיינען די דאָזיקע נעמען שטאַרק צוגעפּאַסט צו זייער פאַרשטעלונג אין מיין געדאַנק [?]).

4) פאַר דער ליבע און פריינטשאַפט-אויסדרוקן דאַנק איך אייך פון טיפן

---

* אברהם בער גאָטלאָבער (געבוירן 1811, געשטאָרבן 1899), באַוואוסטער העב-רייאיש-יידישער שריפטשטעלער, רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער פון „הבוקר אור".

האַרצן, און פאַר דער ליבע און פריינטשאַפט גופא — אַ דאַנק אָן ווערטער. איך שעם זיך אייך צו דערציילן, אַז אייך און אייערע ווערק קאָן איך נישט פון אייערע ביכער, נאָר פון זייער איבערזעצונג אין פּויליש.* מיר איז אַ בזיון אייך צו זאָגן, אַז ביי אונדז אין שטאָט איז נישטאָ קיין איין זשאַרגאָניש ביכל און קויפן דערלויבט מיר נישט די איצטיקע שלעכטע לאַגע, דעריבער ווי נאָר איך האָב דערהאַלטן אייערע ביכער, האָב דאָס רוב פון זיי, גלייך איינגעשלונגען. אייער משפט איבער שמ״רן ** (וואָס איך האָב אים נישט געקאָנט און נישט געלייענט) האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן אין פולן זין פון וואָרט, און דערנאָך האָב געקרעכצט: פאַרוואָס איז נישטאָ אַזאַ מין קריטיק אין העברייאיש, וואָס זאָל פאַרטרייבן דעם שטרוי און פּאַלאָווע פונעם שייער?

5) איך דערלויב אייך מיטן גאַנצן האַרצן צו ענדערן אין מיינע ווערק די אויסדרוקן, וואָס זיינען נישט פאַרשטענדלעך פאַר די ליטווישע און רוסישע, אָבער איך בעט אייך אַכטונג צו געבן אויף דער פערזן־מאָס, און אויב עס איז פאַר אייך נישט שווער, מיר געבן צו וויסן וועגן די ענדערונגען, ווייל דער מייסטער אַליין קאָן גיכער פאַרריכטן זיינע ווערק.

6) וועגן דעם ליד „דער דוכסל״ *** האָב איך קיינמאָל נישט געהערט, זאַמעט איז נישט זאַמאָשטש.

---

* פּרץ האָט דאָ פאַרביטן אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש ן (מענדעלע מוכר ספרים) מיט ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש (שלום-עליכם). ער האָט געלייענט אין פּויליש — די איבערזעצונגען פון אַבראַמאָוויטשעס „מסעות בנימין השלישי״ און „די קליאַטשע״, וואָס זיינען געמאַכט דורך דעם באַוואוסטן פּוילישן שרייבער קלעמענס יונאָשאַ, און זיינען דערשינען אין וואַרשע אין די יאָרן 1885 און 1886.

** געמיינט שלום-עליכמס ביכל „שמ״רס משפט״ (אַ קריטיק אויף שמ״רס ווערק).

*** י. ל. גאָרדאָן האָט דאַן אין אַ בריוו צו שלום-עליכמען פאָרגעלייגט אָפּ-צוזוכן אַ פאָלקס-באַלאַדע „דער דוכוסל״, וואָס איז געווען אַמאָל פּאָפּולער אין דער ליטע, און צו פאַרעפנטלעכן זי אין דער „יודישער פאָלקס-ביבליאָטהעק״. לויטן זכרון האָט י. ל. גאָרדאָן פאַרצייכנט אין זיין בריוו די ערשטע עטלעכע שורות פון „דעם דוכוסל״:

„אין אַ קליינשטעטל אין דער זאַמעט —
זאַמעט איז נאָך געווען פּוילן —
איז אַמאָל געווען אַ מלמד,
פּלעגט מען צו דערציילן:

צען גילדן האָט ער געהאַט אַ זמן,
אי דאָס נישט צו באַצאָלן,
מסתמא איז ער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן,
ווי איר קאָנט אייך גאַנץ לייכט מאָלן.

ער האָט געלעבט אין דחקות און אין נויט,
אַ טאָג אָן זאַלץ, אַ טאָג אָן ברויט...

שלום-עליכם האָט דאַן ביי איניקע אָנגעפרעגט מכוח דער באַלאַדע, און אויך ביי פּרצן. זע „שלום-עליכם-בוך״, ז׳ 184.

7) איך נעם אַראָפּ דעם שלייער פון מיין פּנים; איך בין איינער פון די צוויי „בעלי אספות", וואָס האָבן אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אַ בוך מיט פאַר־שיידענע שירים (איך האָב ביי זיך קיין איין ביכל נישט און געדענק נישט דאָס יאָר. דוכט מיר, אַז ס'איז דערשינען צוריק מיט אַ 15 יאָר). דער צווייטער איז געווען דער פאַרשטאָרבענער ליכטענפעלד.* אין דער זאַמלונג זיינען געווען מיינע לידער „חיי המשורר העברי"; „חנה" און נאָך אייניקע קליינע לידער.** אין „השחר" האָט מען זייער געלויבט די לידער ***; גאָרדאָן (דער קריטיקער פון „המגיד") האָט אויך אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, וואָס איז געווען פאַר מיר אַ לויב, נאָר דער בעל „הצפירה" (דאַן סלאָנימסקי אַליין), וואָס איז אין כעס געווען אויף ליכטענפעלדן פאַר דער קריטיק, און אויף מיר פאַר דעם קליינעם ליד „הכלב והירח", האָט ער געענטפערט צו אַן אויסגעטראַכטן פרעגער: „מיר וועלן נישט רעצענזירן דעם ספר „שירים שונים", ווייל עס איז אונטער יעדער קריטיק." אין „השחר" זיינען געדרוקט געווען אייניקע קליינע לידער.**** אין „הבוקר אור" ***** אַ ליד „נגניאל" און אַ ביסל פּראָזע (דער „הבוקר אור" איז דאַן דערשינען אין גאַליציע). אין „האסיף"

---

* דאָס בוך איז דערשינען נישט 15 יאָר צוריק, נאָר מיט 11 יאָר צוריק, אין תרל"ז—1877. דער ריכטיקער נאָמען: „ספּורים בשיר ושירים שונים" מאת שני בעלי אספות, וואַרשע, 158 קליינע זייטלעך.

** אין דעם ביכל גייען אַריין העברייאישע לידער געחתמעט פון פּלא"י ג"ל (דאָס מיינט גבריאל יהודה ליכטענפעלד — דער פאָטער פון פּרצעס ערשטער פרוי) און פון יל"פּ („בית שומם"—ספּור שומר היער; „העצל"—על שנת תרכ"ג; „חנה"—שיר ספּורי). אויף צוויי לידער („חיי משורר עברי", אין צוויי קאַפּיטלען, „השופט והמליץ") זיינען געחתמעט — ביידע פלא"י ג"ל און יל"פּ.

*** פּרץ סמאָלענסקין האָט אין „השחר" תרל"ט געשריבן, אַז „דער דערציילע־רישער שיר אין צוויי אָפּטיילן איז דאָס ווערק פון אַ טאַלאַנטפולן און אמתן משורר מיט אַלע פּרטים און געזעצן. ער וועט נישט פאַרשעמט ווערן פאַר די אַלע איבעריקע גוטע און שיינע לידער, וואָס זיינען אָנגעשריבן די לעצטע יאָרן אין העברייאיש. דער מחבר פון דעם דאָזיקן שיר האָט דאָס רעכט פאַררעכנט צו ווערן צווישן אַלע אמתע דיכטער, און זיי וועלן זיך מיט אים נישט שעמען, און די שפּראַך און אירע ליבהאָבער וועלן זיך פרייען מיט זיינע ווערק און וועלן אים בענטשן פון טיפן האַרצן."

**** אין „השחר" זיינען אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקע העברייאישע שירים פון י. ל. פּרץ: אין תרל"ה (1875) זיין שיר „השותפות"; אין תרל"ו — „חלוקת החכמות" און „לי אומרים".

***** אויסער דעם „נגניאל" („הבוקר אור" תרל"ו, חוברת א' און ב'), איז אין „הבוקר אור" (אין תרל"ז—1877) אָפּגעדרוקט געווען פּרצעס אַ פּראַכטפולע העברייאישע פּאָעמע „קידוש השם", ז"ז 173-175.

פאַריקן יאָר האָב איך געדרוקט „מנגינות הזמן", * „עיר קטנה" (צוויי לידער) און קליינע דערציילונגען. דאָס אַלץ איז נישט געפעלן דעם קריטיקער פון „וואָסכאָד". אין „היום" האָב איך געדרוקט אַ קליינע נאָוועלע „הקדיש"; אין „כנסת" ** אַ קליינעם שיר „עלמה עבריה"; אין „הצפירה" עפּעס אַ פעליעטאָן און אַ דערציילונג „הציץ ונפגע". צוליב אָט דער דערציילונג, וואָס די אַרויס־געבער האָבן קאַליע געמאַכט מיט צוגאָבן און מעקעכצן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די פּרומאַקעס, האָב איך אויפגעהערט צו שיקן צום דרוק. *** איך האָב צוגעגרייט צום דרוק אַ העברייאישן ספר „חלום החלזון ופתרונו", אָבער צוליב געלט־מאַנגל האָב איך אים נישט געדרוקט. — זשאַרגאָן האָב איך נאָך נישט געדרוקט און ביז אַהער פאַרברענט דאָס, וואָס איך האָב געשריבן.

8) איצט וועל איך מיר דערלויבן צו רעדן וועגן דער אַרבעט, וואָס מ'טוט בכלל פאַרן כלל. וואָס זאָגט איר וועגן די בעלי־טובות, וואָס אָנשטאָט ברויט, פלייש און וואַסער גיבן זיי דעם הונגעריקן נאַשערייען אָנצופילן דעם מאָגן און נישט מער? וואָס זאָגט איר וועגן די בעלי־טובות, וואָס גיבן אַ קאָסטבאַרן זיידן גאַרטעלע דעם נאַקעטן מענטשן, וועלכער האָט קיין שוך נישט פון קעלט און פרעסט? טוט מען אַ גנאָד, ווען מיר גיבן עפּעס אָן אילוזיע, וואָס פאַר־בלענדט די אויגן דעם, וועמען ס'פעלט אַ דירה? און אַזוי טוען מיר דאָך איצט שטענדיק. אָנשטאָט וויסן, וויסנשאַפט, וואָס זיינען ברויט, פלייש, וואַסער, קלייד און וואוינונג פאַר דעם מענטשנס נשמה, גיבן מיר איר בעלעטריסטישע נאַשערייען און אילוזיעס!... אונדזער גאַנצע אַרבעט איז גאָרנישט ווערט, ביז

---

* אין דער העברייאישער פּאָעמע „מנגינות הזמן" („האסיף 1886) זיינען, אגב, דאָ פּאָזיטיווע שורות וועגן יידיש. דער דיכטער שרייבט: „ברידער מיינע שרייבער, האָט נישט פאַראיבל, אויב די שפּראַך פון בערל און שמערל איז מיר ליב און איך רוף נישט אָן מיט פאַראַכטונג זייער שפּראַך — אַ שטאַמלער־שפּראַך. פון זייער מויל הער איך די שפּראַך פון מיין פאָלק... די שפּראַך פון גלות־יידן, די פאַר־טריבענע, די שפּראַך, וואָס איז אַן אייביקער עדות אויף דעם פאַרגאָסענעם בלוט, אויף די רציחות, גזלות און חורבנות, וואָס מ'איז מיט אונדז באַגאַנגען אין די אַלע וואָגלענישן פון לאַנד צו לאַנד. אין דער שפּראַך ליגט באַהאַלטן דער געוויין פון אונדזערע עלטערן, דער ווײ־געשריי פון פיל דורות, דער גיפט און די פאַר־ביטערטקייט פון דער געשיכטע. דאָס זיינען טייערסטע דימענטן, — די יידישע טרערן, וואָס, נישט אויסגעטריקנט, זיינען זוי פאַרגליווערט געוואָרן."

** „כנסת ישראל" פון ש. פּ. ראַבינאָוויטש (תרמ"ז—1877), — דאָס ליד „לעלמת העבריה והיא מתנכרה" (צו דעם יידישן מיידל, וואָס דערווייטערט זיך פון יידן).

*** דער „הציץ ונפגע" איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן אין „הצפירה" 1886, נומ' 170. ערשט אין נומ' 193 האָט די דערציילונג ווידער זיך אָנגעהויבן צו דרוקן מיט אַ צושריפט פון דער רעדאַקציע, אַז „צוליב עפּעס אַ סיבה האָט זיך דער המשך פון דער דערציילונג אָפּגעלייגט צו דרוקן ביז היינטיקן טאָג".

מיר וועלן נישט באַרייכערן די ליטעראַטור מיט וויסנשאַפטס־ביכער. כל זמן אונדזערע ברידער וועלן נישט קאָנען זעטיקן באמת זייערע נשמות מיט דער יידישער ליטעראַטור, כל זמן זיי וועלן נישט געפינען אין דער ליטעראַטור דאָס אמתע וויסן, וועט די ליטעראַטור זיין נישט מער ווי אַן אומנוציק שפּילכל; איך האָב קיין רעכט נישט צו באַשולדיקן די, וואָס פאַרלאָזן אונדזערע שפּראַכן (אין מערצאָל). ווייל נישט יעדער מענטש איז זוכה צו זיין אַ פּאַטריאָט און ווידמענען זיין צייט פאַר דער ליבע צום פאָלק; און אויב אַ מענטש איז געצוואונגען צו אַנטוויקלען זיין פאַרשטאַנד אין אַן אַנדער שפּראַך, איז זייער ווייט צו גלויבן, ער זאָל נאָך געפינען צייט און מעגלעכקייט צו לייענען אין יידיש. אויב מיר פאַרלאַנגען פון פאָלק, עס זאָל קאָנען זיין שפּראַך, אויב די פרומאַקעס קאָנען זי, ווייל אַלע זייערע באַדערפענישן האָבן זיי אין איר, דאַן דאַרפן מיר די שפּראַך צוגרייטן אַזוי, אַז זי זאָל באַפרידיקן אויך אַלע באַדערפענישן פונעם משכיל. אויב מיר וועלן אַזוי טאָן, וועט דער געזעץ, וואָס פאַרהאַלט אונדזער אַריינטריט אין די שולן, זיין פאַר אונדז אַ ברכה (און אויך אַ חרפּה). לויטן צושטאַנד פון די וויסנשאַפטן אין דער איצטיקער צייט איז זייער גרינג אָנהויבן צו געבן פאַרן פאָלק וויסנשאַפטס־ביכער אין אַלע געביטן און צווייגן. ווען מיין מאַטעריעלע לאַגע וואָלט מיר דערלויבט (זינט אַ צייט איז מיין פּרנסה שטאַרק פאַרקלענערט און ס'קלעקט מיר נישט צום לעבן) צו פאַרשאַפן מיר העברייאישע ביכער, וואָלט איך עס פאַרווירקלעכט. אַ סך מאָל האָב אָנגעהויבן צו שרייבן אַזעלכע ווערק, און באַזונדערס פיל איך מיד צוגעגרייט צוזשטעלן ווערק פון פאָלגנדיקע וויסנשאַפטן: פּסיכאָלאָגיע אָדער סאָציאָלאָגיע און אפשר אויך פיזיק. אָבער די ביכער, וואָס איך האָב, זיינען ווייניק, זיי פילן נישט אויס דעם בלויז, וואָס איך פיל, בעת איך טרעט צו צו דער אַרבעט, ווייל נישט פאַר געבילדעטע און אינטעליגענטן דאַרפן די ביכער זיין צוגעפּאַסט, נאָר פאַר די, וואָס קאָנען לייענען, און פאַר זיי קאָן איך נישט פיל מאריך זיין מיט אידייען און אַלגעמיינע געזעצן. דער עיקר זיינען פאַקטן, וואָס פאַראינטערעסירן און ציען צו דעם לעזער. —

איר אַרבעט לשמה, אָן אויסקוק אויף פאַרדינסט, איך האָב עס פריער געוואוסט און איצט ווייס איך עס נאָך קלערער, דעריבער לאָמיר נעמען און טאָן צוזאַמען אַ באמת גוטע זאַך. זייט איר דער אַרויסגעבער און איך דער שרייבער (און אפשר וועלן קומען נאָך אַנדערע אונטער דער פאָן), און מיר וועלן ווירקלעך באַרייכערן די שפּראַך. און אויב אין מיין קליינשטעטל קאָן מען דעם מאַנגל אין ביכער נישט אויסמיידן דורך לייען ביי אַנדערע, ווייל זיי זיינען פשוט נישט בנמצא, איז אין אייער גרויסער שטאָט קאָן מען זיי קריגן איבערגענוג. אין לויף פון אַ חודש־צייט קאָן איך צוגרייטן צו דעם צוועק „איינע גאַנץ פּאָפּולערע פּסיכאָלאָגיע”, אויב נאָר איר וועט מיר קריגן אין

איינע פון די דריי שפּראַכן — רוסיש, פּויליש און דייטש — אייניקע ביכער, ווי וואונדט און אַנד. — איך האָב נאָר מורעי און ריבא.

9) נאָך איין קליינע באַמערקונג: איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס פאַרלאַנגט איר נאָר פונעם לעבן פון יידן. דאַרף דען נישט קיין פאָלק וויסן דאָס לעבן פון דעם אַנדערן פאָלק, וואָס לעבט מיט אים צוזאַמען? דאַרף מען דען נישט וויסן די אַלגעמיינע לעבנס־פּראָבלעמען? פאַרוואָס זאָל דאָס פאָלק נישט וויסן די אַלגעמיינע פראַגן, און איר באַגרענעצט אים נאָר מיט אייגענע פראַגן? אמת, דאָס איז דער עיקר, אָבער דער תפל איז אויך נישט קיין לוקסוס־זאַך. מיר דאַרפן זיך פאַרשאַפן אַלץ. —

10) אייניקע עקז. פון אייערע ביכער וועל איך קאָנען פאַרקויפן — איך בעט צושיקן.

נאָך די צען פונקטן האָב איך דעם כבוד צו פאַרזיכערן אייך, אַז איך בין פול מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט צו אייך.

ל. פרץ.

76

צו שלום־עליכם

(פון העברעיאיש)

טייערער הער!

אַז איך האָב געעפנט מיין אַלטע טעקע, האָב דאָרטן געפונען נאָך אייניקע בילדער פונעם לעבן פון אונדזער פאָלק אין פוילן, געשריבן אין פּראָזע. אפשר וועלן זיי אייך געפעלן, דרוקט זיי. — נאָר דער עיקר כוונה מיט מיין איצטיקן שיקן איז — צו פאַרריכטן אַ פעלער אין מיין פריערדיקן בריוו, ווייל איך האָב פאַרגעסן צו רעדן וועגן דעם, וואָס ס׳איז זייער וויכטיק — צו געבן פאַרן פאָלק אַרטיקלען פון געשיכטע בכלל און יידישער געשיכטע בפרט. אָט די ווערטער וואָלט איך נישט געשריבן צו אַן אַרויסגעבער אַ געשעפטסמאַן, אָבער איר שרייבט און איך גלויב אייך, אַז אייער גאַנצער ווילן איז נאָר דער טובת־הכלל, ווייל איר זייט אַ פאַרמעגלעכער, דעריבער געפין איך פאַר מיין חוב אויסצודריקן פאַר אייך מיין גאַנץ באַגערן אין די טאָג־פראַגן, און אויב איר וועט געפינען אין דעם אַ נייע זאַך, אַ פאַסנדיקע זאַך, וואָס מ׳קאָן פאַרווירקלעכן אין לעבן, דאַן וועל איך זיך פילן גליקלעך.

1) לויט מיין מיינונג, און איך גלויב, אַז יעדער געבילדעטער מענטש וועט מיר מודה זיין, — קעגן די אַלע, וואָס טרעטן אַרויס אינעם נאָמען פון

רעאַלע פאַקטן, וואָס וואַרפן אָפּ וועלכע־ס׳איז אָנגענומענע טראַדיציעס; קעגן די, וואָס זעען אין דעם קאַמף צווישן די פעלקער און יחידים דעם סוד פון אַנטוויקלונג (גומפּלאָוויטש און זיינס גלייכן), און קעגן מאַלטקע און זיינע פריינט, וואָס זייער מיינונג וועגן דעם איז באַקאַנט; קעגן די אַלע זאָג איך, — אַז יעדעס ערלעך האַרץ און גוט אויג זעען דעם צוועק פון דער מענטשהייט, דעם צוועק פון דעם מענטש בכלל און בפרט אין דער אַלגעמיינער אַסימילאַציע פון אַלע פעלקער און שפּראַכן, אין דעם אויפהערן פון קריגערייען, מלחמות און שטרייטן — דאָס איז דער טרוים פון די נביאים, דער טרוים פון יעדן ריינעם האַרץ...

2) פון דער צווייטער זייט — לויט דער איצטיקער צייט, לויט דער פאַר־העלטעניש פון גיטער (געלט, פעלדער און אַנדערע ווערטן) צו די אַלע, וואָס גאַרן נאָך זיי, לויט דעם צושטאַנד פון אונדזער וויסן און פּאָליטישן פאַרשטאַנד, לויט דעם פעסטן מצב פון די פאַרשיידענע רעליגיעס, קאָן מען נישט רעדן וועגן אָט דער דערשיינונג, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס קאָן פאַרווירקלעכט ווערן היינט, מאָרגן, אָדער אין דער נאָענטער צוקונפט. פאַרקערט, מיר זעען איצט דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פון אַנדערע געדאַנקען און אידייען. מיר זעען איצט אַ פאַרדאַרבנדיקן שאָוויניזם, אַן אַנטיסעמיטיזם, וואָס פאַרכאַפּט די הערצער פון געבילדעטע און אויפגעקלערטע, און פאַרפירט די צוהערער מיט זיין לערע. מענטשן שטייען אין שפּיץ פונעם דור, און אויף רעאַלע בערג הויבן זיי אויף די פאָן פון צעטיילונג און שנאה... איצט איז אָוונט, ס׳וועט נאָך קומען נאַכט, און דערנאָך, אַז ס׳וועלן וויים ווערן אונדזערע האָר, וועט קומען אויך דער מאָרגן...

3) צוויי מענטשן, אויב זייערע געדאַנקען זיינען נישט איייניק און זיי ווילן געמיינזאַם אַרבעטן, זיינען זיי מחויב יעדער איינער מוותר צו זיין אויף אַ האַלבן ווילן, כדי צו דערגרייכן אַ גלייכגעוויכט. אָבער קיינער פון זיי האָט קיין רעכט נישט צו פאַרלאַנגען פונעם צווייטן, ער זאָל מבטל־זיין זיין ווילן און נישט באַקומען דערפאַר קיין שום קרבן פון יענעמס, דעם צווייטנס ווילן. דאָס, וואָס ס׳איז ריכטיק ביי פּריוואַטע מענטשן, איז אויך ריכטיק ביי פעלקער. אַסימילאַציע פון אַלע צדדים איז געוויס אַ שיינע און גוטע זאַך. צו פאַר־לאַנגען אָבער פון איין פאָלק, עס זאָל זיך אַסימילירן, עס זאָל זיין שפּייז פאַר אַנדערע, עס זאָל אַראָפּ פון דער לעבנס־אַרענע אין תהום פון נישט־זיין, איז געוויס אַ זינד און אַן אַטענטאַט, און אויב אָט דער געדאַנק גייט אַרויס פון דעם זעלבסטאָפּפערער גופא, איז עס זעלבסטמאָרד. דעריבער, כל זמן דער נאַציאָנאַלער געדאַנק לעבט צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, וועט ער לעבן אויך צווישן אונדז, און מיר זיינען מחויב און געצוואונגען (לויט דעם נאַטור־געזעץ) צו עקזיסטירן ווי אַ זעלבשטענדיק פאָלק. מיר קאָנען מוחל זיין אויף אונדזער

עקזיסטענץ, כדי צו זיין אַ טייל אין כלל, וואָס באַשטייט נאָר פון טיילן, אָבער מיר קאָנען נישט צעמישט ווערן אויף אַן אַנדער אופן און איינגעשלונגען ווערן דורך אַנדערע און ווערן פון גאָר — גאָרנישט.

4) חוץ דעם קאָן דער געדאַנק פון אַסימילאַציע איצט גאָרנישט העלפן, ווייל ס'איז אַוועק די צייט, ווען מ'האָט די אַסימילירטע אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

5) דעריבער, זיינען מיר קעגן אונדזער ווילן אַוועקגעשטעלט אין קאַמף, אין אָט דעם קאַמף זיינען מיר אַ קליינע מינדערהייט קעגן דעם שונא, וואָס לויערט אויף אונדז פון אַלע זייטן. אמת, אין איין זאַך האָבן מיר די אויבער־האַנט — „די גערעכטיקייט איז מיט אונדז". זאָלן די פּראַקטישע מענטשן זאָגן וואָס זיי ווילן, „געדעכטיקייט" איז נישט קיין אַבסטראַקט־אויסגעטראַכטער געדאַנק, ס'איז נישט נאָר אַ שיינער קלאַנג; אין אָט דעם וואָרט איז דאָ אַ וואונדערבאַרער אינהאַלט, אַן אינהאַלט אָן אַ קערפּער, אָבער ס'איז אַ קראַפט אין אַ קערפּער, אָט די קראַפט, וואָס איז אין אונדז, זינט מיר זיינען אין גלות און וואָס לאָזט אונדז נישט אומפאַלן. אָט דאָס איז אונדזער שטאַרקייט, דאָס איז אונדזער האַרטנעקיקייט אין דעם קאַמף. אָבער אויסער דער גבורה פאַר־לאַנגט זיך אויך אַן עצה, אַ ראַט. נאָר אויב דער ראַט און די גבורה וועלן אונדז צוזאַמען באַהילפיק זיין, וועלן זיי קאָנען פאַרברייטערן אונדזערע טריט.

6) אַלע זיינען מודה, אַז איינע פון די זאַכן, וואָס באַפעסטיקן דעם נאַציאָנאַליזם, איז די שפּראַך. איך האָב שוין אין מיין פאַריקן בריוו געשריבן, אַז כדי די שפּראַך זאָל זיין אַ פעסטער זייל, איז נויטיק זי זאָל זיין אַ שפּראַך, וואָס זאָל באַפרידיקן אַלע באַדערפענישן פון די, וואָס רעדן און לייענען אויף איר, און דעריבער דורך דערציילונגען אַליין קאָן מען נישט באַלעבן די שפּראַך, קאָן מען אונדז נישט באַלעבן. די הויפּט־זאַך איז אין עפּעס אַנדערש:

7) יעדע מענטשלעכע געזעלשאַפט איז אַ קיבוץ פון איינצעלנע, פון פּרטים, וואָס פאַראייניקן זיך צו איין באַדערפעניש, וואָס באַהעפטן זיך צו איין אידייע א. אַז. וו.; כדי אָבער מעגלעך צו מאַכן די פאַראייניקונג איז נויטיק, אַז יעדער איינער זאָל וויסן צוויי זאַכן: די אַלגעמיינע באַדערפעניש אָדער דעם אַלגעמיינעם געדאַנק, און, אַז ער זאָל וויסן, אַז דאָס איז באַוואוסט אויך אַלע איינצעלנע. אַ שטאַרקער הונט פאַר זיין האַרס הויז — דאָס איז אַן אַקט פון גערעכטיקייט; אַ פייגל, וואָס ווערט געמונטערט צווישן די פיל פייגל — דאָס איז דער געדאַנק פון אחדות. און דאָס איז דער צוועק, וואָס מיר דאַרפן זיך שטעלן ביי היינטיקן טאָג: אַריינצוברענגען דעם באַוואוסטזיין פון כלל און פּרטים אינעם געוויסן פון יעדן פּרט באַזונדער... אויב יעדער פון אונדז וועט וויסן, מיט וואָס ער איז אַ ייד, אויב ער וועט וויסן, וויפיל פון זיינע ברידער ווייסן און זיינען באַהעפט דורך אָט דעם באַוואוסטזיין, דאַן וועט אָט דער

באַוואוסטזיין ווערן געכופּלט אויף דער צאָל פּרטים, וועלכע לעבן איצט. און אויב יעדער וועט וויסן דאָס, וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט זיינע ברידער אין אַלע דורות, דאַן וועט דער באַוואוסטזיין ווערן געכופּלט לויט דער צאָל פון די דורות. דער אַלגעמיינער וויסן און באַוואוסטזיין אין רוים פון אַלע ערטער און אַלע צייטן קאָן אונדזביישטיין אין די שווערע, פינצטערע טעג. —

8) די מענער האָבן צוויי שפּראַכן — יידיש און לשון קודש. פרויען האָבן נאָר איין שפּראַך, און זי דאַרף מען שענקען מער אויפמערקזאַמקייט. דאָס רוב פרויען גייען אַרום ליידיק, אָן וואָסער ס׳איז באַשעפטיקונג. שטענדיק זיינען די פרויען די ערשטע צו אַסימילירן זיך און אָפּצולערנען זיך פון זייערע קריסטלעכע חברטעס. יעדער מענטש האָט זיך זיינע גייסטיקע באַדערפענישן, און אויב די גייסטיקע באַדערפענישן פון דער יידישער פרוי ווערן נישט באַפרידיקט אין דער היים, לערנט זי זיך ביי פרעמדע און דורך פרעמדע. אָט די פרויען, וואָס זיינען פאַר אונדז שטענדיק אַ שטרויכלונג און פּלאָג, קאָנען מיר פאַרוואַנדלען אין מיטהעלפער ביי דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. ס׳איז זייער גרינג צו רעדן צו איר, ס׳איז זייער גרינג אויסצולערנען זי נוצלעכע זאַכן און בפרט געשיכטע. אויב יעדע יידישע פרוי וועט וויסן פאַרוואָס זי איז אַ יידישע, אויב זי וועט פאַרשטיין, אַז זי האָט אויף זיך פיל אַנדערע חובות אויסער די דריי מצוות, דאַן אין דעם באַוואוסטזיין, אַז זי טראָגט אויף זיך אַ באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועט זי געפינען אַ שוץ און אַ שטיץ־פּונקט פון די אַלע שלעכטע געדאַנקען, וואָס זי פאַלט אַריין ביז איצט אין זייער נעץ.

דעריבער:

ס׳איז זייער וויכטיק צו געבן פאַר די פרויען אַרטיקלען פון דער יידישער געשיכטע, און אַזוי ווי דאָס רוב לייענער זיינען פרויען — איז עס דער עיקר־צוועק.

און איך בין אייער פאַרערער

ל. פּרץ.

77

צו שלום־עליכם

(פון העברייאיש)

איך בין אַריינגעפאַלן פון אַ נעץ אין אַ גרוב אַריין... לכתחילה האָב איך זיך מיט חרפּה מודה געווען, אַז איך קאָן אייך און אייערע ווערק בלויז דורך די פּוילישע איבערזעצונגען, און איצט מוז איך נאָך מיט מער חרפּה זיך מודה זיין, אַז ס׳איז אַ טעות, ווייל איך האָב אייך פאַרביטן אויף אַבראַמאָוויטשן,

וואָס זיין „קליאַטשע" און „מסעות בנימין השלישי" זיינען איבערגעזעצט אין פוילישן, און זייט מיר מוחל. דאָך צווייפל איך נישט, אַז אין איינעם פוז די נומערן „פראַוודאַ" אָדער „פשעגלאָנד טיגאָדניאָווי" האָב איך געלייענט וועגן דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און דערביי זייט איר דערמאָנט. אָבער צום באַדויערן קאָן איך נישט געפינען די נומערן, ווייל נאָר איך איינער באַקום זיי, און לייענער האָב איך פיל, און נאָר איין נומער פון צען קערט מען מיר אום צוריק, און דאָס אויך אַ צעריסענעם.

נישט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה וועגן דער פּראָזע, וואָס איך האָב געשיקט, שיק איך נאָך און נאָך „אַ שטיין צו אַ שטיין, אַ מאָס צו אַ מאָס". —

די נאָוועלן און דאָס, וואָס ס'איז בייגעלייגט דערביי, האָב איך געשריבן מיט איין מאָל (איך האָב געלייענט און מיין געהילף האָט געשריבן) און איך האָב פון זיי קיין קאָפּיע נישט. דעריבער, אויב זיי געפעלן אייך נישט, שיקט עס מיר אָפּ צוריק.

און איך בין אייער פאַרערער
ל. פרץ.

78

צו שלום-עליכם

(פון העברעיאיש)

מיין הער!

אין אייער קורצן בריוו שרייבט איר, אַז איר האָט געפונען גוטע שטעלן און שלעכטע שטעלן אין מיין שיר, און ער וועט קאָנען געדרוקט זיין נאָר „מיטן תנאי, אויב איך וועל מסכים זיין אויף די באַדינגונגען און אָפּמאַך, וואָס איר האָט געשריבן צו אונדזער פריינט דינעסאָן", און פון צופיל אַרבעט האָט איר פאַרגעסן, אַז איך בין קיין נביא נישט צו וויסן די באַדינגונגען און אָפּמאַך, און איך קאָן נישט דעריבער מסכים זיין, צי נישט. אָבער ווי אַ ייד וועל איך פּרוּוון אַריינצודרינגען אין דעם געדאַנק דורך „אָנשטויסן זיך", — אויב עס זיינען דאָ גוטע און שלעכטע שטעלן, האָט איר געוויס געוואָלט אָפּצוטיילן די שלעכטע פון די גוטע, און די באַדינגונגען און דער אָפּמאַך איז — צו געבן אייך אַ דערלויבעניש צו מאַכן ענדערונגען. אויב אַזוי, הגם איך בין ניט מסכים דערויף סתם אָן קיין שום באַדינג, רעכן איך, אַז מיר וועלן קומען צו אַ פשרה.

איר זייט געוויס גערעכט, אַז דער אַרויסגעבער טראָגט אחריות בנוגע צו די לעזער פאַר די אַרטיקלען און שירים, וואָס ער גיט זיי, און ער טראָגט אחריות בכלל פאַרן גאַנצן בוך, אָבער אויך דער שרייבער האָט דאָס רעכט אָפּצוהיטן זיין כבוד פאַר די לעזער, און אויב דער אַרויסגעבער וועט מאַכן

ענדערונגען, וואָס געפעלן נישט דעם שרייבער און וואָס לויט זיין (דעם שרייבערס) מיינונג פאַרדאַרבן זיי גאָר זיין ווערק, וועט דאָך דער שרייבער פילן אַ שטאַרקן אינערלעכן ווייטיק, דעריבער באַדאַרפט מען האָבן דעם הסכם פוןביידע צדדים.

דעריבער קערט מיר אום מיין שיר מיט־די באַמערקונגען אין דער זייט, וואָס איבערצולאָזן און וואָס אויסצומעקן, וואָס צו פאַרריכטן און וואָס צו פאַר־בייטן אַנדערש א. אַז. וו., און איך וועל אַליין זען, צי איך קאָן טאָן ווי איר שרייבט.

פון מיין נאַטור, האַלט איך, בין איך אַ מענטש, וואָס כ'בין מודה אויפן אמת, און ווי איך האָב אייך דערקענט פון אייערע בריוו, זע איך ניט, איר זאָלט האָבן אַן אַנדער געשמאַק, וואָס זאָל זיך פאַנאַנדערגיין פון דעם אַלגעמיינעם און פון מיין אייגענעם געשמאַק. דעריבער האָף איך אויפריכטיק, אַז מיר וועלן קומען צו אַ פשרה.

אויב אָבער איך האָב זיך שלעכט „אָנגעשטויסן", בעט איך אייך צו באַלויכטן מיר מיין פינצטערניש און מיר מיטטיילן, וואָס איר האָט געשריבן צו דינעסאָנען וועגן מיר.

סיי מיין שיר וועט זיך יאָ דרוקן און סיי נישט — זיינען מיר דאָך מענטשן ברידער פון איין מלאכה, און אונדזערע מיינונגען, אַפילו אויב זיי זיינען פאַר־שיידענע, וועלן אונדז נישט שטערן צו שליסן אַן אַנדער אָפּמאַך, ווייל איך האָב פיל. —

פאַרוואָס ענטפערט איר מיר נישט, צי איר ווילט אַ גרויסע דערציילונג (בערך צו די זייער קליינע) מיטן נאָמען „די שטיממע". דינעסאָן האָט עס געלייענט און עס איז נאָך ביי אים.

איך פאַרער אייך

ל. פרץ.

79

צו שלום־עליכם

(פון העברעיאיש)

די מתנה * האָב איך באַקומען, אייער בוך איז באמת אַן אוצר מיט אַלדאָס גוטס.

אייער פאַרערער

ל. פרץ.

---

* דער ערשטער באַנד פון שלום־עליכמס „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק".

אויב עס איז נאָר מעגלעך, בעט איך אייך אומצוקערן מיר דעם כתב־יד „מאָניש״.*

הנ״ל.

80

צו שלום-עליכם

(פון העברעיאיש)

גערטער הער!

איך פאָלג אייך און שיק אייך דעם שיר, און אַט איז די הקדמה.**

דער שיר איז דאָס ערשטע בוך פון אַ גרויסן ווערק. עס איז כמעט אַ זאַך פאַר זיך און ס'וועט קאָנען געפעלן די פאַרשטענדיקסטע לעזער.

דער צוועק פון דעם גאַנצן ווערק איז — אַדורכצופירן אונטער דער קריטיק און צושטעלן צום שאַנד־סלופּ אַלע גדולי־הדור, די אָנגעזעענסטע

---

* ווי באַקאַנט, האָט שלום-עליכם געענדערט אייניקע שטעלן אין „מאָניש״, אייניקע אַרויסגעוואָרפן און אייניקע צוגעשריבן. פּרץ איז דערפון געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, און אין 1892 האָט ער אַרויסגעגעבן „מאָניש״ ווי אַ באַזונדער ביכל מיט פאָלגנדיקער צושריפט: „געדרוקט אין „פאָלקס-ביבליאָטעק״, האָט די באַלאַדע געליטן פון רעדאַקטאָרס שער און פעדער. די געקרענקטע אייגן-ליבע האָט מיך באַוואויגן זיי איבערצושרייבן, און גוטע-פריינט איבערצודרוקן.״ (י. ל. פּרץ, פּאָעזיע, צוויטעס העפט, מאָניש [באַלאַדע], וואַרשע, תרנ״ב [1892], 40 זייטלען.)

** עס איז, רעכן איך, די פּאָעמע, וואָס י. דינעזאָן שרייבט וועגן איר אין אַ בריוו צו שלום-עליכמען (כּוף 1888 אָדער אָנהויב 1889): „די טעג האָט ער מיר מיט אַ עקסטרען מענטשן צוגעשיקט זיין גראַנדיעזע פּאָעמע, וועלכע ער שרייבט פאַר אייער צווייטער ביבליאָטעק. לה דומיה תהלה... אַ כינד וועט פאַרשטיין און אָנקוועלן פון נחת פון דער פּאָעמע, און מבינים, ווי ווייניק זיי זיינען אויך ביי אונדז יידן, וועלן רזין דרזין אין דער פּאָעמע געפינען. איך, אַז איך לעזע זי, און געלעזן האָב איך זי שוין הונדערט מאָל, דערמאָן איך מיר אָן בייראָן, אַזוי ווילד, אַזוי רייך און אומגעצאַמט איז די מוזע זיינע, זי האָט קיינע גרענעצן און כאָן קיין צוואַנג און דרוק ניִשט דולדן, איר ברויכט זי לעזן... און בייראָן וועט אייך אַ לעבעדיקער פון קבר אויפשטיין, און איר וועט נישט וויסן, אויב אין פּוילן וואָלט בייראָן אַנדערש געשריבן און געקאָנט שרייבן...״ לויט דוד פּינסקי, האָט פּרץ אָנגעשריבן דאַן אַ גרויסע פּאָעמע „וואו נעם איך אַ העלד?״ געשריבן אין דעם סטיל פון בייראָנס טשאַילד האַראָלד״ און אין דער בייראָנישער שטימונג. די פּאָעמע איז נישט פאַרענדיקט געוועז, און, לײדער, פאַרלוירן געגאַנגען.

חסידים, מתנגדים, סוחרים, די בעלי־צדקה און בעלי־טובות און אויפדעקן דעם פּאַרעיפּושטן קוואַל, וואָס פון אים שעפּט אונדזער לעבן. און דאָס האָף איך צו טאָן אויף אַט דעם אופן:

דער משורר, אַ מענטש, וואָס איז אַ בריה צו שרייבן און צו דיכטן דורך פאַרשיידענע מאַנירן לויט פאַרשיידענע שולן און וועגן אין דיכטונג, וויל שאַפן אַן אָרט און אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור פאַר זיין ווערק. אין זיין קליינשטעטל טשאַכנאַויוקע, הגם די מענער זיינען בעלי־תורה און די פרויען זיינען פרומע, הגם זיי זיינען גוט צו גאָט און צו לייטן, געפינט ער נישט, וואָס ער זוכט. דער העלד פון דער פּאָעמע דאַרף זיין אַ לעבעדיקער מענטש, אַ געזונטער, מונטערער און אַקטיווער. און אין זיין קליינשטעטל איז דאָס לעבן קיין לעבן נישט, די פרויען פאַרנעמען זיך אין קיך, די מענער ווערן אַלט פאַר דער צייט, און נאָך איידער עס שיינט־אויף פאַר זיי די יוגנט־זון, ווערן זיי פאַריאָכט און וועלקן ווי אַ קיקיון דיונה. ער דאַרף דעריבער אַוועק־פאָרן קיין בובערניק, אין דער השכלה־שטאָט, דאָרט האָט ער אַ פעטער מיט אַ מומע, דאָרט וועט ער פאַרברענגען אַ צייט, ביז ער וועט זיך באַקענען מיט דער געזעלשאַפט און יועט זיך אויסקלויבן אַ „העלד". ער האָט טאַקע דאָרט דערזען אַ יונגנמאַן, אַ שיינעם און אַ פיינעם, און זיין אויסערלעך אויסזען (קיין אינערלעכע וועלט האָט ער נישט) האָט צוגעצויגן דאָס האַרץ פונעם דיכטער, אָנצוקוועלן פון דעם סאַלאָנען־גלאַנץ. — אָבער פּלוצים האָט זיך פאַר אים באַוויזן דער לאַקיי, און דער דיכטער קוקט, און ער ווייסט נישט דעם אונטערשייד צווישן דעם יונגנמאַן, דעם העלד אין די אויגן פון דער גאַנצער חברה, דעם ליבלינג פון פרויען און פריילינס, און דעם לאַקיי. ביז אַהער איז דער ערשטער טייל.

דערנאָך קומען אַנדערע געזעלשאַפטן: שרייבער, קריטיקער, בעלי־טובות און אַנד. און אַזוי ווי עס פאַלט אַראָפּ דער שטערן פון דעם מסחר־הימל, אַזוי אויך פאַלן די איבעריקע שטערן. און איך רעכן, אַז דאָס וועט פאַר אייך נישט זיין קיין אָפּהאַלט, און איר וועט קאָנען דרוקן דעם ערשטן טייל און צוגעבן אַ באַמערקונג, אַז דער המשך וועט קומען. און מען קאָן דאָך נישט דרוקן אַזאַ גרויס ווערק מיט איין מאָל, אין אַזוי ווי איך גלויב און בין בטוח, אַז די „פאָלקס־ביבליאָטעק" וועט נישט אונטערגיין און וועט וואָס־ווייטער אַלץ מער אַריינדרינגען אין פאָלק, אַזוי שטעל איך מיר פאָר, אַז אויך איר גלויבט אין דעם.

און נאָך. איך ווייס נאָך נישט, צי דער שיר וועט אייך געפעלן, איך וויל זיך פאַרענטפערן פאַר דעם אופן, יוי ער איז געשריבן. אַז „מאַניש" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָב איך באַקומען פיל לויב־בריוו, אָבער די אַלע,

וואָס האָבן געליבט, האָבן באַמערקט, אַז דאָס פֿאָלק פֿאַרשטייט נישט „מאָניש״. און אויב אַזוי — צו וואָס טויג עס? אָבער איך נעם עדות אונדזערע מאָסן, אַז אויב זיי פֿאַרשטייען נאָר לייט זייער פֿאַרשטאַנד, דערפֿאַר אָבער פֿילן זיי די שיינקייט, דעם גייסט, וואָס שוועבט איבערן שיר, און דאָס איז דאָך דער צוועק פֿונעם שיר — נישט אויסצודריקן דורך מליצות דאָס באַקאַנטע, נאָר אויפֿצודעקן נייע הימלען, צו שאַפֿן פֿאַרן פֿאָלק נייע באַגריפֿן, אַריינצודרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען, און נישט איבערדערציילן דאָס אַלטע און פֿאַר־עלטערטע. דער לעזער באַדאַרף טאַקע לייענען איין מאָל און אַ צווייט מאָל, אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, אָבער וואָס מער ער וועט לייענען, וועט ער אַלץ מער פֿילן, אַלץ מער פֿאַרשטיין — און דאָס איז דאָך די אויפֿגאַבע!

אַז מיר וועלן אַריינברענגען נייע געדאַנקען, מוזן מיר געבן אויך נייע פֿאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פּאַסט זיך נישט צו צום נייעם. די אויסדרוקן זעען אויס לכתחילה פֿרעמד, אָבער סוף־כּל־סוף וועלן זיי אַריינדרינגען ווי וואַסער אין דעם לעזער און וועלן באַרייכערן זיין פֿאַר־שטאַנד. דעריבער האָב איך זיך נישט געמיט צו באַשרענקען מיינע געדאַנקען און באַגרענעצן זיי מיט די אויסדרוקן פֿון המון. פֿאַרקערט, איך האָב זיך געווענדט נישט צו זיין שפּראַך, נאָר צו דער שפּראַך, וואָס דריקט אַמשטאַרקסטן אויס דאָס פּילבאַרע, און דער לעזער, וואָס איז נישט געבילדעט, זאָל זיך אויסבילדן. כּדי צו פֿאַרגרינגערן אים דאָס לערנען, קאָן איך פֿאַרטייטשן מיט באַמערקונגען די ווערטער, וועלכע זיינען אים נאָך פֿרעמד.

איך קוק נישט אויפֿן „זשאַרגאָן״ ווי אויף אַ כּלי שני און נישט ווי אויף אַ פֿאַרמיטלונג, וואָס גייט אַריבער. איך וויל, עס זאָל ווערן אַ שפּראַך, און דעריבער באַדאַרפֿן מיר פֿאַרברייטערן און פֿאַרמערן אירע אוצרות און צוגעבן יעדע רגע אַלץ־נייע אויסדרוקן, אַז דער שרייבער זאָל נישט זאָגן, מיר איז ענג דאָס אָרט...

און נאָך: אויב דאָס, וואָס כ׳האָב געשיקט, וועט אייך געפֿעלן, טיילט מיר מיט און קערט עס מיר אום, כּדי איך זאָל מאַכן נאָך ענדערונגען. עס זיינען דאָ פֿאַרדרייטע שטעלן, פֿאַראַן מטושטשע בילדער, נישט אומעטום איז דער פֿערז געלונגען. אָבער אַזוי ווי איך פֿאַר אָפּ אויף עטלעכע טעג פֿון דער־היים, וועט איר האָבן צייט איבערצולייענען מיין אַרבעט. אויך דאָס דאַרף מען צוגעבן, אַז דער איבערשרייבער איז אַ גראָבער יונג, און זיינע טעותים און גרייזן זיינען פֿעסטע.

קאָן זיין, אַז דער שיר וועט אייך נישט געפֿעלן, דאַן, זייט אַזוי גוט און קערט מיר אים גלייך אום, — ווי נאָר איר וועט אים איבערלייענען ביזן סוף. איך האָב רעכט צו פֿאָדערן עס צוליב די הוצאות, וואָס איך האָב אויסגעגעבן

אויף איבערצושרייבן. ביי אונדז קאָסט איבערשרייבן יידיש זייער טייער. איך האָב באַצאָלט אַ צען רובל.

איך בין אייער פאַרערער
ל. פּרץ.

איך האָב ביי זיך גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, שיקן זיי? פיל פון זיי זיינען אָנגענומען אין „הויז־פריינד" און אַ טייל פון זיי וועלן זיך אויך דרוקן אין פ"צ.*

הנ"ל.

81

צו שלום־עליכם

(פון העברעיאיש)

מיין הער!

איך האָב קיינמאָל גאָרנישט געטראַכט און ס'איז מיר אויפן געדאַנק נישט אַרויף, אַז ס'זאָל קומען אַמאָל אַ טאָג און איך זאָל געצוואונגען זיין צו פאַרדינען פון מיין פעדער. צו מיין אומגליק איז געקומען אַזאַ טאָג, און איך בין געצוואונגען צו געבן אייך אַ דערלויבעניש צו פאַררעכטן, ווייל איך נויטיק זיך זייער און זייער אין געלט.

איך האָב קיינמאָל גאָרנישט געטראַכט און ס'איז מיר אויפן געדאַנק נישט אַרויף, איך זאָל וועלכן ס'איז אַנדערן אַרויסגעבער אָפּגעבן די בכורה לגבי אייך. פאַרקערט, מיטן גאַנצן האַרצן וועל איך אייך אָוועקגעבן אַלע מיינע דערציילונגען — און ס'איז אייער שולד, אויב איך האָב עס נישט געטאָן ביז איצט. אין פאַריקן יאָר האָט איר נישט געדרוקט מיינע דערציילונגען, איך האָב וועגן זיי איייניקע מאָל געפרעגט און קיין תשובה נישט באַקומען.

די מינוט שרייב איך צו אונדזער פריינט ה' דינעזאָן, ער זאָל אייך שיקן מיינע דערציילונגען.

אויב איר קאָנט מיר צושיקן תיכף דעם האָנאָראַר פאַרן שיר און אפשר אויך אַן אַוואַנס אויף די דערציילונגען, וועט איר טאָן מיט מיר אַ גנאַד, ווייל איך נייטיק זיך איצט.

און אויב נישט — שיקט מיר צו אַ העלפט.

---

* אפשר מיינט פרץ פ"ב—„פאָלקס־בלאַט", וואָס איז דערשינען אין פּעטערבורג. אין „פאָלקס־בלאַט" איז, דוכט זיך, גאָרנישט געווען געדרוקט פון פרצן.

נאָכאַמאָל פאַרזיכער איך אייך, אַז איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט צו דערוויטערן זיך פון אייך מיט מיין אַרבעט, און אויב ס'וועלן זיין ביי מיר טענות און מענות, וועל איך זיי זאָגן מיטן פולן מויל, ווייל די „פאָלקס־ביבליאָטעק" שטייגט איבער מיט איר באַדייטונג אַלץ, וואָס איז געדרוקט אין אונדזערע איידע ליטעראַטורן.

דאָס, וואָס ס'איז געווען געדרוקט קעגן אייך, האָב איך נישט געלייענט, אָבער קעגן דעם אַרטיקל פון קאַמינקא * אין „הצפירה", האָב אָנגעשריבן אַ שאַרפן ענטפער. ווען איך זאָל אימשטאַנד זיין צו דרוקן אים באַזונדער, וואָלט איך עס פאַנאַנדערגעטיילט אומזיסט. אָבער איך בין נישט אימשטאַנד. און ה' ציטראָן וויל אים דרוקן אינעם יאָרבוך, וואָס ער גיט אַרויס. אויף וויפיל ס'איז ריכטיק, ווייס איך נאָך נישט.

איך וויל שיקן דעם אַרטיקל ציטראָנען, אָבער אפשר ווילט איר אים לייענען, אָדער אפשר אים אויסנוצן, ענטפערט מיר גלייך, און איך וועל אים פריער שיקן אייך. דער אַרטיקל איז זייער אַ גוטער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין מיינע אויגן.

איך וואַרט אויף אייער תשובה.

ל. פרץ.

82

צו שלום־עליכם

(פון העברייאיש)

מיין הער!

לויטן בריוו פון אונדזער פריינט דינעזאָן, זיינען די דערציילונגען איך שוין לאַנג אַרויסגעשיקט; דעם שיר צו פאַרריכטן האָב איך עד היום נישט באַקומען, און איך בין אין פאַרלעגנהייט,** ווייל איך באַדאַרף זייער נייטיק האָבן געלט. איך קאָן נישט בעטן ביי אייך פאָרויס, ווייל געשעפטלעך קענען מיר איינער דעם צווייטן נישט, אָבער — איך בין געצוואונגען צו בעטן ביי

---

* געמיינט דעם אַרטיקל פון א. קאַמינקא „אזהרה למכתבי עמל" („הצפירה" 1889, די נומערן 116, 119, 120, 121, 122, 123, 125, 126). ס'איז אַ שאַרפער פּאָלעמישער אַרטיקל קעגן „זשאַרגאָן" אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאָלעמיק אַרום דעם דערשיינען פון דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטהעק".

** פרץ האָט דאַן פאַרלוירן דאָס רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט אַדוואָקאַטור.

איך וואָס גיכער מיר צוריקשיקן, וואָס כ׳האָב איך געשיקט, צום פאַרריכטן אָדער מיר שיקן דעם האָנאָראַר פאָרויס.

נאָכאַמאָל פאַרזיכער איך איך, אַז ווען נישט מיין איצטיקע פאַרלעגנהייט, וואָלט איך עס נישט פאַרלאַנגט.

אייער פאַרערער
ל. פרץ.



יעקב דינעזאָן

מרדכי ספעקטאָר

83

צו יעקב דינעזאָן

[עס איז דער ערשטער בריוו פון פרצן צו יעקב דינעזאָן. מיט אָט דעם בריוו איז געשלאָסן געוואָרן די וואונדערבאַרע פריינטשאַפט פון פרץ און דינעזאָן, וואָס האָט זיך אָן איבעררייס געצויגן עטלעכע און צוואַנציק יאָר, ביזן טויט פון פרץ אין 1915, — אַ פריינטשאַפט, וואָס איז גאָר אַ זעלטנקייט צווישן צוויי שרייבער. פרץ האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו דינעזאָנען, ווי דינעזאָן צו אים. דאָס זעען מיר אין דעם בריוו-אָוים-טויש, אין די פרץ-בריוו צו דינעזאָנען, וואָס פרץ האָט געשיקט צו

דינעזאָנען, ווען נאָך ער איז אָפּגעפאָרן פון וואַרשע. אָט דער בריוו, ווי אויך אַלע איבעריקע בריוו פון פרץ צו דינעזאָן, איז פאַרבליבן נאָך דינעזאָנען צווישן זיינע כתבים. יעקב דינעזאָן האָט, משמעות, געשריבן פרצן אַ בריוו, וואו ער האָט געלויבט די פּאָעמע „מאָניש", וואָס האָט זיך געדרוקט אין שלום-עליכמס „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק", 1888.]

(פון העברייאיש)

פון אייער לויב, מיין האַר, הגם איך קאָן אייך נישט, האָב איך זייער הנאה געהאַט. מיר וועט זייער אנגענעם זיין צו באַקענען זיך מיט אייך. צי זיינט איר עס, מיין האַר, דער מחבר פון „הנאהבים והנעימים" * און „קרעפּלעך זאָלסטו עסן" ** ?

אייער פאַרערער
ל. פרץ.

84

צו יעקב דינעזאָן

[דער דאָזיקער פראַגמענט פון פרצעס אַ בריוו אָדער אַרטיקל איז געלעגן צווישן דינעזאָנס איבערגעבליבענע פּאַפּירן, מיט אַן אויפשריפט, קאָנטיק מיט דינעזאָנס האַנט, — „פון פרצעס ערשטע בריוועלעך צו דינע-זאָנען". אָבער אין יענער צייט האָט פרץ געשריבן זיינע בריוו אויך צו דינעזאָנען אין העברייאיש. אויף דעם בריוו אָדער אַרטיקל איז נישטאָ קיין דאַטע. אָבער דאָ רעדט זיך, אַז צעדערבוים קריגט זיך מיט גאָרדאָנען. דער ערשטער איז געשטאָרבן אין 1893, דער צווייטער — אין 1892. איז עס יעדנפאַלס געשריבן נישט שפּעטער ווי 1892. מעגלעך, אַז ס'איז אַ טייל פונעם אַרטיקל, וואָס י. ל. פרץ האָט אָנגעשריבן ווי אַן ענטפער די אָנפאַלער אויף די יידישע שרייבער. זע בריוו נומ' 81 צו שלום-עליכם.]

(פונעם אָריגינאַל)

אין אונדזער העברייאישער (לשון־קודשער) ליטעראַטור איז שטענדיק אַזוי שטיל, אַזוי מנוחהדיק... אד"ם הכהן איז, לא עליכם, געשטאָרבן, און קיינער זוכט שוין קיין גרייזן אין זיינע שירים... ליכטענפעלד איז גע־שטאָרבן, און קיינער שרייט שוין נישט, אַז סלאָנימסקי קאָן נישט רעכענען... סמאָלענסקין איז געשטאָרבן, און קיינער שרייט שוין נישט „קאַראַול" קעגן מענדעלסאָנס שולע... אָט אַמאָל קריגט מען זיך, מען זידלט זיך אַפילו, צעדער־

* „הנאהבים והנעימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", איז יעקב דינע-זאָנס ערשטער געדרוקטער ראָמאַן, דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1877.
** „קרעפּלעך זאָלסטו עסן" איז אָפּגעדרוקט אין שלום-עליכמס „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק" 1 (1888), וואו ס'איז אויך געווען געדרוקט פרצעס „מאָניש".

בוים מיט גאַרדאַנען מאַכן אַמאָל אויף 4 וואָכן אַ סקאַנדאַל און ווייטער שטיל... דאָס שטילע וואַסערל פליסט, פון אויבן אַ ביסל גרין־פאַרשימלט, הינטן שלינגט אַמאָל אַ לעבעדיק העכטל איין אַ ווערעמל, מען הערט אַ פּישטש, קוים אַ פּישטש און ווייטער שטיל... עס מאַכט זיך אַמאָל אַ נייעס, עס טרעט אַרויס אַ נייער „שטערן", אַ וויכטיק ספר... אַ גרויסער יידישער ניוטאָן דערזעט אויף דער זון מיט אַ שלעכט־פאַרשטאַנעטעם פראַנצויזישן מחברס אויגן — נשמה־לעך... קליינע, גרויסע, אָפּגעצערטע נשמהלעך. דער צווייטער „שטערן" מאַכט אויך אַ ביסל רעש און ווייזט אויס צום מיליאָנסטן מאָל, אַז די נסים ונפלאות קענען זיי ע״פּ דרך הטבע. נאָר דאָס אַלץ פליט פאַרביי און ווייטער מנוחה... אין דער רואיקער צייט אַנאַנסירן די רעדאַקטאָרן אין יעדן נומער צייטונג נייע ספרים און זאָגן צו גרויסע רעצענזיעס צו געבן מיט דער צייט, און האַלטן מיט דער צייט קיינמאָל נישט קיין וואָרט — אַבי שטיל! קיינער מאָנט נישט, קיינער דערמאָנט נישט, קיינער שרייט נישט... קיינער פילט זיך נישט אָפּגענאַרט, ווייל אָפּנאַרן איז אוודאי אַ נס ע״פּ דרך־הטבע, צו זאָגן און נישט האַלטן קאָן אַפילו דער גרעסטער גביר...

עס איז אַזוי ווייט שטיל, אַז מע הערט אַפילו די אַלטערטומס־פאַרשיקע פליגלען אויף דער פאַרפוילטער וואַנט... עטלעכע פון זיי דזשאָבען אַ שטיקל אבן־עזרא גאָר געשמאַק, אַבי שטיל — שאַ!

עס איז אַזוי שטיל, און עס איז אַזוי גוט און מנוחהדיק אינעם שטילן, אַז אַפילו דער „חלזון" האָט קיין אויפזען נישט געמאַכט!

איינער האָט קוים אויסגעצענוצט אַ לאַנגן „אַאַ!", דער צווייטער האָט גע־וואָלט עפּעס זאָגן און האָט זיך אין מיטן פאַרהוסט, דעם דריטן האָט מען אַ צי געגעבן ביי דער פאָלע, האָט ער זיך באַלד צוריק אַנידערגעזעצט דרימלען און ווייטער שטיל...

דער עולם איז געשלאָפן, און דעמאָלט איז די בעסטע צייט געווען פאַר די וואַנצן, עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער ממשלה. עס זיינען פון אַלע זייטן פונעם קראַנקן בעט אַרויסגעקראָכן קליינע און גרויסע וואַנצן... ווי שטיל און ווי פיין עס קריכט! נאָר איינע האָט שוין באַמערקט, אַז צעקוועטשן טאָר מען זיי נישט...

ראַפּטום — טראַך!

עס האָט אַריינגעשלאָגן אינעם שטילן בית־המקדש אַריין אַ דונער!

צי איז דאָס באמת געווען אַ דונער? אפשר אַ קלאַפּ פון אַ דאַך־באַשלעגער אין דער בלעך? אפשר גאָר — איך בעט איבער אייער כבוד — אַ ניעס נאָך אַ גרויסן שמעק־טאַבאַק?

איך מיין, עס איז גאָר געווען אַ ניעס, העכסטנס — נאָך טשעמירזיצע אָדער שטאַרק יו״כ־טראָפּן. נאָר מיינע ליטעראַרישע שכנים זאָגן, אַז עס האָט

געדונערט. עפּעס אַ ישיבה־בחור האָט געמאַכט אַ ברכה איבער אַ דונער. טייל האָבן געלייגט שמירה אויף די פענצטער, און אַ דענערווירטער האַלב־פאַרריקטער האָט זיך באַהאַלטן אונטערן איבערבעט!

דער דונער איז אייגנטלעך געווען אַ גראַבער! עס האָט געשפּריצט מיט שטיקנדער בלאָטע, עס האָט געשטעקט דערינען אַ שטיקל מלשינות אויך... און דאָס האָט געזאָלט טרעפן אונדזערע זשאַרגאָניסטן! געוואָלט, דער זשאַר־גאָן פירט אונדז איבער! דער זשאַרגאָן וועט אונדז ברענגען אין שאול־תחתיה אַריין... די זשאַרגאָניסטן זיינען פּושעים, רוצחים, הולטאַיעס וכדומה אַזוינע שיינע זאַכן...

85

צו דוד יוסף קאַפּלאַן

(פון פּויליש)

[ד. י. קאַפּלאַן, דער שפּעטערדיקער אַרויסגעבער פון א. רייזענס „דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט", האָט איבערגעזעצט ש. פרוגס באַקאַנט ליד „דער כוס" פון רוסיש אויף יידיש, און צוגעשיקט פּרצן פאַר די זאַמלביכער „די יודישע ביבליאָטעק", וואָס פּרץ האָט דאַן אַרויסגעגעבן אין וואַרשע. דער בריוו, געשריבן דורך פּרצן אין פּוילישן, איז אַן ענטפער ד. י. קאַפּלאַנען. פּרץ האָט די איבערזעצונג נישט פאַרעפנטלעכט און שפּעטער אַליין איבערגעזעצט פרוגס ליד אויף יידיש, געדרוקט אין צווייטן באַנד „די יודישע ביבליאָטעק", וואַרשע 1891. די קאָפּיעס פון פּרצעס בריוו צו ד. י. קאַפּלאַן זיינען מיר צוגעשיקט דורך יצחק צבי לעווי פון לייפּציג, וואו ד. י. קאַפּלאַן האָט צו יענער צייט (1928) גע־וואוינט, מיט דערקלערונגען, וואָס ד. י. קאַפּלאַן האָט אים וועגן די בריוו געגעבן.]

וואַרשע, 7 אָקטאָבער, 1891.

די איבערזעצונג איז זייער גוט. מיר בעטן דעם איבערזעצער ער זאָל צושטעלן אונדז דעם אָריגינאַל (פונעם ליד) אָדער אַן אָפּשריפט, כדי צו פאַר־גלייכן. די אונטערשריפט איז נויטיק. פון די, וואָס באַהאַלטן זיך מיט זייער אַרבעט פאַרן פאָלק, נעמען מיר נישט אָן קיין מיטהילף. אַנדערע מאָטיוון פון אַ פּסיידאָנים מוזן זיין אויפגעקלערט.

אויב צוליב וועלכע ס'איז סיבות, וועט דער איבערזעצער נישט וועלן קומען (פון דער קומענדיקער וואָך אָן — צעגליאַנאַ 1, די רעדאַקציע איז אָפן

פאַר ליטעראַרישע ענינים פון 4 ביז 6 נאָכמיטאָג) צו פאַרגלייכן, זאָל ער אונדז איבערגעבן די רעכט צו פאַרריכטן, אויב ס׳וועט נייטיק זיין. —

רעדאַקציע.

86

צו דוד יוסף קאַפּלאַן

[נאָך דער איבערזעצונג פון פרוגס ליד „דער כוס", האָט ד. י. קאַפּלאַן צוגעשיקט פרצן אַן אָריגינעל ליד אין יידיש, „כותל-מערבי". דער בריוו איז אַ תשובה צו קאַפּלאַנען. אין דעם בריוו דערמאָנט פרץ ווידער וועגן דער איבערזעצונג פון פרוגס „דער כוס".]

(פון העברייאיש)

מיין הער!

די איבערזעצונג, רעכן איך, וועט געדרוקט זיין נאָר נאָך דעם, ווי אייניקע ערטער וועלן פאַרריכט ווערן, אויב איר וועט דערלויבן. — „כותל מערבי" וועט איר צוריק באַקומען — מחמת ס׳איז שוואַך. „פיל געדאַנקען און ווייניק ווערטער", האָט נעקראַסאָוו געזאָגט, און דאָ איז אַ קליינער געדאַנק (און אַן אַלטער, פויל פון אַלטקייט), און זעכצן פערזן זיינען צופיל פאַר אים. אויב איר קאָנט פאַרריכטן אויף אַזאַ אופן, ס׳זאָלן זיין אַממערסטן 3 פערזן (ס׳זיינען גענוג אויך צוויי).

[דאָ ווערן געבראַכט אין העברייאישער איבערזעצונג צוויי סטראָפעס פון דעם ליד צו 4 שורות, און אין דער דריטער סטראָפע 1 שורה.]

דאַן וועט ראוי זיין צום דרוק.

די ערטער, וואָס זיינען באַזונדערס שלעכט, האָב איך מיר דערלויבט אָנצומערקן מיט אַ רויטן בלייַשטיפט. —

זיין פאַרערער

דער אַרויסגעבער.

87

צו דוד פאַלק

[דער בריוו איז געשריבן צו דוד פאַלק אין זאַמאָשטש. — דוד פאַלק, דאַן אַ יינגל פון אַ 12 יאָר, האָט צוגעשיקט צו פּרצן אין וואַרשע פאַר דעם זאַמלבוך „די יודישע ביבליאָטעק" אַ יידיש ליד. ווי פּרצעס אַ בן-עיר, האָט ער באַקומען אַן אויספירלעכע תשובה פון פּרצן. דוד פאַלק איז אין 1927 געווען אַ זאַמאָשטשער תושב, אַן עלטערער ייד, פרום געקליידט, איינער פון די זאַמאָשטשער פאַרערער פון פּרצן.]

(פון העברייאיש)

וואַרשע, 19 נאָוועמבער, 1891.

מיין הער!

צוליב מיין תשובה, וואָס איך דאַרף אייך געבן, וועט קאַרג זיין אַן אָפּן בריוול. נאָר ווי פאַר מיינעם אַ בן־עיר טו איך לפנים משורת הדין (נישט צו טאָן עס אָן באַצאָלטס פאַר אַ צוריק־תשובה) און איך ענטפער אייך אין אַ פאַרמאַכטן בריוו.

אייער שיר, וואָס איר האָט מיר געשיקט, קאָן נישט געדרוקט זיין צוליב פאָלגנדיקע טעמים:

1) אויסער אַ וואַרעם געפיל איז אין אייער שיר נישטאָ ניט קיין שיינקייט און נישט קיין נייער געדאַנק. יעדער בעל־חי פילט, פונקט ווי יעדער בעל־חי דענקט, אָבער פונקט ווי דער שריפטשטעלער, וואָס וויל דרוקן אַן אַרטיקל איבער אַ וויסנשאַפטלעכער פראַגע, מוז זיך פריער דערהויבן מיט זיינע געדאַנקען איבער דעם פאָלק, וועמען ער וויל לערנען, כדי ער זאָל קאָנען דערגאַנצן, וואָס עס פעלט זיי אין געדאַנק און נישט גלאַט צוגעבן היי און שטרוי אין די מוחות, וואָס זיינען שוין אָנגעשטאָפּט מיט היי און שטרוי, אַזוי אויך דאַרף דער דיכטער, וואָס וויל רירן הערצער מיט זיינע געפילן, געבן אַ ניי געפיל אָדער אין דער פאָרם אָדער אין דער גייסטיקער דערהויבנקייט אָדער מיט דעם פאַטאָס און אַלץ אין דער באַציאונג צו שיינקייט. דאָס געפיל, וואָס איר פילט צו ירושלים און א״י, איז נישט מער און נישט וויניקער פון די אַלע געפילן פון די חובבי־ציון, און אויב מיר וועלן גיין פאַרעפנטלעכן אָט די אַלע געפילן, דאַן וועט די צאָל דיכטער מערער זיין, ווי די צאָל לעזער.

2) אייער שיר הענגט חוץ דעם אין דער לופטן. איר האָט געוואָלט דערציילן וועגן אייערע געפילן צו דעם הייליקן לאַנד, און צו דעם ציל האָט איר נישט דערגרייכט, ווייל אין אייער ליד איז נישטאָ גאָרנישט פון דעם הייליקן

לאַנד. מיר קאָנען נישט וויסן מיט וואָס האָט עס פאַרכאַפּט אייער האַרץ, ווי אַרום איז אייער האַרץ אַזוי געבונדן מיטן לאַנד? כדי איר זאָלט קאָנען פאַר־שטיין די זאַך, נעמט דעם שיר, וואָס איר האָט אָנגעשריבן, און נישט געענדערט אין אים קיין אות, לייענט אים איבער פאַר אייערן אַ חבר און איר זאָלט פאַרבייטן נאָר דעם נאָמען און זיך זאָלט אים זאָגן, אַז דער שיר באַציט זיך נישט צו ארץ־ישראל, נאָר צו עפּעס אַ מאַטרענאַ אָדער מאַריאַ אָדער שיינדל אָדער עפּעס אַן אַנדער שיין מיידל. דאַן וועט איר זען, אַז דאָס ליד איז זייער און זייער צוגעפּאַסט:

טרערען פליעסען געמישט מיט בלוט
און איך דענק (נור) וועגען דיר,
דיך פערגעססען קאָן איך ניט,
בייא יעדען טריט פעהלסט דו מיר.

ווען וועט דאָ איינפאַלן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן ירושלים און נישט וועגן מאַטרענאַ!

און נאָך מער, די שירות וואָס קומען נאָך דעם:

(ווייל) דוא ביסט מיין בעסטער זעגען,
אין דיר העגנט מיין גאַנצעס גליק;
איך ווילל קיין געלד און קיין פערמעגען,
איך ווילל נור דיין ליעבען בליק.

דער „ליבער בליק״ האָט מער אַ שייכות צו עפּעס אַ פיין מיידל און נישט צו ציונס־פעסטונג, און אויך דעם אויסוואַל, וואָס איר מאַכט צווישן געלט און ליבע, פּאַסט זיך מער צו צו אַ „שידוך״, אַז ס׳איז אייך בעסער אַן אָרעם מיידל מיט איר ליבע און שיינקייט, איידער אַ רייכע, וואָס איז אייער האַרץ פרעמד.

איר באַדאַרפט וויסן, אַז דאָס געפיל ווערט געבוירן דורך דער באַגעגעניש פון צוויי אָביעקטן, און לויט דער נאַטור פון זייביידן איז דער כאַראַקטער פון דעם געפיל, און דעריבער אַ געפיל אָן אַ פאָרשטעלונג, וואָס שטייט פאַר די אויגן, קאָן נישט אויפגענומען ווערן דורך אַן אַנדערן, ווייל ער קומט נישט אַרויס ווי ס׳דאַרף צו זיין אין אַ קאָנקרעטער פאָרשטעלונג.

פּאָעזיע האָט אַ מעטריק, און איר ווייסט וועגן דעם נישט. אַמאָל האָט מען געהאַלטן, אַז די זילבן (התנועות) זיינען גאַרנישט מיט גאַרנישט.

לויט דער מעטריק, וואָס מיר האָבן איצט געלערנט פון פרעמדע שפּראַכן, איז דער עיקר דער סדר פון די זילבן לויט די לייכטע און שטאַרקע קלאַנגען. איר באַדאַרפט צוערשט אויסלערנען מעטריק (ס׳איז גענוג פאַר איר אַ וואָך

לייענען מיט איבונגען), וואָס איר וועט געפינען אין אַלע שפּראַכן.

4) דער ווילן צו שרייבן און די גרינגקייט צו שרייבן קומען דאָס רוב פאַר דער מעגלעכקייט צו קאָנען זאָגן עפּעס אַ נײַ וואָרט, קומען פאַר דעם לערנען. אויב איר ווילט זיך באַנוצן מיט אַ פאָרם, וואָס איר פילט, דאַרפט איר לערנען, לייענען אַ סך, זיך אָפּגעבן מיט נייע ביכער, צו דענקען און זיך אָנשטאָפּן מיט די איצטיקע וויסנשאַפטן, און ערשט נאָכדעם וועט איר זיך לאָזן שוועבן אויף די שפּיץ־בערג (פּאָעזיע), אָדער גיין (פּראָזע) און זינגען און רעדן פאַר דעם פאָלק.

מיט אַכטונג
ל. פרץ.

דער פּרייז פון דער „ביבליאָטעק": באַנד א' — 1 ר' 20 קאָפּ'; באַנד ב' — 1 ר' 20 קאָפּ';ביידע צוזאַמען — 2 רובל.

דער צווייטער באַנד וועט דערשיינען אינגיכן. —

אפשר קאָנט איר מיר פאַרשאַפן עפּעס אַ גוטן אַגענט פאַר מיינע ביכער: „ביבליאָטעק", „אַרגענטינע" און אַנדערע, וואָס איך וועל אינגיכן אַרויסגעבן שרייבט.

88

צו יצחק גוידא (ב. גאָרין).

[די בריוו צו י. גוידא, ווי אויך די בריוו צו יהואש און דוד פּינסקי זיינען צוערשט פאַרעפנטלעכט דורך ד"ר י. שאַצקי, „ייוואָ־בלעטער" ווילנע, 1937.]

(פון רוסיש)

[פון וואַרשע קיין לידע, 1890.]

חשובער הער,

איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, אַז די צוויי דערציילונגען, וואָס מיר האָבן פון אייך, קאָנען ניט זיין געדרוקט אַן שטאַרקע ענדערונגען.* אַ צווייט מאָל וועל איך אייך דערקלערן די סיבות. איצט אָבער אויס מאַנגל אין צייט, בעט איך אייך העפלעכסט מיר תיכף לאָזן וויסן, צי זענט איר ניט מסכים אָדער יאָ מסכים אויף די ענדערונגען. איך שטעל זיך אייך פאָר ווי אַ יונגן מאַן אַן אַנפאַנגער, מיט אַ טאַלאַנט, וואָס האַלט זיך אין אַנטוויקלען און וועלכער

* אין ערשטן באַנד „די יודישע ביבליאָטעק", 1891, איז פאַרעפנטלעכט י. גוידאָס דערציילונג „שכנא און שרגא".

וועט מיט דער צייט זיך ניט אונטערגעבן דער צענזור פון די רעדאַקטאָרן, אָבער ביז דער טאַלאַנט וועט ניט ווערן גענוג שטאַרק — דערלויבט זיך אַ ביסל פירן פון עלטערע. אויב איך בין זיך טועה, נעמט ניט פאַר אומגוט.

איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף אייער ענטפער.

ל. פרץ

[אַדרעס] „ל. פערעצו, וואַרשאַווא, דזיקאַ 4.“

יאָ, איך האָב פאַרגעסן אייך צו ענטפערן אויף דער פראַגע פון האָנאָראַר. איך האָב אייך שוין איין מאָל געשריבן, אַז האָנאָראַר וועט באַשטימט ווערן פאַר אַלע מיטאַרבעטער לויט די הכנסות. נאָר אפשר פאַרלאַנגט איר צו באַקומען באַזונדערע אָפּדרוקן פון אייער דערציילונג, איך האָף צו זיין אין שטאַנד צופרידנצושטעלן אייער פאַרלאַנג.

אַנטשולדיקט פאַר דער צעוואָרפנקייט פונעם בריוו. נישטאָ קיין צייט!

ל. פ.

89

צו יצחק גוידאָ (ב. גאָרין)

(פון רוסיש)

[1892.]

פריינד מיינער!

דאָס געלט באַקומען און דעם בריוו באַקומען.

פאַר דעם געלט אַ גרויסן דאַנק אייך: עס איז געווען נייטיק ביז גאָר. אַ קראַנקהייט ווייס ניט קיין קאַטאָוועס.

מיר איז אַ סך בעסער, נאָר איך בין נאָך אַלץ שוואַך און קען ניט לאַנג איינזיצן ביי דער אַרבעט.

די פראַגע אויף וויפיל יאָר די דערציילונג איז פאַרקויפט לאָז איך אייך איבער צו פאַרענטפערן. אויב איר ווילט, קענט איר מיר וועגן דעם מודיע זיין. און איצט צו דעם ענין פון דעם העברייאישן פאַרלאַג.

איך באַוואונדער אייער אומפּראַקטישקייט. וואָס פאַר אַן אָרנטלעכער מחבר (און מיט ניט קיין אָרנטלעכע וועלן מיר מסתמא קיין געשעפטן ניט האָבן) וועט, פרעג איך אייך, שיקן זיין ווערק קיין וואַרשע, כדי ער זאָל באַקומען דעם האָנאָראַר אין ווילנע.

דריי ווערק האָב איך פּאָזיטיוו: 1. פון בן־ציון,* 2. מיינס און 3. אייערס,

* בן-ציון (גוטמאַן) — שפּעטער געשריבן נאָר העברייאיש. אין צוויטן באַנד פון פּרצעס ביבליאָטעק האָט ער אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג א"ט „מיין חבר“ (א"פ ש. ציונסאָן).

פינסקיס אָדער פון אַ דריטן אָרעמען טייוול. איז דאָס דען דער עיקר?

איך האָב טאַקע באמת פאַרטיק אַ דערציילונג, איר אויך — און אויב איר האָט ניט, וועט איר האָבן. פינסקי שרייבט שוין און ציונזאָן האָט אַ פּאַק מיט נאָוועלן.

איך קען זיך אונטערשרייבן, אַז אין משך אַפילו פון אַ 5—6 יאָר וועל איך ניט אונטערנעמען אַזאַ אויסגאַבע. דאָס איז אַ געזעצלעכע פאָדערונג.

פונדעסטוועגן איז נייטיק אַ סומע, וואָס זאָל מיך פאַרזיכערן, אַז דאָס איז אַן ערנסט געשעפט, איז דעריבער איינס פון די ביידע, אָדער אונדזער שותף האָט אַ קאָרעספּאָנדענט אין וואַרשע, ביי וועמען עס וועט דעפּאָנירט ווערן אַ סומע אין דער ווערט פון אַ דריי־פיר אַרבעטן מיט די הוצאות פון רעדאַקטירן זיי, אָדער ער וועט אַנאָנסירן די אויסגאַבע און ניט איך, נאָר ער וועט מיך אָנגעבן פאַר דעם רעדאַקטאָר. עס וועלן זיין צוויי אַדרעסן: פון דער רעדאַקציע און פון דער אַדמיניסטראַציע.

וואַרטנדיק אויף אייער ענטפער פאַרבלייב איך כמעט געזונט

ל. פרץ

90

צו יצחק גוידא (ב. גאָרין)

(פון רוסיש)

[.1892]

חשובער הער!

אויף אַלץ מסכּים, אָבער פאָרמאַליטעטן, צענזור?

ווי אַזוי האָט איר בדעה צו אַנאָנסירן די אויסגאַבע?

אַלץ איז אָן ספק זייער שיין, סימפּאַטיש, וואויל און אַוודאי בין איך אויך אויף אַלץ גרייט, אָבער איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו,* וואָס וועט ער זאָגן?

אַרויסלאָזן אין דער וועלט אַ ביכעלע איין מאָל אין צוויי וואָכן, פיר זאַמל־ביכער אַ יאָר, וואָס רעדט איר, וואו זענט איר?

מען דאַרף דאָך קודם־כל באַטראַכטן די רעכטלעכע זייט פון דעם געשעפט. לאָמיר אָננעמען, אַז די זאַמלביכער קענען האָבן צוויי רעדאַקטאָרן וואָס זאָלן זיך בייטן, איך האָב אין זינען אייך און דינעזאָנען, אָבער די ביכלעך? אויב די וועלט וועט ניט וויסן דאָס שייכות צווישן די ביכלעך גופא און צווישן זיי און יעדן זאַמלבוך באַזונדער איז אַ ספק צי די זאַך זאָל גיין ווי געהעריק.

* געמיינט די צאַרישע מאַכט, וואָס האָט ניט געגעבן קיין דערלויבעניש אויף אַ פּעריאָדישער יידישער אויסגאַבע.

לאָמיר אָננעמען, אַז אַרומפאַרנדיק איבער די וויכטיקסטע צענטערס וועט איר אין יעדן אָרט קענען 2—3, העכסטנס 10 לייענער אָדער ליבהאָבער פון ליטעראַטור באַקענען מיט דער גאַנצער אויסגאַבע, אָבער דאָס איז דאָך נאָך ווייניק.

איך מיין, אַז אַחוץ די רעדאַקטאָרן איז נייטיק איין אַלגעמיינער אַרויס־געבער, וואָס זיין נאָמען זאָל אַראָפּשיינען פון אַלע ביכלעך, ווי דער נאָמען בן־אַביגדור.

וואָס שייך דינעזאָנען, בין איך ערב פאַר אים. ווי ער וועט קומען צו פאָרן, וועל איך אים צווינגען צו שרייבן. איך וועל אים אויך אָנשרייבן קיין קיעוו.

אַ רחמנות אויף אים! ער איז איצט אין זייער אַ געדריקטער לאַגע.

זיצט אַ מענטש אין קיעוו אָן אַ קאָפּיקע געלט, און דאָס געשעפט, וואָס צוליב דעם איז ער אַהין געפאָרן, איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. אַז איך קען אים ניט העלפן, ווייסט איר מסתמא.

ווען איר זאָלט קענען אים אַרויסשיקן אויף דעם חשבון פון זיין אַרבעט אָדער פון מיינער אַ פּופצן רובל, וואָלט איר געטאָן אַ גוטע זאַך.

אויב מעגלעך, ווען אַפילו דער האָנאָראַר, ווי עס איז צו זען פון אייער בריוו, איז פּראָיעקטירט דערוויילע נאָר פאַר דער רעדאַקציע, וואָס איר לייגט זי מיר פאָר, זאָלט איר אָבער דאָס פאַרשווייגן. אדרבא, שרייבט אים, אַז איך בין מיט אייך מושווה געוואָרן פאַר זיינעט וועגן, ער זאָל אָנשרייבן אַ דער־ציילונג פון איין דרוקבויגן, גיט אים בסך־הכל איין וואָך צייט און דאָס געלט פאַררעכנט אויף מיין חשבון, פאַר רעדאַקציע.

דינעזאָנס אַדרעס: קיעוו, ראָגניעדינער גאַס, הויז זשיוואָגליאַדאָוו, נ. ד. לורי פאַר דינעזאָן.*

עס פרייט מיך זייער וואָס איר קומט צו פאָרן קיין וואַרשע: עס וואָלט זיך וועלן מיט אייך ווידער אַן אַמפּער טאָן וועגן דאָס און יענץ, דערהויפּט וועגן אויסראָטן די העברייאישע שפּראַך.

מיט אַכטונג

ל. פּרץ

---

* גווידאָ האָט דינעזאָנען ניט געשיקט קיין געלט. פּרץ האָט אין צווישן געלאָזט וויסן דינעזאָנען, אַז ער וועט באַקומען געלט פון ווילנע. — אין אַ בריוו פון 21טן סעפּטעמבער, 1892, שרייבט פּרץ צו דינעזאָנען קיין קיעוו, אַז „מיטאַמאָל איז פון דאָרט אַלץ איבערגעריסן.״ (זע וויטער פּרצעס בריוו צו י. דינעזאָן.)

91

צו יצחק גוידא (ב. גאָרין)

(פון רוסיש)

[1892.]

ח׳ ה׳!

אייער בריוו פרייט מיך זייער, ערשטנס וואָס איר נעמט זיך צו דער זאַך און, צווייטנס, וואָס דער ענין איז אַ וויכטיקער. מכּוח מיין מיטאַנטייל, מיט־אַרבעט און וואָס פאַר אַ „מיט״ איר ווילט נאָר, דאַרפט איר ניט פרעגן; בין גרייט צו דינען מיט מעשׂים, מיט לייב און זעל.

לאָזט מיר וויסן די פּרטים.

איך פון מיין זייט לייג פאָר אַ מיניאַטור־גראָשענע אויסגאַבע, דערהויפּט פון איבערזעצונגען. אויב איר פאַרמאָגט 200 רובל, קענט איר פאַר דעם געלט אָפּדרוקן אַ סך, אַ סך גוטע בראָשורן, ווייל די דאָזיקע סומע וועט אייך עפענען אַ קרעדיט און מיט דער צייט וועט זיין הכנסה.

דער עיקר איז די פאַרשפּרייטונג.

מען דאַרף האָבן אַגענטן אין יעדן יידישן צענטער. אַגענטן על מנת לקבל פרס, ווייל אסיא למגן מגן שויא [אסיא דמגן מגן שויא]*.

פאַר מיר איז גאָר קיין חידוש ניט וואָס „שכנא און שרגא״ ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט; עס איז נאָר אַ ווייטאָג וואָס די אויפמערקזאַמקייט איז אַ פּלאַטאָנישע.

די ביבליאָטעק** גייט כמעט ניט. וואָס זאָל מען טאָן?

אַ שאָד! זאָגט, וואָס איר ווילט, עס איז אַ אייראָפּייאישע אויסגאַבע!

שלום־עליכם טרעט צו אַרויסצוגעבן דעם דריטן באַנד; דערווייל האָט ער אַרויסגעגעבן דעם „קול מבשר״*** צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסלעך קעגן מיין אומגליקלעכער פּערזאָן. שלום־עליכם איז פאָרט אַ טאַלאַנטירטער שרייבער! פאַר וואָס קריכט ער אין אַ בלאָטע?

ווידער אַ שאָד!

דער „וואָסכאָד״ דערמאָנט גאָרניט וועגן מיין „ביבליאָטעק״****; איך

---

* אַגענטן באַצאָלטע, ווייל אַן אומזיסטיקער דאָקטאָר איז גאָרנישט ווערט.

** די יודישע ביבליאָטעק, ערשטער באַנד, אַרויס 1891.

*** אַרויס אין אָדעס, אין 1892 א״ט קול מבשר צו דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטהעק״, 80 עמודים.

**** דער „וואָסכאָד״ האָט געשריבן וועגן די ביידע בענד פון דער יודישער ביבליאָטעק אין 1892.

גאַראַנטיר, אַז פאַר שלום־עליכמען וועט זיך געפינען אי פּלאַץ, אי אַ קריטיקער.

אין „קול מבשר" זיינען גוט דאָס געדיכט „וויעגען־ליעד" און אויסגעצייכנט איז אָנגעשריבן דער פאַרס „לאָנדאָן",* דאָס איבעריקע — נול.

און אַלץ דוכט זיך אָנגעשריבן פון איין פען.

רעדנדיק אויבן וועגן איבערזעצונגען, האָב איך פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז דאָס איז שייך אויסשליסלעך פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען. דער־וויל נאָך קען מען אין גאַנצן לאָזן צו רו אונדזערע היימישע קוואַזי־געלערנטע. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז די אַלגעמיינע אייראָפּייאישע פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור קלאָגט זיך מיט דער שפּראַך פון נביא: ואותי[!] עזבו מקור מים חיים לחצוב להב בארות נשברים אשר לא יכילון[!] המים.**

אָבער דאָס באַקלאָגן זיך איז נאָך אַלץ ניט קיין ריכטיקס; עס איז קיין וואַסער ניטאָ. עס איז עפּעס אַ שאָוויניסטישע בלאָטע.

באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען אָפּגעבן די סאָציאַלע וויסנ־שאַפטן. קודם־כל איז נייטיק צו פאַרעפנטלעכן אַן איבערבליק איבער דעם צושטאַנד פון די דאָזיקע וויסנשאַפטן ביי פאַרשיידענע פעלקער. דער איבער־בליק דאַרף אָנגעשריבן ווערן מעשה רשת.

דינעזאָן איז נאָך אַלץ אין קיעוו.

אין דערוואַרטונג אויף פּרטים

פאַרבלייב איך (סוחריש)

מיט דרך־ארץ

ל. פּרץ.

דאַרפט איר דען האָבן די דאַטע? עמעצער האָט ביי מיר צוגענומען פון דער וואַנט דעם לוח, און קאָפּ איז ער קיין מאָל ניט געווען.

* דאָס איז אַ קאַפּיטל פון „מנחם מענדל".

** מיך, דעם לעבעדיקן קוואַל, האָט מען פאַרלאָזט און מ'זוכט ברונעמער, וואָס פאַרמאָגן קיין וואַסער נישט.

92

צו יעקב דינעזאָן

[דעם בריוו און די עטלעכע ווייטערדיקע העברייאישע בריוו האָט פּרץ געשיקט צו יעקב דינעזאָן קיין קיעוו, וואו דינעזאָן האָט געוואוינט אין די יאָרן 1892—1896. עס איז שוין געווען נאָך דעם, ווי דינעזאָן האָט אַרויסגעגעבן פּרצעס ביכל „בעקענטע בילדער" (אין יאָר 1890) און נאָך דעם, ווי ס'זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך פּרצן מיט דער הילף פון יעקב דינעזאָן די ערשטע צוויי בענדער „די יודישע ביבלאָטעק" (וואַרשע 1891). אגב, אין צווייטן באַנד „די יודישע ביבליאָטעק" איז געווען געדרוקט דינעזאָנס „הערשעלע", וואָס איז שפּעטער אַרויס אַ באַזונדער אויסגאַבע.]

(פון העברייאיש)

ידידי!

דו שרייבסט מיר נישט, וואָס דו האָסט אויפגעטאָן אין ניעזין, אַ סימן, אַז דו האָסט נאָך נישט באַקומען דיין געלט, און דאָס באַדויער איך זייער שטאַרק... מאָניש * איז נאָך נישט אַרויס פון דרוק, און אַז ער וועט אַרויס וועט ער זיין זייער מיאוס. פאַראַן אַ געוויסער דרוקער אין וואַרשע, הייסט ער אָרגעלבראַנד, אָבער ער איז אַ גרויסער כלב, און די איבעריקע — טויגן אַלע אויפן פייער.

איך ציטער „ווי אַ פיש אין וואַסער" פאַרן יום־הדין פון מיינע קליינע דערציילונגען.** דער, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם ים אין אַ טריקעניש, זאָל גוט מאַכן צו מיר קאַראַשעס *** הארץ. די „ביבליאָטעק" איז אַלעמען זייער שטאַרק געפעלן. מען זאָגט, אַז דער צווייטער באַנד **** שטייט פיל העכער פונעם ערשטן — 50 פּראָצענט!

---

* נישט זייענדיק צופרידן מיט די ענדערונגען, וואָס שלום־עליכם האָט געמאַכט אין „מאָניש", בעת ער האָט עס פאַרעפנטלעכט אין דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטהעק", האָט פּרץ, ווי שוין אָנגעוויזן, אַרויסגעגעבן „מאָניש" אין אַ באַזונדער העפט.

** געמיינט די קליינע דערציילונגען, וואָס האָבן באַדאַרפט דערשיינען אין אַ באַזונדער ביכל.

*** ס'איז אפשר דער צענזאָר.

**** דער צווייטער באַנד „די יודישע ביבליאָטעק", אַ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, געזעלשאַפט און עקאָנאָמיע, ערשיינט צוויי מאָל יעהרליך, רעדאַגירט און הערויסגעגעבן דורך י. ל. פּרץ, וואַרשע 1891. אין 2טן באַנד זיינען צווישן אַנדערן אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקע זאַכן פון פּרצן: וואָס הערט זיך (פאָרוואָרט);

ווען איך האָב באַקומען דיין בריוו, האָב איך געמאַכט אַ גרויסן טומל, און נאָך איידער איך האָב באַקומען דעם בריוו, האָב איך אויסגעגאָסן מיין שווער האַרץ צו אָרגעלבראַנדס קאָפּ, און דער דריטער * וועט זיין אונטער אונדזער האַנט, און וואָס דער שוטה האָט אָפּגעטאָן, האָט ער שוין אָפּגעטאָן.

ה׳ שולמאַן ** האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט. ער האָט טאַקע געשיקט דאָס געלט פאַרן ערשטן טייל, איך ווייס אָבער נישט, ווער ס׳האָט אָפּגענומען דאָס געלט (איך בין נעכטן געווען אויף פּאָסט, אָנגעשריבן, ווי דער שטייגער, אַ מודעה, און מאָרגן וועל איך באַקומען אַ תשובה און וועל וויסן, וואָס ס׳איז געוואָרן מיטן געלט), אָבער ה׳ שולמאַן האָט נישט געענטפערט אויף מיינע בריוו. פאַרוואָס? צי דערפאַר, ווייל ער איז אַ גביר און אַ שרייבער, און איך בין אַ שרייבער און אַן אָרעמאַן?

ווען איך וועל באַקומען די ידיעה פון דער פּאָסט, וועל איך אים שרייבן און מיטטיילן, וואָס מיט זיין געלט איז געשען. אָבער צי קען איך בעטן ביי אים אַ מאמר, אָנקניפּן מיט אים באַציאונגען און ווידעראַמאָל וואַרטן אויף זיין ענטפער ביז משיחס צייטן? איך זע דיין פּנים, עס איז אומעטיק; מיינע ווערטער וועלן דיר נישט זיין צום האַרצן; נו, זאָל שוין זיין, ווי דו ווילסט, כ׳וועל אים שרייבן איצט, דעם צווייטן באַנד האָב איך אים נעכטן אַרויסגעשיקט.

ווען קומסטו? איך בין שוין מיד געוואָרן צו וואַרטן אויף דיר. פאַר־שטייט זיך פון זיך אַליין, אַז מיין פרוי לאָזט דיר גריסן.

דיין ברודער

ל. פּרץ.

בילדער און נאָוועלן: האַלט ס׳מויל, מענדל ברייניס, אַ קלעזמערס טויט, ס׳הערצל צאַפּלט, די אלמנה, די לעזערין, דאָס זיבנטע בענטש-ליכטל. אין דעם באַנד איז אויך אַריין פּרצעס „בילדער פון אַ פּראָווינץ-רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט אום 1890 יאָהר", מיט אַן אויפשריפט: „געווידמעט די אַלע וואָס האָבן ג ע ו ו אָ ל ט, נאָר, לײדער, נישט ג ע ק אָ נ ט העלפן" (זייטן 75—141) און „קליינע געדיכטע" פון פּרצן: אמת ושקר, דער לבנהס שוועסטער, אַ טרער, און אדום (נאָך היינע), ער און זי (אַן אַלטע היסטאָרישע פּאַבל), דער כוס (פון פרוג), מיש-מאַש. דערנאָך אַן אַרטיקל פון פּרצן וועגן געשיכטע, פעליעטאָן פון לץ פון דער רעדאַקציע און „קריטיק וועגן פאַרשיידענע ביכער און ביכלעך" געחתמעט בן-תמר (אויך פּרץ).

* דער ד ר י ט ע ר באַנד פון דער „יודישער ביבליאָטעק" איז דערשינען ערשט אין יאָר 1894.

** אליעזר שולמאַן — דער באַוואוסטער העברייאישער שריפטשטעלער און פאָרשער פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור (געבוירן 1838, געשטאָרבן 1904). געווען אָנגעשטעלט אין קיעוו ביי די בראָדסקים.

93

צו יעקב דינעזאָן

[געשריבן אויף אַ פּאָסט-קאַרטל, פון וואַרשע קיין קיעוו. דער אַדרעס „ראָגנעדינסקע גאַס, הויז פון זשיוואָגליאַדאָוו, ג. ד. לוריע, פאַר ה' דינעזאָן."]

(פון העברויאיש)

וואַרשע, 21 סעפּטעמבער, 1892.

ידידי!

אַז דו ביסט געווען קראַנק און דו ביסט געזונט געוואָרן, האָב איך זיך דערוואוסט פון דיין שוועסטער. אין דעם... איז קענטיק געווען אַ פונק פון מיטגעפיל... זי האָט דאָך געשיקט דעפּעשן!!! כ'האָב זי געטראָפן ראש־השנה (אין דער צווייטער העלפט פון דעם „יומא אריכתא"), און זי האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן איר גאַנץ... האַרץ. פון אירע רייד האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דו פירסט אירע עסקים אין קיעוו... זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז דו האָסט באַקומען אַ ביסל געלט פון אַ בעל־חוב, און, אַז מען האָט דיר צוגעזאָגט אויך דאָס איבעריקע, אָבער פון דיין בריוו זע איך עס נישט אַרויס.

פון ווילנע (נישט פון וויטעבסק) האָסטו קיין געלט נישט באַקומען, ווייל מען האָט נישט געשיקט; מיטאַמאָל איז פון דאָרט אַלץ איבערגעריסן, און אויך איך באַקום נישט קיין בריוו. אין דער שפּיץ שטייט דאָרט גאָידאַ,* און לויט זיין לעצטן בריוו — וועט ער קומען אַהער (קיין וואַרשע) צו רעדן מיט אונדז.

וואָס שייך מאָווישיסזאָנען, קאָנסטו איבערגעבן די זאַך אין געריכט. מיר וועלן נאָך רעדן מכוח דעם, ווען דו וועסט קומען, וואָרים פון קיעוו וועט שוין קיין תורה נישט אַרויס.** —

די מגפה *** שטייט הינטער אונדזערע ווענט. פאַר יום־כיפור זיינען געווען עטלעכע פאַלן אין דער גויאישער וועלט, און נאָך יום־כיפור הויבן אָן אויך די געמלעטע צו באַקומען שלשול. און ס'איז שוין אַרויס אַ קלאַנג, אַז איינער פון אחינו בני ישראל (אין וועבערס **** שפּראַך) „איז געפאַלן טויט

---

* יצחק גוידאַ (ב. גאָרין) האָט דאַן אין ווילנע אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן יידישע ביכלעך א. נ. „קליינע ערציילונגען", אין דער סעריע איז שפּעטער אַרויס אויך פּרצעס אַ ביכל מעשיות.

** ס'איז פאַראַן אַ וואָרט „כי מקיוב תצא תורה", פון קיעוו וועט אַרויסקומען די תורה.

*** די כאָלערע, וואָס האָט דאַן געהערשט אין רוסלאַנד.

**** מיכל וועבער — העברויאישער שריפטשטעלער, דאַן מיטאַרבעטער פון „הצפירה".

אויף דעם מגפה־מזבח!" (אין דער שפּראַך פון די איבעריקע חכמים).

און דו גייסט פון זיג צו זיג! נאָכדעם, ווי דו האָסט געזען די מגפה פּנים אל פּנים אין קיעוו, וועסטו זי נאָכאַמאָל זען אין וואַרשע; אָבער דו ביסט געוואָרן אומבאַרירלעך, ווייל צוויי מאָל קען די צרה נישט געשען (ווער ווייסט ?).

ביז היינט האָבן מיר געזאָגט, אַז דער רבונו־של־עולם איז אַ פּראַוואָ־סלאַוונער, און אַז נאָר די פּראַוואָסלאַוונע היט ער אָפּ, ווי אַן אויג אין קאָפּ; איצט זעען מיר בחוש, אַז ער איז אויך אַ בורזשוי מיט אַלע פּיטשעווקעס, אַז ער איז דער גאָט פון די רייכע. אין לובלין איז געווען אַ שרעקלעכע מגפה, און אַפילו איצט, ווען זי איז שוין שוואַכער, נעמט זי אַוועק טאָג־טעגלעך פיל קרבנות. אָבער עס שטאַרבן בלויז אָרעמע לייט, און די בייכיקע גבירים לעבן און זיינען געזונט און שטאַרק. ביז איצט פלעגט נאָך אַמאָל טרעפן, אַז די גבירים זיינען געשטאָרבן פון שרעק, איצט אָבער איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז די מגפה איז אַ מגפה פאַר אָרעמעלייט, און די גבירים פרייען זיך און... גיבן נדבות...

איך בין אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן סעקרעטאַר פון קאָמיטעט צו העלפן די אָרעמע בעת דער מגפה...*

דערפון וועל איך האָבן: אַ צושפּרונג צו דער פרנסה, זאַלץ צום וואַסער אויף קאַשע. —

דיין ברודער

ל. פּרץ.

94

צו יעקב דינעזאָן

[אויף דער פאָרטער זייט פון דעם גרויסן בריוו, איז נאָך פאַרבליבן נישט דערשריבן אַ דריי פערטל זייט, האָט פּרץ צוגעשריבן די באַוואוסטע ווערטער „בדי שלא להוציא הנייר חלק" — כדי דאָס פּאַפּיר זאָל נישט בלייבן גלאַט, — און אַראָפּגעצייכנט אַ ליניע ביז אַראָפּ זייט.]

(פון העברעיאיש)

ידידי!

דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן אין דער ריכטיקער צייט, און כ'האָב באַלד דיר געענטפערט, אַריינגעלייגט דאָס בויגעלע פּאַפּיר, פאַרשריבן פון אַלע זייטן, אין אַ קאָנווערט און אויך אַרויפגעקלעפּט אַ מאַרקע... אָבער איצט

* אין 1892 האָט פּרץ, אגב, פאַרפאַסט אַ ביכל „ווער עס וויל נישט—שטאַרבט נישט אויף חלי־רע", אַרויסגעגעבן פון וואַרשעווער יידישן הילפס־קאָמיטעט קעגן כאָלערע. די הסכמה פון דער וואַרשעווער מעדיצין־פאַרוואַלטונג איז דאַטירט דעם 6טן נאָוועמבער, 1892.

קען איך זיך נישט דערמאָנען, צי דער בריוו איז אַרויסגעשיקט, אָדער ער איז גאָר פאַרפאַלן געוואָרן און איז נישטאָ. דעריבער בין איך געצוואונגען דיר צו שרייבן נאָכאַמאָל.

ראשית חכמה — זאָלסט נישט פאָלגן מיין עצה, אויב איך וועל זי דיר געבן; דו ווייסט, אַז נישט איך בין דער מענטש, וואָס ווייס ווי צו באַגיין זיך אין לעבן, און דעריבער העגג איך אין רוים... אין צוויי חדשים אַרום דאַרף איך באַצאָלן דירה־געלט, און פונוואַנען צו קריגן געלט איז נישטאָ און וועט נישט זיין; נאָכדעם ווי ס'וועלן זיך ענדיקן די פעריען פאַר אוניווערזיטעט־סטודענטן, דאַרף איך באַצאָלן 50 רובל שכר־לימוד, און די „ביבליאָטעק" האָט ביז איצט נישט געפונען קיין אָפּנעמער, און די קליינע ביכלעך האָב איך פאַר־קויפט פאַר זייער אַ נישטיקן פרייז, אַז איך קען דיר פאַר חרפה פשוט נישט אָנרופן דעם פרייז... אָבער דאָס אַלץ רירט אָן (אָדער דרינגט אַריין) אין מיר און אין מיין לייב, און איך דאַרף דיר גאָר געבן אַן עצה.

לויט מיין מיינונג, דאַרפסטו זיך אומקערן קיין וואַרשע. בעסער אויס־צוגיין פון הונגער בהיתר, איידער באָדן זיך אין פוטער באסור *, בפרט אַז דאָרט האָסטו אויך נישט קיין זיכערן ברויט. כדי צו לעבן אָן רעכט, דאַרף מען האָבן אַנדערע נערוון, נישט דיינע, דו קענסט נאָך קראַנק ווערן. ווען איך זאָל זיין אויף דיין אָרט, וואָלט איך געשריבן אַ סך, און דער בחור פון איישישאָק וואָלט מערער געלייענט, אָבער דו קענסט נישט שרייבן אַנדערש, סיידן אין רו און שטילקייט, און דעריבער וועט אויך דער בחור פון איישישאָק קיין הנאה נישט האָבן פון דיין זיצן אין קיעוו. ווען איך זאָל זיין אויף דיין אָרט אין קיעוו, וואָלט איך געפינען אויך תענוגים פאַר דער נשמה, ווייל דאָרט זיינען אויך דאָ אידעאַלן, וועלכע פאַרמאָגן שוואַרצע אָדער בלויע אויגן, אָבער דו לייגסט דאָך דערויף אויך קיין אַכט נישט, צו וואָס־זשע זיצסטו דאָרט? קום קיין וואַרשע און זיץ צוזאַמען מיט מיר, ווי לאַנג דער באַלעבאָס וועט אונדז לאָזן וואוינען, מיין ברויט וועט זיין דיין ברויט און מיין געטראַנק — דיינער. פאַרגעס אויך נישט, אַז שולדיק בין איך דיר אַ סך, און אַפילו אויב דו זאָלסט ביי מיר עסן זייער לאַנג, וועל איך נאָך אַלץ נישט דעקן דיר מיין חוב. דו קענסט דאָך מיין פרוי, אַז זי וועט דיך אויך אויפנעמען גאַסטפריינטלעך און מיטן גאַנצן האַרצן.

און אויב דו האָסט אין קיעוו אַ סך באַקאַנטע, און זיי ווילן דיר אַרויס־העלפן, איז איינס פון די ביידע: אָדער זאָלן זיי דיר געבן רעקאָמענדאַציע־בריוו צום ה' פיינבערג, וועלכער שטייט אין שפיץ פון קאָמיטעט פון פ"ב [פעטערבורג], ער זאָל דיר געבן אַ שטעלע; אָדער זאָלן זיי דיך שיקן קיין

* דינעזאָן האָט נישט געהאַט קיין וואוינרעכט אין קיעוו.

אַרגענטינע צוזאַמען מיט אַ דרוקעריי אָדער ציימונג (עס איז דאָך זייער נויטיק דאָרטן צו ווירקן אויף די וואָס קומען אַהין, כדי „מענטשן פון דער זייט״ זאָלן זיי נישט פאַרפירן), אָדער זאָלן זיי דיר געבן רעקאָמענדאַציע־בריוו צו זייערע באַקאַנטע סוחרים אין וואַרשע, מען זאָל דיר שאַפן עפּעס אַ שטעלע. דיינע באַדערפענישן זיינען דאָך קליין, און אַ ספּעציאַליסט בנוגע קאַסע־ענינים ביסטו דאָך. — — —

אָט דאָס איז מיין עצה, איך דערמאָן דיר אָבער נאָכאַמאָל, אַז איך בין נישט קיין מענטש פון עצות־געבן. דו זאָלסט נישט מיינען, אַז איך בין דער־מיט אויסן באַצייטנס אַראָפּצואוואַרפן פון זיך די אחריות פאַר מיין עצה; איך זאָג עס דיר באמת און ערלעך: אויף מיין פאַרשטאַנד אין פּראַקטישע ענינים זאָלסטו זיך נישט שטיצן, ווייל דו קענסט געשטרויכלט ווערן, און אויב דו ביסט געקומען אין אַ טעמפּן ווינקל, און דיין שכל קען נישט ענטפערן אויף דיינע פראַגן, דאַן פרעג ביי דיינע באַקאַנטע, וועלכע געהערן נישט צו דער ליטעראַרישער וועלט...

דו קלאָגסט זיך אויף מיר, פאַרוואָס כ׳האָב דיר נישט געלאָזט וויסן קיין נייעס. אָט עפן איך דיר אויף מיין זאַק, מיין טייערן אוצר, און דו שטיל דעם דורשט פון דיינע אויגן מיט די טייערע פּערל:

1) נאָכמיטאָג האָב איך מער קיין אַרבעט נישט. ס׳איז נאָך פאַראַן אַ קליינע, לייכטע אַרבעט אויף עטלעכע טעג, און גאָר אינגיכן וועל איך ווערן פריי ווי אַ פויגעלע פון דריי אַזייגער אָן ביזן אָוונט, צו גיין קוקן אויף די טעכטער פון גאָרטן און פון די בולוואַרן.

2) מיר זיינען אַלע געזונט, אַדאַנק דעם אויבערשטן, וועלכער שפּייזט די נפשות אין די זומער־טעג אין וואַרשע אויך אויף נאַלעווקעס און פראַנציס־קאַנער. אין אָוונט גיי איך אַרויס, ווי אַלע וואַרשעווער געפּאַנגענע פונעם קעסל, און איך וואונדער זיך, וואָס איך בין נישט אינגאַנצן צעקאָכט געוואָרן און וואָס איך האָב נאָך אַ נשמה איבערצוענטפערן זי אין די הענט פון הקדוש־ברוך־הוא „אויף אַ גאַנצער נאַכט״. און אינדערפרי: כאַפּ איך זיך אויף און איך וואונדער זיך אויף גאָט, וואָס ער האָט אין אָט דער צייט נישט פאַרלאָזט און נישט פאַרגעסן זיין פּקדון.

3) ביי מיר עסן סאָקאָלאָוו און ד״ר מינץ, וועלכע האָבן געשיקט זייערע ווייבער „פּאַשען זיך אין פעלד״... זיי עסן ווייניק, רעדן געלאַסן, לאַכן זייער זעלטן, פירן וויכוחים בנוגע דער כאָלערע, וואָס שטייט הינטער אונדזערע ווענט, און דערציילן נייעס, וואָס איך לייען צומאָרגנס אין „הצפירה״.

4) איך האָב פּאַר אַנאָנסן אָנגעהויבן צו שרייבן אין „הצפירה״; כ׳האָב אָנגעשריבן: 1) אַ קריטיק וועגן ווייסבערגס בוך, אויף וואָס ער האָט מיר געענטפערט, ווי אַן „עזות־מחוצף־פּנים״, און דו צווייפלסט דאָך נישט מסתמא,

אַז געדרעכט בין איך; 2) אַ פעליעטאָן „רחמי אכזרים“ אַלס ענטפער אים בפרט און אַלע „רח“ש פון דער ליטעראַטור“ בכלל, און 3) אויך אַ פעליעטאָן „עיר המתים“ („די מתים־שטאָט“), וואָס ווערט היינט געדרוקט, ערב שבת־קודש, וועלכע פרשה ווייס איך נישט. חוץ דעם „מחלוקת לשם פאַטריאָטיזם“ (ערשטער), וואָס די פשוטע לעזער האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, און די לעזער די שרייבער אַוודאי און אַוודאי נישט.

N. B. איך וויל אויך שרייבן יעדע וואָך אין „המליץ“ פאַר אַנאָנסן, איך וואַרט אָבער אויף דיר, דו זאָלסט דעם „עסק“ פאַרלייגן דעם „המליץ“. אויב דו ווילסט, שרייב פון דאָרטן. די באַדינגונגען: דער פרייז פון מיין מאמר — ווי דער פרייז פאַר „גדולים“; דער פרייז פון די אַנאָנסן — מיט אַ גרויסן ראַבאַט; דער רעדאַקטאָר מעג „אָפּשיקן צוריק“, אָבער נישט פאַרריכטן, פאַר־קירצן אָדער פאַרגרעסערן.

5) כהנובסקי * האָט אַרויסגעגעבן נאָך דעם „המלשין“ אַ בוך „מטרפליון“.

6) כהנובסקי און זינגער ** פרעגן זיך נאָך ביי מיר און ביי מיינע באַ־קאַנטע, צי האָב איך נישט זיי אַמאָל גענומען ווי אַ ציל פאַר מיינע פיילן („רחמי אכזרים“), און יעדערער פון זיי רעדט איין דעם צווייטן, אַז אים מיינט מען עס. אין די „רחמי אכזרים“ ווערן דערמאָנט: אַ מלשין און אַ משורר, פראָסט־פשוט, אָבער „אויפן גנב ברענט דאָך ס׳היטל“, האָט כהנובסקי מורא פאַרן „מלשין“ און זינגער ציטערט פאַרן „משורר“. און ווען איך באַגעגן עמעצן פון זיי חנפעט מיר יעדערער מיט פוטער־חניפהלעך, וואָס עקלען ביז צום ברעכן...

7) שולדבערג *** זאָגט, אַז מיר זיינען אים שולדיק 20 רובל! ווי אַזוי? כ׳האָב נישט געוואָלט זען דעם חשבון, ביז דו וועסט קומען.

8) די „בעקענטע בילדער“ **** זיינען אויספאַרקויפט... (אפשר קענסטו מיר צושיקן פון די, וואָס געפינען זיך ביי דיר אין קיעוו?) און די צוויי־דריי, וועלכע פרעגן זיך דערויף נאָך, ענטפער איך שטאָלץ: „אויסגעגאַנגען און מיט גאָטס הילף וועלן מיר אַרויסלאָזן אַ צווייטע אויפלאַגע.“

9) איך בין חושד איינע פון די דינסטמיידלעך, וואָס געפינען זיך אין שטוב, וואו איך וואוין, אַז זי וואַרפט אַן אויג אויף מיין זון.

10) כ׳האָב באַקומען שוין מיט אַ צייט צוריק אַ בריוו פון דער מאַדאַם מאַגידאָוויטש (אָדער מגיד׳אָוויץ) מיט זייער, זייער אַ קאַלטן דאַנק... אַ תלמיד־

---

* העברייאישער שריפטשטעלער, פאַרפאַסט אַ ריי לערנביכער און דערציילונגען.

** אברהם זינגער, העברייאישער און יידישער שריפטשטעלער (1864—1920).

*** אַ דרוקער אין וואַרשע, וואָס האָט געדרוקט פרצעס אויסגאַבעס.

**** דערציילונגען פון פרצן, וואָס י. דינעזאָן האָט אַרויסגעגעבן אין 1890.

חכם, וואָס איז מוחל אויף זיין כבוד, איז זיין כבוד נישט געשענקט, און אַ פּרוי, בפרט נאָך אַ ווייב פון אַ תלמיד־חכם, וועט דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין.

אָט האָסטו דיר נייעס לויט דער צאָל פון די צען שבטים. „מיין ליבכען, וואָס ווילסט דו נאָך מער?"

וואָס שייך דעם מאמר פון ה' שולמאַן, נעם איך אים אָן מיטן גאַנצן האַרצן, און איך דרוק אים אָן ענדערונג, אָן צוגאָבן און אָן קיצורים. קענסט אים פאַרזיכערן אין מיין און דיין נאָמען.

זאָג מיר נאָר: וואָס מאַכט עפּעס קיעוו? וואָס „זאָגט" ווייסבערג? וואו איז מז"ח.

ב. איז געווען אין וואַרשע און איז מיר נישט געפעלן געוואָרן... ער איז געווען ביי מיר צוויי מאָל און צום דריטן מאָל האָט ער מיך נישט געטראָפן אין דערהיים און געלאָזט זיין וויזיט־קאַרטע... ער האָט מיר פאַרגעלייגט זיינע מאמרים אין זשאַרגאָן, „והכל כאשר לכל" — אַ גול, אַ גרויסער, מעכטיקער און מוראדיקער. — איין פּינטעלע איז פאַראַן אין אָט דעם מענטשן, דהיינו — דער גראָשן, און אַלע זיינע פאַרלאַנגען, רייד, מעשים, שרייבעכץ, באַוועגונגען, אַלץ גייט און קומט פון און צום דאָזיקן פּינטעלע. איין גראָשן — און נישט קיין הונדערט טויזנט רובל; איין גראָשן און נישט קיין פערד, גערטנער, סעדער, שיינע פרויען, טעאַטער א. ד. גל., נאָר אַ מזומנער גראָשן, פּראָסט־פשוט; צוליב אים וואָלט ער אָפּגעשונדן אַ נבלה אין גאַס און וואָלט אַפילו פאַרפירט אַ גאַסן־פרוי... אויך פשוטו כמשמעו. מיינע דאָזיקע ווערטער, יעדנפאַלס די לעצטע, זאָלן זיי פאַר דיר אַ וועגווייזער, אָבער דער בעל־דבר לעבט, און אַז דו וועסט קומען, וועט ער אויסשפרייטן פאַר דיר דאָס קלייד, און עס וועט דיך אַזש עקלען.

די „ביבליאָטעק" גייט נישט, די „קליינע" קריכן נישט; כ'האָב צוגעזאָגט אָנצושרייבן פאַר בן־אביגדורן, נאָר אַזוי ווי כ'האָב צוגעזאָגט, פאַלט מיר די פעדער אַרויס פון האַנט און איך קאָן גאָרנישט ניט שרייבן, דערצו איז די לעצטע פּרוטה נאָך נישט אויסגערונען פון מיין טאַש, און עס איז נאָך דאָ צייט.

ווי עס איז צו הערן, קריכן אויך בן־אביגדורס אויסגאַבעס* נישט ווי אַמאָל.

דער סוף איז, אַז קיין נייס איז נישטאָ, קיין גוטס איז נישטאָ, קיין ישועות ונחמות נישטאָ און ס'איז אויך נישטאָ קיין האָפענונג אויף דער צו־קונפט... די קראָען, וועלכע זיינען אָנגעפלויגן אויף די פּגרים פון פּאַלעסטינע, האָבן זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, כדי נאָכצולויפן די פּגרים פון אַרגענטינע... זיי האָבן — אַ נאָז! זיי ווייסן, ווי צו גיין אַנטקעגן דעם לעבן.

---

* העברייאישע ביכלעך א. נ. „ספרי-אגורה" צו ביליקע פּרייזן.

עס איז מיר אַ גרויסער שאַד אויף מיינע קליינע דערציילונגען, נאָר וואָס קען איך טאָן? ווען איך וואָלט קאָנען דרוקן זיי אין אויסלאַנד! קער מיר זיי נישט אום איידער דו קומסט, איך וועל נאָך באַווייזן צו זען די פּגרים, צו באַוויינען מיינע קרבנות. איך הויב שוין אָן צוזאַמענשטעלן דעם דריטן טייל,* אָבער אָן דיר בין איך אומבאַהאָלפן און כ'ווייס נישט פון מיינע הענט און פיס.

איך קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס דו קענסט נישט אַרויסקריגן די גזלה פון דיין רוביבערס האַנט? אויף וויפיל איך געדענק, האָסטו דאָך אין האַנט שטאַרקע באַווייזן, און וואָס וועט זיין? וואָס איז געשען?

אויב דו האָסט דערהאַלטן אויך מיין ערשטן בריוו, וועסטו זען צווישן זיי דעם אונטערשייד; איך געדענק, אַז בעת כ'האָב געשריבן דעם ערשטן בריוו, איז מיין האַרץ געווען ווייך ווי בוימל אין איין אָרט, און שטאַרקער פון אַ פעלז אין צווייטן אָרט.

איך בין אַ קנעכט ביי מיינע נערוון, און אַלץ, וואָס איך לאָז אַרויס פון מיין האַנט, איז אַ פּראָדוקט פון די נערוון.

אפשר זיינען פאַראַן שרייבער אין קיעוו?

און ווי איז דיין מיינונג: זאָל איך שיקן צו שעפּטעלן קאָמיס? וויפיל? אויף וועלכע באַדינגונגען?

דיין ברודער און פאַרערער
י. ל. פּרץ.

מיין ווייב און זון גריסן דיר.
כדי נישט צו לאָזן קיין פריי שטיק פּאַפּיר...

[דאָ קומט אַ לאַנגער שטריך איבער דער גאַנצער זייט.]

95

צו יעקב דינעזאָן

(פון העברייאיש)

ידידי!

כ'האָב דיין בריוו דערהאַלטן אייערנעכטן, און האָב דיר נישט געענטפערט ביז היינט, ווייל — — ווייל איך קען נישט שרייבן...

טיף, טיף אין האַרצן איז פאַראַן אַן אַלטע וואונד, און טיילמאָל עפנט זי זיך אָן קיין סיבה, און דעמאָלט ווערט מיין האַרץ באַגאָסן מיט בלוט, און איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר קומט פאָר...

---

* דער דריטער באַנד פון דער „יודישער ביבליאָטעק".

נאָר די מינוטן זיינען אַריבער, און די טויערן פון מיינע חושים שטייען אָפן אויפצונעמען דאָס שלעכטס פון אַלע זייטן און ווינקלען.

פון דיין בריוו זע איך, אַז דו ביסט געבליבן אָן אַ גראָשן געלט. דו בעטסט מיך, איך זאָל אַריינגיין צו מאַשוויסזאָנען, נאָר איך קאָן נישט דערפילן דעמ־דאָזיקן פאַרלאַנג דיינעם... איך קאָן בשום־אופן נישט אַריינגיין צו מאָווישיס־זאָנען ווי אַ מאָנער, ער מאָנט ביי מיין ברודער (און אויך ביי מיר, ווייל איך בין דאָ אינמיטן) אַ גרעסערע סומע ווי דיינע, און וואָס וועל איך אים ענטפערן, אויב ער וועט מיר זאָגן: גיב אויף מיין חשבון? און מיין ברודער איז איצט אין אַ שרעקלעכן מצב... קענסט פאַרשטיין זיין לאַגע, אַז איך האָב אים געשיקט 25 רובל, און וד"ל [ודי לחכימא ברמיזא]... איך מיין, אַז ווען דו וועסט קומען אַהער, וועט מען דיר באַצאָלן, אָבער נישט דורך קיין מלאך און נישט דורך קיין שליח. כ'האָב געקלערט לאַנג, אפשר צושיקן צו אים אָן אַנדערן אויף מיין אָרט, האָב איך אָבער נישט געפונען דעם מענטשן, וואָס זאָל מיר זיין צום האַרצן. מיין עצה איז, דו זאָלסט באָרגן ביי איינעם פון דיינע באַקאַנטע עטלעכע רובל און זאָלסט קומען אַהער. אויב דו ווילסט נישט, שרייב מיר, וועל איך זיך באַמיען צו קריגן אַ געוויסע סומע אַ הלוואה; איך בין זיכער, אַז ווען דו וועסט אַהער קומען, וועלן מיר קענען פאַרקויפן אַ געוויסע צאָל עקזעמפּליאַרן, ווייל זינט דו ביסט אָפּגעפאָרן פון דאַנען, האָב איך קיין איינעם נישט פאַרקויפט צו קיין מוכר־ספרים, ווייל איך קען זיי נישט, און זיי קענען מיך אויך נישט.

כל־זמן עס זיינען געווען אַנאָנסן אין „הצפירה", האָב איך איינציקוויז פאַר־קויפט אַ ביסל עקזעמפּליאַרן כמעט יעדע וואָך; איצט האָבן זיי אויפגעהערט געבן אַנאָנסן, ווייל איך האָב אויפגעהערט צו שרייבן, אָדער ריכטיקער — די „הצפירה" האָט אויפגעהערט צו דרוקן. די לעצטע דערציילונג „שמעיה דער גבור" האָט נישט נושא־חן געווען ביי די חסידים, און חז"ס * האָט באַקומען עפּעס פּראָטעסט־בריוו, האָט ער אויך קעגן מיר געמאַכט אַ פּראָטעסט און האָט אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף סאָקאָלאָוון.

דו לייענסט נישט די „הצפירה", און דו ווייסט נישט ווי ווייט עס איז גרויס די אומפאַרשעמטקייט פון דעמדאָזיקן אַלטן, נאַרישן כלב. אמת, איך פאַרזיכער דיר, אַז איך האָב נישט געהאַט דערפון קיין עגמת־נפש; פאַרקערט, ווען איך האָב געלייענט די קורצע באַמערקונג פון חז"ס, אַז „שמעיה דער גבור" גייט אויף סאָקאָלאָווס חשבון, האָב איך זיך זייער, זייער געפרייט, אָבער מיר איז אוממעגלעך צו שרייבן, און אויב איך וועל שרייבן, וועלן זיי נישט דרוקן.— איך באַקום אויך נישט קיין ענטפער פון דיר בנוגע מיין פאַרשלאָג צו

---

* ח. ז. סלאָנימסקי — רעדאַקטאָר פון „הצפירה".

שרייבן אין „המליץ״; איך ווייס נישט, צי האָסטו געשריבן אין דער רע־דאַקציע אָדער דו האָסט גאָר נישט געשריבן. איך האַלט די אַנאָנסן פאַר אַ וויכטיקע זאַך, איך וועל זיך אָבער לחלוטין נישט וואונדערן, אויב דער „המליץ״ וועט מיר נישט וועלן געבן קיין אַנאָנסן פאַר מיינע דערציילונגען.

איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די העברייאיש־לייענער זיינען אַ סך ערגער פון די זשאַרגאָנישע, דער עיקר די היגע חסידים; זיי זיינען ווי אַן אַלטע בוגרת, וועלכע קען נישט פאַרטראָגן קיין וואָרט און האַלבן וואָרט, זי האָט פיינט לויב־געזאַנגען און קאָמפּלימענטן און זי האָט מורא פאַר די שבחים, טאָמער ליגט אין דעם עפּעס אַ מיין. זי ווייסט, די אָפּגעפּאָרענע, אַז קיין ביסל יוגנט פאַרמאָגט זי אַפילו נישט, און אויב מען רימט זי, איז אַ סימן, אַז אין דעם ליגט עפּעס אַ מיאוס שפּיצל. און אַזוי איז געוועזן מיט „שמעיה דעם גבור״, און אַזוי וועט זיין שטענדיק.

איך זע קלאָר, אַז אָט די צוויי אַלטע, צעדערבוים * און, להבדיל, חז״ס * וועלן, זיגט זיי וועלן לעבן, שטיין מיר אין וועג, און זייער גאַנץ לעבן איז דאָך מיין לעבן און דיין לעבן און סאָקאָלאָווס לעבן און דו קענסט נאָך צוגעבן אַ סך. די דאָזיקע אַלטע אייזלען וועלן נאָך טראָגן אויפן אַקסל די פּגרים פון געזונטע.*

בנוגע אַרגענטינע, פ״ב און סאָקאָלאָוו, איז נאָך צייט, און איצט איז נישטאָ די פּאַסיקע געלעגנהייט דערצו.

ווען קומסטו?

מיין פרוי און מיין זון גריסן דיך האַרציק, און דאָס צימער שטייט ליידיק פאַר דיינעטוועגן.

דיין ברודער

ל. פּרץ.

איך בין מקצר, ווייל איך פיל זיך נישט גייסטיק געזונט. וד״ל.

---

* די רעדאַקטאָרן פון „המליץ״ און „הצפירה״.

* פּרצעס פאַרביטערטע ווערטער קעגן א. צעדערבוימען (דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ״) האָבן מסתמא אַ שייכות צום אָנפאַל, וואָס דער „המליץ״ האָט געמאַכט אויף פּרצן און זיינע זאַמלביכער אין צוויי לייט-אַרטיקלען (אויף דער ערשטער זייט) אין די נ״נ 156 און 159 (אין 1894). אויף דעם האָט י. ל. פּרץ צוגעשיקט פאָלגנ-דיקע הכחשה (אָפּלייקענונג), פאַרעפנטלעכט אין „המליץ״ (פון 27טן יולי. 1894). פּרץ שרייבט אין זיין בריוו: „אין דעם לייט-אַרטיקל פוו „המליץ״ „נתבעין לעגל ונותנין״ (מען מאָנט פאַרן אָפּגאָט און מען גיט!) ווערט געזאָגט וועגן מיינע ביכער, וואָס איך גיב אַרויס, — „ליטעראַטור און לעבן״, „יום-טוב-בלעטלעך״ און „החץ״, — אַז זיי האָבן אַ פאַרבאָרגענעם צוועק, און אַז זיי האָבן כלל נישט קיין לייענער, און דעריבער, ווען נישט די הילף פון מנדבים, וואָלטן זיי נישט דערשינען. דער אַרטיקל-שרייבער וואָרנט די שטיצער, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפהערן צו שטיצן

96

צו יעקב דינעזאָן

(פון העברייאיש)

טייערער פריינט!

דיין בריוו האָב איך באַקומען נעכטן, און נישט געקאָנט דיר ביז היינט ענטפערן.

אין די רייד פון... האָב איך קיין איין רגע נישט געגלויבט, הגם איר טאָכטער, אַ דיקע און אַ פעטע פאַר דער צייט, איז געשטאַנען ביי איר רעכטער האַנט און עדות געזאָגט מיט וואָרט און טרער. איך גלויב אין חכמת הפרצוף! זי האָט מיר שטענדיק אויסגעזען ענלעך צו אַ גרויסן אייל־לאָמפּ, וואָס זיין קנויט ווערט אויסגעלאָשן פון צופיל... אייל.

אָט אַזוי האָב איך אויך נישט געקענט פאַרטראָגן פ״ב, זינט איך האָב אים דערקענט; זיי מיר אָבער מוחל, ווייל איך האָב זיך טועה געווען. נישט פון יענער רגע האָב איך אויפגעהערט אים צו פאַרטראָגן, נאָר פון דעם מאָמענט, ווען דו האָסט מיר אין זיין נאָמען געמאָלדן, אַז ער וועט מיך באַזוכן אויף צוריקוועגס! דיר האָב איך מוחל געווען, ווייל כ׳האָב געזען, אַז דו ביסט זיך אין אים טועה, אָבער זיך אַליין האָב איך נישט געקאָנט מוחל זיין די גאווה, וועלכע איך האָב פון שטענדיק אָן פיינט, און איך האָב מיר געטראַכט אין האַרצן: אויב אין דער צווייטער כלי, אין דינעזאָנס מויל, זיינען די דאָזיקע עטלעכע ווערטער פול מיט גאווה, היינט ווי איז שוין אין דער ערשטער כלי, אין מויל פון פ״ב אוודאי און אוודאי. און איך האָב מיטן גאַנצן האַרצן אויפגעהערט צו רעדן צו אים פריינטלעך.

ביי אונדז איז שוין ביים היינטיקן טאָג נישטאָ מער קיין מגפה אין פולן זין פון וואָרט; עס טרעפן נאָר איינצלנע פאַלן ביים ברעג פון ווייסל, פראַגע און אין די געדיכט־באַפעלקערטע גאַסן, ווי קראָכמאַלנע, וואָלינסקע.

מיינע ספרים, וועט מען זייערע נעמען שטעמפּלען עפּנטלעך.״ אָבער דאָס אַלץ — זאָגט פרץ — איז נישט ריכטיק. די קליינע זאַמלונגען „יום-טוב-בלעטלעך״ האָב איך אַרויסגעגעבן אויף מיין אייגענעם חשבון, אָן קיין שום שטיצע פון דער זייט. „ליטעראַטור און לעבן״, די ערשטע אויפלאַגע, איז אַרויסגעגעבן דורכן בוכ-הענדלער יצחק פונק פון ווילנע, וואָס האָט אָפּגעקויפט אַלע 3,000 עקז. דעם „החץ״ (העברייאישע ראַדיקאַלע זאַמלונג) האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלעגער ש״ב שוואַרצ-בערג פון ליפּנא, און דער ציל פון מיינע ווערק איז בלויז און נאָר צו פאַרשפּרייטן אויפקלערונג צווישן פאָלק. מיינע ביכער ווערן פאַרשפּרייט אין די טויזנטער קאָפּיעס.״

אַדאַנק קלעגעלסן * איז די שטאָט ריין, און אַז דו וועסט זי זען, וועסטו זיך איבערצייגן, אַז זי איז איצט שענער פון קיעוו.

איך בין דעם גאַנצן טאָג פאַרפלאָנטערט אין עסקים, ווייל איך בין „די פיס פונעם קאָמיטעט", איך פיל אויס זיינע באַשלוסן.

שוין חדשים, ווי איך האָב נישט פאַרקויפט קיין איין עקזעמפּליאַר. שולדיק אין דעם זיינען: וואָס ס׳זיינען קיין אַנאָנסן נישטאָ און די כאָלערע. כ׳האָב שוין געקאָנט פאַרגעסן, אַז איך בין דער אַרויסגעבער פון דער ביבליאָטעק, ווען נישט די איבערזעצער אויף פויליש, וועלכע שטערן מיר אָפּטמאָל די רו און קומען מיך בעטן אַ דערלויבעניש איבערצוזעצן און צו דרוקן; און אברהם רייזען, וואָס שיקט מיר לידער ביז אויף היינטיקן טאָג. און אָט איז דער שיר, וואָס כ׳האָב נעכטן פון אים באַקומען:

די א ה אָ ר
Подражание Пушкину «Цветок»

איך האָב אין שוהל אַ ספר געעפענט
און פון אַ באָרד אַ העריל געפינגען,
ווער איז דאָס העריל, פון וועמענס אַ באָרד,
וואָס איך האָב געטראָפען אין מיטן דעראינען?

ווער האָט פון באָרד זי אויסגעריססען
און האָט אַוועקגעלייגט אַהער,
צי ניט אַ בטלן אַ געוויססער
ווען ס׳איז דער פּשט געווען איהם שווער?

צי אפשר גאָר אַ יונגער פרוש,
האָט דעם ספר זיא געשענקט,
פאַר ווייטאָג האָט ער זיא געריססען,
ראָפּטים האָט ער זיך פערבענקט!

און אפשר גאָר איין אָרעמער למדן,
וואָס האָט דעם טאָג נישט אָנגעביססען,
צי דריקט האָט איהם דער הונגער,
און ער האָט זיא אויסגעריססען.

און אפשר האָט געזוכט אַ מגיד
אַ נייעם פּשט צום עץ־הדעת
און ער האָט איהם נישט געפינגען
און געריססען זי פאַר כעס...

* דאַן גענעראַל־גובערנאַטאָר אין וואַרשע.

צי איז דאָס אברהם רייזען? — — — — — —

ביי מיר איז קיין נייעס נישטאָ, אָבער ביי מיין ברודער איז נישט קיין גוטע נייעס, און איך וויל דיר נישט אָנטאָן קיין צער מיט די פּרטים. דער עסק איז שלעכט און גייט אונטער, און ער זיצט מיט זיינע בני־בית צווישן צוויי גיהנום־פייערן, צווישן לובלין און לעבאַרטאָוו, וואָס זיינען פול מיט די קרבנות פון דער כאָליערע.

נייעס: שולדבערגס דרוקעריי איז נעכטן פאַרברענט געוואָרן.

דער קאָמיטעט, וואָס איך בין זיינע פּיס, האָט נאָך גאָרנישט ניט אויפ־געטאָן.

מיין ווייבס קרובה וויל נישט אַוועק פון אונדז, ביז דו וועסט קומען, און דאָס פאַרגרעסערט נאָכמער אונדזער חשק דיך צו זען ביי אונדז.

מיין זון האָט אויסגעטוישט מעדיצין אויף מאַטעמאַטיק.

און דו — קום גלייך.

אפשר קאָנסטו מיטברענגען אַהער עפּעס אַ קאָמיס?

דיין ברודער

ל. פּרץ.

דער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד" האָט איבערגעגעבן די „ביבליאָטעק" דעם ה׳ פּערבער צו שרייבן אַ קריטיק; אַזוי גיט צו וויסן דער לעצטער.

97

צו יעקב דינעזאָן

(פון העברייאיש)

ידידי!

דיינע בריוו האָב איך דערהאַלטן. דער ערשטער האָט מיך זייער איבער־געשראָקן, נאָר איך האָב געהאָפט אויף אַ צווייטן, איז ער געקומען און מיך באַרואיקט. איך דאַנק דיר פון טיפן האַרצן פאַר דיין הבטחה צו קומען צו מיר. איך בין זיך מודה ומתודה פאַר דיר, אַז איך האָב שטענדיק אין הארצן געטראָגן אויף דיר אַ פאַרדראָס, וואָס דו האָסט נישט געגלויבט אין אָט דער אָפענער טיר, און וואָס דו האָסט פון מיר אַ סך אויסבאַהאַלטן. אָבער די דאַזיקע טעג, די טעג פון סודות, זיינען שוין פאַרביי, צוויי קבצנים זיינען מיר, און מיר וועלן העלפן איינער דעם צווייטן, ווי נאָר מירן קענען. —

דו זאָגסט אין דיין בריוו, אַז איך דאַרף זיך באַמיען אינעם ענין אַרגענ־

טינע * און נישט דו. גלויב מיר, מיין פריינט, אַז איך קאָן גאָרנישט אויפטאָן. דו גלויבסט מיר נישט, אַז אין אַן ענין, וואָס איז נוגע מיך אַליין, מיין אייגן ווערט, קען איך גאָרנישט אויפטאָן און בין אַן אומבאַהאָלפענער מענטש אין פולן זין פון וואָרט. פון קינדווייז אָן האָב איך זיך געלערנט טאָן פאַר אַנדערע, און כ'האָב מיין גאָרטן נישט געהיט און קאָן אים נישט היטן. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז אויב דיר וועט זיך איינגעבן צו קריגן אַ שטעלע, ווי כ'האָב געשריבן, דאַן פאָרן מיר ביידע און מיר אַרבעטן צוזאַמען; איך דערלויב דיר אויך מיטן גאַנצן האַרצן צו רעדן אין אונדזערביידנס נאָמען, זאָלסט אָבער נישט האָפן פון מיר קיין עצה און קיין טאַט.

אין דיין בריוו האָסט פאַרביטן ווייסברעמען מיט ווייסבערגן. ווייסבערגן האָב איך קריטיקירט אין דער „ביבליאָטעק", און אין „הצפירה" האָב איך־צעקלאַפּט ווייסברעמען מיט דער קריטיק וועגן זיין בוך „דער גורל און די ירושה". איך וואונדער זיך נישט דערויף, ווייל זיי זיינען ביידע אַ צווילינג פון שטות.

ווייזט אויס, אַז דער שידוך צווישן מיר און דער „הצפירה" וועט נישט געלינגען. די דאָזיקע זונה קאָן אַפילו נישט געבן קיין אַנאָנסן. ווען איך דער־מאָן זיך דעם דאָזיקן עסק, נעמט מיך עקלען צום ברעכן, און דעריבער לאָז איך עס. גענוג אַז כ'וועל דיר עס דערציילן מינדלעך, ווען דו וועסט אַהער־קומען.

צי ז. פאַרשטייט אַראַמיש [?] און באַנוצט זיך דערמיט פריי, וועל איך דיר דערציילן גענוי, ווען דו וועסט קומען, און דו וועסט לאַכן פון מיר און וועסט אומזיסט אויף אים זיין אין כעס — ווייל ער שעמט זיך נישט, און איך ווער נישט נתפעל... איך בין שוין פון לאַנג געוואוינט צו זיין אַ שפּייז פאַר יעדן חונף און פאַרשטייער פון אַראַמיש... וואָס נאָר די מלאכי־השרת פאַר־שטייען עס נישט אין דער איצטיקער צייט.

די „בעקענטע בילדער" האָב נאָך נישט באַקומען, געוויס וועל איך זיי באַקומען אינגיכן.

איך באַדויער זייער, וואָס דו האָסט נישט געזען יהל"לן ** און, וואָס דו קענסט מיר אים נישט שילדערן לויט דיין מיינונג נאָך.

די ביכער צו שעפּטלען ** שיק איך נישט ביז דיין קומען — וד"ל, און

---

* פרץ און דינעזאָן האָבן דאַן געהאַט בדעה צו עמיגרירן קיין אַרגענטינע.

** יהל"ל (1844—1925) — באַוואוסטער העברייאישער דיכטער, דאַן גע־וואוינט אין קיעוו. אַמאָל געווען נאָענט צו ראַדיקאַלע אידייען.

אויב דו פאַרשטייסט נישט דעם רמז, וועל איך דיר אַנטפּלעקן דעם סוד, ווען דו וועסט קומען.

איך האָב פיל זאַכן דיר צו זאָגן, ווען דו וועסט קומען, און עס וועט נאָך — זאָגסטו אין בריוו — דויערן אַ צוויי וואָכן צו דיין קומען אַהער. גלויב מיר, אַז איך וועל זיך פרייען מיט דיר, ווי ס׳פרייט זיך אַ חתן מיט זיין כלה, און דווקא, ווען זיי פאַרבינדן זיך צוליב אמתער ליבע און נישט צוליב געלט אָדער יחוס.

די וואַרשעווער משכילים, וועלכע שטייען אויף איין מדרגה מיט די משכילים פון קיעוו, האָבן מיך שרעקלעך פיינט, נאָר זייער שנאה איז אַ באַ־האַלטענע, ווייל זיי האָבן מורא פאַר מיין שאַרפער צונג. איך פריי זיך זייער, וואָס די דאָזיקע רשעים האָבן מיך פיינט און וואָס זיי האָבן מורא פאַר מיין שאַרפער צונג. איך קאָן נישט פאַרטראָגן די ליבע פון זינדיקע, איך קאָן נישט פאַרטראָגן דעם כבוד פון חניפה־לייט און רשעים, פון נאַראָנים און שוטים.

דער נאָר פאַר זיך איז אַן אָרנטלעכער מענטש, אויף וויפיל ער איז נישט קיין שרייבער. מיר האָבן קיין רעכט נישט צו פאַרמאַכן אויף אַ שלאָס דאָס מויל פון איינעם פון די באַלעבאַטים, וועלכער וויל פאַר זיך, אויף זיין אָרט שטילערהייט זינגען עפּעס אַ ניגון, הגם ער קאָן זינגען ווי אַן אייזל, אָבער יעדער איינער פון דער קהלה מוז דאָך זיך שטעלן דעם אייזל אין וועג. ווען ער לאָזט זיך דאַווענען פאַרן עמוד. מיר האָבן צו טאָן איינס פון דיביידע: אָדער פאַרלאָזן דעם בית־המדרש און אַרויסגיין — אָדער אַרויסצוטרייבן פון דאָרט די אייזלען, וואָס ווילן זינגען. ה. סאָקאָלאָוו * אָבער האָט זיך אויס־געלערנט צו פאַרטראָגן און צו ליידן דאָס זינגען פון אייזלען, ער גייט זיך מיט זיין שיטה, די שיטה פון אַן אימפּרעסאַריאָ, וועלכער באַקומט שכר פאַר יעדן ניגון... פון פרעמדע.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ערשטן ענין [?].

דיין פאַרמאַכטער בריוו איז ריינער גאָלד פון לויטערן געפיל און פון סאַטירע... וועגן דער מחילה פון דער שריפטשטעלערין א... כ׳האָב געלאַכט מיט אַ פולן מויל נישט איין מאָל, און ביזן היינטיקן טאָג ווייס איך נישט, צי די מחילה פון דער מחילה איז מחילה אָדער זי איז, במחילה, אַ מחילה נאָר פון פאָרנט און נישט... פון הינטן. איך גיי אין דיינע דרכים און רעד נבול־פה. אָבער אויב עס איז דערלויבט דער טויב, איז עס דעם ים־אָדלער אויך דער־לויבט...

ס׳איז אַ רעטעניש, ווי אַזוי עס איז פאַרפאַלן געוואָרן מיין ערשטער בריוו. כ׳האָב אַדורכגעקוקט דעם טיש, געזוכט דריי טעג און נישט געפונען, האָב

---

* נחום סאָקאָלאָוו, דאַן רעדאַקטאָר פון „הצפירה".

איך געמוזט דעריבער אָנשרייבן אַ צווייטן. עס זיינען, אמת, געווען ביי מיר מחברים, און אפשר איז די מציאה אַריינגעפאַלן אין די הענט פון איינעם פון זיי...

איך פאַרקויף איינציקוויז די „ביבליאָטעק“ און עס אויף דאָס געלט. ווען עס זאָלן זיין אַנאָנסן, וואָלט איך פאַרקויפט אַ סך. אָבער דו אָן מיר ביסט אַ נול, און איך אָן דיר — נאָך יוייניקער, איך בין אַ מינוס. ווען וועסטו שוין קומען, כדי פון דעם מינוס און פונעם נול זאָל אַרויס עפּעס אַ צאָל.

איך האָף, אַז דו וועסט ברענגען מיט זיך דאָס בוך פונעם ה׳ שולמאַן.

מיין ווייב גריסט דיר האַרציק. מיין זון אויך. איך איל צו ענדיקן דעם בריוו, ווייל מיר גייען אין „פּאַד גוויאַזדאָן“ הערן מוזיק. אויף אונז וואַרטן די גרינבוימס.

און איך בין דיין ברודער
ל. פרץ.

98

צו יעקב דינעזאָן

(פון העברייאיש)

טייערער פריינט!

דיין בריוו, וואָס איז פיל מיט טרויער און פאַרביטערונג, האָב איך דער־האַלטן. דו האָסט נאָר געשפּאָסט פון מיר, ווען דו בעטסט ביי מיר אַ טרייסט פאַר דיר. ווי קען איך דיך טרייסטן, בעת מיין נשמה איז אַליין שטענדיק פאַרטרויערט, און אין דער צייט ווען מיינע ליפּן לאַכן, פרעסט־אויף אַ וואָרעם מיין האַרץ. — אָבער אָן אַ סוף, אָן אַן עק ציט זיך דער פאָדעם פון מיין לעבן.

און וואָס זאָל איך דיר דערציילן וועגן זיך? אַ האַלבן טאָג פאַרברענג איך אין דער גמינע, דערנאָך בין איך אָנגעשטעלט אינעם קאָמיטעט, וואָס קעמפט מיט אַ ווינט־מיל — כ׳האָב געוואָלט זאָגן: מיט דער כאָליערע, — און דער־נאָך בין איך אַ יידישער שרייבער... די לעצטע צייט — גערימט און געלויבט דורך דובנאָוון, בן־דוב, פרידבערגן און אַנדערע... די איבעריקע צייט עס איך און טרינק און שלאָף, און ווען דאָס לעבן ווערט מיר מיאוס, קער איך אום דעם סדר און איך טרינק, עס און שלאָף, שלאָף, טרינק און עס א. אַז. וו., לויט דער צאָל ענדערונגען פון „מכשפה לא תחיה“.

איך האָב נאָך נישט געהונגערט, איך וועל מאָרגן אָדער איבערמאָרגן הונגערן...

אין משך פון דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען, בין איך שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, מיין שטערן איז געקנייטשט, מיינע אויגן קאַליע געוואָרן,

מיינע האָר האָבן גענומען גרוי ווערן. איך האָב אַ לאַנגע צייט געקרענקט: אַ גאַנצן זומער און דעם אָנהויב ווינטער. אַ צוויי־דריי טעג בין איך געלעגן מיט געהאַקטע וואונדן, ווי אַ שטיק קלאָץ, געהאַט ווייטיקן אין חוט־השדרה (אָן שום „על־חטא״), און ווען איך בין אויפגעשטאַנען, בין איך געגאַנגען אָנ־געשפּאַרט אויף אַ שטעקן. — איצט איז מיין קראַנקהייט פאַרביי, אָבער נאָך נישט אינגאַנצן. איך פיל, אַז זי וועט זיך אומקערן צו מיר, ווי אַ טויב אין איר טויבנשלאַק אַריין, און איך וועל זיך לייגן אין בעט, כדי שוין מער פון אים נישט אויפצושטיין.

אויב דיין . . . האָט אַ ביסל געלט, פאַרוואָס זאָלט איר נישט בויען קיין הויז בשותפות און נישט מאַכן קיין מסחר, כדי ווען דו ווערסט אַלט און שוואַך ווערן, זאָל זי דיך קאָנען אַרויסטרייבן אין גאַס אַרויס!

אָבער פאַרוואָס שרייבסטו גאָרנישט? די ליטעראַטור איז פאַר מיר אַ מקלט, אַ רעטונגס־הויז, דער כוס, וואָס פאַרשיכורט מיך און מאַכט מיך פאַר־געסן, — און דו באַהאַלטסט זיך, און דיין קול באַהאַלטסטו, און דיין פעדער האָסטו אָפּגעהאַקט. גוידאָ צאָלט, אין דו האָסט אים נישט געענטפערט; פון אַמעריקע פאָדערט מען אַרבעט פאַר געלט, און דו מאַכסט אַ שוויג; איך האָב באַצאָלט אַ סך געלט (אומזיסט) איבערשרייבערס, און דו שטייסט פון דערווייטן. איך קען נישט פאַרשטיין דיינע דרכים און דיינע מעשים, וואָס מיט דיר איז געוואָרן? ־ צי קאָן אַ פרוי פאַרגעסן איר קינד? און דו האָסט די ליטעראַטור אַוועקגעוואָרפן הינטער זיך? שרייב מיר, וואָס דאָס באַדייט.

דיין ברודער

ל. פּרץ.

99

צו יעקב דינעזאָן

[דאָס יאָר 1894 איז געווען ביי פּרצן אַ באַזונדערס פּראָדוקטיווע. נאָך אַ הפסקה פון 3 יאָר, זינט ס'איז דערשינען זיין צווייטער זאַמלבוך „די יודישע ביבליאָטעק" (1891), האָט פּרץ פונסניי זיך גענומען מיט אַ ברען צו אַרויסגעבערישער אַרבעט. אין דער צייט האָט זיך פּרץ דער־נענטערט צו די יידישע אַרבעטס־מאַסן, און אין זיין שאַפן פילן מיר נייע מונטערע טענער, נייע גע‌זעלשאַפטלעכע טענדענצן. — אין דעם יאָר האָט פּרץ אַרויסגעגעבן דעם דריטן באַנד „די יודישע ביבליאָטעק", 10 זאַמלונגען „יום־טוב־בלעטלעך" און דעם זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן". פּרץ האָט דאַן פאַרעפנטלעכט: אַ כעס פון אַ יידענע, דער פעטער שכנא און די מומע יאַכנע, בשעת מגפה, אין אַ קעלער שטוב, די רויז. מקובלים, נס חנוכה, די נייטאָרין, דעב רבינס ציביק, ביי דעם פרעמדן

חופה-קלייד, דאָס שטריימל, באַנצע שווייג. --- אין ספּעקטאָרס „הויז פריינד" — נעילה און אַ ליד „אוים ראָמאַנעצערא". — חוץ דעם האָט פרץ אין דעם יאָר אַרויסגעגעבן די העברייאישע זאַמלונג „ההץ" און אַ ביכל העברייאישע לידער „העוגב", וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען, און איז גלייכצייטיק אויך שטאַרק קריטיקירט געוואָרן דורך דוד פרישמאַן. — דער בריוו איז געשריבן אויף אַ פּאָסט-קאַרטל.]

(פון העברייאיש)

וואַרשע, 23 אַפּריל, 1894.

ידידי!

זאָל זיין ווי דו ווילסט. פון איצט אָן און אויף שטענדיק וועט ס.* נאָמען נישט זיין אויף מיינע אויסגאַבעס. ווי אַרום איך בין געקומען צו אָט דעם, וועל איך דיר דערציילן פּערזענלעך. אָבער דו ביסט גערעכט, איך האָב עס געטאָן נאָר צוליב דיינעטוועגן, און נישט ווייל איך בין מודה, אַז דו ביסט גערעכט. פאַרקערט — איך האָב אָוועקגעהרגעט אָן רחמנות די אויסגאַבע, וואָס וועט בלייבן ליגן ביי מיר ווי אַ שטיין. און אין דער צייט, וואָס „לכבוד פסח" ** איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין לויף פון וואָכן אין צאָל פון 3,000 עקז., בין איך זיכער, אַז די איבעריקע וועל מער נישט פאַרקויפן, און די איבערגעבליבענע ביכער וועלן פאַרקויפט ווערן אין די הונדערטער. איך האָב געוואָלט זיין די שטימע, און ער *** די הענט. אמת, אויך איצט דאַרף ער פאַרקויפן, אָבער, ווען זיין נאָמען וועט נישט זיין אויף די ביכער, איז זיין פאַרקויף גאָרנישט ווערט, ווייל אים לוינט בעסער צו פאַרקויפן זיינע אויסגאַבעס. — איך האָב דיר ביז איצט נישט געשריבן, ווייל איך האָב אַלץ געוואַרט, ביז איך וועל דיר קאָנען מיטטיילן, אַז דיין פאַרלאַנג איז דערפילט. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז אין מיינע אויגן איז דער „חלול-השם", וואָס האָט דיר אַזוי דערלאַנגט צום האַרצן, גאָרנישט ווערט. אָבער גענוג וועגן דעם. — אַלאַפין **** זאָגט-צו צו שיקן דיר געלט באַלד נאָך שבת. אויב דו וועסט מיר נישט שיקן דיינע דערציילונגען אין משך פון צוויי וואָכן, הרגעסטו אויך די איבעריקע אויסגאַבעס, און גענוג, וואָס אין דיינע פאַלעס געפינט זיך דאָס בלוט פון די „יו"ט בלעטלעך", ווילסטו נאָך פאַרגיסן בלוט פון דעם „ליטע-

---

* מרדכי ספּעקטאָר, וואָס מיט אים צוזאַמען האָט פרץ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די „יום-טוב-בלעטלעך". — פרץ האָט דאַן פאַרעפנטלעכט איניקע זאַכן אויך ביי ספּעקטאָרן אין „הויז-פריינד".

** דאָס ערשטע „יום-טוב-בלעטל", וואָס פרץ האָט אַרויסגעגעבן איז 1894 בשותפות מיט מ. ספּעקטאָר.

*** מ. ספּעקטאָר.

**** אַן אַרויסגעבער אין וואַרשע.

ראַטור און לעבן״? אפשר קענסטו דאָך אָנשרייבן עפּעס אַ זאַך? און ווען קומסטו?

איך האָב אָפּגעדרוקט גאַנץ „הערשעלע״,* אָבער ביז דו וועסט קומען אַהער, וועל איך נישט פאַרקויפן אַפילו איין עקז. נישט. איך האָב עס אײַנגאַנצן אָפּגעדרוקט, אפשר וועט עס זײַן פאַר דיר עפּעס אַן אויסזיכט.

ל. פּרץ.

100

צו יעקב דינעזאָן

[דער בריוו איז אָנגעשריבן אויף אַ בלאַנק „רעדאַקציאָן: „יודישע ביבליאָטעק", „ליטעראַטור און לעבן", „יו"ט-בלאַטליך" און אַנדערע העבראישע און זשאַרגאָנישע אויסגאַבען. י. ל. פּרץ. וואַרשע, צעגלאַנאַ נומ' 1. דער בריוו איז אָן אַ דאַטע, ער געהערט צום יאָר 1894. י. דינעזאָן האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין קיעוו.]

(פון העברעיִאיש)

ידידי!

מײַן האַרץ האָט זיך נישט אָפּגעקערט פון דיר; פאַרקערט, איך האָב דיך שטענדיק ליב, נאָר... באַטראַכט נאָר, וואָס איך האָב געזאָלט קלערן וועגן דיר:

1) אויב איך האָב באמת אויף מײַן לעצטן בריוו (איך געדענק שוין נישט אין וועלכער צײַט) קיין ענטפער נישט באַקומען (איך האָב נישט באַקומען פון דיר קיין שום בריוו וועגן ספּעקטאָרס חשבון) —

2) אויב איך האָב דיר געשיקט מײַנע ביכער, און דו האָסט וועגן זיי קיין איין וואָרט פון דײַן מויל נישט אַרויסגעבראַכט —

3) אויב דו האָסט מיך די גאַנצע צײַט, נישט געקוקט אויף אַלע מײַנע בקשות, געקענט לאָזן איינעם אַליין אין אַ שווערן קאַמף מיט די אַלע רויבער און גנבים אין דער ליטעראַטור, פּונקט ווי דו וואָלסט נישט געווען בכוח אָנצושרייבן מיר אַ צוויי דריי שורות —

4) און אויב דו האָסט אַפילו נישט געהאַלטן פאַר נויטיק מיר מודיע צו זײַן, אַז דו האָסט פאַרקויפט דײַן בוך פונקן...**

יעדער מענטש אויף מײַן אָרט וואָלט געטראַכט: מײַן פרײַנט האָט מיך פאַרלאָזט אָדער ער איז אַוועק פון שטאָט, געביטן זײַן אָרט און נישט דערהאַלטן אַלע מײַנע בריוו.

---

* י. דינעזאָנס דערציילונג. געדרוקט געווען ווי אַ בײַלאַגע אין פּרצעס „יודישע ביבליאָטעק״ (1891).

** בוכהענדלער און אַרויסגעבער אין ווילנע.

נאָר וואָס איז געווען איז געווען.

ראשית וויל איך דיר מודיע זיין, אַז ספעקטאָר האָט מיר אויף דיין חשבון נישט געגעבן קיין איין פּרוטה; ער האָט געשוואָרן אין אַלעמענס קעגנוואַרט, אַז דו ביסט גאָר אים שולדיק און נישט ער דיר. ער האָט אונדז צוגעזאָגט צו ווייזן דיינע בריוו, וואו דו רופסט אים אָן בעל־טובה און טרייער פריינט און דו ביסט זיך מודה ומתוודה, אַז דו האָסט נישט צו אים קיינע טענות־מענות, און נאָר אַ האַרץ פול מיט דאַנקבאַרקייט און ברכות פאַר זיינע פיל חסדים... און אַז דו בעטסט ביי אים, ער זאָל נישט צאַרנען אויף דיר.

עס איז אויך אַ ליגן, וואָס ראָזען * זאָגט, אַז איך פאַרקויף די ביבליאָטעק צו 35 קאָפּ. עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. איך פאַרקויף נישט ביליקער, ווי צו 75 קאָפּ.

מיין מצב איז אַ שלעכטער. די פּרנסה איז געשלאָגן און נישטיק.

עס איז אַרויס דער דריטער טייל ** פון דער ביבליאָטעק, און אַזוי ווי כ׳האָב געזען, אַז דו זאַמסט זיך, האָב איך אָפּגעדרוקט פאַר דיין שכר־טרחה 500 „הערשעלע" אויף גוטן פּאַפּיר, און ער ליגט גרייט פאַר דיינעטוועגן, וואָס דו וועסט הייסן צו טאָן.

כ׳האָב אויך אַרויסגעגעבן: „החץ",*** „העוגב",**** 10 יום־טוב ביכ־לעך און איך שיק דיר צו אַלע ביכלעך אַ צווייט מאָל.

אַזוי ווי כ׳האָב שוין אויסגעגעבן געלט אויף „הערשעלע" — נעם עס צו און הייס עס פאַרקויפן וואו דו ווילסט, ווייל איך קען נישט (ווי דו ווייסט) האַנדלען, און ביי מיר וועט זילבער מיט גאָלד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש און בלאָטע .

פאַרשולדיקט בין איך „איבערן קאָפּ" און איבערן שכל.

כ׳האָב זיך שוין אויסגעלערנט אונטערצושרייבן וועקסלען, און דער סוף מיינער וועט זיין אין תפיסה. נאָר ביז יענער צייט וועל נאָך דרוקן, און שפּעטער — ברענענדיקע קוילן...

עס טוט מיר זייער וויי, — אויך ביי דיר גייט דער בעכער שטענדיק אַריבער...

---

* בוכהענדלער אין וואַרשע.

** „די יודישע ביבליאָטעק" (אַ זשורנאַל פיר ליטעראַטור, געזעלשאַפט און עקאָנאָמיע). דער דריטער באַנד איז אַרויס זומער 1894 (דאַטירט 1895). אין באַנד זיינען צווישן אַנדערן אָפּגעדרוקט פּרצעס: אַ כעס פון אַ יידענע, דער פעטער שכנא און די מומע יאַכנע, בשעת מגפה א. אַ.

*** העברייאישע זאַמלונג — „ילקוט ספרות", אַרויסגעגעבן דורך ש. ב. שוואַרצבערג.

**** אַ זאַמלונג העברייאישע לידער פון פרץ — „שירי אהבה", 32 ז"ז.

אָבער וואָס זאָל מען טאָן?

צי יועסטו שוין קיינמאָל נישט פאַרלאָזן קיעוו? צי וועסטו דאָרט אייביק פאַרבלייבן שטעקן?

איך גיב אַ קוק אין שפּיגל, — און אויך מיין פּנים איז גרין און געל געוואָרן, און די שניי־פּאַסן צווישן מיינע האָר ווערן אַלץ ברייטער...

כ׳האָב שוין אויפגעהערט צו זיין אַן איינגייער צווישן פּרויען, און איינער פון די תענוגים פון דער וועלט איז פאַר מיר בטל געוואָרן, געבליבן איז בלויז די ליטעראַטור אַליין...

מיינע פריינט און מיטהעלפער זיינען: פּינסקי, פּינסקי און פּינסקי... טיילמאָל פרענק, פרייד... און אויך — איך אַליין אַלס: י. ל. פּרץ, דר. שטיצער, לצפר, לץ פון דער רעדאַקציע א. אַז. וו. כ׳האָב שוין פאַרגעסן, וויפיל נעמען איך האָב, אַן ערך הונדערט מיט אַכציק...

און דו?

דו שווייגסט.

איך גלייב מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ווען דו זאָלסט זיין אין וואַרשע, וואָלטן מיר „געמאַכט גוטע געשעפטן" — אָבער וואָס זאָל מען טאָן!...

דער שכר פאַר מיין גאַנצער מי — וואָס מיין שטוב איז פול מיט ביכער, דאָס מויל פון מיינע שונאים — פול מיט קללות, מיין קליינע צאָל פריינט — שאָקלען, באַדויערנדיק, מיט די קעפּ...

און איך בין דיין ברודער

ל. פּרץ.

101

צו יעקב דינעזאָן

[עס איז דער לעצטער בריוו, וואָס פּרץ האָט געשיקט צו יעקב דינעזאָן קיין קיעוו. י. דינעזאָן פאָרט אַריבער קיין וואַרשע, און דער בריוו־אויסטויש ווערט איבערגעריסן אויף אַכט יאָר (אויסער איין בריוו פון אָטוואָצק קיין וואַרשע, פון יאָר 1901) ביז 1903, ווען פּרץ פאָרט אַרויס קיין אויסלאַנד אויף זומער־אָפּרו און שיקט דינעזאָנען קורצע אַנזיכטס־קאַרטעס און — אין די שפּעטערדיקע יאָרן — אויך גרעסערע בריוו אויף יידיש.]

(פון העברייאיש)

וואַרשע, 4 אַפּריל, 1895.

ידידי!

ווייסט דען נישט, אַז איך האָב נישט אַליין די דעה, און איידער מען האָט זיך צונויפגעקליבן און באַשלאָסן, וואָס האָב איך געקאָנט דיר ענטפערן?

די דערציילונג, וואָס איז אָפּגעדרוקט פאַר דיינעטוועגן, איז פאַר דיין „שכר־טרחה“, אָדער פאַר דיין האָנאָראַר, און דעריבער זאָגן זיי, אַז די פּלאַטן מיט די מאַטריצן זיינען אַן אייגנטום פון דער ביבליאָטעק. און אויב דו ווילסט די פּלאַטן און מאַטריצן,* באַדאַרפסטו באַצאָלן די ווערט פון די עקזעמפּלאַרן 75 רובל. —

אָט דער באַשלוס איז קעגן מיין ווילן, אָבער וואָס זאָל איך טאָן. זיי האָבן אַריינגעבראָכט אינעם עסק** אַ צוויי טויזנטער און זעען קיין פּרוטה נישט צוריק.

ס׳איז אויך באַשטימט געוואָרן צו שיקן עס אויף דיין חשבון. איך האָב געוואַרט איניקע טעג, אפשר וועט מיר געלינגען צו באַצאָלן די סומע, אָבער איך בין געבליבן אויסגעליידיקט פון אַלץ... איך בין אָרעם — און דו וועסט מיר מוחל זיין.

טייל מיר מיט דיין הסכם. איך רעכן, אַז דו באַדאַרפסט זיך נישט איילן אויסצוקויפן די פּלאַטן און מאַטריצן, ווייל דו באַדאַרפסט זיי דאָך נישט האָבן, כל זמן עס זיינען דאָ עקזעמפּלאַרן.

דיין ברודער

ל. פּרץ.

102

צו יעקב צוזמער

[די דריי בריוו צו י. צוזמער זיינען געשריבן דורך פּרצן אין העברייאיש אין 1894-1895. י. צוזמער, לערער און ליבהאָבער פון העברייאישער און יידישער ליטעראַטורן אין בעסאַראַביע, האָט געשיקט צו פּרצן איניקע זאַכן אין יידיש, ווי אויך איבערזעצונגען פון פּרצעס און אַנדערע סקיצן אויף העברייאיש. פּרץ האָט דאַן אַרויסגעגעבן די „יודישע ביבליאָטעק“ און דערנאָך די „יום־טוב־בלעטלעך“. די דריי בריוו זיינען איבערגעזעצט דורך א. ר. מלאכי.]

(פון העברייאיש)

.1984

מיין הער,

אייער איבערזעצונג האָב איך געלייענט. איך האָב אויסגעבעסערט מיט דעם, וואָס איך האָב אַרויסגעוואָרפן דעם „פה ושם“ און די איבעריקע בך־

---

* ס׳האַנדלט זיך, מסתמא, וועגן די מאַטריצן פון דינעזאָנס „הערשעלע“.

** אין די אויסגאַבעס פון „די יודישע ביבליאָטעק“.

אביגדורס * נאַרישקייטן, און וועל דאָס שיקן צו דער רעדאַקציע פון „הצפירה“ צו טאָן מיט דעם ווי איר וועט געפעלן.

איך דענק, אַז איר, מיין הער, קענט דינען דעם הייליקן קהל מיט גוטע איבערזעצונגען, אויב — איר וועט נאָר ניט נעמען אַלס מוסטער די „ספרי אגורה“ און ניט גיין אין די טריט פון די „בייע שרייבער“, וואָס גייען אַרונטער פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג ניט אין דעם נויטיקן פלאַץ.

אייער

ל. פרץ.

103

צו יעקב צוזמער

(פון העברייאיש)

מיין הער,

איך האָב ניט קיין צייט צו ענטפערן אייך אויספירלעך אויף אַלע רייד אייערע, ווייל איך איל זיך צו שרייבן אייך פאַר אייער אָפּפאָרן פון דאָרף.

די סקיצע, וואָס איר האָט געשיקט, איז זייער שוואַך און איז בכלל ניט [צוגעפאַסט] פאַר מיינע אויסגאַבן. מיינע אויסגאַבן האָבן נאָר איין ציל — בילדונג, און איך קאָן ניט אָננעמען אַרטיקלען און דערציילונגען מיט אַנדערע טענדענצן.

ווען איר וואָלט געוואָלט ענדיקן אייער בילד און זי פאַרפולקאָמען אין אַזאַ פאָרם ווי, למשל, אַז דער העלד נאָכדעם ווי ער ענדיקט זיין שטודיום, און זעענדיק אַז ער האָט ניט פון דעם קיין פראַקטישע נוצן, קערט ער זיך צוריק צו זיין „פאָלק“ און ווערט אַ קאַסירער פון עפּעס אַ נאַציאָנאַל־ציוניסטישן פאַראיין און ווען די קאַסע איז פאַרפולט געוואָרן איז ער אַנטלאָפן קיין אַמע־ריקע, איך וואָלט דעמאָלט אויסגעבעסערט [דאָס בילד] און אָנגענומען.

איך וויל טאַקע אָפּשטעלן די אַנטרינונגס־מגפה.

אייער פאַרערער

ל. פרץ.

---

* באַוואוסטער העברייאישער שרייבער, וואָס האָט אין יענער צייט אַרויס־געגעבן די בעלעטריסטישע ביכלעך אונטערן נאָמען „ספרי אגורה“ (גראָשן־ביב־ליאָטעק).

104

צו יעקב צוזמער

(פון העברייאיש)

אייער סקיצע,* וואָס איר האָט מיר געשיקט, וועט דורך מיר איבערגעגעבן ווערן צו דער רעדאַקציע פון „הצפירה“ און איך דענק, אַז זי וועט ווערן גע־דרוקט; זי איז ניט ערגער פון אַלץ וואָס ווערט ביי אונדז געדרוקט (איך האָב זי ניט אויסגעבעסערט, ווייל זי האָט זיך ניט גענויטיקט אין אויסבעסערונגען).

איך פּערזענלעך זע ניט אין אייער „מכניס אורח“ קיין שום ריכטיקע סיבה עס זאָל אייך אויפרעגן און ברענגען צו טרערן אויף די „גוטע“ טעג, וואָס זיינען פאַרשוואונדן. אייער „מכניס אורח“ איז מקיים אַ מצווה, אָבער ער טוט דאָס ניט אויס ליבע צו מענטשן און בשעת ער איז זיך מכניע צום גראַף רופט ער אויך אַרויס אַ ביסל עקל.

אין דעם בילד איז דאָ נאָך אַ חסרון, וואָס איך זע ניט אין אים די גע־שטאַלטן פון די פּערזאָנען. איך הער נאָר די שטימע פון רייד, [איך] פאַרשטיי און פיל, אָבער קיין בילד זע איך ניט. ווען עס וואָלטן צוגעגעבן געוואָרן עטלעכע שטריכן, וואָלטן פאַר אונדז [אויפגעלעבט] געוואָרן די געשטאַלטן פון דעם פאָטער און זון, און דאָס בילד וואָלט דעמאָלט פיל שטאַרקער און קרעפטיקער געווירקט.

די חסרונות זיינען לייכטע. און אין אייער טאַלאַנט זע איך אַנטוויקלונג.

איך האָב דאָס רעכט צו דיסקוטירן אייער ציל און טענדענץ אין דעם בילד; וואו איר קרעכצט, קאָן איך גוטמוטיק לאַכן; וואו איר קניט און בוקט זיך, קאָן איך פאַרדרייען דעם קאַרק, אָבער איר זייט אַ מאַן פון ווילן און איר דענקט; איר זעט און טראַכט וועגן דעם, וואָס איר זעט; דאָס בילד האָט אַ צוועק, און איר האָט גוטע און ריכטיקע מיטלען צו דערגרייכן אייער ציל.

זאָל מען זאָגן וואָס מען וויל וועגן שיינקייט פאַר זיך זעלבסט אָדער שיינ־קייט צוליב שיינקייט וועגן. איך האָב ניט געזען „אַ שיינע פּרוי וואָס איז געשמאַקלאָז“ — אין מיינע אויגן איז זי אַ מיאוסע, און מיאוס (אין זיין גייסט) איז, לויט מיין מיינונג, דער מענטש וואָס אים געפעלט אַ „געשמאַקלאָזע“ [פּרוי]. און אַפילו איך וועל טויזנט מאָל זיך איינקוקן און צוגעבן, אַז אַלע אברים (אין דער פרויס קערפּער) זיינען געטאָקט און געמאָסטן און האַר־מאָנירן ווי פּערזן, די הויט איז דין און רויטלעך, און די אויגן גרויסע — און אויב מיט דעם אַלעמען איז אויף איר אויסגעגאָסן אַ נאַרישער גייסט, דערוועקט זי אין מיר עקל.

---

* אָפּגעדרוקט אין „הצפירה“, 1895, נ' 183.

און דאָס איז אויך בנוגע דעם בילד.

„ראשית חכמה" — צו שילדערן דאָס לעבן, דאָס איז טאַקע ריכטיק, אָבער אַלע געשטאַלטן פון לעבן גיבן אונדז אַן ענין מיט וואָס זיך צו אינטערעסירן, און דער דערציילער וואָס איז אַ לעבעדיקער מענטש, טראַכט און דענקט, מוז אויך, אין באַציאונג צו די געשטאַלטן פון זיין דערציילונג, זיין אַן אמתער קריטיקער (אין דינע שטריכן אָדער צווישן די שורות, אָדער ווי טאָלסטאָי זאָגט, ער זאָל פאַרמאָגן אַ ריכטיקע באַציאונג צו די פאַקטן און צו די וואָס שאַפן זיי) און אַלץ וואָס איז געשריבן אָן אַזאַ באַציאונג איז איבעריק.

ווי עס פירט זיך אויף דער וועלט, ווען איינער איז זיך מתוודה פאַר זיין חבר, באַדאַרף ער אויך זיין גרייט צו הערן זיין מיינונג, און ווי איך דענק, גיט מיר אייער בריוו אויך די דערלויבעניש אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג אין אַזעלכע ענינים, וואָס זיינען נוגע נאָר צו אייך זעלבסט. אויב איך האָב געמאַכט אַ טעות — פאַרגיבט מיר.

דער מרחק צווישן עלטערן און קינדער איז זייער גרויס אין יעדער צייט פון אַן „איבערגאַנג" פון איין פונקט צו אַ צווייטן. על־פּי־רוב זיינען די טאַטעס די, וואָס בלייבן שטיין און די קינדער די, וואָס גייען. אַט־דער צושטאַנד איז מאָראַליש און נאַטירלעך, און איז ריכטיק כל זמן מען באַזיצט אַ פּערזענלעכע און ניט קיין פאָלקסטימלעכע בילדונג; כל זמן דאָס פאָלק איז געווען שטייענדיק וואַסער און די משכילים עטלעכע טראָפּן שוים, וואָס שווימען אויפן וואַסער. און מיט דעם האָט איר ניט געזינדיקט.

און ווען אַפילו איר וואָלט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, מאַכט מען היינטיקע צייטן, ווען מענטשן טרעטן מיט זייערע טריט אויף פיל גרעסערע און ערגערע עברות, קיין ווערט ניט פון קליינע פעלערן...

אָבער עס איז דאָ אַ גרעסערער פאַרברעכן פון דעם, און דאָס איז: שוואַרצע ברילן אויף פּנימער פון יונגעלייט... צי האָט איר טאַקע ביים אַריינגאַנג פון לעבן שוין צעקריגט זיך מיט אים און איידער איר זייט אַריין אינעווייניק — האָט איר שוין געוואָרפן אַן אומחן אויפן לעבן? צי איז שוין גאָר קיין האָפענונג און קיין אויסזיכט ניטאָ פאַר אַ מאַן פון אַ יאָר צוואַנציק (וויניקער אָדער מער)?

אַט די זינד איז די זינד פון שטרויענע מענטשן. דערוואַכט, לעבט און האָפט.

די דערציילונג „די פּאַפּירענע בריק" האָב איך ניט געלייענט און ווייס גאָרניט וועגן איר. דער ה׳ באַטאַנזאַן איז מיר אומבאַקאַנט און איך קאָן גאָרניט זאָגן און ראָטן. —

קענט איר העלפן צו פאַרשפּרייטן מיינע ביכער אין אייער שטאָט (זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז איר זאָלט דורכדעם ניט ליידן ניט פיזיש און ניט גייסטיק)?

אייער פאַרערער

ל. פּרץ.

105

צו י. י. פּראָפּוס

[די אַלע ווייטערדיקע בריוו צום דיכטער י. י. פּראָפּוס זיינען געשריבן אין די יאָרן 1896—1900 קיין קאָוונע און מיטאַווע. י. י. פּראָפּוס האָט דאַן געשיקט צו פּרצן לידער און נאָוועלן אין יידיש פאַר די אויסגאַבעס, וואָס פּרץ האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן. אין קאָוונע האָט, אגב, דאַן געדינט אין מיליטער אברהם רייזען, מיט וועמען י. י. פּראָפּוס איז געווען באַפריינדעט. — דאָס ערשטע בריוול איז געשריבן אויף אַ פּאָסט-קאַרטל מיט אַ פירמע: „רעדאַקציאָן: „יודישע ביבליאָטעק", „ליטעראַטור און לעבען", יו"ט-בלאַטליך" און אַנדערע העברעישע און זשאַרגאָנישע אויס-גאַבן. י. ל. פּרץ, וואַרשאַ, צעגלאַנאַ נומ' 1.]

(פון העברייאיש)

אדוני!

די שירים זיינען נישט שלעכט, זיי וואָלטן געווען גוט, ווען נישט די שפּראַך, וואָס איז נישט יידיש, נאָר צופיל דייטשמעריש.

אייער פאַרערער

ל. פּרץ.

106

צו י. י. פּראָפּוס

(פון העברייאיש)

ידידי!

איך קער אייך אום אייער דערציילונג. בכלל איז די דערציילונג גוט און געווויס דרוקפייאיק, אָבער איך גיב מער גאָרנישט אַרויס.

איך האָב מיט מיין בליישטיפט אָנגעצייכנט אייניקע ערטער. 1) ס'זיינען דאָ נאָך צופיל דייטשישע ווערטער. 2) ס'זיינען דאָ גראָבע המונישע ווערטער, וואָס מאַכן קאַליע. איך האָב אויך איין אַלגעמיינע באַמערקונג.

אַזאַ מין דערציילונג דאַרף געשריבן ווערן מיט תמימות! איר דאַרפט זיך שטעלן אויף דעם שטאַנדפּונקט פון די גלויביקע, און רעדן און דערציילן אַזוי ווי זיי דערציילן; ס'פאַרלאַנגט זיך אויך אַ ביסל התלהבות, און די מעשה, און די פּאַסירונג פאַר זיך פאַרלאַנגט עס!

קיין געשטאַלטן זיינען נישטאָ. מ׳באַדאַרף אין איניקע לייכטע שטריכן געבן די געשטאַלט פון מענטשן. צוליב וואָס באַדאַרפט איר דעם דאָקטאָר צווינגען צו עסן טריפה? דורכדעם ווערט דאָך קלענער דער ווערט פונעם בטחון. דער דאָקטאָר איז דאָך אַ פשוטער דאָקטאָר און דער מאַן רופט אים נישט צוליב בטחון, און די קראַנקע גופא — ס׳טוט איר באַנג די הוצאה, אָדער זי וואַרט, אַז ער זאָל רופן דעם דאָקטאָר... און אפשר איז עס איר ווילן, וואָס זי רעדט נישט אַרויס מיט איר מויל... און אויב זי זאָל אַרויסרעדן, וואָלט זי געזאָגט: נישט צוליב מיר, נאָר צוליב די קינדער, נאָר צוליב דיר. ווייל וועט אייך געבן אַ שטיקל ברויט? און אפשר איז ער דער שליח אויף מיין געזונט ווערן?

מ׳דאַרף אויסמעקן די נאַטור און געבן אַן אָרט פאַר גאָט. דער קאַמף אין שטוב איז נישט פאַרשטענדלעך, — אָדער אויסמעקן, אָדער שילדערן דעם קאַמף, וואָס ער האָט געהאַט מיט די ווינטן אין דרויסן, און די ווערים פון דעם בוים אינעווייניק.

איך בין אייער פאַרערער
ל. פרץ.

פ. ס. אויב איר וועט עס איבערזעצן אויף העברייאיש, שיקט מיר עס פאַר דער „הצפירה״, און אויב ס׳וועט נייטיק זיין צו פאַרריכטן — וועל איך עס פאַרריכטן.

107

צו י. י. פּראָפּוס

(פון העברייאיש)

אדוני!

נעמט צו מיין דאַנק פאַר אייער בריוו. די לידער זיינען געווען זייער גוט. איך קאָן נישט שרייבן וועגן זיי קיינע באַמערקונגען, הגם איך האָב באַמערקט אין איניקע ערטער פעלערן, ווייל אין דעם מאָמענט, וואָס כ׳האָב זיי באַקומען, האָב איך זיי אָוועקגעשיקט אין דעם נייעם לאַנד,* אין אַ חודש־זשורנאַל.

אין דעם מאָמענט בין איך זייער פאַרנומען און דעריבער שייד איך זיך איצט אָפּ פון אייך ביז אַן אַנדער צייט.

אייער פאַרערער
ל. פרץ.

* קיין אַמעריקע.

פּ. ס. 1. מיר דאַכט, אַז איר קענט דעם ה׳ רייזען; ג׳ט אים איבער, אַז מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו זיין ברוגז, נאָר איך האָב קיין צייט נישט און נישט געקאָנט ענטפערן, ווייל ס׳פעלט מיר שטאָף. ה׳ רייזען האָט מיר געשיקט אייניקע לידער, זיינען זיי פאַרלוירן געגאַנגען פון מיין טיש אין דער „חירום״־צייט, וואָס פאַר דעם טאָפּל־יום־טוב, ווייל די דינסט פייערט איר קריסטלעכע חגא. זאָגט אים אויך, אַז איך האָב נישט קיין מעגלעכקייט צו צאָלן פאָרויס פאַר אַרבעט, סיידן פאַר אַרבעט, וואָס איך האָב שוין באַקומען.
הנ״ל.

פּ. ס. 2. וועגן דער נויטיקייט פון שירי־העם (אַ גאָלדענע שפּראַך!) וועל איך גיכן שרייבן. אָבער ווי געזאָגט, בין איך זייער פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים.

הנ״ל.

[צושריפט פון אויבן, אויף דעם בריוו.]

דער בריוו ליגט אויף מיין טיש אַ לענגערע צייט, ווייל מ׳האָט פאַרגעסן אים אָפּצושיקן, און איר וועט מיר מוחל זיין.

דער אַדרעס קיין אַמעריקע: ניו־יאָרק, ב. גאָרין, 170 הענרי סטר.

108

צו י. י. פּראָפּוס

(פון העברייאיש)

ידידי!

אין מיין פריערדיקן בריוו האָב איך אייך מיטגעטיילט, אַז איך באַניי די „יו״ט־בלעטלעך״.* אָבער דער בריוו האָט צו אייך נישט דערגרייכט, ווייל איר האָט געביטן אייער אָרט.

ה׳ רייזען האָט מיר איבערגעגעבן אייער נייעם אַדרעס, חזר איך איבער מיין בשורה און בעט צושיקן מיר פיל, פיל אויף אַ פּראָבע.

אייער פאַרערער
ל. פּרץ.

* פּרץ האָט מער די „יו״ט־בלעטלעך״ נישט אַרויסגעגעבן. אין אויגוסט 1899 איז פּרץ אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיין אָנטייל נעמען אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונגען און אָפּגעזעסן עטלעכע וואָכן אין וואַרשע אין 10טן פּאַוויליאָן. דערנאָך איז געגרינדעט געוואָרן „דער יוד״, וואו פּרץ איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

109

צו י. י. פּראָפּוס

(פון העברייאיש)

אדוני!

די דערציילונג „חיים טרעגער“ טויג נישט. חיים טרעגער איז נישט קיין זעלבשטענדיקער טיפּ און ער איז נישט ווערט צו זיין אַ העלד פון אַ דערציילונג. די לידער זיינען גוט.

מיט דער אויסגאַבע „צייט גייסט“ האָב איך קיין שום שייכות נישט און איך קאָן אַפילו נישט רעקאָמענדירן אייך.

בנוגע דער שפּראַך — איז זי צופיל צעמישט. איר האָט נישט קיין „דאָס“, נאָר „דער“ אָדער „די“ (איין אויסגעבלאָזענע איי — מ׳דאַרף שרייבן דאָס איי). זייער פיל רוסישע אויסדרוקן, און אויך דורכאויס־דייטשע אויסדרוקן.

און נאָך: איר האָט אָנגעהויבן צו שרייבן דאָס, וואָס איך רוף אָן „צירלעך־מאַנירלעך“. די שפּראַך איז נישט נאַטירלעך, זי שטאַמט נישט פון טיפן האַרצן, — איר באַמיט זיך זי צו פאַרשענערן, צו מאַכן זי שיין און קלוג — און די שפּראַך, וואָס איז נישט פּשוט, פּעסט, נאָר געקינצלט, ווירקט נישט. —

אין דעם זעלבן סטיל איז געשריבן אייער בריוו, אַ צאַצקע־בריוו...

לאָזט עס צורו.

„דאָס שרייבן איז לויטן געזעץ — מ׳טאָר עס נישט צווינגען“ — אויב דער בעכער איז איבערפולט, גיסט ער זיך ממילא אַריבער; ס׳איז נישט גוט איבערצוקערן דאָס האַרץ, ס׳זאָל פון אים רינען... וואַרט אָפּ ביז ס׳וועט פול ווערן, ביז ס׳וועט רינען פון זיך, און אייער דערציילונג קומט נישט פון פול־בלוטיקייט. איר האָט געוואָלט שרייבן אַזאַ מין דערציילונג — און אָנגעשריבן. איר האָט נישט געליטן די יסורים פונעם אַרבעטער, און איר ווילט זיי שילדערן... איך פאַרלאַנג נישט קיין „כלי־ראשון“ [פון דער ערשטער האַנט], ס׳איז נישט נויטיק, איר זאָלט אַליין זיין אַן אַרבעטער. אַבי נאָר איר „פאַר־באַהאַלט זיך נישט פון אייער האַרציק־נאָענטן“, וועט איר פילן ווי ער, און איר וועט לעבן מיט זיין פּיין, אָבער דערוויל זייט איר נאָך נישט געקומען דערצו...

אייער פאַרערער

ל. פּרץ.

110

צו י. י. פראָפּוס

[די עטלעכע בריוו פון פרצן צו י. י. פּראָפּוס, געשריבן שוין אין יידיש. גיבן מיר אין דער אָרטאָגראַפיע און מיט די אויסשפּראַך-אייגנאַרטיקייטן, ווי זיי זיינען געשריבן דורך פּרצן. נאָר אָנשטאָט **א** גיבן מיר אַן ע׳. זיי געהערן צו די יאָרן 1898—1900.]

(פונעם אָריגינאַל)

הערדן פראָפּוס, קאָוונא!

קודם כל האָב איך צו׳ן אייך אַ בקשה — שרייבט בריעף נישט איינגע־מאַכטס, זייט מיר נישט צו זיסס. איך שטעה אייך אַלס צו דיענסטען, נור האָט פאַר מיר איין איינפאַך קאָלעגענגעפיהל, נישט מעהר.

וועגען דער שפּראַכע:

ביי׳ן אייך האָט איהר מעהר דייטשע אויסדריקקע, פאַר דאָס האָט איר פון רוססישען גענוממען 2 געשלעכטער און איהר זייט מיט זיי יוצא פאַר דריי. („די קאַפּף, די ווייב״ וכדומה). מיר, דאַגעגען, האָבען מעהר סלאַוויאַנישע אויסדריקקע, נור פאַר דאָס — אַללע דריי געשלעכטער, מעהרסטענטהיילס די זילבע ווי אין דייטשען. צי אונזער שפּראַכע איז עהנליך די אדעססער.

כדי איינער זאָלל דען צווייטען פערשטעהן, מוסס איינער ביים צווייטען אָננעמען דאָס גוטע. מיר וואַרפען אַרויס פרעמדע ווערטער, איהר וואַרפט אַרויס די רוססישע גראַמאַטיק און מיר וועללען זיך צוזאַמענקוממען.

זאָלל וועניגסטענס זיין איין זאַרגאָן.

צונד איין עצה טובה. סימבאָליזם איז אַ גוטע זאַך; דעקאַדענטיזם איז גאַנץ אָפּט אַפּעטיטליך ווי ווערמיגער שווייצער קעז... טהייל מאָל האָבען מיר אַליין קיין קלאָר־אויפגעפאַסטע אידעען, און איידער מיר פערשטעהען זיי, פיהלען מיר זיי אין בילדער; גאַנץ אָפט ווייטער זעננען מיר מיעד און פינסטער, עס איז ביי אונס נאַכט, נור עס בלאַנקיט זיך נאָך עטליכע שטראַהלען ווי פון דער זונן פערגעססען — עס איז אַלץ גוט. נור איין זאַך איז שלעכט — די שוהלע. פון קיין שוהלע קומט קיין גוטס נישט אַרויס. אַללענפאַלס שטאַמט די פּאָעזיע פון האַרץ, נישט פון דער שוהלע...

איך לעז אייער געדיכטע און טראַכט ביי מיר: בטבע איז הערר פּראָפּוס קיין דעקאַדענט נישט. ווי קומט עס ער זאָלל זיך קראַצען מיט ד׳אייגענע נעגעל אונטער די אָרים? בטבע אַרט איהן, וואָס די יוגענד ענטלויפט, די ליעבע פערבליהט, וואָס זיין פאַלק קרעכצט אונטער דער יאָך, — בטבע האָפּט ער צו גוטע צייטען, ווענן קרעכצען וועט זיין פערבאָטען אין Уложение о

наказаниях אין אַ בפירוש אַרטיקל — ווי זשע קומט ער צו גריזשען פוילע ביינער? מאי כולי האי?

איך לעז אייערע געדיכטע און פיהל אין זיי ריינע, אין אייערע יאָהרען נאַטירלעכע, פרייע ראָמאַנטיק, נור בעדעקט מיט אַ געקינסטעלט מאָדערנען דעקאַדענטען־שלייער — נאָך וואָס?

אין אייער געדיכטע ברענט שוין די אידעע, טהייל מאָל רויכערט זי אַפילו סוואָנדיג, נור שטענדיג ווייסט איהר קלאָר, וואָס איר ווילט, רעדט איהר אַרויס וואָס אייער האַרץ באַגערט — ווי קומט איהר צו סימבאָליק און דעקאַדענטיזם? נייט איך די צענזור צו סיבאָליק און די מאָדע צו דעקאַדענטיזם?

אַלס פראָבע זעננען אייער געדיכטע גוט, זעהר גוט, נור מאַכט איך דער־פון קיין מנהג נישט; געפּרופט, עס איז געראָטען און גענוג — זייט געזונד און צוריטטעלט ביי אַנדערע נישט די נערוועז...

א) בית עולם בלעטליך

1) האָרך, דער ווינד רייסט אימער פרייער"

פרייער אונפּאַססענד — שטאַרקער. (P. S. — נישט וויכטיג)

2) אונ „אין וועלט־בית־עולם־ברייטען"

אָדער: אין ברייטערן וועלט בית־עולם,

אָדער: אין וועלט־בית־עולם, אינ׳עם ברייטען.

3) הערט זיך יאָמערליך אַ קינה"

אַ „קינה" צו שוואַך. (נישט וויכטיג)

4) „פון אַ גוסס, פון אַ טויטען" —

פון אַ גוסס הערט זיך חאָרחלין, פון אַ טויטען גאָר נישט.

(און דאָך איז דאָס בילד שען)

5) „טיעף־שנעע"

עס ברויך זיין טיפער שנעע

6) „תכריכים געצויגען" —

איבער געצויגען? איבער וואָס?

7) „ווי פייל פונעם בויגען

אָדער: פייל פון בויגען

אָדער: די פייל פון דעם בויגען.

8) „עס בייטען זיך צייטען —

אַ פריהלינג אַ שענער".

צו קורץ — „שענער" צו בעל־בתיש.

9) „וואו בלייבסטו דו אַ הינטער".
אפשר רעדט מען אַזוי ביי'ן איך; דאָך — וואולגער.
10) דאָס האַרץ איז אַ קבר, דער קבר פון אויבן איז פערוואָרפּעז מיט שטיינער, איננערוועגדיג ליעגען בילדער־זכרונות—פערשימעלט ביינער."
מען מוסס קלאָר שרייבען.
11) ווענן אייער נשמה איז הונגעריג — עסט איהר טויטע ביינער, קריגט אייער מאָגען אַ קאַטאַר!..."
שוואַך!
12) אַח, ווי נעמט מען..."
נאָך וואָס צוויי מאָל „אַח ווי נעמט מען"?
13) זעה איך פון מיר איהר"
5 איינזילביגע ווערטער צוזאַממען זעננען אונמעלאָדיש.
14) „ווען טרערען וואָלט איך נור האבען"
אַ קינסטליכער זאַץ. שרייבט איינפאַך!

ב) פּאַראַדיע

15) „קירצע פרעק", נישט פראַקען".
16) „אַה, קוים וואָלטען מענשען זיין זיי..."
הינקענדיגער פערזמאָס, וואָס פאַלט נישט צוזאַמען מיטן לאָגישען אַקצענט; געקינסטעלטער, אונפערשטענדליכער זאַץ. וואָלטען זיי חאָטש מענשען געווען!
17) „מערקור" — וואַרפט איהן איך בעט אייך אַרויס, איין איבעריגער פוילער ביין, און דער יידישע לעזער באַקומט נאָך איין איבעריגען מאָגען־קאַטאַר.

ג) אני מאמין

18) שנעע — געהט נישט אויס
19) אָבגעטינקט — גראָב אונפערשטענדליך.
20) „פון די קייטען זיך בעפרייען" —
ווער?
21) די איבערזעצונג פון „החץ"* איז שוואַכליך, צו ברייט און צו לאַנג. מען מוז זיך קורץ פאַססען. —

---

* זאַמלונג אין העברייאיש, וואָס פרץ האָט אַרויסגעגעבן.

און ציינד האָב איך צון אייך און אייער קאָלעגען אַ בקשה (געוויסס האָט איר קאָלעגען). העלפט מיר, יונגע לייט, צו זאַמלען פאָלקס־ליעדער. איר קענט אויף מיין רעכנונג אייך עטלעכע רובל קאָסטען מאַכען. גוט?

מיט אַכטונג

ל. פּרץ

וואָס הערט זיך ביי'ן אייך וועגן ציוניזם?

וואָס זאָגען געבילדעטע, בעלי־בתים, בעלי־מלאכות, אַרבייטער און פּראָצענטיקעס? —

שרייבט!

הנ"ל

III

צו י. י. פּראָפּוס

(פונעם אָריגינאַל)

געעהרטער הערר.

אים אַלגעמיינעם איז דאָס געדיכט: „איין ערנסט וואָרט איבער קיידאנאר בלאָטע" נישט גוט. עס איז נישט שען, צו ווענינ וויציג און מעהר ווי מען מעג — פלאַך. לאָזט געמאַך די בלאָטע, איהר [זענט] געוויסס צו יונג, אייער געמיטה איז געוויס צו ווענינ ביטטער, איהר זאָלט בעזינגען בלאָטע אונ בלאָטע־פּראָצען.

און דאָך געפינען זיך איינינע זעהר גוטע סטראָפען. בכלל איז דאָס געדיכט צו לאַנג און דעריבער לאַנגווייליג. דאָס געדיכט איז געוויסס סימ־באָליש, נור דאָס נמשל קוקט נישט אַרויס פון דער בלאָטע, אונ די בלאָטע אַליין עקעלט, בפרט אַז איהר זאָגט אונס צו, אַז די בלאָטע וועט בלייבען, נור מען וועט אויף איהר רחמנות האָבען. די טרייסט, אַז פון דער בלאָטע וועלען אַרויס „פּראָצען" — ווייס איך? ערנסט צי חוזק — בלאָטע בלייבט בלאָטע. איך אַליין האָב שוין אויך צו פיעל גערעדט.

דעם „פּאָעטס יאוש" — שטייט פיל העכער. אייניגע פעהלער:

1) דעם „פּאָעטס יאוש" קלינגט נישט גוט. עס דערמאָנט אין די פּאַר־צייטיגע געטטער — האַלב פיש, האַלב פויגעל... „יאוש" מיט „פּאָעט" לאָזן זיך נאָך איין נאָמען נישט צושמעלצען. מיט דער צייט — אפשר יאָ. דערווייל שרייבט בעסער: דעם פּאָעטס פערצווייפלונג.

2) אויפ׳ס נײַ ערוואַכט אַ וואונד — עס עפּפענט זיך איין אַלטע וואונד, דאָס איז ריכטיג. נור אַ זיפץ ערוואַכט נישט, עס קאַנן נור צוריק קוממען: דאָס אַלטע זיפצן, דאָס אויסגעזיפצטע קומט נישט צוריק נאָך אַמאָל אויס־געזיפצט צו ווערען.

3) „איך האָב אַלץ געגלויבט יאָ מיט ליעדער צו קעננען״ — וואָס טויג דער „יאָ״? — און אַפילו דער „אַלץ״?

4) נישט מינדער איז אָבער „צו קענען״ — אַ פּאָעט מוס זיך פּאַססען אַביסל קירצער: „איך האָב געגלויבט מיט ליעדער צו פּערוויגען, איינ־צושטיללען דען שמערץ״ —

5 פעלשען — что? און נישט чему — על כן — דאָס און נישט דעם העללישען פּייער.

6) יעממערליך — האַרץ, געוויס האָט איר געוואָלט זאָגען: „יאָמערנט האַרץ״ — נישט וואָהר?

7) איין הימעל געבויט מיין אָרט. ערשטענס האָט ער געוואָלט און נישט געבויט, צווייטענס, איז געגנוג צווישען די וואָלקען, דריטענס וואָלט בעססער געוועזען אַ נעסט אָדער איין אָרט און פיערטענס וואָלט בעססער געוועזן איין איינפּאַכער, אַ וויינינגער הויכער, נאָר פּאַר דאָס אַ טיעפערער אויסדרוק.

8) נישט „דער״ נור דאָס פייער.

9) אַראָב וועט פון איך אייערע קייטען. צ״ל: וועללען, ווי אויך: „אָוועק וועללען די קינות״, נישט אַוועק וועט — נור דער גאַנצער אויסדרוק, אַז „די קינות וועללען אַוועק״ און דערצו „פון האַרץ״ און דוקא „ביי נאַכט״ — איז פאַלש. קלאָג־ליעדער קאַננען אויפהערען, נור נישט „אַוועק״!

10) „מיין פאָלק וועט אָבלעבען״ — אָבלעבען הייסט: דאָס לעבען ענדיגען, שטאַרבען. „אָבלעבען זיינע יאָהרען איין נחת אונ — שטאַרבען מיט כבוד איז גאָר אַלץ איינס.

11) מיט קרעפטען בענייט — שוואַך, וואולגאַר...

12) מיט מוטה אונ מיט שטאָלץ... דאָס זאָלל הייסען מוטהיג אונ שטאָלץ, נו שרייבט בעססער: מוטהיג אונ שטאָלץ.

און דאָך — דער פונק איז דאָ.

זעהר שעהן אונ ריהרענט, כמעט ערהאַבען איז די סטראָפע: פערשוואַרצט נאָך דיין הימעל וכו׳.

נור פאַר דאָס טאָר מען [נישט] שרייבען: זודיגע טרערען, נור זודענ־דיגע! איהר הערט, מען טאָר נישט אַנדערש, ווייל...

איין אַלגעמיינעם פעהלער האָט דאָך דאָס געדיכט, וואָס די ערשטע סטראָפען זעהן אויס ווי סוביעקטיווע — די רעשט באַהאַנדלען פאָלקס ליידען.

די בעסטע שפּראַכע איז אינם געדיכט: „דאָס יודישע קינדהייט״ אויב צוואַהר עס דאַרף הייסען „די יודישע קינדהייט״. עס האָט זאָגאַר אונמעגליך געשריבענע סטראָפּען ווי:

ער פאַרליערט אַלץ, אַלץ
דאָס וואָס נויטיג איז
איז פאַר יעדערן
מענשען אין דער וועלט —

אַ סטראָף, וואָס הינקט און לאָמט מיט אַ שלעכטער פּראָזע, דאָך זעהט מען שוין אַ ריינערן פערז־מאָס, בפרט אין אָנהייב.
ווי אויך צום ביישפּיל:

אַז גאָר וויססען זאָלל
פון אַ קינדהייט ער —

עס דאַרף צו פיעל אַרבייט אַזאַ זאַץ צו פערשטעהן.
אַזוי טאָר מען נישט, עס דאַרף זיך גיעסען ריין און קלאָר.
גראַממאַטיקאַלישע פעהלער אין די מאַססען. איהר פערשטעהט דאָך דייטש?!
נישט שלעכט איז „דער פּאָעט״. נור איך ווייס נישט, ווי אַזוי אַ שטערן בייגט זיך אין ברעקליך?
ווי אַזוי דער שווייס קאַפּיט שטרומענווייז?
ווענן פעראייניגט זיך שווייס (מיעדקייט) מיט טרויער? שלעכט איז „טויט־שטילל״, ווענן אויף שטילל דאַרף פאַללען דער אַקצענט, אָבצוואַר, „שטילל״ אונ „געפיהל״ זעננען זאָ ווי זאָ שלעכטע ריימען.
אויך ווייס איך נישט ווי אַזוי די מוזע בעט דער דיכטער זאָלל איר זינגען; געוועהנליך איז פערקעהרט.
שווערליך איז אויך צום פערשטעהן אויף וואָס אַ גורל ווערט געבוירען. געבוירען ווערט אַ מענש.

— —

געקינצעלט אונ אָהן געפיהל איז דאָס לעצטע געדיכט: פערפלאָכטען מיט אייזערנע... הויך־קלינגענדיגע ווערטער, פאַלשע בילדער, אַ „צעררייססענער מוטה״, „פערפלאָכטען אונ פערטשיעפּיט״ אונ דערצו „פערוועבט ווי אין נעצען״ אונ אייזערנע פעדעם... „באַן״ געריימט מיט „פאַנג״ — . . .
אונ איהר ליגט פערגלאָצט — און איהר זינגט קיין ליעדער, נור זיפצען זינגט איהר... און „זיפצען אַרויס״ —

הערט אויף! זוכט קיין שטאַרקע ווערטער, שרייבט נור וואָס, וויאַזוי און וויפיעל איהר אַליין פיעלט! נור שרייבט, קיין מייסטער ווערט נישט געבוירען אונד דער פונק איז דאָ.

ערגעבענסט
ל. פרץ

P.S. אין בריעף מוזען זיין איניגע פעהלער. פערצייט, עס פעהלט מיר צייט איבערצולעזען אונ צו פעררי‌כטען. וועגען „וויססען וואָלט איך" האָב איך פערגעססען צו שרייבען.

„אויפלעבען" איז צו שוואַך פאַר תחית המתים.

און פריהער הערט מען שופר של משיח, דערנאָך שטעהט מען אויף. שלעכטע אויסדריקקע האָב איך אונטערגעצייכענט.

112

צו י. י. פראָפּוס

(פונעם אָריגינאַל)

געעהרטער הערר פּראָפּוס.

אייער בריעף מיט אייערע געדיכטע האָב איך ערהאַלטען. דען אמת צו זאָגען, וואָלט איך יוצא געוועזען מיט אונטערשרייבען אייער אייגענע קריטיק, נור, ווייל איהר האָט פאָראויסגעזעהן די מעגליכקייט און פערלאַנג איהר [איך] זאָלל אייך אויספיהרליכער שרייבען, טהו איך עס. איך טהו עס, ווייל איהר זייט ווערטה, ווייל אייערע לעצט־געשיקטע געדיכטע בעווייזען איין אָנגעהייער פאָרשריט.

נאָך אַזאַ גרויסען, חאָטש איין אמתען קאָמפּלימענט, מעגען זיין אויך עטליכע ביטטערע ווערטער.

פאַראַלל‌על

1) מיט דעם שטאַרקען ריזען כח.

פאַלש. „ריזען־כח" איז מעהר אַלס שטאַרק. — „ריזען־כח" איז שלעכט געבונדען, דייטש העבראיש אין איין וואָרט.

2) פינטיגע הערנער זעננען נישט נור קיין גוזמא נישט, נור אַפילו צו אַ שוואַכער אויסדרוק.

3) „גלות־שכינה" — עס דאַרף זיין „גלות השכינה".

4) „זיין שטאָלצקייט אין זיין הימעל״ — צו פינסטערליך.
5) די „קרינאָלינע״ פּאַסט פאַרן שטיער־אָקס זעהר ווייניג.
6) „יענע פרומע לעמעל״, עס דאַרף זיין — יענץ פרום לעממעל.

Средний род

און דאָך — דאָס געדיכט איז גוט.

** II

1) „די וויהטאָג״ נישט דער. —
2) זעהסט דער פריהלינג קומט אַהער. דער אַהער איז שוואַך, איבריג.
3) ליכט פלאַקקערט נישט, נור פייער.
4) דאָס נישט דער גראָז.
5) אויפהייבען גראָז פון דער ערד, הייסט: אָבגעריססען גראָז אויפ־הייבען, אין האַנד אַריין נעמען; נישט מעהר.
6) „אויך דער וואָרם, וועלכער קריעכט״. — שוואַך. עס דאַרף זיין: דען קריכענדיגען וואָרם.
7) אַ זאַפּט. „א״ איז איבריג. ה״א הידיעה למה?
8) נישט „איהרע״ נור „איהר״ קאָרן.

דאָס געדיכט איז אין גאַנצן שוואַכליך. עס שטופּט אייך די אידעע, נור די פאָרם פאַר איהר האָט איהר נאָך נישט געפונען.

** III

1) „שטראַהלען—געפאַללען״ — אַ שלעכטער ריים.
2) עס דאַרף זיין אַראָבגעפאַללען.
3) „אין קבר מיטראָגען״ — עס דאַרף זיין פשוט: טראָגען מיט מיר אין קבר אַריין. אַניט איז אונלאָגיש, אונפערשטענדליך.
4) „קדיש זאָגען דעם צער״ — צו פיעל „סימבאָליזם״, אויב עס איז סימבאָליזם. צו ווייניג לאָגיש, אויב עס איז פּראָסט.
5) פאַר וואָס אייגענטליך „נישט דו״ מיט איין אונטערגעשטראָכענעם „דו״ — איין אַנדערער אָדער איין אַנדערע — יאָ?
6) „בעלייגען דעם קבר״ — צו גראָבליך־פּראָסטאָוואַטע.
7) מיט „בליהענדע״ — איין איבריג וואָרט. עס דאַרף זיין: לעגען בלומען אויף מיין קבר.

** IV

1) „דאָך האָט זי געפיהלט יענע „צוואַנגען און שטריק״ — גראָב.
2) וואָס האָבען זי, נישט איהר, צו׳ן איהם געצויגען.

3) אויף איהר בעטיל. אַ קליין מיידעלע — אַ קליין בעטעלע?

4) וואָס האָט ער מיט די בלומען געטהון? דאָס דאַרף מען זאָגען.

5) צו שוואַך איז געווען די שנאה (?) ענטקעגען (?) וכו׳. שוואַך, נישט העלל, פערוויקעלט.

6) „ליעבליך געוואַרימט״ — וואָס איז דאָס? עפּיס דערמאָנט עס אין דוד המלך... גענוג די אויגען זאָללען לייכטען; נור דוקא — נישט ליעבליך. לייכטען, פּראָסט!

(דאָס געדיכט וואָלט געוועזען עקסטראַ־גוט, ווען נישט, וואָס אין ערשטען טהייל שטאַרבט ער, אונ אין צווייטען (אויב עס איז נישט איין אַנדערער) לעבט ער. —)

7) די נאַכטיגאַל דאָרט אויף צווייגען. „דאָרט״ איז איבריג. „אויף״ איז פאַלש. די נאַכטיגאַלל זינגט אָדער אויף אַ צווייג, אָדער אַרויס פון צווישען די צווייגען.

8) אונ אויפגעהערט שוין „פאַנטאַזיערען״ — שוואַך און פאַלש, וואָרען ליעבע איז דאָך קיין פאַנטאַזיע.

9) די לעצטע סטראָפע איז איבריג, גאַנץ איבריג אונ נישט גוט. דאָס שלאָגוואָרט איז שוין געגעבען אין דער פאָריגער סטראָפע. „געבע שוין גאָר וועלטליכע ניי׳ס״... וואָס דאַרפט איהר נאָך? נאָך יואָס האָט איהר זיי נאָך געלייגט צוזאַמען? נאָך וואָס מאַכט איהר פון זיי מאַן אונ ווייב? און מען קושט נישט, ליגט מען נישט אין שויס. —

5. דער שופר

1) דער ערשטער זאַץ (די ערשטע סטראָפע), איז שלעכט געבויט.

וואָס הייסט: „פון דער ערד, וואָס קלאָגליך, אָרים...״ איך פערשטעה נישט אַ וואָרט. פּריווט עס איבערזעצען אויף רוסיש, למשל.

2) דער שופר רופט נישט.

3) קיין קברים וועקט מען נישט, נור מתים.

4) שאַרבענס לעבען נישט אונ שטאַרבען נישט.

5) „שאַרבענס אונ סקעלעטען״ — אַ שיינער צוזאַמענהאַנג. —

6) אויסגעטריקענט (ווער?) זאַפט אונ חיות. דאָס הייסט: פון זאַפט אונ חיות?

7) איינגיעסען (ביי אונז זאָגט מען אָנגיעסען) קאַנן מען אין עפּיס, אין אַ כלי.

8) „וועקט ער אויף צו תחית המתים״ — עס קלינגט נישט גוט. איבריגע קלאַנגע.

9) „אָבגעטובעלט" — נישט פּאַסטעוד. מאָרגען־שטערן און מקוה־וואַסער...

10) „אַ בלייען (בלאָהען אָדער פון בליי?) וואָלקען שווערען" איהר „זענט טהייל מאָל ווי אַ בעקקער" — „דורך אַ שווערן בלייענען וואָלקען" מיינט איהר?

6. גאָט זאָגט

דאָס גאַנצע געדיכט איז צו שוואַך, אַנפּאַססענד. נישט פּאַר גאָטט און נישט פּאַר לייט. ווייניג וויץ, נישט קלוגער ערנסט; אַ סך גערעדט, ווייניג געזאָגט.

7. די פּאַפּירענע בריק

1) „ציהען ברעכען זיך ווי טייכען". טייכען ציהען זיך אפשר, נור ברעכען ברעכען זיי זיך געוויסס נישט.

2) עס דאַרף זיין „איינגעפאַלנע".

3) אויף דער וועלט לעבט מען, נישט מען וואהנט.

4) ווי קומט איהר, ייד, צו גלעקקער —?

(דאָך — גענוג שטאַרק, שרייבט עס ווייטער)

8. פּאַראַללעל

1) „רייכע לעבען" — אָדער יידיש: „רייך לעבען" אָדער דייטש „רייכעס לעבען". —

2) גאָלד און זילבער געפוצטע. וואָס הייסט עס?

3) עס איז מעגליך, אַז אין אייער געגענט זעננען פּערהאַננען אויפ־געקומענע גבירים, וואָס ליעגען אויף די דיהלען זייד און אַטלאַס. געוועהנליך לעגט מען דיוואַנען. נור סיי ווי סיי ווערען דיהלען נישט געבעטט, און „גע־בעטט", אויב מיר וועללען שוין דאָס וואָרט בענוצען, קאָנן נור זיין אויף די דיהלען. דיהלען ווערען אפשר ביי אייך אויסגעבעטט?

4) קאָניאַק, וויין און באַלזאַם. גראָב, נישט געשמאַקק, אַ שלעכטער צוזאַמענהאַנג נישט בילדלעך.

5) ביי דעם בורזשואַ דער ריקקען — גראָב.

6) „וויין" און „וויינען" — אַ שלעכטער, אַלט מאָדישער וויץ אַלאַ אדם הכהן * זכרונו לברכה.

און אַזוי ווייטער, ווייל דאָס גאַנצע געדיכט איז שוואַך. עס שטופּט אייך, ווייטער דאָס זעלבע, די אידעע, נור די פאָרם פּעהלט...

---

* אדם הכהן לעבענזאָהן, העברייאישער דיכטער.

9. די אַלטע פידעל

1) די סטרונע ווערט „אַנגעבויגען” אפשר ביי'ן פיילענבויגען.

2) אָבגעעקט האָט אַלטע כחות. אַלטע כחות זענען לײדער מעהר צאָהל, זיי האָבבען אָבגעעקט. נור ביי אונס בענוצט מען [נישט] דאָס וואָרט „אָב־געעקט” און דעריבער, פילליכט, ווייזט עס מיר אויס צו פראָסט.

3) שטאָלץ, מוטה אונ האָפנונג קאָנן זיין. נור צוויי נעמען אין איין וואָרט לאָזען זיך נישט בינדען.

4) אויפבלאָזען קאָנן מען אַ לונג־אונ־לעבער, נישט קיין סטרונעס.

5) אויגען שטעהען נישט, זענען אויך נישט צום פערגלייכען צו'ן אַ בלום. אויב אויגען וויינען שוין (געוועהנליך וויינט אַ מענש), וויינען זיי איבער, נישט אויף דעם פיעדעל.

6) די רעשט סטראָפען זעננען גענצליך איבריג, אונ וואָס איבריג איז, איז שלעכט.

10

**
*

1) קיין זיפץ ברעכט זיך נישט. אויך איז „ברעכען” אַ גראָב וואָרט, וואָס דערמאָנט נישט אין זיפצען, נור אין עפּעס אַנדערש.

2) „אַ שטראָהל פון רחמנות, אַ רוה פאַר צובראָכענע גלידער” — אַ שלעכטער צוזאַמענהאַנג. פּאָעזיע מיט גראָבער פּראָזא. פאַר וואָס נאָך „אַ” רוה? ווייטער דאָס זעלבע ה"א הידיעה למה?

3) די „עוויגע צייט”, וואָס שטעהט מיטן פאַרטוך און ווישט אויס טרערען פון די אויגען איז אַ ביסל קאָמיש...

4) עס ברעכט נישט דעם בעססער?

מיין ליעבער הערר פּראָפּוס: ווער ברעכט? — די עוויגע צייט אָדער די טרער? „דעם” צי דאָס מעססער? אונ וואָס בעטייט: מעססער־ברעכען?

די גאַנצע סטראָפּע איז שלעכט געבויט, שלעכט צוזאַמענגעקלעבט. קלינגט רוססיש: „נאָזש ניע לאָמאַיעטסאַי” וכו'.

די איבערזעצונג קאָנן איך נישט אורטהיילען. איך האָב נישט פאַר מיר דאָס אָריגינאַל.

ליעבער ה' פּראָפּוס, שרייבט אונ שיקט צום לעזען, וויפיעל איהרווילט, איך וועלל אייך גערן ענטפערן. יעדער עלטערער איז דאָס שולדיג דעם יונגערן. נור שרייבט מיר נישט קיין זיסע בריף. גלויבט, עס איז איבריג אונ — (פערצייהט) נאַריש. אויב איך ענפער נישט אַמאָל, איז נור דעריבער,

ווייל גאַנץ אָפט קאָנן איך נישט ענפערן. איך האָב אַמאָל נערוועז, איך קאָנן גאַנץ אָפט נישט לעזען. —

די פאָלקס ליעדער וואָס איך האָב געזאַממעלט, האָט ביי מיר צוגענוממען דער פּראָפעססער לעווי פון אַמעריקא און איך הער נישט און זעה נישט קיין צוועק. אויב איהר האָט עפּעס — שיקט. —

אייער י. ל. פּרץ.

113

צו י. י. פּראָפּוס

(פונעם אָריגינאַל)

געעהרטער הערר פּראָפּוס.

איך בין זעהר פערנוממען און דעריבער האָב איך אייך ביז אַהער נישט געענטפערט. דאָס געדיכט איז ווירקליך שוואַך. ערשטנס האָט עס ערטער, וואו איהר בעגעהט אייך מיט דער שפּראַכע ווי אַ שטיפפאַטער, אַמאָל נעמט איהר פון אַלט־דייטשען, פון וועלכען איהר טרעפט שפּורען ביי היינע, און שרייבט: „אויף מיין פּנים בלאַסס", „ווי אַקקאָרדען אַלט" וכדומה. אויף יודיש מוז מען זאָגען: „אויף מיין בלאַסס פּנים, ווי אַלטע אַקקאָרדען". איבערהויפּט קאָנן מען צום פערקירצערן אַבוואַרפען נור נישט נויטיגע זילבען, אָבער נישט צ. ב. ש. דעם צייכען פון דער מעהרצאָהל ווי די „ע" פון אַלטע. — טהייל מאָל געהט איהר נאָך ווייטער און פערקנוידערט אַ גאַנצע סטראָפּ און עס איז גאָר נישט מעגליך צו פערשטעהן:

> ווי אַקקאָרדען אַלט'
> וואו יעצט קלינגען נור
> הערען טענער זיך
> פון אַ טויטען כאָר... (נישט חאָר", ווייל עס קאָן זיין קאָהר)

אסור, אויב איך פערשטעה דען זאַץ, ווער וואָס פון וואָס עס רעדט!

אָדער די פערדרייטע פראַזע: אהּ, צי ווייסט איהר וועה, ברידער, וואָס בעטייט זי מיין הייסע טרער, בשעת ווען מענשליך וואָלט עס געהייסען, צי ווייס וועה פון אייך ברידער, וואָס זי, מיין הייסע טרער, בעטייט, און פּאָעטיש, אויב נישט אַלאַ קאָלצאָוו,* איז די פראַגע קיין פראַגע נישט, און דאָס ווענדען

---

* אַן עלטערער רוסישער דיכטער.

זיך (אין דער שטיללער נאַכט דערצו) צו׳ן אַ חברה ברידער האָט קיין טעם און קיין ריח נישט.

ריימען האָט איר דאָ וואונדערליכע:

נור—כאָר; פלאַם־גראַם (Nur—Cohr ; Flamm—gram)

פערטרויט—טויט...

אפשר רעדט מען ביי׳ן אייך אַזוי, נור שרייבט [שרייבען] און ריימען, שרייבט זיך, און ריימט זיך (אויב מען ווילל דרוקקען) פאַר כל ישראל!

אויף דער פריהער עלטער זייט איהר נאָך אַ צדיק געוואָרען און זייט שוין נישט מבחין בין זכר לנקבה; איהר שרייבט: „פרעגט די גאָלדענע זאַנג, וועס איך האָב פערטרויט״; וועם איז אויסערדעם צו פיעל דייטשמעריש.

איך געפינן אים אַלגעמיינעם, אַז איהר האָט זיך מיט דער צייט נישט פיעל פערבעססערט. איהר מוסט לעזען צו וועניג, יודיש פילייכט גאָר נישט. און דאָך איז ביי מיר געוועזען ה׳ לוריא, דער רעדאַקטאָר פון יוד, און עס איהם דאָס געדיכט געפעללען. איך וויל נישט דאָ אין מיטן זיין, איך ווילל נישט, אַז דורך מיר זאָלל פאַר אונזער עולם געדרוקט ווערען אַ צונויפ־געקנוידערט געדיכט, איך שיקק עס צוריק, טהוט דערמיט, וואָס איהר ווילט...

מיט אַכטונג

ל. פרץ.

[צושריפט פון אברהם רייזען]

ליבער פריינט פּראָפּוס:

איך קאָנן דיר מבשר זיין ישועות ונחמות, אַז מיין „צוואַנציגסטע יאָהר־הונדערט״ איז שוין אין מאַשין און מאָרגען-איבערמאָרגען געהט עס אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט. הלואי זאָל עס טאַקי ג ע ה ן, מען זאָלל עס, חלילה, נישט דאַרפען ט ר אָ ג ע ן...

ווי עס וועט הערוים, וועל איך דיר צושיקען איין עקזעמפּליאַר מיט׳ן שענסטען כבוד מיט אַ פיינעם געציגטען „לכבוד״... —

פּאָלג מיך, קומם צו פאָהרען קיין וואַרשוי, וואָס וועסטו אוים זיטצען אין דובבעלן. ענטווער וועגען דעם.

דיין א. רייזען.

[צושריפט פון ה. ד. נאָמבערג]

אַ „משלנו״דיגער חסיד גריסט אייך.

ה. ד. נאָמבערג.

114

צו יהואש

[יהואש האָט זיך באַטייליקט אין פּרצעס „יודישע ביבליאָטעק", דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.]

(פון העברייאיש)

מיין פריינד!

איך גיב איבער צום דרוקן דעם דריטן טייל,* און כ'בעט דיך ווידער זאָלסט מיך נישט פאַרלאָזן. כ'האָב איבער מיר אַ סך משוררים וואָס „טוען שאַלן אַ שאַלונג", אָבער כ'האָב נישט קיין איין לייטיש ליד צום דרוקן. זאָלסט נישט אָפּזאָגן דיין גוטס „דער ביבליאָטעק".

דיינע לידער און מיינע האָבן אָנגעמאַכט אַ מהומה צווישן אונדזערע „משוררים". די וועלט איז געוואָרן אַ פאַרדרייטע און אַלע בריקן זיינען פאַרברענט געוואָרן און ס'איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צוצוקומען צו זיי.

אויב דו וועסט מיר נישט שיקן דיינע לידער, וועט אין „דער ביבליאָטעק" קיין לידער אין גאַנצן נישט זיין. ראָזאַ גאָלדשטיין ** וועט טאַקע ברומען ווי אַ טויב און איך פון כעס וועל זיין פאַרביטערט און שרייען ווי אַ לייב, נאָר דער סאָלאָוויי איז נישטאָ.

מיין פרוי גריסט אייך.

דיין ברודער
ל. פּרץ

115

צו יהואש

(פון העברייאיש)

מיין פריינד!

דיין טרויעריקן בריוו האָב איך באַקומען. און דאָס איז טאַקע דאָס בילד וואָס דו האָסט מיר שוין לאַנג פאַרגעשטעלט פון דעם פרייהייטס־לאַנד. ווען איך בין דאָרט, וואָלט איך נישט געגאַנגען העלפן דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָרן דער וויל זיך בשום אופן נישט מיט מיר מתחתן זיין. איך זוך אין יעדער באַוועגונג אַ מאָראַלישן יסוד. די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג האָט אַזאַ יסוד,

* דריטער טייל פון זיין „דיא יודישע ביבליאָטעק", וועלכע איז אַרויס ערשט אין 1895 (צענזורירט דעם 16טן מערץ [אַלטן סטיל] 1894).

** געדרוקט לידער אין פּרצעס „ביבליאָטעק".

אָבער ער וויל אים נישט קענען. אָבער דאָ איז נישט דאָס אָרט זיך אָפּצורעדן דאָס האַרץ וועגן באַוועגונגען. פון דיין בריוו ווייס איך נישט קלאָר:

1) צי האָסטו באַקומען האָנאָראַר פאַר די לידער וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער ביבליאָטעק דורך בן־אביגדור.*

2) צי דו קענסט מיר נישט העלפן ווייטער מיט עפּעס.

דיינע לידער אין דער ביבל — זיינען געפעלן געוואָרן אַלע לעזער און מבינים. ס'איז דאָ אַפילו אַ סך וואָס פאַרגינען נישט און זוכן חסרונות, אָבער זיי זיינען נידעריקער אין כמות און אַוודאי אין איכות.

זיך צו באַטייליקן מיט לידער אין דער ביבליאָטעק איז — ווי מיר דאַכט זיך אמת און אויפריכטיק — אַ חוב וואָס דו ביסט שולדיק דעם אָרט וואָס דו ביסט אַוועק פון אים, און צו שרייבן וועגן די יידן אין אַמעריקע, זייער לעבן און אָנשטרענגונגען, וועט דיר לייכט זיין. האָסטו נישט קיין רייזע־לידער? ים־לידער? אָנקום־לידער [קיין אַמעריקע]? קאָנסט נישט עפּעס דערציילן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע?

זאָג נישט אָפּ די טובה דיין ברודער דאָ און איך בלייב
דיין פריינד און פאַרערער ל. פּרץ

מיין פרוי געדענקט דיך גוט און גריסט דיך. אַ סך דאָ דערמאָנען דיין נאָמען. ד"ז.

דער יידישער פּאָעזיע דאַרף מען איצט אָפּגעבן כבוד און אַכטונג! און די לעזער הייבן עס אָן צו פאַרשטיין.

116

צו ב. גאָרין

(פון רוסיש)

[ניט דאַטירט, אַן ערך 1898.]

גנעדיקער ה' גאָרין.

איך האָב אייך ניט געענטפערט אַ זייער לאַנגע צייט און בכלל קיינעם ניט געענטפערט אויף די בריוו — אָנגעפאַלן אַ מרה־שחורה. —

איך בין זייער צופרידן, וואָס איר האָט זיך שוין איינגעאָרדנט, אָבער אויף ווי לאַנג? איר זענט דאָך אויך אַ בויער פון לופטשלעסער!

* בן־אביגדור (א. ל. שאַלקאָוויטש) — אַ שוואָגער פון יהואש.

וואָס שייך אייער פּאָרשלאָג, וועט קוים פון דעם עפּעס אַרויסקומען. איר זענט דאָך נאָר דער רעדאַקטאָר. איבער אייך האָט דאָך די דעה דער אַרויסגעבער. מיר איז שוין נמאס געוואָרן די אומערלעכע אַמעריקע. די פּאָרשלאָגן — נישט קיין ריכטיקע, שטענדיקע ענדערונגען פון פּרייז — אַן עקל.

לייגט פאָר מיין אַרויסגעבער צו מאַכן באַשטעלונגען און אַרויסשיקן געלט פאָרויס.

איך האָב צו אייך אַ בקשה. אין דער אויסגאַבע, וואָס איז אייך באַקאַנט, האָבן זיך געדרוקט מיינע זאַכן. דאָס געלט איז פאַרפאַלן, זאָל זיי גאָט העלפן, אָבער איך האָב ניט קיין קאָפּיעס פון די אַרויסגעשיקטע קליינע זאַכן און לידער. קענט איר אָבער פועלן ביי די הערן אַרויסגעבער, זיי זאָלן מיר אַרויסשיקן די אויסשניטן?

איך האָב נאָר באַקומען וועבער־ליעבע,* פּרינץ פּראָש וכו׳ און פּאַללענדע שטערן, אָבער דאָרטן זיינען געווען נאָך 6—7 בילדער און לידער: אויף אַ פּאָלקס־מאָטיוו ** און מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע.

אויב די זאַכן זיינען נאָך אין גאַנצן ניט געדרוקט — זאָל מען זיי מיר צוריקשיקן. אָדער אָדער.

אייער

ל. פּרץ

117

צו די זילבערס

[קיין ניו־יאָרק, 1899.]

(פון פּויליש)

געערטע הערשאַפט זילבערס,***

טיילוויז איז הער ווינער געדעכט. ווייל, דעם אמת געזאָגט, האָט אייער בריוו מיך זייער דערפרייט. ער איז געווען פאַר מיר אַן אָפּקלאַנג פון בעסערע, יונגע צייטן ווען דער ספּלין (Spleen) האָט נאָך ניט אַרומגענומען דעם

---

* וועבער־ליבע, געדרוקט אין „אָבענד־בלאַט״, ניו־יאָרק, 1897, געחתמעט פּלאי.

** פּאָלקס־מאָטיוו — געדרוקט אין א. רייזענס „דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט״, 1900, ז׳ 80.

*** זילבער איז געווען פּרצעס אַ שותּף אין צווזמיר. שפּעטער האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע.

מענטשן, ווען דאָס בלוט האָט ניט צירקולירט אַזוי פויל און די נערוון זיינען ניט געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט. און דאָך: עס ליגט ביי מיר אייער בריוו שוין צען טעג און איך האָב ניט געענטפערט. ער וואָלט אוודאי פאַרלוירן געגאַנגען נאָך אַ ביסל צייט, ווען ניט דער צופאַל, ווען ניט יום־טוב. איך האָב גע־נישטערט אין טיש און אים געפונען.

עס פרייט מיך זייער, וואָס אייך גייט גוט, ווייל איר זייט וואוילע מענטשן. דעם אמת געזאָגט, גייט מיר אויך ניט שלעכט.

עס פעלן מיר שוין ניט קיין קאָפּעקעס נאָר רובלס, אָבער איך בין גרוי געוואָרן, חושך געוואָרן. די אויגן ווערן קאַליע, דער הומאָר איז ניט וואָס אַמאָל. מיט איין וואָרט, איך גיי באַרג אַראָפּ. איך אַרבעט אָבער אַ סך.

וואָס איז שייך ד״ר ווינער* האָט ער רעכט, ווי איך האָב אויבן דער־מאָנט, אָבער נאָר טיילווייז: ערשטנס, ער האָט אָנגעשריבן זיין אַדרעס אַזוי ניט קלאָר, אַז איך קען אים ניט ענטפערן. צווייטנס, דאָס שיקן דעם בוך האָט ניט געקענט פאַרבונדן ווערן מיטן ענטפער אויף אַ בריוו, ווייל ד״ר ווינער האָט זיך מיט מיר באַקענט פערזענלעך און ער ווייסט זייער גוט, אַז איך וואָלט בעסער געהאַקט האָלץ איידער געענטפערט אויף ליטעראַרישע בריוו.

אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. איך האָב צו אייך אַ בקשה, אייגנטלעך עטלעכע בקשות. זיי זיינען אייך מחייב אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל איר קענט זיי אויספירן אָן אָנשטרענגונג אין אַרבעט און צייט.

ערשטנס, איך וויל אייך בעטן ד״ר ווינערס אַדרעס, ווייל איך דאַרף עפּעס אָפּנעמען ביי אים.**

צווייטנס, אפשר וואָלט איך געקענט דורך אייך באַקומען אַ קאָמפּלעקט אויסשניטן פון מיינע אַרבעטן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „צוקונפט" און „אַרבעטער צייטונג". די קאָסטן וועל איך מיט פאַרגעניגן און דאַנקבאַרקייט אומקערן.

3) אפשר וואָלט איך געקענט דורך אייך פאַרקויפן אין אַמעריקע די מאַטריצן פון מיינע ווערק.

---

* ד״ר ל ע אָ ו ו י נ ע ר, דער מחבר פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור (אויף ענגליש). ווינער האָט זיך באַקענט מיט פרצן אין וואַרשע, אין יאָר 1898.

** פרץ האָט אַנטליען ווינערן זיין זאַמלונג יידישע פאָלקס-לידער.

צום סוף נאָך אַן ענין:

4) דער פאַרלאַג שרהזאָהן און זאָהן * (185 איסט בראָדוויי) האָט מיר פאָרגעלייגט (דעם 6טן יאַנואַר!) מיטצואַרבעטן אין זיינע אויסגאַבן. איך ווייס ניט, ווי מען צאָלט דאָרט — אויב מען נאַרט ניט אָפּ, ווי אין אַנדערע ערטער, וואו מען נעמט צו דעם כתב־יד אָן געלט א. אַז. וו.

אפשר וואָלט איך געקענט שיקן צו אייך די מאַנוסקריפּטן פאַר יענער פירמע? און אפשר דאַרף מען ניט? איז דאָס אַ ראַיעלע פירמע?

איך וואַרט אויף אייער תשובה און פאַרבלייב מיט אויפריכטיקער פריינדשאַפט

ל. פרץ

די אויפריכטיקסטע גרוסן פון העלענען.

118

צו די זילבערס

(פון פויליש)

[אַן ערך 1899.]

געערטע הערשאַפט זילבער.

קודם־כל אַ ידיעה וועגן לוציאַנען.** מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער געענדיקט אין וואַרשע דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט, איז אַוועקגעפאָרן ווייטער זיך צו בילדן קיין בערלין און שווייץ... און נאָך אַ יאָר פון וואַנדערן געקומען אַהיים מיט אַ כלה. דאָס איז העלענע, די טאָכטער פון ש. אייזענמאַן פון וואַרשע. אין אַ יאָר אַרום איז פאָרגעקומען די חופּה. פאַרשטייט זיך, אַז הער ש. אייזענמאַן קען נאָך נישט פאַרדייען די „חרפּה"; אָבער נישט מיר און נישט אונדזערע קינדער גייט אַן זיין מאָראַלישער מאָגן. לוציאַן האָט אַ שטעלע ביי נאַטאַנסאָנען.*** ער באַקומט דערווייל 75 רובל אַ חודש, מען קען דערפון

* די אַרויסגעבער פון „יידישן טאַגעבלאַט".
** לוציאַן — פּרצעס זון.
*** אַ באַנק-הויז אין וואַרשע.

לעבן, ווייל מיר וואוינען צוזאַמען. מיר מאַכן אַ ביסל חובות, אָבער דאָך ניט אַזוי פיל.

לכתחילה איז די באַציאונג צווישן מיר, אַ באַאַמטן פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, און אייזענמאַנען, אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג, געווען אַ ביסל אַן אויסטערלישע, אָבער אויך דאָס האָט זיך אויסגעגליכן. ער פרעגט נישט, איך דערמאָן נישט און געענדיקט. די קינדער לעבן גליקלעך און געזונט.

איך בין מסופק, צי אין איצטיקן מאָמענט וועט מיר געראָטן עפּעס צו־צושיקן קיין אַמעריקע, ווייל איך הייב אַליין אָן אַרויסצוגעבן. דערפאַר אָבער וואָלט איך שטאַרק געוואָלט פאַרקויפן מאַטריצן. איז די פראַגע: וואָס וועט מען געבן פאַר אַ בויגן? ווען איך וואָלט געהאַט דעם פּרייז, וואָלט איך זיך באַמיט צו דערגיין וואָס וועט קאָסטן דאָס אַרויסשיקן און דאַן געקענט וויסן, צי דער גאַנצער עסק וועט זיך לוינען.

אויף יעדן פאַל וואָלט איך געפאָדערט, אַז ער זאָל דעפּאָנירן ביי אייך אַ נישקשהדיקן אַדעריוף וואָס זאָל לכל־הפחות דעקן די הוצאות פון אַ טאָפּעלן איבערשיקן.

אויב דער בעלן וואָלט געהאַט עמעצן אין וואַרשע, וואָלט איך געוואָלט אָפּגעבן די מאַטריצן אויפן אָרט.

וועגן אַרויספאָרן קיין אַמעריקע איז שוין צו שפּעט צו רעדן! נישטאָ שוין קיין כוח!

אפשר טרייב איך אַ ביסל איבער, ווייל איך בין נערוועז, אָבער איך פיל זיך זייער נישט גוט, עפּעס אַ בענקשאַפט און מען ווייסט נישט נאָך וואָס...

ד״ר ווינערן האָב איך געשריבן. אויב איך וועל נישט קריגן דאָס ווערק אין משך פון אַ געוויסער צייט, וועל איך עס קויפן. —

וואָס הערט זיך ביי אייך?

אייערע בריוו לעבן אויף די אַלטע, אָרעמע, זייער אָרעמע, אָבער פרייילעכע צייטן.

גרוסן פון פרוי און קינדער. —

אייער

לעאָן

119

צו ה. ד. נאָמבערג

[דאָס בריוול איז געשריבן פון וואַרשע קיין זגערזש, וואו ה. ד. נאָמבערג איז דאַן געווען לערער ביי ישׂשׂכר שוואַרצס קינדער. עס האָט דעם פּאָסט-שטעמפּל פון 5טן נאָוועמבער 1898. ה. ד. נאָמבערג איז דאַן אַלט געווען 22 יאָר. ער איז פריער געווען אַ שטיק צייט אין וואַרשע, וואו ער האָט זיך באַפריינדט מיט פּרצן. דאָס בריוול האָב איך באַקומען אין 1930 פון ישׂשׂכר שוואַרץ, ביי וועמען נאָמבערג האָט עס געלאָזן. נאָמבערג האָט דעביוטירט אין יאָר 1900.]

(פון העברייאיש)

מיין פריינד, שוין צוויי וואָכן ווי דיין בריוו ליגט ביי מיר אויפן טיש, און איך ווייס נישט וואָס דיר צו ענטפערן. און איך ווייס נישט, וואָס דיר צו ענטפערן, ווייל איך פאַרשטיי נישט דיין בריוו, דיין ווייטיק, דיינע איבער־לעבענישן. טוט דיר ווי דאָס האַרץ, ווייל די „מאַדאַמען און הערן" האַלטן זיך גרויס קעגן דיר, אָדער ווייל זיי אַנען נישט וואָס דו פאַרמאָגסט? — דו אַליין (יעדנפאַלס אַזוי טראַכט איך און בין משער) קענסט זיך נישט, און ווייל דו קענסט זיך נישט, האָסטו געשריבן דיין בריוו און שיר אויף אַ געקינצלטן אופן, און דערפאַר — זיינען דאָ מאַדאַמען און הערן, וואָס האָבן פאַר דיר קיין אָפּשיי נישט. צי האָבן דיינע אויערן געהערט וואָס דו אַליין האָסט גערעדט? און דעריבער ביסטו געבוירן נישט אויף דער ערד, נאָר אין דער ערד, און דו דערגייסט ביז דעם, וואָס דו גיסט זיך אַליין איבער דעם טייוול. — וואָס איז עס געוואָרן מיט דיר? איך לאַך נישט פון דיין ווייטיק, נאָר פון דעם, וואָס דו באַגרייפסט אים אַליין נישט. — געוויס ווייטיקסטו און דאָס האַרץ טוט דיר וויי, אפשר איז עס צוליב עפּעס אַ קערפּערלעכן אָדער גייסטיקן מיחוש — אַזאַ מין ווייטיק קען דיר דינען אַלס קוואַל פאַר אַ שיר אָדער שירים, אָבער דאָס איז אַ נאָמענלאָזער ווייטיק, דעריבער קען ער גופא נישט זיין אַ טעמע פאַר לידער אָדער בריוו, דער ווייטיק קען זיין בלויז די פּאַרב פאַר עפּעס אַ זאַך. איך האָף, אַז דו פאַרשטייסט מיך. — נאָך עפּעס: קען זיין, אַז די געזעלשאַפט, אין וועלכער דו לעבסט, קען נישט פאַרטראָגן דיינע האַוואַיעס, דיין פּירעכץ, דיין „טאַקטלאָזיקייט", און דאַן — אָנשטאָט זיך קלאָגן — בעסער ענדער זיך! ביי מיר קענסטו זיין אויך אַ פּרא־אָדם, איך קען דיך שעצן אויך אָן הויזן, אָבער דער עולם, וואָס יעדער איינער פון אונדז נייטיקט זיך אין אים, ווייל זען דעם אויסערלעכן מענטש. — הער זיך צו צו מיינע רייד. — זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיר באַלד נישט געענטפערט, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ פוילער. —

דיין פריינד ל. פּרץ

120

צו יעקב דינעזאָן

[עס איז שוין נאָך דעם, ווי מ'האָט געפייערט (ל"ג בעומר תרס"א — 1901) פרצעס יובילײ, — 25 יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט און זיין 50טן געבוירנטאָג. אין די יאָרן 1899—1901 זיינען אין „תושיה"-פאַרלאַג (אָנפירער—בן-אביגדור) דערשינען 4 בענדער פון פרצעס העב-רייאישע כתבים (תמונות, ציורים, ספורים, ישנים גם חדשים). — אייניקע זאַכן זיינען געשריבן געווען דורך פרצן אין העברייאיש, די איבעריקע זיינען איבערגעזעצט געוואָרן פון יידיש. בן-אביגדור (פאַר-לאַג „תושיה") האָט דאַן אויך אַרויסגעגעבן אַ העברייאישן קינדער-זשורנאַל „עולם קטן", וואו פרץ האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע זאַכן. — דער בריוו איז געשריבן זומער 1901 פון אָטוואָצק, וואו פרץ האָט דאַן געוואוינט, און געשיקט צו יעקב דינעזאָן קיין וואַרשע.]

(פון העברייאיש)

ידידי!

איך בעט דיך, זאָלסט טון פאַר מיר אָט וואָס:

גיי אַריין צום ה׳ בן־אביגדור און מאַך מיט אים אַ חשבון פאַר מיין אַרבעט. מיר דאַכט זיך, אַז ער דרייט זיך פון מיר אַרויס, און איך ווייס נישט פאַרוואָס, און איך, ווי דו ווייסט, האָב ליב קלאָרע זאַכן.

זאָל ער אויסרעכענען פאַר מיינע לעצטע ביכער און פאַר דאָס, וואָס איז געדרוקט אין „עולם קטן״.

וואָס שייך די ביכער, ווייסטו דאָך, אַז עס זענען פאַראַן צווישן זיי אַ ביסל אָריגינעלע און דאָס איבעריקע — איבערזעצונגען; קענסט רעכענען אַלע פאַר איבערזעצונגען, אויב דו קאָנסט נישט דערגיין פּינקטלעך.

איך וויל אויך וויסן, וויפיל ער צאָלט פאַר אַ שורה אין „עולם קטן״. איך האָב אייניקע זאַכן, און איך ווייס נישט, צי ס׳איז כדאי זיי צו פּאָרענדיקן און שיקן זיי.

איך ווייס אויך נישט, צי עס איז כדאי אויף ווייטער איבערצולאָזן פאַר זיינעטוועגן ביכער.

און דער עיקר: וואָס לויט מיין מיינונג קומט מיר פון אים אַ סך געלט, און ער זאָגט גאָר להד״ם.*

דיין ברודער
ל. פרץ.

---

* לא היו דברים מעולם — ס׳הויבט זיך גאַרנישט אָן.

121

צו ראובן אשר ברוידעס

[ר. א. ברוידעס — באוואוסטער העברייאישער שרייבער, מחבר פון „הדת והחיים", „שתי הקצוות" א. אַ. ער האָט, אגב, גוט זיך אָפּגערופן וועגן פּרצעס העברייאישע שירים אין דעם ביכל „ספּורים בשיר ושירים שונים", וואָס פּרץ האָט צוזאַמען מיט זיין שוועער אַרויסגעגעבן, אין ד. גאָרדאָנס „מגיד משנה" אין 1880. דער בריוו אין אָריגינאַל איז פאַר־עפנטלעכט אין „הארץ", 1893.—פּרץ האָט זיך באַקענט מיט ר. א. ברוידעס אין וואַרשע אַרום 1875.—דער בריוו איז איבערגעזעצט פון העברייאיש דורך א. ר. מלאכי.]

(פון העברייאיש)

וואַרשע, אייר תרס"ב [1901].

גערטער הער ברוידער!

אין גיכן וועט ווערן פינף און צוואַנציק יאָר זינט דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה" נחום סאָקאָלאָוו האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע אַרבעט. די פאַר־ערער פון דעם דאָזיקן שרייבער זיינען זיך צונויפגעקומען צו באַראַטן זיך ווי צו פייערן זיין יובילײ אויף אַן אופן, וואָס זאָל פּאַסן פאַר אים און האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן לכבוד דעם יובילאַר אַ זאַמלבוך אין העברייאיש, וואָס זאָל זיין געווידמעט יידישער וויסנשאַפט ווי אויך דערציילונגען, סקיצן, זעאונ־גען, לידער און ד. גל. (אַרטיקלען איבער צייט־פראַגן, דיסקוסיעס, פּאָלעמיק און איבערזעצונגען ווערן ניט אָנגענומען). און צוליב דעם דאָזיקן צוועק האָבן די, וואָס זיינען אונטן אונטערגעשריבן, מיר איבערגעגעבן צונויפזאַמלען דעם געהעריקן מאַטעריאַל פאַר אַזאַ זאַמלבוך, רעדאַקטירן און אַרויסגעבן אים.

צוטרעטנדיק צו דער דאָזיקער אַרבעט, ווענדן מיר זיך צו אייך, געערטער הער, מיט אַ בקשה, איר זאָלט זיך באַטייליקן אין אונדזער אַרבעט און מיר האָפן אַז איר וועט אונדז ניט אָפּזאָגן. די צייט פון שיקן איז ניט שפּעטער פון א' אלול תרס"ב. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר וועלן אייך זייער דאַנק־באַר זיין אויב איר וועט שיקן אייער אַרטיקל פריער, וואָס וועט פאַרלייכטערן אונדזער אַרבעט. יעדנפאַלס זאָלט איר אַזוי גוט זיין און אונדז ענטפערן גלייך און אונדז לאָזן וויסן אויב, ווען און וואָס איר דענקט צו שיקן, כדי מיר זאָלן וויסן. אויך בעטן מיר אייך, געערטער הער, צו זען, אויב מעגלעך, אַז דער אַרטיקל זאָל ניט האַלטן מער ווי צוואַנציק דרוק־זייטן אין אַכטל פאָרמאַט.

אין נאָמען פון די רעדאַקטאָרן (דר. שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי, דוד פרישמאַן, יצחק ליב פּרץ, שמואל שיינהאַק).

איך דענק, אַז איר האָט מיך נאָך ניט פאַרגעסן.

י"ל פּרץ.

122

צו חיים נחמן ביאַליק

[די פאָלגנדיקע 6 בריוו זיינען געשיקט געוואָרן פון י. ל. פרץ צו ח. נ. ביאַליק אין העברייאיש, פון וואַרשע קיין אָדעס, אין די יאָרן 1902-1906. זיי זיינען דורך מיר איבערגעזעצט פון „כנסת" (בוך 4, „דביר", תרצ"ט, 1939), הערות — פון פ. לאַכאָווער. מיר האָבן אָנשטאָט „דר" איבערגעזעצט „איר"; א י ע ר ליד, אָנשטאָט „שירך". פרץ האָט מסתמא געאירצט ביאַליקן. ח. נ. ביאַליק איז אין דער צווישן-צייט געווען אין וואַרשע און זיך באַזונדערס באַפריינדט מיט פרצן.]

(פון העברייאיש)

צום ה' ח. נ. ביאַליק,

שלום!

פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס ס'האָט מיר פאַרשאַפט אייער ליד „מתי מדבר",* דאַנק איך אייך מיטן גאַנצן האַרצן.

פאַרערער פון אייער גרויסן טאַלאַנט

י. ל. פרץ.

א' חוה"מ פסח, תרס"ב [1902], וואַרשע.

123

צו חיים נחמן ביאַליק

(פון העברייאיש)

חשובער חבר!**

ווי דער רעדאַקטאָר פון אַ זאַמלבוך, וואָס ווערט געגרייט לכבוד אונדזער פריינט יעקב דינעזאָן, צו זיין 25־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט פאַרן פאָלק, ווענד איך זיך צו אייך, חשובער הער, מיט דער ספּעציעלער בקשה, איר זאָלט זיך באַטייליקן אין דער וואַרשעווער קאָלעקטיווער אונטערנעמונג,

---

* די „מתי מדבר" (די טויטע אין מדבר) איז געדרוקט געווען אין „השלח", באַנד 9, 1902.

** דער בריוו איז אַ געדרוקטער טעקסט, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו פאַר-שיידענע שרייבער. דעם צושריפט האָט פרץ צוגעשריבן מיט דער אייגענער האַנט.

און איר זאָלט גלייך צושיקן עפּעס אַ פיינע זאַך ווי אַן אָנדענק לכבוד דינעזאָנען.
איך וואַרט אויף אייער ענטפער.

אייער חבר י. ל. פּרץ.

דער בריוו האָט זיך פאַרהאַלטן צוליב אַ גאַנץ־געווייגלעכער סיבה ביי אונדז אין לאַנד... איך ווענד זיך צו אַלע באַוואוסטע שרייבער מיט אַ ספּעציעלער בקשה און צו אייך מיט גאָר אַ באַזונדערער ביטע... באַטייליקט זיך מיט אונדז, כדי דער זאַמלבוך זאָל אַרויס גוט און שיין.

מיט אַכטונג

י. ל. פּרץ.

וואַרשע, צעגליאַנאַ 1, שבת תרס"ג [1903].

124

צו חיים נחמן ביאַליק

(פון העברייאיש)

[דעם 31טן יאַנואַר, 1906.]

מיין ביאַליק:

איך בין געווען אויף אייך אין כעס, פאַרוואָס איר האָט געשוויגן, איצט האָב איך דערהערט אייער שטימע, איז מיין כעס פאַריבער. איך האָב מקצר געווען אין מיין איבערזעצונג,* ווייל דער אונטערשייד צווישן מיר און אייך איז זייער גרויס. איר אַרבעט מיט אייזערנע שטאַנגען און איך — מיט קרישל־דיקן שטיין. די נביאישע שפּראַך אַליין, די שטאַרקע און שטייפע, ראַטעוועט אויך די שוואַכערע ערטער: דאָס וואָס אונדזער מאַמע־לשון קאָן עס נישט באַווייזן און וועט עס קיינמאָל נישט באַווייזן. כדי צו ווערן האַרט ווי אַ פעלז, דאַרף מען שטאַרבן.

דער טעות **— איז טאַקע אַ טעות, אָבער נישט איך האָב מיר טועה געווען.
די מעשה איז אַזוי. איך האָב קיין צייט נישט, ווי אייך איז באַקאַנט. איך מוז דאַך אַרומגיין לוידיק. דעריבער האָב איך איבערגעגעבן איינעם פון די יונגעלייט, אַ יונגן שרייבער, ער זאָל פאַר מיר איבערזעצן אייער ליד וואָרט אין וואָרט. און אָט דער יונגערמאַן איז אַ וואוילקענוודיקער און אַ גוטער

---

* פּרץ האָט איבערגעזעצט ח. נ. ביאַליקס „משא נמירוב" אויף יידיש.
** אין דער געדרוקטער איבערזעצונג איז אַריינגעפאַלן אַ דרוק־פעלער.

איבערזעצער. מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו קאָנטראָלירן אים. איז עס טאַקע אַן עוולה — די פוילקייט מיינע.

דאָס העפט האָב איך באַקומען.

איר זאָלט מיר נישט שרייבן אויפן אַדרעס פון דער רעדאַקציע „דער וועג" — אייער בריוו איז געעפנט און געלייענט געוואָרן.

נאָמבערג און אַש פאָרן קיין אויסלאַנד און נישט קיין ארץ־ישראל.

איך בין גרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל יעדן טאָג, אָבער — איך האָב קיין געלט נישט, און איך נויטיק זיך אין אַ סך געלט, בפרט בעת אַ רייזע.

האָט איר געלייענט מיין פּאָעמע אין דער אויסגאַבע ———*, אויב נישט, לייענט איבער און טיילט מיר מיט אייער מיינונג.

וועגן אייער מאַטעריעלער און גייסטיקער לאַגע שרייבט איר מיר גאָר־נישט. פאַרוואָס?

פאַראַן מאָמענטן, ווען דאָס לעבן איז מיר זייער שווער. אומעטיק, טרויעריק „און נישטאָ וועמען די האַנט צו דערלאַנגען.** איך האָב נאָך נישט באַקומען דעם לעצטן נומער „השלח", אָבער איך האָב שוין געהערט וועגן אייך לויב־געזאַנגען.

איך מאַך בקיצור, ווייל איר האָט אויך נישט מאריך געווען. דעם טעות וועט איר אַליין פאַרריכטן.

אייער

י. ל. פּרץ.

---

* דער בריוו איז דאָ צעלעכערט, דאָס וואָרט איז נישט צום איבערלייענען.

** אַ באַקאַנט רוסיש וואָרט.

125

צו חיים נחמן ביאַליק

(פון העברייאיש)

[וואַרשע, אָן אַ דאַטע.]

מיין ליבער:

„שרייבט אויך איר", זאָגט איר אין אייער בריוו, אָבער נישט איך בין דער פוילער. עטלעכע חדשים, נאָך אייער אָפּפאָרן פון דאַנעט, האָב איך אַרויס־געקוקט אויף עפּעס אַ ידיעה פון אייך.

אָבער איך וועל זיך נישט רעכענען מיט אייך.

איך ווייס, אַז מיין פּאָעמע איז אַ געראָטענע זאַך, ווייל זי איז שטאַרק געפּעלן געוואָרן, און טאַקע גלייך די יונגע, און אַלע אַלטע (פּרישמאַן, עליאַשעוו *) זיינען אויפגעבראַכט.

וואָס שייך דעם בריוו „די פּרוי״, האָב איך געהאַט ווייניק און נישט קיין סך נחת, ווי איר האָט געהאָפט. די לאָגיק פון אַ פּרוי, די נשמה איז טיף אין זומפּ — דאָס משפּחה־לעבן לויטן אַמאָליקן באַלעבאַטישן שטייגער, — און פון אויבן עטלעכע בלימעלעך פון ליבע צום אמת. זי פּאַרט קיין אויסלאַנד צו זוכן דעם אמת און זי שרעקט זיך פאַר די זאָרגן פון דריטן אָדער פון דער דריטער. אָבער ס'מאַכט נישט אויס. דאָס איז אויך צום גוטן, ווען נישט די אריכות פון דעם ש״ך ז״ל, אָבער אָן זיין קלאָרקייט. די אויסגאַבע פון דער דייטשער אויסגאַבע מיט די בילדער האָב איך נישט באַקומען, און דעריבער קאָן איך וועגן איר גאָרנישט נישט זאָגן.

און וואָס שייך דעם אומעט — זאָגט איר, אַז איך בין אַ קעניג, און וואו איז זיין מיליטער? אָבער ווער טראָגט די פאָן פאַר מיר? איינצלנע שעפּעלעך...

און איר, מיין ליבער, זיינט געפאַנגען נישט אין שפּינוועבס־פאָדעם, נאָר דורך אחד־העמען. איר האָט קיינמאָל נישט געדאַוונט אין אַ גרויסן בית־המדרש מיט די מאַסן, נאָר אין עפּעס אַ „מנין״ פון בטלנים, מיוחסים און טרוימער פון נישט־שיינע און נישט־פיינע חלומות, דערפאַר אָבער — „קליגעריש״ —

דאָס קליגלען זיך אין דעם תוך פון דער נשמה אָן אַ לעבעדיק געפיל, דער שאָטן פון אָן אויסגעלערנטער דיסציפּלין, יינגלשע אַרבעט און איינוויקלען זיך אין אַ טלית און תפילין — דאָס איז אייער אומגליק.

צו וואָס האָב איך איבערגעזעצט אייערע לידער? פאַרוואָס זעץ איך ווייטער איבער? איך וויל דערגאַנצן דאָס וואָס איר טוט נישט, איך וויל אייך דערלאַנגען צו וועמען איר געהערט.

„דער משוגענער נביא״ — ווי עליאַשעוו רופט אייך — וואָס רעדט אין אַ קליין בית־המדרשל און נישט אויפן מאַרק פאַר דעם פאָלק, — איז זיין סוף — אומעט.

וואַכט אויף און גייט אַרויס צום פאָלק.

נישט די שפּראַך איז דער עיקר, נאָר דער לעבעדיקער מענטש, וואָס רעדט אויף דער שפּראַך.

און איך חזר איבער נאָך אַמאָל מיינע רייד: איר זיינט געפאַנגען געוואָרן דורך לעבעדיקע מתים.

צי מען גיט אַרויס מיינע איבערזעצונגען? צי איך פאַרריכט די איבער־

---

* בעל־מחשבות.

זעצונג לויט אייער ווילן? איך בין איצט פאַרטאָן מיט דער איבערזעצונג פון אייער „מגלת האש", וואָס וועט זיך דרוקן אין אָדער צוויי מאָל אַ וואָך אין „וועג". איך בעט ביי אייך נישט קיין דערלויבניש, ווייל איך גלויב נישט אין די מאָראַלישע רעכט פון אַ שרייבער אויף איבערזעצונגען. איך פרעג אייך נאָר: ווילט איר איבערקוקן אויך אָט די איבערזעצונג, כדי אַרויסצוגעבן זי דערנאָך אין אַ באַזונדער העפט?

אפשר איז פאַר אייך מעגלעך צו קומען קיין וואַרשע?

אַש איז אַוועקגעפאָרן, נאָמבערג — נאָך אים, בין איך געבליבן ווי אַן איינזאַםביידל אין פעלד.

פון „חורבן בית צדיק" * האָב איך פאַרפאַסט אַ דראַמע אין 4 אַקטן, און איצט בין איך פון איר צופרידן. מעגלעך, אַז איך וועל זי אַרויסלאָזן אויך אין העברייאיש.

איך האָב קיינעם נישט, וועמען פאַרצולייענען, און איך האָב נישט ליב עפּעס צו דרוקן, איידער איך באַראָט זיך, און זע נישט אַפּריער וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף אַ „יודע ספר". און קיין מבינים זיינען דאָ נישטאָ. ס'איז דאָ איינע, וואָס איך גלויב אין איר גוטן און שיינעם געשמאַק — אָבער דאָס איז נישט אַזאַ, וואָס מ'קאָן פאַר איר כסדר פאַרלעזן. נאָך אַ ביסל און ס'וועט מעגלעך זיין זיך צו „אָרגאַניזירן" כדי צו טאָן עפּעס. און איך שטרעב צו גרויסע און גראַנדיעזע פאַרמעסטן. אָבער אַז איך קער זיך רעכטס — איז פרישמאַן, וואָס איז אָפּגעלאָזן, לינקס — איז עליאַשעוו, וואָס איז אויסגעוועפּט... און נאָך זיי — פרילוצקי — דער טאַטע מיטן זון...

קומט קיין וואַרשע!

קומט צו מיר אויף איין וואָך.

אָדער טרעט־צו צו אַ פאָלקס־אויסגאַבע אין אָדעס, וועל איך אייך דינען.

אייער

י. ל. פרץ.

פאַרוואָס גיט איר נישט אָן אייער אַדרעס?

פאַרברענט מיין בריוו.

איך וויל וויסן אייער מיינונג וועגן „ליעבע".** ס'איז אויך אַ פּאָעמע, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין איינעם פון די העפטן „דאָס לעבן", ביילאַגע צום „פריינד" ע"ה. שרייבט!

---

* געווען געדרוקט אין „השלח", בענד 11 און 12. ערשטער וואַריאַנט פון „די גאָלדענע קייט".

** פּרצעס אַ פּאָעמע אין פערזן.

126

צו חיים נחמן ביאַליק

(פון העברייאיש)

[וואַרשע, אָן אַ דאַטע.]

מיין פריינט:

וועגן דער איבערזעצונג.* דער שיר איז אייער, די איבערזעצונג איז אייער און איך בין אייער, טוט ווי אייער האַרץ גלוסט.

צי איך וועל געבן אַ האַנט? ** ביידע הענט, אַבי גייט און זייט מצליח...

איר וואונדערט זיך, וואָס איך פרעג אייך אייער מיינונג וועגן מיינע שאַפונגען. איר וועט זיך נאָך מער וואונדערן, ווען איך וועל אייך פרעגן: זאָגט מיר, וואָס בין איך און ווער בין איך?

איך בין אין שטענדיקן צווייפל.

מיר דוכט זיך, אַז איך טו עפּעס, אַז איך האָב אַ מאָראַלישן צוועק, אַז איך פאַרלאַנג אין נאָמען פון אָט דעם מאָראַלישן צוועק — אָבער ס׳קומען אַנדערע און זאָגן מיר: גאָרנישט מיט גאָרנישט! דו האָסט זיך אַליין ליב און דאָס אַלץ... דו ביסט אַ שלעכטער מענטש און פאַרשאַפסט יסורים אַנדערע.

און דאָס זאָגן די, וועמען איך האָב ליב...

און וואָס זאָגט איר?

איר האָט געשריבן, אַז איך טייל צופיל לויב און איך האַלט אין איין בויען, און זיי זאָגן, „איך גיב זיך אַליין אַרויס״... דו שרייבסט גוט, נאָר דו אַליין — גיי צו אַלדי רוחות...

איך וויים נישט, צי איר קאָנט פאַרשטיין מיין גייסטיקן צושטאַנד. אויב יאָ — באַרואיקט מיך.

— — — ענטפערט גליך, מיט דער צווייטער פּאָסט — און שרייבט אַ סך.

אייער

י. ל. פּרץ.

פאַרלוירן אייער בריוו, געדענק איך נישט אייער אַדרעס.

* פון „משא נמירוב״, אָדער פון אַן אַנדער שיר פון ביאַליקן.

** העלפן אין אַרויסגעבן אַ זשורנאַל.

127

צו חיים נחמן ביאַליק

(פון העברייאיש)

[אָן אַ דאַטע, אַרום 1906.]

ביאַליק:

איר האָט נישט געענטפערט, ווען איך האָב זיך געניויטיקט אין אייער ענטפער, ווען איך האָב אַרויסגעקוקט אויף אייערע רייד. האָב איך אויך געשוויגן. דער „הזמיר" איז נאָך אַ טויטער אבר, און איך ווייס נישט, צי ער וועט נאָך עקזיסטירן. אַ טעלעגראַמע צו מענדעלען * איז געשיקט געוואָרן, דאָס איז אַ לייכטע זאַך.

וועגן דעם „השלח" ** ווייס איך גאָרנישט. איך וועל זיך מסתמא נישט איינהאַלטן און עפּעס צושיקן. די באַדינגונגען? —

ווער זיינען די מיטאַרבעטער?

מיר דוכט, אַז ס'איז געווען אויך אַ ליטעראַרישער פּאָגראָם, און מיר ליגן זיך יעדער איינער אין זיין טונקעלער לאָך, געשליידערט דורך אַ שטאַרקער און גראָבער האַנט. און מיך וואונדערט זיך און כ'ווער דערשראָקן, ווען איך פאַרנעם אַ קול פון אַ פריינט — — —

אַנשטאָט זיך צו באַפעסטיקן, זיך אָרגאַניזירן און זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון אַ קולטור־נאַציאָנאַלער באַוועגונג, זיינען מיר צעשפּליטערט, יעדער איינער האָט זיך זיין טונקל ווינקעלע, זיין קרייזל... וואַרשע, ווילנע, אָדעס, ס'וועלן נאָך זיכער צוקומען באַרדיטשעוו, קיעוו, א. אַז. וו.

זאָל זיין אַזוי, אויב אַנדערש קאָן נישט זיין, אָבער איך פיל מיך ווי אַ יתום, דאָס פאָלק איז פאַרלאָזט, — זיין ליטעראַטור — צעברעקלט — און די שולד איז אין אייך, אין דיר, אין דיינס גלייכן, — משוגעים.

יל"פ.

---

* צו זיין 70טן געבוירנטאָג, וואָס מ'האָט זיך געגרייט צו פייערן.

** ח. נ. ביאַליק איז דאַן געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון בעלעטריסטישן טייל פונעם „השלח".

128

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[ס'איז, וואַרשיינלעך, דאָס ערשטע מאָל, ווען פרץ איז אַרויסגעפאָרן אין זיין אורלויב-צייט פון דער גמינע-אַרבעט קיין אויסלאַנד. אין 1901, ווען ער האָט צוערשט באַקומען אורלויב, האָט ער פאַרבראַכט אין אָטוואָצק. אַרום וואַרשע. די אַלע בריוולעך זיינען געשריבן אויף אָנזיכטס-קאַרטלעך פון די ערטער, וואָס פרץ האָט באַזוכט. — דער אונטערשריפט איז אויף אַן אָנזיכטס-קאַרטל. עטלעכע אונטערשריפטן און אויך פרצעס.]

מאַריענבאַד, 7 אויגוסט, 1903.

Leon Perec

129

צו יעקב דינעזאָן

[געשריבן אויף אַ פאָטאָגראַפיש קאַרטל, אויף וועלכן ס'זיינען אָראָפּגענומען פרץ, פרוי פרץ — העלענאַ און שבתי ראַפּאָפּאָרט, דער אַרויסגעבער פון „פריינד". פרץ האַלט אַ שטעקל אין די הענט, ש. ראַפּאָפּאָרט — אַ פּאַפּיראָס.]

(פונעם אָריגינאַל)

מאַריענבאַד, 9 אויגוסט, 1903.

זיי וויסן, אַז איך האַלט ראַפּאָפּאָרטס שטאָק און ער רויכערט מיין פּאַפּיראָס. עס איז אַזוי אויסגעקומען.

דיין י. ל. פּרץ.

גריס נאָמבערגן און אַנדערע שלימזלען גאָר פריינדליך, עס קען זיין, איך וועל צוריק קומען געזונד.

130

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

לאָרעליי, 4 סעפּטעמבער, 1903.

ליבער ר׳ יענקל!

מיר זיצן זאַלבער — צוויי
(איך און אַ נאַטאַר
נישט קיין שרייבער, דאָך אַ נאַר)
און קוקן אויף לאָרעליי —
מיר קוקן שוין אַ שטונד —
זיי געזונד. —

131

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

וויסבאַדען, 18 סעפּטעמבער, 1903.

בעסטער דינעזאָן.

מיינע קאַרטע האָט אייך אומזיסט איבערגעשראָקען. דער אַרצט געפינט, אַז עס איז מיר בעסער, אַז דער נערוו, אָדער ווייס דער טייוועל וואָס, שטאַרקט זיך. נור די איבעראַרבייטונג איז געוועזן איין אונגעהייערע, אַ משוגענע (האָט ער געזאָגט) און ער וויל דוקא איך זאָל נאָך אויף 4 וואָכען אויף אַ וואַרימער אָרט און אַבסאָליוט רוהען. שרייבען קען איך און זויל, נור מיין וויסבאַדענער פריץ, דער ד״ר הייסט עס, איז זעהר אַ שטרענגער פריץ, ער זאָגט: לא מיט אַ ספּאָדעק, נאָר רוהען, שטאַרק, טיעף רוהען. פאָלג איך. זיי געזונד. מיר פאָהרען יעצט אַרויס, שרייבט און אַדרעסירער נאָך קאָמאָ פאָסט רעסטאַנט, אין אַ חדש אַרום זעהען מיר זיך. אפשר וועט אין קאָמאָ זיין אַ ליבעראַלער ד״ר, וועל איך עפּיס שרייבען. איך וואָלט געוואָלט וויסען, וואָס די „גמינע״ טראַכט וועגן „נאָך אַ חודש״. אָהין שרייבען שרייב איך נישט, גלאַט אַזוי. גאָר נישט. ווער געוואָהר פון אַ זייט.

דיין י. ל. פּרץ.

וואָס קלערט דער „הצפה״*? גריס קלויזנערן, נאָמבערגן וכו׳.

---

* אַ העברייאיש טאָג-בלאַט אין וואַרשע.

132

צו יעקב דינעזאָן

(פון העברייאיש)

לאַגאָ די קאָמאָ, 26/9, 1903.

איך בין אין קאָמאָ. מיר דוכט זיך, אַז איך קער זיך אום צו מיין געזונט, אין אַ 2־3 טעג אַרום פאָרן מיר אַװעק פון דאַנעט און קערן זיך אום אַהיים. איך װייס נישט, װער ס'האָט דיך איבערגעשראָקן.

דיין י. ל. פ.

133

צום אַרױסגעבער פון „הזמן״

[דער דאָזיקער העברייאישער בריװ איז אָפּגעדרוקט אין העברייאישן זאַמלבוך „רשומות" (תל-אביב, כרך ה', תרפ"ז) מיט אַ צושריפט, אַז „װי ס'װייזט אױס, איז דער בריװ געשריבן צום פאַרשטאַרבענעם א. קאַפּלאַן, איינער פון די אָנפירער פון „אחיאסף" אין װאַרשע." דער בריװ אָבער, װי מ'זעט פון זיין אינהאַלט, איז געשריבן צום אַרױס-געבער פון װילנער „הזמן", לערך אין יאָר 1905.]

(פון העברייאיש)

חשובער הער!

אין תוך פון דער זאַך שטייען נישט צװישן מיר און אייך קיין געלט־באַדינגונגען, נאָר אַ מאָראַלישער תנאי.

אמת, מיר װילט זיך שטאַרק פּטור צו װערן פון מיין אַמט,* װאָס רױבט צו ביי מיר אַ האַלבן מעת־לעת (די צייט פון אַרבעט און אָפּרו) און איך האָב געהאָפט אױפן „הזמן",** אַז ער װעט מיך אױסלייזן פון אָט דער געפענגעניש, אָבער איך האָב קיין רעכט נישט צו פאָדערן פון אייך אַ קרבן, און אױב איר קאָנט נישט און איר מוזט אָנקומען צו אַזאַ עקאָנאָמיע, װעל איך אפשר געפינען אַן אַנדער אױסװעג...

דער עיקר װאָס איך װיל אױסנעמען מיט אייך: אַז מיין אונטערשריפט איז ערב פאַר דעם, װאָס איך שרייב, און איך בעט מיך באַפרייען פון דער רעדאַקציע, פון דעם שערל װי אױך פון דעם בלייער...

---

* פון דעם אַמט אין דער װאַרשעװער גמינע.

** העברייאישע טאָג-צייטונג מיט אַ חודשלעכן העברייאישן זשורנאַל אין װילנע.

עס איז אַ מאָראַלישער תנאי. די רעדאַקציע* געפינט זיך אין פרישמאַנס הענט, און פרישמאַן און איך גייען מיר זיך שטענדיק פאַנאַנדער [„חולקים תמיד״], און מיר ווילט זיך קומען פאַרן לעזער אין מיין פולער געשטאַלט, און נישט אין דער געשטאַלט פון אַן אַנדערן. איך וויל זאָגן דאָס, וואָס מיר ווילט זיך און אין מיין שפּראַך...

פרישמאַן איז אַ פרייער מענטש, אָבער אויך דער מענטש, וואָס איז פריי פאַר זיך — האָט קיינן פאַר יענעם...

פרישמאַן מעקט, למשל: אויס דאָס וואָרט „עתון״ און שרייבט אַנשטאָט דעם — „מכתב עתי״, און איך ווער אויפגערעגט, אָבער ער פאַרשטייט נישט מיין כעס, און בשום אופן וויל ער נישט פאַרשטיין, אַז אָט דער אונטערשייד איז אַן עיקר און איז געבונדן מיט דער פראַגע פון דער שפּראַך־אויפלעבונג. איך גיב נאָר אַ משל פון אַ מעשה שהיה, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט אַרבעטן אין „הדור״.

אויב איך וועל נישט זיין זיכער, אַז אָט דער תנאי וועט דערפילט ווערן, קאָן איך אין קיין פאַל און אין קיין אופן אייך נישט העלפן.

אָט דעם תנאי האָב איך וויפיל מאָל אויסגענומען מיט פרישמאַנען, ווען ער האָט רעדאַקטירט דעם „הדור״,** אָבער פרישמאַן טוט מעשה־שטן: אַז אַנדערע ווערן נתפעל, לאַכט ער, און מיט אַ טייוול־געלעכטער האָט ער באַגלייט אַלע מיינע תנאים, וואָס איך האָב מיט אים אויסגענומען.

און דעריבער האָב איך געבעטן דעם האָנאָראַר פאָראויס, פאַר אַ חודש אָדער פאַר אַ האַלבן חודש...

אָבער אויף דעם האָט איר נישט געענטפערט און דאָס שווייגן דאָ איז נישט ווי אַ צושטימונג...

איך קען אויך בשום אופן נישט מסכים זיין אויף אייער פאָרשלאַג, איך זאָל נישט אַרבעטן אין אַן אַנדער אָרט. אַזוי ווי איר זוכט אַ שרייבער, אַזוי זוכט דער שרייבער אַ טריבונע... און אַז איך וויל רעדן פיל, און איר קאָנט דרוקן נאָר אַ ביסל, וויל איך נישט פאַרשטאָפּן מיין מויל...

און פאַרקויפן „דערציילונגען״ פאַר געלט קאָן איך נישט, אַזוי ווי איך קאָן אויך נישט שרייבן און באַקומען האָנאָראַר פאַר דער שורה...

קאָן איך נישט קומען אין אייער זאַמלבוך מיט מיין סחורה...

דער „הזמן״ איז וויכטיק פאַר מיר, און אויב איך בין וויכטיק אויך פאַר אים, איז עס אַ גוטער שידוך...

---

* די רעדאַקציע פונעם חודש־זשורנאַל „הזמן״.

** העברעיאיש וואָכנבלאַט, רעדאַקטירט דורך דוד פרישמאַן, דערשינען אין די יאָרן 1901 און 1904.

דערפילט מיינע באַדינגונגען. —

זאָל זיין 5 מאָל אַ חודש, 4 מאָל פאַרן „הזמן" און אַ דערציילונג פאַרן זאַמלבוך.

100 רובל אַ חודש פאַר „שכר בטלה"...

מיין אונטערשריפט איז פאַראַנטוואָרטלעך —

אָן אויסבעסערונגען. —

שיקט מיר דעם האָנאָראַר פאָרויס, און פאָרויס זאָג איך און נעם אויס אַ תנאי: אַז אויב אַפילו אַ קליינינקייט אין מיין אַרטיקל אָדער דערציילונג וועט געענדערט ווערן, וועל איך אויפהערן צו שרייבן און איך וועל נישט אומקערן דעם האָנאָראַר. —

אַז איך האָב געשיקט די דעפּעש, האָב איך געטראַכט צו שרייבן אַן אויספירלעכן בריוו, און זייט מיר מוחל מיין פוילקייט, איך האָב פאַרגעסן...

איך וואַרט אויף אייער ענטפער.

מיט אַכטונג

ל. פּרץ

134

צו ב. גאָרין

[די בריוו צו ב. גאָרין, ד. פּינסקי און יהואש פאַרעפנטלעכט צוערשט דורך ד"ר י. שאַצקי, די הערות — זיינע.]

(פונעם אָריגינאַל)

[ניט דאַטירט. 1904.]

בעסטער הער גאָרין.*

טויטע רעדען. איך האָב איך שוין אַמאָל געהאַט בעוויינט. נו, אַז איהר לעבט איז בעסער.

איך האָב גראָד ליגען (די מינוט געענדיגט) אַ חסידישע גרעסערע זאַך. שיקט אַרויס 25 דאָלאַר, בעקומט איהר זי מיט דער אומגעהענדער פּאָסט.

איך גיב דאָ אַרויס אַ מאָנאַט-זשורנאַל, אַ זעקס בויגען, פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכע זאַך, קונסט, ליטעראַטור. איך ברויך מאַסען מאַטעריאַל. קענט איהר עפּיס שיקען אייערס אונ פרעמדס ? איך צאָל ביז 25 רובל אַ בויגען. פאָרמאַט „השלוח" נור רייכער געדרוקט. —

מיט אַכטונג

י. ל. פּרץ

---

* געשריבן אין 1904, ווען פּרץ האָט אַרויסגעגעבן זיין „יודישע ביבליאָטעק" (אַרויס 6 נומערן).

135

צו דוד פינסקי

(פונעם אָריגינאַל)

[ניט דאַטירט, אַן ערך 1906.]

בעסטער פריינד,

איך האָב אויפן ערשטען בריעף נישט געענטפערט, וואַרטענדיג אויפ'ן צווייטען, אין וועלכען איהר האָט געוואָלט שרייבען אויספיהרליך וועגען דער דראַמע, וואָס מ. קאַליש * דאַרף ברענגען פון וועג.

דערווייל האָב איך היינט ערהאַלטען אַ בריעף פון הערן שפּראַכנער,** אונ אַ זעהר קאָמישען בריעף. ער שרייבט, אַז בנוגע צו אָבדרוקען די דראַמע,*** זאָל איך וואַרטען, וואַרען ער וואַרט, ביז איך וועל אייך ענפערן...

פאַרדאָן. איך האָב פערגעסען, אַז איהר ווייסט נישט, וועגען וואָס עס געהט.

הער שפּראַכנער האָט מיר בעצאָהלט פאַר דער דראַמאַ צום שפּיעלען 200 רובל. אַ מטמון גאָלד! איך האָב מיך נישט געדונגען, ווייל איך האָב גע־רעכענט, אַז איך וועל האָבען מיין ליטעראַרישען האָנאָראַר. בעקום איך אָבער אַ בריעף פון הער שפּראַכנער, אַז ער וויל די דראַמע זאָל נישט געדרוקט ווערען. ענפער איך איהם: גוט, נור אויף אַזאַ אופן — וויל איך, ער זאָל דאָס האָנאָראַר בעצאָהלען — 400 רובל, אונ איך וואַרט אַ מאָנאַט אויף אַנטוואָרט. קומט די אַנטוואָרט: וואַרט!

אונ וואַרטען איז זעהר שווער! דער „וועג" האָט געמאַכט אַ שטיקל פּלאַץ,**** עס ווערט מיר פערפאַלען געלד. אונ איהר ווייסט דאָך, ווי מיין קאַסע זעהט שטענדיג אויס... נור חאַפּט עס דער וואַטענ־מאַכער, אָבער וויסען דאַרף[ט] איהר דאָך?

צו האָט איהר געשריבען נאָך אַ בריעף אונ ער איז פערלוירען געוואָרען?

אויב איהר קענט, זעהט מאַכט איין עק פון דער זאַך. אָדער ער [וועט] צאָהלען, אָדער איך זאָל דרוקען, אויב ער קען נישט צו ער וויל נישט צאָהלען.

מיר דאַכט, אַז סיי ווי סיי, איז 200 רובל אַ לעכערליכער פּרייז.

טאָמיר איז מעגליך, שפּראַכנער זאָל באַלד שיקען געלד און פאַר'ן ערגסטען פאַל זאָל עס בלייבען אַלס אַוואַנס אויף שפּעטערע אַרבייט?

מאַכט מיר קלאָר מיט'ן אַמעריקאַנישען „מאַרק".

---

* דאַרף זיין ב[ערטאַ] קאַליש, די באַוואוסטע יודיש-ענגלישע שוישפּילערין.

** דאַרף זיין שפּאַכנער, קאַלישעס מאַן.

*** „דער נסיון" — ערשטער וואַריאַנט פון „די גאָלדענע קייט".

**** ד. ה. אַנגעזעצט.

וואָס אַמבעלאַנגט „וואָס אַמאָל איז געווען" — אסור, אויב איך הייב אָן צו געדענקען.

אין מיין זכרון ליגט קיין שפור פון בעליידיגונג און — איך האָב מיך קיינמאָל פאַר געלד־זאַכען נישט בעליידיגט. איך געדענק נור, אַז איבער די גאַנצע צייט האָב איך מיר געוואונדערט, וואָס איהר שרייבט נישט. איך האָב געטראַכט און געטראַכט און נישט אויפגעהערט צו טראַכטען, ביז איך האָב מיך צוגעוועהנט צום טראַכטען...

וועגען „די מוטער" האָב איך געשריבען אין „וועג". האָט איהר דען די רעצענזיע נישט געזעהען?

וועגען „פאַמיליע צבי",* וואָס איז ערשט אַרויס לעגאַל, שרייב איך, און אויב איהר האָט נישט דעם „וועג", וועל איך אייך אַרויס שיקען די נומערן עווענטועל—נומערן. ווייל איך רעכען עס צו פערבינדען מיט די „יודען" צירקאָווס.** איך וועל זיין צופרידען... איהר וועט אויסזעהען ווי אַ פאַריזער דאַמע, וואָס וויל העכערן איהר שיינקייט און שפּאַציערט צוזאַמען מיט אַ העס־ליכקייט. אַ פלוידער־זאַק צירקאָוו, נור מען שיעסט אויף דער סצענע, וויבער חלישען...

אויב איהר וועט נישט געפינען קיין וועג מיט מיין רעצענזיע וועגען דער „מוטער" שרייבט, וועל איך אייך שיקען. —

וואָס מאַכט איהר? וואָס מאַכען די אייעריגע און וויפיעל זענען זיי? וואָס טהוט איהר.

אייער

ווער איז שפּראַכנער? איין עקספּלואַטאַטאָר? י. ל. פרץ

136

צו דוד פּינסקי

[געשיקט פון קוראָרט ריינערץ — אַ פּאָסט־קאַרטל. — די דאַטע פון פּאָסט־שטעמפּל ניו־יאָרק איז 29 אויגוסט, 1906.]

(פונעם אָריגינאַל)

ליעבער פּינסקי.

בזו הרגע אין ריינהערץ האָב איך געענדיגט די דראַמע.*** איך גלייב זי

* ד. פּינסקיס דראַמאַטישע ווערק.

** יעווגעני טשיריקאָוו — רוסישער דראַמאַטורג, מחבר פון אַ פּאָגראָם־דראַמע „יעוורעיאי" (יידן).

*** מסתמא „די גאָלדענע קייט".

איז — גוט, זעהר גוט. האָב איך אָבער דאָ קיין איבערשרייבער. אין אנדער־האַלב וואָכען אַרום וועל איך זיין אין דער היים. אַ פּאָר טעג שפּעטער שיק איך אַרויס. —

גריסע איהרע פרוי עט %.—

איך רעכן אויף אַ קאַלאָסאַלן איינדרוק —מוס שיקען די קאַרטע קיין וואַרשע, מען זאָל צושרייבען די ריכטיגע אַדרעסע.

אייער י״ל פּרץ

137

צו דוד פּינסקי

[אויף אַ בלאַנק פון דער אויסגאַבען־געזעלשאַפט „הילף", וואַרשוי. דער נאָמען פון דער פירמע איז אין דריי שפּראַכן: העברייאיש, פּויליש און יידיש.]

(פונעם אָריגינאַל)

קוראָרט רייגערץ, 29 אויגוסט, 1906.

בעסטער פריינד.

„בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל" — גוט, אַז מען זעצט זיך אַמאָל אָן.

נאָך „פאַמיליע צבי" קען זרובבל * קיין גרויסען איינדרוק נישט מאַכען. מייסטערהאַפט איז דאָך די פאָלקס שפּראַכע אין די טהיילען, וואו מגלת אסתר ווערט נאָכגעאַהמט, איך בעמיה מיך דאָ עס זאָל געשפּיעלט ווערען „פאַמיליע צבי", נור ווער ווייס צי די צענזור וועט זיך לאָזען איבער דייבערן — דערווייל געהט נישט.

— איך האָב שפּראַכנערן געשיקט אַ דראַמע „דער נסיון".** וויל איך אייך בעטען, זי ביי איהם דורכצולעזען אונ ליטעראַרישע אויפזיכט איבער׳ן שפּיעלען צו האָבען. איך ווייס נישט, אויב די שפּיעלער וועלען זי פערשטעהען. עס איז נישט קיין געוועהנליכע דראַמע. איך האָב איהם דעריבער אַ בריעף געשריבען; איך שרייב אָבער, ווי געוועהנליך, צו קורץ. לעזט זי דורך און שרייבט מיר אייער מיינונג. נור ווי אַמשנעלסטען. איך וויל די דראַמע לאָזען דרוקען אונ איך האָב ליעב אויסצוהערען קריטיק אונ, אויב זי האָט רעכט, נאָכצוגעבען. נאָכען דרוק — קאַפּוט. בלייבט פעהלער — פעהלער.

---

* „זרובבל" — פּינסקים אַ דערציילונג, ניו־יאָרק, 1906.

** „דער נסיון" — די ערשטע רעדאַקציע פון זיין שפּעטערדיקער „די גאָלדענע קייט", אָנגעשריבן אין 1906. „דער נסיון" איז אויפגעפירט געוואָרן פון שפּראַכנערן אין „ווינדזאָר טעאַטער" אין 1904, לויט ב. גאָרין גאָר אין 1908 (?).

— איך האָב געהערט, אַז איהר האָט צו געשריבען איין אַקט צו די „שוועסטער". צו איז [דאָס] אמת? אויב יאָ, צו קען איך דעם אַקט נישט בעקומען? *

— מיר האָבען דאָ 3 טע[אַ]טערע און 3 טרופּעס. אין יעדערער געפינען זיך אַ פּאָר טאַלענטען; אים אַלגעמיינעם — שונד.

— איך האָב איבער דער צייט זעהר פיעל געשריבען, צו לעזט איהר? צווי פּאָעמאַטען אין פּראָזא („ליעבע" — „עס זענען קיין וואונדער געשעהען"), זענען זיי אייך צו געקומען?

מיט הערצליכען גרוס
י"ל פרץ

138

צו דוד פינסקי

(פון רוסיש)

[ניט דאַטירט; 1906.]

מיין פריינד,

איך הייב אייך אָן אַרויסצושיקן. איך בין נישט געזונט, איך פאָר אַרויס אויף אַ זומערפּלאַץ.

אויב איך וועל זיך פילן בעסער, וועל איך אַרבעטן.
אַ גרוס דער פרוי, דעם קינד. —
איך בין אין אַ זייער שלעכטער שטימונג...

אייער פּלאַי **

139

צו דוד פינסקי

(פונעם אָריגינאַל)

[ניט דאַטירט; אָנהייב 1907.]

ליעבער פינסקי,

איך האָב היינט אייער בריעף ערהאַלטען און ענפער שוין; דאָס איז אַ סימן דלות און אין איינוועגס איין ענפער אויף די פראַגע „וואָס איך מאַך". אַז מען פערדיענט, גיט מען אויס, דערנאָך האָקט זיך אָב, בלייבט מען גאָל.

---

* לויט ב. גאָרין האָט מען די „שוועסטער" אויפגעפירט אין ניו-יאָרק אין 1908, לויט פינסקין שוין אין 1906.

** פּלאַי — אונטער דעם נאָמען האָט פרץ פאַרעפנטלעכט זיינע זאַכן אין אַמעריקע.

דער „וועג" * צאָהלט נישט, בין איך „אַראָב פון וועג"; פון ערשטען (לויט'ן אַלטען סטיעל). און דאָ פיהל איך מיר אָבגעשוואַכט און וואָלט געדאַרפט ערגיץ פאָהרען. נור אַזוי געהט עס שוין און זיין ליעבער נאָמען אָדער ער העלפט אָדער נישט.

עס פרייד[ט] מיך אויף אייער „היינריך היינע", אויבוואהל דער אַלטער היינע האָט ביי מיר לאַנג שוין דעם חן פערלוירען. מיר, וועניגסטענס, האָט ער פיעל שאָדען אָנגעמאַכט. „חאַפּט'ן דער מצה־רעדלער", ער האָט מיך אָנ־געשטעקט מיט'ן לייכט־אָנריהרען און פערקרומען זיך, וועניגסטען אין די ערשטע אַרבייטען מיינע, נור אויך אין די ערנסטע לאָזט מיך דער לאַך־מענש נישט אָב. דער חשק, איבערצודרעהען דעם שפּיגעל אויף דער פינסטערער זייט, איז געפעהרליך.

אייער „מוטער" ** איז געוויס נישט דאָס, וואָס עליאַשעוו *** מיינט, נור מיין מיינונג קען איך צוריק נישט נעמען. איך ווייס נישט, ווי „די פרוי פון מעער" זעהט אויס אין אָריגינאַל; איך ווייס נישט, וועלכע איבערזעצונג איהר האָט געלעזען. איך ווייס נור, אַז די, וואָס איך האָב געהאַט איז געווען גוט. די פרוי פון מעער רעד[ט] איהר שפּראַך. מעגליך איז אָבער אויך, אַז שולדיג איז מעהר דאָס יודישע טעאַטער, וואו די בעסטע פון די אַקטערען דעקלאַמירען, אָבער שפּיעלען נישט. איינטראַכטען זיך אין אַ טיפּ, אויסשטודירען זיינע בעוועגונגען, בעשאַפען דאָס רעאַלע פאַרן אידעאַלן — אַט דאָס איז דעם יודישען אַקטער נאָך פרעמד, זעהר פרעמד. ער שטעהט אימער מיט'ן אויער צום סופלער און דעריבער מוז דער צושויער איהם אין מויל אַריין קוקען. פערהערט מען עפּיס, אויבוואהל מען זעהט, פערליערט מען דעם צוזאַמענהאַנג. און גוט שפּיעלט דאָך נור דער, וואָס שפּיעלט מיט'ן מויל פאַרן אויער און מיט'ן גאַנצען קערפּער פאַר'ן אויג. ערגער איז נאָך מיט די דעקאָראַציען. פון „מיליע" בעקומט מען קיין בעגריף. אַ שטוב צי אַ וואַלד? אַ פערדער־הויז צי סאַלאָן? אַמעריקא צי האַציפּלאַץ? איין גאָט ווייסט...

צינד בנוגע צום „נסיון".

אייער קריטיק איז ריכטיג: דער דריטער אַקט איז עפּיזאָדריש. און דאָס האָב איך שוין געוואוסט באַלד נאָכען אָוועק שיקען דאָס עקזעמפּלאַר. אייער עצה אָבער, ווי אַזוי צו פערבעסערען איז נישט די ריכטיגע. ערשטענס: פאַר וואָס האָב איך געזעהען דעם דריטען אַקט? וואָס האָב איך, נישט וויסענדיג,

---

* „דער וועג" — די ערשטע טעגליכע יודישע צייטונג אין וואַרשע, רעד. צבי פּריל וצקי, אָנגעהויבן אַרויסגיין דעם 1טן אויגוסט, 1905, לעצטער נומער אַרויס דעם 14טן יאַנואַר, 1907.

** פּינסקים פּיעסע, געשריבן אין 1904, פאַרעפנטלעכט אין „דאָס לעבן", 1905.

*** בעל־מחשבות.

געוואַלט? אמת, די „תורה״ ישראל׳ס איז לאַנגווייליג, אָבער וואָס האָב איך געמיינט דערמיט?

איך האָב נור שלעכט אויסגעפיהרט מיין פּלאַן, ווייל איך האָב׳ן גענומען צו ליטעראַריש און צו ווייניג סצעניש.

און אָט וואָס איך האָב דערקלערט:

די פּראָבלעמע איז: 1) אַ מענש אָהן גלויבען קען נישט לעבען (אין גאָט, אין וועלט, אין זיין אידעאַל...). 2) אָפּט קומט פּאַר, אַז דער אמת׳ער מענש מוז געגאַרען; אַניט וועלען אַנדערע נישט קענען לעבען, און ער פעלשט שוין פּאַר רחמנות צו דער שלעכטער, וואָס גלייבט אָן זיך, וועט זיעגען איבערן ערליך־גוטען, וואָס האָט קיין גלויבען נישט.

דער גלויבען דאַרף אין דראַמע זיין אַ דרייפאַכער און דרייפאַך זיך שפּאַלטען:

1) דער חסידישער; פּלאַצט ענדגילטיג ביי יונתן אין 4טען אַקט.

2) דער מתנגדישער — דאַרף פּלאַצען ביי גבריאל׳ן.

3) דער השכלה׳לישער — ביי לאה׳ן.

נומר 2 איז שלעכט אויסגעפיהרט. גבריאל׳ן פעלען אָהן גלויבען זעהט מען נישט.

אויסער דעם קומט גאָר אויס, אַז יונתן ווערט רבי צוליעב פּרנסה און געוואַלט האָב איך גאָר עפּיס אַנדערש: יונתן צווייפעלט און ווערט פערבליפט דורך אַ וואונדער! דורך אַ נס! וואָס ישראל האָט בעוויזען. —

פערריכטען די דראַמע וועל איך אויף אַזאַ אופן:

1) אין ערשטען אַקט וועט פאָרקומען בולט׳ער ר׳ חיים׳ל, אַ שלעכטער, וואָס גלויבט, אינטריגיערט און פיהרט אויס; נאַטירליך אין 4טען אַקט.

2) אַ קליינע, השכלה׳שע ליעבעס סצענע, און דאָס — לויט אייער אויפ־טהו, דאָס דאַרף זיין.

3) אין דריטען אַקט הייבט זיך אויף די קורטינא ביים שלש סעודות שוין. ישראל זאָגט קיין תורה נישט. ער וויל קיין מתנגדים קיין תורה נישט זאָגען (און דאָס וועט זיין אַ פּראַכטפאָלע סצענע), לאה קומט אָן אין דער מיט. פון איהר געשפּרעך ביים ווייבער־טיש, ווען די מענער עסען מיט יונתן׳ס ווייב, איהר שווענערין, קומט בולט אַרויס די גאַנצע געשיכטע. ביים ווייבער־טיש ווערט אין מיט׳ן געשפּרעך שטיל, ווייל דער מענער טיש, וואָס האָט ביז אַהער געגעסען, הייבט אָן רעדען. ישראל שטעלט נאָך אַמאָל די פראַגע פון פאָהרען. יונתן וויל נישט, קרובים לאַכען, גבריאל וויל זיך נישט אַריינמישען. ישראל וואָהרענט גבריאלן, אַז ער זינדיגט דערמיט; יכול למחות ואינו מוחה. פּאָרט אויף איין נאָגעל... די גאָלדענע קייט... גאָט שטראָפט. ווי ער זאָגט עס אַרויס — דער שטאָפּעט! גבריאל האַלט זיך. יונתן ווערט פערבליפט, פרעגט ביי

לאה׳ן: וואָס טהוט זיך? זי ווייסט נישט. ער פרעגט: יאָ גלויבען? אַזוי פיעל שקרים געזעהען! נישט? אַזוי פיעל נסים, אונ אָט נור אַ גבאי, אַרויס געזאָגט אַ וואָרט — די שטראָף איז דאָ. לאה: איך בין אַזוי קראַנק... יונתן: אָבער דו! דיינע ביכער... דיין מאַן? לאה פעררעד[ט], נור פעררעדענדיג ענטפלעקט זיך איהר גאַנצע געשיכטע (אויך אַ פּראַכטפאָלע שטעלע!) „איך וויים נישט" זאָגט לאה. אונ אַז לאה ווייסט נישט, פערליערט ער די לעצטע שטיצע, — וועט ער פאָהרען. ישראל זאָגט: זעהסט דאָך, מן השמים!...

דאָ געהט גבריאל, וואָס האָט מעריב געדאַוונט, אויס שמנה עשרה אונ פרעגט: מן השמים? מן השמים זאָגסט דו? ריכטיג: איך האָב געזינדיגט. מיין פערמעגען האָט געזינדיגט, נור פאַר וואָס איז דער שיפער דערטרינקען געוואָרען?

— עם הארץ! — שרייט אויס ישראל — קיין קשיות טאָר מען נישט פרעגען. די קורטינא פאַלט.

ישראל מיט זיין זיכערן, פעסטען, שאַרפען וואָרט האָט [גע]זיגט. יונתן פאָהרט, נעמט שווער און שוויגער צו זיך; אונ אַלע קומען זיך צוזאַמען ביים „נסיון" — אין פירטען אַקט. אַלע רעאַגיערען, אַלע זענען קעגען נסיון... גבריאל איין אָבגעפּאַלענער, דערשלאָגענער...

חיים׳ל פאַלט אַריין אַלס זיעגער. נור דעמאָלט הייבט ישראל אויף דאָס קליינע יוסעלע און רופט אויס: דאָס איז רבי! די גאָלדענע קייט וועט נישט איבערהאַקט ווערען.

אונ הייסען הייסט עס: די גאָלדענע קייט! נישט: נסיון!

אונ מאָסען עפעקטען זענען צו געקומען...

האָב איך דאָך אָבער געדאַרפט געלד, האָב איך, נישט ערהאַלטענדיג פון אייך קיין בריעף, די זאַך צום דרוקען פערקויפט...

נאָך שבועות דאַרף זיך עס דרוקען.

אויב עס איז מעגליך, זאָל שפּראַכנער אַזוי טהון, איך זאָל האָבען מיט וואָס צוריק צו צאָהלען דעם אויפלעגער. אונ איהר זייט מיר בעהילפיג. איהר בעדינגט אייך מיט איהם וויפיל איך בעקום פאַר „דער גאָלדענער קייט". זאָל שפּראַכנער אייך געבען פאַר מיר פאַראויס אַ גרעסערע סומא געלד, איהר אָדער ער שיקט זי אַרויס. ביים אַרויסשיקען טעלעגראַפירט איהר מיר איין וואָרט: גוט! אָדער: געשיקט. באָרג איך מיר (אויבוואהל ס׳איז שווער) געלד אונ צאָהל צוריק אונ דרוק נישט. איך נעם אָב דאָס איינציגע עקזעמפּלאַר פון פערלעגער (יעצט איז ער אין צענזור) אונ שיק איהם אייך.

ובפירוש הותנה*: טאָמער געפעלט איך ווייטער נישט, איהר וועט נאָך

---

* אַ קלאָרער באַדינג.

עצות געבען און איך וועל אויף זיי נישט איינגעהען — שרייב איך פאַר שפּראַכנער איין אַנדערע זאַך, פון לעבען, אָדער ענדיג פאַר איהם „די רייבער״.*

גוט?

שרייבט מיך[!] באַלד תשובה, אָדער, אויב ווי פריהער, טעלעגראַפיערט פאַרן בריעף.

גריס הערצליך אייער פרוי. פאַר וואָס שרייבט זי נישט צו? דאַכט זיך, אַמאָל גוטע בעקאַנטע געווען?

אייער
פּרץ

פּ. ס. לויט דעם נייעם טעקסט קומט בולט אַרויס נאָך עטוואָס זעהר אינטערעסאַנטעס: דאָס פערהאַלטען זיך פון ווייבער קעגען זייערע מענער. חוה צו גבריאל׳ן, אסתר צו יונתן און לאה צום אַפּטייקער. דריי וועלטען און דרייערליי בעציהונגען.

איך בין זיכער, אַז דאָס ווערק וועט יעצט ווערט זיין דעם נאָמען. —
י״ל פּרץ

140

צו יהואש

(פונעם אָריגינאַל)

[ניט דאַטירט, 1907.]

ליעבער יהואש,

אייער בריף האָט מיך ווירקליך דערפרייט. כמעט ווי אַ גרוס פון יענער וועלט. די שרייבער פון צוזייט־ און צושפּרייטען פאָלק זענען צוזייט און צושפּרייט, ווען זיי וואָהנען אַפילו אין איין וועלט־טהייל, אין איין לאַנד, אין איין שטאָט. אייער גרוס אַן דינעסאָן וועל איך אָבגעבען נאָך היינט, מיין פרוי ערשט נאָך יום־טוב; זי איז אויף אַ זומער־וואָהנונג. און אייער בוך האָב איך שוין אַ מאָנאַט צייט געלעזען—אין קראָקוי.** מילער (אלכסנדרוב)*** וואָס האָט געוויילט אין קראָקוי, וואו איך בין אויך, פאָהרענדיג קיין זאַקאָפּאַנע,

* שילערס „רויבער״?
** פּרץ איז געווען אין קראָקע אויגוסט 1907.
*** ה. אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אָ ו ו (1869—1909), באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער.

געווען, האָט מיר דאָס בוך געגעבען, און איך האָב עס איינגעשלונגען.* דאָס בעפרייט אייך דאָך נישט פון שיקען איין עקזעמפלאַר. מיין אַדרעס: וואַרשוי, צעגלאַנאַ 1, ווייל דאָס עקזעמפלאַר, וואָס איך האָב געבראַכט פון קראַקוי, קורסיערט אַרום; מען לעקט פון אייך די פינגער. אָנפאַנגס איז מיר דאָך שווער געווען זיך צו צוגעוועהנען צו אייער אַמעריקאַנישען סטיל. די וואַרשויער זאַכען (מזמור שיר ליום השבת... בית שני...)** זעענן (פאַר אונז) וויכער, מעלאָדישער. צום צווייטען און דריטען מאָל בין איך דאָך צום געשמאַק געקומען. אַמבעסטען געפעלען מיר די נאַטור-בעשרייבונגען; זיי זעננן די אָריגינעלסטע. די ראָמאַנצען, אָנגעשמעקט מיט הייגע, פיהלען זיך שלעכט נאָך — היינע... איך פערשעלט די טעג, ווען איך האָב׳ם געלעזען, און די זאַכען, וואו איך האָב איהם נאָכגעמאַכט. דאָס „גענעיאַלע״ ליצנות איז דאָך נישט מעהר ווי — אימפּאָטענץ... אין בעסטען פאַל: זעלבסט-פעראַכטונג. מיר טאָרען נישט ליצנות טרייבען... עס מוז געבויט און געפלאַנצט ווערען; מוז מען זיך אַמאָל פערקרומען, איז צווישען פיער ווענד פאַר׳ן שפּיגעל, נישט פאַר׳ן פובליקום. לאָ׳מיר נביאים און פיהרער ווערען, נישט מאַרשאַליקים...

נור דאָס געהער שוין נישט צו דער זאַך... דער ע[י]קר: איהר האָט אונז אַ פּראַכטפאָלע מתנה געגעבען! אויב איהר ווילט איין עצה פון איין עלטערן: בעפרייט אייך פון ענגלישע-אַמעריקאַנישען סטיל, ווערט צוריק אונזער, צוריק פליסענדיג! צוריק ציטער-קלאַנגען.

איך פערזיכער אייך נאָך אַמאָל: אויף מיר און אויף אַלע אַרום האָט דאָס בוך איין אָנגעהייערן איינדרוק געמאַכט. איך קען אייך שיקען גריסען, דאַנקבאַרע, הייסע, האַרציגע פין יונגליך, מיידליך און ווייבליך און דוקא — שענע. זייט געזונד. שרייבט.

אייער

י״ל פרץ

ערב יום כפור.

פּ. ס. איהר האָט גאָר קיין פאַמיליען-נאָמען נישט?

---

* יהואשעס „געזאַמלטע לידער״, אַרויס אין ניו-יאָרק, 1907.
** געדרוקט אין פרצעס „יודישע ביבליאָטעק״, ב׳ 2.

|41|

צו יהואש

(פונעם אָריגינאַל)

[ניט דאַטירט; סוף 1907.]

ליעבער יהואש,

מיט אַ יוד, זאָגט מען, איז גוט צו געהן אין באָד אַריין. וואָס ווילט איהר פון מיין לעבען? פון וואָס זענט איהר אונצופרידען? אַ יונגער מענש, וואָס שענקט זיין פאָלק אַ בוך פּאָעזיע, דאַרף זיין שטאָלץ, זעלבסטבעוואוסט, נישט נידערשלאָגען און נישט שמאָלענדיג, ווי אַ בעל־בתיש פערצויגען נאַריש ווייבעל. וואָס פעהלט אייך? וואָס לעגט איהר [זיך] איבער דער באַנק, בעטענדיג שמיץ?

שעמט אייך. איך האָב אייך געבעטען אַ באַנד, ווייל, ערשטענס האָב איך געוואָלט האָבען אַ באַנד פון אייך, צווייטענס געהט דאָס באַנד וואָס איך האָב געבערענגט פון קראקוי אַרום אין די הייזער און אויב איך וועל עס אַמאָל צוריק בעקומען, וועט עס אויסזעהען, ווי איין אַלט אויסגעוויינטע תחנה — מען לעקט די פינגער, איבערהויפּט יונגע ווייבליך — — וואָס קרעכצט איהר.

וואָס פאַר אַ קאָמיש־קינדיש־נאַריש בלעטעל האָט איהר צוגעקלעבט צום באַנד? וואָס לעגט איך [איהר] אייך?

איהר ווילט איין אויספיהרליכע מיינונג וועגען סטיל, נאָכאַהמונג היינע א. ד. גלייכען? מהיכא תיתא. דעריבער טאָקי האָט זיך מיין ענפערן אַ ביסל פערשפעטיגט, איך האָב געוואַרט אויפ׳ן בוך.

צינד האָב איך עס און מיש צופעלליג אויף און טרעף:

1) „אַ שפּראַך מיט אַ מאָל די נאַטור קריגט די שטומע". הייסען זאָל עס: די שטומע נאַטור קריגט מיט אַמאָל אַ שפּראַך.

2) „דער קוס אונז וועט אויף טויט פער׳סמ׳ען". אויפגעוויקעלט וועט זיך אויסגליכען גאַר גלייך: אונז וועט דער קוס אויף טויט פער׳סמ׳ן.

3) „די אויגען דיינע מיט לוסט פון ראָכע ברענען". מיינען מיינט דער פסוק: „ברענען מיט לוסט פון ראָכע" און אין גאַנצען איז עס אַביסל שווער־ליך. אפשר: צו ראָכע? אפשר ראָכע־לוסט?

4) „פאַר קינדער פון גליק העלער טאָג איז געמאַכט". לאָגיש איז: דער העלער טאָג איז געמאַכט (בעסער: בעשאַפען) נור פאַר קינדער פון גליק. יודישליך: גליקליכע קינדער. די פערזאָניפיציערונג איז געקינסטעלט אין אַ יונגע ליטעראַטור, וואָס שטאַמט נישט אַרויס פון אַ מיטעלעלטרישער און האָט נישט גע׳ירשענט קיין חכמות.

אין אייר[ע] װאַרשױער זאַכען זענען אַזוי[נע] נישט-געשיקליכקייטען נישט פערהאַן, האָב איך גערעכענט אַז עס איז אַמעריקאַניש, ענגליש; קיין ענגליש קען איך נישט.

און אויב עס איז נישט ענגליש נור איינפאַך צוליעב ריים און פערזמאָס פערקריפּעלט, האָט טאַטי [טאַקע] אייער שען פּאָעטיש פּנים עטליכע קליינע אויסוואוקסען צום אָבשניידען. מאי כולי האי? *

איהר מישט אין דער פראַגע אַריין העברעאיש, מיט וועלכען איהר ווילט אייך פערטיידיגען, און — איך [איר] בעשולדיגט אייך נאָך מעהר. שען איז איין אַלטע קירכע, שען אַ נייע באַהן סטאַציאָן; בויט אַ הויז האַלב אויף האַלב פוןביידע סטילען. נור די העברעאישע ווערטער, וואָס זענען פערייודישט געוואָרען, נור די, וואָס ווערען בענוצט אין מאַרק, אָדער אין בית המדרש- ווען עס פּאַסט לויט טעמאַט און פערזאָן קענען בענוצט ווערען. אַנדערע — זענען דיסאָנאַנסען, אויערקראַצענדיגע.

און אין דעם פאַך האָט איהר נאָך מעהר אויפ׳ן געוויסען. אייער שפּראַך איז דעריבער געוואָרען (אין וואַרשוי איז זי געווען) ווענינער מוזיקאַליש...

דאַרף איך אייך בעווייזען, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען אַלע יודישע דיכטער און שרייבער האָבען נאָכגעמאַכט היינע? בין איך דען דערביי נישט געווען און אַרום דעם זעלבען עגל גליידך מיט אַלע אויב נישט פריהער פאַר אַלע געטאַנצט?

דאַרף איך אייך בעווייזען, אַז איהר האָט אין יענער צייט געשריבען און דערפון נישט פריי געווען?

ווייסט איהר נישט, אַז דאָס זענען שטימונגען, נישט קראַפט; בענקשאַפטען, נישט ליעבע; אימפּאָטענץ, וואָס האָט זויערע ווייַנטרויבען, ווייל — אייליגע צייהן?

אַז מען קען קיין הויכען ציס, אַלאַ שעלי, נישט אַרויסגעבען פון קראַנקען האַלז, ענדיגט מען מיט אַ וואהליונגערישען פייף...

קראַפט! קראַפט! קראַפט! נישט געניאַלע בדחנות׳דיגע זיס-וויינינג-וויציגע אימפּאָטענץ רעמינעסצענצען. האָט ליעב אָדער פיינד נור קווענקעלט נישט...

און זייט שטאַרק, זיכער, פעסט, שטאָלץ און אַרבייט, ווי עס ווינשט אייער ווירקליך גוטער ליעבענדער פריינד

י״ל פרץ.

* וואָס איז דער רעש?

142

צו ד״ר גרשון לעווין

[דאָס איז דאָס צווייטע מאָל — אין יאָר 1906 — ווען פּרץ איז אַרויס-געפאָרן אויף זומער-אָפּרו קיין אויסלאַנד.]

(פון פּויליש)

הײַשוויער, דײַטשלאַנד, 1 אויגוסט, 1906.

מיר זײַנען דאָ. זייער שיין! פאַרענדיקט אַ דראַמע. ווי איז אייער געזונט?

לעאָן פּרץ

143

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

הײַשוויער, 1 אויגוסט, 1906.

עס איז דאָ זעהר שעהן...

י. ל. פּ.

[אַ צושריפט פון פרוי העלענאַ פּרץ]

פון די הויכע בערג אַ גרוס פאַר דעם „שוואַרצן יונגן יונגערמאַנטשיק".

144

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

האָהע-מענזע [גרונוואַלד], 13 אויגוסט, 1906.

ליבער דינעזאָהן!

אַ לופט אַ שמעקענדיגע, אַ מילדע
(איך גריס וואַרשווער געשטאַנק!)
אַ געבראָטענע טויב אַ ווילדע —
(ליידער, נישט אויף לאַנג!)
טויזענד הונדערט מעטער איבערן ים
(ביסט אַזוי פיעל אַרונטער, מן הסתם!)

אַ טהורם — אַ וועלט אָהן איין עק!
(פון „וועג",* פון „היום"** קיין לעק!)
ווייט און ברייט עס פערנעמט די אויגען,
די נשמה וואָלט נאָך ווייטער, ווייטער געפלויגען,
עס ווערט אָבער וואָס ווייניגער מאַרקען.

זיי געזונד, זאָל דיך גאָט שטאַרקען,
אין סווידער*** —
אין אַ פּאָר וואָכען זעהן מיר זיך ווידער...
פון פרייען לעבן קיין שפור;
מ'וועט רעדן פון ליטעראַטור!

י. ל. פרץ

145

צו ד"ר גרשון לעווין

(פונעם אָריגינאַל)

גרינוואַלד, 13 אויגוסט, 1906.

אַרום [אַראָפּ?] געקומען פון טהורם,
וואו געזעה'ן אַ וועלט,
(פאַר צעהן פעניג געלד)
זיץ מיר איבער אַ ווילדע טויב,
(די זון פערגאָלדעט די שויב!)
און טראַכטען מיט שרעק,
אַז אַלץ מוז האָבען איין עק,
עס ווערט אויפ'ן האַרץ פּאַסקינע,
צייטונג, פּאָליטיק, גמינע — —
און דער חבר, יענער חבר!...

---

* אַ יידיש טאָגבלאַט אין וואַרשע.
** אַ העברעאיש טאָגבלאַט אין וואַרשע.
*** אַ זומער-וואוינונג ביי וואַרשע.

עס ווערט אויפ'ן האַרץ קאַלט און קעלטער —
לחיים! וויין מיט זעלטער
מאַכט אַ ביסל פריש,
ווילט איר, גיט עמעצן פאַר מיר אַ קיש —
נאָר איר זאָלט מיך נישט פאַרשעמען,
זוכט שוואַרצע אויגן, לאַנגע ברעמען,
די רעשט אויפן טיש! [נישט לייענבאַר!]

146

צו ד״ר גרשון לעווין

(פונעם אָריגינאַל)

פון שנאַפּפּע ביי בײַשטאָט אַם מיין, 14 אויגוסט, 1906.

דער זייגער קלינגט,
דער לוח ווערט געריסן, —
עס בלייבט אַמאָל שטיין אין האַלז
דער ביסן,
און ביטער ווערט דער זיסער שליק,
און אַלץ אַרום טרייבט: צוריק! צוריק!
עס לאַכט דיך אויס באַרג און טאַל: —
וועסט דען צוריקקומען אַהער אַמאָל?
דאָ גייט מען, ווי אַ שקאָפּע,
פון דער „האָהע מענזע״
צו דער „שנאַפּע״;
אָן אַלע צרות פערגעסען,
מען קומט אַהיים אַ פּגר...
אָהן חלומות אַ שלאָף!
פערהאַן אָבער גאָטס שטראָף:
אַ לוח, אַ זייגער —
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג
איז אַוועק
נישט נור אַ מענש, אַלץ האָט זיין עק!

147

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

גיסהיבעל ביי נײשטאָט, 15 אויגוסט, 1906.

כ׳זיץ אויף דער שנאַפּע, אַ גרויסער האַר!
אַ היהן אַ געבראָטענע, אַ גוטע ציגאַר;
25 פעניג דאָס שטיק,
קאַפּע „פּערקעהרט״,
(כ׳ציה שווער ווי אַ פערד)
עס שפּיעלט די מוזיק —
(פּאַר 10 פּעניג אין טעלער)
דער טאָג ווערט העלער,
און צוריק אין שטאָט,
אין ריינעצער באָד. —
שלופּ־שלופּ; שלופּ־שלופּ...
פריהער באַרג אַרויף צינד באַרג אַראָב.

148

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

נאַחאָד, 19 אויגוסט, 1906.

נאַחאָד איז אַ שטעטיל אין בעמען,
מיט׳ן ראַטהויז האָט זיך עס נישט צו שעמען
אויף זעה איך אַ שיינע באַנק
(אַ שאָד די קעשענע איז קראַנק
און האָט נישט וואָס צו בייטען)
מיר איילן זיך אום באַצייטען צו זעהן וואַלענשטיינס שלאָס,
נאַחאָד, צום שוואַרצען ראָס,

149

צו ד"ר גרשון לעווין

(פונעם אָריגינאַל)

[אָן אַ דאַטע]

צי האָט איר פון נאַחאַד געהערט?
דאָ איז וואַלענשטיינס שלאָס,
דערווייל טרינק׳ מיר קאַווע פערקעהרט
„צום שוואַרצען ראָס" —
דערנאָך ערשט אַרויף אין דער הייך.
דערווייל ווערט דער טאָג אַזוי בלייך
ס׳ווערט פינסטער ווי אין שטייג,
און מען וועט זעהן אַ פייג.

150

צו אברהם יצחק קאַמינסקי

[דער בריוו, וועלכער איז דאַטירט דעם 30טן יאַנואַר (יאָר 1907?) איז געשריבן צו א. י. קאַמינסקי, דער באַקאַנטער אַרטיסט און טעאַטער-דירעקטאָר. אין אַפּריל 1906 איז דורך א. י. קאַמינסקי און זיין טרופּע אויפגעפירט געוואָרן פּרצעס „דער נסיון", אַ וואַריאַנט פון דער שפּעטער-דיקער דראַמע „די גאָלדענע קייט". שפּעטער, זומער 1906, איז דורך דוד הערמאַן, באַוואוסטער יידישער רעזשיסער, געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע טעאַטער-סטודיע, מיט וועלכער י. ל. פּרץ האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. דער בריוו פון פּרצן האָט אַ שייכות צו אָט דער הערמאַן-סטודיע.]

(פונעם אָריגינאַל)

ליעבער הער קאַמינסקי.

שוין דריי טעג, אַז איך האָב אייער בריף ערהאַלטען און ענפער ערשט צינד, ווייל ערשטען [ערשט] שפּעט ביינאַכט האָט זיך די ליעבהאָבער־גרופּע דעצידיערט אויף אַ פעראייניגונג.

מיט הערמאַנען קען מען בשום אופן נישט ענדערן.

ערשטענס — פאַר וואָס?

צווייטענס — הענגען אָן איהם אַלע ליבהאָבער. און ליבהאָבער וועט זיין אַ מאָסע.

בעסער רייסט מיר און אַשען אָב (אויב ער וועט בעשטעהן).

צינד צו דער זאַך:

1) אויב עס וועט זיין צו בעקומען דאָס זומער־טאַטר [טעאַטער] אין וואַרשוי,* וועט מען קענען אָנהויבן אין וואַרשוי?

2) האָט איר צענזויערט?

3) ווען פאַרטיילט מען די ראָלען?

4) צי דאַרף מען זיך נישט צוזאַמענקומען?

וואָס אַמבעלאַנגט דעם פּאַרשפּיעל: ערשטענס האָט איהר איהם נישט אין גאַנצען. איך שיק אייך ערשט צו די רעשט.

צווייטענס — האָב איך געוואוסט פריהער, אַז אַזוינע זאַכען מוז דער אויטאָר אַליין לעזען, אייער וויכטיגקייט איז אַרויס בולט [?]. — עס איז אַ פּלאַם, וואָס פאַלט אויף די ערשטע אַקטען און בעלייכט זיי, נור דערפון מוז מען רעדען.

שיקט מיר, איך בעט אייך זעהר, ווי אַמגעשווינדסטען, נאָכען איבער־שרייבען, צוריק „עס ברענט״ ** — כ׳האָב קיין עקזעמפּלאַר נישט. איך וועל אייך קענען העקטאָגראַפירען און צוריקשיקען עטליכע. פערגעסט נישט. איך ענדיג אין קורצען דעם „קלעזמער״ *** אין דריי אַקטען.

גרוס פון הערמאַן און אַש. און פון אַלע דריי גרוסען פיר פרוי קאַמינסקאַ.****

י״ל פרץ

---

* „טעאַטער לעטני״ אין זאַקסישן גאָרטן. זומער 1907 האָט די הערמאַן-סטודיע געגעבן דאָרט אַ פאָרשטעלונג. די זעלבע ליבהאָבער-טרופּע איז אַרויסגעטראָטן אין יוני 1907 אין פּלאָצק.

** „ס׳ברענט״ האָט פּרץ דאַן אָנגעשריבן. ס׳איז אין 1906 אויפגעפירט געוואָרן אין פּלאָצק.

*** באַקאַנט מיטן נאָמען „וואָס אין פידעלע שטעקט״.

**** אסתר רחל קאַמינסקי.

151

צום אינטערנאַציאָנאַלן יידישן פאַרלאַג

(פון אַ קאָפּיע)

[פון דעמדאָזיקן בריוו-אָפּמאַך צום אינטערנאַציאָנאַלן יידישן פאַרלאַג אין אַמעריקע איז פאַרבליבן אין דינעזאָן-אַרכיוו אַ קאָפּיע, געשריבן דורך י. דינעזאָן. שפּעטער, ווי באַוואוסט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַנפירער פונעם פאַרלאַג, עוואַלענקאָ, האָט אַ נאָענטע שייכות צו דער רוסישער אָכראַנקע, און דער אָפּמאַך איז איבערגעריסן געוואָרן.]

וואַרשע, 20 מאַי, 1907.

איך טרעט אָב דעם פערלאַג
International Library Publishing C-o New-Jork
דאָס רעכט אַרויסצוגעבען מיינע ווערק, ביז הונדערט צוואַנציג בויגען. נעמליך, זעכציג בויגען יובילעאום אויסגאַבע און זעכציג נייע, וואָס זענען אין דער זאַמלונג „שריפטען" נישט אַריין. דאָס ווערק וועט די געזעלשאַפט אַרויסגעבן אין בעזונדערע בענדער. אונגעפער 400־300 זייטען אַ באַנד אין פאָרמאַט פון אַנדערע פאַרלאַג אויסגאַבען.

דאָס רעכט פון פערלאַג ווערט נישט בעגרעניצט בלאָס אויף אַמעריקא און פערשפּרייט זיך אויף אַללע אַנדערע לענדער, וואו עס געפינען זיך יודען, וואָס לעזען יודיש. דעסגלייכען ווערט נישט בעשרענקט דאָס רעכט פון פערלאַג דורך אַ געוויסען טערמין.

פאַר דאָס רעכט אַרויסצוגעבען מיינע ווערקע בעצאהלט דער פערלאַג דריי און אַ האַלב טויזענד רובעל. נעמליך : 500 רובעל באַלד ווי דער אָבמאַך וועט אַקצעפּטירט ווערן. ווערנד דעם דרוקען צו 100 ר׳ אַ חדש און די רעשט ביים הערויסגעבען אַללע ווערקע.

אויב איין טערמין פון די טערמינען וועט נישט געהאַלטען ווערן, פאַלט אָב דער קאָנטראַקט.

י. ל. פרץ

152

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[דער בריוו און די ווייטערדיקע בריוו זיינען געשיקט צו י. דינעזאָן פון זאַקאָפּאַנע (דאָן געהערט צו עסטרייך). ווי מיר זעען, האָבן די טאַטרען-בערג געמאַכט אויף פּרצן אַ שטאַרקן איינדרוק. אגב, געפינען מיר אַן אָפּקלאַנג פון אַט די איינדרוקן אויך אין פּרצעס אַרטיקל „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער", וואָס איז צוערשט געדרוקט געווען אין זאַמלבוך „יודיש" (1910). פּרץ רעדט דאָרט וועגן דעם „טוריסטן-וועג" : „געפערלעך איז אָפט דער טוריסטן-וועג. געטריבן פון אַ ברענענ-דיקער בענקשאַפט צו דער הייך, זוכט דער טוריסט זיין וועג צווישן פעלזן אויף די שפּיצן פון די העכסטע בערג, צווישן גלעטשער און אָפּגרונטן... און געפערלעך איז דער וועג : פון אָפּגרונטן קוקט, רופט און לאָקערט : שרעק, שגעון און טויט..." (זע אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ב. 16, ז' 7 און ווייטער). אויף צוריקוועגס פון זאַקאָפּאַנע איז פּרץ אָפּגעטראָטן אין קראָקע און לעמבערג, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט די דאָרטיקע יידישע שריפטשטעלער און זיינע פאַרערער.]

זאַקאָפּאַנע 6/8, 1907.

הערסט אַ מעשה? זענ' מיר גאָר אין Zakopane, אין ווילאַ Ochotnickiego, מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַסע. קוים אויסגערוהט. לופט — גראַסאַרטיג. וועלדער, בערג און פעלזען — רופען צו זיך. מאָרגען ערשט הייבט מען אָן געהען אָדער פאָהרען. וואָס מאַכסטו? וואָס הערט זיך? איך שרייב אויף אַ באַנק אין גאַס.

דיין — י״ל און ה. [העלענאַ] פּרץ

153

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

זאַקאָפּאַנע 7/8, 1907.

(פאַרזעצונג)

מיט מילערן* האָב איך ווייניג וואָס גערעדט; איך האָב געזעהען ביי

---

* אַ פאַרשטייער פון דעם אַמעריקאַנער יידישן פאַרלאַג, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך עוואַלענקאַ.

איהם דיינס אַ בריעף אַ גרויסען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף נישט רעדען. מילער איז אַ גוטער פערשלאָפענער יונגער מאַן. ערשט נאָך אַ חתונה. דאָס ווייבעל — אַ יונגס, אַ שוואַרצס מיט צוויי גאָלדענע צעהן אין יידע זייטען מויל, נאָר אַ וואָהל ווייבעל. וואָס האָסטו פאַר מיר פון מילערן גע־וואָלט? וואָס טהוט קרינסקי*? ער דרוקט צי ניין? אויב נישט, זאָל ער גע'נהרג'ט ווערען. אויב דו האָסט בעקומען געלד פון ווילנא,** שיק אונז! אַז נישט, וועט מען באַרגען.

יל״פ

ווי מיינסטו, ס'וועט זיין אַ שרייב־מאַשין?

איך זיץ צו גאַסט ביים גראַף זאַמאָיסקי אין „מליעצאַרניע". הייס, מיעד פון שפּאַציערען.

154

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

זאַקאָפּאַנע 8/9, 1907.

שטעל דיר פאָר: מען קריכט באַרג־אַרויף. שטיל און שטילער. ענדליך געהען קלאַמערן, מען האַפּט זיך אָן מיט איין האַנד, דערנאָך מיט דער צווייטער, פון אונטען איין אָבגרונד, דער קאָפּ דרעהט זיך. אָבער אַלץ העכער, העכער. פּלוצלונג — אַ קלאַמרע רייסט זיך אויס! — טויט! אַ מערכה, וואָס איך בין דערביי נישט געווען. עס האָט זיך געטראָפען מיט אַ יונגערן, וואָס האָט געטהון אַ שפּרונג אונטער און אַ האַפּ העכער.

שיק איין נאָך הונדערט רובל. געלד פליהט.

דיין יל״פ

---

* מ. קרינסקי, אַרויסגעבער פון „ראָמאַנציימונג", וואו ס'האָט זיך אין 1907 געדרוקט פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן דעם 18טן אָקטאָבער, 1907 (נומ' 23).

** משמעות פון דעם זאַמלבוך „די וועלט", וואו ס'איז דאַן פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן פּרצעס „די גאָלדענע קייט".

155

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

14/8, 1907.

ליבער דינעזאָן,

כ׳האָב שוין צוגעקלעבט אַ מאַרקע צו מיין איינפּאַכער קאַרטע, איז פאַר־פאַלן. פון היינט אָן בעקומסטו אויסזיכטען. וואָס טהוט קרינסקי? ער האָט מיר געזאָלט שיקען קאָרעקטען. — וואָס טהוט הירשביין אין וואַרשוי? וויל ער זיך עטאַבליערען? דען בריעף פון נאַציאָנאַל־צייטונג האָב איך נאָך נישט געלעזען. איך האָב צייט. די מילערס זענען ביי אונז צו גאַסט, פאָהרט מען אַרום. מילער רעכענט דיר איבערצוגעבן די אַגענטור פון עוואַלענקאָס אויס־גאַבען. ער וועט דיר שרייבען אויספיהרליך. וואָס טהוט אַש? בלייבט ער אין וואַרשוי? איך האָב׳ם צוויי קאַרטען געשיקט קיין קוזמיר, וואָהנט ער נאָך דאָרט?

בערג און בערג. פעלזען און פעלזען. אַ מחיה.

דיין י״ל פרץ

העלענע גריסט.

156

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

זאַקאָפּאַנע 15/8, 1907.

דאָ עס׳ מיר מיטאָג! ווייסט, ווער?

157

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

זאַקאָפּאַנע 16/8, 1907.

פאַר וואָס שרייבסטו נישט? דו וועסט פון ה׳ מילער בעקומען באַלד אַ וויכטיגען בריעף, זאָלסט קומען קיין קראָקוי.

זיי פאַרבערייט. י. ל. פרץ

158

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

זאַקאָפּאַנע [אָן א דאַטע]

דיין גרויסען בריעף, ר׳ יענקל, האָב איך ערשט נעכטען געלעזען. איך בין געווען אין קראָקוי, געווען און אַ פאַרלעזונג געהאַלטען: מוסר, ליעבע און אַ גלגול פון אַ נגון. די איינקונפט — פאַר ראָזענפעלד.* דער זאַל איז געווען געפּראַפּט. אַלע געשטאַנען, געקוקט און נישט געהערט אַ וואָרט, ווי געוועגליך. איך וועל נאָך אפשר פאָהרען „געזעהען צו ווערען" קיין לעמבערג. איך וויל לערנען אַ שטיק גאַליציע. דאָס קבצנישע צענט־לאַנד. און דאָך, שבת, מאַכט קראָקוי אַ הערליכען איינדרוק, די שטאָט איז אַרומגענומען מיט „פּלאַנטען" — גערטנערישע שפּאַציער גענג. די גאַסען ברייט, זעהר ברייט, די הייזער נישט הויך, מאַנכע אַלטע, און איבער די גאַסען, איבער די סקווערען און גערטנער געהען יודאַליך דאַווענען. זעהר ריינע שטייפע וועש, שענע קראַוואַטס, אַטליסענע רעק, גירטעל, און פלאַכע שטריימליך. שבת שטראַהלט פון די אויגען. שענע יונגאַליך, שענע יונגע לייט, ערנסטע מיטעלעלטערישע, פּערטראַכטע, קוים עטוואָס אָבגעלאָסטע אַלטע. מען זעהט נישט אונזער יודיש־פּויליש אָבגעריסענקייט, דעם בטול־היש אינ׳ם גאַנג און אין דער טראַכט. פּערקעהרט — די וועלט איז אויך אַ וועלט, ליידער איז שווער צו בעקומען אַ צענט און אָהן אַ צענט, איז קיין עולם הזה נישט פערהאַן. די בעל־בתישע וועלט איז אַביסעל קאָמיש. דער טאַטע רעדט דייטש, אַפילו דער שמש פון דער אַלטער שוהל, אַפילו די קברות־יודענע ביים רמא״ס קבר; דאָס יונגע דור — פּויליש. יידיש נישט אַ וואָרט. קענסט דיר פאַרשטעלען, ווי דערפרייט עס האָט מיך, אַז איך האָב פּלוצלינג, דאָ אין זאַקאָפּאַנע, דערהערט אונטער מיר: „יעך? יעך בין ערשט געקומען!" — צוויי אַלטע יודענעס אין קופּקעס, האַנדלען אַוודאי דאָ מיט הערינג. און דאָך זאָגט מען, אַז עס ווערט דאָ אויך אַ יודישע בעוועגונג. אויך פערזיכערט מען מיך, אַז לעמבערג איז פיעל יודישער אַלס קראָקוי, און סטאַניסלאַוו — אַלס לעמבערג. שען איז נור, אַז אין קראָקוי, וואו די יודישע באַוועגונג איז נאָך אַזוי שוואַך, וואו עס געפינט זיך אין גאַנצען אַ פּאָר צענדלינג יונגע לייט, האָסט דו אויך אַלע פּאַרטייען און שפּאַלטונגען, ווי אין וואַרשוי, ווילנא א. ד. ג. —

וואָס אַמבעלאַנגט דיין בריוו, האָב איך דיר גאָר נישט וואָס צו ענפערן.

* מאָרים ראָזענפעלד — דאַן זיך געפונען אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע.

דו רופסט מיך פערחלומטער, איך דיך — פעסימיסט. איך בלייב ביי מיינעם: אין רעכטע הענד, וואָלט אַלץ געווען רעכט.

עס וואָלט געווען אַ חדוש נפלא די ראָמאַנצייטונג * זאָל געהן. אַ חדוש נפלא „אונזער לעבען" ** זאָל מאַכען גוטע געשעפטען. נור — מוחל. —

וואָס הערט זיך מיט דער פּראָלעטאַרישער וועלט?

הירשביין האָט מיר געשריבען אַ קאַרטע פון ווילנא, געענדיגט: „שפּעטער פון דאַרף מעהר". מעהר אָבער האָב איך פון איהם קיין צייכען נישט ערהאַלטען. ער אָבער אינטערעסירט מיך מעהר פאַר אַלע יונגע. שרייב מיר מעהר פון איהם, פון זיינע פּלענער, פרעג אין מיין נאָמען, וועט ער פיללייכט מעהר רעדען.

זאָגען זאָג איך דיר: עס איז נישט אַזוי שלעכט, ווי דו מיינסט.

דיין י. ל. פּרץ

„זאַקאָפּאַנע" איז שען. כ'וויל אָבער דעריבער אין בריעף נישט שרייבען. עס איז מעהר ווערט. דער ד"ר בירא מוז שוין זיין אין וואַרשוי, נעם דיר אָפּ דיינע העמדער. אַ גאַנצע נאַכט האָט געגאָסען, מען האָט קיין צייכען פון קיין באַרג נישט געזעהן. מען האָט זיך געפ׳הלט, ווי דערטרונקען אין אַ נאַסער פינסטערקייט. ציינד לייטערט זיך אַ ביסל אויס. עס איז אָבער שווער צו גלייבען, מיר זאָלען נאָך האָבען אַ גוט וועטער. די בערג דעמפען מיט רויך. דער הימעל — אלול'דיק, עס וויינט און עס בלאָזט קיהל.

און דאָס „שיקסעל", וואָס בעדיענט אונז צום פרישטיק וויל נישט צו־זאָגען קיין „פּאָגאָדע". אַלץ אַרום, וואָס האָט געגלאַנצט און געשטראַהלט שטעהט נאָס־אַבל'דיק. איין טרייסט: מען זעהט נישט דעם צלם אויפן געוואַנט־שפּיץ, ער איז אין וואָלקען אַריין. אפשר וועט'ר מיט'ם ערגיץ אַוועקשווימען. שרעקליך קאַטאָליש אַרום. עס עטעמט זיך שווער. איך בין נישט מקנא דעם היזיגען יוד. דאָ צו וואָהנען בעשטענדיג, הייסט קיין סעקונדע פריי נישט עטעמען. און אפשר דאַכט זיך מיר אַזוי. מיין געוועלבניק, וואו מען קויפט אייער, פּוטער, מאַרקען... עטעמט זעהר פריי: מאַכט צענטען. זיין לאָמע פּלונית'טע טאַנצט אונטער און שמעלצט זיך אין אייגענעם פּעץ. אַ פערגאָסען חלב'ן פנים מיט לוסטיגע אייגאַליך.

האָסטו אויך, דאַנק דעם וועטער, אַ גרויסען בריעף. באַלד אַזוי גרויס, ווי אַ נאָוועלע. איך מוז אָבער איבערלאָזען איין אָרט פאַר דער פּלונית'טע, אַזיסט, וואָלט איך דיר פאַרגעשטעלט מיין געוועלבניקס פעררעכצט גרין טעכטעריל. אונטער קראָקוי אין טיניעץ — אַ דאַרף — וואהנט ר. מיט די דאַרע טעכטער, וואָס רעכענען זיך אַביסל אונטערצושמדען.

---

* וואָכנבלאַט, אַרויסגעגעבן דורך מ. קרינסקי.

** טאָגצייטונג אין וואַרשע.

159

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

זאַקאָפּאַנע [אָן אַ דאַטע]

הכלל, ר׳ יענקל, מען האָט דיך געקירצט און אפשר דאָס ערשטע מאָל נישט קיין חבר, נישט קיין ליטעראַט. פּערקעהרט, אויפ׳ן חשבון פון פּערלוסט, האָסטו בעקומען פון אַ ליטעראַט צוריק 25 רובל. לאחר יאוש, דעם טעם פון בעגנבעט ווערען קען איך. אויב דו געדענקסט, האָט עס מיר שוין געטראָפען. מען האָט מיך געלאָסט ממש בגלוי — און ווי ווייטער שטעהט. נור אַ שטיקל הנאה פון דער גנבה האָב איך דאָך. איך בין נישט, ח״ו, אַ שמח לאיד. נור ערשטענס: ווערסטו ווערען בעניית, און אַז דו ווערסט דיר געבען דאָס וואָרט, במשך אַ יאָהר, ליטעראַטען קיין געלד נישט צו באָרגען, ווערסטו דיר אויס־שלאָגען דעם היזק. מיט פּראָצענט. און צווייטענס האָסט דו מיר, דאַנק דער גנבה, אַ דענערוויערט בריוועל געשריבען. „דאָס ווענטעל קוקט אויף דיר מעלאַנכאָליש און לאָסט דיך די גנבה נישט פּערגעסען". דאָס איז גוט. דו ענטלויפסט פון לעבען, פון אַלעס וואָס דענערוויערט און רופט אַרויס טיפערע טענער, האָט זיך דאָס לעבען צו דיר אַריינגעריסען אין געשטאַלט פון איין עקספּראָפּריאַציע. נאַ דיר און ווייז נישט. און אַביסל סכנה איז אויך געווען דערביי, און נצול פון אַ מעסער ביסטו געוואָרען... זאָג דעם אמת, עס חלומט זיך דיר אַ מעסער? אויב יאָ, בעשרייב עס. זאָל זיין אין אַ בריעף.

דאָס וועטער האָט זיך געענדערט. רעגען און רעגען. און דאָך אויסהאַלטען קען מען. די לופט אין ערשטען רעגען־טאָג איז געווען אַזוי ריין, און אַזוי דורכזיכטיג, אַז די בערג זענען פּלוצלונג צוגעקומען נענטער, און אַזוי נאָנט, אַז מען האָט די קלענסטע שרימפען געזעהן. און פּלוצלינג, אַ מענש שטעהט אויף פּאָר טאָג, לויפט אַרויס אויפ׳ן באַלקאָן — אַ זילבערנער געוואַנט!* שטאַרט אַרויס איבער די רעגלען — נידריגע, גרינע, וואַלדיגע בערג, ווי איין איין עטרה, דורכזיכטיג ווייסער שניי. און אונטען — נאָך שטעהענדיגע תבואה! נאָך אַ שטונדע און פון די רעגלען בליהען אַרויס ווייסע וואָלקען־שנירען. אַ מאַטער הימעל פון אויבען, אַ שניי־באַרג איבער אַ וואָלקען־גאַרטעל, און אונטער איהם אַ סאַמעטען־גרינער רעגלען־אַקסעל איבער אַ גרינעם האָבער־פעלד! משוגע צו ווערען...

און אָבענדען זענען געווען. עס רייכערן זיך די בערג, ווי מזבחות צו׳ן

---

*הויכער באַרג אין זאַקאָפּאַנע.

אַ בייזען גאָט. דער רויך ווערט טונקעלער און טונקעלער. די וואָלקען איבער איהם שוואַרצער. לאַנגזאַם גיסען זיך פעלזען, באַרג, וואָלקען און הימעל צו־זאַמען... אין אַ געקושעריי צי אין אַ געשלעג?

און אַז די בערג רעכטס לאַכען, ווי פריש אַצגעצוואָגענע קינדער, און די בערג לינקס טראָגען אויף זיך שווערע, דריקענדע, שרעקענדיגע וואָלקען — וואַרפט מען מיט די אויגען אַהין און אַהער און מען שטעהט צודולט אין דער מיט.

און דאָס וואַסער באַרג־אַב! ראַשענדיג, שוימענדיג, זילבער און פערל...

און יעדע מינוט אַ נייע בעלייכטונג: נייע פעלזען, נייע בערג, נייע וואַסער־סטענגיס. און אַלץ, אַלץ ווערט פערגעסען. אויס וואַרשוי, אויס פּאָליטיק, און אַז מען נעמט אַ צייטונג אין דער האַנד אַריין, איז אַלץ אַזוי גלייכגילטיג פרעמד.

און דאָך, אויב עס וועט זיך נישט אויסלייטערן, וועט מען מוזען ענטלויפען. איך ווייס נאָך נישט: איבער לעמבערג אָדער איבער בודאַפּעשט. און אפשר וועט איינפאַלן עפּעס אַ דריטס. עס איז מאַנכמאָל צו קאַלט, צו נאַס און ביים טונקעלערן רעגען וועטער, ווערען די פעלזען מיט די בערג אין גאַנצען פער־לוירען. מען איז אַרומגערינגעלט מיט עפּיס אַ פינסטערן, נישט ריהריוור־דיגען וואַל. צינד, ווען איך שרייב עסענדיג פרישטיק, איז ספק רעגען. און דאָס איז דאָס ערגסטע. פון געוואַנט זעהט זיך אַ קליין שטיקעל, דער שניי בלאַנקט נישט, אָבער גאָר נישט. אַ בטלניש־פערוואַרלעסיגטער קאָפּ. אָב־שטויסענדיג.

צופעליג האָב איך געלעזען אַ בראָשורע אויף דייטש: קליידונג און שמוק אין ביבלישען און תלמוד'שען שריפטען פון ראַבינער דער יודישען געמיינדע צו בערלין — ד״ר אַדאָלף ראָזענצווייג. בערלין. מ. באָפּעלבויער, 1905. אויב דו טרעפסט זיך מיט קאַמינסקי,* ראָט איהם, ער זאָל זיך די בראָשורע פער־שאַפען. די טראַכט איז זעהר גוט בעשריבען. זי איז בילליג און לייכט צום בעזאָרגען. — עס ווערט עטוואָס העלער. אויב עס וועט מעגליך זיין, וועל'מיר נאָך איין אויספלוג מאַכען.

דער פאָריגער בריעף איז געלעגען 2 טאָג אויפ'ן טיש, מען האָט'ם פער־געסען אַריינצוּוואַרפען אין קעסטיל. זיי מוחל. —

צינד געהען, איבער די שניי שפּיצען, ווייסע, ריהריוודיגע זילבער־וואָלקען. שניי און וואָלקען גיסען זיך צוזאַמען. ביאַליק, פאָהרענדיג צוריק פון האַג,*

---

* א. י. קאַמינסקי — דער באַוואוסטער אַרטיסט און טעאַטער־דירעקטאָר

** האַאַג, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער ציוניסטישער קאָנגרעס.

זאָל אָבטרעטען אין קראָקוי, ווען ער אפשר קומען אַהער צו גאַסט. אינטערע־סאַנט, צי ער וועט מעהר געניסען פון די פעלזען, ווי פון ים אין אָדעס...

זיי געזונט און שטאַרק. מאַך דיר נייע שיינע קליידער. געה צום לעבען און וואַרט נישט, עס זאָל דיר מוזען איינברעכען די טהיר, אָבהאַקען שלעסער.

דיין י״ל פרץ

איך האָב געלאָזט אַ שטיקעל אָרט פאַר העלענאַ, טהוט זי זיך אָבער אָן און ווען איך לאָז זי שרייבען, וואָלט איך צו פיעל צייט פערלאָרען. גריס איך דיך הערצליכסט אין איהר נאָמען. אַזוי הייסט זי. —

אַ שטיק בלאָהער הימל האָט זיך בעוויזען. אויף לאַנגע יאָהר!

160

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

זאַקאָפּאַנע 25/8, 1907.

ליעבער יענקל!

איך פאָהר צינד — זינטיג 3 — קיין קראקוי, פון קראקוי קיין לעמבערג, וואו איך בין פערבעטען אויף אַ פאָרלעזונג אויף דאָנערשטיג. פרייטאָג צוריק קיין קראַקוי, וואוהין העלענאַ * וועט קומען פון זאַקאָפּאַנע און צוזאַמען — קיין וואַרשוי. זונטיג — נאָך אַלעם! מאָנטאָג — צוריק אין בודע ** אָריין. עס איז זעהר, זעהר טרויריג. נעכטען געמאַכט דעם לעצטען אויספלוג. אַ סיום געמאַכט. עס איז מיר נאָך קיינמאָל אַזוי שווער נישט געווען אַ היים צו פאָהרען. די פאָר טעג אין לעמבערג וועלען מיך פיללייכט עטוואָס צושטרייען.

דיין י. ל. פרץ

* פרעס פרוי.
** געמיינט די גמינע, וואו פרץ האָט געאַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער.

161

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

קראַקוי 30/8, 1907.

גרוס פון קראַקויער קאַמערס.

י. ל. פּרץ *

162

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

לעמבערג 9/, 1907.

מערס גרוס אויס לעמבערג.

י. ל. פּרץ **

163

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

לעמבערג 1/9, 1907.

גרוס אויס לעמבערג.

י. ל. פּרץ ***

---

* אויסער פּרצן און זיין פרוי האָבן צוגעשריבן זייערע קורצע גרוסן י. ח. רבניצקי, ח. אַלעקסאַנדראָוו, מ. ערליך, א. ל. שוסהיים, אלישבע ראַבינאָוויץ, נ. פּינס, ד"ר הילפּשטיין, ד"ר ביליוא, ד"ר שפּינדל, משה פישער, ב. באָראָכאָוו, חאַשין א. אַנד.

** צום בריוול האָבן צוגעשריבן קורצע גרוסן איניקע לעמבערגער תושבים.

*** אויפן קאַרטל האָבן צוגעשריבן זייערע פאַמיליע-נעמען משה ריכטער, פישל וויטקאָווער, שמואל יעקב אימבער און גרשום באַדער. — עס איז אַן אַנזיכט-קאַרטל פון דעם ערשטן יידישן קלוב אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. אַרום טיש זיצן ד"ר שטרייכער, ד"ר גאַבעל, אַדאָלף שטאַנד און ד"ר מאַהלער.

164

צו שלום עליכם

(פון אַ קאָפּיע)

[דער בריוו איז געשריבן אָנהויב 1908, ווען שלום עליכם איז אויף זיין אַדורכברייזע געווען אייניקע טעג אין וואַרשע. — קנאַפּע 20 יאָר האָבן פּרץ און ש"ע געפירט אַ ברוגז און זיך קיין בריוו נישט געשריבן.]

שלום עליכם „שלום עליכם". —

אַז בערקאָוויץ קען שרייבען, האָב איך שוין לאַנג געוואוסט. אַז איהר זייט אין וואַרשוי — אדרבא ואדרבא! וואו מען קען זיך זעהן? ווייסט איהר דאָך, אַז עס איז פערהאַן אַ טעלעפאָן; בעשטעלט, וועט מען פלוידערן. און אַז מען וועט פלוידערן, וועט מען רעדען פון די מאָנאַטשריפטען* אויך.

אייער ל. פּ.

165

צו לאַזאַר קאַהאַן

(פונעם אָריגינאַל)

[דאָס בריוול און די איבעריקע בריוולעך צו ל. קאַהאַן אין לאָדזש האָבן אַ שייכות צו די פאָרלעזונגען, וועלכע ל. קאַהאַן האָט איינגעאָרדנט פאַר פּרצן אין לאָדזש.]

27 יוני, 1908.

גוט. ווען געהט אַרויס דער צוג 3 3/4 אָדער 2 3/4?

פּרץ

* „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען", חודש-זשורנאַל דערשינען דאָן אין ווילנע, אונטער דער רעדאַקציע פון א. ווייטער, ש. ניגער און ש. גאָרעליק.

166

צו לאַזאַר קאַהאַן

(פונעם אָריגינאַל)

6 יולי, 1908.

ליעבער, אויבוואָהל האַלב משוגענער, הער קאַהאַן,

ד׳קען קומען שבת. זעהט אַזוי צו מאַכען, ד׳זאָל קענען אַוועקפאָהרען אָהן איבערנעכטיגען.

30 רובל שיקט מיר אַרויס, ווי עס איז אָבגערעדט געוואָרען, פאָראויס. דאָס נעמען איז נישט אנגענעהם. —

זייט געזונד און שטאַרק
י״ל פרץ

167

צו לאַזאַר קאַהאַן

וואַרשע, 18 סעפטעמבער, 1908.

גוט, מיסטער קאַהאַן.

יל״פ

168

צו ב. וולאַדעק

[דאָס ליד איז אָנגעשריבן אויף אַ פּאָסט-קאַרטל צו ב. וולאַדעק אין יולי 1908. — ב. וולאַדעק האָט עס פאַרעפנטלעכט נאָך פּרצעס טויט אין ניו-יאָרקער „צוקונפט", 1915, ז' 497 מיט אַ צושריפט: „אויף וויפיל מיר ווייסן, איז אָט דאָס ליד פון פּרצן אין ערגעץ נישט געווען געדרוקט".]

(פון אַ קאָפּיע)

אַ ברוינער וואָלקן־שטיק
אונטערן הימל דעם בלאָען
שוועבט און — טראַכט:

ווייסט, ווייניקסטנס, דער
וואָס טרייבט,
וואָס יאָגט מיט דער געהיימער פליגל־באַוועגונג,
וואוהין ער טרייבט?

יאָגט ער אונטער די זון,
וויל ער כ׳זאָל צעפּליסן
אין אַ רעגן־שפּריי,
טרענקען די דורשטיגע ערד,
אַרויסרופן ברויט און — בלומען ?

אָדער אין שלאַגס רעגן צעגיסן,
און אויף גרויסן יום־טוב
גרויסן פרילינג־טאָג,
שייערן, שווענקען און ריייניקן
די זינדיקע ערד ?
אָדער ווערט אין מיר אַ דונער געבוירן ?
אויף וועמען ? אויף וואָס ?

— — — — — — — — — — — —

אַזוי שוועבט אונטערן הימל דעם בלאָען
אַ ברוינער וואָלקן־שטיק און טראַכט...

169

צו ד״ר נתן בירנבוים

[צווישן פּרצעס איבערגעבליבענע פּאַפּירן אינעם דינעזאָן-אַרכיוו האָט זיך געפונען אָט דער בריוו, געשריבן דורך פּרצן גופא. דער איניציאַטאָר פון דער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ ד"ר נ. בירנבוים האָט פּאַנאַנדערגעשיקט צו אַ ריי אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן אַ פּראָיעקט פון אַן אויפרוף וועגן דער שפּראַך-קאָנפערענץ. אַזאַ מין אויפרוף איז אויך צוגעשיקט געוואָרן פּרצן און דינעזאָנען מיט דער בקשה זיי זאָלן אים אונטערשרייבן. מעגלעך, אַז אָט דער בריוו איז איבערגעשריבן געוואָרן דורך י. דינעזאָן און אָפּגעשיקט צום ד"ר נ. בירנבוים, ווי ער איז. דער בריוו איז געשריבן אין 1908.]

(פונעם אָריגינאַל)

זעהר געעהרטער הערר ד״ר!

עס איז אונס, הער דאָקטאָר, זעהר שווער געוועזן צו ענפערן.

מיר זענען, נאַטירלעך, זעהר פעראינטערעסירט אין אַ קאָנפערענץ, אָבער אונטערשרייבען אייער אויפרוף האָבען מיר אויף קיינפאַל נישט געקאָנט. מיר האָבען אייך נישט געוואָלט שטערען, מיר וואָלטען אויך געקומען אויף דער קאָנפערענץ אָבער אַלץ נישט אונטערשרייבען. צום אַלעם ערשטען געפעלט אונס נישט די, זייט אונס מוחל, „אַמעריקאַנישע״ הקדמה... מיר, ליידער, גלייבען אין גרויסע פאָרטשריט נישט. וואָס עקזיסטיערט? ביי אונז — צוויי געלע בלעטער; דער פריינד איז פערקויפט אונד ווערט אַ ציוניסטיש פאַרטיי בלאַט... מען דאַרף אַ קאָנפערענץ — צו פאָדערן די ענטוויקלונג, דעם פאָרטשריט...

און די אַמעריקאַנישע „מליצות״ — פאָעטען שרייבען ליעדער, נאַטירלעך, מאַכען זיי קיין שטיוועל... אידישע צייטונגען פערשפּרייטען פּאָליטיק, „דערגרייכען אַ מדרגה״, „פּיעסען״, „צוציהען כל המיני קרענק און מומים״. דאָס איז פאַר אונס קיין יודיש נישט, דאָס איז, אין דער ערשטער ליניע, גראָב. און וועניגסטען די אויפרופער דאַרפען האָבען אַ סטיעל...

„נישט לאָזען אַרומלויפען פראַנק און פריי, אָבהיטען ווי אַ טייער קינד א. ד. ג.״ איז פאַר איין אויפרוף צו קינדיש...

מיר קענען און ווילען אונטערשרייבען אַ נאַטירלעכען, אייערופּעאישען אויפרוף, איין איינפאַכען...

אום צו פעדערען די ענטוויקלונג פון דער יודישער שפּראַך ווערט (דאָרט און דאָרט, אין דער און דער צייט) צוזאַמענגערופען אַ קאָנפערענץ.

עס ווערען געשטעלט צו בעהאַנדלונג די פראַגען

1) וועגען אָרטאָגראַפיע —

2) גראַמאַטיק

3) בענוצען פרעמדע ווערטער
4) אַ ווערטער בוך
5) ביבעל איבערזעצונג
6) די פּרעסע
7) די ליטעראַטור
8) דראַמאַטורגיע און סצענע
9) די בעדייטונג פון דער שפּראַך אַלס נאַציאָנאַלע אָדער פאָלקסטימלעכע שפּראַך און איהר בעציהונג צו העברעאיש.
10) די מאָראַלישע צווישען פעלקערליכע ליטעראַרישע אייגענטהום־פערזיכערונג."

אויב איהר בעשטעהט אויף דער פאָרם שרייבט אייך אונ אונז אונטער.

170

צו יעקב דינעזאָן

[די יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט דעם 30טן אויגוסט, 1908. דער בריוו איז געשריבן צו י. דינעזאָן אין די ערשטע טעג פון זיין קומען קיין טשערנאָוויץ.]

(פונעם אָריגינאַל)

ליעבער דינעסאָן,

הכלל איך בין אין — ציערנאָוויץ.

אַש'ן האָב'מיר פערלוירען אויפ'ן וועג: אין לעמבערג האָט'ם צוגענומען אַ ד"ר רייך, אַ רעדאַקטאָר פון „ווסכאָד" און אַ חתן פון אַ כלה, וואָס וואָהנט אויפ'ן דאָרף, און אויפ'ן דאָרף בעקומט מען רייטפערד א. ד. ג.

פון ציערנאָוויץ שרייבען, פון דער קאָנפערענץ — אונמיגליך... בעקאַנט געוואָרען מיט „אחר" — ד"ר בירנבוים, מיט אַ ביסל יונגע לייט, — קיין ריכטיגען בעגריף אָבער פון דער קינפטיגער קאָנפערענץ האָב איך נישט. און איך וואָלט דיר נור אַ אַנזיכטסקאַרטע געשיקט, ווען נישט, וואָס דער יונגער עולם בעט דורכאויס איך זאָל דיך בעטען, דו זאָלסט תיכף ומיד אָבער טאַקע באַלד אַרויס[שיקען] 2—3 עקזעמפּלאַרען פון דער „גאָלדענער קייט" און מיינע „דראַמען". זיי ווילען עפּיס אויפפיהרען בשעת איין אָבענד און האָבען, לא עליכם, נישט. עס ווייזט זיך, אַז גאַליציען וויל שוין לעבען און האָט קיין בוכהענדלער נישט. דערפון אָבער שפּעטער. דערווייל טהו דעם עולם צוליעב, שיק זיי די ביכער. מיין אַדרעס: ציערנאָוויץ, בוקאָווינאַ, עסטרייך, האָטעל בריסטאָל. אַ פּראַכטפאָל האָטעל, דאָס „נייעסטע". העלענע פּאַקט אויס אין שאַפע אַריין. —

וואָס נאָך? גאָר נישט. זיי געזונד. דיין פּרץ

אויף דער שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ אין 1908:
ה. ד. נאָמבערג, דר. ח. זשיטלאָווסקי, שלום אַש, י. ל. פּרץ, אברהם רייזען.

171

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[נאָך דער קאָנפערענץ האָט פּרץ צוזאַמען מיט ש. אַש, ה. ד. נאָמבערג און א. רייזען אונטערגענומען אַ קינסטלער-טור איבער אַ ריי שטעט פון גאַליציע און בוקאָווינע לטובת דעם צענטראַל-ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך. — דער בריוו איז געשריבן פון איינער אַ שטאָט, וואוהין פּרץ איז געקומען האַלטן אַ פאָרלעזונג.]

ליעבער יעקב, „וואַרשויער פערטרואונגס מאַן פאָן דער שפּראַך-קאָנ־פערענץ". (ווייסט דערפון? *)

מיר האָבען דאָ גאָר נישט דערהאַלטען, נישט דיין בריעף, נישט די

* יעקב דינעזאָן איז באַשטימט געוואָרן דורך דער שפּראַך-קאָנפערענץ אַלס פאַרטרויאונגס-מאַן פון וואַרשע.

„גאָלדענע קייט". רעקלאַמיערט אויף דער פּאָסט, רעקלאַמיערט אין ביוראָ פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ און — גאָר נישט.

אַז נומבערג איז אַ „פערזאָרגער" האָב איך געוואוסט, נור ער זאָל זיך אַזוי פערנאַכלעסיגען האָב איך מיר נישט פאָרגעשטעלט. קיין בלעטער פון דאָרט בעקומען מיר נישט. און ווען איך שטעל מיר פאָר, וואָס וואָלט גע־האָלפען? בשעת קאָנפערענץ האָב איך קיין רגע רוה נישט געהאַט, געאַרבעט פאַר צעהן, און נאָך דער קאָנפערענץ פאָהרט מען אַרום אין דער מדינה* מיט די יונגען לעזען. ווייסט דו דאָך, אַז זיי לעזען, איך אָבער מוז אויך רעדען. איך בין שרעקליך פערנומען. צי עס וועט זיך אַמאָל אַנרופען אויף מיין געזונד, ווייס איך נישט, דערווייל אָבער אַרבייט איך אויף אַלע כלים. איך וועל דיר וועגען דער ק. [קאָנפערענץ] נישט שרייבען, ערשטענס ווייל איך האָב קיין צייט נישט, און צווייטענס ווייל איך וויל דיר פערציילען פּה אל פּה.

אין וואַרשוי וואָלט איך געוואָלט די ק. [קאָנפערענץ] רעפעריערען. אפשר וואָלט ד"ר לעווין פאַרבערייט איין ערלויבניס? דאָ בעגעגענט מען אונז מיט גרויס פּאַראַד, מיט געזאַנג, סערענאַדען, קאַרעטען און — מיט האַרץ. אונזער געגנער באַהאַלטען זיך און — שוויגען...

כ'קען נישט מעהר. מיעד. זיי געזונד.

דיין י"ל. פּ.

העלענע גריסט. זי וואַשט זיך. מיר פאָהרען באַלד ווייטער. אמת'ע נע ונד'ניקעס. —

172

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[געשריבן פון באַריסלאַוו אויף אַ פּאַרביק אַנזיכטס-קאַרטל, אויף וועלכן ס'זיינען אויסגעמאָלט מיליטער-לייט, וועלכע גראָבן אַ גרוב צו פאַרלעשן די שרפה פון אַ שאַכטע. — פּרץ האָט דאַן אין באַריסלאַוו געהאַלטן אַ פאָרטראָג.]

באַריסלאַוו, סעפּטעמבער 1908.

זעסט, וואו מען האָט מיך פערוואָרפען?

---

* ס'זיינען דאַן איינגעאָרדנט געוואָרן פאָרלעזונגען אין דראָהביטש, באַריסלאַוו, טאַרנאָפּאָל, סטאַניסלאַוו, סכאָדניצע, סוטשאווע, קאָמפּאָלונג, גורא הומאָרא א. אַ.

173

צו ב. גאָרין

(פונעם אָריגינאַל)

[פּאָסטקאַרטל; 18 נאָוועמבער, 1908.]

ליעבער גאָרין,

צי איך האָב פּאַראַיאָהרען אייער בריעף ערהאַלטען און נישט געענטפערט — ווייס איך נישט. אייער אָדער מיין בריעף האָט געקענט פּאַרלוירען ווערען, וואָס עס וואָלט ביי אונז אין רוסלאַנד קיין וואונדער נישט געווען. און ס'קען זיין, גלאַט אויס פוילקייט, באַלד נישט געענטפערט און דערנאָך פערגעסען. מיט אייער בעל־דבר האָב איך נישט און וויל נישט האָבען קיין שום בעציהונג; האָב איך איבערגעגעבען אַנ'אַנדערען ער זאָל מיט איהם רעדען. אויב ס'וועט נישט געענדיגט ווערען וועל איך אייך אויפגעבען אַדוואָקאַטען־אַדרעסען. דערמאָנט מיך אין אַ צוויי וואָכען אַרום מיט אַ קאַרטע.

וואָס אנבעלאַנגט די וואָכענשריפט,* האָב איך נאָך קיין איינלאַדונגס־בלאַקנאַטען פון דרוק נישט באַקומען, און בענוץ מיך מיט דער געלעגענהייט צו בעטען ביי אייך אַרבייט. די נומערן וועלען זיין איינבויגענדיגע, אין פאָרם פון די אַמאָליגע יום־טוב־בלעטלעך, מוזען די זאַכען זיין קליינע. האָנאָראַר ווערט געצאָהלט, אויב נישט רייך, פאַר דאָס פּונקטליך.**

נור זייט נישט בייז, און זאָל אייך דער שוך נישט אַזוי שטאַרק דריקען; דאָצו מוז מען געוואָהנט ווערען.

אייער י״ל פרץ

---

* געמיינט „די יודישע וואָכענשריפט", וואָס פרץ האָט אַרויסגעגעבן אָנהייב 1909. אַרוים בלויז 4 נומערן.

** ביז דאָנען איז דער בריוו ניט געשריבן פון פרצן גופא, נאָר דיקטירט.

174

צו א. ווייטער

[די דריי בריוו פון פּרץ צו א. ווייטער זיינען געשריבן סוף 1908 און אָנהויב 1909 אויף בלאַנקען — „רעדאַקציאָן „יודישע וואָכענשריפט", י. ל. פּרץ, וואַרשוי, צעגלאַנאַ 1". — ווי באַוואוסט, האָט פּרץ אָנהויב 1909 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע די „יודישע וואָכענשריפט", דערשינען בלויז 4 נומערן. דער ערשטער בריוו איז געשריבן אויף אַ פּראָספּעקט פון דער „יוד. וואָכענשריפט". אָנגעהויבן פון די ווערטער „ווי איר ווייסט" ביז „האָנאָראַר וועט צאָלן די רעדאַקציע" איז פון דעם געדרוקטן טעקסט. פּרץ האָט צוגעגעבן פ אַ ר דעם פּראָספּעקט און נ אָ ך דעם פּראָספּעקט עטלעכע געשריבענע שורות.]

(פונעם אָריגינאַל)

ליעבער ווייטער,

איהר זייט מיר נאָך ווייטער געוואָרען, עס וואָלט אַפילו אַ יושר געווען, מיר צו שרייבען, אַז איהר זייט אַריין אין פריינד.* וואָס וואָלט עס אייך געשאַד[ט].

אָבער וואָס געווען איז געווען —

ווי איהר ווייסט שוין פון די צייטונגס־אַנאָנסען, האָב איך איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער „יודישע וואָכענשריפט", וואָס וועט אַרויסגעהן פון 7־טען יאַנואַר (אַלטער סטיל) אין וואַרשוי.

די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע זענען פאָלשטענדיג געטהיילט און אָהן שום בעציהונג צווישען איינער מיט דער צווייטער.

קענענדיג מיין ביזאהעריגע אַרבייט, דאַרפט איהר וועגען דער ריכטונג פון וואָכענשריפט קיין ערקלערונג נישט. איך דאַרף נאָר זאָגען, אַז די הויפּט־געוויכט וועט געלעגט ווערען אויף ליטעראַטור און קונסט.

אָנפאַנגס וועלן אַרויסגעהן נור איינבויגענדיגע נומערן. אויב עס וועט גוט געהן, וועט קומען צו צוויי און צו דריי, און צו אילוסטראַציאָנען.

די זאַכען מוזען דערווייל זיין זעהר קליינע, ווייל המשכים זענען נישט פראַקטיש.

איבערזעצונגען פון קלאַסיש גוטע זאַכען אויס אַנדערע שפּראַכען (אויסער רוסיש און פויליש, וואָס אַ גרויסער % לעזט אינ׳ם אָריגינאַל) זענען זעהר געווינשען, ווי אויך אַרטיקלען און פעליעטאָנען.

האָנאָראַר וועט צאָהלען די רעדאַקציע אַ בעסערן אַלס דער פריינד, און תיכף ומיד, שיקט מיר זאַכען פון 50, 100, — העכסטנס 150 שורות. כ׳בעט אייך, שיקט, ווי אַמשנעלסטען, ווי אַממעהרסטען.

---

* טאָגבלאַט אין פּעטערבורג.

גיט מיר אויך אויף גוטע „פירמען" פון פעטערסבורג. איך לעב אַזוי פעראיינזאַמט, אַז איך האָב קיין איינציגע אַדרעסע נישט.

שמועסט איך דורך פערזענליך וועגען דעם מיט בעקאַנטע.

אָבער איין זאַך זאָלט איהר זיי זאָגען, קיין מיטעל מעסיגע זאַכען, וועל איך נישט דרוקען. גוטע איבערזעצונגען פון אויסלענדישע קלאַסישע קליינע זאַכען — רעכט גערן, — ווי געזאָגט מאַקסימום — 150 שורות די זאַך.

גאָר פאַסענדיגע קען געהן אין 2—3 המשכים, אויב יעדער המשך וועט זיין אינטערעסאַנט אַן און פיר זיך.

זייט געזונד און שטאַרק

אייער י. ל. פרץ



פרץ-בילד, מיט די ווערטער פון „מאָניש"

175

צו א. ווייטער

(פונעם אָריגינאַל)

וואַרשוי, דעם 20/ יאַנואַר [1909]

ליעבער ווייטער

צי איך האָב פון אייך אַ בריעף ערהאַלטען און נישט געענטפערט, געדענק איך נישט. מעגליך איז עס. מן הסתם האָב איך אייך נישט געהאַט, וואָס צו ענפערן. און פילייכט בין איך אין דער היים נישט געווען און דערנאָך, צוריק־געקומען, דעם בריעף נישט געפונען. עס איז אָבער שוין צייט, איהר זאָלט אייך מיין שווייגען צום האַרץ נישט נעמען. גלייבט מיר, אַז ווען איך שווייג, מוז איך שווייגען; איז מיר אַזוי שווער, ווי ווען רעדען וואָלט מען פון דער לעבער גערעדט, אונ דאָס — וועל איך קיינמאָל נישט טהון. אונ טהו איך עס אַ מאָל, אונ ווערט איהר געוואָהר דערפון, זאָגט קדיש נאָך מיר... מיין בעציהונג צו אייך און נאָך אייך צו אייערע קאָלעגען, דאַרף אייך זיין קלאָר. אונ איז עס אייך נישט קלאָר, צווייפעלט איהר, איז נישט מיין שולד; איהר צווייפעלט אין אַלגעמיינעם, און אַ שאָטען־שטראַהל פון אייער אַלגעמיינעם צווייפעל פאַלט אויף דער בעציהונג אויך... שרייבט אונ שיקט, וואָס איר ווילט אונ קענט... איהר האָט קיין „פירמען״? איך האָב געשריעבען צו ברוצקוס און ח. ד. הורוויץ וועגן עקאָנאָמישע אַרטיקל[ען], פערבעטען אויך— אַנסקי צו בעלעטריסטיק, רעדט מיט זיי איבער, זיי קענען מיך נישט אַזוי גוט, ווי איהר, אונ איך וויל קיין מיספערשטענדעניש נישט האָבען. ערקלערט זיי, וואָס איך וויל; איך ווייס, אַז איהר ווייסט עס...

מיר איז צונד שווערער צו שרייבען, ווי געוויינליך... איך רעד צו אייך, ווי פונ אַ שווערען וואָלקען אַרויס. פיהלט איהר איהם נישט.

גענוזט דאָך איינמאָל אַרויס צו אייך מיט אַ וואונק...

אייער י. ל. פרץ

נאָך עפּיס, שוין פּערזענליך־געשעפטליך.

איך דרוק איבער אַלע מיינע זאַכען מיט די „שריפטען״ צוזאַמען. עס וועט זיין איבער 120 בויגען*; דאַכט זיך נאָך אויסער סצענישע זאַכען. פעהלען מיר אָבער טהייל זאַכען. מאַנכע פון זיי זיינען געדרוקט געווען אין

* ס׳האַנדלט זיך דאָ וועגן דער אויסגאַבע פון פּרצעס ווערק, וואָס דער אַמע־ריקאַנער אינטערנאַציאָנאַל־פאַרלאַג האָט פאַרגענומען.

פריינד (פאָלקסטימליך) „ליעבע״ — אין דאָס לעבען.* האָט דינעסאָן וועגען דעם געשריעבען צו פראָפּוס** און געבעטען, ער זאָל די זאַכען, וואָס ער האָט אים פערצייכענט, איבערשרייבען. אייניגע האָבען זיך דערנאָך געפונען, האָט ער איהם געשריעבען וועלכע. אין ביידע בריעף פערזיכערט, אַז די אַרבייט וועט גוט בעלוינט ווערען. פון פראָפּוס איז קיין ענטפער נישטאָ. און די זאַכען זענען נייטיג, זעהר נייטיג. ווערט, בעט איך, געוואָהר, וואָס דאָס בעטייט, און וויל עס פראָפּוס נישט טהון, זעהט מיר עס צו פערזאָרגען דורך וועמען עס איז. כ׳וועל גוט בעלוינען, נור געשווינד.

אייער י. ל. פרץ

176

צו א. ווייטער

(פונעם אָריגינאַל)

ליעבער ווייטער.

אַזוי טאָר נישט זיין. איך שרייב דורכאויס יעדען, און בפרט אייך, דעם אמת. איהר טאָרט מיך נישט חושד זיין מיט אַ „מיין״. ציניש איז דער ווירקליכסטער אויסדרוק פאַר דער זאַך. נישט דעריבער וואָס עס קומט פאַר די איטאַליערין, לויט ווי איר, זעהט אויס, האָט מיך פאַרשטאַנען. ציניש איז דאָס, וואָס אַ מענש פערציילט פון זיך אַ מעשה, לויט וועלכער עס קומט בולט אַרויס, אַז ער האָט זיין חבר גע׳מסרט. דעם איינדרוק און ניט קיין אַנדערן מאַכט די ערצעהלונג. ווענינגסטענס פאַלט אויפן ערצעהלער אַ גרויסער, גראָבער חשד... פון זיך ערצעהלט מען פיהל בעהיטזאַמער... איז אַזאַ מענש, ביי וועלכען אַ חבר פערשווינד, ביי׳ן אַזוינע אַנגעלעגענהייטען לאָזט מען איבער דער שוועל; אַזוינעם גריסט מען נישט, אַזוינעם הערט מען נישט דערצעהלען. אין דער דריטער פערזאָן וועט די זאַך זיין זייער אַ גוטע.

„ווייטער״ בעפרייט מיך פון אייער אונגלויבען, פון אייער „הינטער־מיין״; עס טהוט מיר ווירקליך וועה...

איך שיק אייך די זאַך צוריק צום פעררייכטען, אויב איהר וועט איינ־שטימיג ווערען מיט מיר. אַ׳ביט, שיקט עפּיס אַנדערש.

---

* מאָנאַטלעכער זשורנאַל — אַרויסגעגעבן אין 1905 דורך דער רעדאַקציע „דער פריינד״ אין פעטערבורג.

** י. י. פּראָפּוס — דאַן געאַרבעט אין פעטערבורגער „פריינד״.

איך פון מיין זייט, בעט נאָך אַמאָל דאָס זעלבע (אַנדערע אויך) נור אין דער דריטער פּערזאָן... פון אַנסקין קיין בריעף האָב איך נאָך נישט ערהאַלטען.

די „מאָנאַט־שריפטען" * וואָלט איך זייער גערן איבערגענומען. איך פון מיין זייט גיב 1,000 רובל, גיט שטיצע נאָך צוויי, מיט דריי טויזענד גיב איך אַרויס. אָבער נאָך אַ בעדינג: די יוגענד זאָל העלפען. איך לעג אייך צו אַלס חאַראַקטעריסטיק איינהאַרנס אַ בריוועל. נאַטירליך — קאָנפידענציעל. —

אייער יל"פּ

פּ. ס. עס בעאונרוהיגט מיך איין זאַך, איך קען נישט בעקומען קיין רעפערענט פאַר עקאָנאָמיע, נאַטירליך זוך איך צווישען די ראַדיקאַלע. קענט איהר מיר אין דעם נישט העלפען? פּערזענליך אָדער דורך אַנדערע? פון ניגערן האָב איך קיין וואָרט בעקומען. וואָס בעטייט עס? נאָך עפּיס: איך האָב אַ רובריק — „גלאָסען": קליינע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטליכע בעמערקונגען, אידעען און דאָסגרייכען. העלפט מיט.

177

צו ראָזאַ יאַקובאָוויטש

(פונעם אָריגינאַל)

[די דריי בריוו זיינען געשריבן אָנהויב 1909 אויף די בלאַנקען „רעדאַק־ציאָן יודישע וואָכענשריפט" קיין קאַליש. ר. יאַקובאָוויטש האָט געהאַט געשיקט פאַר דער „וואָכנשריפט" אייניקע זאַכן.]

אייער האַרציגער בריעף האָט מיך זעהר שטאַרק, מוז איך אייך מודה זיין, געריהרט. אויבוואָהל ער איז דורכגעשפּינט מיט אַזוינע שטעכענדיגע ווערטער, ווי גייסטיג לעבען, סטיליסטיקע, קאָנצענטראַציע און דערגלייכען...

לערנט אייך שרייבען צו אַלעם ערשטען — איינפאַך, זעהר איינפאַך.

צווייטענס — אָרטאָגראַפיע. נישט „לעיב", נור „לעב" א. ד. ג.; עס איז זעהר שווער אייך צו לעזען. — שרייבט ריכטיג.

אייער געדיכט איז צוגעשריבען צו'ם בריעף — טהוט עס נישט. אַ געדיכט דאַרף אַמאָל געשיקט ווערען אין דרוק אַריין, אונ אַהין קען מען דעם בריעף נישט שיקען. נישט וואָהר?

* „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען", פּריווע ביהנע פאַר קונסט און ליטעראַטור, דערשינען 4 העפטן אָנהויב 1908 אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון א. ווייטער, ש. ניגער און ש. גאָרעליק.

אין אייער גערדיכט שטעקט עפּיס. ווייניקסטענס אַ פּערצווייפלונגס־מאָמענט פון אַ נשמה. דאָס גערדיכט איז אָבער נאָך נישט קלאָר — וואָס הייסט „געבען דעם לעבען אַ „נחלה״? און איבערהויפּט דאָס אויסמישן העברעאיש מיט׳ן יודישען, נישט אין דיאַלאָג, ווען דאָס „בית המדרש״ רעד[ט], איז זעהר נישט האַרמאָניש. סאָציאַלע לײַדן דרוקען זיך אַנדערש אויס.

פֿילייכט האָט איהר אויסער דעם גערדיכט נאָך עפּיס געשיקט? די מאַנוסקריפּטען (ווי עס פּאַסט פאַר אַ נייער רעדאַקציע) האָבען זיך אויס־געמישט, און, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען, זענען געווען פיעל מאַנוסקריפּטען נישט אונטערגעשריבענע. אויב אַזוי, שיקט איין [אַריין] נאָך אַמאָל. עהנליך צו אייער האַנדשריפּט איז אַ מאַנוסקריפּט „איין אַלטע מויד״, איך וועל׳ם לעזען, אויב איהר וועט אייך צו איהם בעקענען.

אין אַלגעמיינעם זעהט איהר מיר אויס זעהר דענערוויערט. [אויף דעם אָרט איז דער בריוו אָפּגעריסן—נ. מ.]

מיט אַכטונג

י״ל פּרץ

178

צו ראָזאַ יאַקובאָוויטש

(פֿונעם אָריגינאַל)

ליעבע מאַדאַם ראָזאַ.

איך האָב איבערגעלעזען „די אַלטע מויד״ — אין תוך אַריין זעהר אַ גוטע זאַך, אָבער פיל פעהלערען. געוועהנליך ווערט עס פערריכט אין רעדאַקציע, האָט איהר אָבער איין אייגענטליכען נערוועזען סטיל, און די ערטער, וואו די רעדאַקציע וואָלט אייך פערריכט, וואָלטען אויסגעזעהן, ווי לאַטעס. איך שיק אייך דעריבער די זאַך צוריק מיט בעמערקונגען. אין אָריגינאַל זענען די פעהלערהאַפטע שטעלען נומעריערט, און לויט די נומערען וועט איהר די פאָלגענדע בעמערקונגען האָבען צו יעדער שטעלע.

1) „די אַלט מויד״ — אַ קאָמישער נאָמען, צו איין ערנסטער זאַך. עס דאַרף זיין: „די פאַריקמאַכערין״. און עס געהט נישט אין עלטער. אַ האַרץ שטאַרבט אַמאָל יונגערהייט. — 2) [נישט לייענבאַר]. 3) קיין בעצייכענונג. וואָס איז עס געווען? 4) מיט וואָס איז עס שען און גליקליך געווען? איהר האָט געוויס געוואָלט זאָגען, אַז איהרס יוגענדליכע יאָהרען קומען אייך יעצט פאָר, ווי אַ שענער גליקליכער חלום. קאָן מען אַזוי שרייבען. אַ׳ניט — אויפן וואָרט גלויבט מען נישט. אַז דעם עלטערען מענש קומט די יוגענד פאָר שען

און גליקליך איז נאַטירליך, דאָס דאַרף קיין אילוסטראַציע נישט. אָבער אַז איהר זאָגט עס פון זיך, מוזט איהר מאָהלען, נישט פערזיכערען. פאַקטען: פאַר וואָס שען און גליקליך". 5) סטיעל פאַר אַ געלעהרט-פסיכאָלאָגישע אָב-האַנדלונג, אין דער צייט פיהלט מען ווירקליך אַזוי, אָבער נישט אין דער פאָרם. אַזוי ווערט עס פערטייטשט. אָבער דער דיכטער האָט צוטהון נור מיט דער פאָרם פון געפיהל, נישט מיט פירושים דערויף. און די בעפעלהאַפטע בענקשאַפט פון אַ יונג-מיידעל אויף דער שוועל פון געשלעכטס-ענטוויקלונג דאַרף מאָלעריש, נישט קלוג געשריעבען ווערען. טראַכט די שטעלע איבער, שרייבט זי אויף איינפאַכער נור טיעפער.. 6) אַ שלעכטע בעצייכנונג. מיינט איהר זאָרגפעלטיג? 7) די שוועסטער מיט עפילעפסיע איז איין איבריגע זאַך, און וואָס איבריג — שטערט. בפרט עפילעפסיע, וואָס ציהט אָב, מיט איהר אונגעוועהנליכקייט און געהיימקייט דעם לעזער פון דער זאַך, זיין געדאַנק וויל אַוועק אין אַ זייט. נאַטירליך וועט איהר איהם צוריקשלעפען צו אייער ער-צעהלונג, אָבער דער לעזער דאַרף נישט געשלעפט ווערען. וועניג יונגע קינדער, וואָס דאַרפען ערצויגען, ערנעהרט ווערען? 8) ריכטיג, נור נישט קלאָר, זי זעהט, אַז דאָס הויז פאַלט און פאַלט אויף איהרע אַקסעל, און די זעגען שוואַך, זי וועט דאַרפען פאַר אַלע טראַכטען, פאַר אַלע טהון — אָבער זי האָט נישט די מעגליכקייט צו העלפען, זי האָט נישט די מעגליכקייט צו אַרבייטען, צו פערדיענען א. ד. ג., און קלאָר מוז עס, און בילדליך געזאָגט ווערען... 9) עקסטראַקט איז אויסצוג, איר מיינט די סומא?! און איבער-הויפט די געלעהרטע ווערטער זענען דיסהאַרמאָניש אין אַ געוועגליך בילד. דאָס זעלבע: „פאַרזיכטיג און קאָרעקט", דאָס געהער צו'ן אַ גאַנצן אַנדערן טאָן. און אַזוי איז דאָס גאַנצע, ווייטער אין טעקסט אונטערגעשטראכטע — דייטשמעריש... נישט פאַסענד.

איך וועל ווייטער נישט צייכענען. איהר וועט דאָס ווייטערע, וואָס האָט אויך די זעלבע פעהלער אַליין שוין קאָרעגירען. איך מוז אייך אָבער נאָך אָנווייזען אויף אַ שטעלע, וואָס איז די וויכטיגסטע און די בעסטע אין דעם בילד, און דאָך נישט קלאָר אַרויס, ווייל דאָ גראָד איז צו ענג אין ווערטער. איך מיין דאָס קאָליערט אונטערגעשטראכטע אויף דער לעצטער זייט.

אַ פּאָר אַלגעמיינע רעגעל.

1) שרייבט נור אויף איין זייט.
2) לאָזט איבער מאַרגינעסען אויף באַמערקונגען.
3) לערנט אייך שרייבען אָרטאָגראַפיש.
4) לערנט אייך בענוצען די שרייבער-צייכען. (צו שווער פיר'אַ פרוי?)
5) שיט נישט מיט זאַכען אויס'ן אַרבעל... בעאַרבייט זיי...

אום צו פערבעסערען דעם סטיעל, בעשעפטיגט אייך מיט איבערזעצונגען פון דייטשע קלאַסישע זאַכען, אונ שיקט זיי מיר איין...

איהר זעהט — אַזוי פיעל פעהלער! און דאָך גלויב איך, אַז פון אייך וועט עפּעס אַרויס. עס איז אַ שאָד, וואָס שריפטליך איז שווער צו ערקלערען.

מיט אַכטונג

י. ל. פּרץ

179

צו ראָזאַ יאַקובאָוויטש

(פונעם אָריגינאַל)

ליעבע מאַדאַם ראָזאַ.

אוה, ווי נערוועז איהר זייט. ווייטער אַ בריף, אונ ווייטער אַ נערוועזער. איך האָב, גאָט בעהיט, גאָר נישט קעגען אייער אָפּט שרייבען, גלויבט מיר, אַז אייערע בריעף קענען זיין זעהר אנגענעהם... אָבער—צו פיעל נערוועזיטעט. וואָס אַמבעלאַנגט דעם געדיכט:

1) לערנט אייך פערז־מאָס...

2) שרייבט מוזיקאַלישער...

3) בילדער נישט בעטראַכטונגען: די צייטען פון דער אַלטער פילאָזאָפישער פּאָעזיע זענען דערווייל פאַראיבער. אונ אייערע בעטראַכטונגען זענען נישט אַזוי טיעף... איינפאַך — פּובליציסטיש.

זייט מיר מוחל, וואָס איך שרייב אייך די פעהלער איינפאַך און פון האַרץ אַרויס. ערשטענס שטעקט עס שוין אין מיין נאַטור; צווייטענס, גלויב איך, אַז אין אייער [געדיכט?] איז עפּיס פערהאַן, אונ ווער האָט נור עפּיס אין זיך, וויל נור דעם רייגעם אמת...

כ׳בין נייגעריג צו זעהען אייך. קענט איר נישט איינשיקען אייער פאָטאָגראַפיע. —

זייט געזונד אונ שטאַרק, אונ שרייבט.

אייער י. ל. פּרץ

180

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

מיליאַנאָוועק,* 21/6, 1909.

ליעבער דינעסאָן,

דיין בריעף האָב איך ערהאַלטען, די בייגעלעגטע בריעף פון פרעמדע אונ אויסשניטען פון צייטונגען — געלעזען און, נאַטירליך, דערפון קיין גרויס נחת נישט געהאַט.

איך האָב געוואָלט זיין אין אַמעריקא, אויסצופיהרען מיין אַלטען פראָיעקט, צו שטאַנד צו ברענגען איין אַלגעמיין יודישע אויסגאַבע, נאַטירליך — אַ קינסטלעריש-ליטעראַרישע פאַר דער גאַנצער יודישע וועלט, פעסטצושטעלען דריי הויפּט-פונקטען פאַר רעדאַקציע אונ דרוק: וואַרשוי, לאָנדאָן אונ ניו-יאָרק מיט צייטווייליגע קאָמיסיאָנערען פאַר רומעניען אונ גאַליציען.

עס איז מיר נישט איינגעפאַלען איבערצוגעבען זיך אָדער די זאַך די אָדער יענע פאַרטיי, דעם אָדער יענעם ליטעראַרישען קלייזעל: איך שעם זיך נישט מיט כלל-ישראל-אַרבייט ביי מיין גאַנצער סימפּאַטיע פאַר ראַדיקאַלע קרייזען.

נישט זייענדיק אימשטאַנד צו פאָהרען אויף מיינע הוצאות, האָב איך גערעכענט אויף איינקינפטע פון פאָרלעזונגען.

אַש האָט געוואָלט מיטפאָהרען, מהיכא תיתא. ער האָט זיך אונטערגענומען בריעף צו שרייבען, האָב איך דאַגעגען גאָר נישט געהאַט. וועמען ער האָט געשריבען און וועמען נישט, ווייס איך נישט.

די ליטעראַריש-אַמעריקאַנישע אָנגעלעגענהייטען זענען מיר נישט בע-קאַנט. מאַכען זיך אינטריגען, ווי דו זאָגסט, וועל איך בעסער נישט פאָהרען, אויסער אַז [עס] וועט אויפגעקלערט און אויסגעלייטערט ווערען דער ציעל פון פאָהרען, און עס וועט נישט אַרויסקומען דערפון קיין אומאַנגענעמליכקייטען.

מעהר צו זאָגען האָב איך דיר נישט, אונ איך בעט דיך, די זאַך אויס-צופאָרשען און מיר מודיע זיין, ווי אַמשנעלסטען. —

אין דאָרף איז זעהר גוט; הלואי וויטער.

דיין י״ל פרץ

* אַ זומער-פּלאַץ ביי וואַרשע.

181

צו יעקב דינעזאָן

[דער בריוו צו י. דינעזאָן, איז געשריבן אין דעמזעלבן טאָג און פון דעמזעלבן אינהאַלט, ווי דער פריערדיקער בריוו. זייזט אויס: פרץ איז נישט געווען זיכער, צי דער בריוו איז אָפּגעשיקט געוואָרן צו דינעזאָנען, האָט ער אָנגעשריבן אַ צווייטן בריוו.]

(פונעם אָריגינאַל)

מיליאַנאָוועק, 21 יוני, 1909.

ליעבער דינעסאָן.

דיין בריעף האָב איך ערהאַלטען, די ביילאַגען פון אַמעריקאַנער בריעף אונ אויסשניטען פון ניו־יאָרקער צייטונגען האָב איך געלעזען, אונ, פערשטעהט זיך, דערפון קיין גרויס נחת נישט געהאַט.

איך האָב גערעכענט אַראָפּצוחאַפּען זיך קיין אַמעריקאַ, אויסצופיהרען מיין אַלטען פּראָיעקט, פון וועלכען איך האָב אין ציערנאָוויץ אַזוי פיעל גע־רעדט, נעמליך צו גרינדען איין אַלגעמיין יודישע אויסגאַבע פאַר אַלע יודישע גערנוויליגע און נישטגערנוויליגע געטהאס, די יודישע שרייבער זאָלען אויפ־הערען צו זיין יודיש פוילישע, יודישע רוסישע, יודישע רומענישע, יודיש גאַליצישע אונ אַנדערלענדישע שרייבער. אונ אונפּאַרטייאיש זאָל די אויסגאַבע זיין, נור ליטעראַטור אונ קונסט געווידמעט.

נישט האָבענדיג די מעגליכקייט צו פאָהרען אויף אייגענע הוצאות, האָב איך גערעכענט אויסצושלאָגען זיך די הוצאות דורך פאָרלעזונגען. אַש האָט בייגעשטימט מיטצופאָהרען, אונטערגענומען זיך בריעף שרייבען, איך האָב בעשטאַנען. די אַמעריקאַנישע אָנגעלעגענהייטען זענען מיר נישט בעקאַנט... איבערגעבען די זאַך אַ פּאַרטיי אָדער זיך אַליין אַ ליטעראַריש קרייזעל, איז מיר נישט איינגעפאַלען. אַשן געוויס אויך נישט. מיט מיין גאַנצער סימפּאַטיע צו ראַדיקאַלע קרייזען, שעם איך מיך נישט מיט כלל ישראל אונ אַרבייטען פאַר כל ישראל... און כל זמן דאָס וועט נישט ערקלערט ווערען אונ אויס־געלייטערט ווערען פאַר אַלע, עס זאָל דערינען קיין שום ספק נישט זיין, איז גלייכער נישט צו פאָהרען.

זיצענדיג אין דאָרף, איז מיר אונמעגליך אַלץ צו ערפאָרשען; טהו עס דו, און שרייב מיר, ווי די זאַך שטעהט.

אַמבעסטען וואָלט געווען, אויב עס וועט האַלטען ביים פאָהרען, דו זאָלסט מיטפאָהרען. פריינד אין אַמעריקאַ וועלען דיר נישט פעהלען.

אין דאָרף איז זעהר גוט... הלואי ווייטער.

דיין י"ל פרץ

182

צו ש. ניגער

[דער בריוו איז געשריבן אָנהויב 1909.]

(פון אַ קאָפּיע)

ליבער ניגער.

אייער אַרטיקל * איז אויסגעצייכנט, ער האָט נור איין פעהלער: דער בריף אין עקסטענזאָ ** דאַרף זיין אין אַ בעמערקונג. אינם טעקסט — נאָר דער קורצער אינהאַלט. איז אַזוי וועל איך טון, אויב איר וועט ניט פּראָטעסטירען, איך רעכען עס שוין אַריין אינ'ם 5־טען ביכעל.

אייער יל"פּ

183

צו ש. ניגער

[די עטלעכע בריוו צו ש. ניגער זענען געשריבן אין 1909—1910. פּרץ האָט דאַן געגרייט צום דרוק דאָס זאַמלבוך „יודיש", וואָס איז אַרויס אין וואַרשע 1910.]

(פון אַ קאָפּיע)

ליעבער ה' ניגער,

איך האָב ערשט בעקומען אייער אַדרעס און איך בעט אייך, — איך גיב אַרויס אַ זאַמלבוך פון 20 בויגן — אום דאָס אַרטיקל איבער ביאַליקן. עס וואָלט זעהר וויכטיג געוועזען פאַר'ן בוך, פאַר'ן עולם און בכלל פאַר גאָט און לייט. ענטפערט, צי איר וועט עס טהון.

צייט 3—4 וואָכן, וואָס געשווינדער, איז בעסער.

אייער י. ל. פּרץ

---

* „די געשיכטע פון אַ נאָמען", געשריבן פאַר דער „יודישער וואָכענשריפט".

** אַ בריוו צו מענדעלסאָן-באַרטאָלדי, וועגן וועמען עס רעדט זיך אין דעם אַרטיקל.

184

צו ש. ניגער

(פון אַ קאָפּיע)

ליעבער ניגער

פרייט מיך זייער. זאָל זיין אַפילו $1\frac{1}{2}$ בויגען, נאָר — אויף זיכער! וואָרען, פערפיהרט איר מיך, פערפיהרט [איר] דעם כלל ישראל.

אייער פרץ

185

צו ש. ניגער

(פון אַ קאָפּיע)

ליעבער ה׳ ניגער

אייער אַרטיקל האָב איך ערשט יעצט געקאָנט דורכלעזען. כ׳בין געווען זעהר פערנומען. צינד האָב איך געמוזט, ווייל דער הערויסגעבער געהט שוין דרוקען. דאָס אַרטיקל אייער איז ווירקליך פּראַגמענטאַליש. נור — פערפאַלען, איך דרוק עס אַזוי. — פאַרן יודישן לעזער וואָלט פיל בעסער געווען אַ לעבענס־בילד פון ביאַליקן; דאָס איז אָבער אייער זאַך.

אַרויסגעהן וועט דאָס זאַמעלבוך ערשטן אויף סוכות.

פון מיר איז אַרויסגעגאַנגען: 1) פאָלקסטימליכע, 2) אין פּאָליש אויף דער קייט און 3) די גאָלדענע קייט. אויפדערוואָך געהט אַרויס 4) די צייט, וועל איך אייך אַלץ צוזאַמען שיקן. —

אייער ל. פרץ

186

צו ש. ניגער

(פון אַ קאָפּיע)

ליעבער ניגער,

דער אַלמאַנאַך דרוקט זיך ערשט און איך קום ערשט צו פאָהרען... קומענדיג פון אויסלאַנד האָב איך געפונען אייער זאַך פאַרן אַלמאַנאַך אָב־געדרוקט רוסיש אין פעטערבורג און יודיש אין אַמעריקאַ... גאָט איז מיט אייך אונ זאָל ער בלייבן ביי אייך, נור פאַרן אַלמאַנאַך שיקט עפּיס אַנדערש. געלד וועט איהר זאָפאָרט בעקומען נאַטירליך נישט זעהר פיעל...

אייער י״ל פרץ

187

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

מאַריענבאַד 11/8, 1909.

הכלל, מען האָט גערופען קיין ניו־יאָרק, געצויגען האָט קיין פּאַלעסטינאַ, געזאָלט האָב איך פאָהרען איבערן ים און זיך — אַזוי האָט ד״ר מינץ געוואָלט — אין מאַריענבאַד און דאָך — נישט אין מאַריענבאַד — איך וואהן אונטער מאַריענבאַד — ד׳ אַדרעסע, נאַטירליך אויף גוטע בשורות: מאַריענבאַד, שלאָס (!!!) וואַלדפרידען. געווען שוין ביים דאָקטאָר, טרינק שוין וואַסער, נעם בעדער און זיי געזונד. ד'וועל דיר אין קורצען שרייבען. זיי עפּעס מודיע און, גייט אַרויס עפּעס נייס, שיק מיר איין.

דיין יל״פ

העלענע האָט נישט קיין צייט. — זי וועט דיר שרייבען איין אַנדערט מאָל. —

188

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

מאַריענבאַד 15/8, 1909.

I. L. Perec

[ס'זיינען דאָ נאָך אַ ריי אונטערשריפטן פון קור-געסט.]

189

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

מאַריענבאַד 23/8, 1909.

ליעבער ר׳ יעקב,

איך האָב פערלוירען אַ מאַסע פלייש און רעכען אין דער דריטער וואָך נאָך אַ ביסל צו פערליערן. וואו אַהין איך וועל ווייטער פאָהרען, ווייס איך נישט. אַז איך וועל וויסען, וועל איך דיר מודיע זיין. שיק הירשקאַנען* 25 רובל און אַ הערצליכען גרוס פאַר איהם און פאַר ווייטערן. וואו איז דאָס

* צבי הירשקאַן, משמעות, אויפן חשבון פון זיין דערציילונג „צוויי וועלטן", וואָס איז דערנאָך געדרוקט געווען אין זאַמלבוך „יודיש".

באַנד דראַמען *? גריס לידסקין. דיין בריעף וועגען דער פריינטשאַפט מיט לוציאַנען ** האָט מיך דערפריידט.

דיין יל"פ

העלענע וואַשט נאַזטיכלעך און גריסט דיך מיט נאַסע הענד. —

190

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

מאַריענבאַד 30/8, 1909.

דינעסאָן,

געוואַלט! עס וועט מיר פעהלען געלד. לערך 100־150 רובל. לכל הפחות 100. מוזט מיר דאָס געלט גרייט האַלטען און אַרויסשיקען לויט אַדרעסע; וואָס איך וועל דיר אָנשרייבען. זאָנטאָג, ד. ה. מאָרגען אום 12 אוהר מיטאָג געהטס נאָך מאַנאַכיום (מינכען).

דיין י"ל פרץ

191

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[מאַריענבאַד, אויגוסט 1909.]

ביים פרייליכען מיטאָג אין קאַפּערסטאַראַן וועלינגטאָן.

אויף דער צווייטער זייט איז פּרצעס אַ בילד מיט אַזאַ אונטערשריפט:

אפשר געבען די פאָטאָגראַפיע צום באַנד לידער? אויב יאָ, גיב זי איבער לידסקין, ווייל איך האָב שוין קיין אַנדערע.

דיין י. ל. פ.

[אונטערגעשריבן: העלענע פּרץ, י. ל. פּרץ, נתן נטע סאַמועלי,*** ד"ר יאַקאָב האָראָוויץ, קוללא גאָסענדאָל (אויף גריביש), לילי האָראָוויץ, אָטטאָ ראָזענטאָל.]

---

* אין 1909 איז אין פאַרלאַג „פּראָגרעס" אַרויס אַ דיקער באַנד „דראַמען" פון י. ל. פּרץ, וואו ס'זיינען אַריין: אַמאָל איז געווען אַ מלך, וואָס אין פידעלע שטעקט, שוועסטער, גאָלדענע קייט, אין פּאָליש אויף דער קייט, ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק. — די שער־בלעטער זיינען פאַרביק, געצייכנט דורך ב. קראַטקאָ.

** פּרצעס זון, ער איז דאַן אַלט געווען אַ 38 יאָר.

*** נתן נטע סאַמועלי (1846—1921), אַ העברעיאישער שריפטשטעלער.

192

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

מעראַן 4/9, 1909.

ליעבער יענקל, געלד ערהאַלטען: דאַנקען אין וואַרשוי. ווי איך קום קיין מעראַן? עס ליגט אויפן וועג, וואָס ד״ר מינץ האָט געצייכענט. אָבער אויס־פיהרען די ראטה וועל איך נישט. איך וואָלט געברויכט דאַצו נאָך פיעל געלד. איין אַנדערש מאָל. איך זיץ אין מעראַן נאָך אַ פּאָר טעג און געה צוריק איבער וויען, מיט אָבהאַלטען אין אינסברוק און זאַלבערג. דעם אַמערי־קאַנישען בריעף האָב איך נישט ערהאַלטען. פערפאַלען. שרייב זיי אין מיין נאָמען, אַז איך פיהל מיך זעהר בעעהרט מיט דעם פאָרשלאַג,* אַז איך שעץ מיך גליקליך דערמיט און איך דאַנק זיי זעהר פאַרן כבוד. צי איז לוציאַן שוין צוריק געקומען פון מאָסקווי? איך פרעג, אויבוואָהל איך קען שוין קיין ענטפער נישט בעקומען. די זעקס איבעריגע ווערטער אין דער דעפּעשע זיי מיר מוחל, אָדער פערשרייב אויף מיין חשבון. איינדריקע אָהן אַ שעור. אין וואַרשע וועל איך זיי דיר אויסשיטען, ווי פון אַ זאַק. —

דיין יל״פּ

193

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

ביאַליסטאָק, 27 דעצעמבער, 1909.

[דאָס קאַרטל איז געשריבן אויף אַ באַנקעט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין ביאַליסטאָק לכבוד פּרצן, מכתמא נאָך זיינער אַ פאָרלעזונג: אויף דעם קאַרטל זיינען אונטערגעשריבן פריינט און פאַרערער פון י. ל. פּרץ. צווישן אַנדערע: פּ. קאַפּלאַן, א״צ ליבטופסקי, מ. שיבה און אַנד.]

י. ל. פּרץ

---

* פּרץ האָט דאַן געהאַט אַ פאָרשלאַג צו קומען קיין אַמעריקע.

194

צו י. י. טרונק

(פונעם אָריגינאַל)

[מאַריענבאַד, אויגוסט 1909.]

ליעבער טרונק,

די דאָקטוירים האָבן מיך פאַרשיקט נאָך מאַריענבאַד. איך בין דאָ אַ וואָך. נאָך צוויי בלייב איך דאָ, דערנאָך, ווייסט איין גאָט. מיין אַדרעס: וואַלד־פרידען, מאַריענבאַד.

י. ל. פרץ

195

צו י. י. טרונק

[מאַריענבאַד, אויגוסט 1909.]

ליעבער טרונק,

אייער בריעף פרייד[ט] מיך זעהר: איהר זאָפט לעבען, ווי אַ שוואָם. — מיין קוראַציע געהט גוט. ד׳האָב שוין אַ גרויס שטיק עולם הזה פון זיך אַראָב פערלוירען. נאָך אַ וואָך און נאָך אַ שטיק לייב אַראָב. עס קען נאָך זיין, אַז איך וועל קומען קיין שעוועניגנען. שרייבט נאָר באַלד, ווי טהייער דאָרט איז דאָס לעבען. מיין פלונית׳טע גריסט אייך מיט נאָסע הענד: זי וואָשט נאָך־טיכליך.

אייער יל״פ

196

צו י. י. טרונק

[פאָסטשטעמפּל פון ווייטערדיקן קאַרטל — וואַרשע, דעם 20טן יולי 1910. דעם 30טן יולי איז פרץ געווען אין דובעלן, וואו ער האָט אין דעם דאָרטיקן קורהויז געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער ליטעראַטור. טרונק איז דאַן געווען אין סט. מאָריץ, שווייץ.]

ליעבער טרונק,

ביי מיר האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט. איך קען אַהין נישט קומען. איך פאָהר אַרויס אין 10—8 טעג אַרום, נור אַקוראַט וואו אַהין, ווייס איך נאָך נישט. — איך האָב אַ גרויס געשעפט געמאַכט, נור שרייבן דערפון לוינט נישט... גור געלד וועט זיין. זייט געזונד.

אייער יל״פ

197

צו י. י. טרונק

(פונעם אָריגינאַל)

טאַראַסס, יולי 1912.

ליעבער טרונק,

איך בין אין טאַראַספּ. האָב דערווייל קיין וואָהנונג נישט בעקומען. איך וואָהן דערווייל אויסער'ן באָד, זעהר ווייט, אָבער זעהר שען, זעלטען שעהן. קעגען איבער דעם פּאַלאַץ, וואָס איהר זעהט אויף דער קאַרטע. ביי'ן אַ זעע. פּאָר שניי־בערג. מיט פענסטער אויף דעם אַלעם. איך וואָלט דאָ געבליבען; מיין ווייב וויל נישט. פון מיטוואָך, דאַכט זיך, וועל איך האָבען אַ צימער אונטען. מעהר קיין נייעס. בלייבט געזונד. גריסט ועמען איר ווילט. —

י. ל. פרץ

198

צו י. י. טרונק

(פונעם אָריגינאַל)

[1912].

אין דער פרי נישט געהאַט קיין אַדרעסע; יעצט שוין:
טאַראַספּ שולס, ווילאַ אַ פּאַרטאַ.

יל"פּ

199

צו י. י. טרונק

(פונעם אָריגינאַל)

[1912].

קומט מיטוואָך, קומט דאָנערשטאָג, אַפילו פרייטאָג. דאָ איז אַזוי שעהן, מיר לויפען אַרום. נור טעלעגראַפירט דאָס אַרויספאָהרען. —

אייער יל"פּ

200

צו י. י. טרונק

(פונעם אָריגינאַל)

[1912].

[געשריבן אויף אַ פּאָסט-קאַרטל מיט פרצעס פּאָרטרעט, אויסגאָבע חברת לבנון".]

ליעבער טרונק, ערשטענס שיק איך אייך מיין ניי פרצוף. צווייטענס — גליסט זיך אונז נישט צו בייטען שופרות אויף... איהר ווייסט שוין וואָס... עס

איז אַ צו שלעכט וועטער... [מיר] ווילען בלייבען דאָ ביז מיטוואָך(קינפטיגען) און אַזוי ווי איהר ווילט דאָך זיין אַ ביסל מיט אונז צוזאַמען, איז אַמבעסטען, איהר זאָלט נאָך אַמאָל קומען צו אונז, וועל׳מיר צוזאַמען מאַכען אַ פּאָר אויס־פליגע (וואו איהר [וועט] וועלען) אונ צוזאַמען אַהיים פאָהרען. געלד וועט אייך נישט פעהלען, מיר זענ׳מיר אימשטאַנד אייך אויסצוהאַלטען! צימער איז היינט אין אַ פאָעטא פערהאַן. אויב עס איז מעגליך, טהוט אַזוי און זייט פריהער מודיע. וועט איהר זיין אַ ליעבער גאַסט. —

יל״פ

201

צו י. י. טרונק

(פונעם אָריגינאַל)

[1912].

ליעבער טרונק,

מיר בלייבען נאָך, ווייניגסטענס, אַ וואָך, צוליעב די בעדער. דערנאָך — ס״ט מאַריץ. יעצט — אַ פראַגע. צי וואָלט איהר געקענט מיטנעמען פּאָר דינע־סאָנען 6 העמדער? מיר האָבען צופיעל וועש. — ענפערט באַלד.

אייער

יל״פ

202

צו י. י. טרונק

(פונעם אָריגינאַל)

[1912].

ליעבער טרונק. ערשטענס — אַ דאַנק פאַר מיטנעמען די העמדער. צווייטענס: וואָס פאַר אַ וועטער איז אין ס״ט מאַריץ? דאָ, לא עליכם, רעגענט מאוס. מיר רעכענען אַרויסצופאָהרען זונטיג אָדער מאָנטיג. מיר וועל׳מיר אייך שרייבען אָדער טעלעגראַפּירען. אפשר וואָלט געווען אַ פּראָיעקט אַריינ־צופאָהרען קיין פּאָנטראַזינא? שרייבט אויספיהרליכער, וואָס אין ס״ט מאַריץ טהוט זיך. דאָ, אַז מען זיצט אַ טאָג אין שטוב, ווערט נישט גוט.

אפשר גאָר קיין מאָנטרע?

אייער יל״פ

203

צו י. י. טרונק

(פונעם אָריגינאַל)

[צושריפט פון פּרצן צו לוציאַן פּרצעס בריוו פון 23טן אָקטאָבער 1910, פון וואַרשע קיין לאָדזש.]

ליעבער טרונק,

אייער ביכעל הייבט זיך ערשט אָן דריקען נאָך יו״ט. עס איז קיין פּרייע דרוק נישט געווען.

אייער יל״פּ

דינעסאָן גריסט; ער מאַכט פּאַפּיראָסען. —

204

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[געשריבן אויף אַ קאַרטל. אויף דער צווייטער זייט — אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון י. ל. פּרץ. אין דובעלענער קורהויז האָט פּרץ געהאַלטן דאָז זייער אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן דער יידישער ליטעראַטור. די פאָטאָגראַפיע איז געגעבן אויף זייט 298. די רעדע איז פאַרעפנטלעכט ווייטער צווישן די רעדעס.]

דובעלן, 30 יולי, 1910.

אַזוי זעה איך דאָ אויס פאַר דער לעקציע. וואָס דערנאָך וועט זיין, ווייסט שרה בת טובים.

י. ל. פּ.

205

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

דובעלן, 4 אויגוסט, 1910.

ליעבער ר׳ יענקל

זיי אַזוי גוט און הייס לידסקי׳ן,* ער זאָל דורכאויס אויף דער שטעל אַרויסשיקען פאַר נאַכנאַמע מיינע 4 בענדער און בענדלעך יודיש, לויט אַדרעסע: „ג. ד. גינדינו, ריגאַ, — דליאַ ראַזי (גינדין)“. וועסט טהון אַ גרויסע מצוה. איך בעט דיך זעהר זאָלסט אַליין זעהען, מען זאָל אין דיין געגענוואַרט אַוועקשיקען. — שבת פאַהר איך מיט׳ן ים קיין שטעטין, פון דאָרט קיין קיסינגען.

דיין יל״פּ

---

* יעקב לידסקי, דער אַרויסגעבער פון פּרצעס ווערק, פאַרלאַג „פּראָגרעס“.



י. ל. פרץ אין די יאָרן 1908—1910
אונטן לינקס — באַרעליעף פון ב. קראַטקאַ

206

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

קיסינגען, 13 סעפּטעמבער, 1910.

איינִיגע בריעף זענען פערלוירען געגאַנגען. מאָרגען, פרייטאָג, פאָהרען מיר אַרויס קיין בערלין. זונטאָג ביינאַכט קומען מיר קיין וואַרשוי.

זיי געזונד

י. ל. פרץ *

207

צו דער פאַרזאַמלונג וועגן „בוך פון פייער"

(פונעם אָריגינאַל)

[אין 1910 האָט שלום-עליכם פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו די יידישע שרייבער, זעצער און פאַרלעגער וועגן אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך לטובת די יידן, וואָס האָבן דאַן געליטן פון די גרויסע שׂרפות אין פאַרשיידענע יידישע שטעט. — אין וואַרשעווער „הזמיר" איז דאַן צונויפגערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון שרייבער און כלל-טוער וועגן דעם פאָרשלאַג. אויף דער איינלאַדונג צו קומען אויף דער באַראַטונג, האָט י. ל. פרץ צוגעשיקט פאָלגנדיקע דערקלערונג. — דער בריוו איז אונדז איבערגעגעבן דורך נח פּרילוצקי, דער פאָרזיצער פון יענער פאַרזאַמלונג. — פּרץ האָט וועגן דעמזעלבן ענין אָפּגעדרוקט דאַן אַן אַרטיקל אין „פריינד". זע פּרצעס ווערק, „ליטעראַטור און לעבן", ז' 284.]

אַן דער פערזאַמלונג וועגען „בוך פון פייער".

אין דער פראַגע זענען ביז אַהער געטהוען געוואָרען נישט זעהר פּאַסענדיגע זאַכען.

דער ליעבער שלום-עליכם האָט נישט געדאַרפט אַרויסצוטרעטען מיט איין עפענטליכען אויפרוף, נור פריהער זיך פערשטענדיגען מיט חברים.

די, ביי וועלכע די זאַך האָט בעקומען איין אַבקלאַנג, האָבען געברויכט די איינלאַדונגען אונטערצושרייבען. דער איינגעלאַדענער דאַרף וויסן, פון וועמען עס בעגעגענט אים דער כבוד, ער דאַרף אויך וויסן מיט וועמען ער וועט דעם

---

* צום בריוו האָבן צוגעשריבן נחמה (העלענע) פּרץ, אברהם פּאָדלישעווסקי א. אַ.

כבוד טהיילען, און דעריבער האָט יעדער איינגעלאַדענער געדאַרפט בעקומען אַ ליסטע פון אַלע איינגעלאַדענע.

אונזער ליטעראַטור, בפרט די זשורנאַליסטיק, זענען אָבער נאָך צו יונג און דעריבער — אָהן טראַדיציאָנעלע פאָרמען, וואָרין [וואָס?] ווערען ערגעץ אַנדערש שטרענג געהיטען. און דעריבער, ווען נישט אַ שטערונג, וואָס איז נישט אָבהענגיג פון מיר, וואָלט איך צו דער פערזאַמלונג געקומען.

נישט קענענדיק קומען, ערלויב איך מיר מיטצוטהיילען מיין מיינונג דער פערזאַמלונג צום בעטראַכטען.

1) ווען שלום־עליכם בעראָט זיך פריהער, וואָלט איך (און אַנדערע אויך) איהם געראָטען, ער זאָל דעם פאָרשלאָג נישט פערעפנטליכען. הילף פאַר נשרפים מוז זיין אַ ראַשע, מאָמענטאַלע, זאַמעל־ביכער מוזען געזאַמעלט ווערען לאַנגזאַם, זעהר לאַנגזאַם, אויב מען וויל דאָס זאַמעלבוך זאָל עטוואָס זיין.

2) דאָ אָבער די זאַך איז שוין געשעהן. פערבינד אונס די סאָלידאַריטעט מיט'ן חבר שלום־עליכם, און די זאַך דאַרף אויסגעפירט ווערען.

3) אָבער, כדי די זאַך זאָל קאָנען אויסגעפיהרט ווערען ווי אַמבעסטען און ווי אַמגעשווינדסטען, וואָלט איך געראָטען, מען זאָל אַרויסגעבען אַ זאַמעל־בוך פון אַלטע, נישט פון נייע זאַכען. נישט יעדערער, וואָס וואָלט גערן עפּעס געטהון פאַר די נשרפים, האָט נייע זאַכען גרייט; נישט אַלע וואָס האָבען גרייטע זאַכען, קענען זיי געבען — עס קען זיין אַ צו גרויסע נדבה, פון אייגענעם מויל אָוועקגעריסען. און די זאַכען, וואָס וועלען געשריבען ווערען עקסטראָ צוליעב דעם בוך, אויסגעטראַכט און אויפגעשריבען — די זאַכען וועלען אין 90% נישט טויגען...

און די „רעדאַקציע"?

ווער וועט זי וועהלען? ווער וועט וועלען געוועהלט ווערען? ווער וועט נעמען אויף זיך דאָס אָבוואַרפען אַ נדבה? — איך וואָלט נישט געוועהלט און די וואַהל נישט אָנגענומען. פאַר זיך רעדיגירען, לויט זיין פאַרשטאַנד און געשמאַק, האָט יעדערער דאָס רעכט. על חשבון הנשרפים — שווערליך. —

און האָט עמיץ קיין נייע זאַך נישט, טאָר ער דעם נשרף נישט העלפען?

4) איך רעכען דעריבער פאַר נייטיג:

א) אַ קאָמיטעט פון איניגע ליטעראַטען זאָל אויסשטעלען אַ ליסטע פון שריפטשטעלער יודישע ווי העברעאישע, ווי אויך (שוין מיט דער הילף פון קינסטלער) אַ קינסטלער־ליסטע.

ב) די ליסטע זאָל איבערגעגעבען ווערען אַ קאָמיטעט פון פערמעגליך פעראַנטוואָרטליכע כלל־טהוער.

ג) די כלל־טהוער זאָלען איינלאַדען די אַלע פון דער ליסטע, זיי זאָלען

אַנווייזען, וועלכע פון זייערע זאַכען זיי ערלויבען איבער צו דרוקען פאַר די נשרפים, אָדער וועלכעס קונסטווערק צו רעפּראָדוציערען.

אין דעם פאַל האָט מען דאָס מאַטעריאַל באַלד, כמעט אויף דער שטעל, און עס וועט נישט זיין קיין „קנאה, שנאה בסעודה״...

מיט אַכטונג

י. ל. פּרץ

[צושריפט פון יעקב דינעזאָן.

אַזוי ווי איך האָב ליידער גראָד קיין מעגליכקייט היינט אויף דער פערזאַמלונג צו קומען און בין גענצליך דערזעלבער מיינונג פון פּרץ

אונטערצייכען איך י. דינעזאָהן.]

208

צו מענדעלע מוכר־ספרים

(פונעם אָריגינאַל)

[סוף 1910 איז אין וואַרשע געגרינדעט געוואָרן אַ טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן אַן ערנסטן יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד. פּרץ האָט פיל צייט און ענערגיע אַוועקגעגעבן אָט דער טעאַטער־געזעלשאַפט. ער איז אַרויסגעטראָטן אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען, געפאָרן לסוף קיין פּעטערבורג מכח דער געזעלשאַפט. אין שליחות פון דעם קאָמיטעט איז אַ צייט אַרומגעפאָרן א. ווייטער איבער אייניקע גרעסערע שטעט, געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע און פאַרקויפט אַקציעס.]

11 דעצעמבער, 1910.

ליעבער, ליעבער מענדעלע!

עס איז געבליבען, אַז עס מוז געבויט ווערען אַ ניי יודיש טעאַטער. צום [צו] דעם צוועק מוז מען זיך ווענדען צו דער געזעלשאַפט נאָך הילף. טויזענדער און טויזענדער יודישע נפשות געהען טעגליך (בעסער געזאָגט: אבענדליך) אין יודישען טעאַטר און הערען נישט קיין וואָרט יודיש, ווען די זאַכען זענען ערטרעגליך, אָדער נור יודיש, ווען עס ווערט געשפּילט דער ערגסטער שונד. „יודיש״ און „שונד״ זענען אין טעאַטר פאַרבינדען געוואָרען, ווי אַמאָל „יודיש״ און „שמ״ר״. —

אַ חברה שריפטשטעלער און כלל טהוער אין וואַרשוי (צווישן אַנדערע [נישט לייענבאַר — נ. מ.] אויסער מיר — דינעזאָן, סאָקאָלאָוו, ד״ר דווידזאָן,

ד״ר לעווין וכו׳) האָט גענומען אויף זיך אַרויסצוטרעטען מיט אײן אויפרוף וועגן דעם ענין. און אין נאָמען פון דער חברה, קום איך אײך בעטען, זעהר און זעהר בעטען, איהר זאָלט צו אונס צושטעהען און לאָזען אונטערצייכענען אייער נאָמען אויך. אייער נאָמען איז, דאָס ווייסט איהר אַליין, דער לויכטיגס־טער, דער שטאַרקסטער... אייער נאָמען טאָר נישט פעהלען. הויבט זיך אפשר אָן אַ ניי בלעטעל פון דער יודישער קולטור אָדער קונסט־געשיכטע, טאָ זאָל זיך דאָס בלעטעל אָהן אייער נאָמען נישט אָנהייבען.

בעטען מיר אײך דעריבער נאָך אַמאָל און זעהר האַרציג בעטען מיר אײך, איהר זאָלט תיכף ומיד אונס אַריינשיקען אייער ערלויבניש אונטערצושרייבען אייער נאָמען אונטער דעם דערמאָנטען אויפרוף.

און זייט מיר געזונד און שטאַרק נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען.

אײן נאָמען פון אַלע

אייער י. ל. פרץ

209

צו ש. אַנ־סקי

[דער בריוו, קאַרטל פון י. ל. פרץ צו ש. אַנ-סקי זיינען געשריבן אין 1911. י. דינעזאָן האָט געבעטן ביי ש. אַנ-סקין, אין פרצעס נאָמען, ער זאָל זיך באַמיען צו קריגן אַ שטעלע פאַר לוציאַנען, פרצעס זון, אין די יק"א-שולן. „ביי פרצן — האָט י. דינעזאָן געשריבן — איז עס אַ לעבנס-פראַגע.". — ש. אַנ-סקי האָט איבערגעזעצט פרצעס „די גאָלדענע קייט" אויף רוסיש פאַרן זשורנאַל „יעווריעסקי מיר", וואו ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט, אין 1909, די איבערזעצונג פון פרצעס „אין פאַליש אויף דער קייט". — י. ל. פרץ איז געפאָרן קיין פעטערבורג אין די אינטערעסן פון דער יידישער טעאַטער-געזעלשאַפט.]

ליבער אַנ־סקי.

איך האָב ענדלעך פון אייך אַ בריוו דערהאַלטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס מוז עפּעס זיין און אומרוהיק געווען...

מילא, וואָס עס טרעפט זיך נישט אַלץ אויף דער וועלט; מן הסתם וועט עס אייך און כל ישראל אויסגיין צום גוטן.

1) וואָס אָנבאַלאַנגט מיין זון לוציאַן, האָט ער געענדיקט מאַטעמאַטיק, האָט פיל פאַרשטאַנד פאַר טעכניק און געווערב. געזען שולן אַזעלכע אין אויס־

לאַנד, — און ווען ער באַקומט אַזאַ'ן אַרט שטעלע, וואָלט ער נאָכאַמאָל געפאָרן קיין אויסלאַנד זיך בעסער מיט די געווערב־שולן צו באַקענען.

אַלזאָ, — ווייזט, וואָס איר קענט.

2) וואָס אַנבאַלאַנגט דער איבערזעצונג פון דער „גאָלדענער קייט", טוט ווי איר פאַרשטייט, איך האָב די איבערזעצונג נישט אויטאָריזירט. פאַרריכט און שיקט, אויב איר ווילט זי מיר אַריינשיקן, צו דורכזען און צו מאַכן באַ־מערקונגען, וועל איך זי אויך אויטאָריזירן. אַניט דרוקט אויף אייער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט.

3) בנוגע מיין קומען קיין פּעטערבורג, טוט מיר זייער לייד וואָס איך האָב שוין איינגעשטימט צו קומען אויף פּסח. איך האָב גערעכנט צו זיין ביי אייך, אַזוי האָב איך גאָר חשק נישט צו זיין אַ באַהאַלטענער צדיק.* מילא, פאַרפאַלן. זעט, ווייניקסטנס, איך זאָל קיין צרות נישט האָבן. —

פון דעם רעשט וועלן מיר רעדן אין פּ"ב... בריוו שרייבן איז דינעזאַנס עיסק, ביי מיר איז עס קריעת ים־סוף.

אייער י. ל. פּרץ

210

צו ש. אַנ־סקי

ליבער אַנסקי, איך האָב אייך טעלעגראַפירט,* אַז מיר, ד. ה., מיין פלוניתטע און איך פאָרן אַרויס דאָנערשטאָג פרי (9 עטלעכע פערציק) קיין פּעטערבורג מיטן קוריער. קיין וויבאָרג האָבן מיר קיין בילעטן נישט באַקומען. וועט איר אַזוי גוט זיין וואַרטן אויף אונז אין פּ"ב, יאָ?

גריסט הערצלעך, אַבוואָל אומבאַקאַנט, אייער פרוי.

זייענדיק אין פּ"ב פאַרשטענדיקט אייך מיט דער ליט. געזעלשאַפט. איך האָב זיי אויך טעלעגראַפירט.

מיט אַכטונג

י. ל. פּרץ

---

* אַנ-סקי האָט געוואוינט ניט אין פּעטערבורג, נאָר אין דערבייאיקן וויבאָרג. פּרץ האָט גערעכנט וואוינען ביי אים אין דער דירה. ער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט קיין וואוינרעכט צו וואוינען אין פּעטערבורג.

* די דעפּעש, וואָס פּרץ רעדט וועגן איר, איז פון פאָלגנדיקן נוסח: „וויבאָרג, פאַיוואלא, ראַפּאָפּאָרט [ש. אַנ-סקיס פאַמיליע-נאָמען — נ. מ.]. מיר פאָרן אַרויס קיין פּעטערבורג דאָנערשטאָג אינדערפרי מיטן קוריער. פּרץ." זי איז אַרויסגעשיקט פון וואַרשע, דעם 28טן מערץ, 1911.

211

צו ד"ר יצחק געליבטער

(פונעם אָריגינאַל)

[ד"ר יצחק געליבטער — פּרצעס יוגנט-חבר. זיי האָבן אינאיינעם גע-לערנט אין זאַמאָשטשער בית-המדרש און דערנאָך געוואָרן אַפּיקורסים. פּרץ דערציילט אין „מיינע זכרונות" פיל וועגן יצחק געליבטער און זיין פאָטער פּייוול (זע ז' 41 און ווייטער). — יצחק געליבטער האָט פאַר-געלייגט פּרצן צו מאַכן אינאיינעם אַ נסיעה קיין פּאַלעסטינע. — דער בריוו איז געשריבן קיין זאַמאָשטש אויף אַ פאָטאָגראַפיש בילד, אויף וועלכן ס'זיינען אָראָפּגענומען פּרץ, העלענע פּרץ, דינעזאָן און פּרץ הירשביין.]

וואַרשע, 10 יולי, 11 [19].

ליעבער געליבטער, האָסט געמאַכט זעהר איין אינטערעסאַנטען פאָרשלאָג, איז אָבער לײדער יעצט נישט די צייט דאַצו. אין פּאַלעסטינא איז יעצט די צייט פון גרויסע היצען און געפעהרליכע פליגעל. פאָהרען קען מען נור אויף פּסח. אָבער אויך דאַן איז מיר כמעט אונמעגליך צו פאָהרען. ערשטענס איז עס נישט קיין אורלויב־צייט, צווייטענס איז פאַר מיר פיער־פינף וואָכען פאַר פּאַלעסטינא צו ווענינ. אפשר וועט זיך אַמאָל אונזער שטאָל * רייניגען, און אַ קינפטיגער דאָזאָר וועט פערשטעהען, אַז מיין רייזע איז עפּיס ווערט נישט נאָר פאַר מיר אַליין... אָדער איין אַנדער נס וועט געשעהן — אַ קשיא אויף זיין ליעבען נאָמען?

דערווייל פאָהר אַליין.

לענגער פויל זיין און נישט ענטפערן, האָב איך נישט געקאָנט, ווייל איך פאָהר די טעג אַרויס. דאַכט זיך, קיין טאַראַספּ. —

זיי געזונד
י"ל פּרץ

212

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

26 יולי, 11, בערלין.

ר' יעקב,

ד'זיץ שוין אַ טאָג אין בערלין, געזעהן יעקב אַדלער,** איין עם הארץ.

---

* געמיינט די וואַרשעווער גמינע.

** באַוואוסטער יידישער אַרטיסט און טעאַטער-דירעקטאָר פון אַמעריקע.

שפּעטער וועל איך דיר שרייבען, צי עס וועט עפּעס זיין דערפון. שיק באַלד אַרויס לויט אונטערשטער אַדרעסע מיינע בוך דראַמען און מיין פאָטאָגראַפיע. ד׳בין הונגעריג.

זיי געזונד

ל. פּרץ

213

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

29 יולי, 11, בערלין.

איך בין נאָך אין בערלין. איך האָב געמאַכט אַ געשעפט מיט אַדלערן. בעקאַנט געוואָרען מיט פרידמאַן. דער וועט דיר שרייבען אויספיהרלעך און וועט דיר פאַר מיר פאָרשלעגע מאַכן. מיר געפעלט ער? — מאָרגען אָבענד קיין דרעזדען.

יל״פ

214

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

31 יולי, 1911.

איך בין ביים באַדען זעע, פאָהר קיין ציריך. אַבענדס אין סאַן מאָריס. פון דאָרט ערשט וועל איך שרייבען.

דיין יל״פ

215

צו ד״ר גרשון לעווין

(פונעם אָריגינאַל)

31 יולי, 1911.

אַלס אַנדערש, ווי געטראַכט,
אין בערלין געשעפט געמאַכט, —
אַ נישט געשריבענע דראַמע פערקויפט.
און די צייט לויפט,
ערשט איצט ביי באַדען זעע

(ענטציקטע דייטשער רופען: יוכהעע!)
און מיר זענען מיעד, אַי וועה,
ווי מיעד, קיין פּיס, קיין האַנד,
אַ חרפּה, אַ שאַנד
אַפילו דרעזדען נישט געזעהן.

216

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

31 יולי, 1911, ציריך.

גרוס אויס ציריך. — ערשט מאָרגן סאַן מאָריס.

217

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

1 אויגוסט, 1911, ראַגאַץ.

גרוס פון ראַגאַץ.

י. ל. פּרץ

218

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

2 אויגוסט, 1911, ס. מאָריץ.

אויפן אָרט. מיטגענומען יאַנעקין.* מיר זוכען אַ וואָהנונג.

י. ל. פּ.**

---

* פּרצעס אייניקל, דער זון פון לוציאַן.

** צושריפט צו די אַלע בריוולעך פון העלענע פּרץ, י. י. טרונק, יאַנעק, העלאַ (פּרצעס שנור).

219

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

4 אויגוסט, 1911, סט. מאָריץ.

סאַן מאָריץ. מייערײ, זויער מילך, יאַנעק. וואָס נאָך פעהלט ?
יל״פ

220

(פונעם אָריגינאַל)

4 אויגוסט, 1911, בערנינאַ.

אַ גרוס פון זעען און גלעטשער. —
יל״פ

221

צו ד״ר גרשון לעווין

(פונעם אָריגינאַל)

4 אויגוסט, 1911, בערנינאַ-האספיץ.

שפּיץ נאָך שפּיץ: —
האספּיץ נאָך סאַן מאָריץ — —
ד׳מאַך נישט צו קיין אויג — בייטאָג.
עס בלוטיגט די נאָז, ווען איך שלאָג
זיך אָן מיט איהר אָן אַ שטיין —
לופט — פיין, בעדער — פיין,
און יאַנעק איז דאָ איבער די וואָך,
וואָס פעהלט מיר דען, וואָס דאַרף איך נאָך ?
י. ל. פּ.

י. ל. פרץ (אין 1910)

י. ל. פרץ (אין 1909)

222

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

5 אויגוסט, 1911.

איך האָב נאָך אַלץ קיין צייט צו שרייבען: עס פעהלט נאָך אַלץ קיין געלד נישט.

י. ל. פּ.

223

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

5 אויגוסט, 1911, מארטעראטש.

אַ גראַטע פון אייז —
אין דרויסען — הייס.
אינווייניג קאַלט —
כ׳וואַלט געריימט מעהר, —
דער צוג קומט באַלד!

י. ל. פּ.

224

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[אָן אַ דאַטע]

ענדליך, ר׳ יעקב, בין איך אויס לאַנדשטרייכער און בין געוואָרען אַ געוועגליכער קור־גאַסט אין ס״ט מאָריץ. קיין טאַראַספּ פאָהרען מיר נישט, מיר בלייבען דאָ! אויסגעצייכענטע בעדער. מינץ האָט מורא געהאַט פאַר מיר פאַר דער הויך — עס איז איין אומזיסטע שרעק געוועזען. איך שפּיער מיך הערליך. שלאָף אויסגעצייכענט.

געזעהען זאַכען שיינע פיעל — נור פריהער געשעפּט.

געטראָפען אַדלערן אין בערלין. איין עם הארץ דאוריתא און אַ קולאַק. און אַ ליגנער און — וואָס אין דער קאָרט! מיין דאגה. איך האָב מיך פער־

פליכטעט צו געבען איהם אַ פּיעסע פון פיער אַקטען. ער פאַר יעדע פאַר־שטעלונג 25 רובל. האַנד־געלד 800 רובל. האָט ער דערויף געגעבען 250 און 250 דאַרף ער צושיקען ווערענד צוויי וואָכען אויף אַדרעס ל. פרץ... אויב ער וועט שיקען, וועט לוציאַן אָבנעמען דאָס געלט. וויאַזוי מען וועט זיך פּערזיכע[רע]ן מיט די 25 רובל פער פאַרשטעלונג — דערפון וועל מיר רעדען אין וואַרשוי.

מיט ס״ט מאָריץ האָב׳מיר געמאַכט אַ גוט און אַ שלעכט געשעפט. גוט דערמיט, וואָס די לופט איז אויסגעצייכענט, די בעדער פיין — די געגענד אַ גן עדן התחתון. שלעכט דערמיט, וואָס עס איז אונגעהייער טהייער. אויף אַזוי טהייער האָב׳מיר זיך נישט געריכט, און אַדלערס געלד אויסגעגעבען אויף זאַכען אין בערלין, וועט אונז פעהלען געלד. מיר וועלען מוזען האָבן נאָך 2—3 [הונדערט] רובל. אויב לוציאַן וועט בעקומען די 250 רובל, זאָל ער אָדער דו זיי אונז באַלד אַרויסשיקען. וועט ער פערשפּעטיגען (מעהר קען ער נישט, ער פגרט נאָך אַ שטיק), זאָל לוציאַן אויסבאָרגען און שיקען. די פּאָסט קומט דאָ פון וואַרשוי זעהר שפּעט, נאָך 4—5 טאָג. על כן מוזט איהר נאָך איי־ניגע טעג אַרויסשיקען. די אַדרעס:

באַד סט. מאָריץ, ווילאַ עדעלוויים.

די אַדרעס איז אויך נישט אַזוי לייכט געווען צו בעקומען. אונטען איז שרעקליך הייס. דערגרייכט ביז 55 גראַד היץ, לויפען אַלע אַרויף. וואהנען 3—4 מענטשן אין איין צימער. מיר האָבען שיער נישט געמוזט ווייטער פאָהרען. אָבער וואו אַהין ווייטער? אין אַלע דערפער אַרום און אַרום איז פול געפּאַקט. דאָס גליק איז געווען, וואָס טרונק׳ס קאָזע* איז גראַד אַרויס־געפאָהרען אויף עטליכע טעג. האָט מען זיך אַ עצה געגעבען. יעצט וואהנען מיר אין אַ קליין צימערל. מיר מיט יאַנעקן, וואָס בלייבט ביי אונז נאָך איין 8 טעג. אָבער מען שפּיערט עס נישט. די פענסטערליך אָפען.

די אויסזיכט אונגעהייער! זעע און בערג. שטיל. וואָס נאָך? עדעלוויים איז כשר, שטרענג כשר. אַ רב פון עלזאָס, איינער פון די געסט, געהט אַלע מאָל אין קיך אַריין, אַכטונג געבען אויף כשרות. אַ מאַסע פרומע דייטשען. „שיר המעלות״ פאַרן בענטשן ווערט געזונגען מיט די ווייבער צוזאַמען. מען פיהלט זיך ווי אין אַ קירכע... עטליכע „פּויליש־רוסישע״ ווערען בטל בששים. די רעשט מינדליך אין וואַרשוי. וואו זענען בריעף, צייטונגען? (ביז היינט האָב איך געלעזען — טרונק האָט בעקומען.)

זיי געזונד

יל״פ

* פרוי פון י. י. טרונק.

225

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

5 אויגוסט, 1911, סט. מאָריץ.

די באַנדע איז גרעסער געוואָרען. פון גרענאָבל איז געקומען די קאָזע. — פאַר וואָס שרייבסט דו נישט? איך לויף אַרום. מיין אַדרעסע?

באַד ס. מאָריץ, ווילאַ עדעלווייס.

איך האָב דיר שוין דאָס געשריבען! פע!

י. ל. פּ.

226

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

8 אויגוסט, 1911, סט. מאָריץ.

אַ גרוס פון מאַלאַיאַ.

מען לעבט... געלד פליעסט, ווי וואַסער, נור העלע און די קאָזע זענען אַוועקגעפאָרן צום קאָנגרעס. —

י. ל. פּ.

227

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

8 אויגוסט, 1911, סט. מאָריץ.

ק ר ע ס ט א ל ט א

אויפ'ן פעלד אַ שענק, —
אונטען, רעכטס אין דער לענג,
אַ זעע, אַ קאַמעלעאָן, וואָס טוישט
יעדע סעקונדע די פאַרב. לינקס רוישט
דער וואַלד. — עס עטעמט זיך פריי,
אויף אַ באַרג־רוקען מיט שניי
רוהט דער הימעל, אונטערגעשפּאַרט.
פּאָרטזעצונג פאָלגט, אויב דו ווילסט, וואַרט!...

יל״פּ.

228

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

17 אויגוסט, 1911, סט. מאָריץ.

דאָס געלד ערהאַלטען — דאַנק. —

יל"פּ.

229

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

20 אויגוסט, 1911, סט. מאָריץ.

אַ גרוס פאַנטרעזינאַ.

י. ל. פּ.

230

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

20 אויגוסט, 1911, סט. מאָריץ.

נאָך אַ גרוס פון ס"ן מאָריץ. מיר זיצען און פּלוידערען מיט צוויי פרומע ציוניסטען: מאַלער שטרוק און ד"ר ראַפּאָפּאָרט. טהו מיר אַ טובה: שיק זיי אַרויס מיינע נייע בענדער.

אַדרעסען: הערמאַן שטרוק, בערלין, בירקענאַלעע 33, און ד"ר סאַמועל ראַפּאָפּאָרט, לעמבערג (גאַליציען), סוקיטוסקאַ 43־ב.

דיין י. ל. פּ.*

---

* צוגעשריבן גריסן העלענע פרץ, ד"ר שמואל ראַפּאָפּאָרט און הערמאַן שטרוק.

231

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

28 אויגוסט, 1911, פעקסטאַל.

אַ גרוס פון פעקסטאַל.

פאַר וואָס שרייבסטו נישט?

י. ל. פּ.

232

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

ליעבער ר׳ יעקב.

ענדליך פון דיר אַ בריעף דערהאַלטען. אַז אַדלער * האָט מיך גענאַרט, דאָס האָב איך זעהר גוט געוואוסט, און אויב האָב איך מיך געלאָזט נאַרען, און פאַר קיין נאַר האַלט איך מיך דאָך נישט, איז אַ סימן, אַז עס איז רעכט... נור דאָס וועל איך דיר שוין מינדליך ערקלערען. פערנעמען אַ בריעף פון ס״ט מאָריץ מיט ביזנעס האָב איך קיין חשק נישט, בפרט נאָך אַזאַ מליצה׳דיגען בריעף, וואָס איך האָב פון דיר בעקומען. אַ בריעף, וואָס הייסט מיך, איך זאָל אויף מיר אַליין קוקען פון הינטען אַרויף. אַ מערקווירדיגע בעגעגעניש מיט מיין „משוגענעם בטלן״... נור — עס מאַכט נישט אויס. דער עיקר איז די „האָפּטע״ מיידליך, וואָס האָבען אַלץ געליינט און זענען זיך מפלפל... טאָמיר קענסט דו אויסקלויבן די שענסטע און די בעסטע און אַהער שיקען. דאָ, ווענינגסטענס אינם כשר׳ן „עדעלווייס״ איז סאַמע מאוסינישען (גוט אויס־געלעגט?)...

דעם פאָרשלאָג פון מיסטער יונג ** פערשטעה איך נישט. נעמליך: ווען גיט ער דעם אַוואַנס, צינד אָדער נאָכען בעקומען פון מאַנוסקריפּט און׳ם

---

* באַוואוסטער יידישער שוישפילער.

** בועז יאַנג — טעאַטער-דירעקטאָר.

אַקצעפּטיערען לויט זיין מבינות? אין ערשטען פאַל — אַקצעפּטיער תיכף ומיד. אין צווייטען פאַל, וויל איך פריהער בעפרידיקען אַדלערן...

אויב ד׳האָסט ערהאַלטען פרידמאַנס בריעף, ווייסט דו דאָך אַלץ.

איך האָב דיר שוין לאַנג קיין „אויסזיכטען״ נישט געשיקט, ווייל צינד בין איך קור־מענש, נעם יעדען טאָג אַ קוילען־זויער באַד און מאַך גאַנץ קליינע שפּאַציערען. איין זאַך פּערדריעסט מיך: די „שיינע״ נאַטור מאַכט מיר פערגניגען, גיט מיר נישט קיין שטאָף. שטאָף גיט מיר דער מענש, און דער מענש איז מיר דאָ לחלוטין פרעמד. איין אויפפאַלענדיגע זאַך: פערהאַן דאָ יודישע ענגלענדער, דייטשען, רוסען און פאַליאַקען, און די קיפּקאַליך האַלטען זיך שווייגענדיג בעזונדער. קענען זיך כמעט נישט פערטראָגען...

אָבשטויסענדיג זענען די פרומע דייטשען. עם הארצים, מיט די רבנים זייערע צוזאַמען. פאַרמאַליסטען. טרוקענע בשר ודם׳ס. און דערביי, אייגענט־ליך אַזוי רוהיג, אַזוי ביי זיך זיכער... אַזוי פעסט איבערצייגט... מען זינגט מיט די ווייבער צוזאַמען „שיר המעלות״, די קריסטליכע בעדינונג זינגט מיט. מען זינגט גאַנץ קירכליך, אויבוואהל געננג פאַלש און מען שטראַהלט פאַר נחת. אַ יונגער מאַן האָט מפטיר, ווינשט מען איהם „גוט געאַרבייט״. און ער ענפערט שטראַהלענדיג: אַ פראַגע, ביי דעם און דעם ב״ב געלערנט...

און צו וואָס שרייב איך עס דיר? נור כדי דו זאָלסט וויסען, אַז איך דרעה מיך דאָ אַרום, ווי אַ יתום. אַזוי שפּיער איך מיך זעהר גוט. די בעדער שמעקען מיר אויסגעצייכענט, נור די כשר׳ע קיך, וואָס פערמאָגט נור פלייש און פלייש, און די ענגשאַפט, און דאָס דייטש־ווייבערישע געוודער אין וועסטיביל — קריכט אויפ׳ן האַלז אַרום. איך וויל נאָך נעמען אַ 10 בעדער — 12 טאָג, און דערנאָך: היידאַ! ווי אַרום, וועל׳מיר זעהען. איין זאַך איז זיכער: סאַן מאַריטץ האָט אין זיך מינימום באַד, קען מען זיצען, קען מען יעדעס יאָהר פאָהרען. אין דער מינוט איז רעגנעריש און ווינדיג. אין דער זע, וואָס איך האָב אין פענסטער, נישט שען, — ביי שענעם וועטער קען מען אויפ׳ן קוקען גאַנצע שטונדען.

פון לוציאַנען האָב איך נישט בעקומען קיין תמונת אות, איז ער אַזוי בעשעפטיגט אַדער וואָס?

דאָס רעשט פּאַפּיער לאָז איך איבער העלענען.

דיין ילפּ.

233

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

[די אַלע בריוו, וואָס קומען דאָ ווייטער, זיינען געשריבן דורך פּרצן צו זיינער אַ באַקאַנטער פון וואַרשע. די דאַמע האָט דאַן געוואוינט ביים באַלטישן ים. דערפאַר איז זי אָנגערופן דורך פּרצן „דאַמע ביים מעער״.— פּרץ האָט זיך מיט דער פריינדין באַגעגנט אויף אַ זומער-וואוינונג ביי וואַרשע. דערפאַר רופט ער זי „דאַטשניצע״.— די בריוו זיינען פאַר-עפנטלעכט אין דער וואָכנשריפט „דאָס אידישע לעבן״ (לאָנדאָן, 1923, נומ׳ 2—6) מיט אַ קורצער איינלייטונג פון מאָרים מייער. לויט מ. מייער זיינען די בריוו געשריבן זומער 1912. ס׳איז נישט ריכטיק; ווי מיר זעען פון די ערטער, וואָס ווערן דערמאָנט אין די בריוו, זיינען די בריוו געשריבן זומער 1911.]

דאַמע ביים מעער,

אייער קאַרטע איז געלעגען און געלעגען, און געלעגען, אויף דער פּאָסט. איהר האָט אַדרעסירט נישט Tz, האָט מען אויף אַלע מיינע אָנפראַגען גע־גענטפערט מיט ניין. איך האָב שוין נישט געוואוסט, וואָס איבער צו קלערען...

ענדליך איז דעם פּאָסטבעאַמטען איינגעפאַלען צו פרעגען, צי איך שרייב נישט מיין פאַמיליען־נאָמען אַמאָל אַנדערש און אַזוי־ערנאָך איז דער בוימעל אַרויף אויפ׳ן וואַסער —

דער בוימעל — אַ קורצע קאַרטע (קיין צייט נישט געהאַט!) מיט צוויי פראַגע־צייכען, איין צייכען — אָפען, דער צווייטען איינגעשלאָסען... און — אַ קעלט, ווי אין דער אייז־גראַטע, וואָס איך האָב בעזוכט אויפ׳ן וועג... נור די אייז־גראָטע איז געווען אַ קינסטליכע, איז די קעלט פון דער קאַרטע אַ גאַנץ נאַטירליכע. וואָס ניין?

וואָס איהר מאַכט, ווי אייך געהט, וואָס פאַר אַ שטימונגען איהר האָט, וואָס פאַר אַ שטימונגען עס האָט דאָס מעער — דאָס אַלץ איז געבליבען אין נעפּעל...

איין גוט וואָרט איז געווען אין דער קאַרטע. פאַר דער אונטערשריפט. איז עס ווירקליך וואָהר? איר האָט שוין געוויס דאָס וואָרט פערגעסען...

איך בלייב אין סט.־מאָריץ־באַד (אַזוי דאַרף מען אַדרעסירען), אין „עדעלווייס״, וואו חתנים טרעפען זיך מיט כלות, און עס כשר... איבעראַל בעזעצט. קיין אָרט אַ שפּילקע צו וואַרפען. און אונגעהייער טהייער, טהייער. נור אויסגעצייכענטע בעדער. הערליכע לופט. גרויסאַרטיגע אויספלעגע. נור דערפון אַן אַנדערט מאָל. איך בין דערנערווירט און וואָלט געשריבען נישט דאָס וואָס מען דאַרף.

אייער י. ל. פּ.

234

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

געוועזענע „דאַטשניצע", יעצט — דאַמע ביים מעער.

אַזוי איז גוט... איך דאַנק אייך פאַרן הערצליכען בריעף.

אָבער פאַר וואָס ווילט איהר „שטימונגען"?

אַ שטימונגס־לעבען איז אַ בוך, וואָס מען האָט געזעצט פון אַ נישט איבער־געזעהענעם מאַנוסקריפּט און געדרוקט אָהן אַ קאָרעקטור...

איז דאָס אייביגע נישט שעהנער פאַרן מאָמענט?

און וואָלטען די מאָמענטען נאָך בליצען געווען; זענען זיי אָבער שאָטען...

זאָל אייך דאָס מעער געבען די קראַפט פאַרן אייביגען.

— —

דאָס זאָלט איהר פון מעער פערלאַנגען, נישט, ווי איהר טהוט, פער־געסענהייט. אַ דרייפאַכיג לעבען פיהרט אַ מענש. ער לעבט זיין יעצט אין דער טעטיגקייט, זיין צוקונפט אין דער האָפנונג און לעבט איבער זיין פער־גאַנגענהייט אין דער ערינערונג. פון דריי טהיילען בעשטעהט דאָס לעבען. נאָך וואָס ווילט איהר אייך אָרים מאַכען אויף אַ דריטעל?

האָט איהר אין אייער פערגאַנגענהייט (!) קיין איין שטראַהל, קיין איין פונק?

טרייבט נישט איבער.

— —

און איז געקומען אייער „יעצט" אַלס „געגענזאַץ", שרעקט אייך נישט. פאַלט ביי זיך נישט אָב.

לעבען איז עבען דער פּראָצעס, וואָס פיהרט אַרויס סינטעזען פון טעזען און אַנטיטעזען. און איז עפּיס וואָהר, איז אויך, און פונקט אויף אַזוי פיעל, וואָהר זיין אַנטיפּאָד; און איז עטוואָס גוט, איז אויך, און פונקט אויף אַזוי פיעל, גוט — זיין געגענזאַץ. אינ'ם בעגריף פון גלעטליכען שטעקט שוין דער טייוועל; אינ'ם גליק — אונגליק; פון ביידע קומט דאָס לעבען, פון טעזע און אַנטיטעזע...

נור נישט אַראָבפאַלען ביי זיך. מוטהיג אַקעגען געהן דעם סינטעז...

נור נישט טרויערען!

— —

הערש.

מען האָט אַמאָל איינעם געפרעגט, וויפיל קלוגע עס זענען פאַרהאַן אין שטאָט. האָט ער געענטפערט:

— זעהר לייכט צו וויסען: נעמט די אַלגעמיינע צאָהל איינוואָהנער; שלאָגט אָב די צאָהל פון די, וואָס גענ־צען; דערנאָך פון די, וואָס וויינען; דערנאָך נאָך פון די, וואָס לאַכען... די רעשט, אויב זי וועט אייך בלייבען, וועט זיין די צאָהל פון קלוגע...

און ווילט איהר, מאַדאַם ביים מעער, נישט קלוג זיין, זייט, וועניגסטענס — פריילּיך!

זוכט, וועט איהר געפינען מאָטיוועו... אין זיך אַליין זוכט, אין אייערע אויגען זוכט...

עה, דאָאָטשניצאָ...

— —

אַ קלוגער בריעף.

מעהר קענט איהר נישט פערלאַנגען.

צווישען די ביימער אין זאַקסישען גאָרטען בעווייזען זיך ראַיערעז ניט אייגענע... שוואַרצע פעדערן — פרעמדע...

און באַנקיערען, און טוך־הענדלער, און בעלי־בתים פון הייזער, און נאַז־און־אויערען דאָקטוירים שפּאַציערען — מיט די בייכליך, מיט די שטעקאַליך... מען ווערט קלוג...

איך וועל אייך נאָך שרייבען...

אייער י. ל. פּ.

235

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

דאַמע ביים מעער,

פאַר וואָס ניט יודיש?

פון וואַנען דער פערדריסליכער טאָן?

איך האָב אייך פון יעדער שטעלע אַ „אויסזיכט" געשיקט. עטליכע מאָל געבעטען, איהר זאָלט עפּיס שרייבען וועגען זיך אַליין און — די דאַמע אַם מעער שווייגט — שמאָלט...

איז מיר, און ניט דאָס ערשטע מאָל, נאַטירליך, איין אונרעכט געשעהען...

— —

סאַן מאָריטץ און איבערהויפּט גאַנץ אָבער ענגאַדין איז זעהר מאָלעריש, און דאָך בעשרייבען, טהיילען זיך מיט אייך בריעפליך מיט די איינדריקע איז

ניט אַזוי לייכט, ווי איהר מיינט. וועניגסטענס פאַר מיר. מיך אינטערעסירט מעהר דער מענש, די זעלע. ביי דער טויטער נאַטור, ווי שען זי זאָל נישט זיין, האָב איך גענוס, אָטעם איך פרייער, רוה איך בעסער. אָבער מיין שאַפונגס־עלעמענט איז עס נישט. ווען איך געה אָדער פאָהר דורך ביינאַכט איבער אַ שלאָפענדיג שטעטיל, מיט פערמאַכטע לאָדען פון אין שאָטען איינ־געהילטע הייזליך, כאַפּט מיך אָן אַ בענקשאַפט, אַ נאַגענדיגע וועהטיג. אונטער די לאָדען לעבט מיינע גלייכען, ליעבט, האַסט, ליידט, האָט נחת, און דאָס איז פאַר מיר פערשלאָסען... די שענסטע אויסזיכט שאַפט מיר נור פערגניגען... און ניט שטענדיג. פון אונטער די שענסטע וועגען, וואָס וויקלען זיך אַרום באַרג, הערט זיך אַ געקלאַפּעריי. די שענע הערן און דאַמען הערען עס נישט. דאָס אַרבייטען איטאַליענער אין היילען און האַקען אויס שטיינער, פון וועלכע עס קומען אַרויס פּאַלאַצען, קונסט־ווערק און ד. ג. געה איך אָבער זעלטען מיט׳ן „גלייכען” וועג, און זעה די איטאַליענער, און זיי — הונגערן...

דער ענגאַדינער איינוואָהנער — אָדערן, אָהן אַ מענשליך אויסזעהן. די פרויען — אַרבייטס־קיה... איבערגעבויגענע קעפּ, פלאַכע בריסטען, טעמפּע אויגען... „ער” און „זי” האַלטען מלחמה, און אַ שווערע מלחמה מיט דער ערד, איבער וועלכער מיר, די טוריסטען, די שפּאַציר־געהער, די קור־לייט טראָגען זיך, ווי אויף פליגעל, פון גענוס צו גענוס. אין אַ לאַנד פון האָטעלס. אין לוצערן איז פערהאַן איין אוניווערזיטעט פאַר האָטעל־וועזען...

איך וואָהן אין „עדעלווייס”. דער נאָמען פּאַסט דעם האָטעל, נאַטירליך, נישט. גאַנץ שמוציג, פאַר דאָס כשר. דורך די היצען אונטען, איז אויבען איבערגעפולט, און עס איז קיין פּלאַץ צו געפינען. מיר וואָלטען געמוזט אָב־פאָהרען, ווען נישט טרונק, וואָס איז גראָד געווען אָהן דער פרוי, און האָט אונז זיין צימער אָבגעטרעטען. ער האָט זיך אַ צייט אַרומגעוואַלגערט. דאָס צימער איז ענג. נור אַ פענסטער האָט עס צום זעע. און די זעע איז ביינאַכט שעהן. אַרום ברענעדיגע האָטעל־פענסטער. פערגעסט דעראָן און זעהט נור, ווי די בעלייכטונג שלאָגט זיך אָב אין דער זעע. פייערדיגע זיילען. אַ פייערדיג פּרוכת — אַ ריינע פּאַבעל. מוז מען אָבער די האָטעלס פערגעסען און דאָס וועט ערשט קומען מיט דער צייט, און מיט דער צייט וועל איך אייך די זעע־פּאַבעל פערציילען...

פערהאַן אָבער־אַלפּינא. גרויס־אַרטיגע וואַלד־וויעזען. אַ ווילד צולעגטער טעפּיך. אונטען — צוויי איינגעשלאָסענע זעען... ווי צוויי שפּיגלען... פאַר וועלכע פּעען?

נעכטען אָבענד איז געוואָרען ווינד. רוחות האָבען זיך דורכגעטראָגען איבער די בערג. דאָס רוישען פון די פליגעל וואָרפט אָן אַ שרעק. מיין צימער איז הויך, אין דריטען שטאָק, אַזוי נאָהנט צו די רוחות. ווייטער אַ פּאַבעל.

עסט מען אָבער נאָך אונטען, אַרבייט מען מיט גאַפּעל און מעסער, אין וועסטיביל רעדען ווייבער דייטש... האָבען זיך די רוחות דערשראָקען, און דאָס פּאַבעל־געשפּענסט האָט זיך איבערגעריסען...

זייט נישט בייז. איך קען דעם פּאַפּיער נישט אַזוי פיל פערטרויען. ווען איהר זאָלט וויסען, וואָס איך פיל און טראַכט, וואָלט איהר מיר נישט געצירנט. ווירקליך נישט.

שרייבט וועגען זיך. שרייבט.

ביי אונז איז איצט יאַנעק, לאָזט ער קיין רגע רוה. מיטוואָך פאָהרט ער צוריק צו דער מוטער און מיט איהר קיין וואַרשוי...

עס איז אַ טריבער מאָרגען. דאָס שרייב־צימער איז פערנומען מיט געסט! מען שרייבט אין אַ טונקעלעם וועסטיביל און געסט געהען אויף און אָב, צום און פון פּרישטיק... און מען רעדט דייטש, משוגע צו ווערען.

אייער י. ל. פּ.

236

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

דאַמע ביים מעער,

איהר מאַכט איין איינדרוק פון אַ קינד, וואָס האָט, אין אַ צייט פון לענגערן רעגענוועטער, פערגעסען, ווי אַ שענער זומער־טאָג זעהט אויס און קען זיך, אויף קיין פאַל, ניט דערמאָנען די זון.

ווייזט איך נישט דאָס מעער, ווי פערענדערליך די אייביגקייט איז?

פאַר וואָס האַלט איר די שלעכטע שטונדע פאַר אייביג, דעם וואָלקען פאַר אונבעוועגליך פערגליווערט?

עס וועט אייך נאָך זיין, ווי עס ווינשט אייך

אייער י. ל. פּ.

237

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

[געשריבן אויף אַ פּאָסט־קאַרטל מיט פּרצעס פאָטאָגראַפיע]

ווי איהר זעהט — דער זעלבער.

געענדערט, אָבער אויף דער געפערליכסטער אַרט, האָט זיך נור דאָס אַרומיגע. פערהאַן „זאַכען", וואָס דערשטיקען, אויב זיי גיסען זיך נישט אויס

אין געשטאַלט פון אַ קונסט ווערק. איילט נישט. בערוהיגט אייך. עס וועט זיך אַלץ ערקלערען און אויפקלערען. מען מוז אַמאָל עמיצען, וואָס איז עס ווערט, פערהיטען געגען זיין ווילען, וואָס איז זאָגסט געזונט.

אייער י. ל. פּ.

238

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

גערוען אין טאראספּ — אַ חלום!
האַלזען זיך שבט און מאַי!
צווישען זון און שניי
איין אייביגער שלום!

טאָלען —
צום מאָלען!
שליכטען — אונגעהייער!
אין זילבערנעם כלה־שלייער
בערג — צום ענטציקען!

לייכטע אבאזשורען־בריקען
איבער אָבגרונד געשאָסען!

ציגען־גלעקליך קלינגען...
דער „אין" יאָגט צופלאָסען,
זילבער־וועלען זינגען,
לאַכען, צירנען און ברומען...

געוועזן, אַהיים געקומען,
אַ העקסען־שוס בעקומען.
דעם יוד שטעכט דער קרייץ —
אויס שווייץ!

דער דאַאַטשניצא אַ גרוס
פון — העקסענשוס!

י. ל. פּ.

239

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

פּעקסטאַל.

אַ גרינער טאָל, אַרומגעשלאָסען מיט הויכע בערג — פון איין זייט — דער ווייסער גלעטשער, פון וועלכען דאָס לוסטיגע טייכעל רינט, קלינגענדיג, און שניידט דורך דאָס טאָל אין דער לענג.

איבערן איינגעשלאָסענעם טהאָל — הענגט אַ שטילער בלאָהער הימעל; בלאָה ווי די בלאָהסטע כלה־אויגען, און אויך אַזוי שטיל געריהרט און אַזוי אונשולדיג...

איבער דעם הימעל מוז זיין אַ גוטער, אַ גוטהערציגער גאָט, וואָס קען קיינמאָל נישט צירנען, וואָס קען נישט דונערען און בליצען, און שטורמען...

און די געזעלשאַפט, וואָס לאָזט זיך צום גלעטשער זענען אויך אַזוינע גוטע...

אַ רומעניש רייך פּאָר מיט אַ יונג קינד, אַ מיידעל, פול יודישען חן, נור אָהן אַ וואָרט יודיש. רעדט דייטש און רומעניש. דער פאָטער, איינער פון דער קליינער צאָהל יודען „מיט רעכט" אין רומעניען, האָט זיך שוין דער־מאָנט, אַז ער האָט יודיש געקאָנט... רעדט שוין אַמאָל מיט אַ גמרא־ווערטיל, וואָס דאָס ווייב, איין ערשט געקומענע פון קאַרלסבאַד, קען קוים פערדייען... נור זי האָט ליעב און פערגעטערט איהר גרויסען, שטאַרקען, פול־בערעכטיגטען מאַן, פערקרימט זי זיך שטיל און האָנאָריערט מיך אויך; איהר מאַן רעדט מיט מיר, מיט׳ן יוד... זי ווייסט נור וואָס כשר וואָס נישט, וואָס יודיש איז. כשר עסט זי, אַ כשרע קיך פיהרט זי. אפשר שאָדט עס צום מאָגען? קען זיין, נור אַז דער יודישער דין וויל אַזוי! מען דאַרף, מען מוז זיין רעליגיעז. איהר מוטער איז געשטאָרבען שמייכלענדיג אין די גרעסטע יסורים — זי האָט געהאַט רעליגיע...

איך לויב דאָס טעכטעריל מיט׳ן יודישען חן; זי נעמט עס אָן פאַר ליעב. זי ווייסט, איך בין אַ דיכטער. וואונדערבאַר איז עס; פון יודישע מעשיות, יודישע מעשה׳לעך, יודישע וויצען... האָט זי געהערט. יודישע פּאָעזיע, פּאָעזיע אין דער „שפּראַך"?!... דאָס וואָרט „שפּראַך" בענוצט זי אויך מיר צוליעב, דעם „דיכטער" צוליעב. זי האָט, אייגענטליך, נישט געגלויבט, נור זי האָט געהערט פון שטרוק.* און שטרוק איז פרום, רעדט פיין דייטש, איז „דייטשער

---

* הערמאַן שטרוק — באַרימטער מאָלער.

מאַלער״, מען רעדט פון איהם אין בערלין... און אַ שיינע באָרד ער האָט! און וואָס פאַר אַ אויגען...

און זי מעסט מיך מיט איהרע מאַמיש אויסגעבלאַקירטע אויגען און מוסטערט: אָהן אַ באָרד, גאַנץ אַנדערע אויגען און דאָך אַ „דיכטער“... אַ יודישער!

זי קען זיך נישט איינהאַלטען:

— איהר שרייבט מיט גראַמען אויך?

— —

אונטערגעקומען אַנדערע, פון רוסלאַנד, צוויי ברידער מיט צוויי ווייבער מיט קינדער, איינער געקומען אויף נאַכקור, דער צווייטער וואהנט שוין דאָ אַ צייט, צו ראַטעווען אַ יונגעל, וואָס האָט אַ קרענקליכען האַלז... מיט זיי — אַ דאַמע, אַ ברילאַנטען בעהאַנגענע, פון בריסק. זי קען מיך, האָט קאָרעספאָנ־דירט וועגען אַ פאַרלעזונג אויף אָרימע לייט, נור דער גובערנאַטאָר, דאָ מעג מען פריי רעדען, איז אַ הונד. איינער פון ברידער פעררוכט: „סאָבאַטשיאַ נאַטוראַ״, דער צווייטער זעצט איבער: אַ כלב שבכלבים... און עס קומען נאָך און נאָך. און אַלע אַזוי זאַט, אַזוי רייך. מען רעדט און עס קלינגט געלט — — און די געלט־בייטלער מוזען זעהען דעם גלעטשער...

איך ציה מיך צוריק... כ׳פיהל מיך, זאָג איך, נישט אין גאַנצען... כ׳פיהל מיך צו אָרים פאַר די רייכע לייט, וואָס טהוען מיר און דעם יודישקייט אַ גרויסע טובה מיט דער „אָנערקענונג״... מען ברויך עס! נישט פאַר זיך, זיי דאַרף׳ן עס נישט, נור פאַר׳ן פאָלק... איך ציה מיך צוריק אין קאַפע־הויז און שרייב צו׳ן אייך.

זאָל זיין איין גלעטשער ווייניגער...

וואָס מאַכט איהר? אייער י. ל. פּ.

240

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאַפּיע)

מאַרטעראַטש גלעטשער.
דאָס מאַכט אַן איינדרוק — קאָלאָסאַל.
אָבער נישט אַלץ [מאַכט] עס פערגעסען...
שטאַרקער וועקט זיך מאַנכער קוואַל...
און שטאַרקער פרעסען מאַנכע ווערמיגע צווייפעל.

י. ל. פּ.

241

צו דאַמעביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

סילוואַ פלאַנאַ.
בערגער מיט שניי, שנייענדע בערג,
אַלץ דאָס זעלבע ענגאַדין.
שוין געוואָהנט... נור אַלפּען — בליהען
דאָס איז ניי... דאָס ציהט...
און אַזוי בליהט — — — — — —
— — — — — — — — — —

י. ל. פּ.

242

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

נאַטירליך, ווייל סאַן מאָריץ פון דעם אַליין ניט וויסען.

— —

דער רבונו של עולם האָט אַ טעות געהאַט. קיין סאַן מאָריץ, אין ווילאַ עדעלווייס, צו די דייטשע רבנים, צו די שיר־המעלות זינגערינס מיט'ן שטיקעכץ אין די הענד און צו דער וואַרשויער־לאָדזער יונגער דאַמען־קאָלאָניע, האָט ער געדאַרפט שיקען שלום־עליכם'ן. ער וואָלט רייך געוואָרען — אַ מענאַזשעריע!

י. ל. פּ.

243

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

[געשריבן אויף אַן אילוסטרירט פּאָסט-קאַרטל, אויף וועלכן ס'איז אַ לאַנדשאַפט פון בורעוואָסער פּאַל.]

דאָ בין איך געווען צווישען טאָג און נאַכט,
פון עמיצען געטראַכט...

י. ל. פּ.

244

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

הערצליכען דאַנק פאַר די קאַרטען. — איך האָב דאָ געזעהען פיעל שענע זאַכען און נאָך מעהר נישט אינטערעסאַנטע מענשען. יעצט האָב איך דאָ צוויי זעהר אינטערעסאַנטע מענשען: ד״ר ראַפּאָפּאָרט (אַ געלעהרטער) און דער ערשט געקומענער שטרוק. דאָס, צוזאַמען מיט אייערע עטליכע גוטע ווערטער, ווירקט...

זייט געזונד, שרייבט מעהר. באָדט אייך אין ים. שווימט און לערנט אייך, ווי זיך צו בעגעהן מיט פאַליעס...

גאַנץ אייער

י. ל. פּ.

245

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

זאָל אייביג זיין,
ווי דער ריינסטער הימעל ריין,
און דער עבאָן־ריים
דיין קעניגליכער שטערן. —

און זענען בעשערט טרערען
פאַר דיין ברעם,
זאָלען עס זיין טרערען פון פרייד!

זאָל דיין אויג נישט זעהען קיין לייד.
זאָל דיין אויג קיין שלעכטען קלאַנג ניט הערען!
און פון דעם, וואָס איז געמיין,
זאָל דיין האַנד בעריהרט נישט ווערען!

פליעסען זאָל דיין לעבענס־צייט
ווי אַ צויבער־טרוים, —
ווי אַ זילבער־שיפעל זאַכט
איבער׳ן פּערל שוים
פון דעם שטילסטען זעע,
אין דער שענסטער נאַכט...

י. ל. פּ.



י. ל. פּרץ ביי זיין שרייב-טיש

246

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

ליעבע דאַמע אַם מעער,

הייִנט האָב איך דעם ערשטן שבת־טאָג פאַר די אויגען; עס רעגנט! אַלץ איז איינגעהילט אין נעפּיל, אַלץ פאַרוויינט, אַ שבת אַ טרויעריגער, אַ תשעה־באב׳ער.

איך האָב אייך, דאַכט זיך, שוין געשריבען, אַז „עדעלווייז" איז אַ פאַלשער האָטעל־נאָמען. דער פּאַנסיאָן איז נישט עדעל, נישט ווייס, נור כשר... איך האָב אייך געשריבען, אַז איך האָב קיין צימער נישט, נור אַ פענסטער. איין ענג־בוידעם־שטיבעל, נור אַ פענסטער אויף׳ן זעע אַרויס.

נעכטען פאַר טאָג — קיין צייכען פון קיין זעע. אין׳ם קליינעם טאָהל, אַרומגעשלאָסען מיט שוואַרצליכע בערג, ציטערט אַ ווייסער וואָלקען ווי איין אונגעהויערע ווייסע מאַליוסקע. נור אָט האָט זי פון הימעל אַ פייל געטראָפען — אַ טונקעלע וואונד. פון דער וואונד, וואָס פערשפּרייט און פערגרעסערט

זיך סעקונדען־וויז, שווימט אַרויס די בלאָהע, בלאָהע זעע און שמייכעלט צום בלאָהעם הימעל. דער ווייסער וואָלקען ציהט זיך צו די באַרטיען, ווערט ווי איינגעזאַפּט אינ׳ם זאַמד, דער זעע שטראַהלט און באַלד לאָזט זיך איבער׳ן שטראַהלענדיגען זעע אַ קליין זעגעל־שיפעל, דזשאַיזעפּאַ (אַ גוט בעקאַנטער איטאַליענער שיפעל־פיהרער) אַרבייט שנעל, גראַציעז, פיהרט איבער אַ פּאָר פון ס״ן מאַריץ צום וואַלד־הויז צו דער מייערי, פילייכט צו דער באַהן. דאָס פּאָר זעה איך פון הינטען, נור יונג מוז עס זיין, שטראַהלענדיג ווי דער מאָרגען, וואָרען דזשאַיזעפּאַ, וואָס זיצט זיי אַקעגען, לאָזט פון זיי קיין אויג ניט אַראָב און זיין פּנים שטראַהלט... און אַ מבין איז ער, דזשיאַזעפּאַ.

נאָך מיטאָג האָב איך אַרויסגעשיקט אַן „אויסזיכט״ פון פּאָנטרעזינאַ, וואו איך האָב איין אויספלוג געמאַכט. צווישען און איבער צוויי גראָהע בערג־ווענד — אַ ווייסער שטראַהלענדער גלעטשער. אויף׳ן וועג צוריק, ביים אונטערגאַנג פון דער זון האָב איך נאָך עפּיס געזעהען. איבער אַ גאָלדיג פאַרביגער וויזע שווימט, זי דורכשניידענדיג, האַסטיג־קרעפטיג אַ שמאָלער, שווערער אַלטזילבערנער גלעטשער־פלוס. פון דער צווייטער זייט פלוס בע־וואַכט פון איינצעלנע, פעריתומטע, קראַנקע לערכען מיט וואָלענע, צוזאַמענ־געוואַקסענע קאָלטען־בלעטער. „איך בין געזונד״, — מורמעלט שטאָלץ דאָס וואַסער, — „איהר שטאַרבט!״ און העכער — אַ גאַנצער לערכען־וואַלד, — אַ הקדש... זיי שטאַרבען אויס די לערכען... און איבער איהם אַ גלאַטער, זאַמדיגער ריזען־באַרג, וואָס גאָלדיגט זיך געגען דער אונטערגעהענדער זון. ער שפּעט איהם נאָך: „איך בין אויך רויט, אויך גאָלדען!״ די זון איז אַראָב, און אַ בלאַסע לבנה איז אַרויסגעקומען, פערחלומט־שאָטענהאַפט... און קוקט זיך אום, באַזעהט איהר מלכות...

שען, אָבער טרויעריג. שרעקליך טרויעריג — קיין איינציגער פויגעל, קיין איינציגער טריל. דאָס אויער בעקומט נור דאָס פייפען פון דער עלעקטרי־שער בערניאַ־באַהן. דאָס אַראָב־ראַסלען פון די שטיינדליך, פון אונטער די בערג־שטיינער פיס, אַמאָל — דאָס ווייסע רוישען פון גלעטשיער־וואַסער, אָדער — גאָר נישט. אין דער הויך — רוי, שטרענג... אונטען דייטשען, איטאַליענער, פראַנצויזען, וואָס לויפען מיט געגעגעלטע שטיוועל, איינזאַפּען וואָס מעהר שענקייט און בעקומען וואָס מעהר אַפּעטיט...

היינט וועט שוין גאָר נישט זיין...

עס רעגענט...

וואָלטען דאָ וועניגסטענס בלומען געוועזן.

קענט איהר די אַלפּענדיגע, האַרטע, שטעכענדיגע אימאָרטאַלע ?... „עדעל־ווייס״ האָב איך ליעב געהאַט אַמאָל, היינט נישט... געדענקט איהר די מעשה מיט דוד המלך, וואָס איז דאַרשטיג געוועזן און זיינע דריי גבורים, וואָס האָבען

דורכגעשפּאָלטען דעם שונא׳ס אַרמיי און איהם פּריש־וואַסער געברענגט? דוד האָט דאָס וואַסער, וואָס איז געקומען פון לעבענסגעפאַהר, אויסגעגאָסען...

איהר זאָלט זעהען, וואו די „קינדער״ — יונגלעך און מיידליך, 5—7 יאָהריגע, — רייסן די בלימלעך, און די וועגען, מיט וועלכע זיי קומען אַראָב אויף די שטראָסען, צו לאָקערן אויף די „שפּאַציערער״ און אויסצובעטלען אַ פּאָר סאַנטים פאַר די בלימלעך...

בעהאַלט אייך דעם שטרויס, וואָס איך האָב אייך געשיקט, אויב ער געפעלט אייך, נור נישט אַלס אָנדענקען פון מיר. ווען מיר זאָלען ריכטיגע אייגען האָבען, וואָלטען מיר די בלימלעך געזעהען רויט, קינדער־בלוט־רויט...

דער ווירט (אַ יוד מיט אַ קראָפ, וואָס איז אַזוי אָפט צו טרעפען צווישען די בערג) קומט צו, פערלעגט דעם קאָפ אַזוי, ווי ווייט מעגליך דעם קראָפ צו פערבאָרגען, און, ווילענדיג מיר זאָגען עפּעס גוטס און פיינס צום גוט מאָרגען (איך שרייב אונטען, עס איז צו פריה פאַר געסט!), מאַכט ער: אַ הערליך וועטער פאַר קאָרטען־שפּיעלער...

זייט געזונד, י. ל. פּ.

247

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאַפּיע)

עס רעגענט. וואָלט ווינד, וואָלט געוויטער געוועזן; ער רעגענט —

דער הימעל ווײנט, ווי אַן אַלטע אונבעהאָלפענע תחנה־יודענע. אין פינסטערן „עדעלווייס״ וועסטיביל דרעהען זיך אַרום פערחושכטע פּנימער... מען הערט נור: מאוס... לאַנגווייליג. אָדער: 20, 40 — דאָס ווערט 66 געשפּיעלט. איך ווינש אייך אַ בעסער וועטער.

י. ל. פּ.

248

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאַפּיע)

און דאָך געפעלט מיר ס״ן מאָריץ היינט בעסער. ער איז מעהר מיין; אַלע האָבען איהם פערלאָזט, אַלע פערשעלטען זיינע נאַסע וועגען, פערוואָלקענדען בערג, טריפענדיגען הימעל, שלעכטע קאַפּען און זיינען זיך נוקם אָן רעסטאָראַטער — נור איך איינער האָב איהם אַצינד ווירקליך ליעב, ליעב אין זיין טרויער, אין זיין טריעבען וואָלקענשלייער... י. ל. פּ.

249

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

אַ זון נאָך אַן איינגעשפּאַרטען רעגען. די שאָטענזייט פון די בערג איז סאַמעטען, זאַפטיג־גרין, טעף, ערנסט. די בעהעלטע — שמייכלעריש, זיעגעריש. דאַגעגען דער הויכער באַרג רויכערט זיך. אַ מזבח מיט קרבנות פאַר אַ בייזען גאָט, אַ טהיר — און פיליכט — מענשען־פרעסער!

עמיץ קלאַפּט מיר אין אַקסעל: „קומט שפּאַצירען!" — פּויליש — אַ דאַמע פון לאָדז. זי זעהט נישט, ווי בעשעפטיגט איך בין... בלינד.

י. ל. פּ.

250

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

ליעבע דאַמע אַם מעער,

סט. מאַריץ זעהט אויס, ווי אַ טרויער־פאַרשלייערטע כלה. און דער טרויער פון אייער בריעף גיסט זיך מיט אַלעם צוזאַמען. פאַר וואָס זייט איהר אַזוי מוטהלאָז? איהר האָט נאָך פאַר זיך אַזוי פיעל לעבען, אַזאַ ווייטען וועג; איך בין זיכער, עס וואַרט אייך נאָך אַזוי פיעל פרייד... נור דאָס אַלץ וואָלט איך אייך אַזוי גערן געזאָגט, פון מויל צום אויער. דאָס אויפגעשריבענע וואָרט איז אַזוי קאַלט... און ווען אַ וואָרט שען איז, איז עס קריסטאַל.

עס ווערט באַנג פון אייער בריעף. און איינזאַם, וואָס גרעסער דער עולם איז, איז מען אַזוי אויך. איהר דערמאָנט יאַנעקן, העלען, טרונק: יאַנעק איז שוין אַ וואָך נישט דאָ, די אַנדערע — שוין דריי. עס דרעהען [זיך] פאַר די אויגען פיעל פאַרביגע פּופּען אָדער גראָהע דייטשקיס. עס איז מיר אַלץ אַזוי פרעמד. און די מענשען עסען נישט, נור פרעסען, טרינקען נישט, נור זויפען, שפּאַציערען נישט, נור ווילען אויסטרינקען די לופט, די זעען; די בערג איינזאַפּען. און נישט אויס ליעבשאַפט — עס קאָסט געלד!

דאָס מעער איז שען, שרייבט איהר, פיעל פאַרביג; איך האָב ערשט קיין לוסט צום מעער. איך וואָלט זיך ערגיץ געוואָלט בעהאַלטען, נור איין מענש זאָל וויסען די אַדרעסע.

אויב איך האָב עמיצען בעליידיגט, איז עס אייער שולד. שפּאַסט נישט וועגען דעם, וואָס איז עמיצען הייליג... אָבער — נעמט מיין ענטפער אויך

אַלס שפּאַס, אויב איהר קענט; איך קען נישט. דאָס איינציגע קען איך נישט. און דאָך קען איך פיעל, פיעל לײדען, זעהר פיעל אויסהאַלטען. זאָגאַר סט. מאַריצער דאַמען־געזעלשאַפט...

דאָ איז אויך היינט אַ „ציוניסטיש יודישער" אָבענד. אַזוי זאָגט דער אַפיש. די רעדעל־פיהרער: ד"ר באָדענהיימער, הילדעסהיימער און אַנדערע היימערס. איך „נעם אנטהייל" אַלס נישט־ציוניסט, בפירוש אַלס אַזעלכער. איך וועל מעשיות פערציילען... די דייטשען וועלען נישט פערשטעהען די שפּראַך, די פּויליש־יודישע געזעלשאַפט — דעם אינהאַלט; איך וועל פער־ציילען עמיצען, וואָס וועט נישט הערען. זיינט איהר אָבענד ביים ים? אַלע וואַסערן פאַלן אין ים אריין. פיליכט וועט איך אַ פאַליע ברענגען אַ קלאַנג פון אַ יודישער פאַבעל, דערקענט!

איך פאָהר נאָך אַ פּאָר טעג אַהיים. נישט דירעקט, און ווייס נישט וואו אַרום, און קען אייך קיין אַדרעס נישט אויפגעבען. כ'וועל זיין אַביסל נע ונד, אָהן אַ וואָרט פון איך. שרייבט נישט, אָבער פערגעסט נישט.

אייער י. ל. פ.

251

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

דאַמע ביים מעער,

איך האָב אַוועקגעלעגט צו אייך אַ טרויעריגען בריעף — עס איז נישט גוט געוועזן אויף'ן האַרץ — און צינד האָב איך חרטה, וואָס איך האָב צו אייערע נאָך מיינע צוגעגעבען. — דאָס קעסטיל אָבער נעמט און גיט נישט צוריק. פערצייהט. איך וועל עס מעהר נישט טהון. —

זייט און מאַכט פריילִיך! י. ל. פ.

252

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

דאַמע ביים מעער,

איך זעה אייך בעשיינפערליך. איהר טרעט פון מיר נישט אָב. אייערע אויגען קוקען אויף מיר אַזוי פריינדליך, אַזוי גוט־האַרציג...

איז עס ווירקליך וואָהר?

שרייבט! י. ל. פ.

253

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

דאַמע אַם מעער!

אַ מענש דענקט און זיין ליעבער נאָמען לענקט.

איך האָב איך געוואָלט שרייבען, אויב נישט יעדע שטונדע, וועניגסטענס, יעדען טאָג, — שיקט ער מיר אַ גערשטען נאָך אַ גערשטען...

וואָס מאַכט דער באַלטיק?

אייער י. ל. פּ.

254

צו דאַמע ביים מעער

(פון אַ קאָפּיע)

דאַמע ביים מעער!

מאָנטאָג מיטאָגצייט פאָהרען מיר אַריין קיין סאַן מאַריץ (שפּעטער — טאַראַספּ) איבער וויען...

איז מעגליך, איך זאָל אין סאַן מאַריץ אייערס אַ פּאָר ווערטער בעקומען — זיי זאָלען מיך אָבוואַרטען? יאָ?

איהר זייט אַמאָל אַזוי גוט, אַזוי גוט, ווי אייערע בריעף...

אויס די אויגען, טיעפער אין האַרץ.

י. ל. פּ.

255

צו לאַזאַר קאַהאַן

[געשריבען אויף אַ וויזיט־קאַרטל "I. L. Perec" אָן אַ דאַטע קיין לאָדז. — עס באַציט זיך צו יאָר 1911.]

עס איז געווען אַ מיספערשטענדניס. די פּאַרלעזונג וועגען „טעאַטר" איז פריהער נאָך פערשפּראָכען געוואָרען דער „האַרפע". מוז עס אַלזאָ אונבעדינגט זיין בשותפות מיט דער האַרפע. פאַר דאָס וועט איהר בשותפות בעקומען נאָך אַ פאָרלעזונג.

י. ל. פּרץ

[נאָך פּרצעס צושריפט איז צוגעשריבען „א. קאַפּעל", — ד"ר א. מוקדוני.]

256

צו לאַזאַר קאַהאַן

(פונעם אָריגינאַל)

בסוד

וואַרשע, 8 נאָוועמבער, 1911.

ליעבער ה׳ כהן,

איך בין זעהר געענגט אין געלד. אויב איהר קענט מאַכען אַ גרויסע פאַרלעזונג, איך זאָל האָבען פון איהר, וועניגסטענס, 150 רובל, וועל איך קומען. צייטען בייטען זיך. איך וויל האָפען — נישט אויף לאַנג.

מיט אַכטונג

י. ל. פרץ

257

צו לאַזאַר קאַהאַן

(פונעם אָריגינאַל)

וואַרשע, 15 נאָוועמבער, 1911.

ליבער ה׳ קאַהאַן,

דער ברענענדיגער געלד־מאַנגעל איז פאַרביי. אויס נצרך; דאָס הייסט — אויס אויסערגעוועהנליכער... אַלזאָ ברויך מען קיין עקסטרא וואגאנצען. איך קען איבעראַכטאָג פרייטאָג קומען צו אייך. — זייט מודיע, אויב עס לוינט אייך.

מיט אַכטונג

י. ל. פרץ

258

צו לאַזאַר קאַהאַן

(פונעם אָריגינאַל)

וואַרשע, 20 נאָוועמבער, 1911.

ד׳קען אייך לעזען, וואָס איהר ווילט. — גרייט מיר נור פאָראויס אַ נומער און שרייבט, וואו אַהין צו פערפאָהרען. גוט וואָלט געווען, קיינער אויסער אייך זאָל נישט וויסען, וואו. איך בין יעצט זעהר מיט מיר אַליין בעשעפטיגט. נור דאָס זאָל ביי אייך בלייבען.

מיט אַכטונג

י. ל. פ.

259

צו י. צינבערג

(פון אַ קאָפּיע)

[דער בריוו איז געשריבן דעם 3טן דעצעמבער, 1911, צו י. צינבערג, וואָס האָט דאַן רעדאַקטירט די ליטעראַטור-אָפּטיילונג אין דער יידיש-רוסישער ענציקלאָפּעדיע. י. צינבערג האָט זיך דאַן געווענדט צו פּרצן מיט דער בקשה צוצושיקן די נויטיקע ביאָגראַפישע פּרטים. — די קאָפּיע פון דעם בריוו האָט מיר צוגעשיקט י. צינבערג, לענינגראַד.]

זעהר געעהרטער ד״ר.

איך טהו אייך צוליעב:

1) אין די קינדער־יאָהרען האָבען אויף מיר געווירקט ש״ס ופוסקים, חובת הלבבות, מורה נבוכים, רלב״ג א. ד. ג. — דעם רבינ׳ס מעשהליך אין אַ יומא דפגרא. — עטוואָס שפּעטער האָב איך אָנגעהויבען לערנען העברע־איש: אדם הכהן און די שפּעטערע; איך האָב אָבער נור פערשטאַנען, אַבער נישט געפיהלט. איך בין נתפעל געוואָרען פון דער קונץ, ניט מעהר. דער־נאָך — תנ״ך!...

2) כ׳בין קיינמאָל קיין חסיד נישט געווען און קיין משכיל נישט גע־וואָרען. נאָכען מורה נבוכים און אַנדערע איז געקומען די צייט אויף קבלה־ספרים. אַ גרויס בית־המדרש ביי אונז, גרויסע שענק ספרים, איז מען טאַפּענדיג און זוכענדיג צוגעקומען צו דער שאַנק, וואָס „קבלה״ האָט פער־נומען, האָט מען פּעלערענט. אייגענטליך געלייענט. איך האָב געוואָלט וויסען ווי אַזוי דער מקובל, שפּעטער דער חסיד, טראַכט און לעבט; ווי פריהער — ווי אַזוי דער פילוסוף. איך האָב ביז היינט קיין רבין פּאַר די אויגן נישט געזעהן, אויסער דעם ביאַלער, צו וועלכען איך האָב געהאַט אַ כלל־ישראל געשעפט, קיינמאָל צווישן חסידים נישט געלעבט. פּטור בלא כלום אי אפשר — געווירקט מן הסתם, האָבען אי חיים וויטאַל אי נחמן קראָכמאַל, אי דער שפּעטרדיגער אַפּיקורס, נור אינערליך בין איך געווען און געבליבען יוד, מיט אַ יודישער, מעהר אָדער ווייניגער קלאָרער, ביבלישער וועלט אָנשויאונג.

3) אָנגעהויבען האָב איך צו שרייבען פּויליש (גאָר נישט געדרוקט, פּאַר־ברענט) — אָן אינטערנאַציאָנאַלער מאָמענט געווען — אַוועק געוואָרפען, פּרעמד געווען, אָנגעהויבען העברעאיש, געפיהלט—נישט לעבענדיג, אַריבער צו יודיש. דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר 40—50 צוריק. דאָס ערשטע איז געווען אַ

העברעאיש געדיכט אין „השחר" (לי אומרים *) דער נאָך — אַ בוך צוזאַמען מיט ליכטענפעלד'ן, וואָס איז מיין שווער געווען, דאַכט זיך: בעלי אסופות, כ'האָב פערגעסען ווי ס'בוך האָט געהייסען.**

4) ערנסט האָבען אויף מיר געווירקט די פראָפעטען, אַ צייט לאַנג בין איך דאָך געווען אונטער דער ווירקונג פון היינע און בערנע — מיינע ערשטע יודישע געדיכטע.

מיט אַכטונג

י. ל. פרץ

---

* „לי אומרים" איז פרצעס דריטע ליד, וואָס איז געווען געדרוקט אין „השחר" (תרל"ו). דאָס ערשטע געדרוקטע ליד איז „השותפות" — („השחר" תרל"ה — 1875).

** „ספורים בשיר ושירים שונים" מאת שני בעלי אספות, וואַרשע, תרל"ז (1877), 158 ז"ז.



י. ל. פרץ — געצייכנט פון י. זעלדין (ניו-יאָרק)

260

צו ש. ניגער

(פונעם אָריגינאַל)

[דער בריוו, אַזוי ווי ער איז, — נישט קיין פאַרענדיקטער און אָן אַ דאַטע, איז געלעגן צווישן די פרץ-בריוו אין דינעזאָן-אַרכיוו. ווייזט אויס, אַז פרץ האָט אים אַזוי איינמיטן איבערגעלאָזט און נישט אָפּגעשיקט ניגערן. — די אַרטיקלען, וואָס פרץ דערמאָנט זיי דאָ, זיינען עס ניגערס געניויע אָפּהאַנדלונג איבער די „פאָלקסטימליכע געשיכטן", וואָס איז געדרוקט געווען אין „לעבן און וויסנשאַפט", דערשינען אין ווילנע אין די יאָרן 1909—1912.]

ליעבער ה׳ ניגער,

איך האָב ערשט דורכגעלעזען אייערע 2 אַרטיקלען איבער מיר. פערשטעהט זיך, אַז פון קאָמפּלימענטען איז מען צופרידען. געהט אָבער וועגען צוויי שטעלען, וואָס זענען לחלוטין קיין קאָמפּלימענטען נישט. און וואָס אַמבעלאַנגט די צוויי שטעלען, בין איך מיט איינער מסכים, מיט דער צווייטער נישט. גערעכט זייט איר וועגן די דריי צי פיער חופות. איך האָב דאָס מאַטעריאַל (אייגענטליך אָפּערן־מאַטעריאַל) נישט בעהערשט, איז אַרויס — בוידעם. פאַר דאָס איז אייער בעמערקונג וועגן שניידערס חלום אין פורים נישט ריכטיג. עס איז אַבסאָלוט נישט אַלאַ שלום־עליכם. עס איז אַ משל! די געשיכטע פון דער אַסימילאַציע, קוקט אייך בעסער צו. אָבער, נישט מיין דאגה. אין אַלגעמיינעם וואָלט אויך געווען פון וואָס צו רעדען, אָבער פערזענליך.

261

צו שלום-עליכם

(פון אַ קאָפּיע)

וואַרשע, 15/3, 1912.

ליבער שלום עליכם,

איך האָב געהערט, אַז איהר ווילט אַרויסגעבען אייערע זאַכען אילוסטריערט און אַז מען פּראָפּאָנירט אייך דעם יונגען קראַטקע * צו דער אַרבייט. און אַזוי ווי איך וואָלט זעהר געוואָלט זעען אייערע זאַכען אילוסטריערט און האָב דערביי אמונה אינם טאַלענט פון יונגען קראַטקא, על כן שרייב איך אייך מיין דעה און מיין עצה, איהר זאָלט מיט קראַטקא ענדיגען.

אייער י. ל. פרץ

---

* ב. קראַטקא — יידישער קינסטלער, געצייכנט אויך די שער-בלעטלעך פאַר איייניקע פרצעס ווערק.

262

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

.1912 ,21/7

דאָס האָ׳מיר געזעהן פאַר אַ יאָהרען,
(די רייזע די זעלבע געמאַכט...)
יעצט נעם אין דער האַנד אַריין די אויגען:
עס רעגענט אַ פינסטערע נאַכט.
(ביי טאָג איז געווען אַזוי שטיל,
אבענד — געענדערט דאָס וועטער)
ביז לאַנבעק נאָך באַהן, און שפּעטער —
קיין טאַראַספּ מיט אויטאָמאָביל...

י. ל. פּרץ

ציי‎טונגען!!!

263

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

.22/7, 1912, טאַראַספּ

ליעבער ר׳ יענקל
ענדליך אָנגעקומען און נאָך גרויסע צרות אַ דירה בעקומען.
וואָס האָסט דו געמאַכט מיטן אַמעריקאַנער?
אונזער אַדרעסע:
Tarasp Shuls vit a Vorte

דיין י. ל. פּ.

264

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

.29/7, 1912, שולס

דאָ, אונטער די דריי ביימער, וואָס זענען אַזוי שען אויף דער קאַרטע און — גאָר ניש׳ מיט גאָר ניש׳ אין דער נאַטור, זיצ׳ מיר, נאָך זויער־מילך מיט ברויט, און מען וואַרט, די זון זאָל אַ ביסעל זיך אַראָבלאָזען, מען זאָל קענען צוריק־געהן קיהלער. מען זיצט אונז מען קלערט, ווען עס וועלען זיין בריעף מיט ציי‎טונגען. —

דיין יל״פ

265

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

29/7, 1912, שולס.

איך האָב דיר געשריבען, אַז די שענסטע איז געווען די ערשטע דריי טעג, ווען מיר האָבען אונטען קיין וואָהנונג נישט בעקומען און געוואָהנט אויבען. שיק איך דיר אַצינד דאָס בילד פון אונזער געוועזענער וואָהנונג, דו זאָלסט זעהען מיט דיינע אייגענע אויגען, אַז איך האָב נישט איבערטריבען. קוק און פריי זיך אָדער הייב אָן צו בענקען. ווי דו ווילסט.

יל״פ

266

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

31/7, 1912, שולס.

קיין צייטונגען, ר׳ יענקיל, האָב איך נישט בעקומען, נור — דיין נערוועזען בריעף. מקנא, נאַטירליך, בין איך דיך נישט. איך קען אָבער יעצט דעריבער נישט טראַכטען. איך זיץ און האָב קעגען איבער, נידריגער, אונטער מיינע פיס אַ — רעגענבויגען, וואָס האָט זיך געלעגט, ווי אַ פיין־קאָליערט באַנד איבערן רוקען פון אַ באַרג. פראַכטפאָל. טראַכט נאָך, שטעל דיר פאָר און זיי ענציקט, — אויב דו קענסט.

דיין יל״פ

267

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

31/7, 1912, שולס.

דאָס איז די שלוכט, וואו מיר האָבען היינט שפּאַציערט אונ וואו עס איז אונז בעפאַלען אַ שלאַגס־רעגען מיט דונער, בליץ אונ דערנאָך האָגעל. קוים מיט׳ן לעבען אַרויס. וואָס מאַכט לוציאַן? צי האַלט ער דעם חשד, וואָס העלענע האָט אויף דער דיענסט, פאַר בעגרינדעט? עס רעגענט ווייטער. נור צינד זע׳מיר אין צימער.

דיין יל״פ

268

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

8/5, 1912, פעטאן.

די קאַרטע איז שענער. —

יל״פ

269

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

8/5, 1912, פעטאן.

ד׳האָב נעכטען געזינדיגט: געווען אין וואל־סינעסטרא און פערקוקט זיך און פערגעסען אַ קאַרטע צו שיקען, פאַר דאָס — היינט — אַ שענע קאַרטע פון פעטאַן. איך שרייב אָהן פיס. 2½ שטונדען שטייניגען וועג. מיר זענען אַ חברה לצים און מען טרינקט מילך לחיים!

יל״פ

270

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

8/7, 1912, שולס.

די קאַרטע, וואָס דו האָסט מיר געשיקט, האָט געמאַכט פוראָר. אַלע (3—4) בעקאַנטע צווישן זיי ד״ר לאַנדוי אויס וויען, זיי בעטען קאַרטען אַזוינע. פערשטעהסט דאָך, אַז מען מיינט מיך, דאָס הייסט מיין פאָטאָגראַפיע. קען מען נישט עטליכע בעקומען?

י. ל. פרץ

271

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

8/9, 1912.

אַ גרוס אַ הייסען
אין קאַלטען וועטער
פון אַ הייך
פון 1800 מעטער

יל״פ

272

צו ד״ר גרשון לעווין

9 אויגוסט, 1912, שולס.

[אַ צושריפט צו אַ בריוול פונעם וואַרשעווער אַדוואָקאַט ב. סטאַווסקי, אין העברייאיש, אַז עס גייט אַ רעגן.]

אמת! י. ל. פרץ

איהר זאָלט געווען זיין אין וואַרשוי, וואָלט איך געווען געפאָהרען קיין ס״ט מאָריץ. אייערע חברים האָבען מיך איבערגעשראָקען. אַ שאָד...

דער אייגענער

273

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

8/10, 1912, סענט.

האָט צוויי טעג דורכאַנאַנד גערעגענט אויף אַ מבול — נעכטען (ווילסט די דאַטע וויסען?) נאָכמיטאָג איז פּלוצלינג דער רעגען קאַלט געוואָרען און [עס] איז אָנגעפאַלען אַ שניי. אַרום — ווייסע בערג, יודען אַלטע, געבויגענע אין ווייסע קיטלען. אין די בערג, נאָך שניי, איז אימער שיין. זען׳ מיר שוין היינט אַרויס נאָך סענט. אַזאַ מין שמוציג דאָרף מיט גוטער קיה־מילך. שיק מיר דיר אַ קאַרטע. און זיי געזונד. אַ בריעף געהט 3 טעג.

יל״פ.

צו יעקב דינעזאָן

274

(פונעם אָריגינאַל)

שולם, 1912 ,13/8.

היינט — אַ קאַרטע פון שטוב, עס רעגענט און מען קען אין ערגיץ נישט געהען. עס רעגענט אין די בערג, און די בערג רייכערען זיך, ווי מזבחות פאַר׳ן טייוועל. מיר רעכענען אַרויסצופאָהרען איפ׳דער וואָך. אַ דאַנק פאַר די צייטונגען, וואָס זענען אין רעגען־וועטער אַ רעטונג פאַר שגעון. אַ הערליכע אויסזיכט דורך די פענסטער, אָבער אַ נאַסע, אַ פערוויינטע, וואָס לאָזט לאַנג אויף זיך נישט קוקען. וואָס הערט זיך אין וואַרשוי? אַז די זון שיינט און די פיס לויפען איבער די בערג, איז וואַרשוי מעבר לים. אין רעגען־וועטער ווילט זיך וויסען עפּעס פון דאָרט, וואו עס רעגענט אפשר נישט. דער באַרג, וואָס איז אויפ׳ן קאַרטיל פערשנייט, איז ציינד פערגאָסען...

דיין יל״פ

275

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

.1912 ,15/8

נאָך אַמאָל פון אַוראַנא, אָבער פון נייעם קאַפּעע. — אַ ביסעל זון געהאַט, אַרויסגעלאָפען. — אַ קלענערע געזעלשאַפט.

יל״פ

276

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

שולם, 1912 ,20/8.

ויסעו — געצויגען האָט פלאַט־פוס עט פרוי
משולס, אין דער פריה, זייגער עלף גענוי,
געגאַנגען דורך שלוכטען און בערג אַלערליי
ויחנו בסקאַרל פונקט האַלב דריי. —
עסען בעשטעלט. נור פאַר׳ן גענוס

י. ל. פרץ און העלענא פרץ

י. ל. פרץ און יעקב דינעזאָן



שיקט מען אין וואַרשוי ר׳ יענקלען אַ גרוס
די „צייטונג״ בעקומען, און שיק שוין ניש׳ מעהר,
נאָך אַ פּאָר „אויספלוג״ קרייץ און קווער
פאָהרט מען אַהיים, אַלץ האָט זיין סוף,
צינד וויל איך עסען אַ שטיקעלע עוף.

277

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[געשריבן אויף אַ קאַרטל — צוויי מיידלעך אין פרייבורגער טראַכט.]

22/8, 1912, שולס.

דאָס וועטער איז שלעכט
קיין אויספלוג געמאַכט.
זאָל דיר זיין רעכט
אין פרייבורגער טראַכט
צוויי מיידליך פיין...
געפעלט דיר צי ניין?

יל״פ

278

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

27/8, 1912, פלועלא-האזפּיטיז.

מען פאָהרט אַהיים איבער דאַוואָס, ציריך, בערלין. אין דער היים וועל מיר זיין שבת אָדער זונטאג פריה. יאָ — שרייבען דאָ קען מען נישט!

יל״פ

279

צו יעקב דינעזאָן

(פון אָריגינאַל)

29/8, 1912, ציריך.

אַ גרוס פון אַ ציריכער קנייפּע.

י״ל פרץ

280

צו יעקב דינעזאָן

(פון אַ קאָפּיע)

סוף אויגוסט, 1912.

זיץ איך מיר, ר׳ יעק׳ל, אין האָטעל סיטי אין ציריך, נאָכן פרישטיק, אויף דער צוריק־רייזע פון טאראספּ... זיץ איך מר און טראַכט נאָך, און קלער, און קלער איבער. פערזענליך האָב איך פון די 5 וואָכען אין דער שווייץ, אין אונטערענגאַנדין, צווישען בערג און שניי־בערג, וויזען און משוגענע וואַסער־פאַלען פיעל פערדינט: אַ ביסל אויסגערוהט זיך דעם קאָפּ, אַ ביסל שטאַרקער געוואָרען דאָס האַרץ. אַ מאָדנעם איינדרוק מאַכט אָבער דער פאַקט פון 5 וואָכען אַנדערש לעבען; פון אַ שטיק צייט, וואָס שווימט נישט אַרויס פון געוועזענעם, שווימט נישט אַריין אינ׳ם קומענדיגען: אַ בעזונדערער שטראָם פון שטונדען, טעג און וואָכען, וואָס האָט זיך אַריין און דורכגעריסען, בעוויזען אָבגעבריזט און פאַרשוואונדען... און די אַלטע צייט, די בעשטענדיגע, די יעהרליכע וועט צוריקקומען, ווייטער פליסען. און דו פיהלסט, אַז דאָס בעשטענדיגע איז דאָס ריכטיגע, דאָסווירקליכע; דאָס בוך, וואָס איך שרייב מיט אָפּט־מיעדע נערווען און צערינען בלוט, און דאָס 5־וואָכעדיגע, אַריינגעריסענע איז עפּיס אַ מין משונה׳נער חלום, אַ פערוועגדט־פרעמדער טעקסט, אַ דרוק־פעהלער, אַ מאָדנע קונץ פון הבחור הזעצער...

אַ מענש לעבט מיט אידעען, מיט געפיהלען; מיט מאָמענטען פון ווילען, פון ליעבע און האַס, — פלוצלונג קומט ער צווישען בערג און דאָס אַלץ פאַלט פון איהם בליץ־שנעל אַראָב. די אויגען — פערקוקט אין שניי־פעלדער, אין אויער רוישט דער באַך, שטורמט דער וואַסער־פאַל; עס רייסט זיך אַריין אַ מוזיקאַליש־געשטימט ציעגען־ אָדער קוה־גלעקיל. אַמאָל זיצסט דאָ און אונטער דיינע פיס צופאַרבט זיך אַ רעגענבויגען; נישט אין הימל הענגט ער, רבי, ער לעגט זיך איבער׳ן רוקען פון באַרג, ווי אַ קאָליערטע לענטע, צום פערציערען... דו קוקסט אויף שטילע גרינע בערג, פלוצלונג שווימען פון לעכער און שפּאַלטען טיולענע, לייכט־לופטיגע בענדער אַרויס, האַלז־בענדער, גאַרטלען, נעמען אַזוי ליעבליך אַרום און הייבען זיך און צורייכערען זיך און צופליהען זיך. האָסט געהאַט אַ בלאָהעם הימעל, פליהען זיך שוין אַרום, וואַנדערען, בלאָזען אַרום שטיקער און שטיקלעך וואָלקען, די זון — אַ ברענענדיגע, שווימט זיך איהר וועג, אָט איז זי אין אַ שטיקעל וואָלקען אַריין — עס צוגיסט זיך אין רעגענדיל, עס פאַלט אַראָב גלייך; וואַסערדיגע שנירליך לאָזען זיך אַראָב, אויס וואָלקען־שטיק. דאָן ענדיגט אַזוי אַ צווייטס, אַ דריטס. צווישען

איינעם און דעם צווייטען ברענט אַ זון; און אַט, זי ווערט ווייטער פערטרונקען. דער גרינער באַרג ווערט פיאָלעט סאַמעטען, טיעפער פיאָלעט, נור אַט שליסען זיי זיך די שטיקער וואָלקען. פלוצלונג — עס גיסט; אויף אַ מבול! די זון איז שוין לאַנג פערגעסען. די לופט אָבגעקיהלט. — „גוט — זאָגט דער שווייצער — עס וועט פאַלען שניי, דערנאָך וועט זיין זון.״ און אין דער פריה, דו חאַפּסט זיך אויף. אַ ווייסע וועלט, דער שניי פערדעקט די בערג כמעט ביז צו פיס... אין דער הייך — אַ גאָלדענע זון אינ׳ם בלאָהסטען הימעל... מיטאָג צייט: פון די וואַלדיגע בערג־רוקען איז דער שניי פערשוואונדען, פון אונטערן וואַלד קוקען אַריבער שנייענע בערג־שפּיצען, ווייסע, אָנגעהייער ווייסע... גרויסאַרטיג־שטיל ווייסע.

זעץ דו אַריין דיין ווילען, דיין ליעבשאַפט, דיין האַס, דיינע פערלאַנגען. עס געהט נישט. מען קוקט, מען איז אַ שטילער, זעהר שטילער, אָהן־ווילענ־דיגער צושויער... וואָס האָט צוטהון די וואָהל־פראַגע מיט׳ן שוואַרץ־זעע? נשמות פליהען נאַכט אויף נאַכט אַרויף אין הימעל אַריין און פערשרייבען זייער טאָג... מיאוסע זאַכען, ווערט דער מלאך־הממונה בייז, חאַפּט דעם טינטער און גיט אַ וואַרף, גיעסט זיך אַראָב אַ שוואַרץ־זעע צווישן טאַראַספּ און דאַוואָס. שווימט ער אָב פון צווי קעגענאיבערדיגע זייטען; רעכטס אַראָב — צוריק קיין טאַראַספּ, לינקס אַראָב — ווייטער קיין דאַוואָס. וואָס האָט עס צוטהון מיט׳ן דאָקטאָר בייער? מיר פאָהרען מיט׳ן טראַקט, רעכטס, אינ׳ם באַרג־רוקען, — אויסגעהאַקטע גאַלערעען מיט ליכטער אַרויס... וואָס איז דאָס? ווינטער איז דער טראַקט געפעהרליך, באַרג־אָב לאָזען זיך לאַווינען פון שניי. הערסט עפּיס אַ געראויש פון דער הייך? לויף שנעל אַריין דורך אַ ליכט אין דער גאַלערעע. די לאַווינע לאָזט זיך אַראָב, זי וועט דיך פערשיטען אין דער שטיינערנעם קבר. זיי דאָרט רוהיג. די לאַווינע וועט זיך אָבזעצען, די טראַקט־אַרבייטער וועלן קומען און דיך אויפגראָבען; וואַרים וועט דיר זיין אונטערן שניי.

און אַ יונגער בערג־מאַן אינ׳ם פּאָסט־וואָגען פערצייהלט:

— ווינטער, איך און נאָך איין עלטערער הערר האָבען פערלאַנגט אַ פּאָסט־שליטען מיט פערד קיין דאַוואָס. מען האָט אונז קוים געגעבען. גע־פעהרליך געווען. געגעבן אָהן אַ שמייסער, איך, האָב איך פערזיכערט, קען „אָנטרייבען״, קען דעם וועג.

ער פערצייהלט נישט מיר. און רעכטס און לינקס ביים טראַקט — הויכע, הויכע שטאַנגען, וועג־ווייזער, וואָס זאָלען ווינטער שטאַרען איבערן שניי, און נישט לאָזען אַראָב פון טראַקט אין טאָל, אין אָבגרונד אַריין. די שטאַנגען שאָקלען זיך, גלייך זיי מאַכען מיט די קעפּ, בעדויערענדיג און חוזק־מאַכענדיג פון אַ מענטש, וואָס „קען דעם טראַקט״, וואָס קען אָנטרייבען און שפּילט זיך

מיט לאַווינען... דער שווייצער פערצייהלט ווייטער, איך הער, האַפּענדיג איינצעלנע ווערטער און שטויס מיך צו די רעשט:

— פלוצלינג — אַ שאַרך פון דער הייך, פון שפּיץ באַרג. איך פערשטעה. איך גיב מיט דער גאַנצער קראַפט אַ ציה די מיטעל־לייץ, דאָס פערד גיט אַ ריס אַרויף דעם קאָפּ, און דער קאָפּ בלייבט שוין איבערן שניי. די לאַווינע איז אַראָב, האָט אונז שוין אַראָבגעשליידערט. דער שליטען — פערדעקט. איין מיטרייזענדער אין גאַנצען פערדעקט מיט שניי, דער פערדס־קאָפּ שנויבט, האַפּט לופט... איך בין אין שניי ביז׳ן גאַרטעל״...

נור ער בעמערקט, אַז די אין וואָגן, וועלכע ער האָט פערצייהלט, זענען איינגעדרימעלט, איינגעוויעגט פון שטילען ווינטעל פון טאָל.

— „קוים אַרויסגעצויגען!״ — וואַרפט ער מיר, דעם פרעמדען, צו, און האַקט אָב, און פעררויכערט אַ לאַנגען, דינען עסטרייכער, נאָכ׳ן אַרויסציהען די שטרוי, און פּיפּצט און דרימעלט אויך איין. און פלוצלינג ווערט קאַלט. מיר זענען אַרויף אויפ׳ן פליעלאַפּאַס, צוויי־טויזענד מיט הונדערט מעטער אין דער הייך. אַלע עפענען די בלאַסע אויגען, ציהען זיך איין, מאַכען צוריק די אויגען צו. דער יונגער בערג־מאַן דעקט זיך נישט איבער, גיט עטליכע שטאַרקערע פּיפּיץ פונ׳ם עסטרייכער, דרימעלט ווייטער איין. ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעראַטעוועט זיך, זיין מיטרייזענדען און דאָס פערד מיט׳ן שליטען, ווייס איך נישט: די לאַווינע האָט זיי אַראָבגעוואָרפען פון טראַקט אין טאָל אַריין... דעם שליטען האָבען זיי געמוזט אַרויפטראָגען.

ענדליך — פליעלא, איין איינזאַם הויז בעוואָהנט נור זומער. פון אַלע פאָסט־וועגען שפּרינגט מען אַרויס, מאַנכע קריכען אויך אַרויס — פערשטאַרטע פּיס. אין גאַסט הויז אַריין. אַ געררופעריי: טעע, קאַפּע, בוליאָן, גליה־ווייז... ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, ראָמאַניש, און אַלע האָבען איין פערלאַנג: עפּיס וואַרימס! אָהן אויסנאַם־געזעצן, דער טיש פּאַר אַלע...

גענוג. עפּיס איין אַנדער וועלט. כ׳בין אָבער שוין אין ציריך. שבת, צו זונטאָג אין דער פריה — אין וואַרשוי. צוריק די אַלטע וועלט... רעגענבויגענס און וואָלקען, ווייט, ווייט אין דער הייך איבערן קאָפּ. רבי, איך גלויב: דער רעגענבויגען הענגט אין הימעל. איך זעה דאָך, יענץ איז אַ חלום געווען... וואָס רוישט אין דרויסען? די וואָהל־קאַמפּאַניע, נישט קיין וואַסער־פאַל, נישט דער זילבערנער משוגע צופלאַסענער באַך... מענשען טראָגען שוין קיין גע־נאָגעלטע שוה, — אָבער שטיוועל דאַרף מען, גרויסע, שטאַרקע, אַריבערצוגעהן איבער דער שמוציגער בלאָטע...

זיי געזונד...

עס איז טרויעריג —

דיין יל״פ.

281

צו יעקב דינעזאָן

(פּונעם אָריגינאַל)

בערלין, 31.8, 1912.

ידידי ר׳ יענקל —

איך בין געווען אויפן וועג — טרעף וואָס? — באַנקיער! פערבאָרג אַנדערע געלד! צינד פעהלט מיר. נעם איך ביי ה׳ לעוויט 200 (צווייהונדערט) מאַרק און איך בעט דיך, שיק זיי טעלעגראַפיש לויט אַדרעסע:

וו. לעוויט, בערלין וו. 50

די צווייהונדערט מאַרק

דיין יל״פ

282

צו ש. ראַטנער אין בענדין

[י. ל. פּרץ האָט געשריבן דעם בריוו צו ש. ראַטנער, פאָרזיצער פון בענדינער „הזמיר". בענדין איז געווען א גרענעץ-שטאָט, און פּרץ האָט געבעטן העלפן ש. אַנ-סקין אַריבערגיין די גרענעץ. ש. אַנ-סקי האָט זיך, משמעות, מיטן בריוו נישט באַניצט. דער בריוו איז געשריבן אַרום 1913-1914.]

ליבער ה׳ ראַטנער, דער אָפּגעבער פון דעם דאָזיקן בריוו איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי ה׳ אַנ־סקי, דער רוסיש־יידישער, אייגנטלעך דער יידיש־רוסישער ליטעראַט. הייסן הייסט ער ראַפּאָפּאָרט און איז זייער אַ וואוילער ייד און האָט אַ וויכטיק כלל־ישראל־געשעפט אין אויסלאַנד און — צו ווייניק צייט. ער זאָל באַקומען אַ ריכטיקן פּאַספּאָרט. אַזוי ווי דאָס איז אַ ייד מיט אַן אינערלעכן פּאַס, רעכן איך, וועט נישט שווער זיין צו באַקומען פּאַר אים אַ האַלבן פּאַס אויף אַריבער די גרענעץ, אַ זאַך, וואָס עס קומט יעדן ע״פּ דין, אויב מען האָט קיין פּראָטעקציע נישט. על כן בעט איך אייך אין זיין, מיין און כלל ישראלס נאָמען, איר זאָלט אַזוי גוט זיין און העלפן דעם ייד... איר אַליין קענט אים געוויס פון דער ליטעראַטור און פּיליכט געהערט, אַז ער פאָרט אַרום אין שליחות וועגן אַ יידישן מוזעאום.

איך בין אייך נישט מחויב צו דאַנקען פאַר דער טובה, וואָס איר וועט טון, ווייל איר זייט אַ מחותן מיטן כלל ישראל, ווי איך, אָבער דאָך — איך דאַנק אין פאָראויס און וויל אייך אַן עצה טובה געבן: באַשטעלט ביים ה׳

אַנ־סקי אויף צוריקצוציִען אַ רעפעראַט פאַרן „הזמיר". ער איז אַ זייער אינ־טערעסאַנטער, אויסגעצייכנטער רעדנער.

מיט אַכטונג

זייער געערטע מאַדאַם ראַטנער. י. ל. פרץ

איך האָב בענדין נישט פאַרגעסן. נאָך נישט. ערשטנס — אייערע זיסע פיש ליגן מיר נאָך אין טעם. צווייטנס, טוט מיר נאָך דער פוס ווייַ פון קלאַפּ אויף די טרעפּ ביים פאַרזיצער פון הזמיר, וואָס האָט גלאַטע גראַמעז און גליטשיקע טרעפּ. און דריטנס — און דאָס איז דער עיקר — די דאַמען! נאַטירלעך, איר און אייער שכנה פון איבער אייך פאַרנעמען דעם אויבן־אָן. אָבער וואו זענען די פאָטאָגראַפיען? זעט, אַ גוטער איך בין: איך שיק פאַר־אויס. זייט געזונט. גריסט אייער קינד און אייער שכנה און האַלט וואָרט.

דער זעלבער

283

צו דער וואַרשעווער גמינע

(פון פויליש)

[די דאָזיקע ווענדונג־„זאַפּיסקע" איז אַן ענטפער פון י. ל. פרץ אויף אַ בריוו־אָנקלאָג פון אַדאָלף פערעטץ צו דער וואַרשעווער יידישער גמינע־פאַרוואַלטונג. אין זיין בריוו, פון 11טן נאָוועמבער, 1912, האָט אַ. פערעטץ געמאַכט אויפמערקזאַם דער גמינע־פאַרוואַלטונג, פאַרוואָס אירע אַנגעשטעלטע פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישער אַגיטאַציע (בעת די וואַלן צו דער „גאָסודאַרסטווענע דומע"). דעם 18טן נאָוועמבער האָט אַ. פערעטץ אַ צווייט מאָל זיך געווענדט אין דער גמינע מיט אַ טענה, פאַר־וואָס מ'נעמט נישט אין אַכט זיין ערשטע ווענדונג, און ווען עלבער ער האָט פּראָלאַנגט, אַז די גמינע זאָל אין דער אינסטרוקציע, וואָס פאַרפליכטעט די באַאַמטע פון גמינע־פאַרוואַלטונג, אַריינטראָגן אַ פאַראָרדנונג, לויט וועלכער „עס איז פאַרווערט די נאָמינירטע באַאַמטע צו פירן אַ פאַרטיי־אישע אַגיטאַציע". די גמינע האָט דאַן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַ־טראַכט אַ. פערעטצעס בריוו. — פרץ איז געווען אויפגעטראָגן פון אַ. פערעטצעס האַנדלונג און זיך געווענדט צו דער גמינע מיט דער פאָלגנ־דיקער „זאַפּיסקע" אין פויליש. — מיר ברענגען דאָ אַ געניע איבער־זעצונג.]

צו דער פאַרוואַלטונג פון דער גמינע פון סטאַראָזאַקאָנניך

פון דעם מיטאַרבעטער פון פאַרוואַלטונגס־ביוראָ

„זאַפּיסקאַ"

אין דער צייט פונם וואַל־קאַמף, האָט די פוילישע צייטונג „קוריער פּאָ־ראַנני" געשריבן, אַז אין די רייען פונם קעמפנדן יידישן נאַציאָנאַליזם געפינען זיך צוויי באַאַמטע פון דער גמינע־פאַרוואַלטונג, און צי זיי זוכן פאַר זיך שוין אַן אַנדערע באַשעפטיקונג.

„דאָס פאַרזייטע קערנדל פון בירגערלעכער פרייהייט האָט געטראָפן אויף אַ גוט־צוגעפּאַסטן באָדן — אויף דער גוטער באַנק־ערד („טשיאַרנאָזיעם באַנקיערסקי”) פונם ה׳ אַדאָלף פּערעטץ, און עס האָט אַרויסגעגעבן פרוכט אין דער פאָרם פון זיין בריוו, געשריבן אין נאָמען פון נישט־דערמאָנטע פּער־זאָנען פון דער גמינע־פאַרוואַלטונג, אין וועלכן עס ווערט פאַרלאַנגט אַרויס־צוגעבן אַ רעגולאַמין, וואָס פאַרווערט די באַאַמטע פון דער ביוראָ אָנטייל צו נעמען אין פאַרטייאישע פּאָליטישע אַרבעטן.

„ווייל, — מאָטיווירט דער ה׳ פּערעטץ זיין געזעצגעבערישן פאָרשלאַג, — זיי וועלן נישט קענען זיין אָביעקטיוו אין דער באַציאונג צו די אינטערעסאַנטן, וואָס ווענדן זיך צו זיי.

„די גמינע־פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט קיינמאָל נישט פאַרווערט אירע אָנ־געשטעלטע אויסצופירן זייער פּאָליטישע אַרבעט ווי מיטגלידער פון קרייזן, מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן פון צייטונגען פון אַ געוויסער ריכטונג.

„די גמינע־פאַרוואַלטונג, ווייסנדיק אויסגעצייכנט, אַז ס׳איז נישט פאַר־געקומען קיין שום פאַל פון פאַרטייאישער איינזייטיקייט, און זייענדיק איבערצייגט, אַז אַזאַ פאַל וועט קיינמאָל נישט פאָרקומען — האָט דאָך זיך באַראָטן איבער דעם אויבנדערמאָנטן פאָרשלאַג: דערביי האָט זי אויף דער זיצונג פון דער פאַרגאַנגענער וואָך, פאַר דעם אָפּלייגן פון דער זאַך צוליב דעם פעלן פון דריי מיטגלידער פון אַ געוויסער פאַרטיי, מודיע געווען די פאַר־זאַמלטע, אַז דאָ גייט אין אונדזער ה׳ פּרץ.

„אַזוי איז אַנטשידן געוואָרן דעם ה׳ א. פּערעטצעס כוונה. ווייל איך געהער נישט צו קיין שום פאַרטיי, אַזוי צילט מען שוין אין מיין פרייהייט אַלס מחבר, און קעגן דעם מוז איך פּראָטעסטירן.

„נעמענדיק אין אַכט, אַז מיין פאַרהעלטעניש צו דער גמינע־פאַרוואַלטונג איז אויסשליסלעך נאָר אַ פאַרהעלטעניש פון אַן אָנגעשטעלטן צו זיין ברויט־געבער, אַז אַזאַ פאַרהעלטעניש גיט נישט דעם ברויט־געבער קיין שום רעכט אויף צו באַגרענעצן די רעכט און איבערצייגונגען פונעם אַרבעטער אויסער דעם אָרט און צייט פון דער אַרבעט, אַז ביים שליסן דעם אָפּמאַך מיט העכער 20 יאָר צוריק, איז פון אַזאַ מין באַגרענעצונג קיין שום רייד נישט געווען, אַז נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך, קען נישט קיין מאָדיפיקאַציע אָדער דערגאַנצונג אָפּהענגיק זיין בלויז פונעם ווילן פון איין צד, —

„האָב איך דערמיט דעם כבוד צו דערקלערן דער גמינע־פאַרוואַלטונג, אַז איך האָב נישט בדעה זיך אונטערצוואַרפן קיין שום פון אויבן־אָנגעוואָרפענעם רעגולאַמין.

מיט געהעריקער אַכטונג

י. ל. פּרץ

284

צו דוד בערגעלסאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[די דריי בריוולעך, וואָס קומען דאָ, זיינען געשיקט אין 1913 צו דוד בערגעלסאָן, וועלכער האָט דאַן רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „די יודישע וועלט", פאַרלאַג ב. קלעצקין. — פרץ האָט פאַרעפנטלעכט שפּעטער אין „די יודישע וועלט" „מיינע זכרונות", וואָס האָבן זיך געדרוקט אין המשכים.]

ליעבער בערגעלזאָן,

איך שיק אייך איין אבצוג פון אַ זאַך, וואָס געהט אַריין אין אַ ניי בוך, וואָס וועט ערשיינען ערשט אין אַ פּאָר מאָנאַט. —

אייער צווייטער בריעף איז געווען נישט נויטיק, ד׳בין איינפאַך צו פערנומען אונ אַ ביסל, פיללייכט דעריבער, פויל.

זייט געזונד

י. ל. פרץ

285

צו דוד בערגעלסאָן

(פונעם אָריגינאַל)

איין עולה, וואָס איך בעקום די ערשטע, נישט די צווייטע קאָרעקטע.

אונ פיללייכט ווילט איהר טהון נאָך איין עולה אונ נישט ענדיקן אינ׳ם בוך דעם פרק?

איי... איי... איי...

286

צו דוד בערגעלסאָן

(פונעם אָריגינאַל)

25 מערץ, 1913, וואַרשע.

ליעבער בערגעלזאָן,

איך האָב, ליידער, גאָר נישט, איך רעכען, אַז חה״מ וועט עפּיס ווערען. „וועגען זיך אַליין" האָב איך נישט אויפצושרייבען, איך שרייב קיין פאָרלעזונגען נישט אויף.

נישט אָבער צוליב דעם שרייב איך דאָס קאַרטעל.

נור אַט וואָס.

איך לעז אייער ראָמאַן *; עס איז סחורה...

זייט געזונד און שטאַרק, באַלד נאָך יום־טוב וועל איך אפשר האָבן וואָס צו שיקען, וועט זיין צום 5־טען ביכעל...

קומט איהר נישט קיין וואַרשוי?

אייער יל״פ

איך וויל די „יודישע וועלט״ זאָל מען איינבינדען, איז מיר דאָס ערשטע בענדיל פערלוירען געגאַנגען, אונ וואָהנען וואָהן איך וייט פון פערלאַג. קענט איהר מיך [מיר] עס נישט שיקען?

287

צו ש. ניגער

(פון א קאָפּיע)

[די וויטערדיקע 5 בריוו צו ש. ניגער באַציען זיך צו דער צייט 1913-1914, ווען ש. ניגער האָט רעדאַקטירט „די יודישע וועלט", אין פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע.]

ליעבער ה' ניגער

איך האָב אייך אויף אייער בריעף נישט געענפערט, ווייל — ווייל מיר שטעהען אויף פערשיעדענע שטאַנדפונקטען. איהר — פון קאַפּעלמייסטער, וואָס זוכט אינסטרומענטען אין קאַפּעלע אַריין; איך — פון סאָליסט, וואָס לאָזט זיך פון קאַפּעלע בעגלייטען... אַלזוי — גאָר נישט. איך וועל שיקען, וואָס איך וועל וועלען, און אויב עס וועט אייך ניט לוינען, וועט איר צוריק שיקען און מיר וועלן ווייטער לעבען בשלום. אַ יאָ?

אָבער ווייסט איר, ווער עס שרייבט, למשל, „באַשטעלען״ און נישט „בע־שטעלען״? אַ טויבער, וואָס הערט ניט דעם אונטערשיעד פון קלאַנג און דערביי אַ בלינדער, וואָס זעהט נישט. דאָס ביי „בעשטעלען״ ריהרט מען קוים מיט די ליפּען און ביי „באַשטעלען״ ענדערט מען זיי ווי אַ שלייען אויפן פיש־ברעטיל...

דאָס מאַכט אָבער אויך נישט אויס...

אייער „עבודה זרה״ (פון כשרן יודיש געמאַכט), אייער ווילנער בית־המקדשל (קלייזעל) און אייער כהן־גדול פון שפּראַך־קענטעניש און אַרטאָ־גראַפּיע...

מען וועט דאָס נאַרישקייט אויך איבערלעבען, מיט גאָטס הילף.

י. ל. פּ.

* ד. בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען״.

נשמה און גיהנום

(הומאָרעסקע.)

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

288

צו ש. ניגער

(פון אַ קאָפּיע)

ליעבער ה׳ ניגער,

איינפערשטאַנדען, נאַר מיטן בעדינג, איהר זאָלט מיר תיכף ומיד אָב־שיקען אויף דינעזאָנס אַדרעס דעם ליטווישן מלמד.* אָבער תיכף ומיד, ווייל איך מוז אים אַוועקשיקען תיכף ומיד.

וואָס אַנבעלאַנגט דעם רעליעף,** טהוט ווי איהר ווילט. גריסט זיך, קלעצקינען און אַלע גוטע לייט.

וועגען מוזעאום*** האָב איך ערשט וואָס געשיקט אין „היינט" אַריין אַ „ווינקעלע".**** צי ער וועט דרוקען, ווייס איך נישט.

אייער י. ל. פרץ

289

צו ש. ניגער

(פון אַ קאָפּיע)

ליעבער ה׳ ניגער,

איך שיק אייך גלייכצייטיג איינגעשריבען דעם צווייטען אָבנישט „זכרונות". עס מוזען זיין פיעל גרייזען. איך בין מיעד געוואָרען איבערשרייבענדיג און איר איילט. מוזט איהר מיר דורכאויס שיקען אַ קאָרעקטע. איך וועל זי אייך נישט האַלטען: תיכף צוריקשיקען.

איך האָב אייך צוריק געשיקט די ערשטע קאָרעקטור צום בוך. אַ שען ביסל גרייזען געווען. —

למען השם, פעררירכטען די מאַטריצן. — אייער י. ל. פ.

אַ הערצליכען גרוס אייך, ליעבער ש. ניגער, וואָס הערט זיך מיטן פנקס *****?

זייט מיר געזונד און שטאַרק

אייער דינעזאָן

---

* אַ דערציילונג, וואָס פרץ האָט צוגעשיקט פאַר דער „יודישע וועלט".

** אַ רעליעף פון י. ל. פרץ, וואָס „די יודישע וועלט" האָט געוואָלט געבן אַ רעפּראָדוקציע דערפון.

*** אַ יידישער מוזיי, וואָס איז דאַן געפּלאַנט געוואָרן און וואָס ס׳איז אָנגעגאַנגען וועגן אים אַ פּאָלעמיק אין דער פּרעסע, וואו ער זאָל געגרינדעט ווערן, אין פּעטערבורג אָדער אין אַ מער יידישער שטאָט.

**** פּרץ האָט אין „היינט" דאַן געהאַט אַ שטענדיקע אָפּטיילונג מיטן נאָמען „מיין ווינקעלע".

***** ש. ניגער האָט דאַן געגרייט דעם „פנקס", „יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָ-גראַפיע". דערשינען אין 1913 אין פאַרלאַג ב. קלעצקין.

290

[צושריפט]

צו דער רעדאַקציע „יידישע וועלט״

(פון א קאָפּיע)

געערטע רעדאַקציע.

איך רייס איבער די „זכרונות״ אין אייער זשורנאַל. בעט דורכאויס זאָגאָר דעם פרק נישט צו ענדיגען און מיר אָבצושיקען דאָס מאַנוסקריפּט: דעם האַלבן פרק און דעם צוגעשיקטן גאַנצן. —

איר קענט דרוקן איין ערקלערונג, אַז דאָס איז איבערגעריסן דורך אַ סיבה פון איך נישט אָבהענגיג.

מיט אַכטונג
י. ל. פּרץ

291

צו ש. ניגער

(פון א קאָפּיע)

ליעבער ה׳ ניגער,

אייער בריעף האָט מיך געברענגט אין פערלעגענהייט; איך ווייס נאָך נישט, וואָס איך צו ענטפערען.

די מעשה איז פשוט:

שוין פאַר וואָכען און חדשים האָב איך אייך געשריבען, אַז אויב איר וועט מיר טהיילען די פרקים, וועל איך מוזען אויפהערען ביי אייך צו דרוקען די זכרונות.

איהר האָט, נישט אַכטענדיג דערויף, ווייטער געטהיילט...

הער קלעצקין האָט מיר אין סטאַרעוואָ געזאָגט, אַז די זכרונות מוזען זיך ענדיגען ביז נייי־יאָר און איהר טהיילט נאָך.

וואָס האָב איך צו טראַכטען? טראַכט איך אין מיין פּראַקטיקייט די זכרונות זענען פאַרן זשורנאַל קיין עסק נישט, נאָר מען שעמט זיך אָבצוזאָגען... האָב איך אָבגעזאָגט.

שרייבט איר וועגן צאָרן און שטראָף,ביידע זענען מיר צו ווייט, צו נישט פערשטענדליך. און געוואוסט האָב איך: יד דינעזאָן באמצע, ער האָט מיט די אייגאַלעך געפינטעלט. פערשטעה איך: ער שרייבט אונטער מיינע פּלייצעס...

האָב איך געשוויגען.

פאַרוואָס שרייב איך יעצט? איך וויל, —

ערשטענס, איהר זאָלט פערשטעהן, אַז איך גיב די אַרבייט אין פּרקים, ווייל דאָס איז שוין די פאָרם, אין וועלכער זיי גיסען זיך מיר אויס, און טהיילענדיג, מאַכט איהר מיך איינפאַך מבולבל און איך רעכען, דעם לעזער נאָך מער.

דאָן צווייטענס —

צו קענט איהר נישט ביי דער קאָרעקטור צושיקען דאָס מאַנוסקריפּט. מען מאַכט ביי אייך אַזוינע גרייזען, אַז איך קען גאָר אויף זיי נישט פאַלן; איינפאַך געניאַל! מוז איך איבערשרייבען, מאַך איך לאַטיס; שוין נישט אין גיס...

און נאָך אַ מאָל:

קיין רגע פון צאָרן, פון שטראָף; דאָס וואָלט געווען נאַריש, און איך בעליידיג מיך, אויב מען האַלט מיך פאַר אַ נאַר. —

אייער יל״פ

גריסט. וועמען — פערשטעהט איהר אַליין. אַנהייבען וועט איהר געוויס ביי אייער פרוי?

292

צו יעקב דינעזאָן

(פונעם אָריגינאַל)

[דאָס פּאַסט-קאַרטל איז געשריבן דורך פּרצן פון וואַרשע צו י. דינעזאָן, וועלכער איז דאַן געווען אין פּינסק. פּרצ׳ס פּרץ איז דאַן געווען אין אויבלאַנד און נישט געקענט זיך אַדורכרייסן דורך די פּראָנטן קיין וואַרשע. אין וואַרשע זיינען שוין דאַן געווען די היטלאָזע, און עס איז געווען אַ דוחק אין עס-פּראָדוקטן.]

וואַרשע, 30 אָקטאָבער, 1911.

ליעבער יעקב,

„נור שרייב״! נו, שרייב איך אַ קאַרטעל. פון וואַרשוי זענען פערמאַכטע בריעף נאָך נישט זיכער. אונ וואָס זאָל איך דיר שרייבען? פון העלענען האָב איך נאָך קיין בריעף. איך האָב שוין דאָס דריטע מאָל געלד געשיקט... עס איז משוגע צו ווערען. — אָבער ייי עס זאָל נישט זיין, בלייבען אין פינסק איז אַ ביסל קראַטיש. דו דאַרפסט דורכאויס אַ היים קומען. עס פּאַסט נישט. יאַנעק אַרבייט מעשים, אַלע שטובען איבערגעקעהרט, אַלע כּאָרהאַנגען איהער־געהאַנגען; העגגער אויף באַרשטען געמאַכט...

ברענג דורכאויס, אָדער ווען דו בלייבסט שיק פּראָוויאַנט. וואָס דו קענסט. עס חאַפּט מיך אָן אַ שרעק וויפיל „ניר חלק" * עס בלייבט נאָך. אַהאַ: שרייבען שרייב איך דיר פון גמינא, וואו די טינט פליעסט נישט, צייט פעהלט נישט אונ אַ גערודער פון איין גיהונם. יודען און יודעניס פערצייהלען פון צרות צרורות. אַ מאָדנע פאָלק — עפּיס איז ביי איהם אַלץ אַזוי נאַטירליך. —

וואָס דער עיקר איך מיין פאַר אַ פּראָוויאַנט, פערשטעהסט דו אַליין. קאָמפּראָמיטיערען נאָך אַמאָל וויל איך דיך נישט.

דיין
יל"פ

293

צו ד"ר דוד טויבש און ד"ר פייוול שטערנבערג

[דער בריוו איז געשריבן אָנהייב 1913 צו ד"ר דוד טויבש און ד"ר פייוול שטערנבערג. אויפן קאָנווערט — אַדרעס פון לייבל טויבש. פּרץ איז דאַן געפאָרן קיין ווין, וואו דעם 8טן פעברואַר 1913 האָט דער אַקאַדעמישער פאַריין „חירות" און די ווינער גרופּע „פּועלי-ציון" איינגעאָרדנט אַ פּרץ-אָוונט, דעם ערשטן פאָרטראָג לכבוד י. ל. פּרץ האָט געהאַלטן ד"ר נ. בירנבוים, וועלכער האָט צווישן אַנדערן שטאַרק קריטיקירט דאָס גייסטיקע לעבן פון די יידן אין מערב-אייראָפּע. ווי דאָס וואָכנבלאַט „דער פריינד", נומ' 46 פון 22טן פעברואַר 1913, טיילט מיט, האָט י. ל. פּרץ אין זיין גלענצנדן פאָרטראָג באַלויכטן די פראַגע וועגן יידיש. „יידיש איז די וואַנדער-שפּראַך און די בילדונגס-שפּראַך פון ניין מיליאָן יידן — האָט ער געזאָגט. — ווען דאָס פאָלק זאָל אויפגעבן די שפּראַך פון פּראָסט-מאַמע לשון, וועט דאָס זיין מיט אַנדערע ווערטער דער באַנקראָט אונזערער. די יידישע אויפלעבונג איז דאָס שטרעבן אַרויסצוגראָבן פון אונדזער נשמה אַלע די אוצרות, מיט וואָס מיר קאָנען און ווילן נאָך באַרייכערן די מענטשהייט." פּרץ האָט ווייטער גערעדט וועגן דער יידישער וועלט-אַנשויאונג, וואָס איז „געבויט אויף דריי גרונט-אידייען: אויף דער אחדות אין דער נאַטור, אויף צוועקמעסיקייט און גערעכטיקייט". דער דערפאָלג פון דער רעדע דערציילט דער „פריינד" — איז געווען זייער אַ גרויסער. נאָכן פאָרטראָג האָבן די ווינער יוגנט און אינטעליגענץ געמאַכט י. ל. פּרצן און ד"ר נ. בירנבוימען אַ באַנקעט, וואו מען האָט זיי באַגריסט מיט באַגייסטערטע רעדעס.]

ליעבע הערן שטערנבערג און טויבעש,

אייער בריעף פון 11 ד. מ. פרייט מיך זעהר. אָבער יעצט קומען קיין לעמבערג איז מיר גאַנץ אונמעגליך; איך בין דאָך אַ פערנומענער, פערקויפטער מענש. עס בענקט זיך אין אַלע זייטן צו יודישע שטעט און שטעטליך, ריהרען

---

* גלאַט פּאַפּיר.

פון אָרט קען מען זיך נישט. איך האָב אַפילו וויען שוין געהאַט אָבגעזאָגט, האָבן זיי מיר אָבער געשריבען, אַז איך מאַך זיי גרויסע היזקות, מוז איך שוין, ווי עס איז, וויען איבערהאַפּען. ווייל זונטאָג פריה מוז איך דורכאויס צוריק זיין אין וואַרשוי, אַלזאָ פון וויען קיין לעמבערג — גאַנץ אונמעגליך. לעגט עס אָב אויף הערבסט, ווען איך בעקום אורלויב און פאָהר אַרויס קיין אויסלאַנד, דאַן — מיט דאַנק!

גלייכצייטיג מיט אייער ז. איינלאַדונג, האָב איך אויך בעקומען איינלאַדונגען פון קראָקוי, ליעזש, פּאַריז א. ד. ג.; אַ פול מויל וואַסער, — וואָס העלפט אָבער אַפּעטיט?

קענט איהר נישט, ליעבע הערן, זיך דורכשרייבען אויף הערבסט מיט די און אַנדערע שטעט? וואָלט מיר לייכטער געווען די אויסגאַבע, זיך צו וויזען און צו זעהען!

זייט געזונד און געגריסט, מיט אַ בעזונדערן גרוס פיר הערן טויבעש, (געדענקט איהר נאָך דעם הייליגען קאָנגרעס *?). ווי געהט עס אייך, ה׳ טויבעש —

אייער
י. ל. פּרץ

י. ל. פּרץ, וואַרשוי, יערוזאַלימסקאַ 80.

294

צו מאָריס ווינטשעווסקי

(פון אַ קאָפּיע)

ליבער ה׳ ווינציעווסקי: [1912.]

איך שרייב אייך צום ערשטן מאָל. קען איך אייך אָבער זייער לאַנג. וואָס איך טראַכט וועגן אייך, וועט אייך דער איבערגעבער, דער יונגער קאָלעגע הירשביין איבערגעבן. דער יונגער קאָלעגע ברויך מאָראַלישע הילף, און איך בין געצווג דרייסט בטבע, און האָב אים אייער הילף פאַרשפּראָכן.

אייער
י. ל. פּרץ.

295

צו מאָריס ווינטשעווסקי

(פון אַ קאָפּיע)

ליבער ווינטשעווסקי!

איך האָב הירשביינען נאָר געזאָגט מיין מיינונג וועגן אייך. פון וואַנען

---

* געמיינט די שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ (1908), וואו פּרץ האָט זיך געטראָפן מיט לייבל טויבעש, דעם פאָטער פון ד״ר דוד טויבעש.

איך האָב זי געהאַט? גיי ווייס. געלעזן, געהערט, דערפילט. דערפילט אַז איר זייט איר און אַנדערע — אַנדערע.

און וואָס אָנבאַלאַנגט מיין האָס צו בריוו, איז עס, נאַטירלעך, אַ קראַנקהייט. איך רעכן אָבער, אַז יעדער עלטערער שרייבער, וואָס ווערט פאַרוואָרפן מיט אומניצלעכע „שלום לאהובי" בריוולעך, אין וועלכע עס גייט נאָר צו באַקומען אַ תמונת אות פון אַ „שרייבער", צו ווייזן דעם חתן, דער כלה אָדער גלאַט אַזוי — לייטן, און מיט בקשות, פון יונגע און אַלטע גראַפאָמאַנען, וואָס פאַר־לאַנגען הסכמות אָדער „אורטיילן" צי זיי האָבן טאַלאַנט און אויסער דעם, נאָך איינלאַדונגען צו מיטאַרבעטן אין קקיון דיונהלעך פון איישישאָק און האָצי־פלאָץ, אַ חוץ גלאַט אַזוי אַ בריוול, אַ קאַרטל; אַ געבעט, איינשיקן ביכער, ווייל מען שמאַכט און מען האָט נישט — מוז יעדערער אַלטער שרייבער מיט דער צייט ווערן אָפּהענדיג, נישט קענען ענטפערן, נישט וועלן לעזן —

האָט דאָס אָבער גאָר נישט צו ווינטשעווסקין — און וואָס אָנבאַלאַנגט דער זאַך אַליין, וועט שוין שרייבן דינעזאָן, אונדזער דינעזאָן; מיר איז שווער פון די זאַכן צו שרייבן, צו טראַכטן...

אייער י. ל. פרץ

296

צום יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

[אין אַ דאַטע, אין ערך 1912.]

ליעבע, ליעבע פון אידיש נאַציאָנאַלען אַרבייטער־פאַרבאַנד.

דעם שענסטען טאָג פון מיין לעבען האָב איך אייך צו פערדאַנקען; דעם שענסטען און גליקליכסטען. קיין שענערע אונ' גליקליכערע בשורה איז מיר נאָך קיינמאָל נישט אָנגעזאָגט געוואָרען. ווי איהר אין אייער האַרציגען בריעף האָט עס געטהון. דער בריעף איז אויך דער שענסטער, וואָס אַ מענש קען פון דער יודישער וועלט בעקומען. איך וועל ביי אייך קיין פינף דאָלאַר נישט נעמען. קויפט פאַר זיי קינדער־ביכליך און צעשענקט אָרימערע קינדער.

זאָלט איהר אונ די קינדער „אייערע" ווערען געטרייסט, ווי איהר האָט מיך געטרייסט צום נייעם יאָר... אונ וועט איהר מיר פון צייט צו צייט שרייבען וועגען דעם גאַנג פון אייער הייליגסטער אַרבייט, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין אָהן אַ שיעור.

גריסט אַלע קינדער!

אייער איבערגעבענסטער

אויב מעגליך, לעזט זיי פאַר מיין בריעף. — י. ל. פרץ

297

צו דער „דזשואיש פּאַבליקיישאָן סאָסייעטי“ אין פילאַדעלפיע

[אין יאָר 1906 האָט די פילאַדעלפיער „דזשואיש פּאַבליקיישאָן סאָסייעטי“ אַרויסגעגעבן אין דער איבערזעצונג פון העלענא פראַנק אַ באַנד פּרצעס דערציילונגען.

אין 1913 האָט די געזעלשאַפט געפייערט איר 25-יאָריקן יובל און זי האָט צו אַלע מחברים און מיטאַרבעטער פון די שריפטן, וואָס דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, אַרויסגעשיקט פאַרבעטונגען צו די יובליי-פייערונגען. אויך פּרץ האָט אַזאַ איינלאַדונג באַקומען. ער האָט אַרויס-געשיקט אַ שריפטלעכע באַגריסונג.

די דאָזיקע באַגריסונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ענגליש (דער אָריגינאַל איז מסתמא געווען אין העברייאיש) אין דעם באַריכט-בוך וועגן די פייערונגען און אויך איבערגעדרוקט געווען אין דעם יאָרבוך וואָס די געזעלשאַפט גיט אַרויס.*

אויף דער דאָזיקער פייערונג האָט מען געהאַלטן פאַרשיידענע רעדעס. די הויפּט-רעדע האָט געהאַלטן דער ראַבינער ד״ר שמואל שולמאַן פון ניו-יאָרק. ער האָט געגעבן קורצע אָפּשאַצונגען פון די שרייבער און די ווערק, וואָס דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן. צוקומענדיק צו פּרצן האָט שולמאַן ראשית-כל באַמערקט, אַז די „דזשואיש פּאַבליקיישאָן סאָסייעטי“ האָט ניט געקאָנט פאַרבייגיין דעם פאַקט, וואָס „יידיש איז אַ לעבעדיקע שפּראַך פאַר אַ סך פון אונדזער פאָלק“. עס איז געווען נייטיק צו ווייזן דער וועלט, אַז יידיש איז אַ שפּראַך און אַז יידיש האָט אויך אַ ליטעראַטור און דערפאַר האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן פּרצעס אַ זאַמלונג דערציילונגען און בילדער („סטאָריס ענד פּיקטשורס“).

פּרץ באַראַקטעריזירט שולמאַן אַזוי:

„וואָס זאַנגוויל איז צווישן די ענגלישע שרייבער פון געטאָ, דאָס איז פּרץ צווישן די יידישע. ער שטייט אַליין. ער איז, בלי ספק, אַ מייסטער, וואָס וואָלט אין יעדער שפּראַך אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ גרויסן קינסטלער. ער גיט אונדז אַ וואונדערלעך בילד פון דעם יידישן לעבן, מיט אַלע זיינע צרות און פרייד, אַלע קאַמפן און שטרעבונגען. מיט זיין גרויסן אומעט און מיט זיינע צופעליקע פונקען ליכט.“

(פון ענגליש)

[מערץ 1913.]

וואַרשע, יעראָזאָלימסקאַ 89.

צום פּרעזידענט פון דער יידישער פאַרלאַגס־געזעלשאַפט.

חשובער הער,

מיט אַ גרויסער און טיפער באַפרידיקונג באַצייכן איך דעם פאַקט, וואָס

---

* The Jewish Publication Society of America. Twenty-fifth anniversary. April 5 and 6, 1913, Philadelphia, p. 34; American Jewish Year-Book, 1913-14, p. 48.

אייער אָרגאַניזאַציע, די יידישע פאַרלאַגס־געזעלשאַפט („דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי״) פייערט איר פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן יובילי.

דאָ אין רוסלאַנד זיינען מיר געוואוינט צו הערן וועגן יידישע קולטור־אונטערנעמונגען, וואָס ווערן געבוירן איין טאָג און שטאַרבן אָפּ באַלד אויף דעם צווייטן.

בייזע ווינטן שטורעמען דאָ, און אונדזער ווידערשטאַנדס־כוח איז אַ שוואַכער.

ווי מיר זיינען אייך מקנא, אונדזערע פרייע ברידער אין אַ פריי לאַנד!

אַ פערטל יאָרהונדערט איז גענוג צו באַפעסטיקן די האָפענונגען אויף אַ לאַנג, לאַנג לעבן, פאַר אַ לאַנגער עקזיסטענץ, און פאַר אַ פרוכפּערדיקער קולטורעלער אַרבעט אין דער ריכטונג פון פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט און דאָס יידישע שאַפן צווישן די ענגלישע לייענער.

מיר זיינען אייך מקנא און מיר ווינטשן אייך דערפאָלג!

זאָל אייער אַרבעט דויערן לאַנג, לאַנג און זיין פרוכטבאַר, אַ צושטייער צו אייער כבוד און צו דעם כבוד פון אונדזער פאָלק.

מיט דרך־ארץ

י. ל. פרץ

298

צו שלום־עליכם

(פון אַ קאָפּיע)

וואַרשע, 1913 ,1/12.

ליעבער, ליעבער שלום־עליכם,

איך בין בטבע אַ פיינד פון בריעף־שרייבען. אָבער דיין צושריפט צו דינעזאָנס בריעף האָט מיך שרעקליך געריהרט. וואָס זאָל איך דיר שרייבען? איך לעז אַלץ, וואָס דו שרייבסט אַפילו וועגן אונזער באַקאַנטען פּ... איך לעז און באַוואונדער... און וואָלט זייער געוואָלט דו זאָלסט געזונט ווערן. זיי געזונט!

דיין י. ל. פרץ

299

צו „מפיצי השכלה"

(פון אַ קאָפּיע)

[סוף 1913, אין צוזאַמענהאַנג מיטן 50-יאָריקן יובילײ פון „חברת מפיצי השכלה", איז י. ל. פּרץ – באַגלייך מיט נאָך אייניקע שריפט-שטעלער – אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערן-מיטגליד פון דער געזעל-שאַפט. אַלס ענטפער אויף דער מיטטיילונג וועגן דעם, האָט פּרץ צוגעשיקט דעם קאָמיטעט פון „מפיצי השכלה" פאָלגנדיקן בריוו. – אין דעם זשורנאַל „וועסטניק יעוורעיסקאַגאָ פּראָסוועשטשעניאַ" (מערץ 1915) איז אָפּגעדרוקט דעם בריוו (אַלס פאַקסימיליע).]

אַן דער געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען יודען

פּעטערסבורג.

נעמט מיין הערצליכסטען דאַנק פאַר דער וואַהל, וואָס איהר האָט מיר אַנגעקינדיגט אין אייער בריעף פון דעצעמבער 1913.

איך דאַנק אייך, אונ ווינש: מיר צו קענען ניצליך צו זיין דער געזעל-שאַפט אונ איהר — דער נאַציאָן.

מיט גרויס אַכטונג

י"ל פּרץ

י. ל. פּרץ, וואַרשע, יעראָזאָלימסקאַ 89

יאַנואַר (אייראָפּ.) 1914.

300

צו שלום-עליכם

(פון אַ קאָפּיע)

[דאָס דאָזיקע קורץ בריוול איז געשריבן געוואָרן דורך פּרצן, אין וואַרשע נאָכן באַקאַנטן אינצידענט מיט שלום-עליכמען. ש"ע איז געקומען קיין וואַרשע לויט דער איינלאַדונג פון דער געזעלשאַפט „הזמיר", וואו פּרץ איז דאַן געשטאַנען אין דער שפּיץ. אַן דעם הייסן פון „הזמיר" איז שלום-עליכם אַרויסגעטראָטן פריער, נאָך פאַרן „הזמיר"-אָוונט, אין „חובבי-שפת-עבר". אויפגעבראַכט פון דער האַנדלונג, האָט דער „הזמיר"-קאָמיטעט באַשלאָסן זיך צוריקציען פון איינאָרדענען דעם אָוונט. ש"ע איז געקומען צו פּרצן אַהיים, און געטראָפן דאָס בריוול.]

חוהמ"פ ה' תר"עד [1914].

ליעבער ה' שלום עליכם

צו מיין פערדרוס קען איך היינט אין דער היים נישט זיין.

י. ל. פּ.

פּרצעס לעצטע בילדער

פּרצעס לעצטע בילדער



ש. אַנסקי, י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן

301

צו יהואשן

(פונעם אָריגינאַל)

דעם שעהנעם דיכטער און דענקער,

דעם חבר יהואש,*

מען שרייבט אונז, אַז דו ביסט נישט געזונד און פאָהרסט דעריבער אַרויס פון ביזנעס־לאַנד צום הייליג־לאַנד, טהוט אונז וועה, וואָס דו ביסט קראַנק, אָבער עס פרייט אונז, וואָס דו פאָהרסט אַרויס צום לאַנד, פון וועלכען מיר זענען אַזוי אָבגעריסען קערפּערליך און אַזוי גייסטיג פערבונדען.

ווינשען מיר דיר הערצליך אַ גליקליכע רייזע און ווינשען דיר געזונד. נעם אונז מיט אין דיין הארץ, אין דיין געדאַנק... און זאָג, אין אונזער נאָמען, די בערג פון יהודה, דעם לבנון און אַלעם, וואָס געבליבען, — מיר וועלען זיך אין קיין אַנדער לאַנד נישט אַריינפּליישען; ציון איז אונזער וועג; די וועלט, מיט ציון אין דער שפּיץ איז אונזער צוקונפט...

מיט הארציגן קאָלעגען־גרוס און נישט גאָר אין גאַנצען אָהן נייד

י״ל פרץ

יעקב דינעזאהן

וואַרשוי, יום ו׳ עש״ק, ו׳ כסלו תרע״ד.

[געדרוקט] י. ל. פרץ, וואַרשוי, יעראָזאָלימסקאַ 89.

302

צו ח. ש. קאַזדאַן

[דאָס פּאָסטקאַרטל איז געשיקט דורך פּרצן פון וואַרשע דעם 23טן פעברואַר 1915 קיין בערסאָן. פּרץ האָט געשריבן אויף רוסיש, ווייל דאַן, אין דער צייט פונעם וועלט-קריג, איז פאַרווערט געווען צו שרייבן אויף יידיש. ח. ש. קאַזדאַן האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „וועסטניק יעווריסקאַגאָ פּראָסוועשטשעניאַ", וועגן פּרצעס מעשיות פאַר קינדער.]

(פון רוסיש)

ג׳ ה׳.

אויסער דאַנקבאַרקייט האָב איך נישט וואָס אויסצודריקן אייך פאַר אייער אַרבעט. איך באַנוץ זיך (מיט דער געלעגנהייט) און טייל אייך מיט, אַז איך שטעל צונויף אַ קינדערבוך, אַ ביכל פאַר דעם קליינעם מענטשעלע. איך האָב שוין פיל לידער און קליינע דערציילונגען. ווי רעכנט איר, וואָס קען מען איבערזעצן פאַר קינדער פון דער ביבל? — אויף יידיש נעמט ביי אונדז די פּאָסט נישט אָן.

מיט אַכטונג י. ל. פּרץ

303

צו דער פרוי

(פון פויליש)

טייערע העלענע! געוויס האָסטו שוין באַקומען מיין קאַרטל, אַז כ׳האָב אָפּגענומען דאָס געלט פון מיניסטעריום. צי דו זאָלסט עס שיקן דורך פּאָסט, צי ברענגען עס צו פירן — דאָס איז געווענדט ווען דו וועסט קומען. שוין איצט קען איך אויף זיכער נישט ראָטן. דער ענין איז נישט קיין קלאָרער.

איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיך באַפרייען פון דער באַלעב־באַטישקייט. אויב דו וועסט אַרויסשיקן, פאַרזאָג נישט קיין צושטעלונג אַהיים, ווייל איצט איז עס נישטאָ.

קיין שום נייס.

דיין

לעאָן.

304

צו דער פרוי

(פון פויליש)

העלענע! ערשט נאָר וואָס האָב איך אָפּגענומען דאָס פּעקל פון פּאָסט. אַהיים שיקט מען נישט אָפּ. איך דאַנק. און דאָ האָב איך נאָך געהאַט קאַווע און טיי, האָב איך אַ ביסל אָפּגעטרעטן העלענקען: אַ פונט קאַווע און אַ ½ פונט טיי און אויך עטלעכע לימענעס. איינצייטיק האָב איך באַקומען פון מיניסטעריום 294 רובל מיט 5 קאָפּ׳, אַנשטאָט 300. גם זו לטובה.

אויב דיר פעלט נישט קיין געלט, שיק צו עטלעכע פונט טאַבאַק. איציק גריסט דיך. יאַנעק * דאַנקט פאַרן שאָקאָלאַד. די פוטער איז אַ מחיה.

דיין

לעאָן.

---

* פּרצעס איינִיקל, דער זון פון לוציאַן.

305

צו [נישט אָנגערופן דער אַדרעסאַט]

(פונעם אָריגינאַל)

[דער פאָלגנדיקער בריוו, געשריבן אייגנהאַנטיק דורך פּרצן, איז פאַר-בליבן צווישן די פּרץ-בריוו אין דינעזאָן-אַרכיוו. — עס איז אָן ענטפער אויף אַ בריוו-אָנפראַגע וועגן פּרצעס אני-מאמין און ביאָגראַפיע. — דער בריוו איז געשריבן מסתמא סוף 1913 אָדער אין 1914.]

זעהר געעהרטער הער,

אויף אייער ליעב־שמייכלענדיגען בריעף פון 17 ד. מ. בעעהר איך מיך אייך צו ענפערן פאָלגענדעס:

אויב דאָס אויפלעבען פון יודישען פאָלק הייסט ביי אייך „ציוניזם" — מה טוב! געהער איך דאַצו, האָב איך אַ טהייל דערינען. צום פּאָליטישען ציוניזם האָב איך קיין צוטרויען: דאָס גלות פערלייקען איך נישט. דאָס איז דאָס שלאַכט פעלד, וואו מיר מוזען זיעגען. ביי דער גאַנצער בענקשאַפט צו ארץ ישראל (נישט צום „פאַטערלאַנד" לויט׳ן גוישען בעגריף) גלייב איך פעסט אין יודישען וועלט־פאָלק, ווי דער פּראָפעט האָט עס געזעהען. איבעראַל די מינדערהייט אין צאָהל, די מעהרהייט אין זין פון מאָראַלישער קולטור. נאָכען זיעג, וועט געבויט ווערען דאָס פּראָפעטישע, נישט פּאָליטישע ציון... כי מציון תצא תורה פאַר אַלע...

ביאָגראַפישע נאָטיצען שרייבט צו, אויף מיין ביטע, מיין קאָלעגע י. דינעזאָן.

מיט אַכטונג

י. ל. פּרץ

---

* די ווערטער „דעם שעהנעם דיכטער און דענקער" און די דאַטע צוגעגעבן מיט דינעזאָנס האַנט.

אײער געעהרטער הער,

אױף אײער [illegible] בריעף פֿון 17 דעצ׳ ענטפֿער איך זיך אײך צו געבען פֿאָלגענדעס:

אױף דאָס אױפֿלעגען פֿון יודישען פֿאָלק [illegible] בין איך [illegible] — יאָ טאַקע! [illegible] איך דאָך, האָב איך 12 טאָג [illegible]. [illegible] האָב איך [illegible]; דאָס [illegible] און [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] צו [illegible] [illegible]. [illegible] פֿון [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] איך [illegible] און [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. [illegible] און [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] — [illegible] [illegible]...

[illegible] [illegible] [illegible], צו [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]:

[illegible]

י. ל. פרץ, װאַרשױ, [illegible] 68.

י. ל. פרץ אויפן טויטן-בעט (3טער אפּריל, 1915)



פּרץ-אוהל אין וואַרשע, פּראָיעקט פון א. אָסטשעגאָ,
צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן.

די רעדעס פון י. ל. פרץ

פרץ דער רעדנער איז געווען נישט ווייניקער גייסטרייך און אינטערעסאַנט ווי פרץ דער שרייבער. פרץ דער רעדנער איז בלי ספק געווען אַ דערגאַנצונג צו פרצן דעם שרייבער. צווישן די עלטערע יידישע שרייבער פון זיין דור איז פרץ געווען דער ערשטער, וואָס איז ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַרויס־געטראָטן עפנטלעך מיט רעפעראַטן און לעקציעס, וואָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג און אַרויסגערופן צו אים טיפע אָנערקענונג. צום באַדויערן, האָט פרץ נישט פאַרצייכנט זיינע פּרעכטיקע אימפּראָוויזירטע רעדעס, זיי זיינען אויך נישט פאַרשריבן געוואָרן גענוי דורך די, וואָס האָבן זיי געהערט אין משך פון איבער צוויי צענדליק יאָר. פרץ שבעל־פּה איז געווען באַקאַנט בלויז צו די, וואָס האָבן געקענט פרצן פּערזענלעך, אָדער וואָס האָבן געהאַט די געלעגנהייט און דאָס גליק בייצוזיין ביי זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן.

ווי אין זיין שרייבן, אַזוי אויך אין זיין רעדן איז פרץ געווען דער גלענצנ־דיקער וואָרט־מייסטער, דער קאָנטראַסטפּולער, חריפישער דענקער. און אייגנטלעך איז דאָס שרייבן ביי פרצן געווען דער המשך פון זיין בליצאַרטיקן דענקען. עס איז באַקאַנט, אַז אַ טייל פון זיינע געדרוקטע מעשהלעך האָט פרץ אַפריער פאַרציילט פאַר זיינע נאָענטע, און ערשט שפּעטער האָט ער זיי פאַרשריבן. קוקט טאַקע אַרויס פון זיינע אויפגעשריבענע זאַכן דער לעבע־דיקער, צאַפּלדיקער דערציילער.

מיר האָבן זיך באַמיט אויפצוזאַמלען פון פאַרשיידענע קוועלן באַריכטן וועגן די רעדעס און אויך איינדרוקן וועגן די רעפעראַטן און לעקציעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון לעבן און שאַפן. עס גיט אונדז אַ פאַרשטעלונג פון פרצעס קוק אויף דער יידישער ליטעראַטור און אויף פאַרשיידענע פראַגן פונעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיר גיבן די רעדעס, אויף ווי ווייט עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן פעסט־שטעלן די דאַטעס, אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר.

אין זאַמאָשטש

נאָך אין זיין היים, אין זאַמאָשטש, איז פּרץ באַקאַנט געווען ווי אַ מענטש מיט אַ שאַרפער צונג און מיט גלענצנדיקע איינפאַלן. פּרצעס יוגנט־חברים און קרובים אין זאַמאָשטש ווייסן צו דערציילן פון זייער טעמפּעראַמענטפולן חבר און קרוב פאַרשיידענע שאַרפזיניקע און טרעפלעכע ווערטער, וואָס ער פלעגט אַזוי אינצווישן אַריינוואַרפן בעת אַ שמועס און אַ קריג. ער פלעגט יענעם דערלאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ אַריין. נישט אומזיסט האָט פּרץ אויסגעקליבן שפּעטער די פּראָפעסיע פון אַדוואָקאַטור און נישט לערעריי, — די באַקאַנטע פּרנסה פון אַן אַמאָליקן ייִדישן משכיל, ווען ער האָט נאָך דער חתונה, בעת ער איז געבליבן אָן געלט, געמוזט אַריבערגיין אויף „אייגענע קעסט״.

פּרצעס ברודער יונה יהושע דערציילט אין זיינע „זכרונות״* וועגן „אַ פייערדיקער דרשה״, וואָס לייביש האָט אַמאָל שבועות געהאַלטן „אין בית־המדרש ביים ארון־קודש״ וועגן דעם, אַז „חזקה איז אַן אָפּגעלעבטע זאַך״. ער איז דאַן שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שטאָט־רב אין אַן ענין מיט אַ חרם, וואָס האָט דאַן אויפגערודערט דאָס גאַנצע שטעטל און ס'האָט דערגרייכט אַזש ביז דער מאַכט.

עס איז שוין אין אַלגעמיין איצט באַקאַנט וועגן פּרצעס פאַרלעזונגען איבער ייִדישער געשיכטע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זאַמאָשטש אַרום 1882. די פאַרלעזונגען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. עס זיינען דאַן געגרינדעט געוואָרן אין זאַמאָשטש אומזיסטיקע אָוונט־קורסן פאַר אָרעמע בעלי־מלאכות און אַרבעטער צו לערנען זיי לייענען, שרייבן און רעכענען. חוץ דעם זיינען שבת איינגעאָרדנט געוואָרן פאַרלעזונגען פאַר אַ גרעסערן עולם. פּרצעס פריינט שמואל אשכנזי שרייבט אין זיינע דערינערונגען (זיי זיינען געווען ביי מיר אין כתב־יד): „די פאַרלעזונגען פלעגן ווערן אַזוי באַזוכט, אַז מען האָט נישט געפונען קיין אָרט, די דירה פלעגט זיין באַלאַגערט אין דרויסן פונעם עולם. איבערהויפּט פּרצעס פאַרלעזונגען האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אויפן עולם. שוין דעמאָלט האָט מען געזען זיין טאַלענט צו רעדן צום האַרץ פון די צו־הערער. און הגם עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָכעניש אין שטאָט, און חסידים האָבן געקערט וועלטן און מיט כלערליי מיטלען געזוכט מאַכן אַ סוף צו די קורסן און איבערהויפּט צו די שבת־פאַרלעזונגען, איז דער אינטערעס צו

---

* אין „זאַמאָשטשער שטימע״, 1928, נומ. 6.

פרצעס פאַרלעזונגען איבער געשיכטע אַלץ מער געוואַקסן, און אויך חסידים פלעגן לעקן די פינגער. זיי זיינען געווען דערשטוינט פון פרצעס רעדן.״

ווי ישעיה מרגליות דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט פרץ צוזאַמען מיט מרגליותעס פאָטער און ד״ר געליבטער געגרינדעט די שול, וואָס „האָט אויך פאַראינטערעסירט די האַנטווערקערישע און אָרטאָדאָקסישע יוגנט. דאָס איז ניט געפעלן געוואָרן די עלטערע. דער עיקר האָבן די אָרטאָדאָקסן זיך אַנט־קעגנגעשטעלט אויף אַזוי ווייט, אַז איינער אַ פאַנאַטיקער האָט זיך דערוועגט אַ פליוך צו טאָן אויף מיין פאָטער און אויף פרצן אַלעם — אין מיטן העלן טאָג, בעת זיי זיינען געשטאַנען אין גאַס. צום גליק, האָט זיך געענדיקט מיט אויסגעבערנטע שטיקער פון די מאַנטלען.״ („ייוואָ־בלעטער״, 1937, ז׳ 314.)

דערזעלבער שמואל אשכנזי האָט מיר דערציילט, אַז נאָך אין 1877 האָט ער געהערט פרצעס אַ לעקציע אין העברייאיש, וואָס האָט געדויערט אַ 2 שעה. פרץ האָט דערביי גערעדט העברייאיש זייער פליסיק.

מיר האָט איבערגעגעבן ה׳ שלמה שאַפּירא, וואָס האָט געלערנט אין דער זאַמאָשטשער גימנאַזיע אין די 80ער יאָרן, אַז אַלס גימנאַזיסט איז אים אויס־געקומען פיל מאָל צו הערן שמועסן פרצן אין דעם אינזשענערסקי גאָרטן וועגן די נייסטע ביכער פון דער וועלט־ליטעראַטור. פרץ פלעגט דאַן רעדן מיט די שילער פון דער אָרטיקער גימנאַזיע רוסיש. די שילער האָבן אים זייער גע־אַכטעט. פרצעס שבתדיקע פאַרלעזונגען האָבן זייער אויסגענומען אויך ביי די זאַמאָשטשער גימנאַזיע־שילער.

י. ח. זאַגאָראָדסקי, וואָס האָט געוואוינט אין זאַמאָשטש אַרום 1883, דער־ציילט * וועגן אַ נסיעה, וואָס ער האָט איינמאָל געמאַכט מיט פרצן אין איינעם פון די נאָענטסטע דערפער, וואו פרץ האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן אין געריכט אַלס פאַרטיידיקער פון אַ פּויער. עס איז געווען אַ ליבער זומער־טאָג, מ׳איז געפאָרן אין אַ שיינער געגנט איבער פעלדער און וועלדער. „אָבער איך האָב נישט באַמערקט די אַרומיקע סביבה, וואָרים דער מאַן, וואָס איז געזעסן אַרום מיר, האָט מיך אַוועקגעצויגן אין אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט, וואָס איז פיל שענער פון דעם, וואָס אַרום מיר.״ „אַרויספאָרנדיק פון זאַמאָשטש האָט פרץ אָנגעהויבן צו דערציילן אַ מעשה, און וואָס ווייטער אַלץ מער האָט ער מיך פאַרכישופט און באַצויבערט. איך בין אינגאַנצן פאַרכאַפּט געווען פון דער מעשה, וואָס האָט זיך געוועבט און געפלאָכטן מיט אַ מענגע פאַרבן, מיט פאַר־שיידענע העלדן. די מעשה איז דערציילט געוואָרן מיט אַ שטאַרק געפיל און מיט אַן אינערלעכן האַרץ־קלאַפּן. איך האָב זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט, און דער וועג איז שוין געווען פאַרביי, מיר זיינען שוין געקומען אין דאָרף... און

---

* לוח „אחיאסף״ תרס״ב—1901, ז׳ 357.

אַז איך האָב געהערט פרצן טענהן פאַרן ריכטער, נאָכגעשפּירט די שאַרפקייט און חריפות פון זיינע רייד, די איינפאַלן, די פּראָזאַאישע לאָגישקייט, האָב איך גאָרנישט געגלויבט, אַז דאָס איז דערזעלבער פאַנטאַסט און טרוימער, וואָס האָט מיך ערשט אַזוי באַצויבערט און אַריינגעבראַכט אין גאָר אַנדערע עולמות.״

וועגן זיין ליבע צו פאַרציילן וואונדער־מעשיות גיט איבער ש. ל. ציטראָן *: „דריי מאָל אין וואָך פלעגט פרצן אויסקומען צו פאָרן צוליב זיינע אַדוואָקאַטישע אינטערעסן אין דעם גמינע־געריכט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ דאָרף אַ וויאָרסט דרייסיק פון זאַמאָשטש... איז שוין ביי פרצן געוואָרן כמעט ווי אַ מנהג צוצופאָרן זומער־צייט איטלעכס מאָל צו דער תלמוד־תורה, אויסקלויבן דאָרטן פון די תלמידים אַ יונגעלע און נעמען אים אין דאָרף אַריין. פאָרנדיק פלעגט זיך פרץ אונטערהאַלטן מיטן יונגעלע אויפן קינדערשן שטייגער, פאַראינטערעסירן אים מיט דער אַרומיקער נאַטור, אויפמערקזאַם מאַכן אים אויף דאָס און אויף יענס, דערקלערן אים די און יענע דערשיינונג... אָפטמאָל פלעגט ער דערציילן אַ גאַנצן ספּור־המעשה מיט אַ וואונדער־שיינער בת־מלכה, וואָס האָט געהאַט לאַנגע גאָלדענע צעפּ מיט טיפע בלויע אויגן און האָט געוואוינט אין אַ גלעזערנעם שלאָס אויף אַ שפּיץ־באַרג און האָט געזאָגט שירה מיט די פייגעלעך א. אַז. וו.״

פרץ דער רעדנער

* „ווילנער זאַמלבוך״ 1, ז׳ 237; „דריי ליטעראַרישע דורות״ 1, ז״ז 139-141.

ערשטע יאָרן אין וואַרשע

פּרץ קומט קיין וואַרשע, און אינאיינעם מיט זיינע שריפטלעכע אַרבעטן, טרעט ער אָפּט אַרויס אַלס רעדנער און שאַפט זיך דורכדעם פריינט און פאַרערער. דאָס איז געווען אין 1889.

ש. ל. ציטראָן דערציילט * וועגן פּרצעס אַ באַגעגעניש (אין 1886) מיט אברהם גאָלדפאַדען ביי ש. פּ. ראַבינאָוויטש, דעם אַרויסגעבער פון „כנסת ישראל", אין שטוב. גאָלדפאַדען האָט דאַן דעקלאַמירט זיין פּאָעמע „דער שטיין פון האַרצן". „איך געדענק, אַז פּרצן איז נישט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן דער אינהאַלט פונעם געדיכט גופא, ווי גאָלדפאַדנס קינסטלערישע דעקלאַמאַציע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער געשפּרעך וועגן דעם יידישן טעאַטער, און פּרץ האָט באַנוצט די געלעגנהייט אויפצוואַרפן גאָלד־פאַדענען זיין „שמענדריק" מיט די „צוויי קונע לעמלעך" א. אַז. וו.: „אַז איך וואָלט געהאַט אייער טאַלענט, וואָלט איך געבויט מיינע דראַמעס צי קאָמעדיעס אויף פיל יווכטיקערע און אמתערע זייטן פונעם יידישן לעבן... און פּרץ האָט גערעדט אַזוי שיין און מיט אַזויפיל התלהבות, אַז ער האָט באַגייסטערט אַפילו דעם טרוקענעם, פלעגמאַטישן שפ"רן."

אין וואַרשע איז פּרץ אין צייט (אַרום 1889—1891) געווען אַ טיכטיקער טוער אין דער חברה „שפה ברורה". פּרץ פלעגט האַלטן פאָרלעזונגען אין העברייאיש וועגן פאַרשיידענע פראַגן. מ. י. פריד האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער האָט געהערט אַמאָל פּרצעס אַ פאָרלעזונג וועגן דער העברייאישער ליטעראַטור און דעם יידישן פאָלק. וועגן אָט די העברייאישע פאָרלעזונגען דערציילט אויך ד"ר גרשון לעווין **: „אַמאָל האָב איך דערהערט, אַז ס'איז געקומען פון זאַמאָשטש קיין וואַרשע י. ל. פּרץ, און האַלט יעדן שבת פאָר־לעזונגען אויף העברייאיש אין דער שול ביי דער חברה „שפה ברורה"... „אינ־מיטן שול, אויף דער בימה, איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, וועלכן מען האָט געקאָנט געבן אַ יאָר 30, מיט אַ בלאָנד בערדל, מיט ענערגיש־ליידנשאַפטלעכע ליפּן און מיט אַ פּאָר גרויסע שיינע אויגן, פון וועלכע איך האָב מיך פשוט נישט געקאָנט אָפּרייסן. דאָס איז געווען יצחק לייביש פּרץ. ער האָט זייער פליסיק גערעדט אַ שיינעם העברייאיש, מיט וועלכן ער האָט אונדז זייער אימ־פּאָנירט. די השכלה־טעמע, אויף וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט

* „די יודישע וועלט" 1915, פּרץ־בוך; „דריי ליטעראַרישע דורות", ז' 131.

** „פּרץ — אַ ביסל זכרונות", ז"ז 17-18.

זי באַארבעט פון אַלע זייטן, די טעמע האָט אויף אונדז, סטודענטן, גראָד גע־מאַכט נישט קיין גרויסן רושם. מיר האָבן אייגנטלעך דערוואַרטעט עפּעס אַנדערש."

וועגן פּרצעס רעדעס אין העברייאיש אין דער שול „שפה ברורה" האָבן מיר אייניקע פּרטים אין בן־אביגדורס טאָגבוך „מספר זכרונותי" (טיילן פון טאָגבוך פאַרעפנטלעכט אין „הצפירה", וואַרשע 1919). ווי בן־אביגדור גיט איבער, אין זיין טאָגבוך פון יאָר 1891, פלעג פּרץ דאָרט אויפרעטן יעדן שבת. איין מאָל איז בן־אביגדור אַהין געגאַנגען, אָבער די לעקציע איז נישט פאָר־געקומען, ווייל „פּרץ איז געקומען און אַזוי ווי ס'איז געווען אַ קליינער עולם, האָט ער נישט געוואָלט האַלטן זיין רעפעראַט." אַ צווייטן מאָל איז בן־אבגידור געקומען אין בית־המדרש „שפה ברורה" (נאַלעווקי 41) צו הערן פּרצעס דרשה. „די שול איז געווען פול געפּאַקט, ס'זיינען געווען איבער 100 מענטשן, צווישן זיי — סטודענטן און גימנאַזיסטן. פּרץ האָט גערעדט וועגן דער יידישער דערציאונג. זיין רעדע האָט געדויערט איבער אַ האַלבער שעה. ער האָט גערעדט העברייאיש אין אַ פּוילישער אויסשפּראַך. פּרץ האָט אויס־געזען ווי אַ מענטש פון אַ יאָר 35, ער האָט געהאַט שאַרפע, שוואַרצע אויגן, און וואָנצעס — עכט־פּוילישע. ער האָט גערעדט מיט געפיל און מיט ברען." בן־אביגדור גיט אין זיין טאָגבוך אויך איבער, אַז ד"ר מ. הינדעס האָט אים דערציילט וועגן אַ יידישן אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען לטובת די סטודענטינס, וואָס לערנען זיך העברייאיש. „פּרץ האָט דאַן גערעדט אין פּויליש פאַר קאָס־מאָפּאָליטיזם און קעגן חיבת־ציון. ד"ר מ. הינדעס האָט אָפּאָנירט. דערנאָך האָט פּרץ געטאַנצט מיט די מיידלעך. אגב, שטרייכט אונטער בן־אביגדור אייניקע מאָל, אַז די מיטגלידער פון דער „שפה ברורה" זיינען געווען אומ־צופרידן מיט פּרצעס שטעלונג צום ישוב ארץ־ישראל און אַפילו פאַרגעוואָרפן פּרצן, אַז ער איז צו־פריידענקעריש.

פּרץ דרינגט שנעל אַריין צווישן דער בעסערער וואַרשעווער יידישער אינטעליגענץ און פאַרנעמט דאָרט גיך דעם אויבן־אָן. אין יענער צייט פלעגט מען זיך צונויפקומען אין די שבת־צו־נאַכטסן ביי ד"ר מינץ. „אויף די פאַר־זאַמלונגען — דערציילט ד"ר ג. לעווין * — האָט מען באַרירט פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, מען האָט דיסקוטירט מכוח ליטעראַטור און קונסט, מען האָט געזונגען, געשפּילט, זיך געוויצלט... גערעדט האָט מען זעלבסט־פאַרשטענדלך פּויליש... ווען איך בין אין אָוונט געקומען צום ד"ר מינץ, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס שטענדיק. פנים חדשות זיינען געווען פּרץ און יעקב דינעזאָן. אָן דעם הוט, מיט דעם שיינעם

---

* דאָרט, ז"ז 19-20.

רבנישן שטערן, האָט פּרץ אין סאַלאָן געמאַכט נאָך אַ בעסערן איינדרוק ווי אין דער שול. איך האָב באַלד באַמערקט, אַז פּרץ פאַרנעמט שוין אין דער געזעל־שאַפט דעם ערשטן פּלאַץ, אַז ער בילדט שוין די אַקס, אַרום וועלכער ס׳האָט זיך געדרייט דער גאַנצער געשפּרעך. זיין שאַרפזין, זיין בליצאַרטיקער וויץ, זיין שלאָגוואָרט האָט צו אים צוגעצויגן... וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע פראַגע מען האָט נישט באַרירט, האָט פּרץ אַרויסגעוויזן אין איר גרויס בקיאות, זיין מיינונג איז געווען גאַנץ אָריגינעל, ער האָט אַרויסגעזאָגט עפּעס אייגנס, נישט דאָס, וואָס מ׳קען לעזן ערגעץ אין אַ לערנבוך.״

דאָס זעלבע גיט אויך איבער נחום סאָקאָלאָוו וועגן פּרצן אין דער געזעל־שאַפט פון דער וואַרשעווער יידישער אינטעליגענץ אין זיינע גלענצנדיקע אַרטיקלען „י. ל. פּרץ״*: „ס׳איז געווען אַ לאַנגע תקופה אין מיין לעבן, אַ תקופה, וואָס וואַרט נאָך אויף איר היסטאָריקער. מיר פלעגן זיך דאַן טרעפן כסדר לכל הפּחות איין מאָל אַ וואָך. נאָך די דאָנערשטאָג־באַגעגענישן, איז אָר־גאַניזירט געוואָרן אַ גרעסערע גרופּע, וואָס האָט געהייסן „אנשי שני בשבת״ (מאָנטאָג־מענטשן), — ס׳איז אַ מין געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קלוב, וואָס פלעג זיך רעגולער צונויפזאַמלען ביי מיר אין שטוב אין לויף פון עטלעכע יאָר, וואו מ׳פלעג האַלטן רעפעראַטן, פירן דיסקוסיעס און שמועסן. כמעט קיין איין מאָל האָט פּרץ נישט פאַרפעלט צו קומען. דאַן איז שוין קלאָר געווען זיין גייסטיקער פּרצוף. אַ קוואַל פון לעבן האָט שטענדיק געשטראָמט פון אים. ער איז תמיד געווען יונג, מונטער, באַגייסטערט און קרעפטיק. נישט שטענדיק האָט זיין ליכט געפירט און באַוויזן דעם ריכטיקן וועג, אָבער תמיד האָט זיין ליכט גע־שטראַלט, געלויכטן. דאָרט האָבן שוין דאָס רוב אָנשויאונגען זיינע געפונען אַ קלאָרן אויסדרוק. דאָרט האָבן מיר געקעמפט און באַזיגט איינער דעם אַנדערן, געגאַנגען אויף פשרות און ווידער געקעמפט, דאָרט איז שוין די געזעל־שאַפט געווען גרעסער, יונגער און פיל־פאַרביקער. ווער פון יענער געזעלשאַפט געדענקט נישט יענע לאַנגע אָוונטן און די רעפעראַטן, שמועסן און דעבאַטן, — און אין זיי — איינע פון די צענטראַלע פיגורן — פּרץ?״

---

* „הצפירה״, 1915, נומ׳ 142.

צווישן אַרבעטער

אין די 90ער יאָרן קומט פאַר ביי פּרצן אַ שטאַרקער קער פון די אינ־טעליגענטיש־משכּילישע קרייזן צו די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. דאָס לאָזט זיך שפּירן אין זיין העברייאישער זאַמלונג „החץ“ (אַרויסגעגעבן אין 1894) און נאָך מער אין די „יום־טוב בלעטלעך“, וואָס פּרץ גיט אַרויס אין די יאָרן 1894־1895. וועגן דער ראָלע, וואָס די „יום־טוב בלעטלעך“ האָבן געשפּילט אין די אַרבעטער־קרייזן, איז שוין באַקאַנט. „די „יום־טוב בלעטלעך“ — שרייבט שכנא עפּשטיין * — ווערן דאַן פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן. מען לעזט זיי אין די אַרבעטער־קרייזלעך, מען דיסקוטירט זיי אויף די „בירזשעס“... מען שעצט די „יום־טוב בלעטלעך“ נישט ווייניקער ווי די אומלעגאַלע ביכלעך מיט די שוואַרצע טאָוולען...“ און נישט נאָר מיט זיינע לידער, נאָוועלן און אַרטיקלען ווירקט פּרץ. ער הייבט אָן אינגיכן אויך אַרויסצוטרעטן אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען, לייענט זיינע זאַכן און דערנאָך האַלט ער דאָרט אויך וויכטיקע רעפעראַטן. —

אינטערעסאַנטע פּרטים דערציילט וועגן אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער מיט פּרצן איינער פון די יידישע אַרבעטער־טוער — דער אַלטער באַקאַנטער ** : „איך וועל, שיינט מיר, קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד פון דער ערשטער אסיפה מיט פּרצן. זי איז פאָרגעקומען אין דער וואוינונג פון פּינסקיס עלטערן אויף פּאַוויע גאַס. אַ מאַן עטלעכע און צוואַנציק זיינען געקומען, כּמעט אויס־שליסלעך אַרבעטער. און דאָ האָט זיך פּרץ דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געטראָפן מיט דעם נייעם טיפּ יידישן אַרבעטער. און ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, אַז דער אַרבעטער־לעזער, ניט נאָר וואָס ער לעזט און פאַרשטייט אים, פּרצן, האָט ער נאָך זיין אייגענע מיינונג איבער זיינע ווערק, אַ קריטישן איבערבליק פון עפּעס אַ נייעם „אַרבעטער־שטאַנדפּונקט“, און זיינע מיינונגען זאָגט ער אַרויס אין אַ ריינעם, פּליסיקן ליטעראַרישן יידיש, צוגעמישט מיט אויסדריקן פון אַ נייער טערמינאָלאָגיע, וואָס איז ביז איצט געווען אומבאַקאַנט אויף דער יידישער גאַס. דערהויפּט האָט אים איבערראַשט איינער ד., אַ טישלער, אַ קינד פון דער סמאָטשע גאַס... אַ שיינער יונג, האָט ער מיט זיין גאַנצן אויסזען און מיט זיין פּליסיקן „אינטעליגענטישן“ יידיש און מיט דער זיכערער רעדנסאַרט געמאַכט אויף פּרצן אַ טיפן רושם. דען אַ רעדע אויף

---

* „י. ל. פּרץ אַלס סאָציאַלער דיכטער“, ז. 10 און ווייטער.

** „פּרץ און די אַרבעטער-באַוועגונג“, אין דער „אַרבעטער-שטימע“, יובילוי-נומער, 1917, ז' 9.

יידיש האָט פרץ, ווי ער האָט זיך אַליין מודה געווען, בכלל דאַן געהערט ס׳ערשטע מאָל. און פרץ איז געשטאַנען פאַרגאַפט, און האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. און אַז ס׳איז געקומען צו זיין וואָרט, האָט פרץ זיך אַ ביסל פאַרלוירן און האָט זיך אַנטשולדיקט, פאַרוואָס ער רעדט שלעכט יידיש, ווייל „האַלטן אַ רעדע אויף יידיש״, — דאָס האָט ער זיך ביז איצט בכלל נישט פאַרגעשטעלט״.

אַז פרץ האָט ביז איצט זיך כלל נישט פאַרגעשטעלט, אַז מ׳קאָן האַלטן אַ רעדע אויף יידיש — דאָס איז ביים אַלטן באַקאַנטן מסתמא אַ ביסל איבער־געטריבן. האָט דאָך פרץ שוין געהאַלטן פאַרלעזונגען אויף פאַרשיידענע טעמעס אויך אין יידיש.

שכנא עפשטיין דערציילט, אַז פרץ פלעגט אָפט אַרויסטרעטן פאַרן „בונד״ „מיט אומלעגאַלע רעפעראַטן און פאַרלעזונגען״. „פרעגט אים אַן אַרבעטער אַ פראַגע, פילט ער זיך גליקלעך. ער זעט מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי זיין אַרבעט ברענגט גוטע פרוכט, און זיין טעטיקייט ווערט נאָך אַנגעשטרענגטער, ענטוזיאַסטישער.״

„די ערשטע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג — שרייבט ש. עפשטיין — וואָס ער האָט בייגעוואוינט איז געווען פרצעס אַ רעפעראַט אין וואַרשע וועגן דער אַנטוויקלונג פון רעליגיע״.* פרץ איז אַפילו אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעזעסן דריי חדשים אין וואַרשעווער ציטאַדעל פאַר זיין אַרויסטרעטן מיט אַ פאַר־לעזונג אין 1899 אויף כלומרשטע „תנאים״. ער האָט דאַן פאַרגעלייענט די „פרומע קאַץ״, וואָס האָט אויף די אַרבעטער געמאַכט אַ סך אַ גרעסערע ווירקונג, ווי די שטאַרקסטע אַגיטאַציע־רעדע.** ס׳איז נישטאָ קיין איין וויכטיקע קול־טורעלע אונטערנעמונג, — דערציילט ווייטער ש. עפשטיין — אויף וועלכער דער „בונד״ זאָל פרצן איינלאַדן און ער זאָל זיך אָפּזאָגן. ווען נאָך די „פרייע טעג״ גרינדעט זיך אין וואַרשע אַ „פאָלקס־אוניווערסיטעט״ און עס עפענען זיך אָוונט־שולן פאַר אַרבעטער, נעמט פרץ אין זיי אַן אַקטיוון אָנטייל.״

---

* „צוקונפט״, ניו־יאָרק, 1915, ז. 541.

** ש. עפשטיין, „י. ל. פרץ דער סאָציאַלער דיכטער״, ז. 64.

עפנטלעכע פאָרלעזונגען

וואָס־ווייטער ווערט פרץ אַלץ־מער אַריינגעצויגן אינעם שאַפנדיקן קולטור־לעבן. פרץ ווערט דער פירער און באַגייסטערער פון אַלע וויכטיקסטע קולטור־אויפטוען הן אין ווארשע און הן אין אַנדערע שטעט פון פוילן. קיין איין איינציקע ליטעראַריש־קינסטלערישע אָדער טעאַטראַלע געשעעניש קומט נישט פאַר אָן פרצעס באַגייסטערטער רעדע־ברכה. ס׳איז אַ באַזונדערס־וויכטיקע אויפגאַבע פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג בכלל און פאַר דער פרץ־פאָרשונג בפרט צונויפצוקלייבן דעם גאַנצן רייכן מאַטעריאַל וועגן פרצעס עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. די פרעסע האָט, לײדער, זייער־זעלטן איבערגעגעבן פרצעס פאָרלעזונגען, און אַזוי־אַרום איז דער פרץ ווי פאַרלוירן פאַר אונדז, און אויף שטענדיק. פרץ האָט געהאַלטן צענדליקער רעדעס אַ יאָר, און יעדע רעדע איז געווען ביי אים אַ נייע שאַפונג, אַ ניי קונסט־ווערק. אין אַ בריוול צו דוד בערגעלסאָן זאָגט פרץ: „איך שרייב קיין פאָרלעזונגען נישט אויף.“

עס געדענקט זיך מיר אַ רעדע, וואָס פרץ האָט געהאַלטן אין קיעוו אין זאַל פון דער „געזעלשאַפטלעכער פאַרזאַמלונג“ אין יאָר 1910. ס׳איז געווען אַ פול־געפּאַקטער זאַל און פרץ האָט דאָן באַגייסטערט דעם גרויסן עולם מיט זיין פייערדיקער רעדע. פרץ האָט גערעדט מיט טעמפעראַמענט, איז אַליין געווען אָנגעצונדן און געהאַלטן די צוהערער געשפּאַנט. אייניקע שטעלן האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט אַ באַזונדערן ברען, און די באַצויבערטע צוהערער זיינען אַריין אין גרויס התפעלות. ער האָט גערעדט וועגן דעם יידישן פאָלק און זיין גאַנג אין דער וועלט, וועגן די משכילים, וואָס האָבן נישט געזאָרגט פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט אַ געשריי געטאָן: פראַלט אויף די פענצטער, ס׳זאָל אַריין ליכט אינעם יידישן לעבן. —

מיר ברענגען ווייטער אייניקע פרטים וועגן רעדעס, וואָס פרץ האָט גע־האַלטן אין די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן, און דאָרט וואו עס איז אונדז געלונגען, ברענגען מיר אויך קיצורים פון די רעדעס, ווי זיי זיינען איבער־געגעבן געוואָרן אין דער פרעסע.

וועגן טעאַטער

דוד הערמאַן דערציילט, אַז די ערשטע פאָרשטעלונג פון דער דראַמאַטישער סטודיע (אין וואַרשעווער „זומער־טעאַטער" אין זאַקסישן גאָרטן אין 1907) האָט „פּרץ געעפנט מיט אַ באַגייסטערטער רעדע, גערופן צו אונטערשטיצן דאָס יונגע טעאַטער". אין יולי 1907, בעת דעם באַנקעט לכבוד דעם אַרטיסט אברהם יצחק קאַמינסקי צו זיין יובילייִ, האָט פּרץ געהאַלטן אַ רעדע, און די „ראַמאַנצייטונג" (1907, נומ׳ 12) גיט איבער: „י. ל. פּרץ מיינט, אַז גאַנץ צופרידן קאָן מען נאָך מיטן יידישן טעאַטער נישט זיין; אַ טעאַטער איז אַ בית־המקדש, וואו קיין פּעלערהאַפטע זאַך, אַ בעל־מום טאָר נישט אַריינקומען; אָבער זעענדיק דעם פאָרשריט, וואָס דאָס טעאַטער האָט געמאַכט אין לעצטן יאָר, קאָן מען זיך טרייסטן און האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זיך דאָס טעאַטער אַנטוויקלען ביז דער העכסטער מדרגה." פּרץ איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ גאַנצער סעריע רעפעראַטן אין לאָדז וועגן טעאַטער. אין „פריינד" * געפינען מיר אַ קורצן באַריכט אונטער אַזאַ קעפל: „אַ גרויסע פאַרזאַמלונג וועגן יידישן טעאַטער". דאָרט ווערט דערציילט: „וואַרשע האָט שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען אַזאַ גרויסע פאַרזאַמלונג, ווי די נעכטיקע אין גרויסן זאַל פון דער פילהאַרמאָניע, וואָס די יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט האָט איינגעאָרדנט. דער גרויסער זאַל, אין וועלכן עס גייען אַריין ביז 2400 מענטשן, איז געווען איבערפולט. זייגער 2 האָט ה׳ פּרץ געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט אַ קורצער רעדע, און האָט געגעבן דאָס וואָרט דעם ערשטן לעקטאָר, ד״ר מוקדוני. דער צווייטער לעקטאָר איז געווען ה׳ ווייטער, דערנאָך ה׳ נאָמבערג. דער לעצטער רעדט ה׳ פּרץ. י״ל פּרץ איז בכלל מסכים צו דעם, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון זיינע יינגערע קאָלעגן. דער רעדנער פירט דורך אַ פּאַראַלעל צווישן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן טעאַטער. מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק איז געווען אַ קליין הייפעלע ליטעראַטן, וואָס האָבן אין הונגער און נויט געאַרבעט און געשאַפן, ביז זיי האָבן דערצויגן אַ יידיש פּובליקום, אַ פּובליקום, וואָס לעזט זיי מיט באַגייסטערונג. דאָס יידישע טעאַטער שטייט זייער נידעריק, דאָרט ווערט דאָס הייליקסטע געטראָטן מיט די פיס. צו וועמען קאָן מען האָבן טענות, — פרעגט דער רעדנער, — צו די ליטעראַטן אפשר? ניין; עס זיינען פאַראַן פיל פעלקער, וואָס האָבן קיין אָריגינעלע דראַמעס נישט, זיי שפּילן איבערזעצונגען.

* „פריינד", 1910, נומ. 8.

אפשר זאָל מען האָבן טענות צום אַרטיסט, צו אונדזער אומגליקלעכן אַרטיסט, וואָס אַרבעט טאָג און נאַכט? אויך ניין!" דער באַריכט־אָפּגעבער דערציילט: „דער רעדנער (פּרץ) וויל דערקלערן ווייטער, פֿאַרוואָס זיינען די אַרטיסטן נישט שולדיק אין דעם, וואָס דאָס טעאַטער אונדזערס איז אַזוי געפֿאַלן, נאָר די צייט איז פֿאַריבער, דער זאָל פֿון דער פֿילהאַרמאָניע איז געווען געדונגען נאָר אויף צוויי שעה, און די פֿאַרזאַמלונג האָט דעריבער געמוזט איבערגעריסן ווערן. דער פֿאַרזיצער שליסט די פֿאַרזאַמלונג מיט דעם צוזאָג, אַז איבער־אַכטאָג שבת וועט זיין די פֿאַרזעצונג פֿון דער היינטיקער פֿאַרזאַמלונג. די רעפֿעראַטן בכלל האָבן געמאַכט אַן אומגעהויערן גרויסן איינדרוק."

דאָ דאַרף מען דערמאָנען דעם אינצידענט, וואָס פּרץ האָט געהאַט אין פּעטערבורג, וואוהין ער איז געפֿאָרן צו שאַפֿן געלט פֿאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט. אויפֿן באַנקעט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד אים, איז ער אויפֿגעבראַכט געוואָרן פֿון דער הפקר־באַציאונג צו יידיש, — אויף דעם באַנקעט האָבן אייניקע גערעדט רוסיש. דער באַנקעט איז אויפֿגעריסן געוואָרן, און דאָס יידישע פּעטערבורג האָט נישט דערפֿילט די האָפֿענונגען, וואָס די טעאַטער־געזעלשאַפֿט האָט געלייגט דערויף.

וועגן דעם אינצידענט דערציילט, אגב, שמעון דובנאָוו אין זיין בוך דערינערונגען „קניגאַ זשיזני" (דאָס בוך פֿון לעבן), וואָס איז אַרויס אין 1934. אויך י. יאַשונסקי האָט אַמאָל איבערגעגעבן וועגן פּרצעס אויפֿרעגונג, וואָס די יידישע אינטעליגענץ אין פּעטערבורג, אויף אַ יידישער פֿאַרזאַמלונג, ביים באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם וועגן יידישן טעאַטער, האָט גערעדט אויף רוסיש.

אַ פאָרלעזונג אין פּעטערבורג

פּרץ איז געווען שטאַרק עמפּינדלעך און אָפּט — קאַפּריזנע. ער האָט גע־קאָנט אַרויסווייזן אַפּטמאַל אויף די פאָרלעזונגען אַן אומגעהויערע געדולדיקייט און נאָכגיביקייט צו זיינע צוהערער (איבערהויפּט, ווען ער האָט געהאַט פאַר זיך באַגייסטערטע, טרייע מאַסן־צוהערער). ער האָט אָבער געקאָנט זיין אויך שניידיק און שאַרף, — ווען די אוידיטאָריע איז אים נישט געפעלן. —

ש. אַנסקי דערציילט וועגן אַ פאָרלעזונג, וואָס י. ל. פּרץ האָט געהאַט אין פּעטערבורג פאַר אַן אוידיטאָריע, — על־פּי־רוב אַסימילירטע יידן.* ש. אַנסקי האָט, משמעות, געהערט ווייניק פּרצעס עפנטלעכע רעדעס. ער כאַראַק־טעריזירט פּרצן דעם רעדנער לויט יענער, ווייזט אויס נישט איינגעגעבענער, פּעטערבורגער אַרויסטרעטונג. אָט וואָס ש. אַנסקי דערציילט:

„דער זאַל איז געווען, פאַרשטייט זיך, געפּאַקט, נאָר אַ גרויסער טייל פון דעם פּובליקום איז באַשטאַנען פון אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען זען פּרצן און נישט הערן אים. געווען נישט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן נישט פאַר־שטאַנען אָדער קוים פאַרשטאַנען יידיש.

פּרץ האָט מייסטערהאַפט געלייענט זיינע ווערק. נאָר פּרץ איז דאָך בכלל געווען נישט פאַר אַ המון, ער איז געווען צו אינטים, צו איידל און אייגנאַרטיק, און זיין מייסטערהאַפט לעזן איז געווען צוגעפּאַסט צו אַ קליינעם אינטימען קרייז. פאַר אַ גרויסן פּובליקום איז זיין שטים געווען צו שוואַך, די אינ־טאָנאַציע — נישט גענוג שאַרף. דערצו האָט זיין פּוילישער אַקצענט געקלונגען פאַר דעם ליטווישן פּובליקום פרעמד, געמאַכט פיל ווערטער אומפאַרשטענדלעך.

די וואָס זיינען געזעסן אין די ערשטע 3־4 רייען האָבן נאָך געהערט און פיל ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס פּרץ האָט געלייענט. אָבער צו דעם איבעריקן פּובליקום האָבן דערגרייכט נאָר איינציקע ווערטער, אָן אַ צוזאַמענבונד. די ערשטע צען מינוט איז געווען שטיל. נאָכדעם האָט דאָס פּובליקום גענומען שמועסן שטילערהייט צווישן זיך, ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגיין פון זאַל, פריער איינציקווייז, געלאָסן, דערנאָך אַלץ רעשדיקער, אַזוי, אַז בשעת פּרץ האָט געענדיקט, איז דער פריער־אָנגעפּאַקטער זאַל געווען האַלב־פּוסט, און פון צווייטן הדר האָט זיך געטראָגן אַ רעש פון געשפּרעכן.

בעת דעם אַנטראַקט איז מיר געווען שווער צו באַגעגענען זיך מיט פּרצן. איך האָב זיך געשעמט פאַר דער אויפפירונג פון דעם פּובליקום און מיר האָט דאָס האַרץ וויי געטאָן, וואָס דער יום־טוב איז פאַרשטערט.

פּרץ האָט מיך פון דערווייטן דערזען, דורכגעשלאָגן זיך דורך דעם עולם און מיט אַ פריילעכן, „שטיפערישן" געלעכטער, מיט דעם טאָן פון אַ זיגער, אַרויסגערעדט:

— אדרבה, ווער נאָך קאָן אַזוי גיך און גוט צעטרייבן פון אַ זאַל אַזאַ

---

* „די יודישע וועלט", 1915, ז"ז 19-20.

עולם? אַ? דאָס איז דאָך אַ קונסט!

איך האָב געזען, אַז זיין געלעכטער איז נישט קיין געמאַכטער, אַז ער איז באמת געווען צופרידן, וואָס דאָ, אין פּעטערבורג, וועלכן ער האָט פיינט געהאַט, האָט מען אים באַגעגנט, ווי עס פּאַסט פאַר עם־הארצים.

דער אַנטראַקט האָט זיך געענדיקט. פּרץ האָט געדאַרפט ווידער אַרויס־טרעטן.

— וואָס זאָל איך לעזן? — האָט ער גענומען פרעגן ביי די עטלעכע „אייגענע מענטשן“, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט.

איינער האָט אַן עצה געגעבן לעזן דעם „שטריימל“, דער אַנדערער — „באַנציע שוויַיג“, נאָך איינער — „אַ גלגול פון אַ ניגון“.

פּרץ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: עס געפעלט אים נישט.

געטראַכט אַ ווײַלע, נאָכדעם אָפּגערופן מיך אַן אַ זייט.

— וואו זיצט איר? ווייט פון מיר? זאָגט דער אָנפירערקע, זי זאָל אייך געבן אַן אָרט אין דער ערשטער ריי. איך זאָל אייך זען.

— צו וואָס?

— אַקוראַט אַנטקעגן מיר זיצט אַ פאַרזעעניש, וואָס גענעצט די גאַנצע צייט. זי נערווירט מיך.

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ דרייסטן, שטיפערישן שמייכל:

— איר ווייסט, וואָס איך וועל טאָן? איך וועל גאָרנישט נישט לעזן. איר וועט זיצן אַנטקעגן מיר, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה, איך וועל אימ־פּראָוויזירן.

איך האָב דאָס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס. נאָר פּרץ האָט געהאַלטן וואָרט. אַז ער האָט געדאַרפט אָנהויבן לעזן, האָט ער זיך אַ ביסל איבערגעבויגן צו מיר און האָט גענומען רואיק דערציילן מיר אַ מעשה, גלייך ווי אין זאָל וואָלט מער קיינער נישט זיין ווי מיר ביידע. די מעשה איז געווען וועגן אַ שטראָל, וואָס האָט זיך מיט בענקעניש פאַרקוקט אויף דער ערד און נישט באַמערקט, ווי מיט דעם פאַרגיין פון דער זון האָט זיך דער הימל געשלאָסן. ער האָט נישט געקאָנט מער אומקערן זיך אויף זיין אָרט. האָט ער געפּרואווט אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד און ווידער נישט געקאָנט, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון הימל... דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן די מעשה מיט דעם שטראָל. אַ וואונדער־שיינע אַלעגאָריע. אָבער הערן זי חוץ מיר, האָבן געקאָנט אפשר נאָך אַ צען מענטשן פון די 300־400, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זאָל.

דאָס פּובליקום האָט אין אָנהויב נישט פאַרשטאַנען, צי פּרץ לעזט אָדער ער שמועסט מיט עמעצן, וואָס זיצט אַנטקעגן אים. נאָכדעם האָט זיך אין זאָל ווייטער אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, שטילע געשפּרעכן, און דאָס פּובליקום איז זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדערגעגאַנגען...“

טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ

לכתחילה איז פּרץ געווען, משמעות, מיט דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אין אויגוסט 1908 אין טשערנאָוויץ, נישט איבעריק באַגייסטערט. איר כאַראַקטער, פאַרנעם, אויסזיכטן זיינען נישט קלאָר געווען אויך פאַר אירע איניציאַטאָרן. דאָס זעען מיר פון דעם בריוו, וואָס פּרץ האָט געשיקט צו די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ. ער האָט קריקיטירט זייער ערשטן רוף. ווי נאָר אָבער פּרץ איז געקומען קיין טשערנאָוויץ און איז אַריין אין דעם קאָך פון דער אַרבעט, האָט ער אַרויסבאַוויזן פיל אימפּעט און ליידנשאַפט. ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־טוער אויף דער קאָנפערענץ, איר לעבעדיקער נערוו. ער איז געווען דער וויצע־פּרעזידענט, ער האָט געהאַלטן די צווייטע פייערלעכע דערעפענונגס־רעדע, ער האָט געלייענט אַ רעפעראַט וועגן אַן אַלטוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע פון אַלע אָנהענגער פון דער יידישער שפּראַך, גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין די דיסקוסיעס, און בעת דער קאָנפערענץ און שפּעטער איז פּרץ אַרויס־געטראָטן אויף אַ ריי אָוונטן אין טשערנאָוויץ און אין פאַרשיידענע שטעט פון גאַליציע און בוקאָווינע. אַדאַנק פּרצן זיינען די אָוונטן אין די אַלע שטעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער מאַניפעסטאַציע פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור און זיי זיינען איינגעקריצט געוואָרן אין די מוחות פון די ביי־געווען.

די קאָנפערענץ איז געעפנט געוואָרן מיט דער רעדע פון ד״ר נ. בירנבוים. ווי דער „היינט״ טיילט מיט דאַן פון טשערנאָוויץ, האָט זיין רעדע נישט גע־מאַכט דעם געהעריקן איינדרוק, „ווייל ער רעדט זייער שוואַך יידיש. דערפאַר האָט אָבער געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק די רעדע פון צווייטן רעדנער— י. ל. פּרץ... זיין רעדע רופט אַרויס באַגייסטערונג ביים עולם.* „פּרצעס דערשיינען אויף דער טריבונע — דערציילט א. ק.** — האָט אַרויסגערופן אַ מוראדיקן אַפּלאָז און אַן אומבאַשרייבלעכע שמחה.״ די רעדע איז איבער־געריסן געוואָרן עטלעכע מאָל דורך באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן.

אין זיינע זכרונות וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ דער־ציילט מתתיהו מיעזעס***: „די דערעפענונגס־רעדע פון פּרצן האָבן מיר דערמאָלט אויף דער שפּראַך־קאָנפערענץ מיט שפּאַנונג און גייסטיקן הונגער

---

* „היינט״, 2טן סעפּטעמבער, 1908.

** „ד״ר בירנבוימס וואָכנבלאַט״, טשערנאָוויץ, 1908.

*** „פּרץ-זכרונות פון דער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ״, „ליט. בלעטער״, 1925, נומ׳ 49-50.

י. ל. פרץ און זיין פרוי צווישן די דעלעגאַטן און איינאָרדענער פון דער קאָנפערענץ. מיר האָבן דאָ אויך ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, ד"ר נתן בירנבוים, שלום אַש, א. רייזען, ה. ד. נאָמבערג א. אַ.—„יודישע קולטור"—דער אַקאַדעמישער פאַראיין, וואָס האָט געהאָלפן איינאָרדענען די קאָנפערענץ.

דערוואַרט. ער האָט אונדז נישט אַנטוישט. שטאַרקע, קרעפטיקע ווערטער האָבן מיר אויס זיין מויל פאַרנומען... איינצלנע סצענעס פון דער רעדע זיינען פאַרבליבן אין מיין זכרון. איך דערמאָן מיך, וואָס פאַר אַן עלעקטרישער שטראָם איז דורכגעלאָפן דורך מיינע איברים, און וואָס פאַר אַ בליק איך האָב פּלוצים געטאָן אין דער נשמה פון פרץ דעם מענטש, ווי ער האָט אין זיין דערפעפענונגס־רעדע זיך אויסגעדריקט: „דער שטאָט איז דער גרעסטער פאַר־ברעכער"... איך האָב אין די פאַר ווערטער געהאַט פאַר מיר דעם שפיגל פון דער וועלט־אַנשויאונג פרצעס."

מיר ברענגען דאָ ווייטער די רעדע, ווי זי איז איבערגעגעבן אין „ד"ר בירנבוימס וואָכנבלאַט" (נומ' 2):

„געערטע קאָנפערענץ:

דריי אינערלעכע באַפרייאונגס־מאָמענטן האָבן אונדזער באַוועגונג גע־שאַפן.

איך וויל קיין פראַפעט נישט זיין און נישט זאָגן שוין פאַרויס, אַז מיר לעבן דאָ איבער אַ נייעם היסטאָרישן מאָמענט, אַז מיר עפענען אַ נייעם קוואַל פון פריש, לעבעדיק וואַסער אין גאָטס ווייגאָרטן, אַז פון היינט אָן וועט דאָס אָרט פייכט ווערן און בליען. „עטוואָס" דאָך זיינען מיר געוואָרן, און דאָס עטוואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פון די אָנגערופענע דריי באַפרייאונגס־מאָמענטן.

עס הויבט זיך אָן צו באַפרייען דער יידישער „המון", דער אָרעמער יידישער עם־הארץ. ער פאַרלירט זיין צוטרוי אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גביר. דעם גרויסן גבירס „צדקה" מאַכט אים נישט זאַט, דעם גרויסן למדנס תורה גיט אים קיין גליק. דער המון הויבט אָן אַליין צו בענקען, צו פילן, וויל לעבן זיין אייגן אָרעם לעבן פאַר זיך. און עס וואַקסט אויף דער חסידיזם. די תורה פאַר אַלע.

און דאָס איז דער ערשטער מאָמענט.

יידיש הויבט זיך נישט אָן מיט אייזיק־מאיר דיק. דאָס חסידישע מעשהלע דאָס איז דער „בראשית". שבחי בעל־שם און אַנדערע וואונדער־געשיכטן זיינען פאָלקס־דיכטונגען, דער ערשטער פאָלקס־דיכטער איז ר' נחמן פון בראַסלאַוו מיט זיינע זיבן בעטלער.

עס האָט אויך דערוואַכט און פאַרלאַנגט עפּעס פאַר זיך די יידישע פרוי, דאָס יידישע ווייבל, דאָס יידישע מיידל. און עס באַווייזן זיך „ווייבערשע ביכלעך". פון עברי־טייטש ווערט אַ „מאַמע־לשון"...

און צוויי שפּראַכן האָט נאָך דאָס יידישע פאָלק. אַ שפּראַך פאַר לומדים אין בית־המדרש: תורה־לשון, גמרא־לשון; און דאָס צווייטע פאַרן „המון״ און פאַר דער יידישער טאָכטער...

נאָר פון דעם וואָלט נאָך קיין „יידיש״, קיין יידישע שפּראַך נישט געוואָרן. דאַן באַווייזט זיך דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און שאַפט זיך זיין אינסטרומענט פאַרן קאַמף פאַר זיין לעבן, זיין אַרבעטער־קולטור אויף יידיש. דער אַרבעטער באַגנוגנט זיך נישט מיט תחינות און תפילות פון דער ווייבערישער שול, און נישט מיט וואונדער־געשיכטו פון הינטערן אויוון און קלויז, ער וויל און מוז זיך אויסלעבן אויף יידיש. און עס באַווייזט זיך דאָס יידישע בוך אין דער יידישער שפּראַך...

דאָס אַלץ וואָלט אונדז דאָך נישט צוזאַמענגערופן; אויב מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלערליי לענדער און שטאַטן צו פּראָקלאַמירן אונדזער יידיש אַלס גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען אַ פערטן סאָציאַל־פּאָליטישן וועלט־מאָמענט.

דער שטאַט, וועלכן מען פלעגט אָפּפערן קליינע און שוואַכע פעלקער, ווי פאַרצייטן קינדער דעם מולך, דער שטאַט, וואָס האָט צוליב די אינטערעסן פון די הערשנדע קלאַסן און פעלקער געמוזט אַלץ ניוועלירן, אויסגלייכן: איין אַרמיי, איין שפּראַך, איין שול, איין פּאָליציי און איין פּאָליציילעך רעכט, — דער שטאַט פאַרלירט זיין גלאַנץ.

דער רויך, וואָס פלעגט זיך אַזוי געדיכט און פעט וויקלען אַרום זיין מזבח, ווערט וואָס דינער און צעשטרייטער. דאָס „פאָלק״, נישט דער שטאַט איז דאָס מאָדערנע וואָרט! די נאַציאָן, נישט דאָס פאָטערלאַנד! און אייגנאַרטיקע קולטור, נישט גרענעצן מיט יעגער באַוואַכן דאָס אייגנאַרטיקע פעלקער־לעבן...

און שוואַכע, אונטערדריקטע פעלקער דערוואַכן, און קעמפן פאַר זייער שפּראַך, פאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט!

דער שטאַט זאָל מער נישט פעלשן די פעלקער־קולטור, נישט מער פאַרניכטן אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט. אָט דאָס ווערט געדופן און געבלאָזן אין דער מחנה, און מיר שטייען שוין אין אירע רייען אונטער אונדזער אייגענער פאָן, אין נאָמען פון אונדזערע אייגענע קולטור־אינטערעסן.

מיר ווילן קיינעם נישט דינען, פעלקער־לאַקייען קאָנען קיין קולטור־גיטער נישט באַשאַפן, מיר טוען עס!

און דער בעסטער פּלאַץ פאַר אונדזער פאַרזאַמלונג איז געווען בוקאָווינע,

נעמלעך איר הויפּט־שטאָט, טשערנאָוויץ. דאָ, וואו עס לעבן צוזאַמען פאַר־שיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרשיידענע שפּראַכן — איז לייכטער אונדזער וואָרט צו פירן. מיר שפּאַצירן פאַרנאַכט אין גאַס און פון פאַרשיידענע פענצטער פליסן אַרויס פאַרשיידענע שפּראַך־טענער, אַלערליי פעלקער־מוזיק, מיר ווילן אונדזער פענצטער האָבן! אונדזער זעלבשטענדיקן מאָטיוו אין דער פעלקער־סימפאָניע.

מיר ווילן זיך שוין נישט צעברעקלען און אָפּפערן יעדן מולך־שטאָט זיין בראָקן; איין פאָלק יידן. זיין שפּראַך איז — יידיש.

און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה ווייטער וועקן, און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן.

און נישט נאָר צוזאַמענרעדן זיך און זיך פאַר אַנדערע פּראָקלאַמירן זיינען מיר געקומען, מיר ווילן צוזאַמען אַרבעטן. און איר וועט האָבן אַלערליי פאַר־שלאָגן צו פּרוכטבאַרער אַרבעט, אָבער צוויי פון זיי מוז איך אַלס די וויכטיקסטע דערמאָנען פאַרויס: זאָל יידיש ווערן אַז אַלגעמיין יידישע שפּראַך, אַזוי מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אונדזערע אַלטע קולטור־גיטער פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט; זאָל אונדזער יידיש ווערן צווישן אַלע וועלט־שפּראַכן אַ גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך, מוז זי צוגענגלעך ווערן דער וועלט.

מיר ווילן איך דעריבער פאַרשלאָגן: די איבערזעצונג פון אַלע ווירקלעכע קולטור־גיטער פון אונדזער גאָלדן־פרייער פאַרגאַנגענהייט, איבערהויפּט פון דער ביבל. און די טראַנסקריפּציאָן פון אונדזערע בעסטע קולטור־גיטער אויף לאַטייניש לעטערן. מיר ווילן מער קיין אומסימפּאַטיש לינקישע פּראָווענץ, קיין אויפגעקומענע עשירים נישט זיין! קולטור איז אויך טראַדיציאָן! און מיר ווילן דאָס וואָרט צווישן די פעלקער פירן נישט דורך מעכאַנישע איבער־זעצונגען, וואָס טויטן דאָס לעבעדיקע וואָרט.

מיר זיינען געקומען ווייניק רעדן און מער אַרבעטן. איבערדעם בעטן מיר אַלע מער צו אַרבעטן (בייפאַל). מיר דאַנקען דעם ד״ר בירנבוים דער־פאַר, וואָס ער האָט אונדז צונויפגערופן, מיר דאַנקען דעם אַקאַדעמישן פאַראיין „יידישע קולטור״, וואָס ער האָט זיך געווידמעט דעם אידעאַל און האָט מיט אַלע זיינע כוחות צוגעהאָלפן אונדזער קאָנפערענץ פאַרצובריינגען. און מיר מוזן אויך היינט געדענקען אַן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן אין דער מאָדערנער, אייגנטלעכער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז געשענקט די ערשטע קלאַסישע ווערק אין יידישער שפּראַך, און וואָס איז ליידער דאָ נישטאָ: אָן מענדעלע מוכר־ספרים! (שטאַרקער מינוטן־לאַנגער בייפאַל). איך דערלויב מיר צו שטעלן דעם אַנטראַג, אַז מען זאָל אים

אינעם נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפערענץ אָפּשיקן אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע (נאָך שטאַרקערער בייפאַל).״

ווי געזאָגט, זיינען בעת דער קאָנפערענץ און נאָך איר איינגעאָרדנט גע־וואָרן אין טשערנאָוויץ און אין אַ ריי שטעט אָוונטן, אין וועלכע ס׳זיינען אַרויסגעטראָטן אייניקע דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ. אויף אָט די אַלע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען האָט דעם גרעסטן דערפאָלג געהאַט פּרץ. ער האָט געלייענט זיינע זאַכן און אויך גערעדט וועגן דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. אין דעם גרויסן ליטעראַרישן אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדנט גע־וואָרן אין טשערנאָוויצער שטאָטישן טעאַטער אין דעם טאָג, וואָס די קאָנ־פערענץ האָט זיך געעפנט, האָט פּרץ געלייענט אַן אַקט פון דער „גאָלדענע קייט״ און „פיר דורות — פיר צוואות״. אויסער דעם אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט דורך די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס ספּעציעל פאַר אַרבעטער. פאַר די אַרבעטער האָט פּרץ געלייענט „באַנציע שוויינ״, „דאָס שטריימל״, — און דער אַרבעטער־עולם האָט אויסגענומען פּרצן מיט גרויס ענטוזיאַזם, און יעדע זאַך רוישיק אַפּלאָדירט, ביז אַנטציקונג.״

באַגייסטערטע אויפנאַמעס האָט פּרץ געהאַט אין די אַלע איבעריקע שטעט פון גאַליציע און בוקאָווינע, וואו ער איז אַרויסגעטראָטן לטובת דער צענטראַל־ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך. אין אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן שרייבט פּרץ: „נאָך דער קאָנפערענץ פאָרט מען אַרום אין דער מדינה מיט די יונגען לעזן. ווייסט דו דאָך, אַז זיי לעזן, איך אָבער מוז אויך רעדן.״ פאָרלעזונגען זיינען פאָרגעקומען אין דראָהאָביטש, באָריסלאָוו, טאַרנאָ־פּאָל, סטאַניסלאָוו, סכאָדניצע, סוטשאָווע, קימפּאָלונג, גורא הומאָרעס א. אַ. „ד״ר בירנבוימס וואָכנבלאַט״ ברענגט קורצע באַריכטן וועגן אייניקע אָוונטן. „אין קאָלאָמיי — לייענען מיר דאָרט — איז פּרץ אויך איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער פּ. פּ. ס. (פּאַרטיי פון פּוילישע סאָציאַליסטן). ער האָט געלייענט ביי זיי איינע פון זיינע סאָציאַלע סקיצן. ה׳ ד״ר שאַר האָט געהאַלטן אַ דייטשע רעדע, אויף וועלכער פּרץ האָט אים געגעבן אַ גוטע תשובה.״ דעם 16טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אין בוטשאַטש אינעם טעאַטער־זאַל „דער גרויסער דיכטער־אָוונט״. „אַלס ערשטער איז אויפגעטראָטן, מיט גרויס התלהבות און בייפאַל באַגריסט, י. ל. פּרץ.״ פּרץ האָט געהאַלטן אַ פאָרטראָג איבער דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. דעם אָוונט אין דראָהאָביטש האָט פּרץ געעפנט „מיט אַ פאָרטראָג איבער דעם צוועק פון אָוונט״. „זיין פאָרמפאָלענדעטע, שיינע און זייער בייפעליק־אויפגענומענע רעדע האָט ער געענדיקט מיט די ווערטער: „מיר האָבן צוואָר אונדזער אַלטע העברייאישע

קולטור־שפּראַך, וועלכע האָט פאַר זיך אפשר אַ צוקונפט; זי קאָן אָבער אומ־מעגלעך פון היינט אויף מאָרגן ווערן אַ פאָלקס־שפּראַך, און דאָס פאָלק באַדאַרף שוין היינט אַן אייגענע שפּראַך, כדי נישט מיטגעריסן צו ווערן מיט דעם שטראָם פון דער אַסימילאַציע. מיר מוזן זאָרגן פאַר דעם היינט, אויב מיר ווילן דערלעבן דעם מאָרגן."

וועגן איינער אַ פאַרלעזונג אין דער אַסימילירטער שטאָט באַריסלאַוו דערציילט אברהם רייזען אין זיינע דערינערונגען. לכתחילה האָבן די דאָרטיקע רייכע און אַסימילירטע יידן אויפגענומען די געסט גאַנץ קאַלט. "נאָ צאָ נאָם טען זשאַרגאָן", — האָבן אייניקע געטענהט. איידער די פאַרלעזונג האָט זיך אָנגעהויבן. "האָט עס דערפאַרן פרץ... — און ווען די דאָזיקע רייכע דאַמען און הערן זיינען שוין געווען אויסגעזעצט אין די ערשטע רייען, און עס האָט אַראָפּגעפינקלט פון זיי זייער צירונג... האָט פרץ אָנגעהויבן זיין רעדע."

"ער האָט אויסגעזען דאָן ווי אַ נביא... פון זיין מויל האָט ער געוואָרפן פונקען. ער האָט געזידלט, אָדער, איידעלער, געטאַדלט, די אינטעליגענטע נאַרישע אַריסטאָקראַטיע פאַר איר באַציאונג צו יידיש, זי פאַרגליכן צו פאַר־וועלקטע בלעטער אויף אַ בוים, אין דער צייט, ווען דער שטאַם איז פריש און זאַפטיק, און די וואָרצלען זיינען טיף... ער האָט, אין בוכשטעבלעכן זין. גע־שוימט מיט אַפאָריזמען, געדאַנקען און שטראָף־רייד ווי אַן עמוס, ווי אַ מיכה... איך האָב געמיינט, אַז דאָס רייכע פובליקום וועט בייז ווערן, זיך באַליידיקן, אָבער וואו? ווען? איבערראַשט פון דער דאָזיקער פרצעס גלענצנדער רעדע אין פאָרם און אינהאַלט, אין פאַטאָס און שוואונג, זיינען זיי, נאָכדעם ווי ער איז אַ בייזער, ווי אַ נביא, אַראָפּ פון דער בימה — געוואָרן מילד ווי שאָף..." *

וועגן פרצעס אויפטריט אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, דערציילט דער באַ־קאַנטער פועלי־ציון־טוער י. קענער אָט וואָס:

די טאַרנאָפּאָלער פועלי־ציון און יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָבן אָרגאַניזירט אַן אָוונט לכבוד י. ל. פרץ און א. רייזען אין זייער "יוגנט־קלוב". פריער האָט גערעדט א. רייזען. "נאָך אים — דערציילט י. קענער ("ליט. בלעטער" 1929, נ' 17־18) — האָט גערעדט פרץ, וואָס איז ביז איצט געזעסן רואיק און האָט מיט זיינע גרויסע, קלוגע אויגן אָבסערווירט די יונגע פנימלעך, וואָס האָבן געשטראַלט פון פרייד. גערעדט האָט ער וואַרעם, האַרציק און זיין שטים האָט געקלונגען מעלאָדיש, ליבעפול און צערטלעך. די יוגנטלעכע האָבן ממש גע־שלונגען יעדעס וואָרט. ער האָט גערעדט אַ 15 מינוט. — דער אינהאַלט פון זיין רעדע איז געווען, אַז די "יוגנט"־אָרגאַניזאַציע זאָל אין איר בילדונגס־אַרבעט לייגן גרויס געוויכט אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם חוש פאַר שיינער

---

* אברהם רייזען — "עפּיזאָדן פון מיין לעבן", "פרייהייט", 15טן מערץ, 1928.

ליטעראַטור און קונסט. ער האָט געוועקט ביי דער יוגנט ליבשאַפט און באַ־גייסטערונג צו דער שיינקייט פון דער נאַטור. די גאַנצע יוגנט־מאַסע איז געשטאַנען מיט אָפענע מיילער, מיט געשפּיצטע אויערן, און ווען פּרץ האָט געענדיקט, איז דער עולם גאָרנישט מיד געוואָרן צו אַפּלאָדירן...״

באַגלייטנדיק נאָך האַלב־נאַכט די דיכטער צום האָטעל, האָט מיר פּרץ געזאָגט: „...ווען אונזער אַרבעט־יוגנט אין פּוילן וואָלט געהאַט אַזעלכע פרייע אָרגאַניזיר־מעגלעכקייטן, ווי איר האָט זיי דאָ, וואָלט זי זיך גליקלעך געשפּירט. נוצט אויס די מעגלעכקייטן און אָרגאַניזירט ווייטער די יוגנט. נאָר האַלט נישט פאַר זיי קיין לאַנגע דרשות. פירט זיי אויף די פעלדער, אין די וועלדער, זאָלן זיי זיך באַקענען מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור און זיי וועלן זיך פאַרבענקען נאָך אַ ניי לעבן...״

פּרץ אין יאָר 1913

וועגן דער יידישער ליטעראַטור

די רעדע, וואָס מיר גיבן דאָ ווייטער, איז געהאַלטן געוואָרן דורך פּרצן אין חודש יולי 1910 אין דובלענער קורהויז. זי איז געדרוקט געווען אין דעם טאָגבלאַט „די יידישע שטימע" (נומ' 1), וואָס איז דערשינען אין ריגע, אונטער דער רעדאַקציע פון בעל־מחשבות.

וועגן דעם מאַניר פון פּרצעס רעדן שרייבט, אגב, אין דער זעלבער „יידישער שטימע" ל.: „...פּרץ האָט געדאַרפט לעזן אַ רעפעראַט וועגן די נייע שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. פּרץ מוז אָבער לויט זיין טעמפּעראַמענט זיך אַלץ אָפּנייגן פון דער טעמע... אין קאָפּ איז אַ גאַנצער זודיקער קעסל פון מחשבות — איין געדאַנק יאָגט אַריבער דעם צווייטן, איין געדאַנק ווערט אויסגעשלאָסן פון צווייטן. זיין שטייגער איז, אַז פאַרן רעפערירן צייכנט ער אָן אַ פּלאַן. וואָס ווייטער ווערט דער פּלאַן אָבער פאַרגעסן. אין די אויגן וועלכע קוקן אַראָפּ פון דער בינע, זעט מען, ווי עס ווערן אַלץ נייע פייערלעך אָנגעצונדן, עס שפּריצן פון זיי בליצן און רופן אַרויס ביים פּובליקום אַ פלאַם פון באַגייסטערונג..."

פון דובעלן האָט, אגב, פּרץ געשיקט אַ בריוול (30 יולי 1911) צו יעקב דינעזאָן, געשריבן אויף דער צווייטער זייט פון פּרצעס אַ פאָטאָגראַפיש בילד. אין בריוול שטייט געשריבן: „אַזוי זע איך דאָ אויס פאַר דער לעקציע. וואָס דערנאָך וועט זיין, ווייסט שרה בת טובים."

פּרצעס רעדע:

„עס וואָלט פּילייכט קאָמיש געווען צו האַלטן אַ רעדע וועגן אַ ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי יונג און אַזוי אָרעם, ווי די יידישע. פאַר אַ רובל הונדערט, אויב נישט ווייניקער, קויפט איר איין אַלע אירע ווערק און שטעלט זיי אַריין אין איין, נישט זייער־גרויסן שראַנק. וועגן אַ ליטעראַטור, וואָס אירע שעפער האָבן נאָר איין מצבה אויפן בית־עלמין (אייזיק מאיר דיק), און דער עלטסטער נאָך אים (מענדעלע) האָט ערשט נישט לאַנג גענומען אַן אָנטייל אין אַ ליטע־ראַרישן אָוונט אין אָדעס צוזאַמען מיט זיינע יונגסטע אוראייניקלעך. — מען דאַרף זיך אָבער נאָר איינקוקן אום איינצוזען, אַז יונג איז נאָר די שפּראַך; די קולטור אָבער, וואָס האָט זי אַרויסגעטראָגן, איז אַלט און רייך. דאָס פאָלק, דער שעפער פון דער קולטור, — דאָס עלטסטע פאָלק!

זיינען מיר אַ פאָלק?

פיל איז גערעדט געוואָרן פאַר און קעגן אונזער נאַציאָנאַליטעט. אין דערווירקלעכקייט אָבער זיינען מיר מער ווי אַ פאָלק. מיר זיינען ראַסע, פאַמיליע; ריין בלוט זיינען מיר! קליינע צומישונגען פון פרעמד בלוט ווערן

לייכט אַסימילירט. ערב־רב, פרעמדע ווייבער, בפרט זעלטענע „יפת־תוארס" — האָבן קיין שפורן אין יידישן בלוט נישט געלאָזן. די שפּראַך, דאָס לאַנד און אַנדערע אַטריבוטן פון אייראָפּיאישע נאַציאָנאַליטעטן זיינען ביי אונדז נישט מאָסגעבנד. מיר בייטן לענדער און שפּראַכן, פליסן זיך אַריין אין פרעמדע עקאָנאָמישע סטרוקטורן און בלייבן אימער די זעלבע, אימער יידיש!

פעלקער פון געמישט בלוט, נישט פאַראייניקטע מיט לאַנד, שפּראַך און עקאָנאָמישע סטרוקטורן — זיינען אוממעגלעך; פאַרשיידן בלוט און פאַר־שיידענע קולטורן, פאַרשיידענע וועלט־אַנשויאונגען, זיי קאָנען נאָר האַלטן און צייטווייליק, מעכאַניש צוזאַמענשמעלצן די אויסערלעכע אַטריבוטן. נעמט זיי צו, צעפאַלט דאָס פאָלק.

ריין בלוט איז רעליגיאָנס־איינהייט, וועלט־אַנשויאונג. די יידישע ליטע־ראַטור איז דריבער נאָר איין רינג אין דער קייט און דאַרף באַטראַכט ווערן נאָר אַלס מאָמענט פון דער אייביק־יידישער קולטור.

אָבער יידיש־גענומען האָט דאָס וואָרט „ליטעראַטור" אַ גאַנץ אַנדער באַ־דייטונג. דאָס איז שוין נישט דער ראָמאַן — די נאָוועלע, די סקיצע — דער סוראָגאַט פון לעבן, דאָס פעפער פון לעבן — די פאַרווײַלונג. פאַר אונדז איז קונסט נישט שפּיל; קיין מיטל אָפּצוטייטן די צייט, אָדער די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן (מערסטנטייל: זיך אויסצוזינדיקן) אויסער די גרענעצן פון לעבן, אָדער אָן דער זייט פון לעבן. אויף יידיש איז קונסט, ליטעראַטור אַזוינס, וואָס שטייט איבערן לעבן און ציט עס צו זיך, וואָס שאַצט דאָס לעבן פון העכערן, אידעאַלן שטאַנדפּונקט און לויבט און שטראָפט עס.

ביי אונדז איז דאָס „וואָרט" הייליק. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיטן וואָרט. „ויהי אור" — און עס איז געוואָרן ליכט! בעשרה מאמרות נברא העולם,* און דין־וחשבון וועלן אָפּגעבן די, וועלכע צעשטערן די וועלט. וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיטן וואָרט... אַ סך הייליקייטן זיינען געווען... „ואין לנו שיור רק התורה הזאת",** — קלאָגט זיך דער ייד אין גלות. אָבער, באַ־קליידט אינעם וואָרט, וואַנדערט מיט אים די „שכינה" — דער הייליקער גייסט איבעראַל און לאָזט אים נישט אונטערגיין. נישט די פיזישע קראַפט — נאַציאָנאַל הייליק איז דאָס וואָרט, און זיין פירער — דער נביא. שמשון הגבור איז קוים אַ טראַגיש־קאָמישע פיגור, בר כוכבא איז ווייניקער ווערט פאַרן נס פון אַ פלעשל בוימל. און אין דער צייט פון דער איבערמאַכט פון גריכן און רוימער, אין דעם ווילקיר פון זייער שאָטן, דעם יידישן קעניג — רעגירט דער פירער פון וואָרט — דער פרוש, דאָס סנהדרין און דערנאָך זייערע יורשים,

* דורך צען שפּריכווערטער איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט.
** עס איז גאָרנישט איבערגעבליבן, ווי בלויז די תורה.

די אויסטייטשער פון וואָרט. און משיח, וואָס דאַרף אויסלייזן די וועלט, איז דער שוואַכסטער, דער שטילסטער, וואָס טוט אַלץ מיטן וואָרט. נישט פאַר אונדז איז „קונסט צוליב קונסט״, נישט קיין שפּיל איז דאָס וואָרט. עס איז און מוז זיין אונדזער וועלט־אַנשויאונג, אונדזער רעליגיאָן, אונדזער געוויסן...

און דעריבער, ווייל די יידישע ליטעראַטור זיין יידיש, — מוז זי עס זיין נישט נאָר אין דער שפּראַך, אין דער אויסערלעכער פאָרם פון וואָרט, זי מוז ווערן יידיש אין תוך, אין דער נשמה. אין פּראָבלעם! זי מוז אויפהערן נאָכ־צומאַכן אייראָפּע, אויפלעבן און קלינגען מוז דאָס יידישע וואָרט, רענעסאַנס פון דער ביבל אַרויס, רענעסאַנס פון פּראָפעטנטום אַרויס! זאָלן מיר בלייבן אייראָ־פּייאישע נאָכמאַכער, באַשאַפער פון פאַרוויילונגס־ביכער, דאַמען־פאַרווילער, — דינען מיר דער זעלבער אַסימילאַציע, קעגן וועלכער מיר שטרייטן, ווייל יידישקייט איז נישט אָפּהענגיק פון לאַנד און שפּראַך, יידישקייט איז רעליגיע, וועלט־אַנשויאונג, — ריין בלוט!

אַזוי האָט באַדאַרפט זיין, עס איז אָבער אַזוי נישט געשען.

אויפן אָרט פון זיך אַליין צו אַנטוויקלען, די אייגענע נשמה אויסצושטראַלן, האָט מען זיך גענומען צום נאָכמאַכן. נישט אומזיסט, אויב אַ יידישער שריפט־שטעלער ווערט באַקאַנט, זאָגט מען: עס האָט זיך באַוויזן אַ יידישער טשעכאָוו, עס גייט אַ יידישער מאָפּאַסאַן... עס קומען אויך יידישע שעקספּירס, זיי דער־גייען נאָר נישט. ענג און נישט לופטיק איז אונדזער שטוב געווען, אַ פענצטער אין אייראָפּע אַריין אויפרייסן האָט מען געמוזט, נייע קולטור־ווערטן ווערן באַשאַפן, עוואָלוציאָנערע פאָרשריטס־מאָמענטן זיינען מעגלעך נאָר ביים צוזאַמענטרעפן זיך פון פאַרשיידענע קולטורן, פון פאַרשיידענע אָבער גלייכ־באַרעכטיקטע. דעמאָלט קומט צו אַ קעגנזייטיקן איינפלוס. צו אַ קעגנזייטיקער באַפרוכטונג און ביידע פראָגרעסירן... ביי אונדז איז עס אָבער, ליידער, עטוואָס אַנדערש געשען. און דאָס האָבן מיר די „גרים״, די צו אונדז צוריקגעקומענע, צו פאַרדאַנקען. אַ שמחה איז געווען, אַ פרייד: אונדזער יוגנט קומט צו אונדז צוריק, פאַרפערמדטע, רייכע, פרעמד־דערצויגענע קרעפטן קומען צוריק צו דער אָרעמער „כנסת ישראל״ און ווילן איר דינען. דער דינסט איז אָבער גאָר איינגאַנצן אָן שאָדן נישט געווען. פאַרן צוריקקומען איז געווען „מענדעלע״. און געהאַט האָט ער פאַר זיך אַ גרויע, טויב־שטומע גאַס, מיט אָדער אָן קאָר־טאָפּל... אָן איין גרויסן געדאַנק, אָן איין גרויסן חלום, אָן איין פערזענלעכקייט, און אַזוי האָט ער געמאָלט, ער האָט קיין מענטשן נישט געזען, נאָר שטעטלעך, מאַרקן, הקדשים, בתי־מדרשים א. ד. גל.

דערנאָך האָט אויפגעלעבט די יידישע גאַס, פאַנען אויפגעהויבן, בלוט האָט געפלאָסן, תפיסות זיינען פול געוואָרן און גרויסע חלומות זיינען געווען... האָבן זיי זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור? האָט דער יידישער

קינסטלער זיי דערפילט און זיך אַלס קינסטלערישע פּראָבלעמען געשטעלט?

ניין... אויסער בראָשורן און טענדענץ־ביכלעך — קיין איין קינסטלעריש ווערק... ביי זיין בעסטן ווילן, פולסטן האַרץ מיט יידישע בענקשאַפט און ברענענדיקסטן מיטלייד צום יידישן פאָלק האָט ד״ר הערצל, דער פון דער פרעמד צוריקגעקומענער, נישט געקאָנט טאָן פאַרן יידן און אין יידישקייט, פאַר דער נאַציאָן, נאָר פאַר די... וואָס ווילן אָבער קענען זיך נישט אַסימילירן! און די לינקע זייט? זי קומט און פּרעדיקט אידייען פון אַ קינפטיקן סאָציאַל־שטאַט, אַלס עטוואָס־פרעמדס, נישט יידישס... יידיש — מאַכט זיי נישט קאַלט, נישט וואַרעם, די יידישע נאַציאָן איז געשטאַנען אויסער דער גרענעץ פון די ווירקלעכע אינטערעסן! פון דעם אַזוי פאַרפרעמדטן מאַטעריאַל האָט די יידישע נשמה נישט געקענט וועבן, און דער יידישער קינסטלער איז אַזוי אין דער, ווי אין יענער באַוועגונג, מיט האַרץ נישט אַריין.

יידישקייט איז נישט לאַנד און נישט שפּראַך. אָן יידישקייט און נישט צוליב יידישקייט — איז עס געצן־דינעריי. עבודה־זרהס.

די איינִיקונג פון יידן איז הגם נישט אין דער שפּראַך, אָבער אויב יידיש איז דאָס איינציקע וואָרט, אויף וועלכן מיר קאָנען וועקן דאָס פאָלק, דאַן מוזן מיר רעדן יידיש, דענסטמאָל וועט זיך דער ענגלישער ייד שוין במילא לערנען יידיש.

די שפּראַך איז נאָר אַ הילפס־מיטל. האָב איך נאָך נישט וואָס צו זאָגן, טאָר איך נישט זאָגן דעם אַנדערן — לערן יידיש. עס מוז אָנהייבן צו וואַקסן דער יידישער דיכטער, דער יידישער געדאַנק, די פאָרם וועט שוין במילא קומען. און דאָס וואַקסט!... מיר האָבן נאָך נישט קיין אייכן, קיין דעמבעס, אָבער ווען זיי וועלן שוין זיין, וועט קיין שפּראַך־פראַגע נישט עקזיסטירן.

איר ווייסט, אַז אין טשערנאָוויץ איז פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פון יידישע שרייבער. מ'האָט דאָרט געשטעלט די פראַגע: וואָס איז זשאַרגאָן — אַ נאַציאָנאַל אָדער אַ פאָלקס־שפּראַך? מען האָט געענטפערט: אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. נאָכגעבנדיק דער מערהייט האָב איך אויך אונטערגעשריבן די רעזאָ־לוציע. אָבער דערמיט האָבן מיר אַרויסגעזאָגט נישט דאָס, וואָס עס עקזיסטירט אין אמתן, נאָר דאָס, וואָס מיר ווילן, עס זאָל זיין. אָבער דערמיט טאָרן מיר נישט מיינען, אַז העברייאיש זאָל פאַרגעסן ווערן! וואָלט דאָס געשען, וואָלטן די ווייבער נאָר „צאינה וראינה" געקענט, אָבער מענער דאָס אויך נישט. מען וואָלט דעמאָלט אָפּגעהאַקט געוואָרן פון דער פאַרגאַנגענהייט און מיר וואָלטן אָפּגעהאַנגען פון צען־צוועלף דיכטער.

ווילן מיר אָבער, אַז די הערשנדע שפּראַך זאָל זיין יידיש! האָבן מיר עס? — ניין...

נאָך מענדעלען איז אַרויס שלום־עליכם. מען זאָגט, אַז ער איז אונדזער

מאַרק טווען. מאַרק טווען דאַרף זיך געווים דערמיט נישט באַליידיקן. טווען האָט פאַר זיך די גאַנצע וועלט, אָבער שלום־עליכם האָט נאָר פאַר זיך דעם יידישן קאָמיסיאָנער, דעם גרעסטן חכם אין דעם קלענסטן שטעטל. שלום־עליכם איז שטאַרק, אָבער די סקיצן זיינען אָרעם, ווייל אָרעם איז דאָס יידישע לעבן.

ביי דינעזאָנען אין אַ ראָמאַן דערציילט דער העלד זיין געליבטער וועגן פיזיק, — ווי אַזוי אַנטשטייט אַ דונער אין אַ וואָלקן... ווי קומט דאָס ? אַזאַ אָרעם געשפּרעך צווישן צוויי ליבנדע נפשות ? ס'איז איינפאַך : דאָס יידישע לעבן האָט בעסערס נישט געגעבן. גנבענען זיך אַריין אַנדערע טעמעס. איז עס גאָר גענומען פון פרעמדע פאָרמען. דער „גאָט פון נקמה" איז דער יידישער גאָט געזען מיט גויאישע אויגן. אַנדערע נייע מענטשן קומען צו, אָבער זיי גיבן זיך צופיל אונטער פרעמדע פאָרמען, באַנעצן אַלץ מיט פרעמדע פליסי־קייטן. זיי ווילן שרייבן וועגן ליבע, אָבער קיינער האָט נישט געזען, ווי אַ יידישער בחור דערקלערט ליבע אַ מיידל. — — —

עס ליגן פאַר אונדז צוויי וועגן. איין וועג קיין אייראָפּע, וואו די יידישע פאָרם דאַרף פאַרניכטעט ווערן, דער צווייטער וועג צוריק — צו אונדזער אַמאָליקן, צו דער פאַרגאַנגענהייט. אין אַמעריקע איז אַרויס אויף יידיש : ביבל, שיר השירים... וועט אַזאַ בוך קומען צו אונדז, אַריינדרינגען אין אונדזער לעבן, וועט זיין געראַטעוועט דאָס יידישע לעבן.

איך קום איצט צו אַ פּונקט, וועלכער פאָלט מיר נאַטירלעך אויס אַמ־שווערסטן, ווייל איך מוז רעדן וועגן זיך. אין יידישן לעבן געפינען מיר דאָס פאָלקסטימלעכע, דאָס, וואָס דאָס פאָלק דערציילט וועגן זיך אַליין, דאָס חסידישע א. ד. גל. — וועט דער יידישער דיכטער נעמען די אַלע רייכטימער און באַ־אַרבעטן זיי דורך זיין אייגן גייסט (נישט אייראָפּייאיש באַאַרבעטן), וועט דער יידישער מוזיקער אויפזוכן און באַשיינען די מעלאָדיען פון פאָלק, וועט זיין גוט. וועלן מיר באַקומען אַן אָנפאַנג פון אַ יידישער ליטעראַטור. אונדזער הויז איז געבויט פון פרעמדע שטיינער, עס שטייט נאָך אָבער דערווייל לער. עס מוזן אַהין צוריקקומען די אַלטע יידישע פּראָפעטן, די עכט־יידישע אידייען, די יידישע וועלט־אָפּשאַצונג, דעמאָלט וועלן מיר ערשט באַקומען אַ טעמפּל. דעמאָלט וועט דאָס פאָלק ווערן פאַראייניקט, ווי צעוואָרפן עס זאָל נישט זיין. רעדן מיר וועגן שטרעמונגען, מוזן מיר רעדן, ווי אַריינצופירן דעם יידישן שניט אין אונדזער פאָרם.

נאָר אין אונדזער ביבל, אין חסידיש, אין דער פאָלקסטימלעכקייט ליגט אונדזער איינציקע שטרעבונג.

יידישקייט איז נישט לאַנד און נישט שפּראַך — מיר זיינען מער, ווי אַ פאָלק. רייך בלוט זיינען מיר !"

די אַרויסטרעטונגען אין ווילנע

פעברואַר 1912 איז פּרץ אַראָפּגעקומען קיין ווילנע לויט דער איינלאַדונג פון דער געזעלשאַפט „תורה תמימה", און פאַרבראַכט דאָרט דריי טעג „די דאָזיקע יום־טובדיקע טעג — שרייבט מ. שאַליט * — זיינען באַוואוסט אונטערן נאָמען „די פּרץ־טעג אין ווילנע"... „אַזעלכע זוניקע טעג, ווען אונדזער גרוי לעבן איז געוואָרן באַשיינט און באַלויכטן, און יעדער און אַלץ האָט מיט־געטאַנצט און מיטגעזונגען, האָט שוין אונדזער ליטעראַטור מער נישט איבער־געלעבט אין דער אַלטער ווילנע." פּרץ האָט דאַן געלייענט אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „די יידישע ליטעראַטור" אין זאַל „פילהאַרמאָניע". ס'זיינען געווען באַגריסונגען, אַדרעסן. ס'זיינען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן באַנקעטן לכבוד פּרצן. פּרץ האָט אויך באַזוכט די פּורים־פאַרוויילונג, וואָס די ווילנער יידישע געזעלשאַפט פאַר קינדער־פאַרזאָרגונג האָט איינגעאָרדנט אין זאַל פון „פיל־האַרמאָניע" בייטאָג. אויף דער פאַרוויילונג זיינען גרעסטנטייל געווען אָרעמע יידישע קינדער, פאָלקס־קינדער. פּרץ האָט געהאַלטן פאַר די קינדער אַ רעדע, וואָס איז געווען פול מיט ליבע צו אָט די קינדער. ער האָט אויך פאַר זיי פאַר־געלייענט זיין מעשהלע „שרה בת טובים".

„צום גליק — שרייבט מ. שאַליט — זיינען פאַרצייכנט פּרצעס מערק־ווירדיקע, טיפע, גייסטרייכע ווערטער און געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויס־געזאָגט מיט אַזאַ שפע אין די פאַר טעג."

„עס זיינען געווען בליצן און דונערן, וואָס האָבן אויפגערודערט די מוחות. אָפטמאָל פאַראַדאָקסאַל, אָפטמאָל נישט דערענדיקט, אָפטמאָל בלויזע פונקען פון געדאַנקען, שפּריצן פון גייסט, — איז פּרצעס רעדע, אינגאַנצן גענומען, געווען אַ זעלטן־שיינע, דורכדרינגענדיקע, גלעצנדיקע, און די סתירות, וועלכע האָבן דאָ און דאָרט זיך דורכגעוואָרפן אין דער רעדע, האָבן אין זייער אייגנ־אַרטיקער פּראַכט פאַרבלענדט מיט זייער שאַרפקייט."

משה שאַליט ברענגט פּרצעס רעדעס אויף דער פאַרלעזונג און אויף דעם באַנקעט, ווי זיי זיינען דורך אים, שאַליטן, פאַרצייכנט געוואָרן.

— „...די יידישע ליטעראַטור — האָט געזאָגט פּרץ — האָט זיך אַנטוויקלט אויף גאָר אַ באַזונדערן אופן.

בעת די אַלע איבעריקע ליטעראַטורן זיינען געגאַנגען פון אויבן אַראָפּ, גייט די יידישע ליטעראַטור פון אונטן אַרויף.

די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן פון פאָלק, פון זיינע נידעריקסטע

---

* „ליטעראַרישע בלעטער" 1925, נומ' 49-50.

שיכטן, אַלץ גייענדיק העכער און העכער, שטרעבנדיק ביי היינטיקן טאָג צו באַפרידיקן די גייסטיקע באַדערפעניש פון דער אינטעליגענץ.

בעת דער נערוו פון דער אור־אַנטוויקלונג פון די איבעריקע ליטעראַטורן איז געווען — פּאַרוויילונג, איז דער דאָזיקער נערוו ביי דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור געווען — נוצלעכקייט.

צוויי פאַרשיידענע וועגן.

וועלכער וועג איז בעסער? נאַטירלעך, קען נישט געשטעלט ווערן די פראַגע. נאָר די מאָראַלישע אָפּשאַצונג איז דאָך וויכטיק. די ליטעראַטור, וואָס גייט פון אויבן אַראָפּ, גייט פון פאַרוויילונג צו נוצלעכקייט, אין דער צייט, ווען אונדזער ליטעראַטור איז אויסגעוואַקסן פון די שיכטן, וועלכע האָבן געדאַרפט ברויט און וואַסער, ליכט און וואַרעמקייט, דאָס איינפאַכסטע, מענטשלעכע. דעריבער איז זי די דערהויבנסטע און מענטשלעכסטע, דעריבער, אויב איר הערט אין גאַס דאָס פרעכע ליד, זייט וויסן — דאָס איז נישט יידיש.

דאָס יידישע בוך איז נישט געווען קיין פאַרוויילונג, קיין בוך צום איינשלאָפן, דאָס איז נישט געווען קיין סוראָגאַט. די ליטעראַטור האָט אַנדערע צילן און צוועקן: ערנסטקייט — דאָס דאַרף זיין דער סטימול פון דער יידישער ליטעראַטור. ווי ווייט דאָס געשעט נישט, איז עס נישט יידיש.

אָנהייבנדיק פון פאָלק, האָט די יידישע ליטעראַטור לויט איר עצם נישט געקענט זיין אַנדערש פאַרן פאָלק, ווי די טרעגערין פאַר אים פון נוצלעכקייט, נייטווענדיקייט, גייסטיקן ברויט, איינציקן און איישלישלעכן, ווייל זי איז די ערשטע געקומען צו אים אויף זיין שפּראַך, אויף דער שפּראַך פון פאָלק.

אָן פאָלק איז קיין ליטעראַטור נישטאָ.

אין דער געשיכטע פון פעלקער איז נישטאָ קיין פאַנטאַזיע. וואָס ס'האָט געמוזט ווערן, איז געשען. ווער האָט געמוזט אָנערקענען יידיש אַלס שפּראַך? דאָס זיינען געווען די עלעמענטן, וואָס האָבן קיין אַנדער שפּראַך נישט געהאַט.

צוויי עלעמענטן האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך. די יידישע פרוי און דאָס חסידות. פאַר דער יידישער פרוי איז קיינמאָל נישט געווען קיין זשאַרגאָן, פאַר איר איז די שפּראַך תמיד געווען — יידיש.

די יידישע פרוי איז געווען די היילוקע היטערין פון איר איין־איינציקער שפּראַך. זי האָט אויסגעוויינט אויף דער שפּראַך איר נשמה אין די תחינות. זי האָט זיך אויף דער שפּראַך באַהעפט מיט דער גייסטיקער וועלט אין „צאינה וראינה", זי האָט אויף דער שפּראַך פאַרוויגט איר קינד און געזייט אין זיין נשמה די ערשטע זוימען פון ליבע און איבערגעבנקייט צו זיין פאָלק.

דאָס חסידות, אַלס אמתע פאָלקס־באַוועגונג, האָט אַנדערש נישט געקענט ווי באַזירן אויף דער שפּראַך פון פאָלק.

אין חסידות איז דאָס העברייאישע געוואָרן אַן איינפאַכע איבערזעצונג פון יידיש. אַלע יידישע שפּראַך־פאָרמען זיינען דאָרט געווען. דער חסידיזם, וואָס איז געווען פאַרן פאָלק, האָט געמוזט אָנערקענען די יידישע שפּראַך, ווייל די יידישע מאַסע האָט שטענדיק גערעדט יידיש, האָט קיין העברייאיש נישט געקענט, ווייל זי האָט נישט געלערנט קיין תורה. זי פלעגט גיין אין קהל־שטיבל, אַ פּאַריאַגטע, פאַרהאַווטע. זי האָט קיין העכערע געדאַנקען נישט געהאַט. אָבער די פינצטערע, הונגעריקע, פאַראַרבעטע מאַסע הויבט אָן צו שפּירן אַ לעבנס־דורשט, אַ דורשט צו פרייערע געדאַנקען, פרייערע געפילן, און ווען זי וועקט זיך אויף, מוז זיך אויפוועקן די יידישע שפּראַך.

דער חסידיזם האָט זיך געהאַלטן אויפן פאָלק. און די שפּראַך, אויף וועלכער מען האָט גערעדט צום פאָלק אמתן, האָט געדאַרפט זיין פאַרשטענדלעך אַלעמען, ד. ה., יידיש.

מען דערציילט וועגן קאָצקער רבין, אַז איינמאָל, געברוויכנדיק איז זיין רעדע די פראַזע: „וואָס איז אמת? האָט ער זיך גלייך געכאַפּט און פאַרריכט: „וואָס איז וואָר?" ד. ה., ער האָט נישט געוואָלט באַנוצן אין זיינע דרשות קיין איין נישט־יידישן וואָרט, ווען אַפילו דאָס דאָזיקע וואָרט איז העברייאיש...

די נאַציאָנאַל־פראַגע פון דער שפּראַך איז די ברענענדיקסטע פראַגע אין יידישן לעבן.

האָבן מיר, אָבער, שוין אַ נאַציאָנאַלע יידישע ליטעראַטור?

אין דער יידישער ליטעראַטור פעלן מאַסן, צייט, עפּאָכן. איר פעלט דאָס גאַנצע מיטלאַלטער פון יידישן לעבן. איר פעלן קלאַסן. ס'פעלט דער היס־טאָרישער ראָמאַן.

אין פוילן און ליטע זיינען באַשאַפן געוואָרן יידישע שריפטשטעלער: עס וואַקסט אַ נייע יידיש־אַמעריקאַנישע ליטעראַטור. מיר האָבן אָבער נאָך נישט געוואָרפן די בריק פון וואַרשע־ווילנע קיין ניו־יאָרק. ווילן מיר שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, מוזן מיר אַריינגעמען די ביבל, דאַן האָבן מיר אַ קרוין פון שאַפונג.

מיר דאַרפן ברענגען די יידישע ליטעראַטור צו אַזאַ הויך, אַז אַנדערע ליטעראַטורן זאָלן זיך נויטיקן אין איר.

מיר מוזן באַשאַפן דעם סינטעז, די מעטראָפּאָליע. מיר מוזן זען ס'קינפּטיקע לעבן.

האָבן מיר אָבער קיין שולן נישט. ווען די שולן זיינען נישט יידיש — זיינען זיי קעגן יידיש.

אַז מען ווייסט, וואָס עס פעלט, ווייסט מען ווי עס צו דערגרייכן. דאָ האָט געטראָפן אַן אַנדער אומגליק — מען האָט אונדזערע אינטעליגענטן אַרויס־געטריבן פון די הויך־שולן, זיינען זיי געקומען צו אונדז און פעלשן די יידישע

מוזיק, דאָס יידישע טעאַטער, די יידישע קונסט. זיי פעלשן די יידישע שטרעבונגען און שטימונגען. אַלס מענטשן, וואָס האָבן פאָרמען גענומען, סטרוקטורן געשאַפן, אָבער נישט יידן זיינען זיי צו אונדז געקומען. זיי זיינען געקומען צו אונדז מיט פרעמדע נשמות אין זייער יידישן גייסטיקן טלית־קטן, און דאָס האָט אונדז פאַרדראָסן!

דער גרויסער יידישער קינסטלער, וואָס דאַרף נאָך קומען, וועט דאַרפן זיין אַ גאַנצער ייד, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק מיט אַלע זיינע האָפענונגען אויף דער צוקונפט. די ליטעראַטור וועט דאַרפן אַרומנעמען אַלע שיכטן, אַלע קלאַסן, אַלע טיילן פון גאַנצן יידישן פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט. זי וועט דאַרפן זיין אַ גאַנצע, איינציקע, אַלך־אומפאַסנדיקע.

גלויבן איז נויטיק, דער גרויסער גלויבן אין דער לעבנס־פייאיקייט פון אונדזער פאָלק. אָבער נישט קיין טעאָריעס דאַרפן מיר. נישט קיין פּלאַט־פאָרמעס, נישט קיין פּראָגראַמען, אַז מיר יידן זאָלן ווערן ענלעך אויף כל הגויים!

די יידישע ליטעראַטור דאַרף ווערן אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, וואָס איז כולל דאָס גאַנצע לעבן פון גאַנצן פאָלק. און אַזאַ וועט זי ווערן!...״

„מער אינטים — דערציילט ווייטער מ. שאַליט — האָט פּרץ גערעדט אויף די באַנקעטן.

ענטפערנדיק אויף די באַגריסונגען און רעדעס, האָט פּרץ ווי אַנטוויקלט זיין קרעדאָ.

ווענדנדיק זיך צו א. דרויאַנאָוון, רעדאַקטאָר פון „העולם״, וועלכער האָט באַגריסט פּרצן אויף העברייאיש, האָט פּרץ געזאָגט:

— „ארץ־ישראל האָב איך ליב מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה. איך חלום צו באַזוכן דאָס לאַנד, זיין דאָרט, אָבער פאַרבלייבן אין ארץ־ישראל — דאָס וויל איך נישט. העברייאיש איז אונדזערס, די נשמה פון יידיש — איז זיין העברייאישער אינהאַלט, אָבער רעדן אויף העברייאיש אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו די מערהייט פאַרשטייט מיך נישט, וואָלט איך נישט...

צו אייך, ציוניסטן, געהער איך נישט...

און אויך צו די טעריטאָריאַליסטן געהער איך נישט. די יידן איז נויטיק אַ טעריטאָריע, זוכט און געפינט זי, אָבער בויט נישט קיין טעאָריעס, ציט נישט אָפּ דאָס פאָלק פון זיינע לעבעדיקע באַדערפענישן, רייסט אים נישט אָפּ פון שאַפונג, קוקט נישט אויף דאָס יידישע לעבן דורך אייערע שוואַרצע ברילן... נישט אין דעם נויטיקט זיך דאָס פאָלק...

איך געהער אויך נישט צו די דעמאָקראַטן, צו די פון זיי, וואָס זעען די גאַנצע רעטונג פון פאָלק אין דער דערגרייכונג פון דער פּאָליטישער גלייכ־באַרעכטיקונג.

איך געהער, אפשר, יאָ צו דער יוגנט, צו דער נייער, וואַקסנדיקער יידישער

יוגנט, וועלכע איז בלב ונפש איבערגעגעבן צום יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן אין זיין גייסטיקן אינהאַלט, אין אינהאַלט פון קולטור, גייסט, גלויבן, אידעאַל, שאַפונג !...

און איך געהער אויך, געוויס, גיכער צו די „יידישיסטן", אָבער דער, וואָס מיינט, אַז מ'קען זיין אַ יידישער שרייבער, נישט קענענדיק העברייאיש, דער האָט אַ טעות..."

אויפן צווייטן באַנקעט, צווישן די חברים און קאָלעגן, האָט פרץ ווידער גערופן צו גלויבן און שאַפונג — און שטרענג אָנגעוויזן, אַז „אָן גלויבן האָבן מיר, יידישע שרייבער, קיין באָדן נישט פאַר שאַפונג, און אונדזער גאַנצע אַרבעט האָט קיין זין נישט..."



י. ל. פרץ אין 1911

איף אַ פּאַרוואַל־פאַרזאַמלונג

ס׳איז אפשר געווען דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, ווען פּרץ איז אַזוי ליידנשאַפטלעך אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּאָליטישן קאַמף. עס איז געווען די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער פערטער רוסלענדישער גאָסודאַרסטווענע דומע, אין וועלכער פּרץ האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל און אַפילו פיגורירט אַלס וואַל־מאַן (וויבאָרשטשיק). ווי באַקאַנט, האָבן פּרצעס אַרויסטריטן שטאַרק אויפ־געבראַכט די אַסימילאַטאָרן. זיי פּרצעס „זאַפּיסקאַ" (מיטטיילונג) צו דער וואַר־שעווער גמינע, אין דעם בוך.

אין „היינט" (1912, 1טן אָקטאָבער) געפינען מיר אַ באַריכט פון פּרצעס אַ רעדע, געהאַלטן אויף אַ פּאַרוואַל־פאַרזאַמלונג אין וואַרשע:

„איך, למשל, — הויבט אָן פּרץ, — בין קיין אַסימילאַטאָר נישט, האָב מיין ווינקעלע אין „היינט", און בין קעגן יאַצקאַנען.

יאַצקאַן שרייבט: „די טראַגעדיע פון די וואַרשעווער יידישע וואַלן"; איך זאָג: עס איז אַ טראַגי־קאָמעדיע!...

עס איז טראַגי־קאָמיש, וואָס ביז אַהער ווייניקסטנס, האָבן די יידישע וואַל־קאַמפּאַניע אין וואַרשע געפירט אָדער די, וואָס גלויבן נישט אין יידישן לעבן אין דער פרעמד, וואָס קוקן אויפן יידישן לעבן אין גלות דורך שוואַרצע ברילן, און, פון דער צווייטער זייט, די אַסימילאַציע, וואָס גלויבט נישט אויף איר אייגן רעכט אויף לעבן, — וואָס זוכט דעם טיטל אויף אין אַ בוזעם־טאַש, וואָס האָט גאָרנישט אין זיך. און אַלץ אויסער זיך, ווייניקסטנס, אויסער דעם יידישן פאָלק, וואָס זיי פאַרטרעטן און אפשר איז דער „פּאַר" איבעריק, „טרעטן" איז גענוג...

ס׳איז דאָ נאָך אַ מנין וואַל־מענער.

דאָס זיינען די אַלטע קאָנסערוואַטאָרן, וואָס שלעפּן זיך נאָך דער אַסימי־לאַציע, און אַז זי הייסט, שפּייט מען אויף דער דומע!

עס קענען זיין יידישע לעבנס־פראַגן אין דומע, פון דער יידישער טשערטאַ ביז ביילים, אָבער, אַז די אַסימילאַציע הייסט, פאַרפאַלן: דער חסידישער צילינדער־הוט שפּייט אויף דער דומע.

די האָבן געפירט: דער ייד, דער פּשוטער ייד, וואָס בויט דאָ אויפן אָרט און וואָס וויל דאָ אויפן אָרט זיין שטעטל באַשטיין, דער האָט געשוויגן, דער איז נישט אָרגאַניזירט און איז אָן זיין ווילן. עס ווערט אַלץ אָפּגעטאָן מכלומרשט אין זיין נאָמען!

איך אַליין וויל רעדן אין נאָמען פון פּשוטן ייד; פון אַ ייד, וואָס וויל,

איבעראַל וואו ער איז, זיין שטעטל באַשטיין: וואָס ווייסט גאַנץ באַשטימט און קלאָר, אַז לעבן איז קאַמף און ער קעמפט פאַר זיין לעבן...

וואָלט ער אָרגאַניזירט געווען, וואָלט צו קיין טראַגי־קאָמעדיע נישט גע־קומען. באַקומען אַ מערהייט, אין פּאָליטיק איז מערהייט — געזעץ. אין מער־הייט דער מיטל אויף רעכט, ווילט מען אַ ייד! ס'איז דאָך אַזוי פּשוט, אַזוי איינפאַך. האָבן אָבער דאָס רעדל אַנדערע געפירט, האָט מען דערפירט צו אַ טראַגי־קאָמעדיע.

שטייען זיך אַקעגן צוויי פעלקער: אַ פאָלק פון האַנאַרנע שליאַכטע און מיר, יידן, דאָס אַזוי־גערופענע קרעמער־פאָלק. גייט דאָס קרעמער־פאָלק און זאָגט זיך אָפּ פון אַלעם גוטן און דערלאַנגט אַלס מתנה לעשיו זיין וואָל־רעכט. נאַריש, אָבער נאָך נישט קרעמעריש, און דער שליאַכטשיץ, וואָס האָט איבער דער גאַנצער צייט געהאַנדלט אין פּעטערבורג ווי אַ קרעמער, און נישט נאָר אונדז, נאָר אויך דעם שטאָלץ פון זיין פאָלק פאַרקויפט, פאַרשאַכערט, — וויל מיט אונדז קרעמער נישט האַנדלען און דערלאַנגט אונדזער מתנה מיטן פוס.

נאָר איך בין נישט אַהערגעקומען מאַכן אַ סעצעסיע. וואָס געשעןַ איז געשען. מען האָט זיך אין אונדזער נאָמען אָפּגעזאָגט פון אַ יידישן קאַנדידאַט, אונדזער אייביקער „גוטער פריינט" שוויענטאָכאָווסקי זאָגט, אַז עס איז פון אונדזער זייט פיין און איידל! מאַכן מיר די „גוטע מינע" צום שלעכטן שפּיל און זאָגן זיך אָפּ — פאַרפאַלן!

האָט מען אָבער אונדזער מתנה מיטן פוס דערלאַנגט, און די אַסימילאַציע זאָגט „אַבסטינענציאַ"! טרעט איך אַרויס אויסשליסלעך קעגן דער אַב־סטינענציע, קעגן אָפּהאַלטן זיך פון די וואַלן.

וואָס פאַר אַן אויסריידן מען זאָל נישט געבן, איר וועט נישט פאַרדרייען דעם אמת, דעם פּשוטן אמת:

מען וואַרפט אויף אונדז אַ פּחד! מען שרעקט מיט פּאָגראָמען! און די שרעקיקע ווילן זיך אָפּהאַלטן! אָבער נישט נאָר ביי די וואַלן צו דער דומע וועט געניצט דאָס אַלטע געווער; דאָס זעלבע כלי־זיין האָט מען געניצט ביי די וואַלן צו אונדזער אייגן היימישן קהל! נישט נאָר ווען עס גייט, ווי אַזוי עס זאָל אויסזען די „פּוילישע שטוב" (סטשעכאַ), נאָר אויך אין דער פראַגע, ווער עס זאָל זיין גבאי אין אונדזער קהלשער שטוב, ווער עס זאָל אונדזערע אָרעמע שפּייזן, אונדזערע מתים באַגראָבן, האָט מען געזאָגט: קלויבט אונ־דזערע משרתים, אַז נישט... און דאָס, מיט דער הילף פון באַנקיר־שטימען, האָט געהאָלפן!... מוז דעריבער צום אַלעם ערשטן אָפּגעוואָרפן ווערן די שרעק. שרעק איז אַ שלעכטער יועץ (ראַטגעבער). מען מוז קלאָר מאַכן די פּאָליטיש־סאָציאַלע לאַגע.

יועט מען אונדז שלאָגן?

איך ווייס נישט. דער „קוריער ווארשאַווסקי״ פאַרזיכערט, אַז ס׳פעלן אים די אינסטינקטן צום שלאָגן. די לינקע זאָגן, זיי לאָזן נישט שלאָגן. דער רעוויראָווי זאָגט: מען וועט נישט שלאָגן!

נאָר אויב שלאָגן, רבותים, שלאָגט מען דעם געבויגענעם, וואָס לאָזט זיך שלאָגן...

די ריטער־צייט און איר מאָראַל, די צייט פון דאָן־קיכאָטס, איז פאַרביי. מען שלאָגט ליגנדיקע און נאָר ליגנדיקע — אָבער אַנטיסעמיטיזם, דער פיינער, וואָס שמייסט נישט, ער נעמט דעם ביסן צו פון מויל.

און דעריבער זאָגט מען: רייצט נישט! דאָס פוילישע פאָלק איז אדרבא ואדרבא. לעבט און לאָזט לעבן! גיט אייך אונטער, האָט איר אַלע פרייהייטן, די גאַנצע פולע גלייכבאַרעכטיקונג. לאָז נאָר דער אַנטיסעמיטיזם שלאָפן, וועקט אים נישט.

איך האָב פיינט דאָס וואָרט „אַנטיסעמיטיזם״. עס איז אַ גראָבער ליגן, נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. סעמיטן — טערקן און אַראַבער — זיינען קעגן אונדז גלייך מיט די אַריער, גיבן אונדז אַזויפיל מאַנדאַטן, ווי זיי!

איך קאָן אויך נישטליידן דעם שקר פון טובות אויס לויטער גוטהאַרציקייט, כל־זמן דער אַנטיסעמיטיזם שלאָפט...

לעבן איז נישט לעבן לאָסן!

מען גיט נישט. אין לעבן מוז מען נעמען, אין לעבן מוז מען פאַר אַלץ באַצאָלן. מען גיט אַמאָל, נאָר פרעמדס. גיט אַ קעניג „רעכט״, „גלייט־בריוו״, „גראַמאָטעס״ אויפן חשבון פון אַדל, גיט דער אַדל רעכט און גראַמאָטעס אויפן חשבון פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג — וואָלט די ליבעראַלע בורזשואַזיע געגעבן רעכט אויף אַרבעט אין פאַבריק — ליידער, קוים איז אויפגעשטאַנען די פאַבריק, האָט זי שוין, די בורזשואַזיע, ווייניק וואָס צו זאָגן! ניין, ליבע צוהערערס, אייגנס גיט מען נישט. אייגנס איז אַ קאָנקורענץ־זאַך!

האָט רעגירט דאָס דאָרף, האָט מען אונדז געדאַרפט פאַר דער שטאָט. געלט האָט מען געברויכט, האַנדל און געווערב האָט געפעלט! אַ קליין ביסל פויליש פאָלק האָט געקאָנט שמייסן, און דער רוב — אונטער די ריטער אַרבעטן אין פעלד מיט אַ הילצערנעם אַקער!

קאָנען ביידע נישט באַשאַפן קיין מיטלשטאַנד, קיין האַנדל און קיין גע־ווערב. האָט מען פרעמדע גערופן. דייטשן, אויך אונדז! מיר זיינען געקומען, מער קיין היים נישט געהאַט!

היינט שפּרייזט דאָס דאָרף מיטן קליין־אַדל און פויערן אין שטאָט אַריין, מיר דאַקעגן אין דאָרף אַריין קאָנען נישט; דערפאַר האָט שוין דאָס געזעץ געזאָרגט. איז אַן איינזייטיקע קאָנקורענץ! עס ווערט ענג! ווי גוט דער פּאָליאַק זאָל נישט זיין, דעם ביסן פון מויל רייסן מוז ער!

יאָ ווילן, נישט ווילן! די עקאָנאָמיש־שוואַכע פון אונדז מוזן און וועלן אָפּטרעטן, מוזן עמיגרירן; די עקאָנאָמיש־שטאַרקערע, גאָר שטאַרקע האָבן מיר נישט, וועלן זיך מוזן אָרגאַניזירן, פאַרטיידיקן און מיט דער יידישער איינגעשפּאַרטקייט איבערלעבן און זיגן!

דאָס, און מער קיין נייעס איז נישט געשען. רעדט נישט פון אַנטי־סעמיטיזם.

האָט זיך געענדערט די באַציאונג, איז דאָס פּאָלק אַנדערש געוואָרן. די פּוילישע פּרעסע אויף דער גאַנצער ליניע קעגן אונדז — איז עס נישט קיין פראַגע פון ליבשאַפט און האַס, פון ליבשאַפט און נקמה! — מען האָט אונדז גאַנץ באַשטימט ליבער, ווייניקסטנס ווייניקער פיינט, ווי דעם „זשיד ניע־וויערני” אַמאָל, אין די עקאָנאָמיש־בעסטע צייטן.

געענדערט האָט זיך וואָס:

כל־זמן אַ פּאָליאַק האָט געהייסן צער האָבן, ווײנען אויפן גלות פון דער פּוילישער שכינה, פּראָטעסטירן (אין דער היים שטיל, אין אויסלאַנד הויך) קעגן אונטערדריקונג, האָט מען אונדז זייער גערנוויליק דערלויבט דעם טיטל פּאָליאַק.

יידעלע, קלאָג! שריי־מיט! האָסט אויך אויערן אין איראָפּע, און וואָס שאַדט עס? זאָג קינות אויף אונדזער גלות אויך!

הייסט אָבער אַ פּאָליאַק אַזוינער, וואָס האַנדלט און וואַנדלט און בפרט אַזוינער, וואָס דאַרף זיך פאַרען ביי דער קאַסע פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, איז „פּויליש” נישט נאָר טרערן און קרעכצן, נאָר אויך מאַכן הוצאה והכנסה אויפן קהלשן חשבון אין שטעטל — ברידערלעך, טרעט אָפּ! איר זענט זרע (קינדער) פון אברהם, יצחק ויעקב, מאַכט קיין קונצן נישט.

דאָס איז דער קלאָרער אמת, דער אָפענער איין־און־דרייסיק.

אין די אַסימילאַציע ווייסט נאָר איר שפּראַך:

— ניע דראַזניטש! שווייגט, נוצט אייער רעכט נישט אויס. לייגט אייך ווי די לעמעלעך, אַ געשמאַקע זאַך. מען וויל געקוילעט ווערן ווי כפּרות אין דער שטילער נאַכט.

מען פאַרציילט, אין פּעטערבורג, אין אַ רעסטאָראַן, האָבן זיך געטראָפן אינספּעקטאָרן פון שולן, וואָס זיינען געקומען „באַמיען” זיך צו פאַרבעסערן זייער לאַגע מיט גרויסן געהאַלט און „טשינעס”.

זיצט מען, טרינקט מען און מען רעכנט אויס זכיות...

נאַטירלעך: דער טיטל אויף זכיות זיינען מיר! דער האָט פּעסט אָפּ־געהיט די נאָרמע. דער צווייטער האָט זי נאָך פאַרקלענערט, דער דריטער, נאָך מער בריה, אַ צירקולאַר פון מיניסטער באַקומען, צוצונעמען אַ יידן — און נישט גענומען:

וואָן!

שטייט אויף נאָך איינער:

נישט אַזוי כשר האָט ער פאַרדינט אַ „וולאַדימיר", צו אַן „אַננאַ" אָדער ח"י גדולים הוספה. ער האָט גאָר אין שולע קיין יידן נישט. דאָס האָט מען שוין פאַר אים געטאָן. ער האָט אַ דערפינדונג געמאַכט: אַ מאַשין צום שמייסן, מען דאַרף נישט צולייגן קיין האַנט.

אונדזער אַסימילאַציע האָט אַ גרעסערע דערפינדונג געמאַכט: זי האָט זיך אַליין אָפּגעשמיסן.

„מיר זיינען פּאָליאַקן! און זוען אַלע פּאָליאַקן זאָלן עס לייקענען — מיר פילן, מיר זיינען און — אַבסטינענציע: מיר יידן ווילן נישט!"

נאָר פאַרוואָס האָט זי געגנאַרט, דעם אמת נישט געזאָגט? מיר לעבן נישט אַזוי נאָענט מיט דער „שליאַכטע", מיר לעבן אונדזער אָפּגעזונדערט יידיש לעבן, מיר האָבן געקאָנט אַ טעות האָבן, אָבער זיי? אַזוי נאָענט, אַזוי קנעפּל בקנעפּל, אַזויפיל אין דער משפחה! ביי איין טיש, אָפט אין איין בעט — זיי האָבן דאָך שטענדיק דעם אמת געהערט — פאַרוואָס האָבן זיי געשוויגן, נישט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז די גאָלדענע צייט פון טובות און ליבשאַפט איז אַוועק? אַז יענע ווילן עסן? פאַרוואָס האָבן זיי נאָך געוואָלט אונדז אָנרעדן, אַז שולדיק זיינען ציוניסטן, ליטוואַקעס און יאַצקאָן, — אַניט — אַ גן־עדן! פאַרוואָס האָבן זיי אונדז נישט דערציילט דעם אמת, אַז די שליאַכטעס זיינען קרעמער געוואָרן?

מיר קענען מיט מענטשן, וואָס פאַרהוילן דעם אמת, בפרט מיט אַזעלכע, וואָס שמייסן זיך אַליין, נישט גיין! אַפילו נישט שווייגן מיט זיי צוזאַמען! מיר דאַרפן ווילן, קעמפן דאַרפן מיר — מיר זיינען דאָ און קעמפן דאָ. קוכאַר־זשעווסקי שפּאַצירט איבער וואַרשע, מיר — אויך! אַרבעטן, אַרבעטן מיר נישט ווייניקער פאַר אייך.

ער וויל וואַרשע אָפּשטעלן אויף סקאַרגאַ און סטאַשיץ, וואָס זייערע שאָטנס באַגעגענען אים אויפן שפּאַציר. מיר מוזן פאַרקערט, מיר מאַכן וואַרשע באַוועגלעך, טרייבן זי ווייט אַוועק פון די שאָטנס, מיר מאַכן אַפילו די שווערע הייזער באַוועגלעך, סחורה מיד ליד (פון האַנט צו האַנט). און געווערב און האַנדל און אינדוסטריע האָבן אונדז פיל, זייער פיל צו פאַרדאַנקען...

קוכאַרזשעווסקי טרעפט אויף זיין שפּאַציר פּלעצער, וואו דאָס אַלטע האָט געגלאַנצט מיט טויזנט חן, וואו סטאַשיץ האָט אונדז געהאַלטן פאַר היישעריקן און סקאַרגאַ פאַר פאַרשאָלטענע. מיר טרעטן אויף די זעלבע פּלעצער, נעמלעך אויף די, פון וועלכע מען האָט אונדז געטריבן, און וואו מ'האָט אונדזערע יידעס און באָבעס געשמיסן, און די „טומולט־פּלעצער" און די ראָגאַטקעס מיטן

„טאָג־צעטל“. נאָר ווען קוכאַרזשעווסקי וויל די שאָטנס רופן צוריק, טרייבן מיר וואַרשע — אַלץ ווייטער, און אויף נייע זועגן.

און אויב קוכאַרזשעווסקי האָט געהערט זוי אַ ייד פרעגט אויף דער אַלטער שטאָט:

— ווי טייער איז אַן אייל ערד?

האָב איך געהערט גויים פרעגן:

— וואו איז דאָ אַ קאַבאַרעט? וואו אַ פריילעך הייזל?

— —

„י. ל. פרץ — דערציילט דער באַריכט־אָפּגעבער אין „היינט“ — ענדיקט זיין רעדע מיט דעם אויפרוף:

„מיר זוילן ווילן!

די פאַרזאַמלטע האָבן דעם רעדנער געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס.“

י. ל. פרץ אין וואַרשעווער „הזמיר“

אַרויסטרעטונגען אין „הזמיר"

די באַדערפעניש אין אַן אוידיטאָריע, פאַר וועלכער ער זאָל קאָנען אַרויסטרעטן מיט זיינע רעדעס, וואַקסט ביי פרצן אַלץ־מער און מער. פרץ הייבט אָן אַרויסצוטרעטן אין „הזמיר" מיט פאַרשיידענערליי רעפעראַטן, אין „הזמיר" לייענט ער פאַר אָפטמאָל זיינע ניי־אָנגעשריבענע זאַכן. פרצעס פאָרלעזונגען רופן אַרויס גרויס אינטערעס ביים עולם. עס שאַפט זיך אַ קרייז פון פרצעס צוהערער־פאַרערער. שפּעטער, אָנהויב 1914, ווען דער „הזמיר" האַלט ביים גוססן, ווערט פרץ אַריינגעצויגן אין דער פאַרוואַלטונג, ער ווערט אַפילו אויסגעקליבן ווי דער פאָרזיצער פון „הזמיר"־קאָמיטעט. לויט זיין איניציאַטיוו ווערן אין „הזמיר" איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן, וואָס קומען פאָר יעדן מאָנטאָג. די אָוונטן האָבן געטראָגן דעם נאָמען, וואָס איז דערנאָך זייער פּאָפּולער געוואָרן — די „קעסטל־אָוונטן". אויפן פרעזידיום־טיש איז געשטאַנען אַ קעסטל, וואוהין דער עולם האָט אַריינגעוואָרפן אַ צעטעלע, אַ פאַרשלאָג איבער וועלכער פילאָסאָפישער, געזעלשאַפטלעכער אָדער ליטעראַרישער טעמע מ׳זאָל רעדן. פאַר פרצן, דעם אימפּראָוויזאַציע־רעדנער, זיינען אָט די אומגעריכטע דערוועקטע פראַגן באַזונדערס רייצנדיק געווען. פרץ האָט גענאָסן די מעגלעכקייט פאַנאַנדערצעפּינקלען מיט אַלע זיינע ליכט־בליצן אין אָט די אָוונטן.

„פרצעס פאָרלעזונגען — דערציילט ד״ר ג. לעווין * — האָב איך קיינמאָל נישט פאַרפעלט. איך פלעג שטענדיק באַוואונדערן די לייכטקייט, מיט וועלכער ער האָט גערעדט. איז אים אויסגעקומען איבערצוחזרן איינע און די זעלבע פאָרלעזונג עטלעכע מאָל — איז דאָס שטענדיק געווען אַ שפּאָגל־נייע פאָרלעזונג: די זעלבע טעמע, דער זעלבער אינהאַלט, אָבער די פאָרם גאָר אַן אַנדערע. צוויי מאָל דאָס זעלבע האָט פרץ קיינמאָל נישט גערעדט. צו די פאָרלעזונגען האָט זיך פרץ אַוודאי גאַנץ ווייניק פאָרגעבריייט און אָפטמאָל גאָר־נישט. ער פלעגט שטענדיק רעדן אויסנווייניק." אגב, גיט איבער ד״ר ג. לעווין, אַז „פאַר זיינע פאָרלעזונגען אין „הזמיר" האָט פרץ מערסטנטייל נישט גענומען קיין שום האָנאָראַר". עס פלעג בלייבן אין דער קאַסע פון „הזמיר" שיינע עטלעכע צענדליק רובל, און „אונדזער קאַסירער נחמיה פינקעלשטיין האָט די הענט געריבן פון גרויס שמחה". און „אויב ער האָט פון צייט צו צייט יאָ גענומען עטלעכע רובל, האָט ער זיי אַוועקגעגעבן דינעזאָנען פאַר נויט־באַדערפטיקע ליטעראַטן".

* ג. לעווין — „פרץ — אַ ביסל זכרונות", ז׳ 108 און ווייטער.

אין דער וואַרשעווער יידישער פּרעסע פון יאָר 1913־1914 געפינען מיר פאָלגנדיקע ידיעות וועגן די פּרץ־פאַרלעזונגען אין „הזמיר״:

אַ ליטעראַרישע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער פּרץ האָט רעפערירט איבער דער שמד־באַוועגונג; אַ פאַרלעזונג פון פּרצן אויף דער טעמע „ליטעראַטור און קריטיק״; אַ גרויסע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער פּרץ האָט רעפערירט איבער „די רעליגיעזע און אַנטי־רעליגיעזע שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור״; אַ פאַרלעזונג פון י. ל. פּרץ, וואו ער האָט געלייענט זיינע נישט־געדרוקטע זאַכן; אַ פאָרטראָג „די נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט״. עס זיינען אויך דאָ אין דער פּרעסע נאָטיצן און מעלדונגען וועגן פּרצעס אַרויסטרעטונגען אויף די קעסטל־אָוונטן: „וועגן גאָטהייט״; „די יידישע פּרעסע״; „צי קאָן זיין נאַציאָנאַליזם אָן רעליגיע״; „וואָס איז אָפּטימיזם און פּעסימיזם?״; „ווי אַזוי מאַכט מען ניחא דאָס לעבן פון דער יוגנט?״; „וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור?״. וועגן פּרצעס פאָרלייענען זיין „ביי־נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, זיין איבערזעצונג פון „שיר השירים״; פּרצעס רעדעס אויף די אָוונטן לכבוד שלום־עליכם, אחד־העם און דוד פרישמאַן.

פּרץ איז זייער אָפט אויך אַרויסגעטראָטן אין די דיסקוסיעס איבער פאַר־שיידענע רעפעראַטן. אַט דערציילט דער „היינט״ (1913, נומ׳ 6): „אַלס ערשטער פון די אָפּאָנענטן (נאָך בעל־מחשבותעס פאַרלעזונג וועגן דער יידישער ליטעראַטור) איז אַרויסגעטראָטן י. ל. פּרץ. שיין, ווי שטענדיק, נאָר אויך סיסטעמאַטישער און לאָגישער, ווי שטענדיק, האָט פּרץ אַרויסגעזאָגט זיין קרעדאָ וועגן קונסט אין אַ לאַנגער, הייסער רעדע. פּרץ גלויבט ערשטנס נישט, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַ קריזיס און אַז קיין נייס ווערט נישט געשאַפן די לעצטע צייט. נאָר בכלל איז ער נישט מסכים מיט ה׳ בעל־מחשבות אין דעם באַגריף וועגן קינסטלער און דיכטער. דער קינסטלער, לויט פּרצעס מיינונג, וועט קיינמאָל נישט געבן דעם אָביעקט, פאַר אים עקזיסטירט נישט די זאַך אַן און פאַר זיך, נאָר אַזוי ווי ער אַליין זעט זי. דער יידישער קינסטלער ווידער קאָן געבן נאָר דאָס, וואָס איז דורכאויס יידיש. וואָס איז אייביק אין יידנטום. ס׳איז דעריבער פאַלש, ווען מען זאָגט, אַז דער סוחר דאַרף פאַר־נעמען דעם פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור. פאַר דעם נביא איז דער סוחר אַ גנב, פאַר דעם דיכטער — אַ ליגנער. אמת איז פאַר אים נאָר דאָס, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין „איך״ און מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט.״

פּרצעס פאַרלעזונגען אין לאָדז

פּרץ פלעגט אָפט אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן אין דער שטאָט לאָדז, וואָס איז אַ צוויי־דריי שעה פאָרן פון וואַרשע. פּרץ איז געווען אין לאָדז, איבער־הויפּט צווישן די לאָדזער יידישע אַרבעטער, שטאַרק באַליבט. מיר זעעז עס פון די בריוולעך, וואָס ער האָט געשריבן צו לאַזאַר קאַהאַן, זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון אַ לאָדזער טאָגבלאַט און מיטגרינדער פון דער לאָדזער מוזיקאַליש־קינסטלערישער געזעלשאַפט „האַרפע".

פּרצעס יוגנט־פריינט פון זאַמאָשטש, ישעיה מרגולית, שפּעטער אינ־זשענער און אַנגעשטעלטער אין אַ לאָדזער טעקסטיל־פאַבריק, גיט איבער וועגן איינעם פּרצעס אַ באַזוך אין לאָדז, אַרום 1913. פּרץ האָט באַדאַרפט אויפטרעטן שבת נאָכמיטאָג אין גרויסן ענגלישן זאַל. איז ער געקומען קיין לאָדז פרייטיק און איינגעשטאַנען ביי זיין יוגנט־חבר. פרייטיק אָוונט און שבת ביז דער לעקציע איז מען געזעסן אין ראַשקאָווסקיס קאַפע, זיך באַקענט מיט די אָרטיקע טוער און געפירט הייסע דיסקוסיעס וועגן ציוניזם און יידישקייט. שבת פרי האָט פּרץ באַזוכט אַ טעקסטיל־פאַבריק, געגאַנגען פון איין אָפּטיילונג אין דער אַנדערער און זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט די אַלע פאַזעס פון דער פּראָדוקציע, זיך פאַראינטערעסירט מיט דער מעכאַנישער באַוועג־קראַפט א. אַז. וו. און י. מרגולית דערציילט *: „אַרום האַלב פיר זיינען מיר אַוועק־געפאָרן אין ענגלישן זאַל. ביזן מאָמענט פון דער פאַרלעזונג האָט פּרץ ניט געוואוסט גענוי וועגן וואָס ער וועט רעדן. דער זאַל איז געווען איבערפולט, דער עיקר מיט באַלמעלאָכעס און אַרבעטער; וואו ניט וואו האָבן זיך דורכ־געוואָרפן אָרטאָדאָקסישע יוגנטלעכע. נאָכן באַגריסן זיך מיטן עולם האָט פּרץ גענומען רעדן סתם וועגן יידן, וועגן אַרבעטער, אָבער צום אָנהויב איז עפּעס ניט געגאַנגען. ערשט מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט ער גענומען רעדן אין אַ פּליסיקן יידיש וועגן דעם מצב פון אַרבעטער, דער עיקר פון יידישן. דער ענין איז אייפגעפּאַסט געוואָרן אויף אַן אַלעגמיינעם אופן... ער האָט גע־רעדט כמעט אַ שעה צייט מיט ברען און התלהבות. בעת ער איז מיד געוואָרן, האָט ער געבעטן ביים עולם מאַכן אַ קליינע הפסקה... נאָך דער הפסקה האָט ער גערעדט נאָך איבער אַ האַלבע שעה צייט, דורכפלעכטנדיק די רעדע מיט ציטאַטן פון תנ"ך און תלמוד (וועגן אַרעבט) און פון פאַרשיידענע מחברים, דאָס רוב סאָציאַליסטישע. די רעדע איז געווען פאַרביק, אינטערעסאַנט און באַלערנענדיק פאַרן עולם. אַז ער האָט געענדיקט, האָט דער עולם געמאַכט פּרצן אַ לאַנגע אָוואַציע. דאַן האָט פּרץ נאָך עפּעס געזאָגט, ווי דאָס וואָלט געווען אויף „ביס" נאָך אַ קאָנצערט."

---

* „ייווא־בלעטער", פּרץ־נומער, 1937, ב' 12, ז' 313.

וועגן דער שמד־באַוועגונג

אין „היינט“ (1913, נומ׳ 98) לייענען מיר פֿאָלגנדיקן באַריכט וועגן דער פֿאַרלעזונג פֿון פּרצן אויף דער טעמע „די שמד־באַוועגונג“.

„שוין לאַנג — ווערט דערציילט — האָט דער „הזמיר“ נישט געהאַט אַזאַ גרויס פּובליקום אויף אַ פֿאַרלעזונג און אַזאַ אָנגעשטרענגטע אויפֿמערקזאַמקייט און אינטערעס פֿון די צוהערער, ווי אויף דער פֿאַרלעזונג פֿון י. ל. פּרץ וועגן דער שמד־באַוועגונג ביי יידן.

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון זיין פֿאַרלעזונג האָט פּרץ דערציילט וועגן די משומדים, וועלכע ער האָט פּערזענלעך געקענט.

אין מיין לעבן — האָט פּרץ אָנגעהויבן — האָב איך קענען געלערנט עטלעכע משומדים. צוויי געדענק איך פֿון מיינע קינדער־יאָרן אין מיין שטעטל זאַמאָשטש. איינער איז געווען אַ סטרוזש, אַ שיכור, אַן איינפֿאַכער גוי און אַ קאַריקאַטורישער מענטש. ער איז געווען אַ קאַנטאָניסט, נאָר יידיש האָט ער אַ וואָרט נישט געקענט און קיינמאָל וועגן זיין אָפּשטאַמונג נישט גערעדט. און פּלוצלונג איז ער איינמאָל, אין צושטאַנד פֿון שיכרות, אַוועקגעפֿאַלן אין מיטן גאַס, אויסגעשריען „שמע ישראל“ און געשטאָרבן. דער צווייטער איז געווען אַ פֿעלדשער, אַ יונג מיט ביינער, אַ לעבנסלוסטיקער און געזונטער ייד, וועלכן עס האָט עפּעס געצויגן צו „זיי“ און ער האָט זיך געשמדט.

שפּעטער האָב איך אין פּעטערבורג זיך באַקענט מיט דעם באַוואוסטן העברייאישן דיכטער שאַפּירא. דאָס איז געווען אַ צעריסענע, צעקאַליעטשעטע נשמה. ער האָט שטענדיק מיטגעפֿילט די יידישע צרות און יעדן טאָג געזאָגט, אַז אָט מאָרגן איז ער זיך מגייר. נאָר פֿון דער צווייטער זייט האָט ער אויך פֿיל צרות געטאָן יידן. איך האָב אויך געקענט אַ צווייטן משומד, דעם דעמאָלסדיקן יידישן צענזאָר אין פּעטערבורג, לאַנדוי, אויך אַ צעריסענע נשמה, וואָס האָט שטענדיק געבענקט נאָך איר רו. זיין הויז איז תמיד געווען אַ בית־מקלט פֿאַר די אַלע יידן, וואָס האָבן אין פּעטערבורג קיין וואוינרעכט נישט געהאַט, און ווען איך בין צו אים איינמאָל אַריינגעקומען אין תשעה־באב, האָב איך אים געטראָפֿן זיצנדיק אויף דער ערד אין די זאָקן, און הייסע טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון זיינע אויגן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער שמד־טעאָריע, גלויבט נישט דער רעפֿערענט, אַז די באַוועגונג זאָל האָבן עפּעס אַ שטיקל אידעאַלן גרונט. מען שמדט זיך נאָר צוליב קאַריערע, און אַ סימן האָבן מיר, אַז אין די לענדער, וואו עס עקזיסטירט נישט קיין קאַריערע־מאַכעריי, ווי שווייץ, למשל, שמדט מען זיך זייער ווייניק. די גרעסטע צאָל משומדים איז אין רוסלאַנד, וואו יידן ווערן שטאַרק געיאָגט

און וואו די יוגנט האָט נישט קיין פרייען צוטריט צום מלוכה־לעבן. די לעצטע צייט האָט זיך אין פוילן אַנטוויקלט אַ שטאַרקע שמד־באַוועגונג און דאָס איז דערפון, וואָס צווישן די פּאָליאַקן און יידן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ וואַנט. פרעגט מען די אינטעליגענטע משומדים, פאַרוואָס זיי האָבן זיך געשמדט, ענטפערט איינער, אַז ביי יידן איז אים צו ענג געווען און ער איז אַוועק אַהין, וואו מען קאָן פרייער אָפּאָטעמען; אַ צווייטער ענטפערט, אַזוי ווי רעליגיעז איז ער נישט און אין קיין ספּעציעלער יידישער וועלט־אָנשויאונג גלויבט ער נישט, גייט ער אַהין, פונוואַנען ער וועט קאָנען יידן גוטס טאָן. דאָס אַלץ זיינען אָבער נאָר ווערטער, מיט וועלכע מען נאַרט זיך אַליין און מען בויט אויס אַ טעאָריע, כדי צו פאַרענטפערן די אייגענע פערזענלעכע אינטערעסן.

אין דער שמד־באַוועגונג באַשולדיקט פרץ אַלע יידישע פּאַרטייען. דאָס יידישע לעבן האַלט זיך איצט נאָר אויף פּאַרטייאישקייט, אָבער די אַלע פּאַרטייען ווילן נישט וויסן, אַז יידן האָבן אַ וועלטלעכן געדאַנק צו פּאַרטיידיקן. יעדע פּאַרטיי קומט מיט איר אייגענער שיטה, איר עקשנות, און דאָס ברענגט דערצו, אַז די יידישע אינטעליגענץ האָט אַ געוויסע באַרעכטיקונג, ווען זי באַקלאָגט זיך, אַז דאָס יידישע לעבן באַפרידיקט זי נישט.

נעמען מיר די חסידים.

עס איז אויסגעוואָקסן אַ יידישע יוגנט, וואָס האָט געהאַט צום לעבן גרויסע פּרעטענזיעס. אינדערהיים האָט מען זיי גערודפט, געטריבן, און פון דרויסן האָט זיי געצויגן די פרייהייט. איז די יוגנט צוגעוואוינט געוואָרן צום געדאַנק, אַז אַלץ, וואָס איז דערהויבן, איז קעגן יידישקייט, און עס איז געשאַפן געוואָרן דער געדאַנק: „זיין אַ ייד אינדערהיים און אַ גוי אין דרויסן". מען איז געלאָפן צו אַנדערע לערנען געדאַנקען, זען שיינקייט און אַזויערנאָך האָט מען זיך ביסלעכוויז דערווייטערט פון יידישקייט. און אויב דער מאַנספּאַרשוין האָט נאָך געהאַט עטוואָס, וואָס האָט אים צוגעבונדן צו יידישקייט, איז די יידישע פרוי, אָן תורה און אָן מצוות, שוין אינגאַנצן אַנטלאָפן פון יידן. די חסידים האָבן דערצויגן די יידישע טאָכטער פאַרן פריץ, זי געלערנט די פּויליִשע שפּראַך, דערצויגן זי אין אַ פרעמדער קולטור, און ווען זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי אויך אירע קינדער דערצויגן אויף פּויליש, קעגן יידישקייט.

אָבער אויך די איבעריקע פּאַרטייען האָבן גאָרנישט געטאָן קעגן דער שמד־באַוועגונג. מיר פאַרגעסן, אַז מיר לעבן מיט אַ שוואַכערן פולס, ווי די קריסטלעכע וועלט. מיר זיינען ערשט פרישע גרעזעלעך, מיר הויבן ערשט אָן שאַפן אַ ליטעראַטור, ווערנד ביי זיי זיינען שוין דאָ גרויסע שטורעמדיקע ימים. און מיר לעבן נאָך דערווייל מיט פּלאַגיאַט, מיט פרעמדס, מיר האָבן נאָך זיך נישט געפונען, מיר האָבן נאָך קיין אייגענע וועלט נישט געשאַפן און מען האָט אייגנטלעך נישט וואָס צו ענטפערן די משומדים, ווען זיי פרעגן,

וואָס עס זאָל זיי צובינדן צום יידנטום. מיר דאַרפן — ענדיקט פּרץ מיט זיין אַלטער אידייע — ווערן אַ משיח־פאָלק, מיר דאַרפן אונדז אייגענע וועלט־אָנשויאונג שאַפן.״

„צו די דיסקוסיעס וועגן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן רעפעראַט — ווערט צוגעגעבן אין באַריכט — האָבן זיך פאַרשריבן אייניקע באַוואוסטע שריפט־שטעלער, און די פאָרטזעצונג פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן אָוונט איז באַשטימט אויף היינטיקן שבת־צונאַכטס אין לאָקאַל פון „הזמיר״. — אין נומ׳ 90 פון „היינט״ ווערט איבערגעגעבן, אַז „י. ל. פּרץ וועט מאָרגן פאָרטזעצן זיין אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן דער שמד־באַוועגונג״. קיין באַריכט וועגן דעם צווייט העלפט פונעם רעפעראַט איז, ליידער, נישט געגעבן.



פּרץ מאַכט איינשפּריצונגען דעם „הזמיר״—י. טונקעל

די נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט

אויף אָט דער טעמע האָט פּרץ געהאַלטן יאַנואַר 1914 צוויי פאָרלעזונגען אין „הזמיר". מיט דער ערשטער פאָרלעזונג האָט פּרץ אָנגעהויבן זיין טיכטיקע אַרבעט אין „הזמיר", נאָך דעם, ווי ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון „הזמיר"־קאָמיטעט' „צו הערן דעם באַליבטן לעקטאָר — דערציילט „דאָס לעבן" (נומ' 22) — איז געקומען זייער אַ גרויסער עולם און פיל האָבן געמוזט אַוועקגיין אָן בילעטן". וועגן דער ערשטער פאָרלעזונג דערציילט אונדז דער „היינט", אַז זי „האָט זיך, ווי שטענדיק, אויסגעצייכנט מיט דער זייער־שיינער פאָרם און די ווערטער־בליצן, אין וועלכע זי איז געווען איינגעפאַסט."

„געבנדיק פריער אַ לענגערע דיכטערישע באַצייכענונג פון דעם באַגריף פערזענלעכקייט אין אַלגמיין, האָט פּרץ אין דעם צווייטן טייל פון זיין פאָר־לעזונג גערעדט וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער פערזענלעכקייט, דורכפירנדיק די אידייע, אַז די דאָזיקע נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט מוז שטענדיק געפינען איר אויסדרוק ביי יענע, וואָס גייען אַוועק אַרבעטן אין פרעמדער קולטור, אַלס קעגנזאַץ די אַסימילאַטאָרן, וועלכע פלעגן, אַרבעטנדיק צווישן פרעמדע פעלקער, זיך באַמיען צו באַקומען זייער גייסטיקע פיזיאָנאָמיע, פאַרשטיקנדיק דאָס אייגענע נאַציאָנאַלע."

דער באַריכט־אָפּגעבער פון „היינט" קלאָגט זיך, „אַז די פאַרשטייער פון דער פרעסע איז אוממעגלעך געווען צו פאַרצייכענען די פאָרלעזונג, ווייל עס איז פשוט נישט געווען וואו צו זיצן. עס וואָלט געווען זייער געוואונטשן — גיט ער צו — אַז אויף קינפטיקע פאָרלעזונגען זאָל דער „הזמיר" זען פאַרזאָרגן די פרעסע־פאַרשטייער מיט אַ שטיקל פלאַץ, כדי די אינטערעסאַנטע פאָר־לעזונגען זאָלן קאָנען אַרויסגעטראָגן ווערן אויף פאַרן ברייטן יידישן לעזע־פובליקום."

די צווייטע פאָרלעזונג אויף דער זעלבער טעמע איז פאָרגעקומען אין עטלעכע טעג אַרום. אין „היינט" (1914, נומ' 30) לייענען מיר: „ביי אַן איבער־געפולטן זאַל הויבט אָן י. ל. פּרץ זיין צווייטע פאָרלעזונג איבער „דער נאַציאָ־נאַלער פערזנלעכקייט".

„די טעמע — דערציילט דער באַריכט־אָפּגעבער — טיילט ה' פּרץ אויף דריי מאָמענטן: די פערזאָן בכלל, די פערזענלעכקייט אַלס העכערער אינ־טעלעקט און די נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט.

פערזענלעכקייט איז אַ ריין־מענטשלעכער באַגריף און דערשיינט נאָר אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אָבער נישט צופעליק און אומבאַוואוסט־זיניק, נאָר אַלס רעזולטאַט פון אַ גרויסן היסטאָרישן וועג.

ווען מען זאָל אַ דערוואַקסענעם מענטשן באַווייזן זיין בילד אַלס זויג־קינד, וועט ער זיך נישט דערקענען, אָבער די הויפּט־ליניע, וואָס האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין גאַנץ וועזן, וועט מען געפינען סיי דאָ, סיי דאָרט. און נישט קוקנדיק אויף אַלע ענדערונגען, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער מענטש שטרעבט דורכצוברעכן אַ נייע ליניע אין לעבן, וויל אָפּרייסן אַלע פּעדעם, וואָס פאַרקניפּן אים מיט זיין לאַנג־פאַרגעסענער קינדהייט, דאָך ווייסט דער מענטש זיין שטאַם, און פילט אַן איינהייט מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, און דאָס קומט דאַדורך, ווייל מיר זיינען באַשאַנקען מיט אַ זכרון, מיט אַ געדעכעניש, וואָס ליגט טיילווייז אין אונדזער באַוואוסטזיין, טיילווייז אַריבער דעם שוועל פון אונדזער באַוואוסטזיין, און דער לעצטער קניפּט אונדז אומבאַוואוסט צונויף מיט דער פאַרגאַנגענהייט, דער ערשטער — אינסטינקטיוו מיט דער צוקונפט.

און פּערזענלעכקייט איז די, וואָס לעבט איבער איר גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, פילט זיך אַלס היסטאָרישער טייל, באַזיצט דאָס אינסטינקטיווע שטרעבן צו דער צוקונפט און איז אַמפּולסטן אינדיווידועל אויסגעשפּראָכן אין אַלע הינ־זיכטן.

פּערזענלעכקייט איז אָבער נישט עגאָאיזם.

מיט דעם נאָמען פּערזענלעכקייט באַצירן מיר דעם, ווער עס באַזיצט נישט נאָר אַ שטאַרקן ווילן, און אַ פלאַמענדיקן פאַרלאַנג, נאָר אויך אַ מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע הויך און קראַפט. די פּערזענלעכקייט מוז שטענדיק זיין אין קאַמף, נישט דערגרייכנדיק איר ציל, ווערט אויך איר גרויסקייט נישט גע־מינערט.

וועגן דער ראָלע פון דער פּערזענלעכקייט אין דער מענטשלעכער גע־שיכטע, צייגן די שפּורן, די ווירקונג פון די היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן אויף דער אַנטוויקלונג פון רעליגיע, קולטור, פּאָליטיק און עקאָנאָמיק.

פּאַרטונקלט איז נאָר געוואָרן די ראָלע פון דער נאַציאָנאַלער פּערזענ־לעכקייט.

ערשט ביז נישט לאַנג האָט מען אַלץ פאַרלייקנט די נאַציאָנאַלע פּערזענ־לעכקייט, טענהנדיק, אַז עס עקזיסטירן נאָר קלאַסן און נישט קיין נאַציאָנען. ווערנד נאַציאָנאַליטעט איז דאָס זעלבע, וואָס פּערזענלעכקייט. זי האָט אויך אירע היסטאָרישע וואָרצלען און מאָראַלישע באַגריפן און פאָרשטעלונגען אויף דער צוקונפט. און ווען אַ פאָלק שטראַלט, קעמפט און לײדט פאַר זיינע קינסט־לערישע און מאָראַלישע אידייען, קאָן זיך נישט צופּאַסן און וויל נישט צעפלאָסן ווערן צווישן אַנדערע פעלקער.

און נישט נאָר עס קעמפט, נאָר פאַלט זאָגאָר אין קאַמף, איז עס אַ סימן פון אַ נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד, אַ צוזאַמענ־שמעלצונג פון ליטעראַטן, אַרבעטער, זאָגאַר מענטשן, וואָס געהערן צו פאַר־שיידענע פעלקער און האָבן איינהייטלעכע קולטורעלע און רעליגיעזע אויפגאַבן, און אין דער זעלבער צייט וועט די נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט נישט טושירט ווערן, ווייל דאָס אומבאַוואוסטע אין זיי שפינט צונויף די ליניען פון דער פאַר־גאַנגענהייט מיט דער פאָרשטעלונג פון דער צוקונפט און צייכנט אויס יעדע גרופע אַלס טייל פון אַ נאַציאָן. און וויפיל מען זאָל נישט שטרעבן צו פאַר־לייקענען זיך זעלבסט, קאָן מען פאָרט גאָרנישט עררייכן, ווייל סיי אינעם פערזענלעכן, סיי אינעם נאַציאָנאַלן ווירקט די פאַרגאַנגענהייט ביזן טויט.

נאָר מערקווירדיק: קיין איין פאָלק, ווי דאָס יידישע, ווייסט נישט אַזוי גוט זיין אייגענע פאַרגאַנגענהייט, און דאָך איז ביי אונדז דאָס שטרעבן צו פאַר־לייקענען זיך זעלבסט פיל שטאַרקער, ווי ביי אַלע פעלקער.

עס איז אָבער אַ חלום. אונדזער פאַרגאַנגענהייט באַשטימט אונדזער צו־קונפט, און מיר זיינען די אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט.

קוקט זיך צו: פעלקער האָבן טעריטאָריעס, מלוכות, שפּראַך, קולטור, און מיר זיינען צווישן פעלקער, ווי אַ טראָפּן אינעם אוקינוס, האָבן נישט קיין איינהייטלעכע שפּראַך, קיין קראַפט, ווערן פון אַלעמען געדריקט, געשמאַלצן, און לעבן דאָך אַלס פאָלק.

אַלע אייראָפּייאישע פעלקער זיינען אַנטשטאַנען פון געמישטע שטאַמען, וואָס האָבן ביים שוואַכערן צווינגעריש פאַרשלונגען זיין שפּראַך, זיין קולטור, זיינע אידייען, און נאָך דעם אַלעם — צי זיינען זיי שעפעריש אין דעם נאַציאָנאַלן זין, ווי מיר פאַרשטייען? ניין! רעליגיע האָבן זיי גענומען ביי אונדז, געזעץ — ביי די רוימער, קונסט — ביי די גריכן, און דאָס אַלץ האָבן זיי צוגעפּאַסט צו זייער לאַנד, צו זייער כאַראַקטער, און דאָך האָבן זיך אויס־געבילדעט נישט קיין נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייטן, נאָר פאָרמען. און מיר האָבן אונדזער לאַנד פאַרלוירן, און עקזיסטירן מיט אייגענע געזעצן, מיט אַן אייגענער רעליגיע און קולטור, מיט אייגענע מאָראַלישע פאָרשטעלונגען אויף דער צוקונפט, און נישט קוקנדיק אויף אַלע מיטלאַלטערישע און מאָדערנע שייטער־הויפנס, עקזיסטירן מיר דאָך אַלס נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט. און נישט ווייל מיר ווילן אַזוי, ניין! מיר זיינען געצוואונגען דורך אונדזער אינער־לעכן אינטעלעקט און אין דער זעלער צייט שטרעבן מיר נישט, ווי דער עגאָ־איסט, צום מינימאַלן, נאָר צום מאַקסימאַלן.

פאַר אונדז איז דאָס נאַציאָנאַלע נישט דער ענד־פּונקט, צו וועלכן מיר גייען, נאָר דער וועג, אויף וועלכן מיר גייען צום ווייטערדיקן. ווערנד דער אידעאַל פון די אייראָפּייאישע פעלקער איז באַהערשן און בלייבן אַלס פאָלק אויך אין דער צוקונפט.

מיר אָבער אָנערקענען, אַז די געזעלשאַפט מוז געענדערט ווערן, און נישט באַצווינגעריש, נאָר דורך דעם גרויסן משיח־אידעאַל, דורך דעם נייעם וואָרט, וואָס וועט פרייוויליק צונויפשמעלצן די גאַנצע וועלט און שאַפן דעם נייעם מענטש, די הויכע פּערזענלעכקייט.

אונדזער אידעאַל איז איבער־נאַציאָנאַל, און קומען די יידישע נאַציאָנאַליסטן און שליסן אים איין אין אַ טעריטאָריע, אין אַ באַשטימטער שפּראַך, שמידן זיי אין קייטן די יידישע וועלט־אָנשויאונג.

אונדזער אידעאַל איז נישט פאַרשטאַרט צו ווערן אין באַשטימטע פאָרמען, נאָר אויסצוגיסן זיך איבער דער גאַנצער וועלט.״

„ביי די לעצטע ווערטער — ענדיקט דער באַריכט־אָפּגעבער — ברעכן אויס שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, און זיי באַגלייטן דעם דיכטער פון דער טריבונע ביז צו דער טיר.״

ה. גליצנשטיין — פּראָיעקט פאַר אַ פּרץ־מאָנומענט

וועגן גאָטהייט

אין זיין גרעסערן אַרטיקל וועגן פּרצן, גיט איבער א. קאַציזנע * וועגן דעם ערשטן „קעסטל־אָוונט" אין „הזמיר". ס׳פּליסן אַריין מצד די צוהערער פאַרשיידענע פראַגן. לסוף ווערט באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע וועגן גאָטהייט. א. קאַציזנע דערציילט:

„פּרץ נעמט דאָס וואָרט.

ער איז שטרענג־ערנסט. ער וואָרנט זיין אוידיטאָריע, אַז ער האָט פיל געטראַכט וועגן דער פראַגע.

די ערשטע פראַזן קומען לאַנגזאַם און שווער. עס פילט זיך די אָנשטרענגונג, מיט וועלכער פּרץ באַמיט זיך די טעמפּע מידקייט פון זיין טאָגיקער אַרבעט אַראָפּצוּוואַרפן. זיין שטים קלינגט הילכיק האַרט — אַ האַמער אָן בלעך, אָבער עס לויפן פאַרביי די ערשטע פּאָר מינוט, און עס אַנטפּלעקט זיך פּרץ אין זיין רעדע וועגן גאָטהייט, אַנטפּלעקט זיך, ווי אַ פּרעכטיקע דערשיינונג.

פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונדזער מאַמע־לשון אַזאַ גלענצנדיקע פלּיסיקייט, אַזאַ אויסדרוקס־קראַפט אין קורצן אַפאָריזם, אַזאַ שטאַרקער און האַסטיקער ריטם? פראַזן צינדן זיך אָן, בייטן זיך, ווי פייערלעך אויפן שוואַרצן עקראַן פון צוהערערס מח. לויטערע, צייטיקע געדאַנקען, פאַרענדיקטע, אָפּגעטאָקטע אין קורצע פראַזן, ווי סקולפּטור־מיניאַטורן פון גרויסע אידייען. בליצן פון טיפזין, אוממיטלבאַר געבוירענע נאָר־וואָס אונטער דער צונג, זיי מאַכן דעם איינדרוק פון נביאות, און אויפן גאַנצן וועג פון דער רעדע זיינען ווי בלומען צעוואָרפן פּרעכטיקע בילדער־פאָרמען — פרישע, אַז די פאַרב איז נאָך פייכט. איך הער פּרצן רעדן וועגן גאָטהייט, און מיר דוכט: איך האָב אים שוין לאַנג געהערט רעדן די זעלביקע רייד. און וועגן וואָס ער זאָל נישט רעדן — האָט נאָר זיין וואָרט אַ שייכות צו גייסטיקע וועלטן, — רעדט פּרץ וועגן זיך, וועגן זיין וועלט־אַנשויאונג, וועלכע שטאַמט אַרויס פון דער אור־אַלטער יידישקייט, לויפט דורך די פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, ווי אַ דאָרנדיקן וועג און פאַרלויפט אין דער ווייטסטער איבער־נאַציאָנאַליסטישער צוקונפט. פאַרקערפּערן זיך זיינע העכסטע עטישע אידעאַלן אין זיינע באַגריפן פון יידישקייט. ווערט ביי אים די צוקונפטס־וועלט יידיש. זעט ער יידישדענקענדיקע גייסטער אין דעם פילאָסאָף בערגסאָן און אין ראַבינדראַנאַט טאַגאָר. זיינען דאָס איינצלנע שטימען פון גייסטיקער נאָענטקייט. די גאַנצע וועלט אָבער איז באַהערשט פון נישט־יידישן געדאַנק. די וועלט האָט אים אין קאַמף פאַרשטופּט אין אַן ענגן ווינקל. פּרץ גלויבט אָבער אין זיין געווער. ער גלויבט, אַז דער יידישער געדאַנק מוז ווידער די וועלט באַהערשן. די

---

* „די יידישע וועלט", 1915, פּרץ־בוך ז"ז 122-124.

צוקונפטס־וועלט וועט זיין יידיש, ווייל אין יידישקייט, ווי פרץ באַנעמט עס, ליגט דער קערן פון אייביקער וואַרהייט.

— ווען אַלע גויים וועלן ווערן יידן — דאַן וועט דער אַנטיסעמיטיזם אויפהערן.

נישט קיין פּאַראַדאָקס, נישט קיין רייד פון אַ פּאַרצייטיקן יידן. אין פּרצעס מויל זיינען דאָס ווערטער פון אַ גרויסן יידן.

. . . ווען איך הער פּרצן רעדן וועגן אַ וויכטיקער פראַגע, ווען ער רעדט פון זיך אַרויס, פון זיין וועלט־אַנשויאונג, דאַן פיל איך און איך זע פאַר זיך איינעם פון יענע געציילטע גרויסע גייסטער, וועלכע האָבן דורך דעם לאַנגן היסטאָרישן וועג געטראָגן פאַר דער צוקונפט די עטיק פון משה־רבינו. נישט זעכציק יאָר קוקן פון פּרצעס אויגן אַרויס — זעקס הונדערט יאָר און מער. דער גאַנצער הייליקער פלאַם פון אַ קדוש, וועלכער גייט מיט זיין גלויבן אין שייטערהויפן אַריין, די גאַנצע מיט בלוט געשריבענע, נאָר אין וואָרט נישט אויסגעדריקטע טראַגעדיע פון יידישן געדאַנק, פון דעם מלך אין קייטן — זיי לייען איך פון פּרצעס אויגן אַרויס, זיי הער איך אין זיין וואָרט קלינגען. ער שטרעקט אויס זיין האַנט און טרעפט אָן דער פריינטלעך אויסגעשטרעקטער האַנט פון יהודה הלוי, דורך אים נאָך טיפער אין דורות אַריין, און עס ציט זיך די גאָלדענע קייט...

דער דאָזיקער פּרץ האָט איצט גערעדט וועגן גאָטהייט. אין דער פאַר־כישופטער שטילקייט פון זאַל האָט זיין האַרטע שטים פון גייסטיקן פלאַם געשמידט ווערטער. און פיין און ליכטיק איז געווען זיין באַגייסטערט גרויס געזיכט.

זיינע רייד האָבן באַצויבערט מיט זייער פאָרם און פאַרבלענדט מיט זייער בליק. אָבער דער וועג פון זיינע געדאַנקען איז געבליבן האַלב פאַרהוילן. אַ טיפער געדאַנק קאָן זיך, בכלל, נישט אויפדעקן ביז צום גרונט. פּרצעס געדאַנק אָבער האָט נאָך די אייגנשאַפט אַרויסצוזעצן פון דער פינצטערער טיעפניש, ווי אַ באַלויכטענער טורעם. איין טורעם, אַ צווייטער, אַ דריטער. איינער פאַרן צווייטן העכער און פּרעכטיקער. און פון איינעם צום צווייטן איז קיין בריקל נישטאָ. פּרץ איז פויל אים צו בויען. אים איז קלאָר דאָס, וואָס פאַר דער אוידיטאָריע בלייבט אומקלאָר. זיין געדאַנק קאָן שוועבן. דער צוהערער מוז קריכן צופוס. און די דאָזיקע אייגנשאַפט, ווי אויך זיין טיפקייט שטערט פּרצן זיך פולקום אויפצוקלערן, זיך מאַכן פּאָפּולער פאַרן צוהערער.

רעכט פאַרשטאַנען, שלעכט פאַרשטאַנען — דער עולם איז אָבער דאָך אונטערן צויבער פון זיין וואָרט. און ווען ער ענדיקט זיין רעדע, ברעכן זיך די ווענט פון אַפּלאָדיסמענטן. פּרץ גיט זיך אַ האַסטיקן בויג מיטן קאָפּ אַלס דאַנק און זעצט זיך אַן אויפגערודערטער פון גרויסן עקסטאַז...״

אינטערוויוען מיט י. ל. פרץ

[ס'איז אַן אינטערוויו, וואָס י. ל. פרץ האָט געגעבן אין 1903, אין בערלין, דעם שרייבער ש. ק. שנעעפּאַל, וואָס האָט דאַן באַזוכט אייראָפּע אין שליחות פון ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט". די פראַגן האָט שנעעפּאַל געמאַכט שריפטלעך און די תשובות זיינען אויפן אָרט אויך געגעבן געוואָרן שריפטלעך. דער אינטערוויו איז פאַרעפנטלעכט אין א. רייזענס זאַמלהעפטן „אייראָפּייאישע ליטעראַטור", וואַרשע 1910.]

וועגן דער יידישער ליטעראַטור

פראַגע: וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור?

ענטפער: 1) אַ טרויעריקער. טאַלענט אַליין רייכט נישט אויס, מען מוז האָבן קינסטלערישע אויסבילדונג, פילאָסאָפיש וויסן, וועלט־אָנשויאונג, העכערע לעבנס־אינטערעסן. ביי זיי — אוניווערסיטעט, וויניקסטנס — שול, וויניקסטנס — ביבליאָטעקן־באַזוך, אויסשטעלונג. אונדזער עלטערער שריפט־שטעלער איז אַרויס פון בית־המדרש־פילאָסאָפיע, פון מיימאָנידעס, סעדיה גאון א. ד. גל. אַלס קינסטלעריש פאָרבילד — די ביבל, דער פראָפעט. דער יינגערער שריפטשטעלער קומט פון פאָלק... ער האָט נאָר טאַלענט, אָבער אָרעם איז ער, ווי דאָס פאָלק, אין וויסן, קונסט־בילדונג און עטיק...

2) די צוקונפט פון דער ליטעראַטור איז אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שול, נישט נאָר פון דער שפּראַך אין שול, נאָר אויך, און הויפּטזאַכלעך, פון די קעגנשטאַנדן. וועלן זיי זיין יידיש — וועט זיין אַ יידישע ליטעראַטור, אַז נישט, נאָר די יידישע שפּראַך און אַלגעמיינע קעגנשטאַנדן — אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור אויף יידיש. אַלזאָ — אַ סוראָגאַט.

אָן העכערער בילדונג, אָן העכערע לעבנס־אינטערעסן קאָן זיין נאָר עטוואָס דעקאַדענטישעס. ביי די אומות העולם קומט דער דעקאַדענט צווישן צוויי וועלט־אָנשויאונגען, פון וועלכע איינע גייט אָפּ, די צווייטע קומט ערשט. צווישן אַריסטאָקראַטיע און פּלעבעערטום; בורזשואַזיע און אַרבעטער־קלאַס. דאָס אַלטע באַגייסטערט ניט מער, דאָס נייע — נאָך נישט, קומען פראַזן, פּינטעלעך, פאַרקערטע בילדער, ליטעראַרישער שאָטן־שפּיל, גייסטיקער אָנאַניזם א. ד. גל., דערהויפּט אַ ביסל אימפּאָטענטער יצר־הרע...

וועגן דעם יידישן טעאַטער

פראַגע: וואָס דענקט איר, איז דער איצטיקער צושטאַנד פון אונדזער בינע און וואָס דערוואַרט איר, זאָל פון איר ווערן?

ענטפער: דאָס טעאַטער מוז האָבן די זעלבע מיטל, פאַרמען און ציל (אייג־צאַל, נישט מערצאַל — צילן און צוועקן האָבן געצנדינער), וואָס די ליטע־ראַטור — עס מוז דינען דעם העכסטן. דער צושטאַנד וואָלט געווען דער זעלבער טרויעריקער, ווי ביי דער ליטעראַטור. קומט אָבער צו נאָך אַ מאָמענט: דער שוישפּילער, דער צווייטער מאַן נאָכן אויטאָר און אויך אָן בית־המדרש, שול און מיט דער גאַנצער אָרעמקייט און עסטעטישער איגנאָראַנץ... אַ דאָפּלטע עם־הארצות... אָדער דער שוישפּילער קומט פון אַ פרעמדער בינע, ווי אַמאָל דער אויטאָר פון דער פרעמדער שול, און דעמאָלט פּאַסט ער נישט פאַר דער יידישער זאַך... שטייט דער טעאַטער פיל נידעריקער אַלס די ליטעראַטור. עס איז טראַגיקאָמיש...

ווערט אַ סוראָגאַט אַ געפּערלעכער...

די אָפּערעטע, דער לייכט־קינסטלערישער שאַמפּאַניער־שוים, וואָס ווערט געגעבן ביי די אומות־העולם דעם רייכן, איבערגעגעסענעם באַלעבאָס, וואָס וויל בעסער פאַרדייען דאָס געגעסענע, ווערט ביי אונדז, אין אַ פאַרגרעבטער פאָרם, געגעבן דעם פאָלק, וואָס דאַרף גייסטיק ברויט, און עס ווערט רואינירט.

און די בינע, אונדזער בינע, שטעלט זיך נאָך אַלס צוועק און ציל און וויל דער דיכטער זאָל איר דינען, ער זאָל זיין לוי ביי איר כהן, וואַשן די הענט ביים עם־הארץ, וואָס קאָן נישט די עברי פון דוכנען... איך קען קיין איינציקן אַקטיאָר, קל־וחומר אַ טעאַטער־דירעקטאָר, וואָס זאָל זיין באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור און זאָל קאָנען ווילן... ער וואַרט, מען זאָל צו אים קומען, פאַר זיין סטאַר שרייבן, פאַר זיין קאָמפּלעקט...

און די קונסט... זי וויינט!

פראַגע: אויף וויפיל ווייטער אָדער צוריק האָט גאָרדין געבראַכט אונדזער בינע פון גאָלדפאַדענען?

ענטפער: גאָלדפאַדען איז נאַאיוו, פאָלקסטימלעך, פרימיטיוו און דעריבער האַרציק, אָפט מעלאָדיש... נאַציאָנאַל...

גאָרדין — פרעמדע פּראָבלעמען (פון ליטעראַטור, נישט פון לעבן גע־נומען), פרעמדע טיפּן, יידיש איבערגעקליידט. אַ שפּראַך — צום ציינער־ברעכן — אַ ניקאָלאַיעווער יידיש פון אַ בעל־תשובה אויף דער עלטער — אַ גרויסע פּאַרציע באַלעבאַטישע ערלעכקייט... קיין איינציקער אָריגינעל־יידישער מאָמענט... פאַר זיין שפּיגל איז קיינמאָל קיין יונגער ייד נישט פאַר־בייגעגאַנגען, דאָס ניי־יידישע מיידל — נישט געשפּיגלט — — —

אַלץ פון פרעמדן אַקסל, און פורימדיק — אויף שטאָלצן, און האַרט ווי נישט־דערבראָטן גענזנס...

נאָר ווער ווייס, וואָס וועלן זאָגן די ניו־יאָרקער גענז, וועלן זיי וועלן רעטן גאָרדינס רום? ווידער רעגרעס נאָך פּראָגרעס — צוויי צופעליקייטן.

וועגן אונדזער קריטיק

פראַגע: אונדזער איצטיקע קריטיק — טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיק — העלפט זי אויסאײדעלערן דעם געשמאַק פון אויטאָר, אַקטיאָר, לעזער און צושויער? איז זי ווירקלעך וואָס זי דאַרף זײן — די שול פאַר העכערער אויסבילדונג?

ענטפער: „אײער" אַמעריקאַנער קריטיק איז מיר אומבאַקאַנט...

בײ אונדז איז נישט פרײלעך.

די קריטיק האָט דרײ מאָמענטן:

1) דאָס פּאָפּולאַריזירן פון העכערן ווערק פאַרן פּובליקום, — דאָס דער־קלערן פון פּראָבלעמען, קינסטלערישע פאָרמען א. ד. גל. די פאַרמיטלונג צווישן אויטאָר און לײענער, דער פירער אויף דער אויסשטעלונג, וואָס שטעלט דעם גאַסט אין דער ריכטיקער זײט פאַרן בילד, ער זאָל עס רעכט זען...

2) דאָס אָפּשאַצן פון נײעם ווערק אין באַציאונג צו אַנדערע, צו הײמישע און פרעמדע קינסטלער, אויפפּאַסן דעם ווערט, פּראָגרעס, רעגרעס — אַ נײער און אַלטער וועג, אַ נײע, אַן אַלטע פאָרם א. ד. גל.

און —

3) דער וועגווײזער פאַרן אויטאָר אַלײן, דער לערער.

דער העכסטער פּונקט. —

מיר האָבן, וואָס מיר ברויכן ווירקלעך, גאָרנישט — קײנער פּאָפּולאַריזירט, אַלע זײנען ריכטער, קײן אײנציקער דאָלמעטשער, פּאַרטײטשער און קײן ערנסט אָפּשאַצן, וואָס פאַרלאַנגט אַרבעט, שטודיום...

און אונדזער קריטיקער האָט קײן בילדונג, אָדער — פרעמדע, אין ערשטן פאַל עם־הארצות, אין צווײטן — דאָס צוגלײכן פון פרעמדע נאָרמען, מאָס און וואָג צו אַ נײער ליטעראַטור.

מען לעזט איבער אַ דײטשן אויטאָר און מען פּאַסט צו דאָס געלעזענע צו אַש, װײסענבערג א. ד. גל.

און אַלע זיצן אויפן ריכטער־שטול און פּסקענען אויף טויט און לעבן, אָדער קלעפּן צו קוויטלעך, ווי סוחרים צו סחורה־פּעקלעך...

— ווי איז בײ אײך?

פראַגע: די ײדישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד — איז זי אַוועק פון ײדישן גײסט אָדער נישט?

ענטפער: דער אײראָפּײאישער מאָמענט אין דער ײדישער ליטעראַטור איז דער געפערלעכסטער אַסימילאַציאָנס־מאָמענט. געזאָלט האָט די ײדישע ליטעראַטור זײן אָפּוועך און שוץ. זי איז עס נאָך נישט. איך האָף דאָך — זי וועט עס ווערן.

וועגן ציוניזם

פראַגע: צי האָט דער ציוניזם דאָס פאַרדינסט פון אויפלעבן דאָס יידישע פאָלק?

ענטפער: דער ציוניזם איז אַ פּראָדוקט פון דעם אויפלעבן, נישט זיין אורזאַך.

דער ציוניזם האָט אויך נישט דאָס פאַרדינסט פון אַנטי־אַסימילאַציאָנס־שטרעמונג. ציוניזם איז עבן דאָס באַשטעטיקן פון רעכט פון דער מערהייט און גיט דער מינדערהייט דעם ראַט ערגעץ־אַנדערש צו ווערן די מערהייט און די מינדערהייט באַהערשן. ציוניזם באַשטעטיקט די אַסימילאַטאָריש־פּאָליטישע וועלט־אַנשויאונג און רעטעט די, וואָס ווילן נישט אָדער קענען נישט...

פראַגע: זייט איר אַ נאַציאָנאַליסט?

ענטפער: נאַציאָנאַליזיים איז דער אויסגאַנג־פּונקט, דער צוועק — דער מענטש. אינטערשטאַטלעכער נאַציאָנאַליזם איז דער יידישער נאַציאָנאַליזם. די צוויי טיילן פון דער אַסימילאַציע: די יידן זיינען פּאָליטיש פאַרפאָלגט, און קולטור האָט מען זיי געגעבן לאַנדס־קולטור.

נאַציאָנאַליזם און ציוניזם

[פאַרעפנטלעכט אין „אייראָפּייאישע ליטעראַטור", 1911, העפטן 29-30, מיט אַ צושריפט: „די דאָזיקע מיינונגען זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ געשפּרעך דעם אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט ה' שנעעפּאַל, וועלכער האָט אונדז עס איבערגעגעבן."]

אידייען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט זיינען וואָר אָדער פאַלש: וואָר — ווי ווייט זיי גיבן איבער דאָס געשעענע, פאַלש — ווי ווייט דאָס געשעענע ווערט נישט ריכטיק איבערגעגעבן אָדער באַלויכטן. האָמער, קריסטוס, אַ געוויסער קריג, רעוואָלוציאָן — איז געווען, אָדער נישט, אַזוי געשען אָדער אַנדערש, קאָן זיין די פאַרשטעלונג פון דעם נאַר: אמת אָדער נישט אמת. —

אידייען וועגן דער צוקונפט זיינען צום אַלעם ערשטן פאָרמען פון מענטש־לעכן ווילן. די אידייען קענען דעריבער זיין עטישע און נישט־עטישע, נידעריקע און הויכע; דאָס הענגט אָפּ פון קולטורעלן מעמד (צושטאַנד—נ. מ.) פון די אידייען־טרעגער. די וואַרהייט אָדער ניט־וואַרהייט פון די אידייען איז שוין אָפּהענגיק פון אויסערלעכע קרעפטן, וואָס העלפן אָדער שטערן זייער פאַרווירקלעכונג.

שטעלט זיך מיר אַנטקעגן אַן אַסימילאַטאָר און אַ ציוניסט. זאָג איך: די אידעאַלן פון אַן אַסימילאַטאָר זיינען נידעריקער און אומעטישער אַלס די

אידעאַלן פון ציוניסט. דאָס פאַרלייקענען אָדער פאַרניכטן פון אייגענער נאַציאָנאַליטעט, אונטערוואַרפנדיק זיך אונטער אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — דאָס איז קנעכטשאַפט.

דער ציוניזם, וואָס אָנערקענט די נאַציאָנאַליטעט און זעט איר רעטונג אין צוריק אויפבויען דאָס „פאָטערלאַנד", שטייט פיל העכער פון דעם אַסימילאַטאָר, אָבער דאָך נישט אַזוי הויך, אַז איך זאָל זען אין קאָלאָניזירן פון פּאַלעסטינע מער ווי אַ היסטאָריש־עקאָנאָמישע באַזיץ־פראַגע און אַ פאַרווירקלעכונג פון אַ בירגערלעכן פאָטערלאַנדס־אידעאַל. דאָס איז שוין פאַר מיר צו אַלט. ווען איינער פאַרלייקנט די יידישע נאַציאָנאַליטעט און דער צווייטער וויל זי שיצן, איז מיר, נאַטירלעך, דער צווייטער סימפּאַטישער, אָבער איך פיל, אַז מיר זיינען מער ווי אַ פאָלק. פעלקער זיינען אַמאַלגאַמעטן צוזאַמענגעשמאָלצענע אין טיגל פון היסטאָריש־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, — מיר זיינען ריין בלוט, אַ פאַמיליען־פאָלק. מיר האָבן געקאָנט דעריבער פיל נאַציאָנאַלער ווערן נאָכן פאַרלירן פון לאַנד און שפּראַך. די רעטונגס־מיטל וואַקסן מיט דער געפאַר. מיר זיינען אין גלות פאַראייניקטער און פאַרשמאָלצענער געוואָרן אַלס אין פּאַלעסטינע. מיר זיינען אַ פּראָדוקט, אָדער בעסער געזאָגט, אַ פאַרקערפּערונג פון אַ געוויסער וועלט־אַנשויאונג, פון אַ געוויסער נאַציאָנאַל־פּערזענלעכער וואַרהייט, און אַסימילירט וועלן מיר אויסערלעך ערשט ווערן דעמאָלט, ווען די אַרומיקע פעלקער וועלן ווערן אינערלעך באַזיגט. עס זיינען פאַראַן צוויי פאָרמען פון וועלט־אַנשויאונגען: די איינהייט און די צעוואָרפנקייט; דאָס קריסטנטום איז דער קאָמפּראָמיס — אָדער, אייגנטלעך דער בריק פון צע־וואָרפנקייט צו דער איינהייט. אין צייטן פון ברענענדע עקאָנאָמישע פראַגן ווערן די גייסטיקע פּראָצעסן פאַרטוישט, און דעמאָלט ווערן פאַר מאַנכע נישט־טיף בליקנדע, נישט־טיף איינזעענדע מענטשן, אַזעלכע פאַקטן ווי אַנטי־סעמיטיזם, רעליגיאָנס־שטרייט, ראַסן־האַס און דערגלייכן — גאַנץ אומפאַר־שטענדלעך ווילד. מאַנכע פאַרלייקענען די פאַקטן, אָדער דערקלערן זיי מיט אַטעאיזם, מיט ווידערגעבורט פון אַלטע אידייען, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַר־לוירן זייער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג און שרעקן די רוחות אין דער פינצטער. אין דער ווירקלעכקייט אָבער שטעקן די גייסטיקע קעגנזאַצן טיף אין די וואָרצלען פון מענטשלעכן לעבן און וועלן אַרויסטרעטן וואָס־אַמאָל שאַרפער, מעכטיקער און דעצידירענדער, וואָס־שוואַכער עס וועלן ווערן די עקאָנאָמישע פּראָצעסן אַדאַנק די עקאָנאָמישע רעפאָרמען. ביי אַנדערע נאַציאָנען זיינען לעבנס־פראַגן: גערעטעניש, פאַרשפּרייטן גרענעצן, שטאַרקע אַרמייען, קאָלאָ־ניעס; ביי אונדז, אויב מיר ווילן געטריי בלייבן זיך אַליין, איז די לעבנס־פראַגע: געוויסן־פרייהייט, מענטשלעכע קולטור און עטיק. דאָס זיינען די איינציקע באַדינגונגען פון פרייען אויסלעבן זיך און זיגן. אַנטלויפן פון

שלאַכט־פעלד צו רעטן אויף אַ באַזונדערן פלאַץ די נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע איז העכער פאַר אונטערוואַרפן זיך און איבערגעבן די פאָן. מיין אידעאַל אָבער איז קאַמף און זיג. דאָס גלות איז דאָס שלאַכט־פעלד, איך קאָן עס דעריבער נישט פאַרלייקענען.

נישט וואָר איז דער ציוניזם, ווען ער וויל זיין די רעטונג פאַרן גאַנצן פאָלק און אומסימפּאַטיש ווערט ער — ווען ער דערקלערט די רעטונגען אויס־שליסלעך „פאַר די, וואָס ווילן נישט אָדער קאָנען נישט זיך אַסימילירן“. דאָס איז דער שפּאַלט אין אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער פעסטונג. דאָס איז די פאַרלייקענונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. —

צוויי לענדער ציען מיך: דאָס אַלטע פאַרגאַנגענהייט און די נאָענטסטע צוקונפט פון יידישן פאָלק — פּאַלעסטינע און אַמעריקע. איך וויל ביידע שטודירן. דער אַרצט שיקט מיך קיין מאַריענבאַד. פריער מוז מען זען, שטודירן, קומען צו׳ן איין איבערצייגונג אויפן גרונד פון ווירקלעכקייט און דערנאָך — ענטפערן.

וועגן טעאַטער

אין דער פראַגע זיינען דריי מאָמענטן: 1) דער דיכטער, דער באַשעפער פון רעפּערטואַר. 2) דער אַרטיסט, וואָס דאַרף אים פאַרקערפּערן. 3) און דער קאַפּיטאַליסט, דער ביזנעסמאַן, וואָס דאַרף דאָס טעאַטער בויען, די טרופּע זאַמלען און אויפהאַלטן אָדער געבן די ערשטע צוויי, דעם דיכטער און דעם אַרטיסט, די מעגלעכקייט צו שאַפן. די ערשטע צוויי, דער דיכטער און דער אַרטיסט, עקזיסטירן שוין. דער אונטערנעמער פעלט. אין קאָאָפּעראַטיווער פאָרם קאָן אים געבן אַמעריקע. ווען עס געשען און ווען? — דאָס ווייס איך נישט. דאָס איז אפשר דאָס שטאַרקסטע, וואָס ציט מיך קיין אַמעריקע, — די מעגלעכקייט מיטצואווירקן די קאָאָפּעראַטיווע אויף באַשאַפן ווערן, איז איינס פון מיינע בעסטע טרוימען.

אַ שמועס מיט י. ל. פּרץ

[דעם דאָזיקן שמועס (פאַרעפנטלעכט אין „ייוואָ-בלעטער“ 1937, נומ׳ 12) האָט י. ל. פּרץ געהאַט מיט אַ מיטאַרבעטער פון דער יידיש-פּוילישער צייטונג „יעדנאָשטש“ (איינקייט) אין לעמבערג, וואו ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן (דעם 27טן אויגוסט 1907) אַן אָוונט לטובת מאָריס ראָזענפעלד. דער שרייבער הייבט אָן:]

„... אין רויך און טומל פון קאַפע, ביי דער — אפשר אַ ביסל איבער־געטריבענער — התפעלות פון דער היגער ציוניסטישער פּאַרטיי, האָב איך זיך באַקענט מיטן יידישן דיכטער־ליריקער.

פרץ האָט דערציילט:

אויפן וועג פון זאַקאָפּאַנע קיין וואַרשע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין לעמבערג און כ׳האָב אויף דער בקשה פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי זיך באַטייליקט אין דעם אָונט, וואָס איז דאָ אַראַנזשירט געוואָרן לטובת מ. ראָזענפעלדן.

— איר זייט מסתמא גערירט פון ראָזענפעלדס יאושדיקער לאַגע?

— ס׳הייבט זיך ניט אָן. פאַרקערט, ס׳איז מיר ניט אנגענעם געווען זיך צו באַטייליקן אין דעם אָונט, און כ׳האָב מסכים געווען נאָר פון יוצא וועגן לגבי די ציוניסטן, ווייל כ׳בין זייער גאַסט. ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט איך בפירוש אָפּגעזאָגט מחמת צוויי טעמים:

ראשית קען איך צופעליק ראָזענפעלדס מאַטעריאַלן צושטאַנד און ער איז גאָר נישט אַזוי געפערלעך, ווי מען קען דרינגען פון זיין בריוו. נאָר ווען אַפילו ראָזענפעלד וואָלט געלעבט אין דחקות, הייסט עס נאָך ניט, אַז מען דאַרף אַזוי קלאָגן און בעטן צדקה. אַזאַ רושם האָט אויף מיר געמאַכט ראָזענפעלדס בריוו.

והשנית האָט די יידישע געזעלשאַפט אונדזערע נעענטערע צילן, וואָס האָבן אַ טיפערן און העכערן באַטייט ווי אַפילו, לאָמיר זאָגן, ראָזענפעלדס בויט. בפרט נאָך אַז ראָזענפעלד, אויב מ׳רעדט שוין אָפן, האָט ווי אַ דיכטער אַ קנאַפּן ווערט. זיינע לידער — דאָס זיינען קלאָגמוטער־רעפלעקסיעס פון אַ ייד אַן אַרבעטער, רעפלעקסיעס געשאַפן פון אַ ניט־געראָטענעם שרייבער. קיין שום געדאַנקען, קיין שום אידייען זיינען דאָרט נישט פאַראַן, זיי קענען דעריבער נישט מיטרייסן דאָס פאָלק, פאַר וועלכן זיי זיינען געשריבן, און זיי קענען פאַר אים קיין זאַך ניט שאַפן.

אין משך פון שמועס איז פרצעס פנים געוואָרן אַזוי אויפגעמונטערט, די אויגן האָבן אים אַזוי געגלאַנצט, אַז ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן אויף וויפיל טיפער און ברייטער ער נעמט אויף דאָס שליחות פון אַ דיכטער.

— אומקערנדיק זיך אָבער צו דעם עניין, וואָס מיר האָבן פריער וועגן דעם געשמועסט — זאָגט פרץ ווייטער — פאַרזיכער איך אייך, אַז אומעטום און אַפילו אין וואַרשע גופא האָבן מיר אַ סך שרייבער, וואָס זיינען פייאיקער פון ראָזענפעלדן און וואָס זייער בויט לאָזט זיך ניט באַשרייבן, פונדעסטוועגן ברענגען זיי אַרויס פאַר דער וועלט נאָר זייערע ווערק; מיט זייער פערזאָן פאַרנעמען זיי נישט די אויפמערקזאַמקייט פונעם כלל.״ —

כ׳בין אַזוי געווען גערירט פון דער אויפריכטיקייט און דעם אמת פון פרצעס רייד, אַז ערשט שפּעטער אַ ווײַלע האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, וועלכע „נעענטערע צילן פון יידן״ איז ער אויסן געווען. אויסגערעכנט האָט מיר

פּרץ אַ סך פון זיי, איך באַגרענעץ זיך דאָ בלויז מיט די אינטערעסאַנטסטע, אויס מאַנגל אין אָרט.

— יידישע שרייבער האָבן אַ גרויס שליחות — האָט פּרץ געזאָגט — אַ שליחות צו רעפאָרמירן די יידישע בינע. מיר מוזן אויסרייסן מיטן וואָרצל אָט די טראַגיקאָמישע טאַנץ־פּיעסן, וואָס מאַכן בלויז קאַליע דעם עסטעטישן חוש פון די צוהערערס און זיינען אַ פּראָדוקט פון דעם דירעקטאָרס קאַפּריזן. דער קאָמישער עלעמענט וואָס ווערט אַריינגעבראַכט אָפטמאָל אין דעם סאַמע טראַגישסטן פּונקט איבער די שטימונג און שלעפּט אַרונטער דעם יידישן עולם פון יענער הייך, אויף וועלכער ס׳געפינען זיך איצט אַנדערע פעלקער.

אָבער יאָ, ביי דער שטענדיקער מיטאַרבעט און מיטהילף פון די אויטאָרן קען מען די יידישע סצענישע קונסט אין גאַנצן איבערפורעמען. אָט האָב איך דאָ נישט לאַנג אָנגעשריבן אַ פּיעסע און די אויפפירונג האָב איך איבערגעגעבן אַ דירעקטאָר פון אַ יידישן טעאַטער אין וואַרשע. די זאַך איז אים געפעלן גאָר שטאַרק, אָבער כדי זי אויפצופירן האָט ער געשטעלט פאַר אַ תנאי געוויסע ענדערונגען אין דער קאָמפּאָזיציע, וואָס האָבן געזאָלט אויסנעמען ביים עולם. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב די באַדינגונגען ניט אָנגענומען און כ׳האָב די פּיעסע צוריקגענומען. ס׳פעלן אונדז אויך אַקטיאָרן, ווייל די וואָס שפּילן איצט רעקרו־טירן זיך ס׳רוב פון מענטשן אָן אַ געהעריקער פאַך־אויסבילדונג. ביים שפּילן האָבן זיי אַ געוויסן שאַבלאָן, מאַכן אַ תל פון עם מחברס געדאַנקען כדי אויסצונעמען ביי די נידעריקסטע יידישע שיכטן, וואָס האָבן ביז אַהער קיין אַנדער שפּיל ניט געזען. — ביי אונדז אין וואַרשע האָבן מיר שוין אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן אין דער ריכטונג. מיר שאַפן ליבהאָבער־סצענעס מיט אינטע־ליגענטע אַקטיאָרן און געקליבענע פּיעסעס. די דאָזיקע טרופּעס פאָרן אַרום איבער דער פּראָווינץ און דער עולם גייט גערן אויף זייערע פאָרשטעלונגען. מיר שטויסן זיך אָן אויף שוועריקייטן מצד דער מאַכט, וועלכע גיט ניט אָפּ די זאַלן נאָר דערפאַר, ווייל דאָס זיינען יידישע טרופּעס. ווי איר זעט, וואָלט גלייכער געווען צו קלייבן געלט אויף דעם צוועק."

אַרומרעדנדיק אַנדערע זאַכן זיינען מיר אַריבער צום ענין ציוניזם. פּרץ האָלט ניט פון עם ציוניזם; ער האַלט, אַז דאָס איז אַ אידייע וואָס קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן, אַפילו טעריטאָריעל אויך ניט. ער אַליין איז אין זיינע אָנשויאונגען גענייגט צו דער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער אָן סעפּעראַטיסטישע שטרעבונגען.

זוכצעטל פון נעמען

א

אַבראַמאָוויטש, ש. י. — זע מענדעלע מוכר-ספרים.

אַדלער, יעקב פּ. — 294, 382.

אד"ם הכהן (לעבענזאָן) — 157.

אחד-העם — 394.

אַטאַאַ, לואיזע — 34.

אימבער, שמואל יעקב — 259.

אַלטבערג, מ. — 8, 10, 42, 43, 122, 125, 128, 129-136.

אַלטער באַקאַנטער — 362.

אַלעקסאַנדראָוו, ח. (מילער) — 240, 251, 253, 259.

אַנסקי, ש. — 291, 292, 334, 367.

אַש, שלום — 223, 225, 249, 264, 265, 276, 277, 370.

אשכנזי, שמואל — 104, 109, 356, 357.

ב

באַראַכאָוו, ב. — 259.

ביאַליק, ח. נ. — 221-224, 226, 227, 257, 278, 279.

בייראָן, ל. — 157.

בירנבוים, ד"ר נתן — 263, 343, 369, 370, 373.

בן-אביגדור — 176, 192, 213, 219, 360.

בן-ציון, ש. — 164.

בעל-מחשבות — 224, 225, 237, 377, 394.

בערגעלסאָן, ד. — 337, 338, 364.

בערנשטיין, יצחק — 129.

בערקאָוויטש, י. ד. — 137, 138, 260.

ברוידעס, ר. א. — 8, 220.

ברוצקוס, י. — 270.

ג

גאָטלאָבער, א. ד. — 8, 9, 140.

גאָלדפאַדען, א. — 359, 406.

גאָרדאָן, י. ל. — 31, 141, 157.

גאָרדין, יעקב — 406.

גאָרין, ב. (י. גוידא) — 163-168, 171, 197, 232, 236, 267.

גאָרעליק, ש. — 260, 272.

גוידא, י. — זע גאָרין, ב.

גימפּלאָוויטש — 146.

גליצנשטיין, ח. — 402.

געליבטער, ד"ר י. — 89, 293, 357.

ד

דאָבין, ש. — 14.

דאָמע ביים מעער — 304-319.

דובנאָוו, ש. — 185, 366.

דינעזאָן, י. — 11, 12, 149, 151, 154-156, 166, 169, 171-173, 175, 177, 180-191, 219, 221, 228, 230, 240, 244, 247, 251-258, 263-266, 271, 276, 280-282, 288, 290, 291, 293-303, 324-334, 340-342, 345, 352, 347, 377.

דיק, א. מ. — 371, 377.

דרויאַנאָוו, א. — 305.

ה

הורוויטש, ח. ד. — 270.

היינע, ה. — 237, 241, 322.

הירשביין, פּרץ — 253, 255, 293, 344,

הירשקאָן, צבי — 280.
הערמאַן, דוד — 248, 249.

וו

וויטער, א. — 260, 272-268, 290.
ווינטשעווסקי, מאָריס — 344, 345.
ווינער, ד"ר לעאָ — 215, 217.
וואָלדעק, ב. — 261.
וועבער, מיכל — 171.

ז

זאַבלאָצקי, פּר. — 60.
זאַגאָראָדסקי, י. ח. — 357.
זינגער, אברהם — 175.

ט

טוועַן, מאַרק — 381.
טויבש, ד"ר דוד — 343.
טרונק, י. י. — 286-283, 295, 317.
טשיריקאָוו, יעווגעני — 234.
טשעכאָוו, א. — 379.

י

יאַנג, בועז — 302.
יאַצקאָן, ש. י. — 387, 391.
יאַקובאָוויטש, ראָזאַ — 275-272.
יהואש — 163, 212, 213, 232, 240-243, 350.
יהל"ל — 183.

כ

כהנבובסקי — 175.

ל

לאַכאָווער, פּ. — 221.
לוריא, י. — 211.
לידסקי, י. — 281, 286.
ליכטנפעלד, ג. י. — 7, 9, 17, 142, 157, 322.
ליכטנפעלד, שרה — 7, 8.
לעווי, י. צ. — 159.
לעווין, ד"ר ג. — 246-244, 248, 266, 296, 299, 327, 359, 360, 379, 393.

מ

מאַפּאַסאַן, ג. — 379.
מוקדוני, ד"ר א. — 365.
מיעזעס, מ. — 369.
מלאכי, א. ר. — 191, 220.
מענדעלע מוכר-ספרים — 141, 148, 227, 290, 373, 377.
מענדעלסאָן, משה — 157.
מרגליות, י. — 21, 74, 75, 357, 395.

נ

נאָמבערג, ה. ד. — 211, 218, 223, 225, 228, 265, 266, 365, 370.
נחמן, ר' בראַסלאַווער — 371.
ניגער, ש. — 260, 272, 278, 279, 323, 342-338.
נעקראַסאָוו, נ. א. — 160.

ס

סאָקאָלאָוו, נחום — 8, 9, 174, 178, 179, 189, 220, 290, 361.
סלאָנימסקי, ח. ז. — 8, 157, 178, 179.
סמאָלענסקין, פּרץ — 9, 142.
ספּעקטאָר, מ. — 156, 187, 189.

ע

עוואַלענקאָ — 250, 251, 253.
עפּשטיין, שכנא — 362, 363.

פּ

פּאַפּירנאָ, א. י. — 8, 121, 122, 128, 130.
פּינסקי, דוד — 151, 163, 165, 190, 240-232.

פערעטץ, אדאלף — 335-336.
פראפוס, י. י. — 195-211, 271.
פרילוצקי, נח — 288.
פרילוצקי, צבי — 225, 237.
פרץ, העלענא — 18-119, 228, 317, 329, 351.
פרץ, לוציאן — 7, 8, 64, 78, 100-105, 107, 108, 110, 112, 113, 119, 120, 129, 130, 216, 281, 291, 325.

פֿ

פֿאלק, דוד — 161.
פֿראנק, העלענא — 346.
פֿרוג, ש. — 159, 160.
פֿרידבערג, א. ש. — 185.
פֿרייד, מ. י. — 190.
פֿרישמאן, ד. — 187, 220, 224, 225, 231, 289, 394.
פֿרענק, ע. — 120.

צ

צוזמער, יעקב — 191-194.
ציטראן, ש. ל. — 359.
צינבערג, י. — 321.
צעדערבוים, א. — 9, 157, 179.

ק

קאהאן, לאזאר — 260, 261, 319, 320.
קאזדאן, ח. ש. — 350.
קאמינסקי, א. י. — 248, 257, 365.
קאמינסקי, אסתר רחל — 249.
קאמינקא, א. — 155.
קאפלאן, א. — 230.
קאפלאן, ד. י. — 159.
קאציזנע, א. — 403.
קאצעבו — 53.
קוכארזשעווסקי — 391, 392.
קלעצקין, ב. — 341.
קענער, י. — 315.
קעסמאן, יצחק — 2, 15.
קעסמאן, לאה — 2, 15.
קראטקא, ב. — 323.
קרינסקי, מ. — 252, 255.

ר

ראבינאוויטש, ש. פ. — 9, 143.
ראווניצקי, י. ח. — 259.
ראזענפעלד, מאריס — 254, 411-412.
ראטנער, ש. — 334.
ראפאפארט, ש. — 228.
ריבקינד, יצחק — 15.
רייזען, אברהם — 181, 195, 197, 211, 265, 370, 375.

ש

שאליט, משה — 382, 385.
שאפירא, ק. — 396.
שאצקי, ד״ר י. — 163, 232.
שולמאן, אליעזר — 170, 176, 185.
שולמאן, ד״ר שמואל — 346.
שטרוק, הערמאן — 301.
שילער, פרידריך — 240.
שלום-עליכם — 10, 11, 14, 137-156, 167, 169, 260, 288, 323, 347, 381, 394.
שמ״ר — 141.
שנעעפאל, ש. ק. — 405, 408.
שעפטעל, יעקב — 138.
שפראכנער (שפאכנער) — 234, 235.

ווערק פון נחמן מייזיל

חיים נחמן ביאַליק (1921)	64 ז"ז
נאָענטע און ווייטע, ב' 1 (1924)	240 "
נאָענטע און ווייטע, ב' 2 (1926)	260 "
שלום אַש, זיין לעבן און שאַפן (1929)	64 "
פּרצעס בריוו און רעדעס (1929)	302 "
י. ל. פּרץ, לעבן און שאַפן (1931)	240 "
אהרן ליבערמאַן (1934)	64 "
חיים נחמן ביאַליק (1934)	64 "
מענדעלע מוכר ספרים (1936)	64 "
יוסף אָפּאַטאָשו, זיין לעבן און שאַפן (1937)	192 "
טעג און נעכט אין עמק (1938)	128 "
דער כוח פון יידיש (1939)	32 "
אברהם גאָלדפאַדען (1939)	44 "
שלום-עליכם (1939)	32 "
דוד בערגעלסאָן (1940)	48 "
אוריאל אַקאָסטאַ (1940)	32 "
פּרץ מאַרקיש, דיכטער און פּראָזאַאיקער (1942)	24 "
דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור (1942)	96 "
אייזיק מאיר דיק (1943)	32 "
דר. ח. זשיטלאָווסקי—קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך (1943)	32 "

נחמן מייזיל

פּרץ

(לעבן און שאַפן)

ערשטער באַנד

פּאַרוואָרט; זאַמאָשטש; ערשטע לידער אין יידיש; העברייאישע לידער און פּאָעמעס (1875—1888); ערב „מאַניש"; פּרצעס ערשטע קריטיקער; וואַריאַנטן פון „מאַניש"; ערשטע יאָרן אין וואַרשע; אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע; אין דער גמינע; „די יידישע ביבליאָטעק"; פּרץ און דינעזאָן; פּרץ און שלום-עליכם; פּרץ און פרישמאַן; מידקייט און פאַראיינזאַמקייט (1892—1894).

(דערשינען אין 1931)